STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02209

# DOS NAYE BUKH

Yaakov Levin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב לעווין

# דאָס נייע בוך

## ליטעראַרישע און היסטאָרישע כרעסטאָמאַטיע

לייענבוך פאַר דעם עלטערן קלאַס פון דער עלעמענטאַרער שול און דעם ערשטן קלאַס פון מיטלשול.

פאַרלאַג „אידישע שול"

הויפּט־פאַרקויף ביי

היברו פּאבלישינג קאמפּאני
77-79 דילענסי סטריט, ניו יאָרק

COPYRIGHT, 1929
BY
JACOB L. LEVIN

PRINTED AND BOUND
BY MONTAUK BOOKBINDING CORP.
NEW YORK

# אינהאַלט.


פאָררעדע — — — — — — — — — —

**ליטעראַטור־ידיעות**

טעכניק און קונסט — — — 1
ליטעראַטור מינדלאַכע און שריפטלאַכע — — — — — 1
פראָזע און פּאָעזיע — — — 2
טעמע און פּלאַן — — — — 4

**גזרות**

די כאַפּערס (זכרונות). י. קאַטיק 3
זכרונות — — — — — — 7
טרערן גיסן זיך אין די גאַסן (פאָלקס־ליד) — — — — — 8
פאָלקס־ליד — — — — — — — 8
אין יענע צייטן (דערציילונג) — י. שטיינבערג — — — — — 9
דערציילונג — — — — — — 20
סוזשעט און פאַבולע — — — — 20
די גזרה אויף קליידער — ש. י. אבראַמאָוויטש — — — — 21
מענדעלע מוכר־ספרים (ביאָגראַ־פיע) — — — — — — — 24
ביאָגראַפיע — — — — — 26
אידישע קאָלאָניעס — ש. י. אבראַמאָוויטש — — — — — 26

**חדר און השכלה**

יאָסעלע (דערציילונג) — י. דינע־זאָן — — — — — — 31
יעקב דינעזאָן (ביאָגראַפיע) — 41
דער גמרא־ניגון (לירישע ליד) — א. רייזען — — — — — 43
לירישע ליד — — — — — 44
דעם משכילס צוואה — ש. י. אבראַמאָוויטש — — — — 44
דער מתמיד (לירישע פּאָעמע) — ח. נ. ביאַליק — — — — — 48
לירישע פּאָעמע — — — — — 51
מען וועקט — ה. ד. נאָמבערג — 51
מענטשן און געטער (מעשה) — שלום אש — — — — — — 54
שמעקט דער שבת (ליד) — — איזי כאַריק — — — — — 60

**אין פּיין**

פאַרשפּעטיקט (סקיצע) — אברהם רייזען — — — — — — 61
סקיצע — — — — — — — 65
אברהם רייזען (ביאָגראַפיע) — 65
א פּסח אין דאָרף (אידיליע) — שלום־עליכם — — — — 66
אידיליע — — — — — — — 73
מיין פריינד, צי דו וויסט (עלע־גיע) — א. רייזען — — — — 73

עלעגיע — — — — — — — — 74
עלילת־דם (באַלאַדע) — ד. איינ־האָרן — — — — — — — — 74
באַלאַדע — — — — — — — 79
טביה לעבט איבער פּאָגראָם־צייטן — שלום־עליכם — — — 80
שלום־עליכם (ביאָגראַפיע) — — 82
דער קוש (מעשה) — ל. שפּירא — 85
מעשה — — — — — — — — 89
דער ווינט (געדאַנק) — א. רייזען 89
צו געפאַלענע העלדן (אָדע) — יהואש — — — — — — — — 90
אָדע — — — — — — — — — 91
יהואש (ביאָגראַפיע) — — — — 92
מיר פאָרן קיין אַמעריקע מיט'ן עם־עולם — א. קאַצאָוויטש — 93
דאָס לעצטע וואָרט (נביאות) — ח. נ. ביאַליק — — — — 97
דאָס ערגסטע פון דער תוכחה (נביאות) — יהואש — — — 100
נביאות — — — — — — — 101
טרייסט! (נביאות) — י. ל. פּרץ 102

**עמיגראַציע**

די אומדאַנקבאַרע פייגל (ליד) א. רייזען — — — — — — 103
דער עמיגראַנט — י. ל. פּרץ — 104
בילד פון לעבן — — — — — 105
די הייזער (סקיצע) — א. רייזען 105
מיר פאָרן קיין אַמעריקע — שלום־עליכם — — — — — 109
מיר גנב'ענען דעם גרענעץ — שלום־עליכם — — — — — — 115
איבער דעם גרענעץ — שלום אש — — — — — — — — 121
שלום אש (ביאָגראַפיע) — — — 126
שיף־ברידער און שיף־שוועסטער — שלום אש — — — — — 127
די וואַסער־שטוב — שלום־עליכם — 129
צום אַמעריקאַנער ברעג — שלום אש — — — — — — — 133
ביים ים (ליד) — מאני לייב — 136
דער אינזל פון טרערן — שלום אש — — — — — — — 137
אויפ'ן בוזים פון ים (ליד) — מ. ראָזנפעלד — — — — — 139
עמיגראַנטן־ליד (געדאַנק) — ש. אַנסקי — — — — — — 143
אין די וויטסטע לענדער (גע־דאַנק) — א. רייזען — — — 144

**אַמעריקע**

די נייע היים (לירישע ליד) — י. שוואַרץ — — — — — — 145
אַמעריקע (אָדע) — י. שוואַרץ — 146

ניו-יאָרק (פּאָעטיש בילד) — — א. לעיעלעס — 147
פּאָעטיש בילד — 147
דער פאַר'פּישופּ'טער אינזל (באַלאַדע) — נ. גראָס — 148
א פרימאָרגן אין ניו-יאָרק (באַשרייבונג) — ד. איגנאַטאָוו — 149
באַשרייבונג — 152
גאַסן אויס, גאַסן איין (בילד) — א. ניסנזאָן — 152
א זומער-נאַכט אין ניו-יאָרק (באַשרייבונג) — שלום אש — 152
א שרפה אין ניו-יאָרק (באַשרייבונג) — ד. איגנאַטאָוו — 154
אין סאַבוועי (ליד) — משה לייב האַלפּערן — 155
דאָס טענעמענט-הויז (באַשרייבונג) — לעאָן קאָברין — 155
מאַרקס וועגן בירגער-קריג (אויס „פון טיפעניש פון הארצן") — קאַרל מאַרקס — 160
קענטאַקי (פּאָעמע) — י. שוואַרץ — 161
פּאָעמע — 171
מיר אַרבעטן אין שאַפּ — שלום-עליכם — 172
מיר סטרייקן — שלום-עליכם — 174
מיר מאַכן א לעבן — שלום-עליכם — 177
אַנקל מאָזעס — שלום אש — 180
ראָמאַן — 188
אין גאָלדענעם לאַנד (סאַטירע) — מ. ל. האַלפּערן — 188
סאַטירע — 189
פון אַלע טעג (בילד) — ר. אייזלאַנד — 190
בערל-אייזיק (הומאָריסטישע סקיצע) — שלום-עליכם — 192
הומאָר — 195
דער אידישער פאַרמער — א. ראַבאַי — 196
די אייזנשטאַט (פּאָעטיש בילד) — יהואש — 200
דאָס פאַבריק-פייפל (סקיצע) — ז. ווענדראָף — 201
לינטשעריי — י. אָפּאַטאָשו — 205
סאַקאָ און וואַנזעטים טויט (עלעגיע) — ב. פרידמאַן — 214
יודזשין וויקטאָר דעבס (ביאָגראַפיע) — 216
פון דעבסעס א רעדע — י. וו. דעבס — 218

## אַרבעט און קאַמף

זרח און בולאַני (סקיצע) — ז. ווענדראָף — 219
וועגן רייכקייט (דראַמאַטיש בילד) — לעוו טאָלסטאָי — 223
דראַמאַטישע פאָרם — 225
אַרבעטלאָזיקייט (געדאַנק) — א. רייזען — 225
צום פאָלק (ווענדונג) — י. באָוושאָווער — 226
ביים פאָקיר (מעשה'לע) — י. ל. פּרץ — 228
יצחק-לייבוש פּרץ (ביאָגראַפיע) — 232
משיח'ס-צייטן (מעשה'לע) — י. ל. פּרץ — 234
א, גיכער, משיח! (ווענדונג) — א. רייזען — 237
פייערלאַך (אַלעגאָריש בילד) — וו. קאָראָלענקאָ — 238
א נייע אָרדענונג (פון א רעדע) — ראָבעספּיער — 239
ביי דער בעקעריי — אַנאַטאָל פראַנס — 239
די פרייע אַרבעט (באַטראַכטונג) — שאַרל פוריע — 245
באַטראַכטונג — 246
ווי די יענע (גביאות) — פון ישעיה — 246
די רעוואָלוציע (פון א רעדע) — ריכאַרד וואַגנער — 246
קאַרל מאַרקס (ביאָגראַפיע) — 247
די וועבער (ליד) — ה. היינע — 249
א מוטער פון א קאָמונאַר דערציילט — פון „אַרבעטס-קינדער" — 250
אין קאַמף פאַר א נייער וועלט (פון א רעדע) — ה. דזש. וועלס — 251
פון וואַנען שטאַמט דער ערשטער מאַי — פון „אַרבעטס-קינדער" — 251
געשיכטלאַכע אָפּהאַנדלונג — 252
ערשטער מאַי אין רוסלאַנד — פון „אַרבעטס-קינדער" — 253
די לאַגע פון די אַרבעטער אין שטעטל — ש. לעוו — 254
באַנטשע שווייג (מעשה'לע) — י. ל. פּרץ — 257
מעשה'לע — 263
דער בונד — לויט לנו, קרעמער און מאַרטאָוו — 264
די שבועה (הימן) — 266
הימן — 267
די גרינדונג פון די ס. ס. — לויט מ. גוטמאַן — 267
די גרינדונג פון די „פּועלי ציון" — לויט זרובבל — 268
דער אינטערנאַציאָנאַל (הימן) — 269
די וועלט פאַר די אַרבעטער — אווגוסט בעבעל — 270
אווגוסט בעבעל (ביאָגראַפישע נאָטיץ) — 270
א נייע וועלט — זשאַן זשאָרעס — 270
זשאַן זשאָרעס (ביאָגראַפישע נאָטיץ) — 271
די פאָן (ליד) — ש. פרוג — 272

דער פרייהייטס-גייסט (רעוואָלוציאָנער ליד) — מאָרים ווינטשעווסקי — — — — — — — — 273
מאָרים ווינטשעווסקי (ביאָגראַפיע) — — — — — — — — — 274
וואַכט אויף! (ליד) — ד. עדעלשטאַט — — — — — — — 276
אין קאַמף (ליד) — ד. עדעלשטאַט — — — — — — — 276
אַ שטעטל (דערציילונג) — י. מ. וויסנבערג — — — — — — — 277
די נייע צייט (ליד) — מ. ראָזנפעלד — — — — — — — — 289
אַרבעטער ברידער (ליד) — י. סלאָנים — — — — — — — 290
הירש לעקערט — אסתר — — — — 291
דער אָדלער (ליד) — א. רייזען — 294
פון תפיסה (ליד) — יוסף ראָלניק 294
דער ים (סקיצע) — וו. קאָראָלענקאָ — — — — — — — — 295
אויף די וועגן סיבירער (ליד) — ה. לייוויק — — — — — — — — 301
אין סיביר פאַרשיקטע — איזי כאַריק — — — — — — — — 303
אַ וויג-ליד (ליד) — ה. ד. נאָמבערג — — — — — — — — 304
דאָס נייע ליד (רעוואָלוציאָנער ליד) — א. רייזען — — — — — 305
די וואַנט (רעוואָלוציאָנער ליד) — א. רייזען — — — — — — — — 306
דער שטורעמפויגל (ליד אין פּראָזע) — מ. גאָרקי — — — — — 307
מאָמענטן פון פרייהייטס-טעג — שלום אַש — — — — — — — — 308
די סטראַשידלע (פאַבל) — נחום יוד — — — — — — — — — 315
פאַבל — — — — — — — — 316


## מלחמה


מוטער (ליד) — א. רייזען — — 317
דער ערשטער טאָג (זכרונות) — ב. גלאַזמאַן — — — — — — — — 318
אויפ'ן שלאַכטפעלד — וו. גאַרשין 325
דער העלד (סאַטירע) — ה. רויזנבלאַט — — — — — — — — 329
איז אַוועק צום קריג דער מלך — א. רייזען (פון מ. קאָנאָפּניצקאַ) — 330
שטעלט אָפּ דעם קריג! (אַן אָפענער בריף) — בערטראַן ראַסל — 331
דעבס וועגן מלחמה — — — — 332
אַהיים — ש. גאָדינער — — — 333
קריגער (ליד) — מ. קולבאַק — — 339
אַ גרוס צו דער וועלט (אָדע) — וו. וויטמאַן — — — — — — — 339
און עס וועט קומען אַ צייט (נביאות) — פון ישעיה — — 341


## דער לעצטער שטרייט


דער וועכטער (געדאַנק) — י. ל. פּרץ — — — — — — — — — 343
דער גלאָק (בילד) — ז. וויינפּער — 344
שטורעם (ליד) — א. רייזען — — — 345
פון מהומה (ליד) — ע. פינינבערג 346
דער אויפשטאַנד — י. אָקוניעוו — 347
ווענט (ליד) — א. קושניראָוו — — 349
קלינג-קלאַנג (ליד) — ז. האָפּשטיין 351
לענין (ביאָגראַפיע) — פון „אַרבעטס-קינדער“ — — — — — — — 352
טעג, וואָס האָבן אויפגערודערט אַ וועלט — דזשאָן ריד — — 360
אין די טעג פון רעוואָלוציע (ליד) — איזי כאַריק — — — — 364
אַ דאָרף-פאַרזאַמלונג — מ. סעראַפימאָוויטש — — — — — — 365
אין בירגער-קריג (ליד) — איזי כאַריק — — — — — — — — — 367
ביים דניעפּער (באַלאַדע) — ע. פינינבערג — — — — — — — 368
לענינס טויט (עלעגיע) — איציק פעפער — — — — — — — — — 370
קאַרל ליבקנעכט און ראָזע לוקסעמבורג (ביאָגראַפיעס) — פון „לענינס רוף“ — — — — — — — 372
נפתלי באָטווין (ביאָגראַפיע) פון „אַרבעטס-קינדער“ — — — — — — 373
באָטווינס טויט (ליד) — ז. זשאַראָוו (אידיש פון קאָוונער) — — 375


## אידישע קאָלאָניזאַציע


די לאַגע פון די אידן אין ראַטן-פאַרבאַנד — פון „לענינס רוף“ 377
ערד-אַרבעט ביי אידן אַמאָל און היינט — פון „לענינ'ס רוף“ — 377
ברויט (פּאָעמע) — איזי כאַריק — 378
דער נייער ישוב — אַגראָנאָם גורעוויטש — — — — — — — — 388
ערד (ליד) — י. מאַרגאָלין — — 389
טאָג פון גערטעניש — ראַכמיעל פיש — — — — — — — — — 390
קאָלאָניסטן-הימן — מנחם באָריישא 392
קאָלאָניסטן-ליד (פּאָלקסטימלאַך ליד) — מ. וואַרשאַווסקי — — — — 393
פּאָלקסטימלאַך ליד — — — — 393
אַ בריף אַהיים — י. מאַרגאָלין — 394
געזעלשאַפטלאַכע פראַגן 395
ליטעראַרישע פראַגן 400


## ווערטערביכל פון שווערערע ווערטער

## קונסט-בילדער, וואָס גייען אריין אין דעם בוך:


נאָכ'ן פּאָגראָם — מ. מינקאָווסקי — 85
אויפ'ן וואָקזאַל — מ. מינקאָווסקי 115
דער שטורעם — א. ליליען — — 140
ברוטאַלע מאַכט — פרעמיע — — 317
און זיי וועלן צעשטויסן זייערע שווערדן... — דז. בוטינסקי — — 341
שלום — וו. סטרוט — — — — — 342
נאָכ'ן שניט — י. קאַטלער — — — 390

# פאָרוואָרט.

דאָס דאָזיקע בוך איז פאַרטראַכט געוואָרן פון מיר שוין מיט עטלאַכע יאָר צוריק; און אַ באַדייטנדער טייל פון אים איז שוין אפילו געווען אויפגעזעצט, איידער איך בין מיט אַ דריי יאָר צוריק אַוועקגעפאָרן אין ראַטן־פאַרבאַנד.

אַ נעענטערע באַקאַנטשאַפט מיט דעם שול־וועזן אין ראַטן־פאַרבאַנד און מיט די מאָדערנע אידייען אויף דעם אַלגעמיינעם ערציאונגס־געביט אין אַמעריקע האָבן אָבער אַרויסגערופן ביי מיר אַ רייע נייע אידייען וועגן דער אַרבעט אין אונזערע אידישע שולן, און באַזונדערס אין די אידישע אַרבעטער־שולן אין אַמעריקע, און דאָס האָט זיך אָפּגערופן אויפ׳ן צוזאַמענשטעל פון אָט דעם בוך. אין ראַטן־פאַרבאַנד האָב איך אויך באַקומען אַ טייל פונ׳ם מאַטעריאַל פאַר די לעצטע טיילן פונ׳ם בוך.

די אידייע פונ׳ם בוך איז צו געבן די קינדער פון דעם עלטערן קלאַס פון דער עלעמענטאַרער שול אָדער פונ׳ם ערשטן קלאַס פון מיטלשול ליטעראַרישן שטאָף צו לייענען; דער מאַטעריאַל איז דעריבער אין גרעסטן טייל קינסטלערישער, אָבער אויך אַ ביסל ניט קינסטלערישער מאַטעריאַל גייט אַריין אין בוך, כּדי צוצוגעוואוינען די קינדער צו לייענען און פאַרשטיין פּשוט׳ע פּראָזע.

אָבער אין דער זעלבער צייט קאָן מען קוקן אויפ׳ן בוך, ווי אויף אַ קוואַל פון לייען־מאַטעריאַל צו אילוסטרירן די געשיכטע פון די אידן — און באַזונדערס פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג — פאַר דעם לעצטן יאָרהונדערט: אָנהייבנדיק מיט די גזרות פון ניקאָלאַי דעם ערשטן און ענדיקנדיק מיט דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ראַטן־פאַרבאַנד.

צוזאַמען דערמיט קאָן דאָס בוך אויך אויסגענוצט ווערן צו באַקאַנען די קינדער מיט עלעמענטאַרער ליטעראַטור־קענטעניש. אין דעם בוך זיינען צוליב דעם צוועק אַריין קורצע ביאָגראַפיעס פון אונזערע קלאַסיקער, ווי אויך ידיעות וועגן די איינפאַכסטע און פאַרשפּרייטסטע ליטעראַרישע פאָרמען דערביי ווערט דאָס געגעבן אין אַ שפּראַך און פאָרם, וואָס איז, דוכט מיר, אינגאַנצן צוגענגלאַך פאַר קינדער, וואָס האַלטן ביים פאַרענדיקן די עלעמענטאַרע שול.

1. די גזרות פון דער צייט פון ניקאָלאַי דעם ערשטן; 2. דער חדר און די ישיבה, די השכלה און די פראַגע פון רעליגיע; 3. די באַציאונג צווישן איד און קריסט, פּאָגראָמען און זעלבסט־שוץ און די נאַציאָנאַלע באַוועגונג ביי אידן; 4. די עמיגראַציע און אימיגראַציע. 5. דאָס לעבן פון די אידן אין אַמעריקע און דער אָנהייב פון דער אַרבעטער־באַוועגונג דאָ אין לאַנד; 6. די לאַגע פון די אידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד, דער אָנהייב פון זייער קאַמף, זייער אָרגאַניזירן זיך אין אַרבעטער־פּאַרטייען, זייער אָנטייל אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף, ווי אויך בילדער פון דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און אויסצוגן פון רעדעס פון די גרויסע קעמפער פאַר דער אַרבעטער זאַך און ביאָגראַפיעס זייערע און אויך די רעוואָלוציע פון 1905; 7. מלחמה; 8. די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע און דער בירגער־קריג; 9. די לאַגע פון די אידן אין ראַטן־לאַנד און די קאָלאָניזאַציע, — דאָס איז דער אינהאַלט פון דעם בוך. ווען דורכגעלייענט דאָס בוך און געשמועסט מיט די קינדער וועגן די פאַרשידענע געשיכטלאַכע, הויפּט־זאַכלאַך געזעלשאַפטלאַכע פראַגן, וואָס ווערן דערביי אָנגערירט, קאָן מען דערגרייכן, די קינדער זאָלן

באמת באַקומען אַ באַגריף וועגן די וויכטיקסטע פּראָבלעמען, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר'ן לעצטן יאָרהונדערט אינ'ם אידישן לעבן בכלל און אינ'ם אידישן אַרבעטער־לעבן בפרט, און אויך באַקומען אַ בילד פון דער איצטיקער לאַגע פונ'ם אידישן אַרבעטער־קלאַס, און פון דעם קאַמף, וואָס ער פירט אָן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג.

כּדי לייכטער צו מאַכן פאַר די לערער דעם שמועס מיט די קינדער, זיינען אין בוך אַריין פראַגן צו די פאַרשידענע אָפּטיילונגען און פּראָבלעמען. די פראַגען זיינען מערסטנס ניט קיין דירעקטע, – וואָס זאָלן האָבן צו טאָן דירעקט מיט דעם מאַטעריאַל, וואָס ווערט געלייענט אינ'ם בוך, – כדי די קינדער זאָלן ניט בלויז קאָנען איבערזאָגן, וואָס זיי האָבן געלייענט, נאָר זיי זאָלן אויך דאַרפן אויסנוצן ביים ענטפערן אַלע אַנדערע ידיעות זייערע, ווי אויך, און באַזונדערס – זייער דענקונגס־אַפּאַראַט. עס איז אמת, אַז אַמאָל וועט דעם לערער דערביי אויסקומען אַרויסצוהעלפן די קינדער מיט היסטאָרישע און אַנדערע ידיעות, וואָס זיינען אין בוך ניטאָ, כּדי קלערער צו מאַכן די קינדער די פראַגן און מאַכן פאַר זיי מעגלאַך צו געבן אַן ענטפער אויף זיי.

אַ טייל פון די פראַגן קאָנען דינען אַלס טעמעס פאַר שריפטלאַכע אַרבעטן פון די קינדער. נאַטירלאַך קאָן דער לערער די טעמעס, ווען נייטיק, מאָדיפיצירן. עס זיינען אויך אַריין אַ רייע ספּעציעלע ליטעראַרישע פראַגן אָדער אויפגאַבן, וועלכע דער לערער וואָלט געדאַרפט אויסנוצן פאַר'ן קינדערשן שרייבן.

דער מאַטעריאַל, ווי אָנגעוויזן, איז קאָנצענטרירט אין אָפּטיילונגען; און ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס געוויסע ערשיינונגען און פּראָבלעמען זיינען געשיכטלאַך פאָרגעקומען און אַנטשטאַנען אין פאַרשידענע צייטן (צ. ב. די פּאָגראָמען), זיינען זיי דאָך קאָנצענטרירט אין איין אָפּטיילונג. דער לערער וועט אָבער קאָנען אויסנוצן זיי צו אילוסטרירן פאַרשידענע עפּאָכן, אָדער ער וועט זיך באַנוצן מיט דעם סדר, אין וועלכן דער מאַטעריאַל איז געגעבן, צו געבן די קינדער אַ בליק אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם לעבן און פון די אידייען. דאָס זעלבע איז מיט די בילדער פון רעוואָלוציע, וואָס אין דער אָפּטיילונג „אַרבעט און קאַמף". דער לערער וועט דורך זיי קאָנען באַרירן: די פראַנצויזישע רעוואָלוציע; דעם אָנהייב פון די סאָציאַליסטישע אידייען (שאַרל פוריע); מאַרקסן און דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל; די פּאַריזער קאָמונע; דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אין פאַרבינדונג מיט'ן ערשטן מאַי; די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד א. א. וו. און אין פאַרבינדונג מיט דער פאָרלעצטער אָפּטיילונג („דער לעצטער שטרייט") דאָס לעבן און קאַמף פונ'ם אַרבעטער־קלאַס ביז היינט.

כ'גלויב, אַז דאָס בוך וועט דערפילן דעם מאַנגל, וואָס האָט זיך געפילט אין אונזערע שולן, אין מאַטעריאַל צום לייענען פאַר די עלטערע קינדער פון די עלעמענטאַרע שולן. אָבער אויך אינ'ם ערשטן יאָר מיטלשול וועט דאָס דאָזיקע בוך קאָנען אויסגענוצט ווערן מיט נוצן פאַר די קינדער סיי צוליב דער אָפּטיילונג פון ליטעראַטור־וויסנשאַפט און צוליב דעם קינסטלערישן ווערט פונ'ם לייען־מאַטעריאַל, סיי צוליב דעם, וואָס דער מאַטעריאַל קאָן אויסגענוצט ווערן פאַר'ן געזעלשאַפטלאַכן שמועס, באַזונדערס אָבער – פאַר די קינדער, וואָס האָבן אַזאַ מאַטעריאַל ניט געהאַט אין דער עלעמענטאַרער שול.

כ'וויל דאָ אויסדריקן מיין דאַנק די, וואָס האָבן מיר אַרויסגעהאָלפן אין צוזאַמענשטעלן דאָס בוך מיט זייער עצה אָדער מיט זייער אַרבעט, באַזונדערס – חבר'טע רבקה לעווין און ש. אַלטמאַן און די חברים בראָמבערג און נאָוואַק.

ניו־יאָרק, אַווגוסט 1929

יעקב לעווין.

# ליטעראטור־ידיעות.

## טעכניק און קונסט.

ווען א מענש ארבעט און שאפט זאכן, איז זיין צוועק אדער צו ברענגען מאטעריעלן נוצן, אדער צו פארשאפן פארגעניגן. צ.ב.: ווען א מענש בויט א הויז, ברענגט ער נוצן: ער באפרידיקט די באדערפעניש אין א וואוינונג, אין אן אפדאך. ווען מענשן בויען א שיינעם מוזייאום אדער א טויער, איז דער ציל צו פארשאפן פארגעניגן די, וואס קוקן אויף דעם מוזייאום אדער דעם טויער, דורך זייער שיינקייט. ווען איינער שניצט אויס א שיינע סטאטוע, ווען ער מאלט אויס א שיין בילד, ווען ער פארפאסט צום זינגען א שיינע מעלאדיע, ווען ער טאנצט אויס א שיינעם טאנץ, איז זיין ארבעט אין אלע אזעלכע פאלן געצילט — צו פארשאפן פארגעניגן די מענשן, וואס וועלן קוקן אויף די דאזיקע שאפונגען אדער הערן זיי.

אן ארבעט, וואס האט אלס ציל מאטעריעלן נוצן, הייסט טעכניק. שניידעריי, בוכבינדעריי, בויעריי, ערד־ארבעט א. ד. ג. — דאס אלץ איז טעכניק. אן ארבעט וואס האט אלס ציל צו פארשאפן פארגעניגן, הייסט קונסט. מאלעריי (מאלן בילדער), סקולפטור (שניצן סטאטועס א. ד. ג.), ארכיטעקטור (בויען שיינע געביידעס), מוזיק (שאפן שיינע מעלאדיעס אדער שפילן אויף אן אינסטרומענט אדער זינגען), טענץ (שיינע באוועגונגען מיט טיילן פון דעם קערפער) — דאס אלץ איז קונסט.

## ליטעראטור מינדלאכע און שריפטלאכע.

צו קונסט געהערט אויך די פייאיקייט פונ׳ם מענשן צו דערציילן מעשות, צו מאלן מיט ווערטער פארשידענע בילדער, צו שאפן לידער א. ד. ג. די דאזיקע קונסט הייסט ליטעראטור. גאר אמאל פלעגן לידער, מעשות, וויצן, אנעקדאטן און אנדערע אזעלכע שאפונגען פונ׳ם מענשלאכן ווארט געשאפן ווערן מינדלאך, און זיי פלעגן איבערגעגעבן ווערן פון דור צו דור. אפט פלעגן אזעלכע ליטעראַרישע שאפונגען, איבערגייענדיק פון דור צו דור, געענדערט ווערן, און עס פלעגן זיך באקומען פארשידענע וואריאציעס פון איין און דעמזעלבן ליד אדער מעשה. אזעלכע שאפונגען באלאנגען צו דער מינדלאכער אדער פאלקס־ליטעראטור. עס איז כמעט אלעמאל אוממעגלאך צו וויסן, ווער ס׳איז געווען דער אווטאר פון אזעלכע לידער, מעשות א. ד. ג.

שפעטער האבן איינצלנע פערזאנען אנגעהויבן ניט נאר צו שאפן

פֿאַרשידענע ליטעראַרישע ווערק, נאָר אויך אָנשרייבן זיי. אַזעלכע געשריבענע ליטעראַרישע שאַפֿונגען געהערן צו דער שריפֿטלאַכער ליטעראַטור. ווער ס'איז דער אַווטאָר פֿון אַזעלכע ווערק איז שוין געוויינטלאַך קלאָר באַוואוסט.

## פּראָזע און פּאָעזיע.

ווען אַ מענש שרייבט עפּעס, האָט ער אין זינען אָדער צו געבן אַ באַגריף וועגן אַ זאַך, דערקלערן עפּעס, איבערגעבן אמת'ע פֿאַקטן, אָדער — צו געבן אַ בילד פֿון אַ זאַך, מאָלן עפּעס, איבערגעבן עפּעס, וואָס זיין פֿאַנטאַזיע האָט אים אויסגעמאָלן. צ. ב. ווען מיר זאָגן: „די לבנה האָט געלויכטן אויף אונז", באַשטעטיקן מיר בלויז, אַז די לבנה איז געווען אויפֿ'ן הימל, אַז זי איז נישט געווען באַדעקט מיט וואָלקנס און האָט דעריבער געלויכטן. ווען אָבער מיר זאָגן: „די לבנה האָט אונז געגלעט מיט אירע זילבערנע שטראַלן" — גיבן מיר אַ בילד פֿון דער בלייכער לבנה, פֿון דעם שטילן וועטער, אין וועלכן די „זילבערנע" שטראַלן פֿון דער לבנה פֿאַלן אויף אונז און ווי זיי וואָלטן אונז געגלעט.

ווען איינער רעדט אָדער שרייבט און ער גיט דערביי בלויז אַ באַגריף וועגן עפּעס, אָדער ער גיט איבער רעאַלע פֿאַקטן, האָבן מיר דעמאָלט „פּראָזע".

ווען איינער גיט אָבער איבער נים אַזוי אַ באַגריף, ווי אַ בילד, דער לעזער זאָל זען, אָדער זאָל זיך לייכט קאָנען פֿאָרשטעלן דאָס, וועגן וואָס דער אַווטאָר רעדט און שרייבט; אָדער ווען דער שרייבער שאַפֿט עפּעס, טראַכט עפּעס אויס און גיט אונז איבער אויף אַ שיינעם אופֿן, האָבן מיר „פּאָעזיע".

## טעמע און פּלאַן.

יעדע ליטעראַרישע שאַפֿונג האָט אין זיך געוויינטלאַך אַ צענטראַלע אידייע אָדער אַ טעמע, אַרום וועלכער עס ווערט גרופּירט דער גאַנצער מאַטעריאַל.

יעדער טייל פֿון דעם ליטעראַרישן ווערק האָט אַלס ציל אַרויסצובריינגען בולט די צענטראַלע טעמע; אָבער יעדער טייל באַזונדער קאָן זיך האָבן זיין באַזונדערע קלענערע טעמע.

די אַלע קלענערע טעמעס פֿון אַלע באַזונדערע טיילן, ווען מען זאָל זיי אויסדריקן אין קורצן, בילדן אויס דעם פּלאַן פֿון דעם ווערק.

אין יעדער זאַך, וואָס איר לייענט דורך, ווייזט אַן די צענטראַלע טעמע און די קלענערע טעמעס; אָדער שטעלט צונויף דעם פּלאַן פֿון דער זאַך.

# גזרות.

## די כאַפּערס.

(זכרונות)

.1

אַקוראַט צו מיין אַכטיאָריקן עלטער איז אַרויס דער באַרימטער באַפעל, אַז מען זאָל נעמען זעלנער פון אידן——אַכטיאָריקע אינגלאַך, כדי מען זאָל זיי קענען טויפן. שפּעטער האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז עס איז אַ שטיקל טעות. אפשר איין פּראָצענט פון די אַלע קינדער האָט זיך געטויפט, און דאָס איז אויך אָנגעקומען מיט גרויס נויט. מען האָט זיי אָנגעטאָן גרויסע יסורים, ביז מען האָט געקענט פּועל'ן, אַז איינער אפשר פון הונדערט זאָל זיך טויפן.

די מוטערס פון די קינדער האָבן זיי פריער מיט אַלע כוחות צו־געגרייט צו דעם, אַז זיי זאָלן זיך נישט טויפן. עס איז ביי זיי געבליבן אין האַרצן דער מוטערס פאַרזאָג מיט'ן געוויין, און זיי האָבן אויף קיין פאַל ניט געוואָלט טוישן דעם אידישן גלויבן.

דעמאָלט זיינען געווען ביי אונז אין שטעטל, אין קאַמענעץ, דריי „כאַפּערס", און איינער פון זיי, אַרן־לייבעלע, איז געווען ממש אַ מער־דער; ער האָט לחלוטין נישט געהאַט אין האַרצן קיין פונק פון רחמנות. צו אים זיינען געווען נאָך צוויי: אַ כאַצקל און אַ מאָשקע; אָט די כאַפּערס האָבן דאָס באַדאַרפט כאַפּן אַ קליין אַכטיאָריק אינגעלע פאַר אַ זעלנער.

ביי אונז אין חדר, ביי מאָטע מלמד, האָט געלערנט צווישן די גרויסע באַלעבאַטישע אינגלאַך איין אינגל, אַ יתום פון אַ רייכן באַ־לעגאָלע, יאָסעלע. מחמת ער איז געווען זייער אַ גוט און אַ געראָטן אינגל, און די מוטער, די אלמנה, איז געווען אַ רייכע, האָט זי געצאָלט טייער מלמדות־געלט פאַר איר אינגל, אַבי ער זאָל לערנען ביי אַ גוטן מלמד, צווישן די יחסנ'ישע קינדער.

איינמאָל, אינמיטן טאָג, זיינען אַריינגעקומען צוויי כאַפּערס צו אונז אין חדר; געעפנט די טיר און געשטאַנען אויפ'ן שוועל און איבערגע־קוקט די אינגלאַך. איך מיט מיין פעטער ישראל האָבן באַלד פאַר־שטאַנען, אַז זיי זיינען געקומען נעמען יאָסעלען פאַר אַ זעלנער; האָבן מיר געכאַפּט דער רבי'צנס לייכטער און געוואָלט זיי וואַרפן אין קאָפּ אַריין. דערביי האָבן מיר געשריען צו זיי, אַז אויב זיי וועלן קומען צו אונז אין חדר, וועלן מיר זיי פּלעטן די קעפּ. געסטראַשעט האָבן זיי קינדער, דאָך זיינען זיי אַנטלאָפן.

נאָר איינמאָל זיינען מיר, אינגלאַך, געגאַנגען פון חדר מיטאָג עסן, האָט אַרן־לייבל געוואָלט כאַפּן יאָסעלען. יאָסעלע האָט עס באַלד באַ־מערקט, האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט צו מיר אויפ'ן פּלייצע, איז שוין אַרן־לייבל אָפּגעטראָטן. דערביי האָב איך אָבער אין אים געוואָרפן אַ שטיין און געטראָפן אין פּלייצע, און ער האָט זיך לאַנג געהאַלטן מיט דעם קלאַפּ.

דערנאָך האָב איך שוין יאָסעלען אָנגענומען פאַר'ן האַנט און אַוועק־געפירט צו זיך אַהיים און געבעטן די מאַמען, אַז זי זאָל אים האַלטן ביי אונז אין שטוב, געבן אים עסן; און שלאָפן וועט ער מיט מיר, ביז דאָס וועריבירן פון די זעלנער וועט אַריבער. מיר, אַלע אינגלאַך ווידער האָבן זייער ליב געהאַט יאָסעלען פאַר זיין חכמה און ווייכקייט. אגב, ער איז געווען זייער אַ שיין אינגעלע, ממש בלוט און מילך.

די פּני האָבן אָבער פאָרט איבערגעגעבן די כאַפּערס צו כאַפּן נאָר יאָסעלען, און קיין אַנדערן אויף זיין אָרט האָבן די כאַפּערס נישט געהאַט קיין רעכט צו כאַפּן. האָבן זיי אַלץ געלויערט אַרום יאָסעלען. איינער האָט זיך פאַר'גנב'עט און געזעסן קעגנאיבער אין אַ שטעלכל טאָג און נאַכט און געהיט, טאָמער וועט יאָסעלע אַרויס פון משה אהרן־לייזערס שטוב, וועט ער אים כאַפּן.

דריי וואָכן איז יאָסעלע געווען באַהאַלטן ביי אונז אין שטוב; אָבער ליידער האָט זיך יאָסעלע פאַרבענקט נאָך דער מוטער און אַרויסגע־כאַפּט זיך אינדרויסן. קיינער האָט אים נישט באַמערקט, און ער איז גיכער געלאָפן צו דער מוטער. דאַמאָלסט האָט אים מאָשקע געכאַפּט. עס האָט שוין קיין זאַך ניט געהאָלפן. די מוטער האָט, פאַרשטייט זיך, ביטער געוויינט. מען קאָן זיך פאָרשטעלן: אַ קליין קינד גייט אַוועק צווישן זעלנער, גרויסע גויים, און ביז 20 יאָר וועט ער דאַרפן ערגעץ פּאַשען חזירים, דערנאָך ערשט וועט ער דינען פינף און צוואַנציק יאָר!

אַ פּאָר וואָכן איז יאָסעלע געזעסן אין שטיבל לעבן גרויסן בית־מדרש, וואו עס איז געווען אַ פענסטער מיט אייזערנע גראַטעס און אַן אייזערנער טיר. דאָרט פלעגן זיצן אַלע יאָר די „נאָוואָבראַנצעס", די ניי־געכאַפּטע זעלנער, ביז מען האָט זיי אַוועקגעפירט אין בריסק צום איספּראַווניק.

יאָסעלע האָט ביטער געוויינט אין שטיבל, און די מוטער אַרום שטיבל איז שיר ניט צעריסן געוואָרן וויינענדיק.

דערנאָך האָט דער אַסעסאָר גענומען דריי דעסיאַטניקעס מיט אַ פור און אַוועקגעזעצט דאָס קליינע אינגעלע. פון קאַמער האָט ער נישט גע־וואָלט גיין. ער האָט זיך שטאַרק געריסן, האָט מען אים געבונדן און דערביי ניט געזשאַלעוועט קיין קלעפּ. די מאַמע איז ווילעסוויז געפאַלן אין חלשות, האָט באַוויינט דאָס קינד און געקלאָגט דערויף, ער זאָל

זיך חלילה ניט שמד'ן, כאָטש מען זאָל אים ברענען און בראָטן, און שמייסן, און רייסן זיין לייב מיט צוואַנגען; ער מוז אַלץ איבערטראָגן, ביז זיין הייליקע נשמה וועט אַרויף אויפ'ן הימל.

די געוויינען פון דער מוטער מיט'ן קינד האָבן זיך געהערט אין גאַנץ שטאָט. אין שטאָט איז געווען אַ חורבן. אַלע ווייבער און שוואַכע מענער האָבן מיטגעוויינט, און אַלע אינגלאַך פון אונזער חדר (פון אַנדערע חדרים האָבן די מלמדים נישט געלאָזט גיין) זיינען אויך געקומען, ווען מען האָט אים אַרויסגענומען פון שטיבל אויפ'ן גרויסן וואָגן מיט אַ פּאָר פערד אַוועקצופירן.

די מוטער איז מיטגעפאָרן קיין בריסק מיט אַן אַנדער פור און האָט אַ גאַנצן וועג גע'חלש'ט; די גויים האָבן זי געמינטערט. דאָס קינד האָט שוין קיין כּוח ניט געהאַט צו וויינען, און ער איז געלעגן אַ האַלב טויטער אין וואָגן. ווען דעם, אַז ער האָט שוין ניט פאַרזוכט פון עטלאַכע טעג קיין עסן, איז איבעריק צו דערמאָנען.

אַז מען האָט אים געבראַכט קיין בריסק, האָט דער פירער דערציילט דעם איספּראַווניק, וואָס ער מיט די העלפער האָבן זיך אָנגעליטן פון דער מוטער מיט איר וויינען און חלש'ן. דערפאַר האָט דער איספּראַוו־ניק געהייסן אַ דעסיאַטניק אָפּפירן זי באַלד אין קאַמעניץ. אַז זי איז געקומען אַהיים, איז זי אָפּגעלעגן 2 טעג און געשטאָרבן.

ביים איספּראַווניק איז געווען אַ באַפעל, אַז קיינער טאָר נישט וויסן, וואוהין ער שיקט אָפּ די קאַנטאָניסטן. אָפּגעשיקט האָט מען זיי אין טיף רוסלאַנד.

מיר האָט אַ געטויפטער קאַנטאָניסט דערציילט, ווי אַזוי מען האָט אויסגעטויפט אין סאַראַטאָוו מיט איין מאָל זעקס קאַנטאָניסטן פון דריי־סיק. דאָס איז פאָרגעקומען אויף אַזאַ'ן אופן: אַז קיין שמיץ האָט ניט געהאָלפן, איז געפאַלן דער פאַלקאָ'וניק אויף אַ נייעם מיטל, ווי אַזוי צו נייטן, זיי זאָלן זיך טויפן; מען האָט אַריינגעפירט די דרייסיק קאַנטאָניסטן אין באָד און מען האָט אָנגעהויבן געבן „פּאַרע" אַלע מאָל מער און מער. דאָס איז געווען אוממעגלאַך איבערצוטראָגן. זעקס האָבן ניט אויסגע־האַלטן און זיך געטויפט. די איבעריקע זיינען געבליבן פאַר'חלש'טע. אַז מען האָט זיי דערנאָך אָפּגעמינטערט, זיינען דריי געבליבן טויט.

מיין קאַנטאָניסט איז געווען זייער בייז אויף גאָט.

לויט זיין מיינונג, האָט גאָר קיין גאָט ניט געקענט זיין, קוים ער האָט געקענט צוזען אַזוי פיל יסורים און פּיין. און אויב עס איז דאָ אַ גאָט, איז ער נאָר אַ גאָט פון שלעכטס...

2

יאָסעלע איז פאַרפאַלן געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין. נאָר אין אַ

יאָר אַרום, חנוכה־צייט, איז געקומען קיין קאַמעניץ אַ ראַטע זעלנער, וואָס האָבן באַדאַרפט שטיין דאָ אַ פּאָר חדשים. ווי עס איז שטענדיק איינגעפירט געווען, פלעגט אַלע צוויי, דריי מאָנאַטן קומען אַן אַנדער ראָטע זעלנער, פאַרברענגען אַ פּאָר מאָנאַטן און אַוועקגיין. אויף זייער אָרט פלעגט ווידער קומען אַן אַנדער ראָטע זעלנער.

ווי דערשטוינט זיינען מיר געוואָרן, ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז די ראָטע זעלנער האָט מיטגעפירט יאָסעלען דעם יתום. אַרך לייב האָט גלייך געבעטן דעם אָפיצער, אַז יענער זאָל דערלויבן ברענגען יאָסעלען צו אונז. זיינען עטלאַכע סאָלדאַטן געקומען מיט יאָסעלען צום זיידן אין שטוב אַריין. יאָסעלע איז אַריינגעקומען אַ באָרוועסער, אין אַ גרויס, גראָב גוי'איש העמד, לאַנג ביז די טריט, אָן הויזן, אין אַ הערצל. דאָס פּנים פאַרשוואָלן, בלאַס ווי אַ טויטער. אַז מיר האָבן אים דערזען, איז געוואָרן אַ געוויין, און מער פון אַלעמען האָב איך גע־וויינט, ווייל איך האָב אים ליב געהאַט, און ער איז מיין חבר געווען.

איך בין צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט: יאָסעלע, יאָסעלע!..

אָבער יאָסעלע היינט, יאָסעלע מאָרגן, ער ענטפערט ניט; ער איז געוואָרן אַן אידיאָט. און וואָס איך האָב ניט גערעדט צו אים און געבעטן און געוויינט:

— יאָסעלע! יאָסעלע! יאָסעלע!

איז געווען אין קול ואין עונה. אַז מען האָט אים געגעבן טיי מיט זעמל, האָט ער ניט געוואָלט עסן און ניט טרינקען, און עס איז ניט געווען מיט וועמען צו ריידן.

קאָן מען זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ קלאָג עס איז געוואָרן אין גאַנץ שטאָט. קיין סך מענשן האָבן אים ניט געקענט זען, ווייל דער אָפיצער האָט אָנגעזאָגט, אַז קיין סך זאָלן ניט קומען. און איך בין גע־בליבן אַ צעבראָכענער און געוויינט נאָך אים וואָכן און חדשים.

מען האָט געפרעגט דעם אָפיצער, פון וואַנען קומט דאָס קאַנטאָ־ניסטל אַהער, האָט ער דערציילט, אַז ווען מ'האָט אַוועקגעשיקט אַלע קאַנטאָניסטן אין טיף רוסלאַנד, איז יאָסעלע געווען קראַנק, ווייל ער האָט ניט געוואָלט עסן און נאָר געוויינט, איז ער געלעגן אין לאַזאַרעט אין פעסטונג. געלעגן איז ער דאָרט לאַנג, און פון ניט עסן און פון וויינען איז ער געוואָרן אַן אידיאָט.

מען דאַרף אָבער רעכענען, אַז מער פון אַלץ האָט אויף אים געווירקט די שרעק פון די כאַפּערס. אַ קליינקייט, אַ קינד פון אַכט יאָר האָט שוין באַדאַרפט פילן, אַז ער דאַרף זיך היטן, אַז ניט וועט מען אים כאַפּן, ווי אַ קאַץ כאַפּט אַ מויז. דאָס איז נאָך מער ווי שרעקלאַך. פאַרוואָס מען וויל אים כאַפּן, האָט ער נישט פאַרשטאַנען. ער האָט נאָר געפילט, אַז אָט וועט מען אים כאַפּן, כאַפּן, כאַפּן.

אַז ער איז געוואָרן אַ תם, האָט ער שוין געקאָנט עסן און גיין אויף די פיס. דעמאָלט האָט מען אים אויסגעשריבן פון לאַזאַרעט און מען האָט אים אַריינגעגעבן אין די זעלנער; שלעפּט מען זיך מיט אים אַרום. אָבער דער קאַפּיטאַן האָט אים אָפּגעשיקט צוריק אין פעסטונג. וואָס וועט ער זיך אַרומשלעפּן מיט אַן אידיאָט? די סאָלדאַטן וועלן אים נאָך פּאַר׳הרג׳ענען, דעם „זשידאָטשיק״.

3

דאָס צווייטע יאָר (תרט״ז) איז דאָס געזעץ פון כאַפּן אַכט־יאָריקע קינדער בטל געוואָרן, אין אָבער געקומען אַ צווייטע צרה אויף אידן: עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדענונג, אַז איין שטאָט קען אָפּגעבן פאַר זעלנער אידן פון אַנדערע שטעט.

דעמאָלט איז געוואָרן אַן אמת׳ע כאַפּעריי ביי אידן. מען האָט זיך געשפּילט אין כאַפּעריי. אָבער די שפּיל איז געווען אַ גראַנדיעזע בלוט־שפּיל. כאַפּערס זיינען געקומען פון אַ ווייטער שטאָט און געכאַפּט זעלנער. זיי פלעגן קומען ביינאַכט און אַרויסנעמען די רייכסטע און שענסטע יונגע לייט, וועלכע האָבן שוין געהאַט צו עטלאַכע קינדער.

אָט די סצענעס זיינען געווען די שוידערהאַפטסטע סצענעס ביי אידן. די כאַפּערס זיינען געקומען אין אַ שטאָט בשתיקה, קיינער זאָל ניט וויסן. געמאָלדן האָבן זיי זיך ביי דער פּאָליציי מיט אַ פּאַפּיר. אין פּאַפּיר איז געווען אָנגעוויזן, אַז זיי זיינען כאַפּערס.

פּאָליציי האָט זיי געגעבן דעסיאַטניקעס און סאָלדאַטן, וויפיל זיי האָבן געפאָדערט, און כאַפּן פלעגן זיי אין מיטן נאַכט, אָנקלאַפּנדיק אין טיר.

און טאָמער האָט מען אַזוי גיך די טיר ניט געעפנט, האָבן זיי שוין מיטגעהאַט אַזעלכע אינסטרומענטן אויף צעהאַקן טירן מיט שלעסער; זיינען זיי באַלד אַריין, אַרויסגעשלעפּט פּשוט מיט גרויס אכזריות דעם יונגן מאַן און אַוועק.

י. קאָטיק.

## זכרונות.

זכרונות אָדער מעמואַרן זיינען אַ ליטעראַריש ווערק, אין וועלכן דער שרייבער פאַרצייכנט פון זכרון דאָס, וואָס האָט פּאַסירט מיט אים אליין, אָדער מיט אנדערע מענשן ארום אים. מעמואַרן, ווען געשריבן שיין, גיבן אָפּט זייער אַ גוט בילד פון דער צייט, ווען דער אַווטאָר האָט געלעבט.

יחזקאל קאָטיק האָט אין זיין בוך „זכרונות״ געגעבן אַן אינטערעסאַנט בילד פון אידישן לעבן אין רוסלאַנד, אָנהייבנדיק פון די צייטן פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, און ביז׳ן סוף פון נייגצנטן יאָר־הונדערט.

# טרערן גיסן זיך אין די גאסן.

(פאָלקס־ליד)

טרערן גיסן זיך אין די גאַסן,<br>
אין קינדערשע בלוט קען מען זיך וואַשן.<br>
געוואַלד, וואָס איז דאָס פאַר אַ קלאָג,<br>
צו דען וועט קיינמאָל ניט ווערן טאָג?<br>
קליינע עופ'עלאַך רייסט מען פון חדר,<br>
מען טוט זיי אָן יעוואָנישע קליידער.<br>
אונזערע פרנסים, אונזערע רבנים<br>
העלפן נאָך אָפּצוגעבן זיי פאַר יעוואָנים.<br>
ביי זושע ראַקאָווער זיינען דאָ זיבן בנים,<br>
איז פון זיי ניט איינער אין יעוואָנים;<br>
נאָר לאה דער אלמנה'ס איינציק קינד<br>
איז אַ כפרה פאַר קהל'שע זינד.<br>
עס איז אַ מצווה אָפּצוגעבן פּראָסטאַקעס:<br>
שוסטער, שניידער זיינען דאָך ליידאַקעס;<br>
קרעציקע כייציקלאַך פון אַ משפחה אַ שיינער<br>
טאָר ביי אונז ניט אַוועקגיין ניט איינער.

פאָלקס־ליד.

## פאָלקס־ליד.

א פאָלקס־ליד איז אַ ליד, וואָס איז ניט אָנגעשריבן פון דעם אָדער יענעם איינצלנעם שרייבער, וועמעס נאָמען עס איז באַוואוסט. אזא ליד ווערט געוויינטלאַך געשאַפן אָדער פאַרפאַסט פון איינעם פון פאָלק, וואָס גיט אין אים איבער דאָס, וואָס דער ברייטער עולם פילט אָדער דענקט. אזא ליד ווערט זייער לייכט פאַרשטאַנען פון די ברייטע שיכטן פון פאָלק. זיי נעמען דאָס איבער, זינגען דאָס און גיבן דאָס דערנאָך איבער זייערע קינדער: און אַזוי גייט אַזאַ ליד איבער מינדלאַך פון דור צו דור, צענדליקער און אַמאָל הונדערטער יאָרן.

און פונקט אַזוי ווי לידער, ווערן אין פאָלק אויך געשאַפן מעשות. אַנעקדאָטן, וויצן, שפּריכווערטער און ד. ג.

# אין יענע צייטן.

(דערציילונג)

1.

מ'האָט מיך געכאַפּט און אין תּפיסה געבראַכט. איך בין דאָרטן נישט אַליין געווען: אַ סך יונגע אינגלאַך זיינען דאָרט געווען; אַ טייל האָבן געוויינט, אַ טייל האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן פאַרוואונדערט. און דערציילט האָט מען אונז, אַז מאָרגן וועט מען אונז אַרויסנעמען און ערגעץ אַוועקפירן.

אויף מאָרגן האָט מען אונז אָנגעהויבן אַרויפזעצן אויף פורן. אַ סך פון די איינגע׳עקשנ׳טע קינדער, וועלכע האָבן געפּרואווט זיך אַנטקעגנשטעלן און אַנטלויפן, האָט מען געבונדענערהייט אַרויפגעלייגט אויפ׳ן וואָגן.

אַלע האָבן מיר געשריען. איך האָב נישט געהערט נישט מיין קול און נישט די קולות פון מיינע חברים. אונזערע אַלע קולות האָבן זיך אויסגעמישט אין איין שרעקלאַך געשריי, אין איין ביטערן יאָמער.

מענער און ווייבער זיינען אונז נאָכגעגאַנגען. דאָס זיינען געווען טאַטעס מיט מאַמעס. מסתמא האָבן זיי אויך געוויינט, נאָר מיר האָבן זייער קול נישט געהערט. די שטאָט, דאָס פעלד, דער הימל און די ערד האָבן אויף אונז געוויינט.

מיין מאַמע איז צווישן אַנדערע מאַמעס געגאַנגען נעענטער צום וואָגן, האָט מיך אָנגעקוקט, אויסגעשריען: „שמואלי!" און איז אומגעפאַלן אויף דר׳ערד און גענומען חלש׳ן.

איר חלש׳ן האָט געבראַכט דערצו, אַז אונזער פור האָט זיך דערווייטערט פון דער לוויה. אַלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער מאַמען אָפּצומינטערן זי, און מיין האַרץ איז געווען פול מיט רחמנות און ביטערניש צוזאַמען.

מיר האָבן אַזוי לאַנג געוויינט, ביז מיר זיינען מיד געוואָרן און שטום געבליבן.

אין וועג האָבן זיך דערטראָגן צו אונז פון הינטן נייע יאָמער־געשרייען, ענלאַך צו די געוויינען פון קינדער. מיר האָבן משער געווען, אַז דאָס איז נאָך אַ וואָגן מיט געכאַפּטע קינדער פון אַן אַנדער שטאָט, און האָבן פון ס׳ניי אָנגעהויבן וויינען.

באַלד אָבער האָבן מיר איינגעזען אונזער טעות: דאָס איז גאָר געווען אַ וואָגן מיט שעפּסן, וואָס מען האָט געקויפט און געפירט צו דער־שחיטה.

יענעם גאַנצן טאָג האָבן מיר נישט אָנגעהויבן עסן, כאָטש די מאַמעס האָבן אונז פאַרזאָרגט און צוגעבראַכט עסן צום וואָגן.

די זון איז דערוויל אונטערגעגאַנגען—ס'איז געוואָרן נאַכט. די איינ־געׂ ע ק ש נ'טע קינדער, וועלכע זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויפ'ן וואָגן געבונדענערהייט, האָט דער „פירער" אויפגעבונדן: ער איז שוין איצט זיכער געווען, אַז זיי וועלן נישט אַנטלויפן.

מיר זיינען אַנטדרימלט געוואָרן, נאָר אַלע מאָל האָט זיך אָן אַנדערער פון אונזער ע ו ל ם אויפגעכאַפּט מיט אַ פאַרשטיקטן יאָמער,—פריער וויך און שטיל און דערנאָך מיט ק ו ל י ־ ק ו ל ו ת ; נאָר איידער דער האָט געענדיקט, האָט שוין אָנגעהויבן דער אַנדערער, דער דריטער, דער פערטער; און ווידער האָבן זיך אונזערע ק ו ל ו ת צוזאַמענגעגאָסן אין איין שרעקלאַכן יאָמער. די נאַכט איז דערציטערט געוואָרן. אַ פ י ל ו דער „פירער" האָט נישט געקאָנט ביישטיין אונזערע געוויינערייען און זיך געוואָרפן אויף אונז מיט געשרייען און מיט דער בייטש.

דער טאָג איז אויסגעגאַנגען און אונז וואַכעדיק געטראָפן. אַלע זיינען מיר געזעסן און געוואַרט אויף דעם פרימאָרגן: מיר האָבן געגלויבט, אַז ער וועט אונז אויסלייזן; נאָר ווען די זון איז אַרויס, האָט זי אָנגעבראַכט אויף אונז דעם הונגער, און פון יענער מינוט אָן האָט יעדער איינציקער פון אונז אָנגעהויבן צו זיפצן פאַר זיך. אונזער געוויין האָט זיך שוין איצט נישט צוזאַמענגעגאָסן: דאָס איז דער כ ו ח פון הונגער. און ווען דער „פירער" האָט אונז אויסגעטיילט אונזערע פאָרציעס, האָבן מיר געגעסן מיט אַפּעטיט און זיינען זאַט געוואָרן; און דאַן האָבן מיר ערשט אָנגעהויבן פילן די ענגשאַפט, וואָס מיר מאַכן זיך אָן איינער דעם אַנדערן, זיצנדיק צוזאַמענגעפּרעסט אין וואָגן. איך האָב אָנגעהויבן זיך קלאָגן אויף מיין ש כ ן , וואָס איז געזעסן מיר אויף די פיס; יענער ווידער האָט זיך גע־קלאָגט אויף מיר דערפאַר, וואָס איך שטויס אים מיט'ן אַקסל.

.2

פיל טעג זיינען פאַרביגעלאָפן, ביז מיר זיינען צוגעקומען צו אַ באַ־שטימט אָרט.—געפאָרן... גערוט... און ווידער געפאָרן... צר־פוס געגאַנגען מיט געשוואָלענע פיס. אַמאָל פלעגט דער „פירער" ווערן אויף אונז אין כ ע ס ; דאַן פלעגט ער אונז שעלטן און שלאָגן מיט דער בייטש, שרייענ־דיק דערביי: „פאַרשאָלטענע זשידעס! וואָס בין איך שולדיק, פאַרוואָס דאַרף איך זיך אָנליידן פון אייך אַזוי פיל?" אַ ביסל איז ער טאַקע געווען גערעכט. ווערלנדיק אָדער נישט ווערלנדיק—צ ר ו ת האָבן מיר אים דאָך פאַרשאַפט. ער האָט דאָך געדאַרפט פירן האַלב־שטומע קינדער און צוהערן שטענדיק דאָס ביטערע געוויין פון קליינע קינדער, וואָס זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן פון די אָרעמס פון זייערע עלטערן.

אַ סך פון אונז האָט מען צעשיקט אין פאַרשיידענע ערטער; אַ סך זיינען קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן אין וועג; אַ סך זיינען איינגעטיילט געוואָרן אין די דערפער צווישן די פויערים, וואָס זאָלן זיי אויסהאָדעווען ביז זיי וועלן טויגן צום „דינסט". איך בין געווען פון די לעצטע. נאָך אַ סך וואָגלענישן און גלגולים פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף, בין איך איבערגעגעבן געוואָרן אין אַ דאָרף צו פיאָטר כלאָפּאָוו און זיין ווייב אַנאַ פעטראָוונאַ.

דער דאָזיקער פיאָטר איז געווען אַ גוי נישט קיין אַלטער און נישט קיין יונגער, נישט קיין פּראָסטער פויער און נישט קיין חשוב'ער פּריץ. ער איז געווען אַ שרייבער אין דער קאַנצעלאַריע פון דאָרף.

קיין זין האָט ער נישט געהאַט, נאָר איין איינציקע טאָכטער — מאַריוסע האָט זי געהייסן, אַ מיידל פון אַ יאָר דרייצן אָדער פערצן, אַ שיינע, אַ פריילאַכע און אַ ווילדע.

מיר, די קאַנטאָניסטן פון די דערפער, האָבן יעדן טאָג געדאַרפט זיך צוזאַמענקלייבן פאַר דער שטוב פון אונזער אָפיציר, וואָס האָט גע־וואוינט אין דעם דאָרף און אונז געגרייט צו דער „דינסט". נאָר איך בין פּטור געווען דערפון צוליב דער בקשה פון מיין באַשיצער, כלאָפּאָוו, וועלכער האָט געהאָפט צו געפינען אין מיר אַ העלפער ביי דער אַרבעט אין פעלד און אין שטוב. פון דעסטוועגן האָב איך געמוזט קומען אויפ'ן פלאַץ צוזאַמען מיט אַלע כאָטש איינמאָל אין וואָך.

פיאָטר פלעגט זיין אין דערהיים גאַנץ ווייניק. דעם גרעסטן טייל טאָג פלעגט ער זיצן ביי זיין אַרבעט אין קאַנצעלאַריע און די איבעריקע צייט — אין שענק פון דעם איינציקן אידן, וואָס האָט געוואוינט אין דאָרף. די עטלאַכע שעה, וואָס ער פלעגט זיין אין שטוב, פלעגט ער מיט מיר פאַרברענגען און האָט אַרויסגעוויזן צו מיר אַ סך פריינטלאַכקייט.

זיין ווייב אַנאַ איז געווען גאָר אַן אַנדערע; זי איז געווען אַ שווייגערן און אַ פרוי אַ מרשעת: זי איז שטענדיק אין שטוב געזעסן. קיינמאָל נישט אַריינגעגאַנגען צו אירע שכנות, און די שכנות פלעגן צו איר אויך גאַנץ זעלטן אַריינקומען. אין דאָרף האָט מען געמורמלט אויף איר, אַז זי האַלט זיך גרויס און איז אַ צוואַטשקע. ניכטערערהייט האָט פיאָטר געציטערט פאַר איר. די גאַנצע קראַפט איז איר געלעגן אין די אויגן: פלעגט זי אַ וואָרף טאָן אַ בליק אויף דעם העלד, וואָס האָט אָן אַ גרענעץ געהערשט איבער דעם גאַנצן דאָרף, אַזוי פלעגט ער גלייך ווערן אַ שוואַך, שטיל טייבעלע.

און אָט די אַנאַ האָט געוואָרפן אויף מיר אַ שלעכט אויג; קיינמאָל האָט זי מיך ניט גערופן מיט'ן נאָמען. „זשידיאָנאָק" — האָט זי מיך כסדר גערופן, און דער נאָמען „זשידיאָנאָק" פלעגט זיך אַראָפּקייקלען פון אירע ליפן מיט אַן אָפענעם שמייכל און אַ באַהאַלטענער שנאה.

3

צווישן די געבאָטן, וואָס מיר האָבן געהאַט צו היטן, האָבן זיך געפונען אויך די דאָזיקע: „נישט ריידן קיין אידיש, נישט זאָגן קיין אידישע תפילות, בעטן אַלע טאָג פאַר'ן בילד פון דער הייליקער מוטער און פאַר'ן צלם און זיך נישט היטן פון עסן טרפות".

די ערשטע געבאָטן האָט אַנאַ אַכטונג געגעבן, איך זאָל זיי פּינקטלאַך מקיים זיין; נאָר בנוגע צום לעצטן האָט זי זיך נישט וויסנדיק געמאַכט. זי האָט מיך געשפּייזט אין קיך מיט ברויט און קערנער, פּשוט פאַר קאַרגשאַפט. אַמאָל האָט געטראָפן, אַז זי האָט מיר געגעבן אַ שטיקל פלייש און, איך האָב נישט געוואָלט עסן. האָט זי אויסגעגאָסן אויף מיר איר גאַנצן כעס און געוואָלט גיין זיך קלאָגן אויף מיר פאַר'ן אָפיציר, נאָר פאָטער האָט זי אָפּגעהאַלטן פון דער אכזריות און געזאָגט: „ער וועט אונטערוואַקסן, וועט ער קליגער ווערן."

גראָד אין יענער צייט איז געכאַפּט געוואָרן ביי דעם חטא אַן אַנדער קאַנטאָניסט פון דעם דאָרף, וואָס איך האָב אים ביז אַהער נישט געקענט—יעקב האָט ער געהייסן. זיין באַשיצער האָט זיך געקלאָגט אויף אים, אַז ער דאַוונט אויף אידיש און וויל קיין פלייש נישט עסן. איז אַרויס אויף אים די שטראָף צו קריגן צוואַנציק שמיץ, און אויף אַלע קאַנטאָניסטן האָט מען גוזר געווען, זיי זאָלן שטיין ביי דער עקזעקוציע פון דעם דאָזיקן „פאַרברעכער".

שפּעטער זיינען מיר שוין צוגעוואוינט געוואָרן צו אַזעלכע מעשות; דאָס ערשטע מאָל אָבער האָט דאָס אונז אויסגעזען שרעקלאַך. שטעלט זיך פאָר: אַ אינגל פון פופצן יאָר; מ'טוט אים אויס נאַקעט, מ'לייגט אים אַוועק מיט'ן פּנים אַראָפּ, איינער זעצט זיך אים אויף די פיס, איינער אויפ'ן קאַרק, צוויי שטייען איבער אים איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן און האַלטן אין די הענט ריטער. צען מאָל דאַרפן זיי אויפהייבן און אַראָפּלאָזן אויף אים די ריטער, כדי עס זאָל צוזאַמען זיין צוואַנציק.

איך האָב געקוקט אויפ'ן פּנים פונ'ם ליגנדן און געזען, אַז עס איז ווייס, ווי קאַלך. מיט די ליפּן האָט ער געשעפּטשעט עפּעס אַ לחש.

ס'זיינען אויפגעהויבן געוואָרן די ריטער... אַ שרעקלאַך געשריי... בלוט... שטיקלאַך הויט... געשרייען, מ'ציילט: איינס, צוויי, דריי... אַ געשריי... אַ פּלוצלונדיקע שטילקייט... ווידער אַ געשריי, ווידער שטיל.. פיר, פינף... שטיי!

דער אויפזעער האָט צעטיילט די שטראָף אויף צוויי מאָל, ווייל דער געשמיסענער האָט גע'חלש'ט. מ'האָט אַוועקגעטראָגן יעקב'ן פון פלאַץ אין שפּיטאָל. ס'איז פאַרשריבן געוואָרן, אַז ער דאַרף קריגן נאָך צען שמיץ, נאָכדעם ווי ער וועט געזונט ווערן.

ווען אַנאַ וואָלט מיר געגעבן אין יענעם אָוונט חזיר־פלייש צו עסן, ווייס איך נישט, וואָס איך וואָלט געטאָן. ביינאַכט האָב איך געזען אונזער אַלטן רב אין חלום. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער שטייט פאַר מיר מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ און טרערן גיסן זיך אים פון די אויגן.

4

מאַרוסיע איז געווען צופרידן מיט מיר.

זי האָט טאַקע געדאַרפט האָבן אַזאַ קינד, ווי איך, ווייל מיט די קינדער פון דאָרף האָט זי זיך נישט גע'חבר'ט. די דאָזיקע שיינע, פרייליכע מיידל פלעגט אָפט אַריינפאַלן אין אַ „מרה־שחורה", אַז ס'האָט געריסן ביים האַרצן, קוקנדיק אויף איר. בשום אופן האָט די מאַמע אירע נישט געקאָנט דאַמאָלט אַרויסרייסן פון איר מויל אַפילו איין וואָרט.

איך האָב געדאַרפט אין אַזעלכע מינוטן נאָר אויפשטיין און אַרויסגיין—און איך בין שוין זיכער געווען, אַז זי וועט אויך אַרויסקומען און פאַרברענגען מיט מיר עטלאַכע שעה. אַזוי בין איך ביסלאַכווייז אײַנגעוואוינט געוואָרן מיט איר און עס האָט מיך אָנגעהויבן ציען צו איר אין די שווערע מינוטן פון בענקשאַפט און איינזאַמקייט.

צומאָרגנס, נאָכדעם ווי איך האָב צוגעזען די עקזעקוציע איבער יעקב'ן, האָב איך מיר קיין אָרט נישט געפונען. איך האָב געמיינט, אַז דאָס האַרץ וועט מיר צעפּלאַצט. שאלות זיינען מיר געבוירן געוואָרן אין קאָפּ; „וואָס טו איך דאָ? צו וואָס בין איך אַהער געקומען? וואָס זיינען פאַר מיר אָט די אַלע באַשעפענישן?"—פּונקט ווי איך וואָלט ערשט נעכטן אַהער געקומען און מיט'ן אייגענעם ווילן!...

מאַריוסע האָט מיך אָנגעקוקט. איך ווייס נישט: אפשר האָט זי דערקענט דעם טרויער ביי מיר אויפ'ן פּנים. מיר האָט זיך פאַרוואָלט אויסגיסן פאַר איר דאָס האַרץ, און איך בין אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן הינטער דער שטוב. גלייך איז זי מיר נאָכגעקומען. איך האָב פאַר איר געעפנט מיין האַרץ און האָב איר דערציילט, וואָס איך האָב נעכטן צוגעזען. זי האָט געהערט און איז אַ פאַרציטערטע געוואָרן.

— פאַרוואָס האָט מען אים געשמיסן?—האָט זי געפרעגט מיט אַ ציטערדיק קול.

— ווייל ער האָט געדאַוונט אויף אידיש און נישט געוואָלט עסן קיין פלייש.

— און פאַרוואָס האָט ער נישט געוואָלט עסן?

— מ'טאָר נישט.

— מ'טאָר נישט? פאַרוואָס?

איך האָב געשוויגן.

זי האָט אויך געשוויגן. דערנאָך האָט זי אַרויפגעלייגט אויף מיר די האַנט און מיט איר געוויינלאַכער פריילאַכקייט געזאָגט:

— דיך וועט מען נישט שמייסן.

— פון וואַנען ווייסטו?

— דער אָפיציר איז אונזערער אַ גוטער באַקאַנטער.

— און אויב דיין מאַמע וועט מיך פאַר'מסר'ן?

— אויב מ'וועט דיך פאַר'משפט'ן צום שמייסן, וועל איך גיין אויף דיין אָרט.

און ביי די ווערטער האָט זי זיך הילכיק פאַנאַנדערגעלאַכט. דאָס געלעכטער האָט געווירקט אויף מיר אויך. מיר האָבן ביידע געלאַכט, נישט ווייסנדיק פון וואָס.

איך בין אַריין אין שטוב אַן אַנדער מענש. פון דאַמאָלט אָן האָב איך זיך געפילט זייער נאָענט צו דער מיידל.

5

איינמאָל בין איך עלנט געזעסן אויפ'ן שוועל.

אַנאַ איז אַרויסגעגאַנגען און אַ וואָרף געטאָן אויף מיר אַ בליק:

— פוילער זשידעק! ער זיצט זיך ליידיק, און דו גיי אַרבעט; גרייט אים אָן צום פרעסן, און ער וועט קומען צום גרייטן.

איך בין אויפגעשטאַנען פון אָרט און האָב אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן אין אַלע זייטן, כדי צו געפינען זיך עפּעס אַן אַרבעט.

גיי, כאַפּ דאָס קליינע חזיר'ל און ברענג עס אַהער,–האָט זי מיר באַפוילן.

די אַרבעט האָט מיר גאָר נישט געשמעקט; איך האָב נאָך נעכטן געהערט אַנאַן רעדן וועגן דעם, אַז מ'דאַרף קוילן דאָס קליינע חזיר'ל, און איך האָב אויף דעם רחמנות געהאַט: אמת טאַקע אַ חזיר, אָבער ס'איז דאָך פאָרט אויפגעהאָדעוועט געוואָרן פאַר מיינע אויגן.

מיר איז שווער געווען צו ווערן אַ שותף צו דער דאָזיקער אַרבעט; ס'איז אָבער געווען גענוג אַיין געשריי פון אַנאַס מויל,–און מיין האַנט איז שוין געלעגן אויף דעם קליינעם באַשעפעניש, וואָס איז געווען צוגעוואוינט צו מיר און האָט געהאַט צו מיר צוטרוי. אַנאַ האָט מיר געגעבן אַ שטריק אים צו בינדן, און איך האָב זי געפאָלגט. דאָס קליינע באַשעפעניש האָט שרעקלאַך געשריען, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עס שרייט: „זשידעק! מיר טוסטו עס אַזוי?!"

אַנאַ האָט מיר געגעבן אַ מעסער אין האַנט, האָט מיר אָנגעוויזן דאָס אָרט, וואו צו שניידן... דאָס חזיר'ל האָט זיך באַגאָסן מיט בלוט און אָנגעהויבן כאָרכלען מיט'ן האַלז.

אַנאַ האָט געהייסן ברענגען האָלץ, אָנלייגן אַ פייער און אַרויפלייגן אויף דעם דאָס חזיר'ל. איך האָב אַלץ געפאָלגט.

אויף צומאָרגנס איז אַנאַ אויפגעשטאַנען פרי, האָט מיך אַוועקגעשטעלט פאַר דער „הייליקער מוטער" און פאָרגעזאָגט מיר איר „ברכה"; און צו מיטאָג האָט זי מיך אַוועקגעזעצט ביים טיש לעבן פיאָטאָרן, האָט מיר דערלאַנגט אַ געבראָטן שטיקל חזיר און פון דעם די אויגן נישט אַראָפגענומען.

איך האָב געזען, אַז זי וויל אָנרייצן אויף מיר דעם מבושמ'דיקן פיאָטאָרן, האָב איך זיך דערשראָקן פאַר דעם און אָנגעהויבן עסן. איך קיי און הער דאָס כריוקען פון אַ חזיר ... פון זיך אַרויס הער איך דעם קול ... איך וואונדער זיך אויף די דערבייאיקע מענשן, וועלכע הערן נישט דאָס כריוקען און קייען רואיק... עפּעס אַ שטיק האָט זיך מיר אַוועקגעשטעלט אין האַלז... עס שטיקט... עס עקלט... צום ברעכן... און דאָ האָט מיט מיר געטראָפן אַ מיאוס'ע מעשה: איך האָב פאַרשמוצט דעם גאַנצן טיש... אַלע האָבן זיך אַ רוק געטאָן אויף הינטן מיט כעס און עקל. איך האָב באַגעגנט מאַריוסעס אויגן און זיך געשעמט צו קוקן אין זיי. אַנאַ איז אויפגעשפרונגען פון טיש אַ צעקאָכטע פון כעס, האָט מיך אָנגענומען פאַר די אויערן און אַרויסגעשלעפּט אין דרויסן.

— וואָן, אַרויס, זשיד פאַרשמוצטער! זאָלסט נישט וואַגן מער אין שטוב אַריינצוקומען!

זי האָט מיך אַרויסגעטריבן. פיאָטר און מאַריוסע האָבן געשוויגן.

אַ באַליידיקטער האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן שוועל הינטער'ן שטוב.

— און אַ געדאַנק איז מיר אַריין אין קאָפּ ווי מיט געוואַלט: „אפשר איז אין דער אמת'ן פאַר מיר געקומען די צייט צו אַנטלויפן? אויב מ'וועט מיך נאָכיאָגן און כאַפּן, וועל איך זיך פאַרענטפערן און זאָגן, אַז מיין באַשיצער האָט מיך אַרויסגעטריבן פון שטוב. פונדעסטוועגן, ווען איך האָב זיך דערמאָנט אָן דער רוט, וואָס הייבט זיך אויף און לאָזט זיך אַראָפּ אויפ'ן נאַקעטן לייב; אָן די בלוט־שפריצן; אָן די שטיקער הויט, און די געשרייען, וואָס העלפן נישט,—איז אויף מיר אָנגעפאַלן אַ פחד.

בין איך אַזוי געזעסן אין טרויער און כעס, און האָב גאָרנישט געפילט, ווי די זון איז דערווייל אונטערגעגאַנגען און ווי ס'איז נאַכט געוואָרן. ערשט פּלוצלונג דערפיל איך עפּעס אַ גלעט און אַ ריר איבער די האָר... ווי אַ שאָרך פון אַ נאַכטפויגל... אַ פאַרציטערטער בין איך אָפּגעשפרונגען אויף הינטן: פאַר מיר איז געשטאַנען מאַריוסע מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. איך האָב געוואָלט אויפשטיין, זי אָבער האָט מיך צוגעהאַלטן מיט דער האַנט. זי האָט זיך געזעצט לעבן מיר און געדריקט מיין האַנט אין אירע ביידע.

— פאַרוואָס זיצסטו דאָ?

— דיין מאַמע האָט דאָך מיך אַרויסגעטריבן?

— ס'איז גאָרנישט! דו קענסט זי דען נישט? זי איז שוין אַזוי!

— שטענדיק פאַרשעמט זי מיך: זי רופט מיך „זשידיאָנאָק".

— איז וואָס? דו ביסט דען נישט קיין איד? וואָלט איך דען אין כעס געוואָרן אויף דיר, ווען דו וואָלסט מיך גערופן קריסטן?!

איך האָב איר נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. אין יענער מינוט האָב איך געטראַכט: איך פאַר'מיאוס זיך דאָך אַליין, אויב איך געפין זיך באַליידיקט מיט דעם נאָמען „זשידיאָנאָק".

— און וואָס קלערסטו איצט צו טאָן?

— איך וויל אַנטלויפן.

— אָן מיין וויסן?

זי האָט אויף מיר אויסגעשטעלט אירעביידע אויגן. איך האָב זיך געפילט דעמאָלט, ווי זי וואָלט אַרויפלאָזן אויף מיר צוויי שטראָמען וואַרעמקייט. איך האָב פלוצלונג דערשפירט, אַז איך האָב אין דעם הויז אַ פריינט, אַ גוטן חבר, אַ גוטע, שיינע חבר'טע.

איך בין גערירט געוואָרן און אָנגעהויבן וויינען, און זי האָט מיר געגלעט דעם קאָפּ, דעם האַלז און דאָס פנים. גוט האָט זי געטאָן, וואָס זי האָט מיך געלאָזט וויינען. נאָכ'ן וויינען איז מיר לייכטער געוואָרן. זי האָט געוואָלט אַראָפּנעמען אירע הענט, איך האָב זיי אָבער נישט אָפּגעלאָזן!...

— און דו וועסט אַנטלויפן אָן מיין וויסן?

— ניין.—האָב איך געענטפערט העשענדיק.

— אויב אַזוי, ביסטו אַ וואויל אינגל, האָב איך דיך ליב.

איך האָב דערשפירט אויפ'ן האַלז די באַרירונג פון וואַרעמע ליפּן, און האָב פאַרמאַכט די אויגן, כדי עס זאָלן נישט קוקן אויף מיר דער שוואַרצער הימל און די פינקלדיקע שטערן. ווען איך האָב דערנאָך באַרעכנט, וואָס דאָ איז געשען, האָב איך זיך געשעמט פאַר זיך אַליין.

זי איז נעלם געוואָרן און גלייך צוריקגעקומען מיט אַ זעקעלע אין האַנט.

— דער טאַטע האָט געהייסן, דו זאָלסט אַרויסגיין די נאַכט מיט די פערד אויף „פּאַשע". דאָ אין דעם זעקעלע איז פאַראַן ברויט מיט פלייש. זיץ־זשע נישט און גיי.

זי האָט גערעדט געשווינט און מיט דעם געוויינלאַכן טאָן, ווי דאָס אַלץ, וואָס איז פריער פאָרגעקומען, וואָלט זיין נישט מער ווי אַ חלום.

6

**דאָס גיין ביינאַכט מיט די פערד איז געווען אַ באַזונדער מין גיין.**

אַ גאַנצן טאָג אַרבעט די בהמה אין פעלד, און די באַלעבאַטים מוזן איר דעריבער געבן עסן. ביינאַכט אָבער טוט זי דאָך גאָרנישט, פאַרוואָס זאָלן זיי איר געבן עסן? גייט מען מיט איר אין אַ פרעמד פעלד.

איך האָב גאַנץ ליב געהאַט צו גיין אויף דער „פאַשע". איך האָב ליב געהאַט די נעכט אין פעלד, ווען די לבנה לייכט שוואַך. אויסער דיינע ד׳ אמות קאָנסטו גאָרנישט אונטערשיידן און זעסט נישט קיין זאַך, וואָס זאָל דיר דערמאָנען דעם אָרט, אין וועלכן דו געפינסט זיך.

איך האָב גענומען דאָס זעקעלע און בין אַרויסגעגאַנגען מיט די פערד אינ׳ם ברייטן, פרייען פעלד, וואָס ציט זיך אַוועק און ליגט פאַרזונקען אין דער פינסטערניש. איך ווייס נישט, צי אויף צו־להכעיס מיין באַלעבאָס, צי גלאַט אַזוי האָב איך עס געטאָן, נאָר דאָס מאָל בין איך נישט געגאַנגען פאַשען די פערד אין פרעמדע פעלדער; איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט טיף אין טאָל אין יענעם שטיקל פעלד, וואָס פיאָטר האָט איבערגעלאָזט אויף צו שניידן היי, און האָב זיך אויסגעצויגן אויף דער גוטער ערד און אויף איר ווייך גראָז. און אַ פאַרזונקענער אין טרויעריקע, טריבע מחשבות, בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן.

עפּעס אַ שטימע האָט מיך אויפגעוועקט פון שלאָף, עפּעס ענלאַכס צו אַ געוויין... נישט ווייט פון דאַנען... עס טראָגט זיך די שטימע און שוועבט, שוועבט אין טאָל... איך בין אַ דערציטערטער געוואָרן. און די שטימע גייט און גיסט זיך... קלינגט און ציט דאָס האַרץ... און גייט אַהער, ווי גלייך צו מיר...

אַ דערשראָקענער בין איך אויפגעשטאַנען און האָב זיך געלאָזט גיין נעענטער צו דעם אָרט, פון וואַנען די שטימע האָט זיך געטראָגן. און אַרום, אויבן, אונטן איז פינסטער, שטאָק־פינסטער: די לבנה איז שוין פאַרגאַנגען. איך בין אָפּגעגאַנגען עטלאַכע טריט—און איך דערזע שוין נישט מיינע פערד. באַלד האָב איך אָנגעהויבן כאַפּן ווערטער אין דער שטימע; ווערטער, וואָס פרעסן דאָס האַרץ, ווי מיט צוואַנגען... ווערטער פון תהילים.

איך האָב זיך אויפגעהערט צו שרעקן און אָנגעהויבן צו שטוינען: „פון וואַנען קומען די ווערטער דאָ, אין גלות?"

דאָס קול האָט מיך אַ צי געטאָן, זאָל דאָרט זיין ווער עס וויל זיך, איך וויל זיך צו דעם באַהעפטן.

דאַן האָב איך אויך אָנגעהויבן אויפ׳ן קול זאָגן תהילים.

די שטימע איז איבערגעריסן געוואָרן, און איך האָב דערהערט טריט.

— ווער איז דאָרט?—פרעגט אַ קול אויף אידיש.

— איך! און ווער איז דאָרט?

— מיר!—ענטפערן אַ סך שטימען פאַר אַ מאָל.

— קאַנטאָניסטן?

— אַ קאַנטאָניסט?

און מיט די שאלות האָבן מיר זיך באַגעגנט.

דאָס זיינען געווען דריי קאַנטאָניסטן, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין דאָרף ווייט פון פּיאָטרס הויז, און איך האָב זיי נישט געקענט. זיי זיינען אַרויס ביינאַכט אויף דער „פּאַשע" מיט די בהמות פון זייערע באַלעבאַטים און מיר האָבן זיך באַגעגנט אין טאָל.

דער עלטסטער פון זיי איז געווען „יעקב", דער, וועגן וועלכן איך האָב שוין דערציילט, און די צווי—סימאָן און רובין; נאָר דאָרט אין טאָל האָבן זיי זיך אָנגערופן מיט זייערע אידישע נעמען, ווי מ'האָט זיי גערופן אין דערהיים: יאַנקל, שמעו'לע און ראובּ'ק.

ווי איך בין דערנאָך געוואָר געוואָרן, האָט זיי דער טאָל געדינט פאַר אַ פּלאַץ, וואו זיי זיינען זיך אַלע מאָל צוזאַמענגעקומען. דאָס איז געווען אַ באַזונדער סאָרט קלויז, וואָס מ'האָט אים געקאָנט רופן „ר' יאַנקלס קלויז".

ער, יאַנקל, איז געווען אַ אינגל פון פופצן יאָר, וואָס מ'האָט אים צו־גענומען פון דערהיים, ווען ער איז שוין געווען „אָנגעשטאָפּט" מיט תורה. מיר אַלע האָבן שוין געהאַט פאַרגעסן דעם חשבון פון די טעג; ער אָבער האָט זיך באַרימט, אַז ער געדענקט די טעג לויט זייער אויסזען און לויט זייער רו און באַזונדערס—די פרייטאָגדיקע טעג. זיינע חברים האָבן אויף אים עדות געזאָגט, אַז ער נאַרט נישט אָפּ; און באַרימט האָט ער זיך, אַז ער האָט אויפ'ן רעכענונג אַלע טעג פון יאָר, אַזוי אַז ער האָט נאָך נישט דורכגעלאָזט קיין איין יום־טוב.

אין די יום־טוב'דיקע נעכט קומען זיי זיך צוזאַמען דאָ, אין דעם טאָל.

לויט יאַנקלס חשבון איז אין יענער נאַכט אויסגעפאַלן תשעה באב, און זיי זיינען זיך אַהער צוזאַמענגעקומען, ווי זייער שטייגער איז געווען.

— אויב אַזוי,—האָב איך זיך געווענדעט צו זיי מיט אַ שאלה,—טאָ וואָס זאָגט איר עפּעס תהילים? זאָגט בעסער קינות!

— קינות קענען מיר נישט אויסנווייניק.—האָט מיר יאַנקל דערקלערט, ווי אַן אַלטער איד וואָס מ'רופט אים ר' יאַנקל.—אויף אויסנווייניק קענען מיר נאָר עטלאַכע קאַפּיטלאַך תה׳לים. זיי זאָגן מיר אַלע יום־טוב.

דאָס אידישע לשון, וואָס איך האָב שוין לאַנג נישט געהאַט זיך באַנוצט מיט דעם, האָט אויף מיר געמאַכט גאָר אַ באַזונדערן רושם! אָט בין איך אין אַ אידישן קיבוץ, אידן אַזעלכע, ווי דער טאַטע און די מאַמע. איך האָב געפילט אַ שטאַרקן ביטול פאַר דעם „למדן" יאַנקלען, וואָס ווייס אַלץ. איך האָב געזען אין אים אַ מין קליינעם „רב" איבער דער דאָזיקער קהילה.

דערווייל האָט דער קליינער ראובֿ'עלע אַ טאָפּ געטאָן מיין זעקל און געפונען דאָרט אַ מציאה.

— קינדער! עסן!—האָט דער קליינער אויסגעשריגן מיט התפעלות. חברה, דערהערט עסן, איז לעבעדיק געוואָרן.

זיי האָבן אָנגעהויבן זוכן אין מיין זעקל, און איך בין אַן אָנגעצונדענער געוואָרן פון חרפה, וויסנדיק, אַז אָט באַלד וועלן די דאָזיקע ערלאַכע אידן געפינען ביי מיר אין זעקל חזיר־פלייש.

איך האָב אָנגעהויבן וויינען און זיך מתוודה זיין אויף מיינע זינד.

— כ'בין געשטרויכלט געוואָרן.—רעד איך העשענדיק.—חזיר־פלייש. איך האָב נישט געקאָנט ביישטיין דעם ניסיון.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז יאַנקל איז מיין „בית־דין", און די צווי קליינע־מיינע עדות, וואָס האָבן מיך געכאַפּט ביי דער עבירה. יאַנקל האָט אויסגעהערט די אָפּגעריסענע ווערטער פון מיין ווידוי. די עדות האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ צו דער ערד, ווי זיי וואָלטן זיין די באַשולדיקטע; און איך—איך וויין און זיפץ.

— הער נאָר, קליינער,—האָט יאַנקל זיך אַ קער געטאָן צו מיר,—איך וויים נישט, צי די ביסט דורכגעגאַנגען די אַלע מדורי־גיהנום, וועלכע מיר זיינען דורכגעגאַנגען. האָט מען דיך אויסגעשמירט מיט סמאָלע און אַרויפגעפירט אויף דער אויבערשטער באַנק אין באָד, וואו די היץ ברענט און שטיקט? האָט מען דיך געשמיסן מיט ריטער דערפאַר, וואָס מ'האָט דיך געטראָפן מורמלענדיק „מודה אני"? האָט מען דיך אוועקגעשטעלט אויף די קני צווישן שפּיציקע שאַרפע שטיינער דערפאַר, וואָס דו האָסט נישט געוואָלט קושן דעם צלם? אויב דו האָסט עס אַלץ נישט איבערגעטראָגן,—טו אַ קוק אויף אונזער לייב און צייל איבער די שראַמען, וואָס זיינען דאָרט איבערגעבליבן. און נאָך דעם אַלעמען איז נאָך נישט איבערגעגאַנגען קיין איין טאָג, מיר זאָלן נישט זאָגן קיין „מודה אני"; און פון חזיר־פלייש האָבן מיר זיך אַזוי לאַנג אָפּגעהיט, ביז זיי האָבן אויפגעהערט אין גאַנצן אונז דערפאַר צו שלאָגן, נאָר פשוט נישט געגעבן אונז קיין אַנדער זאַך צום עסן, אויסער חזיר־פלייש. צוויי גאַנצע מעת־לעת האָבן מיר געפאַסט: נישט קיין ברויט און נישט קיין וואַסער איז אין אונזער מויל נישט געקומען. דו זעסט אָט דעם קליינעם שמעו'לען? די גראָזן פון דער ערד האָט ער דעמאָלט געפּרואווט עסן. און אין דער דריטער נאַכט פון אונזער תענית האָב איך געזען דעם טאַטן אין חלום. ער איז געווען אָנגעטאָן אין זיינע יום־טובֿ'דיקע מלבושים און אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ חומש. ער האָט אָנגעהויבן צו לערנען מיט מיר און מיר איינצו'חזר'ן דעם פּסוק: „און איר זאָלט אָפּהיטן אייער לעבן." און ער האָט געזאָגט: „דו עסט עס דען מיט'ן גוטן ווילן?" זאָג דיינע ברידער, אַז זייער שכר איז

**זייער גרויס!" און פון דעמאָלט אָן האָבן מיר אָנגעהויבן עסן חזיר־פלייש און טרפ'ע עסנס. דער עיקר איז, מיר זאָלן בלייבן אידן.**
**אַ שטיין האָט זיך מיר אַראָפּגעקוילערט פון האַרצן; איך האָב אָנגעהויבן וויינען פון שמחה.**
**פון דעמאָלט אָן בין איך געוואָרן גאָר אַ אַנדער מענש. אַ שווערע משא איז מיר אַראָפּגענומען געוואָרן פון האַרצן.**

**י. שטיינבערג.**

## דערציילונג.

אַ דערציילונג איז אַ לענגערע ליטעראַרישע זאַך, אין וועלכער דער שרייבער גיט איבער אַ בילד פון'ם לעבן אַרום אים, ניט פון זיין איינן לעבן. די, וועגן וועמען עס ווערט דערציילט אין דער דערציילונג, הייסן די העלדן פון דער דערציילונג.

עס טרעפט אמאָל, אַז דער שרייבער לאָזט איינעם פון זיינע העלדן דערציילן וועגן זיך אַליין, ווי דאָס איז דער פאַל אין דער דערציילונג „אין יענע צייטן": דאָס מיינט אָבער ניט, אַז דער שרייבער דערציילט דאָס וועגן זיך אַליין.

ווייז אָן, ווער זיינען די העלדן פון דער דערציילונג „אין יענע צייטן". ווייז אויך אָן, ווער פון זיי איז דער הויפּט־העלד.

## סוזשעט און פאַבולע.

די צענטראַלע טעמע פון אַ ליטעראַריש ווערק, וועלכע איבערגעגעבן אין קורצן, הייסט סוזשעט. דער מעשה־טייל אָדער דער דערציילערישער טייל פון דעם ווערק הייסט די פאַבולע (אָדער דער סיפּור־המעשה).

די פאַבולע איז געוויינטלאך דער אינטערעסאַנטסטער אָדער אָנגענעמסטער טייל פון דעם ווערק, אָבער אָפט ניט דער וויכטיקסטער. די אידייען, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט אינ'ם ווערק, אָדער וואָס דאָס ווערק רופט ביי אונז אַרויס, ווי אויך די שיינע בילדער און די שיינע אויסדרוקן, און בכלל די שיינע שפּראַך פון דער זאַך, זיינען מערסטנס דאָס וויכטיקסטע, וואָס מיר האָבן אין דער זאַך.

ווען איר לייענט דורך אַ ליטעראַרישע זאַך, זעט דעריבער ניט נאָר צו פאַרגעדענקען די פאַבולע, נאָר נעמט אויך אַרויס די אידייען, וואָס ווערן דאָרט אַרויסגעבראַכט, און שענקט אייער אויפמערקזאַמקייט אויך צו דער שיינער שפּראַך פון דער זאַך, צו די שיינע אויסדרוקן און צו די בילדער, וואָס ווערן אין דער זאַך געמאָלן.

# די גזרה אויף קליידער.

(פון דער דערציילונג „שלמה רב חיים'ס")

ס'איז ווינטער, שבת־צונאַכטס נאָך הבדלה. עס עפנט זיך די טיר ביי רב חיים'ען אין הויז, און לייטישע מענשן פונ'ם שטעטל קומען אַריין. אַ גוטע וואָך, אַ גוט יאָר!

ס'איז אַוועק אַ היפשע צייט אין רוקעניש, אין ווינקעניש, אין בעטעניש, פלאָנטערנדיק זיך דערווייל דער יענעם אונטער די פיס, ביז די לייטישע מענשן האָבן זיך לסוף אויסגעזעצט. שרה די באַלעבאָסטע איז מכבד די געסט גאָר פריינטלאַך מיט טרינקען „שפעציעס"—מיני קריי־טאַכצער, וואָס אַ כפרה פאַר זיי טיי—און מיט שטיקלאַך קאַנדל־צוקער, וואָט אַ כפרה דערפאַר היינטיקער צוקער... מען זיצט זיך, מען בלאָזט און מען טרינקט. איינער פאַררייכערט זיך די פּיפּקע—אַ פאָרצעלייען ליולקעלע מיט אַ זילבערן דעקל און אַ לאַנגן געפלאָכטענעם ציביק; אַ פאָר הוסטן זיך אויס, טאַפּן זיך ביי די בערד, ביי די נעז, און עס הייבט זיך אָן אַ שמועס. אַהין, אַהער, דאָס אַ ביסל, יענעס אַ ביסל, ביז מען קומט אַרויף לסוף אויף אַזאַ שמועס:

— אַך־כאַ־כאַ; די גזרה פון די קליידער איז דאָך טאַקע אַ מיאוס'ע זאַך,—מאַכן אַלע מיט אַ זיפץ,—אידן זאָלן זיך אָנטאָן דייטש: אַ קאַרטוז מיט אַ דאַשיק...—ס'איז דאָך עפּעס משונה, אַ שרעק! און געוואַלט, צו וואָס ריבונו־של־עולם, צו וואָס?... וואָס קאָן „זיי" דאָרט, זיי וואָס קאָן אַרויסקומען דערפון, אַז אידן וועלן זיך שוין אָנטאָן דייטש?... עס מוז דאָך עפּעס אַלץ זיין מיט אַ גאַנג.

— מען שמועסט, דרינען שטעקט אַ שפּיצל;—רופט זיך אָן מיט אַ קניי־טשעלע יענער פון פּיפּקעלע, פאַרציענדיק זיך שטאַרק און אַרויסלאָזנדיק פונ'ם מויל רינגעלאַך רויך;—וואַקסן זאָל עס נאָר וואַקסן... פון וועמען מיינט איר?—פון מאָנטיפיאָרען.

— גאָט איז מיט אייך, רב בער, וואָס רעדט איר?

— אָט דאָס,.וואָס איר הערט. אָבער ר' ברוך הלל'ס מעג מען גלויבן? ער קומט ערשט פון די יאַרידן, און האָט דאָרט מיט זיינע אייגענע אויערן...

— איך האָב אויך עפּעס אַזוינס געהערט.—פליט אַריין אין די רייד אַ רירעוודיקער צאַפּלענדיקער איד, פאַרבייסנדיק אַ ליפּ.—האַ, וואַרט, וואָס האָב איך געהערט?

— שלאָגט ניט איבער, ר' יאָסל,—מאַכט דער עולם,—שאַ!... אַ־נו ר' בער!

— מען שמועסט, הייסט עס,—הייבט עס אָן רב בער געלאַסן, פאַמעלאַך און קייט איטלאַכעס וואָרט, ביז ער ברענגט עס אַרויס פון מויל,—

אַט וואָס! אַז מאַנטעפיאָרע האָט געזען, ס'איז פּע... איז ער געקומען מיט אַזאַ פּראָיעקט: „אדוני מלך! — זאָגט ער. — פאַרקויף מיר דיינע אידן. איך וועל געבן פאַר זיי אַזוי פיל און אַזויפיל מיליאָן."

— הונדערט טויזנט, — האָב איך געהערט, — הונדערט טויזנט מיליאָן! — פּאַלט ר' יאָסל ווייטער אין די רייד אַריין; געמיינט דערמיט נישט די סומע געלט, ווי אַרויסצואווייזן דאָ דעם עולם, אַז ער ווייס אויך, וואָס ס'טוט זיך אויף דער וועלט, נישט ערגער פון אַנדערע.

— מילא, וואָס מאַכט עס אויס, — טוט ר' בער אַ זאָג פאַרדרייענדיק די נאָז, און דערציילט ווייטער: — מהיכא־תיתא, ענטפערט דער קייסער. בקיצור, מען מאַכט באַלד טאַקע אָפּ און מאָנטעפיאָרע גיט דערווייל אַן אַדערוף.

— חלילה, הונדערט טויזנט מיליאָן באַלד טאַקע, באַלד במזומנים. — צעשאָקלט זיך ר' יאָסל.

— אַי, זייט זשע מוחל, ר' יאָסל, שאַ! — בעטן אים אַלע מחילה, ער זאָל שווייגן.

— בקיצור, ער גיט דערווייל אַן אַדערוף, — דערציילט רב בער ווייטער, רואיק־געלאַסן, נישט מאַכנדיק זיך אויס רב יאָסלס רייד, — און דאָס איבעריקע איז ער זיך מתחיב צוטראָגן צום טערמין ביים נעמען די סחורה, די אידן הייסט עס. דערמיט איז מען זיך צעגאַנגען. זיי געזונט — פאַר־געזונט. נאָך אָנבייסן גייט זיך דער קייסער, ווי דער שטייגער איז, אין סענאַט און איז שטאַרק אויפגעראַמט. — „אדוני מלך, — פרעגט אים דער מיניסטער, — וואָס איז די מעשה, וואָס דו ביסט היינט עפּעס אַזוי אויפגעראַמט?" — אַזוי און אַזוי — ענטפערט דער קייסער מיט אַ שמייכעלע, — געמאַכט אַ געשעפטל; פאַר אַזוי פיל פאַרקויפט היינט מיינע אידעלאַך. — „אדוני מלך! — טוט זיך אַ כאַפּ דער מיניס־טער זייער דערשראָקן, — וואָס האָסטו געטאָן? ס'איז אַ מקח טעות!"..
און באַלד טאַקע פירט ער אים אַרויס פון די קאַנטאָרסקע ביכער אַ קלאָרן חשבון, אַז דאָס פּראָצענט, וואָס אַזאַ סחורה — אידן הייסט עס — טראָגט אין אַ געוויסער צייט יאָרן איין, טרעפט העט, העט, מיט אַ שמיצל אַריבער דעם מקח פאַר דער גאַנצער סחורה. — וואָס זשע טוט מען? — מאַכט דער מלך. — גערעדט איז דאָך גערעדט; און פון קייסער אַ וואָרט איז דאָך אַ גזרה. אדרבה, זאָג, האָסט דאָך אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער; פאַל עפּעס אויף אַ הסברה. — „אדוני מלך! — רופט זיך דער מיניסטער אָן, נאָכדעם ווי ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט, — ס'איז דאָ אַן עצה. גיב אַרויס אַ באַפעל, אָבער טאָקע באַלד, אידן זאָלן זיך אָנטאָן דייטש". — גראַם־שטראַם — מאַכט דער קייסר, — וואָס איז שייך דאָס דערמיט?

— „ס'איז רעכט, — זאָגט דער מיניסטער האַלב עפּעס אויפ'ן וואונק, — ווי־

באַלד דייטש, איז דאָך שוין, פאַרשטייסטו מיך. גאָר עפּעס אַנדערש... מיט דיר איז דאָך געגנוג אויפ'ן וואונק. „אַ־אַ, שכל'דיק,—גיט זיך דער קייסער אַ כאַפּ.—דו ביסט ווערט פאַר דער עצה אַ גילדענעם מעדאַל.—הערט זשע, רבותי, דעם שפּיץ:—מאַכט רב בער, נעמענדיק זיך אויסרייניקן מיט אַ דרעטעלע דאָס פּיפּקעלע פונ'ם אַש:—אַקוראַט צום טערמין קומט מסתמא מאַנטעפּיאָרע.

— ניט אַזוי; ער קומט נישט, ער לאָזט זיך מעלדן.—קען זיך ר' יאָסל נישט איינהאַלטן, צעשאָקלט זיך און פאַלט ווידער אַריין אין די רייד.

— שאַ, זייט זשע מוחל, האַלט זיך איין אַ ווײַלע און שלאָגט נישט איבער, ר' יאָסל!—בעט דער עולם, וואָס איז זייער טשיקאַווע צו הערן דעם סוף.—נו, ר' בער, נו, נו...

— קומט ער, הייסט עס,—הייבט אָן רב בער ווייטער דעם שמועס, ציענדיק די ווערטער ווי יענעם אויף צו להכעיס, און שמאָרענדיק פאַר הנאה,—קומט ער, אַזוי ווי איך זאָג אייך דאָ, צום טערמין און מאַכט כהאי לישנא: „אדוני מלך! נאַ דאָס מותר און לאָמיך נעמען די סחורה, אידן הייסט עס.“—אך, מאַכט דער קייסער, מהיכא־תיתא, גיי דיר, זיי מוחל, און וואו דו וועסט דערזען אַ אידן, נעם דיר אים, די סחורה דיינע... מאַנטעפּיאָרע לאָזט זיך לאַנג נישט בעטן און גייט. ער גייט אין איין שטאָט—נישטאָ, נאָך אין אַ שטאָט—נישטאָ. בקיצור אין בערדיטשעוו—אויך נישטאָ; קיין סימן אפילו נישט פון אַ אידן; אַלע אידן זיינען אָנגעטאָן דייטש—דייטשן!

— אָוואַ, אָוואַ!—מאַכט דער עולם פאַרוואונדערט.—אַזוי, זאָגט איר, אַזוי שמועסט די וועלט!

— עט! מאַכט ר' חיים מיט אַ שמייכעלע,—נישט תמיד איז אמת, וואָס ס'טראָגט זיך אַרום אין דער וועלט, ס'איז זיך אַ מימרא...

— אַזוי צי אַזוי, דער ווייל איז שפּל.—זאָגט דער עולם מיט אַ קרעכץ.—די גזרה איז דאָך טאַקע אַ גזרה! מילא די קאַפּאָטע ווי די קאַפּאָטע; וועט מען אין איר מאַכן אַ האַק, דער גוטער יאָר וועט זי נישט נעמען מיט אַ שפּאַלט פון הינטן אויך, אָבער אַ קאַרטוז—רבונו־של־עולם! אַ קאַרטוז!... רב חיים! פאַלט עפּעס אויף אַן עצה, האַ, וואָס טראַכט איר, רב חיים?

— איך טראַכט,—ענטפערט רב חיים נאָך עטלאַכע מינוטן שווייגן, רייבנדיק זיך דעם שטערן,—איך טראַכט, ס'איז דאָ אַן עצה, אידישע קינדער! זאָגט מיר, רבותי, וואָס איז אַזוינס אַ קלאַפּאָווע היטל?

— וואָס הייסט,—וואונדערן זיך אַלע אין איין קול,—אַ אידיש קלאַפּאָווע היטל איז אַ קלאַפּאָווע היטל, אַ וואָכעדיק היטל מיט קלאַפּן, גוט צוגענייט אונטן, אויך צום ווערכל אויבן. ווער ווייס עס דען נישט אַ אידיש קלאַפּאָווע היטל?!

— מילא,—שמייכלט ר' חיים מיט אַ קנייטשעלע,—מה רעש? וועט דאָס שטיקל פּאָרנט ניט צוגעניית זיין צוםווערכל, נאָר מיט דער אונ־טערשטער זייט אַליין, אַזוי אַז עס זאָל זיך קאָנען אָפּלייגן; וויל מען, איז דאָס ווי היינט אַ היטל, כשר אידישלאַך, וויל מען, לייגט מען עס אָפּ, קומט עס אויס אַ דאַשיק, איז מען יוצא לכל הדעות און פּטור. און וואָס קען מען צו אַ אידן מיט אַזאַ היטל האָבן? אַ דייטש!...

— טאַקע וואו תורה דאָרט איז חכמה. לאַנג לעבן זאָלט איר, ר' חיים!—זאָגט דער עולם גאַנץ צופרידן, אָנווינשנדיק אים אַ פולן קאָפּ.

ש. י. אַבראַמאָוויטש.

## מענדעלע מוכר־ספרים.

(ביאגראפיע)



ש. י. אבראמאָוויטש
1836-1917

מענדעלע מוכר־ספרים, אָדער שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, ווי ער האָט באמת געהייסן, איז געבאָרן גע־וואָרן אין דעם יאָר 1836, אין דעם שטעטל קאַפּוליע, מינסקער גובערניע. זיין פאָטער איז געווען איינער פון די שענסטע באַלעבאַטים פון שטאָט.

שלום יעקב האָט צוערשט געלערנט אין חדר, נאָכדעם אין אַ ישיבה. צו פערצן יאָר האָט ער שוין געהאַט גרויסע ידיעות נישט נאָר אין תנך און אין דער העברייאישער שפּראַך, נאָר אויך אין תלמוד. צו יענער צייט איז ביי אים געשטאָרבן דער פאָטער, און די מוטער זיינע האָט צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט פאַר אַ מילנער פון דעם דערבייאיקן דאָרף. שלום יעקב האָט אַ געוויסע צייט געלערנט אין פאַרשיידענע שטעטלאַך, און שפּעטער האָט ער זיך באַזעצט ביי זיין מוטער אין דאָרף און האָט גע־לערנט מיט די קינדער פון זיין שטיף־פאָטער.

די נאַטור ארום מיל איז געווען זייער אַ שיינע און האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף דעם יונגן אַבראַמאָוויטשן. דאָרט, אין דאָרף, האָט טאַקע אַבראַמאָוויטש אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט, און צו־ערשט האָט ער, ווי אַלע אַנדערע שרייבער פון יענער צייט, אָנגעהויבן שרייבן אויף העברייאיש.

צו זיבעצן יאָר האָט זיך אַבראַמאָוויטש אַוועקגעלאָזט אין דרום רוסלאַנד. דאָס האָט ער באַגלייט זיינע אַ מומע אַן עגונה, וועלכע איז געפאָרן אין יענער געגנט זוכן איר פאַרשוואונדענעם מאַן. געפאָרן זיינען זיי מיט איינעם אַ שנאָרער, אַברמ׳ל דער הינקעדיקער, וועלכער האָט זיי אויפ׳ן וועג אויסגענוצט און געשיקט בעטלען און שנאָרן פאַר אים. לסוף אָבער האָט זיך אַבראַמאָוויטש באַפרייט פון דעם שנאָרער און איז געבליבן אין דער שטאָט קאַמענעץ. דאָרט האָט ער זיך באַקאַנט מיט דעם העברייאישן דיכטער גאָטלאָבער, וועמעס טעכטער עס האָבן אַבראַמאָוויטשן געלערנט רוסיש, דייטש און רעכענען. שפּעטער האָט אַבראַמאָוויטש אויסגעהאַלטן עקזאַמען און איז געוואָרן אַ לערער אין אַ אידישער רעגירונגס־שול.

אין דער זעלבער צייט הייבט אַבראַמאָוויטש אָן פיל זיך אָפּצוגעבן מיט ליטעראַרישער טעטיקייט. ער גייט ביסלאַכווייז אַריבער אויף אידיש. אין זיינע ליטעראַרישע ווערק גיט אַבראַמאָוויטש איבער אַ בילד סיי פון זיין אייגן שטעטל, וואו ער האָט פאַרבראַכט זיין יוגנט („שלמה רב חיימ׳ס“), סיי פון די פאַרשיידענע קבצנים און שנאָרער, מיט וועלכע ער האָט זיך געטראָפן אומוואַנדערנדיק מיט אברמ׳ל דעם שנאָרער („פישקע דער קרומער“), סיי פון די פאַרשיידענע אידישע קהל׳ס לייט, וואָס האָבן שטאַרק עקספּלואַטירט דעם פּשוט׳ן ברייטן עולם („די טאַקסע“). מענדעלע מאָלט אויך אין זיינע ווערק די באַוועגונג, וואָס איז אין זיין צייט אָנגעגאַנגען ביי אידן — אָנצוהויבן לערנען ניט נאָר רעליגיעזע זאַכן, נאָר אויך וועלטלאַכע — די השכלה־באַוועגונג („דאָס קליינע מענטשעלע“ און „ווינש־פינגערל“). ער האָט אויך אָנגעשריבן ווערק אויסער די אויסגערעכנטע.

אַבראַמאָוויטש האָט זיך געגעבן דעם פען־נאָמען מענדעלע מוכר־ספרים און אונטער אָט דעם נאָמען איז ער באַוואוסט געוואָרן מיט זיינע ווערק אין די ברייטערע אידישע שיכטן. ער האָט זייער ליב געהאַט די אידישע שפּראַך, ער האָט זיך זייער פיל אָפּגעגעבן מיט אויסאיידלען און פאַרפיינערן זי. מענדעלע האָט באַקומען דעם נאָמען „דער זיידע פון דער אידישער ליטערטור“.

אַבראַמאָוויטש איז אין משך פון אַ סך יאָרן געווען דער פאַרוואַלטער פון דער גרויסער אידישער האַנדווערק־שול אין אָדעס אונטער׳ן נאָמען „אַרבעט“. אין 1910 איז מיט גרויס פּאַראַד געפייערט געוואָרן אַבראַמאָוויטשעס פינף און זיבעציק יעריקער יובעלייאום. ער איז געשטאָרבן דעם 8־טן דעצעמבער 1917.

## ביאָגראַפיע.

אַ ביאָגראַפיע איז אַ ליטעראַרישע זאַך, אין וועלכער דער שרייבער דערציילט וועגן דעם לעבן פון אַ געוויסער פּערזאָן. זייער אָפּט הייבט מען אָן אין אַ ביאָגראַפיע צו דערציילן וועגן דער פּערזאָן פון איר געבוירן אָן און ביז איר טויט.

ווען אַ פּערזאָן דערציילט אַליין איר ביאָגראַפיע, רופט מען עס דאַן — אַן אויטאָביאָגראַפיע.

# אידישע קאָלאָניעס.

(פון דער דערציילונג „שלמה רב חיים'ס")

ווי מיט דעם ווינט האָט זיך אין יענער צייט פאַרטראָגן אין דעם שטעטל אַ נייס וועגן אידישע קאָלאָניעס. די רעגירונג, הייסט עס, גיט אידן ערד צו באַזעצן זיך אויף איר און צו באַאַרבעטן. דידאָזיקע נייעס האָט, ווי געוויינטלאַך, קייקלענדיק זיך ווי אַ קנויל פון מויל צו מויל, זיך פאַרפּלאָנטערט, אַזוי אַז ס'איז שווער געווען אויפצופּלאָנטערן. וואָס קאָלאָניעס, ווען קאָלאָניעס, וואו געבן ערד, ווי געבן, ווען מען געבן?—אָט דרינען איז עס דאָס גאַנצע פּלאָנטערניש. און די מיינונגען דעריבער זיינען פאַרשיידן. דאָס שטעטל איז דערמיט אויף. אומעטום—אין מאַרק, אין בית־מדרש, אויפ'ן שולהויף שטייען רעדלאַך מענשן און מען רעדט, מען אַמפּערט זיך, שרייענדיק, זידלענדיק זיך אויף אַ קול.

איך בעט אַייך, רב זעליק,—טענה'עט כייקל דער הינקעדיקער, וואָס איז שטאַרק פאַרברענט אין די קאָלאָניעס,—זאָגט מיר, פילאָסאָף מיינער, וואָס בעקעט איר מיר, וואָס עט־עט איר מיר? וואָס זאָל אַזוינס אייער בע,עט באַדייטן? אַזאַ זאַך, וואָס איז פאַר אידן אַ גליק, איז מען מיט אַזאַ חקירה'לע, מיט אַ קנייטשעלע: עט, בע! ניט מבטל!

וואָס האָב איך מיט דיר, כייקל, צו טענה'ן, אַז דו ביסט... האָב קיין פאַריבל ניט, — ענטפערט רב זעליק מיט אַ קנייטשל, אַ שמעק געבנדיק טאַביק,—אַז דו פאַרשטייסט ניט דעם תמצית, דעם תוך, הייסט עס פון אַ זאַך. מען גיט קאָלאָניעס! וואָס הייסט מען גיט? נאַ, כייקעלע, נאַ דיר און זיי אַ פּריץ!

— אָט דאָס אייגענע טאַקע זאָג איך דאָך מיין־פּייוואושקען אויך.—מישט זיך אַריין אין שמועס יאַנקל דער מגיד.—אַ פּריץ מיינסטו זיין? אָ, ניין! עס שמעקט, מחילה, מיט... מיט, מיט וואָס הייסט מען עס... וואָס מע טוט אַ פּויער. נאָך מער, מע זאָגט טאַקע, באשר פאַר נישט גוט אַרבעטן, צי וויס איך וואָס פאַר עפּעס וואָס, איז קומט אָפּגעבן פאַר אַ רעקרוט אָדער

נאָך פאַרשיקן קיין קליין ארץ־ישראל – סיביר, הייסט עס! פּיוואָוש־
קע, זאָג איך, דו קנעלסט? קנעל טאַקע ווייטער. יעקב איז ניט עשו.

— ניין!–הערט זיך אַ קול פון אַ צווייטן רעדל–אין די היגע גובער־
ניעס פאַר קיין געלט ניט! בעסער אַהין, אין יענעם ווינקל – אין יעקאַ־
טערינאָסלאַוו, אין כערסאָן.

— יאָ, טאַקע אַהין. גאַנץ גוט. אָבער געלט, געלט, געלט?–לאָזט זיך
הערן נאָך אַ קול.

— מע גיט געלט!... ס'איז דאָ געלט!... ס'וועט זיין געלט... שאַ, וואָס
זאָגט רבּ חיים? רבּ חיים וואָס זאָגט? לאָז מען מאַכן אַן אסיפה,
אַן אסיפה! שרייען עטלאַכע מנינים העלזער מיטאַמאָל.

אויף דער אסיפה האָט זיך דערקלערט, אַז די מעשה דערפון
איז אַזוי: פיל פון די טויזנטער אידן אין „בעלאָרוסיע”, אַרויסגעטריבענע
פון די דערפער און פון אַזוי דאָרטיקע אידן, וואָס האָבן אין יאָר 1806
דערלאַנגט „פּראָשעניעס”, אַז זיי ווילן באַאַרבעטן די ערד אין „ניי־
רוסלאַנד”, האָט די רעגירונג באַזעצט דאָרט אויף איר ערד, אונטער־
שטיצנדיק זיי מיט געלט־מיטלען. באַלד טאַקע אין יאָר 1810 איז אַרויס
אַ פאַראָרדענונג: אַזוי ווי עס האָט זיך אויסגעלאָזט געלט דערויף ביי
דער רעגירונג, זאָל מען מער קיין אידן ניט שיקן אַהין אין די קאָלאָניעס.
אין ניין יאָר אַרום האָט מען ווידער צוגעלאָזט אידן צו באַזעצן זיך דאָרט,
נאָר אויף זייערע אייגענע מיטלען דערצו. אין אַ פיר יאָר אַרום האָט מען
ווייטער קיין נייע קאָלאָניסטן אַהין ניט צוגעלאָזט. און לויט דעם געזעץ פון
1835 יאָר, און די ווייטערדיקע אין יאָר 1847 האָבן אידן געמעגט ווערן
ערד־אַרבעטער אויף קאַזיאָנע ערד אין אַלע ערטער, וואו זיי מעגן וואוי־
נען. באַזונדערס האָט די רעגירונג זיי אָנגעוויזן יעקאַטערינאָסלאַווער
און כערסאָנער גובערניעס. מיטלען אויף הוצאות און אונטערהאַלטן
זיי האָט מען באַדאַרפט נעמען פון דער טאַקסע, פון'ם „קעסטל” הייסט
עס.–ווי באַלד אַזוי, פון קהל'ס געלט, האָט זיך קהל פאַרטראַכט
און ס'איז געבליבן–נאָך אַמאָל אַן אסיפה.

פון דער אסיפה איז, ווי דער שטייגער איז, גאָרנישט אַרויסגעקומען.
מען האָט באַדאַרפט געלט, און געלט איז נישטאָ! לא די וואָס ניטאָ,
איז נאָך אויף דער שטאָט דאָ חובות פון ניט דערצאָלטע שטייערן.
מען מאָנט שטאַרק, מען שטעלט אַריין עקזעקוציעס. אויפ'ן עולם
רוקט זיך אָן אַ וואָלקן מרה־שחורה, קליין און גרויס זיינען פאַר־
אומערט און מען פרעגט, ווען וועט נעמען אַ סוף צו די צרות? אידן
אין בית־מדרש, אונטער'ן אויוון, ריידן דאָרט צווישן זיך פון משיח־
צייטן. מען דערציילט פון אַ נייעם „קץ”, וואָס אַ געוויסער רב אַ
גדול בישראל, האָט געפונען אין אַ פסוק. עס ווערט בשעת־
מעשה עפּעס גרינגער אויפ'ן האַרצן און פון די אויגן שיינט אַרויס האָפ־

נונג—ניש׳קשה! גאָט איז אַ גאָט און זיינע אידעלאַך וועלן ניט פאַר־פאַלן ווערן!

די „פני־העיר״ פאַרקלייבן זיך אָפט איינער צום אַנדערן מישב צו זיין זיך וועגן כלל־זאַכן. מען שמועסט, מען טראַכט אַהין, אַהער, און אויסלאָזן לאָזט זיך אויס תמיד גאַנץ געוויינטלאַך מיט אַ קרעכץ: אוי, העלף דיין פאָלק ישראל, גאָטעניו! עס שטייט שמאָל, טע־טע־טע, מיט דיינע אידעלאַך!

ס׳איז אַ ווינטער־אָוונט. אין דרויסן אַ ברענענדיקער פראָסט. ביי רב חיימ׳ען אין שטוב אויפן „לוטשניק״ ברענט אַ פריילאַך פייערל. אינדערזייט, ביים וואַרעמען קאַפּל־אויוון זיצט אַרום אַ טיש רב חיים מיט עטלאַכע אָנגעזעענע מענשן אין שטעטל און מען האַלט אין אַ טיפן שמועס וועגן וויכטיקע ענינים פון שטעטל.

עס עפנט זיך מיטאַמאָל אויף די טיר, וואָס צו דער גאַס צו; אַ קאַל־טער שטראָם רייסט זיך אַריין פון דרויסן און ציט זיך אַ ווײַלע, ווי אַ הע־לער זייל פאַרע, איבער דער שטוב; עס לאָזן זיך הערן שווערע טריט מיט אַ סקריפּ און פונ׳ם זייל פאַרע ווייזט זיך אַרויס אַ געשטאַלט פון אַ מענשן.

— אַ, ליפּע!—שרייען אויס אַלע מיט איין קול.—שלום עליכם, ליפּע!

ליפּע איז פון באַלעבאַטישן שטאַנד, אַלט אַ יאָר עטלאַכע און דריי־סיק, איז דורכגעטריבן, קלוג, אַ ווערטל־זאָגער, אַ באַהאַרצטער, תמיד פריילאַך, אפילו נישט אין די גוטע אומשטענדן, ווי עס גיט זיך אַמאָל אויס אַ פריילאַכער אָרעמאַן, און איז באַליבט ביי איטלאַכן אין שטעטל. אַז ס׳איז אַרויס דער קלאַנג וועגן אידישע קאָלאָניעס, האָט זיך ליפּע ניט אַריינגעלאָזט, ווי אַנדערע, אין טיפע חקירות. ער איז ניט פויל געווען אויפ׳ן גאַנג און זיך געלאָזט באַלד טאַקע גיין אין דער אויעזדנער שטאָט, פון דאָרט אין דער גובערנסקער, צו דערגיין זיך וועגן דעם אַלצדינג ריכטיק און וואָס מען האָט צו טאָן.

ליפּע פאַרטיקט זיך אָפּ גיך מיט איטלאַכן מיט׳ן „שלום עליכם!״, מאַכט עס בקיצור. צענעמט דאָס טולעפּל, טרייסלט אָפּ פונ׳ם בערדל פאַרפרוירענע שטיקלאַך אייז, שטעלט זיך דערנאָך נאָענט צום לוטשניק, וואַרעמענדיק די הענט אַקעגן דעם פייערל. דער עולם באַטראַכט אים פריינטלאַך. און פלוצים שיסן אויס אַלע אַ געלעכטער, טייטנדיק מיט די פינגער אים אויף די פיס:

— וואָס איז דאָס אַזוינס, ליפּע?

— לאַפּטיעס!—ענטפערט ליפּע גאַנץ קורץ, מאַכנדיק דערביי אַן ערנסטע מינע.

— צו פּורים איז נאָך ווייט, און דו, ל ץ איינער, מאַכסט שוין די שפּיל, פֿאַרשטעלסט זיך באַצייטן.—זאָגן אַלע, נישט אויפהערנדיק צו לאַכן.

און ב א מ ת איז טאַקע געווען פון וואָס צו לאַכן. לאַפּטיעס, שיך אַזוינע, געפלאָכטענע פון אַ ווייכער קאָרע, מיט לאַנגע שנירלאַך, וואָס דרייען זיך אַרום לייוונטענע שמאַטעס אויף די פיס ביז די קני—דאָס טראָגן אין ליטע פויערים, פון גראָבן ע ו ל ם . אַ אידן, דעם גרעסטן אָרעמאַן א פ י ל ו , קומט גאָר אויפ'ן געדאַנק ניט אָנטאָן לאַפּטיעס, פּונקט ניט ווי עסן ח ז י ר . ער וועט גיין בעסער מיט אויסגעטראָטענע פּיאַטעס אָדער באָרוועס ווינטער אין דעם גרעסטן פראָסט, איידער איינוויקלען מיט „פּאַסטעלעס" די פיס און דערויף אָנטאָן לאַפּטיעס. אַ איד אין פּאָס־טעלעס איז גאָר ניט געמאָלט, סיידן א פ ש ר פ ו ר י ם. עפּעס אַ שלאַק אַ פ ו ר י ם־שפּילער, אָדער אַ ב ד ח ן, אַלץ אַמאָל אויף ח ת ו נ ו ת.

— איך פאַרשטעל זיך גאָר ניט פאַר אַ פויער, ווי איר זאָגט,—מאַכט ליפע מיט אַ קלוג שמייכעלע,—איך בין עס היינט טאַקע ב א מ ת . ב כ ד י צו פאַרשפּאָרן איטלאַכן, איטלאַכן באַזונדער אין שטעטל עס צו וויסן געבן, מיט איטלאַכן באַזונדער אויס'ט ע נ ה'ן זיך, נעם איך און טו אָן לאַפּ־טיעס. נאַט, זעט, הייסט עס, ווייסט אַליין, וואָס איך בין, און לאָזט מיך צורו.

— אַזוי, ליפע,—רופן זיך אָן אַלע,—דו ביסט אַ קאָלאָניסט? דערצייל זשע אונז אַלצדינג אַקוראַט, לאָמיר וויסן.

ליפע האָט קלאָר געמאַכט דאָ דעם ע ו ל ם מיט דעם גאַנצן ע נ י ן פון די קאָלאָניעס און די אַלע זאַכן, וואָס ווערן געפאָדערט דערצו, קורץ און שאַרף אויף זיין שטייגער. ער האָט אויך דערציילט, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט; די מי, וואָס ער האָט געהאַט, ביז ער האָט זיך צוגעשלאָגן צו אַ קאָמפּאַניע מענשן, וואָס מיט זיי אינאיינעם וועט ער זיך באַזעצן אויף אַ קאָלאָניע אין כערסאָנער גובערניע. אויף איטלאַכער געזינד פון זעקס פאַרשריבענע נ פ ש ו ת רעכנט זיך צו געבן פערציק דעסיאַטין ערד.

— און די ערד באַאַרבעטן ווער וועט?—רופט זיך אָן איינער פון ע ו ל ם.—דו מיינסט, ליפע, אַז דו ביסט אַריין אין לאַפּטיעס, ביסטו שוין אַ פויער און טויגסט צו דער אַרבעט! מע באַדאַרף דערצו א ר ג י ל ו ת .

— זאָרגט זיך ניט! רש"י האָט שוין באַוואָרנט.—מאַכט ליפע מיט אַ שמייכעלע.—אין די אידישע קאָלאָניעס פירט איין די רעגירונג „שולצן" (סטאַראָסטעס) פון דייטשן, פון וועלכע מען וועט זיך לערנען די אַרבעט.

— יאָ, רעכט, אַלץ רעכט,—רופט זיך אָן נאָך איינער,—אָבער געלט, אויף דער ערשטער צייט געלט. פון דער טאַקסע? 170 רובל אויף אַ קאָ־לאָניסט, ווי מען זאָגט, פון דער טאַקסע? שווערלאַך! ק ה ל איז אָרעם און די ה צ ט ר כ ו ת זיינען גרויס. מען באַדאַרף אויף דאָס, אויף יענעס.

— שאַ, באַרואיקט זיך!—שלאָגט ליפּע איבער יענעם די רייד.—אַביסל געלט האָב איך פון פריער, אַביסל האָב איך נאָך געכאַפּט פון ש ד כ נ ו ת: אין איין וועג טאַקע האָב איך אויסגעפירט אַ ש י ד ו ך. היינט רעכן איך, פון מיין באַלעבאַטישקייט, וואָס איך וועל דאָ פאַרקויפן, וועט מיר עפּעס אויך אַריינפאַלן. א פ ש ר וועט מיר פעלן אַ קלייניקייט, פאַר־האָף איך, מען וועט מיר דאָ באַהילפיק זיין. וואָס זאָגט איר, ר ב ח י י ם?

— איך זאָג, דו ביסט אַ מענש, ליפּע! ה ל ו ו א י ווי דו, מיט ליבשאַפט צו ערדאַרבעט, מיט מוט, מיט אייגענע קרעפטן, אַ ס ך אַזעלכע ביי אונז אידן!

— ש ר ה, דערלאַנג צום טיש כּ י ב ו ד—גריוון מיט אייערבייגל, צו וועלכע מען באַדאַרף זיך ניט וואַשן. און לאָז בעטן זייער שיין דעם ע ו ל ם ב ר כ ה מאַכן.

— אַז גאָט וועט געבן,—ווענדט זיך ליפּע צו ש ר ה 'ן,—וועל איך אייך, ש ר ה, שיקן פון דער קאָלאָניע אַ מ ת נ ה גוטע געגזלאַך; דאָרט איז, ווי מען זאָגט היינט אומעטום אין דעם לידל: „פון אַלעם גוטן, ברויט ניט טייער, אַ פּייעם אַ ציג, אַ הון אַ דרייער!"

ש. י. אַבראַמאָוויטש.

# חדר און השׂכּלה.

## יאָסעלע.

(דערציילונג)

רבֿ בערל איז אַ מלמד, אַ מוצלח אין שטאָט.

ביי אים אין חדר לערנען לויטער באַלעבאַטישע קינדער.

— ר' בערל—רעדן מיט קנאה אַלע אַנדערע מלמדים—איז אַ מוצלח, נישט מער ווי אַ מוצלח; כאָטש ער לערנט זיך נישט איבער מיט זיינע תּלמידים, הייסט ער אַ בעל־פּועל; און כאָטש ער שלאָגט ווי אַלע און שמייסט אויך ווי דער שטייגער איז, הייסט ער אַ גוטער, אַ ווייסער, ווי מיט ציטעריקע קינדער אומצוגיין. און די הצלחה שפּילט אים: עס איז אַ כּבוד אַ קינד צו ר' בערלען אין חדר אַוועקצוגעבן.

און ר' בערל פאַרשטייט טאַקע, ווי זיינע תּלמידים צו שלאָגן, און ווייס נאָך מער, ווי מיט זייערע טאַטע־מאַמעס צו קנעלן...

לייבעלע, ר' שלמה בעל־טאַקסעס בן־יחיד, מעג דעם גאַנצן חדר קאַפּויר איבערקערן, מאַכט זיך ר' בערל נישט זעענדיק און בייזערט זיך אַפילו צו הויך נישט אָן אויף אים.

ער ווייס, ווי ציטעריק, ווי טייער לייבעלע איז ביי זיין מאַמען שיינדעלען, און ווי גרויס איר נחת איז, אַז ער, ר' בערל, קומט מיט איר מאַן אַמאָל שבת פון שול אויף ברכה צו איר, און ער דערציילט איר, וואָס פאַר אַ קלוג שטיל קינד איר לייבעלע איז, אָן עין־הרע, ביי אים אין חדר... און ער וואונדערט זיך נאָר, וואָס האָט מען אים אַזוי גרויס די אימה געמאַכט, אַז לייבעלע איז אַ שטיפער, אַ קאַפּריזנער, און עס וועט אים שווער זיין אויסצוקומען מיט אים אָן אַ קלאַפּ.

— איך ווייס ניט,—זאָגט ר' בערל זיך וואונדערנדיק,—ביי מיר איז ער שטיל ווי אַ טייבעלע, פאָלגט, לערנט און וויל לערנען. און זאָל לייבעלע זאָגן, צי שלאָג איך אים, צי בייזער איך זיך אַפילו אויף אים? און באמת פאַרשטיי איך גאָר ניט, צו וואָס שלאָגט מען אַ קליין קינד אין חדר? שלאָגן איז קיין שׂכל ניט! נאָר שׂכל דאַרף מען האָבן, און אין מלמדות, זאָג איך אייך, ליגט אַ שׂכל גדול...

מיט דעמזעלבן שׂכל טענה'ט זיך ר' בערל אויס שטענדיק מיט מנשה מילנער, וואָס האָט טענות צו אים פאַר זיינע ביידע קינדער, וואָס לערנען שוין דעם דריטן זמן ביי אים און קענען נאָך אַלץ ניט רעכט עברי זאָגן.

— אַ ד ר ב ה ,—מאַכט בערל און דערקלערט מ נ ש ה'ן זיין ט ע ו ת,— אַ ד ר ב ה , וואָס שווערער עס גייט צו מיט ע ב ר י , אַלץ גרינגער, וועט איר זען, ווען צוגיין מיט ח ו מ ש מיט ר ש " י. דאָס איז דאָך אַ באַוואוסטע זאַך, אַז ד ו ק א די גרויסע ל ו מ ד י ם , די שאַרפע קעפּ קענען אַ וואָרט ע ב ר י ניט. און וואָס איז די מ ע ש ה , מיינט איר? פּ ש ו ט , ווייל אַ גוטער קאָפּ טראַגט ניט אויף אַ קליניקייט, וואָס ליגט אין דעם קיין ש כ ל ניט... אָט זעט איר, אין ח ו מ ש , פאַרזיכער איך אייך, וועלן אייערע קינדער ערשט אַרויסווייזן די פּ ע ו ל ה , וואָס איך טו מיט זיי. קעפּלאַך האָבן זיי פייער!...

אַ פּ י ל ו איצע שניטקרעמערס מ ז י ק , וואָס האָט דעם נאָמען מ ש ה'לע מ ז י ק נאָך אין דערהיים באַקומען, און וואָס אַ פּ י ל ו אין ח ד ר איז אים קיין מ ע ש ה נישט צו קליין, און אָט־אָט, דאַכט זיך, האָט ער שוין דעם ר ב י'ן פון געדולד אַרויסגעבראַכט, און ר' בערל הייבט אויף דעם קאַנטשיק צו באַווייזן אַזאַ שייגאַץ, ווי פאַר אַ ר ב י'ן ד ר ך־א ר ץ צו האָבן, פאַלט דער קאַנטשיק זעלטן אויף מ ש ה'לען און טרעפט שטענדיק אומגערן יאָסעלען, כיענע דער ש מ ש'טעס אינגל, וואָס האָט די ז כ י ה אין ח ד ר ביי אַ ברעג טיש צו זיצן, ר' בערלען ר ב י אָנצורופן, כאָטש לערנען מיט אים פאַרגעסט זיך ר' בערל זייער אָפט.

יאָסעלע, אַ שטיל אויסגעמאָגערט קינד, כאַפּט דעם קלאַפּ אַ מאָל גאָר גלייכגילטיק, ווי ער וואָלט צו דעם שוין געוואוינט געווען, און אַ מאָל גיט ער אויף אַ געשריי און פאַרצאַפּלט זיך.

— נאַרעלע,—מאַכט דער ר ב י צו אים אין אַזאַ פאַל,—וואָס וויינסטו? ניט דיך האָב איך דאָך געמיינט; אָט דעם שייגאַץ האָב איך געוואָלט טרעפן, צו אים האָב איך אַ ט ע נ ה! און דו, מ ז י ק,—ווענדט ער זיך צו מ ש ה'לען,—מיינסט, אַז איך האָב דיך היינטיקס מאָל ניט געטראָפן, ביסטו שוין פּ ט ו ר? זאָג אים, יאָסעלע, אַז דער ע י ק ר איז ניט די שמיץ, נאָר דער מיין, פאַרשטייסט?...

כאָטש יאָסעלע פאַרשטייט עס ניט, גענוג כאָטש אַ גוט וואָרט פונ'ם ר ב י'ן—און ער באַרואיקט זיך.

עס טרעפט אָבער, ווען יאָסעלע זיצט אַ הונגעריקער, די מאַמע האָט היינט ניט געהאַט אויסער אַ טרוקן שטיקל ברויט, וואָס אין ח ד ר איז מיטצוגעבן. דער ר ב י איז גראַד איצט אויפגעבראַכט אויף דער ר ב י'צין, וועלכע האָט ט ע נ ו ת צו אים, וואָס ער דערגייט ניט דאָס און יענעס. און אין אַזאַ ר ג ע, אַז ווער פון די רייכע ציטעריקע קינדער ברענגט אים פון געדולד אַרויס, פאַלט דער קאַנטשיק אויף יאָסעלעס רוקן מיט אַזאַ כ ּו ח , אומגערן, דאַכט זיך, אַז דאָס קינד גיט נאָר איין האַרצרייסנד געשריי, ווערט שוואַרץ און בלוי, און עס געוועדט עטלאַכע סעקונדן, איידער עס דערהערט זיך זיין וויינען און כליפּען שטילערהייט.

דער רבי לאָזט אים אין אַזאַ פאַל אויסוויינען זיך, נאָר אַז עס געוועט אַ מאָל צו פיל, גיט ער אַ געשריי:

— שטיל! קיין אוק נישט מער! אַ יחסן וועסטו זיין ביי דיין מאַמען! ביי מיר אין חדר האָב איך פיינט יחוס. נישטאָ קיין יחסנים! געקוילעט האָב איך אים? אַ פליג אפשר, אי דאָס אומגערן, האָב איך מיט'ן קאַנטשיק פון רוקן אַראָפּגעטריבן; קאָן ער זיך גאָר נישט איינשטילן!

אַמאָל, כאַטש זעלטן, טרעפט אויך, אַז ר' בערל ווערט אָנגעצונדן אויף אַלע אינגלאַך אין חדר. שטיפנדיק האָט ווער פון זיי אַ שויב אויסגעבראָכן. ר' בערל ווייס, דאָס איז זיין היזק... צוואַנציק קאָפּיקעס, ניט געגעסן ניט געטרונקען,—שרייט די רבי'צן,—אַ ריס אין האַרצן! זי ווייס אויך, אַז די מאַמע פון'ם שולדיקן אינגל וועט נאָך אין כעס ווערן, אַז מען וועט קומען מאָנען פאַר אַ שויב אַן אויסגעבראָכענער אין חדר. אָדער עס טרעפט נאָך ערגער: משה'לע מזיק האָט אין אַ טאָפּ דאָס גאַנצע זאַלץ אַריינגעשאָטן, ווען די רבי'צן האָט זיך אויף אַ רגע פון טאָפּ אָפּגעקערט. זי פּאַרזוכט, שפייט אויס און שרייט:

— אַזעלכע משומדים! וואו איז געהערט געוואָרן—אָנשיטן אין טאָפּ זאַלץ, דער רבי זאָל ניט האָבן וואָס צו עסן?! נאַ, פּאַרזוך,—דערלאַנגט זי דעם רבי'ן דעם לעפל,—וועסטו נחת האָבן פון דיינע ליבהאַרציקע תלמידים!

דער רבי נעמט דעם לעפל צום מויל, שפייט באַלד אויס און גיט אַ געשריי: „ביז איינעם! אַלעמען שמייסן, ווער דאָס זאָל ניט זיין, אַז בלוט וועט שפּריצן!

— יאָסעלע!—גיט ער אַ רוף דאָס אָרימע קינד, וואָס זיצט אין אַנדערן חדר און וויגט צו דאָס קינד דעם רבי'נס.—גיי נאָר אויפ'ן הויף, לעבן מיסט-בערגל וואַלגערן זיך, דאַכט מיר, אַ פּאָר אַלטע בעזימס. קלייב אויס עטלאַכע גוטע ריטלאַך, טראָג אַריין, וועסטו זען, ווי זיי וועלן שפּרינגען אויס'ן הויט.

יאָסעלען זאָגט דאָס הערצל, אַז נאָך פריער פאַר אַלעמען וועט ער די ריטער פּאַרזוכן; נאָר נישט גיין, נישט פאָלגן האָט ער מורא. ער ווייס פון פּראַקטיקע, אַז פאַר זיך לאָזן בעטן כאַפּט ער אַ פּאָר שמיץ מיט'ן קאַנטשיק ביז די שמיץ פון די ריטער, און ער גייט און טראָגט אַריין.

דער רבי נעמט צו די ריטער, פּאַכעט מיט זיי אין דער לופטן, אַ שרעק צו וואַרפן אויף זיינע תלמידים.

— נו, וואָס וואַרטסטו?—פרעגט ער יאָסעלען, וועלכער האָט מורא אָוועקצוגיין וויגן דאָס קינד ווי ביז אַהער.—גיכער, שפּיליע אָפּ די הייזלאַך, וועל איך טאַקע דיך דעם ערשטן אָפּשמייסן און דערנאָך זיי אַלעמען ביז איינעם!

— רבי, ניט איך האָב עס געטאָן; איך האָב גאָר חיה'לען געוויגט.—

פרוואוט זיך יאָסעלע אָפּבעטן.—פרעגט די רבי'צן, איך בין אפילו פון חדר ניט אַרויס!

— אַלץ איינס!—ענטפערט דער רבי און מאַכט זיך קוראַזש.—איך פרעג ניט, ווער האָט עס יאָ געטאָן, ווער ניט; אַז איך שמייס אַלע אינג־לאַך אין חדר, ביסטו אויך ניט בעסער פאַר אַן אַנדערן. גיכער, לאָז זיך ניט בעטן, וועסטו בעסער מאַכן!

יאָסעלע ווייס, עס וועט שוין קיין וויינען ניט העלפן. ער פאַרלייגט די הענטלאַך פון הינטן און הייבט אָן לויז מאַכן די הייזלאַך.

די הייזלאַך פאַרלאַטעטע, פאַרשטשאָבעטע, אָן קנעפּלאַך, נאָר צוגעבונדן דאָ און דאָרטן, זיי זאָלן אים פון לייבעלע ניט אַראָפּפאַלן, לאָזן זיך אַזוי גיך ניט לויז מאַכן, און דער רבי רופט אויס:

— ווער עס וועט העלפן די הייזלאַך אים אַראָפּלאָזן, וועט באַקומען מיט פינף שמיץ ווייניקער!

אַ פּאָר אינגלאַך וואַרפן זיך העלפן אָפּבינדן פאַרשידענע קניפּלאַך. יאָסעלע בלייבט שטיין האַלב־נאַקעט.

— לייג זיך!—קאָמאַנדעוועט דער רבי.

יאָסעלע לייגט זיך און טרערן גיסן זיך אויפ'ן בענקל. דער רבי פאַררייסט דאָס העמדל העכער. דאָס גאַנצע לייבעלע זעט זיך אַרויס צעפינטלט און צעביסן... אויפ'ן רוקן ליגן נאָך די סימנים פון נעכ־טיקן קאַנטשיק אין בלויע אָנגעלאָפענע פּאַסן.

—האָט דיך די מאַמע אָדער דער טאַטע געשמיסן היינט צי נעכטן?—פרעגט פּלוצלונג דער רבי.

— די מאַמע האָט מיך ניט געשמיסן, רבי, דער טאַטע אויך ניט. ענטפערט יאָסעלע.

— ליגנער! אַט זענען דאָך די סימנים. מיט אַ שטריק צעפּאַ־סעוועט דיין לייב!—ווייזט ר' בערל מיט'ן האַנט אויף די אָנגעלאָפענע פּאַסן.

— אוי, רבי, דאָ טוט מיר ווי נאָך פון נעכטן, פון אייער קאַנטשיק!—וויינט יאָסעלע.

— אַ ליגן, אַ בלבול!—שרייט ר' בערל.—ווען שלאָג איך? סיידן אומגערן!

— אומגערן, ווי איך בין אַ איד, אומגערן!—פאַרענטפערט זיך דאָס אָרימע קינד. נאָר עס העלפט נישט.

— פון אומגערן ווערט קיין סימנים ניט.—דערקלערט דער רבי. —דו ווילסט נאָר אַ בלבול מאַכן! פאַר בלבולים אָבער וועל איך שמייסן. געדענקט, קינדער! ווער עס מאַכט אַ בלבול אויף מיר, אַז איך שלאָג, ווערט געשמיסן!

— ווער עס וועט דעם בלבול־מאַכער צוהאַלטן פאַר די פיס,

וועט היינט פ ט ו ר זיין פון שמייסן.—רופט דער ר ב י ווידער אויס. אַלע אינגלאַך כאַפּן זיך פאַר דער מ צ ו ו ה.

— איינס, צוויי, דריי!—ציילט דער ר ב י די שמיץ.—אַזוי שמייסט מען אינגלאַך, וואָס ברעכן אויס אַ שויב שטיפנדיק! פיר, פינף, זעקס!— וואָס שיטן זאַלץ אַריין אין ר ב י׳נס וואַרמעס!... זיבן, אַכט, ניין!—און נאָך שטאַרקער שמייסט מען פאַר ב ל ב ו ל י ם, פאַר ליגן, אַז איך שלאָג, אַז איך מאַך ס י מ נ י ם אויפ׳ן לייב. געדענקט עס, קינדער, פאַר אַ ב ל ב ו ל נעם איך די הויט אַראָפּ!

יאָסעלע שרייט, צאַפּלט זיך, בייסט דאָס בענקל פאַר ווייטיק, ביז דער ר ב י לאָזט אים אָפּ און טראָגט אים צו די רוט אַ קוש טאָן.

די ליפּעלאַך פאַרברענט, אין די ווינקלען זעט זיך פאַרבאַקט בלוט, דאָס גאַנצע פ נ י מ׳ל נאַס, אויסגעשמירט פון טרערן, ציט ער גיך די הייזלאַך אַרויף, וויינט שוין ניט, נאָר דאָס הערצל הייבט זיך און כליפּעט.

— וויש אָפּ דעם פ נ י ם און קום לערנען!—הייסט דער ר ב י.

יאָסעלע ווישט דעם פ נ י ם מיט׳ן אַרבל. דעם ר ב י׳ן געפעלט עס ניט, און ער שיקט אים אין קיך זיך גוט, גוט אָפּוואַשן. נאָר איידער יאָסעלע וואַשט זיך, כאַפּט ער דאָס קווערטל מיט וואַסער און טרינקט מיט דורשט. דאָס הערצל ברענט, און די צונג איז פאַרטריקנט פון שרייען.

— זאָג!—הייסט דער ר ב י. און יאָסעלע זאָגט דעם ח ו מ ש מיט אַלע טייטש־ווערטער, געדענקט אַלע אויסריידן; ווען ניט ווען רייסט זיך נאָך אַרויס אַ כליפּ, אַ שלוקערץ; ר׳ בערל הערט זיך איין און באַ־רואיקט דאָס קינד אין גאַנצן.

— אָט אַזוי, גאָר אַנדערע דיבורים!—מאַכט ר׳ בערל, גלייך ווי פריער וואָלט ניט אַזוי געווען.—זעט איר, איצט זאָגט ער דעם ח ו מ ש אַ מ ח י ה צו הערן. נאָר שמייסן מוז מען אויך אַמאָל! פאַרשטייט איר, שקאָצים? — שרייט ער צו די איבעריקע קינדער.—מען מוז שמייסן! ערשטנס, מען זאָל ניט ווילד ווערן: גאָר שויבן ברעכן, גאָר זאַלץ אָנשיטן און איבערפירן אַ מיטאָג, דער ר ב י זאָל ניט האָבן וואָס צו עסן! מיינט ניט, עס וועט אייך נאָך אַמאָל געשענקט ווערן; די הויט וועל איך אַראָפּ־שינדן. און איצט גייט עסן וואַרמעס.

— וואָס גייסטו ניט?—פרעגט דער ר ב י יאָסעלען שוין גאָר גוט.

— היינט קאָכט די מאַמע קיין וואַרמעס ניט.—ענטפערט יאָסעלע, און פון הערצל רייסט זיך אַרויס אַ זיפץ, ווי אַ פאַרשפּעטיקטער ווידער־קלאַנג פון די פריערדיקע געשרייען זיינע.

— גאַנץ גוט, וועסטו צוהאַלטן דאָס קינד, ביז איך וועל קומען!—זאָגט די ר ב י׳צן, דערלאַנגט יאָסעלען דאָס קינד, און אַליין לויפט זי אַרויס עפּעס כאַפּן אין קרעמל פאַר איר מאַן וואָס צו עסן.

2

אין אָנהייב איז ר׳ בערל מיט יאָסעלען זיך באַגאַנגען ווי מיט אַלע זיינע תלמידים און פלעגט אים שטענדיק אַרויסשטעלן פאַר אַ מוס־טער געגן אַנדערע קינדער, זיי צו ווייזן, ווי אַזוי מען דאַרף אַ רבי׳ן פאָלגן און ווי אַזוי מען ברויכט צו געדענקען, וואָס מען לערנט. נאָר ווי מיט אַן אָרים קינד אַן איינגעבעטענעם ביי איר מאַן אין חדר, האָט די רבי׳צן זיך אָנגעהויבן שאַפן מיט אים אַמאָל אין קרעמל נאָך זאַלץ און נאָך גרויפּן און אַמאָל אויך איר חיה׳לען צוואוויגן, ווען זי האָט קיין צייט ניט לעבן וויג צו זיצן. מיט דער צייט איז זי דערצו אַזוי געוואוינט געוואָרן, אַז זי פלעגט שוין אָנפאַלן אויף איר מאַן, וואָס ער האַלט יאָסעלען אַמאָל צו לאַנג ביים חומש, ווען אין שטוב איז נאָך אַ ברעקל האָלץ ניט אַריינ־געטראָגן געוואָרן, מיט וואָס וואַרעמס צו קאָכן.

ביסלאַכווייז האָט זיך אויך ר׳ בערל צוגעוואוינט אַוועקצוקוקן פון יאָסעלען, צו פאַרגעסן אַמאָל צו לערנען מיט אים; און אַמאָל, אַז ער איז אין כעס געוואָרן אויף לייבעלען שיינדעלע דער בעל־טאַקסעטעס׳ געכאַפּט דעם קאַנטשיק אים צו דערלאַנגען און זיך אָבער דערמאָנט, אַז דאָס איז לייבעלע, דאָס ציטעריקע נאָכגעגעבענע לייבעלע, און ער וועט ביי שיינדעלען דעם גאַנצן חן פאַרלירן פאַר אַזאַ קלאַפּ, האָט ער פאַמעלאַך אַראָפּגעלאָזן אויף יאָסעלען און זיך באַלד פאַרענטפערט, אַז ניט אים נאָר לייבעלען האָט ער געמיינט צו טרעפן. יאָסעלע אַליין האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז על־פי־טעות געווען; בפרט, אַז דער רבי האָט דעם שמיץ אַזוי מיט רחמנות אַראָפּגעלאָזן, און אים האָט עס ניט שטאַרק ווי געטאָן, האָט ער ניט געוויינט און קיין טענות ניט געהאַט; נאָר דער טעות האָט אָנגעהויבן זייער אָפט פאַרצוקומען און פון איינמאָל צום אַנדערן—אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. יאָסעלע האָט שוין געפּרואווט וויינען, שרייען, גאָר שווייגן און נאָר כליפּען, פאַר־פאַלן! ר׳ בערל איז צו דעם טעות אַזוי געוואוינט געוואָרן, אַזוי ווי יאָסעלע וואָלט טאַקע צוליב דעם נאָר באַשאַפן געווען, זיין קאַנטשיק זאָל שטענדיק אומגערן אים טרעפן, ער מעג זיך צילן, אויף וועמען ער וויל.

דאָס אָרימע קינד האָט געוואוסט, אַז ער איז ניט שולדיק, אַז ער האָט דעם קאַנטשיק ניט פאַרדינט; נאָר אַז שולדיק איז דער רבי, האָט ער ניט פאַרשטאַנען. ערשטנס, זאָגט דער רבי אַליין, אַז דאָס איז אומגערן; צווייטנס, איז ער געוואוינט געווען נאָך פון דער היים, אַז אים זאָל מען שלאָגן. ער האָט כמעט קיינמאָל ניט געוואוסט, פאַרוואָס שלאָגט אים דער טאַטע; ער האָט נאָר געוואוסט, אַז ווען אים טוט ווי, גיט ער אַ געשריי, וויינט ער און כליפּעט, כאָטש ער וויל ניט שרייען, וויל ניט ווי־

נען און כליפּען... נאָר אין די לעצטע עטלאַכע טעג האָט ער פונדעסט־וועגן דערפילט, אַז אים ווערט וואָס אַ טאָג אַלץ ערגער... שוין צוויי חדשים, אַז די מאַמע זיינע כיענע האָט ניט פאַרדינט אַ קאָפּיקע אַן איבעריקע, דעם רבי'ן זיין שכר־לימוד צו שיקן, און ר' בערל האָט עס שוין געהאַלטן פאַר פאַרפאַלן און גערעכנט, ער לערנט מיט יאָסעלען אומזיסט. „און פאַרוואָס זאָל איך לערנען אומזיסט?" פלעגט ער צו זיך רעדן און דעם מיין אַריינלייגן אין קאַנטשיק און אין די ריטער, אַז עס איז אַן עוולה פון כיענען, וואָס זי צאָלט אים ניט. „איך האָב איר פריער געזאָגט, ווען זי האָט מיך געבעטן איך זאָל אַריינעמען יאָסעלען אין חדר, אַז איך קען מיט איר יאָסעלען אומזיסט ניט לערנען!"... געמיינט האָט ער, יאָסעלע וועט דאָס דערציילן דער מאַמען, און זי וועט פאַרשטיין, אַז דער רבי איז אין כעס.

— זאָל זי מיר צאָלן!—פלעגט ער צו זיך רעדן.—ניט איך האָב זי געבעטן איר קינד צו מיר אין חדר אַריינגעבן; זי איז ניט אָפּגעטראָטן, און איך האָב אים מיט געוואַלד ממש אַריינגענומען, דאַרף זי מיר צאָלן; אַז ניט, זאָל ער גיין געזונטערהייט, וועל איך פאַרשפּאָרן שטענדיק אַכטונג געבן, ער זאָל די מזיקים מיינע צוריק ניט אַ קלאַפּ טאָן, ווען זיי שלאָגן אים. טאַקע אַ שטילער און טשעפּעט זיך ניט מיט קיינעם, אָבער אַזעלכע מזיקים, אַז זיי קענען מיך אַרויסברענגען פון געדולד, איז ער דאָך נישט מער ווי אַ קינד און קען אַמאָל ווערן פון זיי אַ קלאַפּ טאָן, אַ סימן מאַכן. און דאָס פעלט מיר נאָך!... איך האָב שוין אַזוי אויך פון שיינדעלען פאַר דער טובה, וואָס זי האָט מיר געטאָן, מיר מיט אַ האַלב מויל ערלויבט דאָס אָרימע קינד אין חדר אַריינצונעמען! מיט אַזעלכע דיבורים פלעגט ר' בערל פאַר זיך אַליין פאַרענטפערן זיך, וואָס ער פּייניקט אַליין דאָס אָרימע קינד, וואָס ער לאָזט די ווייב זיינע זיך שאַפן מיט אים, ווי מיט אַן אומזיסט משרת'ל, און וואָס ער לאָזט צו אָפּט, אַז אויך זיינע זאַטע תלמידים זאָלן שלאָגן דעם אָרימען האַלב־הונגעריקן יאָסעלען, ווייל ער איז אָרימער פאַר זיי!

יאָסעלע אָבער האָט זיין מאַמען פון חדר גאָרנישט ניט אויסגעזאָגט. ערשטנס, טאָר מען פון חדר נישט אויסזאָגן; צווייטנס, האָט ער אויך דער עלנדער מאַמען זיינער אַזאַ רחמנות געהאַט, אַז ער האָט נאָר געקענט וויינען, קוקנדיק, ווי זי וויינט, און האָט שטענדיק זיינע אייגענע פּיין און ליידן פאַרגעסן.

— צו וואָס באַשאַפט גאָר גאָט אַ קבצן, אַן אָרימאַן אויף דער וועלט?— הערט ער אָפּט, קומענדיק פון חדר אַהיים, די מוטער טענה'נדיק און וויינענדיק.—צו וואָס גיט ער אַזוינעם קינדער אויף צרות און פּיין, אויף הונגער און קעלט, אַז ער גיט אים ניט, מיט וואָס זיי צו דערנערן, מיט וואָס זייער נאַקעטקייט צוצודעקן, זיי זאָלן נעבאַך פון קעלט ניט

אומקומען?—עסן, מאַמע, עסן!—בעטן זיי די הונגעריקע מאַמען זייערע... עסן! נאַט, עסט מיין פלייש, מיין הויט־אויף מיינע ביינער, איך וועל קיין גרעסערן ווייטיק ניט פילן, ווי דער ווייטיק מיינער, וואָס איך האָב אייך ניט צו געבן!...

דערזעענדיק יאָסעלען, אַריינקומענדיק אַ פאַרשמאַכטער פון ח ד ר, פרעגט זי: „וואָס זאָל איך דעם אָרימען קינד געבן? פון אַכט אין דערפרי ביז ניין ביינאַכט אין ח ד ר געזעסן, אַ פאַרטריקנטער, הונגעריקער נעבאַך. אָט איז ער צו דער מאַמען געקומען זיך אָפּפאַסטן פון זיין ניט געבאָטענעם ת ע נ י ת, און די מאַמע, די פינסטערע, האָט היינט אַ פ י ל ו אויף אַ פונטל ברויט ניט פאַרדינט, כאָטש זי איז מיילן אויסגעלאָפן פון איין נ ג י ד ה צו דער צווייטער. נישטאָ היינט קיין וועטשערע, לייג זיך שלאָפן, יאָסעלע, אַ הונגעריקער, אָרים פייגעלע!... דערביי צעוויינט זי זיך אַזוי, אַז ער פאַרגעסט זיין הונגער, און וויינענדיק ענטפערט ער:

— מאַמע, איך וויל ניט עסן, איך וויל ניט עסן. וויין ניט, וויין ניט, מאַמע!...

אַן אַנדער מאָל געפינט ער די מאַמען, ווי זי זיצט אַריבערגעבויגן איבער'ן וויגעלע, וואו זיינע צוויי ברידערלאַך, דער צווילינג, ליגן ביידע טויט־קראַנקע נעבאַך. זי ברעכט די הענט, גרויסע קיילאַכדיקע טרערן קייקלען זיך איינע נאָך דער אַנדערער איבער אירע איינגעצויגענע באַקן, און ט ע נ ה'ט: „אָרימע עופ'עלאַך מיינע! צו וואָס האָב איך אייך אויף דער וועלט געבראַכט? פאַרברענט זיינען די ליפּעלאַך אייערע, אויסגעמאָגערט די ביינדעלאַך. אַ העליש פייער ברענט אייער לייבעלע און עסט עס אויף ווי אַ ליכט! אָי, אַן אייזערן האַרץ מוז צעגיין, צעשמאָלצן ווערן, קוקנדיק אויף אייך. און ווי זאָל אַ מאַמעס האַרץ עס זעענדיק ניט צעשפּרונגען ווערן, אומשולדיקע נ פ ש ו ת'לאַך!"

און די אומגליקלאַכע מוטער הייבט אָן צו רייסן די האָר פון איר קאָפּ פאַר ווייטיק. יאָסעלע וויינט זיך אויך פאַנאַנדער, נאָר די מאַמע, ניט פילנדיק זיך אַליין, גיט אַ געשריי אויף אים:

— דו האָסט מיר נאָך געפעלט? וויפיל צ ר ו ת א פ ש ר האָב איך ח ו ץ דיר? אָט שטייט עסן, עס אָפּ און לייג זיך שלאָפן!

נאָר יאָסעלע וויינט ווייטער, און כיענע לאָזט אויס איר האַרץ צו אים, שלאָגט אים, קנייפּט אים, זי ווייס אַליין ניט פאַרוואָס. יאָסעלע לאָזט זיך שלאָגן, קנייפּן, קושט דער מוטערס הענט. אים דאַכט, אַז איר איז עס גוט; ער פילט אַליין, אַז דאָס הערצל, וואָס האָט אים געקלעמט פון ר ח מ נ ו ת, ווערט אים רואיקער; די מוטער הערט אויף צו וויינען, ער לייגט זיך שלאָפן, מאָרגן קיין פריילאַכערן, בעסערן טאָג ניט צו האָבן ווי היינט!

3

איינמאָל, גייענדיק אַ הונגעריקער און אַ פאַרקלעמטער פון חדר אַהיים, האָט יאָסעלע עפּעס אויפגעהויבן אין גאַס. ער האָט געפילט, אַז אין דעם עפּעס איז דאָ געלט, און איז אָן אָטעם אַהיים געלאָפן.

— מאַמע, זע, וואָס איך האָב געפונען! — האָט ער, פאַרשוויצט און פאַרמאַטערט פון לויפן, קוים אַרויסגערעדט.

כּיענע האָט עס צוגענומען. עס איז אַ בייטעלע געווען מיט עטלאַכע רובל. זי האָט באַלד די טיר צוגעשפּאַרט, אַ זייטיקער מענש זאָל נישט אַריינקומען, און גענומען דורכזוכן דאָס געפינס — אַ רעכט ביסל זילבער־געלט און אַ פּאָר פּאַפּירלאַך בילעטן, אינייִנעם אַ רובל צוועלף.

— גאָט האָט אונז צוגעשיקט צו דער רעכטער צייט! — האָט כּיענע צופרידן אויסגערעדט. ב ר ו ך , דער קראַנקער מאַן אירער, איז אַראָפּ־געקראָכן פון באַנק אַ קוק טאָן, וואָס יאָסעלע האָט געפונען.

— וואו האָסטו עס געפונען? — האָט ב ר ו ך יאָסעלען געפרעגט.

— אין גאַס, לעבן ח י י ם ש ע נ ק ע ר!

— אין גאַס, און היינט איז אַ יאַריד, איז דאָס טאַקע אַ כּ ש ר׳ע מ צ י א ה! — האָט ב ר ו ך געזאָגט. דעריבער, כּיענע, — זאָגט ער, — וואָלט אַ י ו ש ר זיין, דו זאָלסט מיר מאָרגן קויפן אַ פּאָר נייע שיך; איך האָב שוין ניט, מיט וואָס אַ פ י ל ו אין שטוב אַרומצוגיין.

— מיט שיך וועסטו ניט פאַרזאַמען. — האָט כּיענע געענטפערט. — פריער פאַר אַלץ נעם איך אַראָפּ פיר רובל און שיק מיט יאָסעלען זיין ר ב י׳ן אַוועק. און אַז שוין יאָ קויפן שיך, וועל איך קויפן יאָסעלען אַ פּאָר נייע שיכלאַך: ער דאַרף אין ח ד ר גיין, און דאָס האַרץ ווערט מיר גענוג אויס־געריסן, זעענדיק, ווי די פינגערלאַך קוקן אים שוין אַרויס פון זיינע שיכ־לאַך... פאַרוואָס זאָל מיין קינד פאַרשעמט ווערן? ער לערנט דאָך פאָרט אין אַ נ ג י ד׳ישן ח ד ר! נאָכדעם וועל איך מאָרגן אויפ׳ן יאַריד קויפן אַ ביסל קאַרטאָפל, האָלץ, קאָרענע מעל אַ פּאָר פוד, וועט כאָטש זיין ברויט אין שטוב. און אַז עס וועט נאָך עפּעס בלייבן, בין איך בילכער פאַר דיר, מיר אַ פּאָר שיך צו קויפן. דו זיצסט פאָרט אין דער היים, איך אָבער מוז לויפן פאַרדינען אַ קאָפּיקע.

— זיך און איר זינדל! — האָט ב ר ו ך געוואָרטשעט פאַר זיך. — איך ברויך שוין גאָרנישט... גאָרנישט!... גיב דעם ר ב י׳ן צוויי רובל, וועט אים אויך גענוג זיין, און פאַר אַ רובל קויף מיר אַ פּאָר שיך!

— וואָס זאָל איך מיט דיר ט ע נ ה׳ן? — האָט זיך כּיענע ניט געקענט איינהאַלטן. — זעסט דען ניט, אַז גאָט האָט דאָס צוגעשיקט אין גאַנצן א פ ש ר צוליב דעם ר ב י׳נס ש כ ר ־ ל י מ ו ד?

אויף מאָרגן פרי האָט כּיענע איינגעבונדן יאָסעלען אַ דריי־רובל־

דיקן בילעט מיט אַ רובל זילבער־געלט, איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּירל, געהייסן דאָס אָפּגעבן דעם רבי׳ן און ניט דערציילן קיינעם קיין מעשות, וואָס ער האָט געפונען. אַליין איז זי אַוועקגעלאָפן אין מאַרק עפּעס איינקויפן אין שטוב אַריין.

יאָסעלע האָט דעם רבי׳ן אָפּגעגעבן דאָס געלט, דער רבי האָט אים אַ גלעט געטאָן און געזאָגט, ער איז גאָר אַ וואוילער אינגל! האָט מיט אים היינט געלערנט, אַ סך געלערנט, ניט איין קלאַפּ, ניט איין שמיץ— ניט גערן ניט אומגערן—אים ניט געגעבן. די רבי׳צן האָט זיך אויך ניט גע־שאַפּט היינט מיט אים, אין קרעמל איז זי אַליין געגאַנגען, און נאָר אַ פּאָר מינוט האָט ער נאָך צוגעוויגט דאָס קינד, אי דאָס האָט אים די רבי׳צן געזאָגט: „לאַנג לעבן זאָלסטו, יאָסעלע, וואָס פאַר אַ גוט קינד דו ביסט, און איך האָב דיך טאַקע אמת ליב!״

וואַרמעס איז ער אויך געגאַנגען עסן מיט אַלע אינגלאַך צוגלייך. נאָך אין דער פרי האָט אים די מאַמע אָנגעזאָגט, ער זאָל קומען עסן: היינט קאָכט זי וואַרמעס, כאָטש זי האָט אים אין חדר מיטגעגעבן אַ מזומנ׳ע קאָפּיקע זיך וואָס צו קויפן, ווען דאָס הערצל וועט אים חלש׳ן. און ווי גוט איז צו אים דער טאַטע היינט געווען! כיענע האָט אַ מציאה געהאַנדלט: פאַר צוועלף גילדן האָט זי געקויפט אַ פּאָר ווייבערשע שיך פאַר זיך און אַ פּאָר וואַרימע פאַנטאָפל פאַר איר אַלטן. „אויף אים אויך אַ רחמנות!״—האָט זי געזאָגט. און אַ וואַרמעס איז גע־ווען גאָר אַ גוטער: מילכיקע פאַרפל, וואָס יאָסעלע האָט עס זייער ליב געהאַט.

אויף מאָרגן און איבער־מאָרגן אויך אַזוי. אַ פּאָר נייע שיכלאַך האָט די מאַמע פאַר אים געקויפט, און הייזלאַך נייע האָט זי אַליין אויפגענייט— דער שכן, דער שניידער, האָט איר פאַר אַ גוט וואָרט צוגעשניטן. און אויך דער רבי איז גוט, גלייך ווי די פּאָר רובל זיינע האָבן אַפילו דעם קאַנטשיק זיינעם אויסגעלערנט, ער זאָל מער קיין טעות ניט האָבן. אַפילו אין חדר איז שוין גאָר אַנדערש: אַז דער רבי איז גוט, זיינען זיינע תלמידים אויך ניט שלעכט. הונגערן הונגערט מען שוין מער ניט, דער טאַטע שילט ניט, אַפילו הוסטן הוסט ער ווייניקער.

אַזוי האָט זיך געצויגן אַ פּאָר וואָכן. יאָסעלע האָט כמעט פאַרגעסן די צרות זיינע פון אַמאָל און געמיינט, ער איז שוין גלייך מיט זיינע חברים אין חדר. אָבער ווי דערשראָקן און אומעטיק איז ער גע־וואָרן, ווען די מאַמע האָט אים איינמאָל געשיקט אין חדר אַריין און אוי־סער אַ שטיקל טרוקן ברויט האָט זי ניט געהאַט אים מיטצוגעבן אויף אַ גאַנצן טאָג! ער האָט זיך גע׳ברוגז׳ט, זיך געוואָלט איבערנעמען אַביסל; נאָר אַז ער האָט אין דער מאַמעס אויגן טרערן דערזען, איז ער אַוועק אין חדר מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט...

און דאָ האָבן זיך ביסלאַכוויז צוריק אומגעקערט די פּיין און די ליידן פון אַמאָל. די ר ב י׳צן האָט זיך מיט אים געשאַפּט ניט בלויז אין קרעמל און מיט איר קינד זיך ניאַנטשען, נאָר אָט הייסט זי אים גיין מיט איר צום טייך, איר צוהעלפן דאָס גרעט אַוועקטראָגן. וואָס אַ טאָג האָט אויך דער ר ב י מיט זיין קאַנטשיק אַלץ אָפטער זיין אַמאָליקן ט ע ו ת געהאַט; און כאָטש יאָסעלען האָט עס ניט מער ווייי געטאָן ווי אַמאָל, נאָר יעדעס מאָל האָט עס זיין הערצל געפּייניקט, און ער האָט דעם ווייטיק אָנגעהויבן פילן לענגער און טיפער ווי פריער. פריער האָט ער קיין ש א ל ו ת ניט געפרעגט, קיין ט ע נ ו ת ניט געהאַט, פאַר וואָס מען שלאָגט אים; ער האָט בלויז איין זאַך געוואוסט, אַז אַ שמיץ טוט וויי, אַז הונגער איז אַ פּיין. נאָר איצט האָט ער דערפילט, כאָטש ניט קלאָר, אַז אויסער קלעפּ און הונגער איז דאָ עפּעס, וואָס טוט נאָך מער וויי און פּייניקט מער, ווי קלעפּ און הונגער, און דאָס איז די אָרימקייט און אומגערעכטיקייט, וואָס ווערט צוליב זיין אָרימקייט געטאָן... ער האָט עס ניט איבערגערעדט, ניט געטראַכט אַ פ י ל ו , נאָר דאָס הערצל זיינס האָט געפילט, אַז נאָר זיין מאַמעס אָרימקייט איז שולדיק אין אַלע זיינע ליידן.

**י. דינעזאָן.**

# יעקב דינעזאָן.

(ביאָגראַפיע).


י. דינעזאן

י ע ק ב ד י נ ע ז א ָ ן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1856, אין דעם שטעטל זשאַגער, קאָוונער גובערניע. זיין פאַמיליע האָט געשטאַמט פון גרויס יחוס, איז אָבער פאַראָרימט געוואָרן. צו פינף יאָר איז ער, ווי אַלע אידישע קינדער פון יענער צייט, אַוועק אין ח ד ר. די מ ל מ ד י ם האָבן אים נישט נאָר געלערנט, נאָר אויך געשלאָגן. הגם ער האָט געהאַט זייער אַ גוט קעפּל און געוואָלט לערנען. און פון איינעם אַזאַ מ ל מ ד גיט דינעזאָן שפּעטער אַ בילד אין זיין יאָסעלען.

שפּעטער איז דינעזאָן אַריבערגעפאָרן צו זיינעם אַ פעטער אין דער שטאָט מאָהילעוו. דאָרטן האָט ער אין אַ ב י ת ־ מ ד ר ש געלערנט ג מ ר א און אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך אויך אָפּגעגעבן מיט דער העברייאישער שפּראַך.

שוין פון קינדווייז אָן האָט דינעזאָן געהאַט אַ נייגונג צו שרייבן: און ווען ער איז עלטער געוואָרן, האָט ער אָנגעהויבן שרייבן העברייאישע אַר־טיקלען.

דאָס ערשטע בוך, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין אידיש, איז „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק“. דאָס בוך איז דעם אידישן עולם שטאַרק גע־פעלן געוואָרן, און דינעזאָן האָט נאָכדעם אָנגעשריבן אַ גאַנצע רייע אַנדערע שיינע מעשות און דערציילונגען, פון וועלכע „יאָסעלע“ און „הערשעלע“ זיינען די בעסטע.

דינעזאָן האָט זיך שפּעטער באַזעצט אין וואַרשע, וואו ער האָט שוין נאָכדעם געוואוינט זיין גאַנץ לעבן. דאָרטן איז ער באַקאַנט געוואָרן מיט דעם גרויסן אידישן שרייבער י. ל. פּרץ, און זיי זיינען געבליבן די נאָענטסטע און בעסטע פריינט אויף שטענדיק. אין דער צייט פון דער גרויסער מלחמה, ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען פּוילן, און הונדערטער אידישע פאַמיליעס פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלאַך זיינען אָנגעקומען אין וואַרשע, האָט דער גוטער דינעזאָן צוזאַמען מיט פּרצ׳ן גענומען גרינדען היימען, וואו די קינדערלאַך פון אַט די פאַרוואָגלטע אידן האָבן פאַרבראַכט זייערע טעג און אפילו נעכט. דאָרטן האָט מען זיי געגעבן עסן און מען האָט זיך מיט זיי געשפּילט. פון די דאָזיקע היימען זיינען שפּעטער אַרויסגעוואַקסן אַ גאַנצע רייע אידישע שולן, וועלכע טראָגן דעם נאָמען „פּרץ־דינעזאָן־שולן“.

דינעזאָן איז געווען זייער אַ שטילער גוטהאַרציקער און איידעלער מענש. ער האָט אַלעמען ליב געהאַט און פאַר יעדן איינעם געפונען אַ גוט וואָרט. אָבער מער ווי אַלעמען האָט דינעזאָן ליב געהאַט קינדערלאַך, הגם קיין אייגענע קינדער האָט דינעזאָן ניט געהאַט. און אַרבעטנדיק פאַר די היימלאָזע אידישע קינדער אין וואַרשע, איז דינעזאָן געשטאָרבן דעם 2־טן סעפּטעמבער 1919.

# דער גמרא־ניגון.

(לירישׁ ליד)

וואָס זשע קלאָגסטו ביי דער גמרא,
קלויזניק בלאַסער, קלויזניק ליבער,
און דיין וויינענדיקער ניגון
אין מיין האַרצן גייט אַריבער;

און מיין אויג איז פייכט געוואָרן,
מיט אַ טרער איז עס פאַרלאָפן.
קלויזניק בלאַסער, קלויזניק ליבער,
זאָג, וואָס האָט מיט דיר געטראָפן?

צי דו בענקסט אַהיים נאָך דיינע
טאַטע, מאַמע, שוועסטער, ברידער,
וואָס אָן זיי ביסטו געבליבן,
ווי אַ שיפל אָן אַ רודער?

אָדער אויפ'ן טאָג ביי לייבען
ביסט אַ לאַנגע צייט געזעסן,
ביז מען האָט געזאָגט: „נו, בחור,
נעם די קוואָרט און וואַש זיך עסן"?

אָדער אפשר גלאַט דו שעמסט זיך
עסן ברויט אויף פרעמדע טישן,
און מיט בלוט, מיט הייסע טרערן
שלינגסט אַראָפּ דו יעדן ביסן?

אָדער ס'פעלט דיר אויס אַ „מאָנטאָג",
און עס האָט דיר שוין געטראָפן
ניט איינמאָל זיך לייגן הונגעריק
אויף דער האַרטער באַנק צו שלאָפן?

און דו האָסט זיך איצט דערמאָנט אַלץ
און דו קאָנסט עס ניט פֿאַרטראָגן,
און ביי רבא'ן ביי רב פּפּא'ן
ווילסטו איצט דיין ווייַ אויסקלאָגן?

הייב זשע העכער אויף דעם ניגון,
שטאַרקער, העכער דריי די טרעלן;
וועסט דיין בענקעניש פֿאַרגעסן,
און דער הונגער וועט ניט קוועלן.

אברהם רייזען.

## ליריש ליד.

לירישע ליטעראַטור איז אַזעלכע, אין וועלכע דער שרייבער גיט איבער זיינע אייגענע געפילן, איבערלעבונגען און געדאַנקען.

אַ ליריש ליד איז אַ ליד, אין וועלכן דער שרייבער גיט איבער עפּעס ניט פֿונ'ם אַרומיקן לעבן, נאָר פֿון זיין אייגענעם, מערסטנס זיינע געפילן און איבערלעבונגען.

# דעם משכיל'ס צוואה.

(פון „דאס קליין מענשעלע")

אין שווערע, ביטערע מינוטן, ווען אויפ'ן האַרצן איז מיר געווען שטאַרק נישט גוט, פלעג איך אויפ'ן פּאַפּיר אויסגיסן מיין ביטער געמיט, ווי איך האָב געקענט. פריער איז עס מיר אָנגעקומען שווערלאַך, איך בין נישט געווען געוואוינט; דערנאָך האָט זיך עס געגאָסן עפּעס ווי פון זיך אַליין, גלייך ווי איך וואָלט איינעם אַ גוטן ברודער מיינעם דערציילט, אים אַנטפּלעקט מיין האַרץ. אין פאַרלויף פון דער צייט איז אויסגעוואַקסן פאַר מיר אַ גאַנצע לעבנס־באַשרייבונג. און־הערט אַ מעשה, ― ביים איבערלייענען עס פונ'ם אָנהייב ביז'ן סוף איז מיר אַביסל גרינגער געוואָרן אויפ'ן האַרצן! די חטאים זיינען מיר שוין נישט אויסגעקומען אַזעלכע שווערע, דאָס הייסט, מיינע זינד, זיינען נישט אינגאַנצן מיינע זינד, אין זיי האָבן אַ חלק — און אפשר נאָך דעם גרעסטן חלק — די געמיינדע מיט אירע שלעכטע איינפירונגען.

אָט נעמט די אידישע תלמוד־תורות!

מען נעמט אָרימע קינדער, יתומים, נעבאַך, און מ'פאַרטרייבט

זיי ערגעץ אין אַ חורבה, אַ שטאַל, מ׳שטיינס־געזאָגט, וואו זיי וואַלגערן זיך הונגעריקע, אָפּגעריסענע אין מיסט, אין שמוץ, כאַפּן קלעפּ און שמיץ, וויפיל אין זיי גייט אַריין, און לערנען לערנען זיי דאָרט נישט קיין וואָרט. מען מאַכט פון זיי אומגליקלאַכע מענשן, טויגעניכטסן, נישט צו גאָט, נישט צו לייט. און נישט בעסער פון די ווילדע מלמדים זענען אויך, מ׳שטיינס־געזאָגט, די גבאים, וואָס טרייסלען פושקעס, רייסן פון וואַנען זיי קענען, כלומר׳שט פון אידישע קינדער וועגן. איין וואָרט איז ביי זיי אַליך: מאַכן די אָרימינקע פאַר אידן—און מאַכן זיי פאַר בהמות, אויס מענשן!...

אַ קליינינקייט עפּעס בין איך, איך עלנט יתומ׳ל, אויסגעשטאַנען קינדוויז אין דער תלמוד־תורה! איך רעד שוין נישט דערפון, ווי מען האָט געפּייניקט מיין אויסגעדייוועדט שטיקל לייב; דערויף בין איך דאָך געוועזן אָרעם, אַז איך זאָלליידן הונגער, קעלט און קלעפּ. אָבער געוואַלד, ריבונו־של־עולם, וואָס האָט מען געהאַט צו מיין נשמה? מען האָט דאָך דערנידעריקט אין מיר די מענשלאַכע נשמה! נישט גענוג, וואָ מען האָט מיך נישט געלערנט צו קענען לעבן ווי אַ מענש אויף דער וועלט, האָט מען געטויט אין מיר דאָס געפיל פון כבוד, פונ׳ם מענש־לאַכן ווערט דורך אַ גראָבער באַנעמונג מיט מיר—דורך זידלערייען, מיאוס׳ע, גראָבע ווערטער.

נויט—דאָס איז די תורה, די אידישקייט, מיט וועלכע אידן בעלי־רחמים פאַרזאָרגן אָרימע קינדער!

נאָט אייך אויך ביי אונז די מלאָכה, אַ שטייגער.

מלאָכה, ווי ס׳איז באַקאַנט, איז מיאוס געפאַלן ביי אידן. אויף אַזוי פיל ווי אַ ליידיקגייער, אַ קלויזניק איז אַ שיינדל, איז אַ בעל־מלאָכה אַ פלעק אין דער משפּחה. דער וואָס האַלט זיך פאַר אַ שטיקל באַלעבאָס, ער מעג כאָטש געשווועלן פאַר הונגער, וויל נישט די קינדער זיינע לערנען וועלכע ס׳איז מלאָכה. דערויף זיינען דאָ פאַרוואַרלאָזטע יתומים, קינדער פון נידעריקן, גראָבן עולם. אָט אַזעלכע שטעלן זיך עס פאַר לערן־אינגלאַך ביי בעלי־מלאָכות און וועמעס דאגה איז עס אַכטונג צו געבן, ווי זיי לערנען זיך און ווי מען באַגייט זיך מיט זיי דאָרט. די מלאָכה הייבט זיך געוויינטלאַך אָן מיט כל־עבודת־פּרך: פּאַמויניצעס טראָגן, וואַסער אָנטראָגן, מיט דעם באַלעבאָס קינדער זיך אַרומטראָגן, דער באַלעבאָסטע ביים איינ־קויפן אַלצדינג צוטראָגן, שטיקלאַך אַרבעט אַהין־אַהער אָפּטראָגן, מיט דער באַלעבאַטישקייט שטענדיק זיין פאַרטראָגן און איטלאַכנס קאַפּריז, קלעפּ און באַליידיקונג איבערצוטראָגן. אָט דערמיט הייבט זיך אָן די מלאָכה, און אויסלאָזן לאָזט זי זיך אויס מיט גאָרנישט: מען איז אַ פאַר־טאַטש, אַבי אָט, הייסט עס, מען אַרבעט.

שולדיק מאַכן אין גאַנצן די בעלי־מלאָכות קען מען אויך נישט. זיי אַליין זיינען דאָך אויך אַזוי, נעבאַך, פערשוואַרצט געוואָרן, האָבן, ווי איך און ווי טויזנטער אַנדערע אָרעמע קינדער אויך אָנגעהויבן די אַרבעט פון טראָגן פּאַמויניצעס.

ריבונו־של־עולם! איך בין זינדיק, נאָר די זינד פאַלט נישט אויף מיר אינגאַנצן. איך דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיר געעפנט די אויגן!

און נישט אומזיסט. איך וויל טאָן אַזוינס צו פאַרהיטן דערמיט אַנדערע פון בייז, און צו גלייך ווייזן אידן אַ וועג, צו פאַרריכטן זייערע פעלער, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען ביז אַהער אַקעגן אָרימינקע קינדערלאַך נעבאַך.

לויט דער צוואה מיינער לאָז איך איבער דאָס גרויסע הויז מיינס אויף צומאַכן דאָרט פאַר אָרימע קינדער אַ תּלמוד־תּורה און אויך אַ שול צו לערנען זיי דאָרט מלאָכות. די הכנסות פון די קלייטן דאָרט און אַ טייל פּראָצענט פון׳ם קאַפּיטאַל, וואָס איך לאָז איבער אויף עולמות, זאָלן גיין אויף אויסצוהאַלטן דיביידע שולן. אין דער תּלמוד־תּורה, וויל איך, זאָל געלערנט ווערן, חוץ אידישקייט און לשון־קודש, אויך דאָס לשון פון׳ם לאַנד און וועלטלאַכע זאַכן, בכדי צו מאַכן פון די קינדער אידן און מענשן צוגלייך, זיי זאָלן טויגן צו גאָט און צו לייט. אין דער צווייטער שול, וויל איך, זאָל געלערנט ווערן תּורה און מלאָכה איניינעם, די לערן־אינגלאַך זאָלן דערצויגן ווערן אַזוי, אַז זיי זאָלן נישט וויסן פון קיין באַליידיקונגען און דערנידערונגען און זאָלן אַרויסגיין פון דאָרט גוטע געלערנטע בעלי־מלאכות, וואָס וועלן וויסן אַליין זייער אייגענעם ווערט און דערמיט טאַקע צווינגען אַנדערע זיי צו שעצן, וויסן זייער ווערט.

און כדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן וואונש, איז אין די דאָזיקע שולן נייטיק צו האָבן גוטע לערער, מענשן מיט געפיל און פאַרשטאַנד, מיט האַרץ און מיט קאָפּ, זיי זאָלן פאַרשטיין און ליב האָבן זייער זאַך. דער עיקר איז ליבע, ווייל זיי וועלן דאָך האָבן צוטאָן מיט אָרימע, פאַרוואָגלטע, עלנדע קינדער, וואָס לעכצן נאָך ליבשאַפט; אַזוינס וואָס אַ יונג הערצל, אַפילו פון אַנדערע לעבעדיקע באַשעפענישן גלוסט זיך, און זיי מאַנגלט עס נעבאַך. יענעמס אַ גוט וואָרט נעמט זיי בעסער פון אַלע שטראָף־רייד און מוסר־זאָגן אין דער וועלט, און זיי זיינען גרייט צו פאַלגן אין פייער און אין וואַסער אַריין. דאָס האָב איך געפילט אַ מאָל קינדערווייז אין מיר.

דאָס אַלצדינג אָבער פאָדערט גוטע פירער, וואָס אונטער זייער השגחה זאָלן די אַלע זאַכן אויף דעם בעסטן אופן דערפילט ווערן, און אַזעלכע פירער, ווינש איך, זאָלן זיין—איר, רבי, און דער הער גוטמאַן. מיט אייך ביידע וועט אין די נייגעמאַכטע שולן זיך פאַריניקן

תּורה מיט חכמה. איר, רבי, וועט קוקן אויף די אידישע לימודים, זיי זאָלן געלערנט ווערן גוט, געהעריק, און גוטמאַן, פון זיין זייט, זאָל האָבן אַן אויג אויף די איבעריקע ענינים אין השכּלה־זאַכן. ווי איך קען זייער גוט אייך ביידן, פאַרהאָף איך, אַז איר וועט ביידע איינער פונ'ם אַנדערן צופרידן זיין. איר ביידע ווינשט דאָך גוטס דעם פאָלק ישראל און איטלאַכער פון אייך וועט טאָן פאַר אים פון זיין זייט, ווי אַזוי ער קען, און אים ברענגען נוצן מיט וואָס ער קען. די באַלוינונג פאַר אַזאַ מי איז באַשטימט ביי מיר אין דער צוואה.

די הכנסות פון דעם עולמות־געלט זאָלט איר איינעם מיט גוטמאַנען געברויכן אויף נאָך גוטע זאַכן אין שטאָט, וועלכע איר ביידע וועט געפינען פאַר נייטיק. אויב עס וואָלט אַ סברא געווען, איינצופירן אין דער שטאָט עפּעס אַזאַ מין חדר פאַר אַ סך קינדער, מיט אמת גוטע מלמדים און לערער, וואָס דאָרט זאָלן געלערנט ווערן געטריי אידישע לימודים און וועלטלאַכע זאַכן; וואָס דאָרט זאָלן די קינדער זיך אויס־לערנען צו זיין עכטע אידן און אויך נוצלאַכע פאַרשטענדיקע מענשן,— אויף אַזאַ שטאָט־חדר וואָלט מיר זייער ניחא געווען, איר זאָלט אַלע יאָר געבן אַ געוויסע סומע פון די הכנסות פונ'ם עולמות־געלט, נאָר בּתנאי, אַז איר מיט גוטמאַנען זאָלט האָבן די השגחה איבער דעם דאָזיקן חדר.

איך ווייס, אַז אַזאַ מין שטאָט־חדר, וואָס זאָל געפירט ווערן דורך אַזעלכע מענשן ווי איר און גוטמאַן, וואָלט פאַר אידישע קינדער געווען אַ גליק. נאָר איך ווייס אָבער צוריק, אַז ווייל טאַקע פאַר אידישע קינדער וואָלט אַזאַ חדר געווען אַ גליק, וועט עס אַ סך מיני מענשעלאַך כּלל נישט שמעקן. זיי וועלן אַקעגן דעם זיך אַרויסשטעלן, זיי וועלן אַריינלייגן זייערע שמד־שטיק אין דער יראה, כּלומר'שט איז אַזוינס עפּעס נישט אידישלאַך, און וועלן זוכן אַלע מיני מיטל אַזעלכעס נישט צוצולאָזן. פונדעסטוועגן, איר, רבי, זאָלט פון אייער זייט פּרוא־ווּן טאָן וועגן דעם אַלצדינג, וואָס נאָר מעגלאַך.

דאָס אָבער וואָס דורך מיר וועט געטאָן ווערן פאַר אָרעמע קינדער דאָ, אין מיין שטאָט, איז נאָך נישט גענוג. איין שוועלבעלע קען קיין זומער נישט מאַכן. מען באַדאַרף באַוועגן דערצו אַנדערע, זיי זאָלן אויך אַזוינס טאָן אין די אַלע אידישע מקומות דאָרט. דעריבער פאַרלאַנג איך, אַז מיין ווידוי מיט דער דאָזיגער צוואה מיינער זאָלן אָפּגעדרוקט ווערן, זיי זאָלן קלינגען אין די אויערן פון נגידים, פיינע־בּריות, אומעטום צווישן דעם אידישן עולם. ווען אפילו די ווערטער מיינע וועלן נישט ווירקן אויף זיי צו בעסערן זיך ביים לעבן, צו פאַרשטיין, ווי צו אַרבעטן פאַר זייערע אָרימע ברידער, צו טאָן גוטס און ווי צו לעבן, וועלן זיי, לכל־הפּחות, זיך אויסלערנען ווי צו שטאַרבן...

וויפיל נגידים מיר איז אויסגעקומען צו קענען אין מיין וועלטל, זיינען ביז דער לעצטער מינוט זייערער געבליבן דאָס, וואָס זיי זיינען געווען— געשטאָרבן ווי נאַראָנים. אָט לאָזן זיי הערן דעם ווידוי און די ווערטער מיינע, און אויף מיר קוקנדיק, זיך אויסלערנען כאָטש שטאַרבן, אַוועקגיין פון דער וועלט ווי מענשן.

שטאַרבט, נגידים, שטאַרבט—שטאַרבט ווי מענשן!...

ש. י. אַבראַמאָוויטש.

# דער מתמיד.

(לירישע פּאָעמע)

עס הערט זיך פון ווייטן אַ טרויעריקע שטימע,
און ס'זעען אַ שיין פון אַ ליכט דיינע אויגן
דאָרט ווייט דורך אַ פענסטער. אים רייסט דורך אַ שאָטן,
וואָס וויגט זיך אַהער און אַהין, מיט האַלב־שיין באַצויגן;
און ס'טראָגט זיך אַ ניגון, אַ וויינענדער ניגון,
וואָס נעמט אָן ביים האַרצן, אין שטילקייט פון נאַכט:
דאָס זעסטו אַ מתמיד, וואָס האָט זיך אין תּפיסה
אין פינסטערער תּפיסה גוטווילק פאַרמאַכט!

אָט דאָרט אין דעם הויז איז אַוועק נישט איין טאָג אים,
נאָר גאַנצע זעקס יאָר זיינען דאָרטן פאַרפלויגן;
אָט דאָרט איז זיין יוגנט און קינדהייט פאַרלאָפן,
פאַרלאָשן דאָס ליכט פון די לויטערע אויגן.
קיין טאָג—נאָר זעקס יאָר, זייט ער האָט דאָ צום ווינקל,
צום פינסטערן ווינקל געווענדט זיין געזיכט;
געזעצן פאַר זיך האָט ער אַ וואַנט נאָר און שפּינוועבס,
קיין איינציקן שטראַל נישט, קיין אָפּגלאַנץ פון ליכט.
זיין שטענדיקער הונגער, נישט שלאָפן, זיין וועלקן—
וואָס האָט ביי דעם אינגל דאָס אַלץ פאַר אַ ווערט?

צי ווייסט ער דען נישט ווי אַמאָל פלעגט מען לערנען?
צי ווערט נישט ביי אידן אַ למדן פאַרערט?

אין שטייענד־פאַרשימלטן זומפּ, אין ישיבה,
פאַלט אויך ווען אַ נייעס אין לויף פון די יאָרן;
נאָר איינער שטייט אַלץ צו זיין אָרט צוגעשלאָגן,
די מעשים, די יאָרן אַהינטער אים פאַלן;
און פאַר אים? פאַר אים שטייט אַ וואַנט ווי פון אייזן
אַ טונקעלער ווינקל אָן ליכט און אָן שטראַלן!

זינט ס'האָט זיך דאָס אינגל אין ווינקל פאַרקליבן,
האָט קיינער באַמערקט זיין אַוועקגיין, זיין קומען;
דער שמש צומאָל ניט געוואוסט האָט די שעה,
ווען ער גייט אַהיים רוען און טוט צוריק קומען;
און שטערן נאָר זעען אים הויך פונ'ם הימל,
אין הימל אין טיפן אָן שיעור און אָן ברעג.

עס הערשט אין ישיבה אַ הייליקע שטילקייט,
דער ערשטער צעשטערט זי דער מתמיד, דאָס אינגל;
עס וואַרטן אויף אים דריי חברים, מיט וועלכע
ער איז שטאַרק באַפריינדעט אין פינסטערן ווינקל:
דער שטענדער, דאָס ליכט, און די ברייטע גמרא.
ער איילט צו די פריינד, קיין מינוט צו פאַרלירן,
און הייבט גלייך אָן לערנען מיט לוסט און מיט חשק.
דאָרט עסט ער אין ווינקל זיין שטיק שוואַרצן ברויט.—
ס'איז שטאַרקער פון שטיין און פון אייזן אַ אינגל
אַ אידישס, וואָס לערנט די תורה דורך נויט!

אַזוי שטייט דאָס אינגל טאָג־טעגלאַך אין ווינקל
פון פריאיקן מאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט;
ער טיילט איין זיין טאָג: איינס פאַר זיך,

און דריי האָט ער אַ ק ר ב ן דער ת ו ר ה געבראַכט.
און איינזאַם געשמידט צו זיין ווינקל, דאָרט שטייט ער,
דאָס פּנים געקניייטשט, מיט אַ בלאַסקייט באַגאָסן;
ער האָט אין דער ג מ ר א זיין גאַנצע נ ש מ ה
אויף אייביק, אויף אייביק, פאַרזונקען, פאַרלאָשן!—

ווער האָט אייער שטימע מיט גיפט אָנגעטרונקען?
וואָס יאָמערט און קלאָגט אייער טרויעריק געזאַנג?
באַוויינט איר דאָס אייערע באַגראָבענע יאָרן,
צי ס'איז אייך אויף אייער פאַרגאַנגענהייט באַנג?
צי דרויף, וואָס ס'איז ח ר ו ב די וועלט אייך געוואָרן,
צי דרויף, וואָס די יוגנט איז פון אייך פאַרפלויגן?
צי ווילט איר אויפלעבן די ווערטער, וואָס האָבן
דעם מאַרך אייך פון אייערע קעפּ אויסגעזויגן?
צי שרייט איר צו הילף און איר רופט אייער ג ו א ל,
ער זאָל אייך באַפרייען פון שרעקלאַכן שמאַרץ?
אומגליקלאַכע מענשן, עס הערט נישט קיין אויער!
אַזוי ווי אַ ת פ י ל ה, וואָס לאַנג איז געוואָרן
פאַרטראָגן פון ווינט און פאַרגעסן פון מענשן,
אַזוי גייט אייער ביטערער זיפץ אויך פאַרלאָרן.

מיין מ ז ל באַשערט האָט נישט, אָרימע מענשן,
אַז איך זאָל איינעם מיט אייך גיין פאַרלאָרן.
געפעלשט אין מיין ת ו ר ה, אין אַנדערע וועגן
בין איך אַליין איינזאַם פאַרלאָרן געוואָרן.
ס'איז אַנדערע צייטן... און ווייט פון אייך האָב איך
אין אַנדערע ערטער געשטעלט מיין מ ז ב ח.
נאָר געדענקען געדענק איך אייך אַלעמען אייביק,
עס גייט אייער בילד נישט אַרויס פון מיין מ ו ח!
כ'געדענק אויך, ווי שטאַרק און געזונט איז דער קערן,

די ז ר י ע ה, וואָס ליגט ביי אייך אין פעלד טיף באַהאַלטן.
ווי גרויס וואָלט געווען די ב ר כ ה, ווען ס'וואָלט אייך
איין־איינציקער וואַרימער זון־שטראַל אויפשפּאַלטן;
פיל וואָלטן מיר גאַרבן מיט ש מ ח ה געשניטן,
ווען ס'וואָלט אויף אייך איין מילדער ווינטל געבלאָזן,
און אָפּגערוימט וואָלט ער דעם וועג צום י ש י ב ה,
וואָס איז אַזוי ווילד און אוממענשלאַך פאַרלאָזן.
און כ'וויס—אייער ס ו ף ווי פאַרשווערט איז און שרעקלאַך.
מיין אומגליקלאַך פאָלק, אָ ווי לייד טוסטו מיר!
ווי טרוקן, פאַרשאָלטן דאַרף זיין שוין די נ ח ל ה,
אויב קערנער אַזעלכע פאַרשימלען אין איר!...

ח.נ. ביאַליק.

## לירישע פּאָעמע.

אַ ל י ר י ש ע  פּ אָ ע מ ע  איז אַ פּאָעטיש ווערק, וואו דער אַווטאָר גיט איבער גאַנץ ברייט די  א י ב ע ר ל ע ב ו נ ג ע ן  פ ו ן  ז י י ן  ה ע ל ד. אַזאַ פּאָעמע ווערט געוויינטלאַך געשריבן אין פּערזן.

דער „מ ת מ י ד“ איז איינע פון אַ רייע פּאָעמעס, וואָס דער גרויסער העברייאישער דיכטער  ח י י ם ־ נ ח מ ן  ביאַליק האָט אָנגעשריבן און פון וועלכע איינציקע זיינען איבערזעצט געוואָרן אין אידיש.

# מען וועקט.

ח. ד. נאָמבערג

איבער דעם קליינעם איינגעשלאָפענעם שטעטל שוועבט אַ העלע, פראָסטיקע ווינטער־נאַכט. די ל ב נ ה אין בלויען הימל איז קיילאַכדיק און ריין, און אַ בלוילאַך, דין ליכט דערפילט די לופט און באַדעקט די קליינע איינגעבויגענע הילצערנע הייזלאַך.
נאָר דער קוימען פון דער איינציקער גרויסער פאַבריק אין שטעטל און דער הויכער טורעם פון דער קירכע רייסן זיך אין דער הייך און מאַכן שוואַרצע פלעקן אין דער ריינער לופט.

אַקעגן די טויזנטער שטערן, וואָס פינקלען אין ריינעם הימל, שיקן די געפרוירענע שניי־שטערנדלאַך צוריק צו דער ערד מיליאָנען שטראַלן, וואָס ציטערן אין דער לופט. די לופט איז קאַלט, שטייף און רואיק, עס באַוועגט זיך נישט קיין מינדסטער ריר; און שטיל איז אַרום. די קליינע, הילצערנע הייזלאַך בייגן זיך צו דער ערד, איינגעשלאָפן און פאַרחלומ׳ט, און פון זייערע פענסטער קוקט אַרויס די פינסטערניש. פון עפּעס אַ פענסטער שלאָגט אַרויס אַ שוואַכע ציטערדיקע שיין, און פון דאָרט דערהערט זיך טיילמאָל אַ וויינענדיק, פאַרשטיקט קול: אַ קראַנק קינד וועקט זיך און וויינט. באַלד דערהערט זיך פון דאָרט דאָס געקלאַפּ פון וויגל, וואָס באַוועגט זיך מיט אַ גלייכן טאַקט. דאָס קול פאַרשטומט, דערנאָך אויך דאָס געקלאַפּ פון וויגל—און די רואיקע, פראָסטיקע נאַכט הערשט ווידער שטיל און רואיק.

און פעסט אַרומגענומען פון דער נאַכט, שווייגט שטיל די וועלט, אַ שטייגער זי וואָלט מורא האָבן אַ מויל צו עפענען פאַר דער שיינער מעכטיקער נאַכט־קיניגן. נאָר דער פאַרשייטער שטאָט־זייגער איז נישט איבערגעשראָקן: יעדעס פערטל שעה קלינגט ער אָן, און גיט איבער דער נאַכט אַ קורצן לאַקאָנישן באַריכט, ווי שפּעט עס איז, ווי לאַנג זי, די נאַכט, האָט נאָך צו הערשן איבער דער וועלט.

קלום... עס האָט פיר געשלאָגן. נאָר די נאַכט, ווי זי וואָלט קיין זייגער־לשון נישט פאַרשטאַנען און ווי זי וואָלט איבערצייגט געווען, אַז זי וועט אויף אייביק הערשן, בלייבט ווידער שטיל, רואיק און מאַיעסטעטיש.

מענשן שלאָפן שוין לאַנג מיט אַ פעסטן נאָך־האַלבנאַכטישן שלאָף, רוען אויס די מידע ביינער און דעם דאַרן מוח, יעדער אויף וואָס ער קאָן: דאָס יונגוואַרג ליגט אויף האַלב־צעבראָכענע בעטלאַך, צוגערוקט איינס צום אַנדערן, כדי צו דערוואַרימען דעם קאַלטן גוף, און דאָס אַלטוואַרג ציטערט אויף די אָפּגעקילטע אויוונס. אין די אידישע הייזער איז דער אויוון לער; פאַרדאָס ליגן זיי צוזאַמענגעפרעסט, ווי סחורה אין אַ קאַסטן איינגעפּאַקט, אויף מאָדנע שלאָף־בענק, פאַרוויקלטע הענטלאַך מיט פיסלאַך. עטלאַכע קליינע, בלייכע קינדערשע פּנימ׳ער קוקן אַרויס, און יאַרמולקעס וואַרפן זיך לעבן דעם אַרום. און אויף די אַלע פּנימ׳ער אין די בעטן און אויף די אויוונס, אין אידישע און אין קריסטלאַכע הייזער, ליגט אויסגעגאָסן עפּעס אַ מין צופרידנהייט; און מיט די נעזער שנאָרכן זיי אויס אַ לויב־ליד צו דעם גוטן באַרמהערציקן באַשעפער, וואָס האָט באַשאַפן פאַר זיי אַזאַ מין גוטע נאַכט, אַזאַ מין זיסן שלאָף.

דער קליינער ווייזער פון שטאָט־זייגער רוקט זיך אָפּ פון פיר און גייט נעענטער צו פינף. פון די טרעפּן פון אַ געוועלב הייבט זיך אויף

דער מאַרק־וועכטער, גענעצט אָפּ מיט אַ ברייט אָפּן מויל און גייט אַהיים שלאָפן. די רואיקע לופט צערודערט אַ שרייענדיקער „קוקעריקו״.

עס דאַכט זיך, די נאַכט האָט אין גאַנצן אַ ציטער געגעבן; זי שרעקט זיך פאַר איר סוף.

— קלום... קלום... —עס האָט פינף געשלאָגן.

און אין דער זעלבער סעקונדע דערהערט זיך אַ לאַנג, אויסגעצויגן פייפן פון דער פאַבריק. דאָס פייפן ציט זיך דורך דער לופט, באַוועגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט און דרינגט אַריין דורך די פענ־סטער אין די שטיבער און וועקט:

— פספּ... שטייט אויף מענשן! שטייט אויף צו דער אַרבעט!

אין עטלאַכע סעקונדן אַרום הייבט זיך דאָס יונגוואַרג אָן צו הייבן אויף די בעטן, דרייען זיך נאָך עטלאַכע מאָל איבער פון איין זייט אויף דער אַנדערער, גענעצן און שטייען אויף.

אַ יונגע מוטער, וואָס האָט ערשט די אויגן געעפנט, כאַפּט איר קינד אָנזויגן, שטופּט מיט געוואַלד דעם קינד די ברוסט אין מויל אַריין. דאָס קינד ברויך דאָס זויגן גענוג צו האָבן ביז צוועלף, ווען זי קומט אַהיים אויף מיטאָג. דאָס יונגוואַרג וואַשט זיך איילנדיק, לייגט אין די טאַשן דאָס ברויט, וואָס ליגט אָנגעגרייט אויף די טישן פון נעכטן.

די לופט אין דרויסן איז ווידער שטיל; נאָר דער קירכגלאָק הייבט זיך איצט אָן צו באַוועגן.

גלייך און געלאַסן קלינגט ער; באַלד רופט זיך אָן אַ צווייטער, וואָס קלינגט נידעריקער פאַר׳ן ערשטן, נאָר גיכער, און די שטימען פאַרייניקן זיך אין אַ טרויעריקער האַרמאָניע.

און דאָס קלינגען טראָגט זיך אין דער לופט, גנב׳עט זיך דורך די פענסטער אין די שטובן אַריין און וועקט:

— קלום־קלום־קלום... קלום־קלום־קלום... שטייט־אויף, שטייט־אויף, מענשן, אין קירכע גיין!

עס רודערט זיך אויף די אויוונס, די אַלטע גענעצן און שטייען אויף.

אויף דער גאַס הייבט זיך אָן צו רירן, עס דערזעען זיך מענשלאַכע פיגורן—אַלטע און יונגע. מענער און ווייבער איילן אין צוויי זייטן: די יונגע אין דער פאַבריק און די אַלטע אין דער קירך.

עס עפענען זיך די אידישע געוועלבער, דער שמש שלאָגט מיט׳ן האַמער און וועקט דעם עולם דאַוונען. בעלי־מלאכות מיט טלית־און־תפילין אונטער׳ן אָרעם איילן אין בית־מדרש אַריין.

נאָך אין אַ צייט אַרום האָט דער שטאָט־זייגער אויסגעקלונגען זיבן און האָט דערציילט, אַז באַלד וועט די זון זיך באַווייזן. און פון אונטער די נידעריקע הייזער איז אַרויס די זון, רויט און פריש, און האָט צעשיקט אין אַלע זייטן ליכטיקע, דערקוויקנדיקע שטראַלן; און די שטראַל

האָבן דורכגעוועבט מיט מאָרגנליכט די לופט און דורך די שויבן אַריינ־געשלאָגן און געוועקט:

שטייט אויף, מענשן, שטייט אויף צו דינען זיך גופא! הייליק איז דער מענש!

נאָר די שטראַלן האָבן שוין קיינעם אין בעט נישט געטראָפן: מענשן דינען שוין לאַנג ווער ביי לייטן, ווער ביי גאָט.

די זון האָט אַ בייזן בליק געוואָרפן אויף דער ערד און זיך באַהאַלטן אונטער אַ שווערן וואָלקן...

# מענשן און געטער.

(מעשה)

1.

גאָלדע די פישערן האָט געוואוינט אין שכנות מיט אַנטאָניע יאַכ־טאָוונע אין דעם קליין־חורבה'דיקן הייזל, וואָס איז אויף יענער זייט טייכל, וואו די ווייבער וואַשן די וועש. איינע ווי די אַנדערע זיינען זיי שוין לאַנג אַלמנות פון די מאַנען און פאַרלאָזטע פון די קינדער זייערע, וואָס זיינען זיך צעפאָרן אין דער וועלט.

גאָלדעס עלטערער זון, חיים קאַמאַשניק, איז אַמאָל געקומען צופאָרן אַהיים פון לאָדז, וואו ער האָט געאַרבעט איבער'ן זמן, און האָט זיך אין דער שטיל אָנגעהויבן צו סוד'ען מיט אַנטאָניעס זון, אַנטעק דעם סטאָליער. עס קומט נאָך יום־טוב, און דער יונג מאַכט זיך נאָך אַלץ נישט אין וועג אַריין צום מייסטער, נאָר ער דרייט זיך שטוב־איין, שטוב־אויס. די מוטער האָט שוין פאַרשלאָסן דאָס ברויט אין קאַסטן און קריגט זיך מיט אים. ערשט אין אַ שיינער נאַכט זיינען די צוויי בחורים, חיים און אַנטעק, פאַרפאַלן געוואָרן. מען זוכט אַהין, מען זוכט אַהער—נישטאָ די בחורים, אין ים אַריין. די אידענע קריגט זיך מיט דער גוי'ע, די גוי'ע מיט דער אידענע. די זאָגט: דיין זון האָט מיינעם אָנגערעדט; די צווייטע טענה'ט פאַרקערט. אַזוי איז עס געווען ביז אין אַ שיינעם זומער־פרימאָרגן. גאָלדע און אַנטאָניע שטייען אַזוי פאַר דער טיר פון הייזל און שלאָגן אָן מיט אַ פערטל מעל דעם באָרשטש אויף אָנבייסן און ריידן זיך איינע פאַר דער צווייטער דאָס האַרץ אויס:

— וואו קענען זיי איצט זיין?
— אין ים אוודאי דערטרונקען געוואָרן.
— האָרעווע אויף קינדער פאַר די פישס ציין!
— און אפשר לעבן זיי?—גיט די אידענע אונטער מוט.
— און אפשר לעבן זיי!—העלפט די גוי'ע אונטער.

— און אפשר זיינען זיי באַגליקט געוואָרן?
— און אפשר האָבן זיי שוין זייערע אייגענע פעלדער און הייזער?
— און נאָך דער אָרימער מאַמען אויף דער עלטער העלפן?
מיט אַמאָל קומט צוגיין חנה'לע, די בריף־טרעגערן:
— גאָלדעלע, גאָלדעלע, גוטע בשורות זאָלן אייך ווערן אָנגע־זאָגט; עס איז דאָ אַ בריף פאַר אייך!
— פון וואַנען אַ בריף?
— אַ בריף מיט אַ שיפל, פון יענער זייט ים.
און זי האָט איר איבערגעגעבן אַ בריף־פּאַקעט. פאַר דער גוי'ע איז אויך געווען אַ בריף.
זיי האָבן אויפגעריסן די בריף, ערשט זיי נעמען אַרויס צוויי פאָטאָ־גראַפיעס. צוויי פּריצים מיט קאַפעלושן האַלטן שטעקעלאַך אין איין האַנט און גיבן זיך אָפּ „שלום עליכם!" מיט דער צווייטער האַנט.
די ווייבער קוקן אָן די פאָטאָגראַפיעס: זיינען עס יאָ זיי, זיינען עס נישט זיי? דאַכט זיך, עפּעס גאָר פאַרשטעלטע.
— מיין חיים.—כליפּעט די אידענע אַרויס אין אַ געוויין.
— מיין בלוט, מיין פלייש.—וויינט די גוי'ע.
אַז די ערשטע איבערראַשונג איז אַריבער, האָט מען גענומען באַ־טראַכטן די צוריק געפונענע קינדער.
— מיין חיים האָט זיך גאָרנישט פאַרענדערט.—זאָגט די אידענע.
— מיין אַנטעק אויך נישט.
— קוק נאָר אָן די קייט אויף דער וועסט מיט די הענטשיקעס!
— און זעסטו, ווי מיינער טראָגט אַ צילינדער!
— הע, אידיש בלוט! צום שלעכטן האָט „דיינעם" מיינער אָנגערעדט?
— אַז נישט חיים, וואָס פאַר אַן עצה וואָלט ער זיך געגעבן?—זאָגט די אידענע צו דער גוי'ע.
— איך ווייס גאָר נישט דאָס גליק, וואָס איז מיט אים; אין גאָלדענע קייטן צירט ער זיך און אָן דער אַלטער מאַמען פאַרגעסן.
— מען דאַרף צו משה לערער גיין, ער זאָל די בריף איבערלייענען.
ביידע ווייבער האָבן זיך אין די פאַטשיילעס איינגעוויקלט און צו משה לערער געגאַנגען מיט די בריף. משה לערער האָט זיי פאַר־געלייענט, ווי די קינדער לאָזן הערן „פון זייער ליבן געזונט, און דאָס נעמ־לאַכע ווינשן זיי צו הערן פון די ליבע עלטערן". דערנאָך שרייבן זיי, אַז זיי האָבן אָן די אַלטע מוטערס נישט פאַרגעסן. זיי האָבן גרויסע צרות איבערגעליטן, ביז זיי זיינען געקומען אויף אַ שטיקל מדרגה. און זיי ביידע אַרבעטן אין איין וואַרשטאַט און פאַרדינען 15 דאָלער אַ וואָך; נאָר נישט שטענדיק איז פאַראַן אַרבעט, און זיי שיקן די מוטערס צו אַ פונט און וועלן ווייטער אויך אָן זיי נישט פאַרגעסן. זיי ענדיקן די

בריף, אַז זיי זיצן אַ גאַנצע נאַכט און שרייבן די בריף, נאָר אָט גייט שוין די לאָמפּ אויס, מוזן זיי די בריף ענדיקן.

אין די בריף זיינען געלעגן צוויי בלאָע שטיקלאַך פּאַפּיר, פּאַר וועלכע לייבוש שפּילעטער האָט נאָך גרויס מי אויסגעצאָלט זיי צו 7 רובל מיט פּופּציק גראָשן.

די ווייבער זיינען נאָך יענעם טאָג אויפ'ן בית־עולם געגאַנגען אָנזאָגן זייערע מאַנען, אַז די קינדער זייערע האָבן זיך צוריק געפונען און האָבן אָן די אַלטע מאַמעס נישט פאַרגעסן.

2

אַזוי האָבן געלעבט די צוויי ווייבער אין שכנות אַ צייט מיט יאָרן נאָך די מאַנענס טויט און אַ צייט מיט יאָרן פאַר די מאַנענס טויט אין דעם קליינעם חורבה'דיקן הייזל, וואָס שטייט אויף יענער זייט טייכל, וואו די ווייבער וואַשן די וועש. דאָס קליינע הייזל איז אַריינגעקומען אין שותפות צו דעם איד און צו דעם גוי. בכלל האָבן דער איד און דער גוי צווישן זיך געלעבט אין שלום, געקריגט זיך אין שלום, זיך געזידלט און ווייטער דערנאָך צוריק חבר געוואָרן. אין שלום האָבן אויך געלעבט די גוי'ע מיט דער אידענע. פלעגט די גוי'ע גיין צו דער אַרבעט און האָט איבערגעלאָזט איר קליינעם אַנטעקן אין וויג, און דער קליינער גוי האָט געמאַכט געוואַלדן דעם הימל נאָר צו שפּאַלטן, איז אַריין די אידישע שכנה, וועלכע האָט דענסטמאָל געזויגן איר חיים'ען, און האָט אים אויף דער האַנט גענומען און געגעבן אים פון איר ברוסט. איז פאַר אַ יום־טוב געקומען, פאַר אַ פּסח, למשל, אַז גאָלדעלע די פישערן האָט זיך פון שטוב אין הויף אַריינגעצויגן, און די קינדער, ווי די אינדיקעס, האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט מיט אַ געוויין, מיט אַ געוואַלד,—האָט די גוי'ע דער אידענעס אַ קינד אין שטוב צו זיך אַריינגעכאַפּט, א'ם געגעבן עסן פון איר מיטאָג. די אידענע פלעגט דערנאָך דעם קינדס מויל שייערן, רייבן און כשר'ן מיט הייסע שטיינדלאַך. און דער יונג פלעגט דערביי מאַכן געוואַלדן ביז צום הימל... איז ביי איינער דאָס קינד קראַנק געוואָרן, האָט עס די צווייטע אָפּגעהיט, געלאָפן צום פעלדשער, רפואות געבראַכט. אין נויט האָט איינע דער אַנדערער אַ גראָשן געלט, אַ לעבל ברויט און אַ טראָפּן מילך געבאָרגט.

נאָר די געטער פון די צוויי שכנים האָבן נישט געקאָנט לעבן צווישן זיך אין שלום און האָבן אָנגעמאַכט גרויסע מחלוקת'ן צווישן די שכנים.

איז געקומען אַ יום־טוב פון איין גאָט, האָט עס דער צווייטער גאָט נישט געקענט דערליידן. למשל: אַזוי אַ גאַנץ יאָר—גאָרנישט, לעבט מען זיך אין שלום; קומט אָבער ביי דעם גוי אַ יום־טוב, די קריס־טוס־נאַכט, און פון דעם גוי'ס שטוב איז אויפגעגאַנגען דער געשמאַק פון

זייערע ניין געריכטן, האָט די אידענע געדרייט מיט דער נאָז... און אַז דער גלח איז געקומען מיט'ן הייליקן וואַסער „באַשווענצן" די „פלאַצ־קעס", האָט די אידענע די קינדער פאַרשלאָסן צו זיך אין שטוב און זיי נישט אַרויסגעלאָזט. אַז די אידענע האָט דערזען דאָס אָפגעפּרעגלטע חזיר־קעפּל, וואָס פון די אויגן־לעכער האָט גרינס אַרויסגעשטאַרט, האָט איר אָנגעהויבן צו נודיען, און זי שפייט אַ גאַנצן טאָג.

— אָ, אַ יום־טוב ביי זיי! אַזאַ שוואַרץ יאָר זאָלן זיי מיר האָבן.— פלעגט די אידענע זאָגן און אַ גאַנצן יום־טוב נישט ווייזן זיך דער גוי'ע פאַר די אויגן.

איז ווייטער געקומען אַ אידישער יום־טוב, אַ פּסח, און די אידענע האָט די פּיש געקאָכט, האָט די גוי'ע די טיר פאַרהאַקט ביי זיך אין שטוב:

— דער פאַסקודנער יום־טוב, דער אידישער, דאָס גאַנצע פּיר־הויז פאַרשמוצט!

און אַז מען האָט געבראַכט די מצות, האָט די גוי'ע אירע קינדער אַריינגעכאַפּט אין שטוב און די טיר פאַרשלאָסן.

און שבת אויף דער נאַכט, אַז די אידענע האָט די פיש אויפ'ן טיש אַרויפגעשטעלט און די שבת־ליכט האָבן זיך געברענט, און איר ברוך האָט זמירות געזונגען, האָט די אידענע דורכ'ן פענסטער אַרויס־געקוקט, און דערזעענדיק, ווי דער גוי שלעפּט די טאַטשקע מיט זאַמד און אין זאַק אַרומגעוויקלט, פלעגט זי זיך אָנרופן צום מאַן:

— עס איז טאַקע ביי זיי קיין שבת נישטאָ, אַן אומה עפּעס!...

עס איז אַוועק אַ לאַנגע צייט. די שכנות האָבן זיך פאַרעלטערט. די קינדער זייערע אין אַמעריקע. חיים און אַנטעק זיינען ווייטער ער־געץ־וואו פאַרפאַלן געוואָרן און האָבן אויפגעהערט צו שרייבן בריף, צו שיקן פאָטאָגראַפיעס און שטיקלאַך פּאַפּיר, פאַר וועלכע דער שפּילעטער זאָל אויסצאָלן זיבן רובל מיט פופציק גראָשן. די גוי'ע אַזוי ווי די אידענע, האָבן ווייטער איינע דער צווייטער פאַרגעוואָרפן. די זאָגט: „דיינער" האָט „מיינעם" אָנגערעדט, און די צווייטע טענה'ט פאַרקערט.

נאָר דער אידענעס טייל הייזל איז ביסלאַכוויז איינגעלייגט געוואָרן. דאָס דעכל איז געפאַלן אויף די פיר ווענטלאַך, וועלכע האָבן זיך גע־טרייסלט און געשאָקלט ביז צום פאַלן ביי דער לייכטסטער באַוועגונג. דער קוימען פון אויוון איז אינגאַנצן צעבראָכן געוואָרן, און דער רויך פון דעם אויוון פלעגט אָנפילן די גאַנצע שטוב. פון דעם האַלבן רובל אַ וואָך, וואָס דער שותף און דער מחותן צאָלט איר אויס איר טייל רווח (אַזוי איז שוין ביי די פישער אַמנהג), קאָן זי קוים אויסקומען מיט ברויט און מילך, מיט אַ שטיקל פלייש אויף שבת, און דערפון צאָלט

זי נאָך צוואַנציק גראָשן אַ וואָך חנה'לע דער קרעמערן פֿאַר לייוונט אויף תּכריכים אויף נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר... מילא, זומער האָט זי געלעבט אין איר טייל שטוב, ווי ווייט זי האָט געקאָנט. עס איז אָבער געקומען ווינטער, איז איר נישט געבליבן קיין אַנדער עצה, נאָר איבערצוווינטערן ביי דער גוי'ע אין אַ ווינקל שטוב. כאָטש אַ גוי'ע, נאָר „אַ גוטער שכן איז פֿיל בעסער, ווי אַ ווייטער קרוב".

די גוי'ע האָט זי צוגענומען מיט'ן גרעסטן כּבֿוד, און האָט איר אָפּגעגעבן דאָס ווינקל ביים אויוון. קיין סך פֿון איר שטיבל האָט זי נישט געהאַט איבערצוטראָגן. די ווינטערדיקע קאָלדרע, די צוויי שבת־לייכטערלאַך, דאָס עלמערל, די טערקישע שאַל מיט דער שבת'דיקער הויב און דאָס „קעסטעלע".

האָט די אידענע געוואוינט אין ווינקל שטוב ביים אויוון. אין צווייטן ווינקל ביים פֿענסטערל, איבער דער גוי'עס בעט, איז געהאַנגען אַ „הייליק בילד", פֿאַר וועלכן עס האָט זיך אַ לעמפּל געברענט.

די אידענע האָט מורא געהאַט אַהין צו קוקן אין דעם ווינקל, וואו עס הענגט דאָס בילד: זי זינדיקט מיט די אויגן... אָט ווערט זי שוין בלינד... און דער קריסטוס־קאָפּ, וועלכער איז געווען אַרומגענומען מיט אַ שטעכעדיקן צווייגן־קראַנץ, האָט זיך איר גערעכט, שטעכט פֿון דער ווייטן... דער אַלטער יום־כּיפּור'דיקער מחזור, אַ ירושה פֿון איר מאַמען, וואָס זי האָט מיט זיך געהאַט, האָט זי אין טערקישן טוך איינגעוויקלט, אַז די גוי'ע זאָל עס נישט זען; און אַז עס איז געקומען אויף דער נאַכט, צום קריאת־שמע לייענען, האָט זי פֿאַר איר ווינקל דאָס קעסטעלע אַנידערגעשטעלט—אַ מין מחיצה געמאַכט, אַז דאָס קריסטוס־בילד זאָל נישט הערן איר תּפֿילה...

מיט דער גוי'ע איז אויך דאָס זעלבע. אַז עס איז געקומען אויף דער נאַכט, און זי האָט געדאַרפֿט איר געבעט מאַכן, האָט זי אָפּגעוואַרט, ביז די אידענע וועט שוין איינשלאָפֿן, און האָט פֿאַרשטעלט איר טייל ווינקל, אַז די אידענע מיט איר גאָט, וואָס זי האָט דאָרט אין קעסטעלע (דער מחזור, וואָס איז אַרומגעוויקלט אין טערקישן טוך), זאָל חלילה נישט דערהערן אַ וואָרט.

עס איז געקומען דער ערשטער פֿרייטאָג־צו־נאַכט. די אידענע האָט זיך גענומען צוגרייטן צו ליכט־בענשן אין איר ווינקל. זי האָט אַ טישטוכל אויסגעשפּרייט איבער'ן קעסטעלע, האָט אויסגעשטעלט אירע צוויי לייכטערלאַך, ליכט אַריינגעשטעלט, האָט זיך אָנגעטאָן אין דער שבת'דיקער הויב און האָט זיך גענומען זאָגן די תּחינה. דער גוי'ע האָט עס אין האַרצן שוין פֿאַרדראָסן: ביי איר אין שטוב מאַכט מען אַ אידישן יום־טובֿ. דאָך אַרויסווייזן וועט זי דאָס נישט. נאָר זעענדיק, אַז די אידענע דאַוונט פֿאַר איר גאָט, האָט זי זיך פֿאַר'ן הייליקן בילד אַנידערגעקניט און אָנגע־

הויבן זיך צו „מאָדליען" פאַר איר גאָט און אין האַרצן געשלאָגן... די אידע־נע האָט עס נישט געקאָנט אַריבערטראָגן: פונקט ווען זי בענשט ליכט.

נאָכ'ן ליכט־בענשן האָט די אידענע זיך אַ חלה אָוועקגעלייגט אויפ'ן טיש מיט אַ טעלערל פישלאַך, וואָס אַ שכנה שיקט איר אַריין אויף יעדן שבת.

די גוי'ע האָט זיך שוין געהאַט אויפגעהויבן פון הייליקן בילד און איז צוגעגאַנגען צו דער אידענעס טישל. די אידענע האָט זי מיט פישלאַך מכבד געווען, האָבן זיי ביידע געגעסן און געשמועסט פון פאַרשידענע זאַכן.

אין שטוב איז געווען ווארים געווען, די גוי'ע האָט שטאַרק דעם אויוון געהייצט אויף שבת פון דער אידענעס וועגן; די ליכט האָבן געברענט אויפ'ן טישל, און אין צווייטן ווינקל איז דאָס לעמפל פאַר'ן הייליקן בילד פאַרלאָרן געוואָרן אין האַלבן שאָטן. די ווייבער זיינען געזעסן, האָבן פאַמעלאַך די פישלאַך געגעסן, אַז זיי זאָלן קייןביינדלאַך נישט אַראָפּשלינגען, און האָבן פאַמעלאַך געבאָלבעט וועגן פאַרשידענע זאַכן, לשון־הרע אויסגערעדט אויף שכנות, ביז עס איז צו רייד געקומען וועגן זייערע קינדער דאָרט ווייט. האָבן זיי געקלערט, וואו זיי זיינען אַהינ־געקומען, וואָס טוט זיך עס מיט זיי.

– וואו קאָנען זיי איצט זיין?–פרעגט די גוי'ע.

– אין ים אוודאי דערטרונקען געוואָרן.–ענטפערט די אידענע.

– האָדעווע אויף די קינדער פאַר די פישס ציין.–וויינט די גוי''ע.

– און אפשר לעבן זיי?–פאַרלירט די אידענע דעם מוט נישט.

– און אפשר לעבן זיי.–העלפט די גוי'ע אונטער.

– און אפשר זיינען זיי באַגליקט געוואָרן?–וויל האָפן די אידענע.

– און אפשר האָבן זיי שוין זייערע אייגענע פעלדער און הייזער.–גייט די גוי'ע ווייטער.

– גאָט וועט העלפן.–איז מבטיח די אידענע.

– גאָט וועט נישט פאַרלאָזן.–העלפט אונטער די גוי'ע.

און זיי פאַרגעסן איין מינוט, וועלכער גאָט: צי דער דאָ ביי די שבת־ליכטלאַך, צי יענער דאָרט אין פאַרנעפּלטן ווינקל. און זיי ווערן איינ־געשלאָפן מיט גאָטס נאָמען אויף די ליפּן און מיט ביטחון אין האַרצן אויף דעם קליינעם קעסטעלע, וואָס איז פאַרשאָטן מיט ביינדלאַך פון פיש און ברעקלאַך פון דער חלה...

אין דעם קליינעם שטיבל האָבן צוויי געטער געצאַנקט: די קליינע שבת־ליכטלאַך ביים טישל און דאָס קליינע לעמפּל פאַר'ן הייליקן בילד, און זיי זיינען אין דער שטיל, אין דער שטיל אויסגעגאַנגען... אַלץ איז געגאַנגען זיך שלאָפן לייגן און איז איינגעשלאָפן אין דער טונקעלער וואַרימער נאַכט פון פרייטאָג־צו־נאַכט...

שלום אַש.

# שמעקט דער שבת שוין מיט גרויער וואָך.

שמעקט דער שבת שוין מיט גרויער וואָך,
און די וואָך ווערט רואיקער פון שבת.
באַוואָקסן שוין פון לאַנג מיט שטילקייט און מיט מאָך
אַלע פרומע ווענן פון רב אַבאַ'ס.

נאָר אַלטע ייִדעס גייען נאָך אין שול,
אַלטע ייִדעס זיינען אַלץ נאָך ייִדעס..
ווערן קינדער דול, ווערן טאַטעס דול —
ווילט זיך שוין ניט שילטן און ניט ריידן.

גייט מען שטיל, געבויגן און פאַרטיפט,
עס ליגט די שול ביז אַלע ווענט פאַרזונקען.
קומט אָן און ס'יאָגט און ס'טראָגט פון קאָלעקטיוו
אַ פולע פור מיט פייערדיקע יונגען

מיט פעט־פאַרברענטע ברוינע הענט,
מיט בראָנזענע און אָפּגעברענטע נאַקנס:
—„גוט שבת, ייִדעס! ניט דערקענט?..״
— כאָטש שעמען זיך האָט איר געדאַרפט, לייידאַקעס!

און ס'פליט די פור, די גאַס ווערט דול.
אַ הייב די בייטש, אַ פּאָך, אַ פייף — פאַרפלויגן!
גייען ייִדעס שטילערהייט אין שול
מיט שווערע און אַראָפּגעלאָזטע אויגן...

איזי כאַריק.

# אין פײַן.

## פאַרשפּעטיקט.

(סקיצע)

1

עס האָט זיך אונטערגערוקט דער אָסיען. די טעג זיינען געוואָרן קלענער און די נעכט גרעסער. אין קליינעם שטיבעלע ביי אַנטאָשן – אַן אָרימן פּויער אין אַ קליין דערפל – האָט מען שוין באַדאַרפט ביי־נאַכט אַ לעמפּעלע ברענען. דאָס ליימענע פלעשל, וואָס אַנטאָש האָט ביי אַ טעפּער מיט דריי יאָר צוריק געקויפט פאַר אַכט גראָשן, איז אַ טרוקנס געשטאַנען, און ס'איז ניט געווען פאַר וואָס נאַפט צו קויפן. אוי־סערדעם איז שוין ביי אים דאָס זאַלץ אויך באַלד אויסגעגאַנגען; און פון זייף איז נאָר אַ שטיקעלע געבליבן; און פון דער מאַכאָרקע איז נאָר גע־בליבן אויף אַ פּאָר טעג. אַנטאָש האָט זיך אַלץ געקראַצט אין פּאַטיל־ניצע, געשפּייט און אַלץ געוואָרטשעט:

– קיין זאַלץ ניטאָ, קיין זייף ניטאָ, קיין מאַכאָרקע ניטאָ, גאָרנישט ניטאָ! ס'איז שלעכט.

פאַרדינען האָט אַנטאָש ניט געהאַט וואו. דער איינציקער איד, וואָס האָט אין דאָרף געוואוינט, איז אַליין זייער אָרים געווען; און אַנטאָש האָט געהאַט נאָר איין האָפענונג: פאַר סוכּות אָנצוהאַקן אַ פולן וואָגן סכך און פירן עס אין שטעטל אַריין און פאַרקויפן עס פאַר אַ פּאָר פערציקער. אַלע יאָר טוט ער אַזוי, זייט ער האָט דאָס פערדל זיינס, פאַר וועלכן ער האָט אָפּגעצאָלט אויפ'ן יאַריד זעקס רובל.

– ווען וועט ביי אייך זיין סוכּות? – האָט ער גלייך נאָך ראש־השנה אָנגעהויבן פרעגן דעם אידן, וואָס האָט געוואוינט ניט ווייט פון דאָרף.

– נאָך לאַנג! – פלעגט אים דער איד ענטפערן.

– אָבער ווען? – פלעגט אַנטאָש רוען ניט לאָזן.

– דער איד, וועלכער האָט נישט געפילט אַנטאָשעס נויט, האָט אים איינמאָל אַ זאָג געטאָן, ניט פיל טראַכטנדיק:

– נאָך אַ וואָך.

אין אמת'ן איז ניט מער געווען ווי פינף טעג צו סוכּות, און אַנטאָש האָט אויסגערעכנט, אַז צוויי טעג פאַר סוכּות איז די רעכטע צייט צו פירן די סכך אין שטעטל: דאָס איז געווען אַקוראַט דער ערשטער טאָג יום־טוב.

ער איז דעם טאָג פרי אויפגעשטאַנען, איבערגעביסן אַ שטיק גראָב שוואַרץ ברויט, וואָס ער האָט געטונקט אין זאַלץ, פון אים אַליין צעשטויסן, פאַרטרונקען מיט אַ קוואָרט קאַלט וואַסער, האָט איינגעשפּאַנט דאָס האַלב־הונגעריקע, האַלב־פאַרשלאָפענע פערדל, גענומען די האַק און זיך געלאָזן אין נאָענטן וועלדל.

ער האָט זיך גענומען האַקן די שטעכעדיקע צווייגן איינע נאָך די אַנדערע. געקליבן האָט ער אַלץ גערדיכטערע און לענגערע. „בעסערע סחורה פאַרקויפט זיך גיכער!" — האָט ער דערביי געטראַכט. דער וואָגן איז אַלץ געוואַקסן און געוואַקסן. ער האָט גערעכנט לכל־הפּחות לייזן פאַר זיין סחורה אַ גילדן דריי, און אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז ס'איז נאָך וויייניק, און ער האָט אַלץ געהאַקט און געלייגט די צווייגן.

ענדלאַך איז דער וואָגן פול געוואָרן. אַנטאָאָש האָט אים באַטראַכט פון אַלע זייטן און איז צופרידן געבליבן.

— גענוג וועט זיין! — האָט ער פאַר זיך הויך אַרויסגעברומט און גע־נומען דאָס פערד פאַר'ן צוים.

אַז ער איז אָבער אָפּגעפאָרן אַ פּאָר טריט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און ווייטער אַ קוק געטאָן אויף דעם וואָגן.

— און אפשר וועט זיין וויייניק? — האָט ער זיך פּלוצים דערשראָקן, האָט אויסגעהאַקט נאָך פינף צווייגן און האָט זיך גענומען פאָרן שוין אויף זיכער.

ער איז געפאָרן לאַנגזאַם, טריט ביי טריט, און לאַנגזאַם, טריט ביי טריט, זיינען אויך אַזוי אין קאָפּ זיינע געדאַנקען געגאַנגען, ווי זיי וואָלטן ניט וועלן גיין גיכער פאַר דעם פערדל. אַנטאָאָש האָט גערעכנט, וויפיל זאַלץ וועט ער קענען קויפן און וויפיל זייף, וויפיל „גאַזע" און וויפיל מאַ־כאָרקע פאַר דעם געלט, וואָס ער וועט אָפּלייזן אין שטעטל ביי די אידן. ענדלאַך האָט אים דער חשבון פאַרמאַטערט און ער האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט האָבן די צוויי גילדן אין האַנט, וועט אים גרינגער זיין צו באַ־רעכענען, ווי אַזוי אַלץ איינצוקויפן, און נאָך דעם באַשלוס איז פון אים ווי אַ משא אַראָפּ.

2

אַז ער איז מיט זיין וואָגן אַריינגעפאָרן אין אָנהייב שטעטל און האָט דערזען די סוכּות שוין באַדעקט מיט סכך, האָט זיך אים ווי' עפּעס אָפּגעריסן אינוויייניק, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז די סוכּות און די הייזער — אַלע דרייען זיך און שפּרינגען. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט און געטרייסט, אַז אַלע יאָר איז אַזוי: אַ סך אידן דעקן צו פריער און אַ סך שפּעטער. דערפאַר איז שפּעטער טייערער.

— כ'וועל נעמען טייערער! — האָט ער באַשלאָסן.

ער איז געפאָרן ווייטער. אויף אַ גאַניק זיינען געשטאַנען צוויי ווייבער: איינע אַ יונגע און איינע אַן עלטערע; זיי האָבן געטייט מיט די פינגער און האָבן געקייכט פאַר געלעכטער.

— וואָס לאַכט איר? — האָט אַנטאָש מיט כעס געפרעגט.

— וואָס דו פירסט שוין אַזוי פרי דעם סכך! — האָבן זיי אים לאַכנדיק געענטפערט.

— ווי הייסט פרי? — האָט אַנטאָש דאָס לאַכן ניט פאַרשטאַנען.

— פרי, פרי... — האָבן די פרויען געלאַכט.

— טפו! — האָט אַנטאָש מיט צאָרן אויסגעשפּיגן און זיך געלאָזט ווייטער, טראַכטנדיק:

— ווי קאָן דאָס זיין? בערקע האָט אַליין געזאָגט: „אין אַ וואָך אַרום.“ איך האָב דאָך אַזוי גוט גע׳חשבונ׳ט: נאָך צוויי טעג.

אַ קאַלטער שוייס האָט אים באַגאָסן, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט פון יענער צייט אָן, זייט בערקע האָט אים געזאָגט, אפשר ניט גוט געציילט. ער האָט פאַרשפּעטיקט! געוויס, געוויס! אַלע סוכות זיינען שוין באַדעקט מיט סכך... ער וועט בלייבן אָן זאַלץ, אָן מאַכאָרקע אָן זייף, אָן „גאַוע“...

טרויעריק האָט ער געפירט דאָס פערדל, וואָס האָט קענטיק געשפּירט דאָס גרויסע אומגליק, וואָס דאָ שטייט פאָר זיין באַלעבאָס, און האָט זיך קוים געשלעפּט, אַראָפּגעלאָזן דעם מידן קאָפּ זיינעם.

דערווייל האָבן די באַלעבאַטים שוין גענומען גיין ביסלאַכווייז פון שול, אויסגעפּוצט יום־טוב׳דיק.

דערזעענדיק דעם פויער מיט׳ן וואָגן סכך, האָבן זיי ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז אַזוינס, און האָבן ערשטוינט געקוקט איינער אויפ׳ן אַנדערן. נאָך זייער קוקן האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבן זיך דערשראָקן: אפשר האָבן זיי אַ טעות געהאַט און פריער סוכות געמאַכט?...

— וואָס פירסטו? — האָט אים איינער אַ פרעג געטאָן.

— ווי הייסט וואָס? — האָט אַנטאָש תמ׳עוואַטע אויסגעשטעלט די אויגן. — כ׳פיר סכך אויף סוכות. קויפט, טייערע, קויפט! — האָט ער זיך גענומען בעטן מיט אַ וויינענדיקן קול.

די אידן האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— וואָס דאַרף מען איצטער סכך? נאַר דו! עס איז דאָך שוין יום־טוב. — האָט אים איינער געטרייסט.

נאָר אַנטאָש איז פון גרויס אומגליק ווי צעטומלט געוואָרן און האָט געשריען, קראַצנדיק זיך אין דער פּאַטילניצע און האַלב־וויינענדיק:

— קויפט, קויפט! כ׳דאַרף זאַלץ, כ׳דאַרף זייף, כ׳דאַרף קעראָסין...

דער עולם אידן, וועלכער האָט אָנפאַנגס געלאַכט פון דער גאַנצער סצענע, איז גערירט געוואָרן. זיי האָבן אַ קוק געטאָן אויפ׳ן אָרימן

דאַרן פויערל, דערזען דעם פאַרצווייפלטן פּנים, און אַ געפיל פון מיטלייד האָט זיך אין זייערע הערצער דערוועקט.

— אַן אָרימער גוי, אַ ביטערער רחמנות! — האָט איינער אַרויס־געזאָגט, פאַרקרימענדיק מיט ווייטיק זיין פּנים.

— ער האָט געהאַפּט נעבאַך גאַנצע גליקן מאַכן פון די סכך, מיט אַ מאָל — נאַ דיר! — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

— עס וואָלט געווען אַ יושר אָפּצוקויפן ביי אים די סכך. — האָט נאָך איינער פאָרגעלייגט.

— עס איז אויף האָלץ ווערט דאָס געלט. — האָט איינער געשאַצט, באַטראַכטנדיק דעם פולן וואָגן מיט דעם סכך.

— ווערט היינט, ווערט מאָרגן! אַז 'סאיז יום־טוב...

— ניטאָ קיין זאַלץ, ניטאָ קיין קעראָסין, ניטאָ קיין זייף... — האָט דער פויער געזונגען זיין לידעלע, ניט פאַרשטייענדיק, וואָס די אידן ריידן אויף זייער לשון, נאָר פילנדיק, אַז מען טראַכט וועגן אים עפּעס גוטס.

— שאַ! ער דאַרף גאָר קיין געלט ניט, ער דאַרף סחורה. סחורה אָן געלט מעג מען געבן אום יום־טוב אויך! — האָט איינער געבוירן גאָר אַ נייע אידייע.

דער עולם איז לעבעדיק געוואָרן. עס האָט זיך געפונען צווישן רעדל אידן אַ קרעמער, וואָס האָט געהאַט דערביי אַ קראָם.

— גיב אים, חיים, אַ פּאָר טעפּלאַך זאַלץ מיט נאָך דאָרטן, וואָס ער דאַרף. גיב אים אויף אַ פּאָר גילדן. אַ רחמנות! מיר וועלן אַלעליידן דעם היזק.

— נו, נו, מהיכא־תיתי! — האָט זיך ר' חיים אָנגעכאַפּט. — אַן אָרימער גוי, טאַקע אַ רחמנות...

— אַ מצווה, אַ מצווה! ווי איך בין אַ איד! — האָט יעדערער פון עולם געוואַרימט.

חיים האָט צוגערופן דעם גוי, נאָך וועלכן דאָס גאַנצע רעדל איז נאָכגעגאַנגען, האָט געעפנט די קראָם און האָט אים געגעבן צוויי טעפּ זאַלץ, אַ שטיק זייף, אַ פלעשל נאַפט און צוויי פּעקלאַך מאַכאָרקע.

דער פויער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן פאַר שמחה, צי לאַכן, צי וויינען. ער איז נאָר אין שטאַנד געווען צו מורמלען:

— אַ דאַנק, אַ דאַנק!

— נאַ דיר נאָך אַ שטיקל חלה! — האָט אים פלוצלונג, אַז ער האָט שוין די סחורה איינגעפּאַקט, עמיצער אונטערגעטראָגן. — דו וועסט ברענגען אַהיים.

— נאַ דיר נאָך! — האָט אים נאָך איינער דערלאַנגט נאָך אַ שטיק.

— נאַ דיר נאָך!

— נאָך!

— נאָך!

און מען האָט אַנטאָשן גענומען טראָגן פון אַלע זייטן חלה. ער איז אַ צעטומלטער געוואָרן און האָט קוים געקאָנט אויסריידן: „כ'דאַנק אייך!"

דער עולם איז געווען צופרידן. און יאַנקל לייבעס, אַ פריילאַכער איד, וואָס האָט געמאַכט יום־טוב פון דער פולער האַנט און אַראָפּ־געבראַכט אַ חתן צו גאַסט, האָט אים אַרויסגעטראָגן אַ גלעזל בראַנפן:

— נאַ, טרינק און פאַר געזונטערהייט אַהיים!

אַנטאָש האָט אין דער גיך אַריינגעגאָסן דאָס גלעזל בראַנפן אין מויל, פאַרביסן מיט אַ שטיקל חלה און האָט פריילאַך אויסגעשריען:

— כ'וועל עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן!

**אַברהם רייזען.**

## סקיצע.

אַ סקיצע איז אַ קורצע מעשה, אין וועלכער דער אווטאָר דערציילט בלויז אין עטלאַכע שטריכן וועגן אַ געוויסער פּאַסירונג.

## אברהם רייזען.

(ביאָגראַפיע)

א. רייזען

אברהם רייזען איז געבוירן געוואָרן אין 1875 אין שטעטל קאָידאַנאָווע, מינסקער גובער־ניע. ער האָט באַקומען זיין ערציאונג אין חדר און אין בית־מדרש; ער האָט אָבער אויך געלערנט רוסיש און אַנדערע וועלטלאַכע געגנשטאַנדן.

אַ צייט האָט ער געגעבן העברייאישע לעק־ציעס אין אייניקע שטעטלאַך אין דער ליטע. נאָכדעם האָט ער 4 יאָר געדינט אין סאָלדאַטן. קומענדיק אַהיים, האָט ער זיך אָנגעהויבן אָפּ־געבן מיט שרייבן. שפּעטער איז ער אַוועקגע־פאָרן אין וואַרשע, וואו ער האָט זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע אידישע ליטעראַרישע אויסגאַבן.

אין פאַרשיידענע צייטן האָט רייזען אויך אַליין רעדאַגירט פאַרשיי־דענע אידישע שריפטן. ער האָט געשריבן לידער און קורצע מעשות אָדער סקיצעס. אין זיינע לידער האָט רייזען אויסגעדריקט די נויטן פון די אָרימע אידישע מאַסן און זיין אייגענעם פּראָטעסט געגן אָט די נויטן

און זיין גלויבן אין בעסערע צייטן. און אין זיינע מ ע ש ו ת האָט ער געגעבן אַ בילד פונ׳ם לעבן פון די אָרימע מאַסן — צוערשט פונ׳ם קליינעם שטעטל און נאָכדעם אויך פון דער גרויסער שטאָט. רייזענס לידער און מ ע ש ו ת זיינען געווען און זיינען נאָך איצט אויך זייער פּאָפּולער צווישן די אידישע לעזער. צו אַ ס ך פון זיינע לידער האָט מען געשאַפן מוזיק און זיי ווערן געזונגען.

פון 1910 וואוינט רייזען אין ניו־יאָרק. ער האָט פאַר די לעצטע יאָרן געשריבן אין „פאָרווערטס״, נאָכדעם אין „טאָג״ און איצט אין דער „פריי־הייט״. אין 1925 האָט מען געפייערט רייזענס 50־יאָריקן יובילײ, און אין 1928 האָט רייזען באַזוכט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו מ׳האָט אים אויפ־גענומען מיט גרויס פאַראַד און דאַנקבאַרקייט אין אַלע שטעט, וואו עס זיינען נאָר פאַראַן אידישע אַרבעטער.

# אַ פּסח אין דאָרף.

(אַן אידיליע)

1

לאָזן ווינטן בלאָזן, לאָזן שטורמען פייפן, לאָז די וועלט זיך קערן! אַן אַלטער דעמב, וואָס זיינע וואָרצלען דערגרייכן מ י ־ י ו ד ע וואוהין— וואָס הערט ער ווינטן? וואָס הערט ער שטורמען?...

דער אַלטער דעמב – דאָס איז נישט קיין סימבאָל. דאָס איז אַ לע־בעדיקער מענש, וואָס זיין נאָמען איז נ ח מ ן ווערעביוקער פון ווערע־ביווקע, אַ איד פון הויכן וואוקס, אַ ברייט־ביינערדיקער, אַ „ג ב ר.״ די שטאָט־אידן קוקן אויף אים און זיינען אים מ ק נ א און צו גלייכער צייט מאַכן זיי פון אים ח ו ז ק: „ש ל ו ם ע ל י כ ם! וואָס מאַכט עפּעס אַ איד אין געזונט?״... נ ח מ ן ווייסט, אַז מען לאַכט פון אים און פון זיין „גאָדלע.״ בייגט ער זיך איין, ער זאָל אויסקומען אַ ביסל מער אידישלאַך, נאָר עס העלפט ווינציק. צו גרויס אויסגעוואַקסן.

אין ווערעביווקע איז נ ח מ ן ווערעביווקער אַן אַלטגעזעסענער. „אונזער לאַכמאַן״—אַזוי הייסט ער ביי די ווערעביווקער ג ו י י ם, וואָס האַלטן אים פאַר נישט קיין שלעכטן מענשן, פאַר אַ ב ר־ש כ ל, האָבן ליב זיך דורכשמועסן מיט אים אַמאָל גלאַט אַזוי פון באַלעבאַטישקייט. מע האַלט זיך מיט אים אַן ע צ ה: וואָס טוט מען מיט׳ן ברויט? — „לאַכ־מאַן״ האָט אַ ל ו ח, ווייסט ער, צי ברויט וועט הייַנטיקס יאָר זיין וואָלוול, צי טייער.— און אַמאָל פון וועלט־זאַכן. „לאַכמאַן״ פאָרט אין שטאָט, זעט ער זיך מיט אַ מענשן, ווייסט ער, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך...

עס איז שווער גאָר פאָרצושטעלן זיך ווערעביווקע אָן נ ח מ ן ווערע־

ביווקער. נישט נאָר דער טאַטע זיינער, פייטל ווערעביווקער, איז גע־בוירן און געשטאָרבן אין ווערעביווקע, נאָר אַפילו דער זיידע אַריה עליו־השלום—געווען אַ איד אַ חכם און אַ ווערטל־זאָגער — פלעגט זיך באַרימען, אַז דערפאַר הייסט דאָס דאָרף ווערעביווקע, ווייל אַריה ווערעביווקער וואוינט דאָרטן.

און געזאָגט האָט עס אַריה ווערעביווקער׳ מיינט איר, גלאַט אַזוי? אַריה איז נישט געווען קיין פּראָסטער איד, וואָס זאָל זאָגן אַ גלייכווערטל אָן אַ מיין. געמיינט האָט ער דאָס די „גזירות". אין זיינע צייטן זענען אויך געווען גזירות אויף אידן. מע האָט נאָך דעמאָלט געהאַט גע־שמועסט, אַז מע וועט טרייבן אידן פון די דערפער. און נישט נאָר גע־שמועסט, נאָר טאַקע געטריבן. אַלעמען האָט מען געטריבן און אַרויס־געטריבן. און דעם אַלטן אַריה ווערעביווקער — אַזאָס! אַ סברא, אַז דער גובערנאַטאָר אַליין האָט גאָרנישט געקאָנט מאַכן, וואָרום אַריה ווערעביווקער האָט אויסגעוויזן על־פּי געזעץ, אַז אים קאָן מען פון ווערעביווקע אַזוי גרינג נישט רירן. אַמאָליקע אידן!

2.

אוודאי אַז מע האָט אַזאַ פּריווילעגיע אויף צו זיין אין ווערעביווקע, איז מען ביי זיך תקיף און מען לאַכט פון דער גאַנצער וועלט. וואָס הערט אונזער נחמן ווערעביווקער „גזירות"? „טשערטאַ"? „צירקו־ליאַרען"?... וואָס הערט, אַ שטייגער, נחמן אַ גוי אַ רשע קורעטשקאַ מיט זיינע פּזמונות, וואָס ער ברענגט אים אַלע מאָל פון וואָלאָסט? קורעטשקאַ איז אַ גויעץ אַ נידעריקער מיט קורצע פינגער, גייט אָנגעטאָן אין אַ קורצן מאַנטל, הויכע שטיוול, אַ זילבערנער קייט מיט אַ זייגער— מעשה פּריץ. ער איז שרייבער אין וואָלאָסט. דעריבער ווייסט ער פון אַלע שווערע הערצער. דערצו לייענט קורעטשקאַ אַלע גוטע גאַזעטן, וואָס שרייבן מסירות אויף אידן — פעך און שוועבל!...

קורעטשקאַ איז, אַזוי זיך, דווקא נישקשה פון אַ גוי. ער איז נחמנ׳ס אַ שכן און כּלומר׳שט אַ גוטער ברודער. אַז קורעטשקאַן טוט ווי אַ צאָן, גיט אים „לאַכמאַן" אַ שוויינקאַכץ. נאָר עפּעס פון אַ צייט, זינט ער האָט זיך אָנגעלייענט מיט די שיינע גאַזעטן, איז קורעטשקאַ גע־וואָרן גאָר אַן אַנדער גוי, „עשו האָט זיך אין אים צערעדט"... אַלע מאָל קומט ער צום אידן מיט אַ נייעס: „אַ נייער גובערנאַטאָר"... „אַ נייער צירקוליאַר פון מיניסטער"... „אַ נייער באַפעל וועגן אידן"... דעם אידן רייסט זיך טאַקע בעת־מעשה אָפּ אין האַרצן, און עס ווערט אים פאַר־קילט אינווייניק דער מאַמעס מילך, נאָר אַ מכּה דאַרף אַ גוי וויסן. און דער איד הערט אים אויס מיט אַ שמייכעלע און ווייזט אים אויף דער האַנט, ווי איינער רעדט: „ווען דאָ וועט אויסוואַקסן האָר"...

לאָזן גובערנאַטאָרן זיך בייטן, לאָזן מיניסטאָרן שרייבן צירקוליאַרן. וואָס געהער זיך עס אָן מיט נחמן ווערעבּיווקער פון ווערעבּיווקע?

.3

לעבען לעבט נחמן ווערעבּיווקער אין ווערעבּיווקע גאַנץ נישקשה'־דיק. ער האט אַן אייגן ווינקל. אַ שטוב אַן אייגענע, אַ דירה אויף צו זיצן. און ביי דער שטוב אַ גאָרטן. די ווייב און די טעכטער אַר־בעטן אַליין דעם גאָרטן, און אַז עס איז אַ גערעט, איז פאַראַן גרינס אַ גאַנץ זומער און קאַרטאָפּליעס אויפ'ן גאַנצן ווינטער ביז העט־העט נאָך פּסח. פון קאַרטאָפּליעס אַליין אָבער קאָן מען נישט לעבן. צו קאַרטאָפּ־ליעס, זאָגט מען, דאַרף מען האָבן ברויט. און קיין ברויט איז נישטאָ. נעמט מען דעם שטעקן און מען גייט זיך דורך איבער'ן דאָרף עפּעס האַנדלען. און אַז נחמן גייט זיך דורך איבער'ן דאָרף עפּעס האַנדלען, קומט ער שוין נישט אַהיים מיט ליידיקע הענט. וואָס עס מאַכט זיך, קויפט ער: אַ ביסל אייזנברוך, אַ טאָפּ הירזש, אַן אַלטן זאַק, אַז נישט־איז גאָר אַ פעלעכל. דאָס פעלעכל ציט מען אויס, מען לופטערט דאָס דורך און מען טראָגט דאָס אַוועק צו אַברהם אליה דעם קירזשנער אין שטאָט אַריין. און פון די אַלע גליקן — איז אָדער מע פאַרדינט, אָדער מע דערלייגט — דערויף איז מען אַ סוחר.

נחמן איז אין דאָרף פאַרגרעבט געוואָרן. וואָס קען ער? עס זאָל אייך צו קיין חרפה נישט זיין—קוים־קוים דאַוונען. נאָר גוט איז כאָטש דאָס. זיינע קינדער וועלן דאָס אויך נישט קענען... און טוט ער אַ קוק אויף די קינדער, ווי זיי וואַקסן אַלע אין שטויבער אַריין, הויך און ברייט אַזוי ווי ער, ווערט אים צען לעכער אין האַרצן. און מער ווי אויף אַלעמען טוט אים וויי דאָס האַרץ אויף דעם סאַמע אינגסטן, אויפ'ן מיזיניק, פּייטל הייסט ער—אַ נאָמען נאָך זיין טאַטן, פּייטל ווערעבּיווקער עליו השלום. אַ געראָטן קינד אָט דער פּייטל, מיט אַלע מעלות. אפילו דער וואוקס אויך אַ קלענערער, אַן איידעלערער, מער אידישלאַך. אַ אידיש קינד... היינט האָט דאָס אַ קעפּעלע, אַ מיניסטערשן קאָפּ. סך־הכל איין מאָל נאָר האָט מען אים באַוויזן אין סידור אויף אַ טשיקאַוועס אַן „אַלף" מיט אַ „בית", ווייסט ער שוין, וועלכעס איז אַן „אַלף" און וועלכעס איז אַ „בית". קיין מאָל וועט ער אייך נישט זאָגן אויף אַן „אַלף" — אַ „בית" און אויף אַ „בית" — אַן „אַלף". וואַקסט אַזאַ גאָלד אין דאָרף, מ'שטיינס געזאָגט, צווישן קעלבלאַך און חזירים, שפּילט זיך מיט קורעטשקאַס זונדל פּעדקאַ, פּאָרט מיט אים רייטנדיק אויף אַ שטעקן, יאָגן זיך ביידע נאָך איין קאַץ. זעט נחמן, ווי זיין קינד שפּילט זיך מיט'ן שייגעץ, פאַרדריסט דאָס אים, און ער טריקנט, ווי אַן אונטער־געהאַקטער בוים...

.4

און פעדקאַ איז דווקא אַ „געראָטענער שייגעץ". אַ „מחיה'דיק פּנים מיט אַ חנ'עוודיקער מאָרדע, מיט ווייסע פלאַקסענע האָר, אין איינע יאָרן מיט פייטלען, און איז נאָך פייטלען אַ „כפּרה". און פייטל אים האָט אויך נישט פיינט. אַ גאַנצן ווינטער ליגן די ביידע קינדער, יעדער ביי זיין טאַטן אויפ'ן אויוון, ציען זיך צום פענסטער און בענקען איינס נאָך דעם אַנדערן. זעלטן, זעלטן ווען זיי האָבן די זכיה צו זען זיך. נאָר אָט איז אַוועק דער ווינטער, דער לאַנגער בייזער ווינטער. אָט האָט זיך אויפגעדעקט די שוואַרצע ערד פון איר ווייסן קאַלטן שלייער. אַלצדינג אַרום אום האָט אויפגעלעבט, אַלצדינג גריסט, אַלצדינג פרייט זיך: ס'איז ערב־פּסח! — דעמאָלס קען מען שוין מער נישט איינהאַלטן אין שטוב נישט פייטלען, נישט פעדקאַן. ביידע כאַפּן זיך אַרויס אויף דער וועלט, וואָס האָט זיך געעפנט פאַר זיי ביידען גלייך. און ביידע נעמען זיי זיך פאַר די הענט און מען לאָזט זיך לויפן אַהין, צום באַרג, וואָס שמייכלט צו זיי ביידן גלייך: „קינדער, אַהער!... און מע שפּרינגט אַקעגן דער זון, וואָס גריסט זיי ביידן גלייך און רופט זיי ביידן צו זיך: „קינדער, אַהער!" און אַז זיי מידן זיך איין לויפנדיק, זעצן זיי זיך ביידע אַוועק אויף גאָטס ערד, וואָס ווייסט נישט קיין אידן, וואָס ווייסט נישט קיין גוי: „קינדער, צו מיר, צו מיר!..."

.5

ביידע האָבן זיי וואָס צו דערציילן — אַזאַ לאַנגן ווינטער נישט געזען זיך! פייטל באַרימט זיך פאַר זיין חבר פעדקאַ, אַז ער קען שוין כמעט דעם גאַנצן אַלף־בית. און פעדקאַ באַרימט זיך, אַז ער האָט אַ בייטש. באַרימט זיך פייטל, אַז ביי זיי איז היינט ביינאַכט פּסח. ביי זיי איז שוין דאָ מצות אויף אַלע אַכט טאָג פּסח און ווין אויף ארבע־כוסות. „געדענקסט, פעדקאַ, פאַר אַ יאָרן האָב איך אַרויסגעטראָגן אַ מצה?" „מאַצאַ?" — זאָגט פעדקאַ און איבער זיין חנ'עוודיקער מאָרדע צעגיסט זיך אַ ברייט שמייכעלע. אַפּנים ער האָט זיך דערמאָנט אינ'ם טעם פון דער פאַראַיאָריקער אידישער מצה... „ביסט אַ בעלן, פעדקאַ, פאַרזוכן איצט אַ שטיקל מצה? פרישע מצה?" — אַ שאלה אַ ביסל, אויב פעדקאַ איז אַ בעלן? מע דאַרף נאָך פרעגן! און פייטל שלעפּט אַרויס פון אונטער'ן לייבסערדאַק אַ פרישע, אַ ווייסע אַ קיילכדיקע מצה, אָנגעשטאָכן אין דער לענג און אין דער ברייט פון ביידע זייטן מיט קליינע לעכעלאַך. און פעדקאַ באַלעקט זיך שוין באַצייטנס, נאָך איידער פייטל האָט צעשפּאָלטן די מצה פונקט אויף דער האַלב און צעטיילט זיך מיט זיין חבר. „וואָס ווערסטו זאָגן, פעדקאַ, אויף דער מצה?" — וואָס זאָל פעדקאַ זאָגן, אַז ס'איז ביי אים אַ פול מויל מיט מצה, וואָס טריש־

טשעט אונטער די ציין און צעגייט אויף דער צונג, אַזוי ווי שניי? נאָך איין מינוט – און אויס מצה. „מער נישטאָ?"... – טוט אים פעדקאַ אַ קוק אַריין מיט גרויע אויגן אונטער'ן לייבסערדאַק און באַלעקט זיך, ווי אַ קאַץ נאָך פּוטער. „דו וואָלסט דען געגעסן נאָך?"–פרעגט אים פייטל תמ'עוואַטע, קייענדיק דאָס לעצטע שטיקל מצה, און קוקט אויף אים מיט כיטרע שוואַרצע אייגלאַך. אַ שאלה אַ ביסל, אויב פעדקאַ וואָלט געגעסן נאָך! „טאָ וואַרט אַ ביסל, – זאָגט אים פייטל, – איבער אַ יאָר וועט זיין נאָך"... ביידע צעלאַכן זיך פון דער המצאה און, נישט גע־זאָגט איינער דעם אַנדערן קיין וואָרט, גלייך ווי מען האָט זיך צונויפ־גערעדט פריער, טוען זיך ביידע אַ וואָרף און אַ קאַטשע באַרג אַראָפּ, ווי צוויי קנוילן, גיך־גיך, באַרג־אַראָפּ.

אויף יענער זייט באַרגשטעלט מען זיך אויף די פיס און מען באַטראַכט דאָס זשומענדיקע טייכל, וואָס לויפט אָפּ אין אַ זייט לינקס, און אַליין לאָזט מען זיך רעכטס, ווייטער און ווייטער איבער'ן ברייטן, פרייען פעלד. שאַ, זיי זענען שוין ביי דער מיל. דאָס איז דעם סטאַראָסטעס ווינט־מיל. אַ מאָל איז דאָס געווען נחמן ווערעביוקערס מיל, היינט געהערט זי צום סטאַראָסטע, אַפאַנאַס הייסט ער, אַ כיטרער גוי מיט אַן אוירינגל און האָט שוין אַ סאַמאָוואַר אין שטוב.

פייטל און פעדקאַ האָבן זיך אַוועקגעזעצט, און ערשט דאָ האָט זיך אָנגעהויבן ביי זיי אַ געשפּרעך, איינס פון די געשפּרעכן, וואָס האָבן נישט קיין אָנהייב און האָבן נישט קיין סוף.

6.

ס'איז שוין געווען נישט פרי, אַז אונזערע יונגע חברים, פייטל און פעדקאַ, האָבן נאָך דער זון אין הימל זיך אַרומגעקוקט, אַז ס'איז שוין צייט צו גיין אַהיים. פייטל האָט שוין געהאַט פאַרגעסן, אַז היינט אויף דער נאַכט איז פּסח. האָט ער זיך דערמאָנט, אַז די מאַמע דאַרף אים נאָך אויסצוואָגן דאָס קעפּל און אָנטאָן נייע הויזן. און ער האָט זיך גע־געבן אַ כאַפּ אויף, און פעדקאַ נאָך אים, און ביידע האָבן זיי זיך געלאָזט מיט דער זעלבער פרישקייט און מיט דער זעלבער פרייד צוריק אַהיים. און בכדי איינער זאָל נישט קומען פריער און דער אַנדערער שפּעטער, האָט מען זיך, ווי אמת'ע חברים, גענומען פאַר די הענט און מען איז געפלויגן פייל אויסן בויגן אין דאָרף אַריין. און אַז זיי זיינען געקומען אין דאָרף אַריין, איז פאַר זייערע אויגן אַרויסגעטראָטן אַזאַ מין בילד:

נחמן ווערעביוקערס שטוב איז באַלעגערט מיט גויים און גוי'עס, שקאָצים און שיקסעס. קורעטשקאַ דער שרייבער און אַפאַנאַס דער סטאַראָסטע און דער אוראַדניק – אַלע זיינען דאָ. אַלע ריידן, אַלע פּילדערן. און נחמן מיט נחמנ'טען שטייען אין מיטן, טענה'ן עפּעס

און מאַכן מיט די הענט. נחמן האָט איינגעבויגן זיך, ווישט דעם שוויס מיט ביידע הענט. ביי דער זייט שטייען די עלטערע קינדער נחמנ׳ס, פינסטער ווי די ערד... פּלוצים בייט זיך איבער דאָס גאַנצע בילד. איינער טוט אַ ווייז אויף די צוויי יונגע חברים, און דער גאַנצער עולם מיט׳ן שרייבער, מיט׳ן סטאַראָסטע, מיט׳ן אוראַדניק בלייבן שטיין, ווי געליימ־טע. נאָר איין נחמן טוט אַ קוק אויפ׳ן עולם, גלייכט זיך אויס מיט זיינע ברייטע גוואַרדיאַנסקע פּלייצעס: „נו״??? — און צעלאַכט זיך, און נחמנ׳טע טוט אַ פּלעסק מיט די הענט און הייבט גאָר אָן צו וויינען... דער סטאַראָסטע מיט׳ן אוראַדניק טרעטן אַרויס און גלייך אויף זיי.

- וואו זייט איר געווען, אַזעלכע און אַזעלכע?

- וואו מיר זיינען געווען? ביי דער מיל זענען מיר געווען.

.7

ביידע חברים—אי פּייטל, אי פּעדקאַ, האָבן געהאַט נאָכדעם זייער ערלאַך אויסקומעניש, און ביידע האָבן נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס.

פּייטלען האָט דער טאַטע פריער ווי אַלץ אָפּגעשמיסן מיט דער יאַרמולקע! „אַ אינגעלע זאָל וויסן״... וואָס זאָל אַ אינגעלע וויסן?... און אַ פּנים פאַר רחמנות האָט אים די מאַמע צוגענומען פונ׳ם טאַטנס הענט, אים איינגעטיילט פון איר זייט אַ פּאָר סטוסאַקעס און טאַקע באַלד געגומען אים אויסצוואָגן דאָס שוואַרצע קעפּל אויף יום־טוב און האָט אַריינגעזעצט אים אין אַ פּאָר נייע הייזלאַך — דער איינציקער גאַרדע־ראָב זיינער אויף פּסח. און זי זיפצט. וואָס זיפצט זי?... און נאָכדעם הערט ער, ווי די מאַמע זאָגט צום טאַטן: „אוי, גאָט זאָל העלפן, מע זאָל שוין איבערקומען אָט דעם יום־טוב! עס זאָל כאָטש אָפּלויפן גלאַט... עס וואָלט געמעגט אַוועק דער פּסח, נאָך איידער ער איז געקומען!״...

און פּייטלס קאָפּ קען נישט פאַרשטיין, פאַר וואָס זאָל אַוועק דער פּסח, „איידער נאָך ער איז געקומען!״... און פּייטל ברעכט זיך דעם מוח. ער פאַרשטייט נישט דעם טאַטנס שמיץ. ער פאַרשטייט נישט דער מאַמעס קלעפּ. ער פאַרשטייט נישט, וואָס פאַר אַ מין ערב־פּסח היינט איז אויף דער וועלט...

און וויבאַלד אַז פּייטלס אידיש קעפּל פאַרשטייט נישט, פאַר־שטייט דאָך שוין פּעדקאַ אַוודאי נישט, וואָס דאָ טוט זיך. פריער האָט אים דער טאַטע קורעטשקאַ אָנגענומען פאַר דער גריווע, גוט אָנגעריסן אים די ווייסע פלאַקסענע האָר און נאָך געשענקט אַ פּאָר פּאַטילעטש־ניקעס אַ צוגאָב. די פּאַטילעטשניקעס האָט פּעדקאַ צוגענומען ווי אַ פילאָזאָף: ער איז שוין דערצו געוואוינט געוואָרן. און ער הערט זיך צו, ווי זיין מאַמע רעדט מיט די גוי׳עס און ווי יענע דערציילן עפּעס מאָדנע

מעשות. אַ מעשה פון אַ קינד, וואָס אידן האָבן פאַרנאַרט צו זיך אין שטאָט ערב־פּסח, אָפּגעהאַלטן אין אַ קעלער אַ טאָג מיט אַ נאַכט און געוואָלט אים נעמען צו דער אַרבעט; האָט מען דערהערט דאָס געשריי, איז מען זיך צעגויפגעלאָפן, און מען האָט אַרויסגעראַטעוועט דאָס קינד,—איז שוין געווען ביי דעם סימנים אויפ׳ן לייב—פיר שטעך אין פיר זייטן, ווי אַ צלם...

אַזוי דערציילט איינע אַ כוואַטסקע גוי׳ע מיט אַ ברייטן רויטן פּנים, און די איבעריקע גוי׳עס הערן זי אויס און שאָקלען מיט די פאַרבונדענע קעפּ און צלמ׳ען זיך... און פעדקאָס קאָפּ קאָן נישט פאַרנעמען, וואָס קוקן אויף אים בעת־מעשה די גוי׳עס? און וואָס פאַר אַ שייכות האָט די מעשה צו אים און צו פייטלען?

— נו? — הערט פייטל, ווי דער טאַטע זאָגט צו דער מאַמען באַלד נאָך פּסח מיט אַ שיינענדיקן פּנים, גלייך ווי עס וואָלט אים געטראָפן מי־יודע וואָס פאַר אַ גליק. — אַ יאָ? דו האָסט דאָך איינגעלייגט די וועלט? דו האָסט דאָך מורא געהאַט... אַ אידענע בלייבט אַ אידענע. אַוועק אונזער פּסח און זייער פּסח, און גאָרנישט!...

— דאַנקען גאָט! ענטפערט אים די מאַמע, און פייטל פאַרשטייט ווי־דער נישט, וואָס האָט די מאַמע מורא געהאַט?... און וואָס איז דאָ די גדולה, וואָס דער פּסח איז אַוועק?... וואָלט דען נישט בעסער געווען, דער פּסח זאָל זיך נאָך ציען און ציען?...

און נחמן האָט זיך גענומען דעם שטעקן און האָט זיך פון גאַנץ פרי אָן געלאָזט גיין איבער דעם דאָרף עפּעס האַנדלען. ביי יעדן הויף שטעלט ער זיך אָפּ. גיט אָפּ יעדן גוי דעם גוט־מאָרגן. רופט אָן יעדן באַזונדער ביים נאָמען, רעדט זיך דורך פון אַלצדינג אין דער וועלט, נאָר נישט פון דער ערב־פּסח׳דיקער מעשה...נאָר נישט פון די פּסח׳דיקע שרעק. און פאַר׳ן אַוועקגאַנג שוין טוט ער אַ טאַפּ אין וואָגן: „געפינט זיך נישט ביי דיר עפּעס אַ זאַך, וואָס דו דאַרפסט נישט?" „נישטאָ, לאַכמאַן!" „אייזנברוך, אַ ביסל הירזש, אַן אַלטע זאַך אָדער גאָר אַ פּעלכל?"—„האָב קיין פאַריבל נישט, לאַכמאַן, נישטאָ גאָר נישט. אַ ביטערע צייט". „אַ ביטערע צייט? פאַר׳שיכּור׳ט מן־הסתם? אַזאַ יום־טוב!..." „ווער מיר שיכּור׳ט? וואָס מיר יום־טוב? אַ ביטערע צייט!..."

דער גוי זיפצט און נחמן זיפצט אויך. און נאָכדעם ווי מען רעדט אַ ביסל פון זייטיקע זאַכן, אַזוי עס זאָל נישט אויסזען, אַז ער איז געקומען האַנדלען, גייט ער אַוועק פון דעם גוי צום אַנדערן, צום דריטן — ביז ער טרעפט אָן עפּעס וואָס און קומט אַהיים נישט מיט ליידיקע הענט...

און נחמן ווערעביוזקער, אַן אָנגעלאָדענער און אַ פאַרשוויצטער, שפּאַנט מיט זיינע גרויסע גוואַרדיאַנסקע פיס אַהיים און קלערט איצט נאָר פון איין זאַך: וויפיל שטייט אים דאָ צו פאַרדינען אָדער צו דערלייגן?

**פון דער ערב־פסח'דיקער מעשה האָט ער שוין פֿאַרגעסן. פון די פסח'דיקע שרעקן האָט ער שוין פֿאַרגעסן. און דער שכן קורעטשקאָ מיט זיינע גובערנאַטאָרן און מיט די צירקוליאַרן זיינען אין דער מינוט אַרויסגעפלויגן פון'ם קאָפּ. ער האָט אים אין דער לינקער פאה!...**

**לאָזן ווינטן בלאָזן, לאָזן שטורמען פייפן, לאָז די וועלט זיך קערן. אַן אַלטער דעמב, וואָס שטייט משֵשת־ימי־בראשית, וואָס זיינע וואָרצלען דערגרייכן מ־יודע וואוהין, — וואָס הערט ער ווינטן? וואָס הערט ער שטורמען?**

**שלום־עליכם.**

## אידיליע.

אַן אידיליע איז אַ פּאָעטיש־ליטעראַריש ווערק, אין וועלכן דער שרייבער מאָלט אַ בילד פון אַ רואיק לעבן פון פשוט'ע, ווייניק געבילדעטע מענשן. געוויינטלאַך איז דאָס פון לעבן ניט פון דער גרויסער שטאָט, וואו עס איז טומלדיק, און וואו די מענשן האָבן גרעסערע באַ־דערפענישן און פירן אַ כסדר'דיקן קאַמף צווישן זיך: געוויינטלאַך איז עס אַ בילד פון לעבן אין אַ דאָרף, נאָענט צו דער נאַטור.

דאָ אין „אַ פסח אין דאָרף" ווערן אויך געמאָלן מענשן פשוט'ע, אַפילו פּאַרגרעבטע. אָבער דער ליטעראַרישער נאָמען „אידיליע", וואָס שלום־עליכם אליין גיט דער זאַך, ווערט אין דעם פאַל געגעבן אַ ביסל איראָניש. ווייל אין אַן אידיליע איז דאָס לעבן אַ רואיקס, ניט געשטערט פון די אָדער יענע שוועריקייטן, צרות, אומרוען: און דאָ, אין „אַ פסח אין דאָרף", ווערט געמאָלן אַ בילד פון לעבן, וואָס איז ווייט פון רואיקייט: וואו עס איז ניט ווייט פון אַן אומגליק, פון אַ קאַטאַסטראָפע — פון אַ פּאָגראָם.

# מיין פריינד, צי דו ווייסט?...

(עלעגיע)

**מיין פריינד, צי דו ווייסט,**
**וואָס הייסט און באַטייט**
**אַ ביטערע צייט?...**

**צי פילסטו, נואָס הייסט**
**אַ פאָלק אין אַ צער,**
**אַ פאָלק אין געפאַר?...**

**צי פילסטו, מיין פריינד,**
**ווי טיף איז דער ווײ,**
**ווען ס'הערט זיך פון פיינד**
**אַ בראַנפן־געשריי:**

אָט זעסטו – ער קומט
מיט ר צ י ח ה און וואוט,
אָט הערסטו – ער ברומט
און דאָרשט נאָך דיין בלוט.

און האָסט ניט, וואוהין
נאָך רעטונג צו גיין,
נאָר סיידן צו אים,
צום שונא אַליין⁈...

צי פילסטו, מיין פריינד,
וואָס איז דאָס אַזוינס,
אַ פאָלקל אַ קליינס
און גרויס איז דער פיינד?

אָן וואָפן, אָן מוט,
און האָט ניט קיין שוץ,
און הפקר זיין גוטס
און הפקר זיין בלוט!...

א. רייזען.

## עלעגיע.

אז עלעגיע איז א ליריש ליד, וואָס דריקט אויס דעם טרויער פונ׳ם שרייבער איבער א געוויסער געשעעניש, מערסטנס — איבער דעם טויט פון א פערזאָן.

# עלילת־דם.

1

נאַכט און שטערן און דאָס רוישן
פון אַ ווייטן קוואַל אויף שטיינער;
גרינע ווענט פון בלעטער פייכטע,
און דעם ווינטלס טריט די לייכטע
אויף די שפּיצן פון די ביימער...
אַ געשלענגלט וועג–אַ גאָלד׳נער
צו אַ טיר, מיט מעש באַשלאָגן;
איבער איר אַ בילד אַ הייליקס,
קוים באַלויכטן מיט אַ לעמפּל,
אין דעם שאָטן פון אַ גרויסן
און אַן אַלטן גרויען טעמפּל.

נאַכט און שטערן. אין דעם שוואַרצן
אָפּגרונט פון די אַלטע דעמבעס
פינקלען אויף אין טוי פון אָוונט
בלעטער גרינע, רויט באַזוימטע.

ביי אַ פאַקעל־גלאַנץ אַ ווייטן,
אין אַ ווינקל שטיל באַהאַלטן,
סוֹד'ען זיך אין פרילינגס־שווייגן
אַ מאָנאַך און צוויי געשטאַלטן...
— אַלץ איז צוגעגרייט?
— דער בעכער
מיט דעם בלוט איז דאָרטן, פאָטער...
— נאָר געדענקט... דער קלענסטער פעלער!...
— זאָל דער פייכטער קלויסטער־קעלער
אונז פאַרשלינגען, אויב מיר ווען...
— מאָרגן, ווען דער גלאָק וועט קלינגען...
— זייט געזיכערט אויף די מענשן...
— בענש אונז, פאָטער!
— גייט אין פרידן!—
אייך וועט שוין דער הימל בענשן,
— — — — — — — — — — — —
אויסגעלאָשן איז דער פאַקעל...
ווידער שאָטנס, ווידער שטערן...
אין דעם פייכטן גראָז דעם ווייכן
קאָן מען קוים די טריט דערהערן...

2

די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען;
עס צאַנקט נאָך אין מערב איר שיין.
באַגלייט פון דריי גאָלדענע שטערן,
איז רואיק דער יום־טוב אַריין.
עס לייכטן די פענסטער אין געטאָ,
די טישן — זיי שטייען געגרייט;
און שטיל אינ'ם קלויסטער דעם אַלטן
באַהאַלט זיך און לויערט דער טויט.

די נאַכט קומט אַלץ נענטער און נענטער,
עס ברענען די הייליקע ליכט;
אין יעטוועדער שטוב שטייט אַ מאַמע,
פאַרדעקט מיט די הענט איר געזיכט.
עס רינען פאַרלאָזענע טרערן
און ווערן אין געטאָ צעשפּרייט.
און שטיל אין דעם קלויסטער דעם אַלטן
באַהאַלט זיך און לויערט דער טויט!

די טרערן—זיי ווערן פֿאַרשוואונדן.
דער בעכער איז, דוכט זיך, שוין פֿול.
עס שטייען די קינדער און וואַרטן,
דער טאַטע זאָל קומען פֿון שול.

די פּ נ י מ'לאַך לייכטן פֿון ש מ ח ה,
אין ב ג ד י ם אין נייע געקליידט.—
און שטיל אינ'ם קלויסטער דעם אַלטן
באַהאַלט זיך און לויערט דער טויט.

פֿון שניי איז נאָך ווייסער דער טישטוך,
עס ווינקט פֿון די כּ וֹ ס ו ת דער ווײַן.
עס דוכט זיך, אַז אייביק, אַז אייביק
וועט רואיק און ליכטיק דאָ זײַן;
עס דוכט זיך, אַז אַלץ איז פֿאַרגעסן,
פֿאַרשוואונדן די אייביקע לייד...
נאָר שטיל אינ'ם קלויסטער דעם אַלטן
באַהאַלט זיך און לויערט דער טויט.

אָט ג נ ב'עט זיך איצטער פֿון דאָרטן
אַ מענשל מיט איילי‍קע טריט,
באַהאַלטן צווישן די ביימער,
פֿון אויגן פֿון פֿרעמדע געהיט.
אָט קומט ער שוין נענטער צום גע‍טאָ,
עס הערט זיך פֿון קלויסטער אַ קלאַנג...
דער טויט האָט פֿאַרלאָזן זײַן ווינקל
און ג נ ב'עט זיך שטיל ווי אַ שלאַנג.

3

פֿול די שול; די לייכטער ברענען.
און אין די פֿענסטער קוקט די נאַכט...
עס שטייט דער ע ו ל ם ש מ ו נ ה־ע ש ר ה
און האַלט די אויגן צוגעמאַכט...
עס ציטערט יעדערן אין האַרצן
אַ שטראַל פֿון פֿרייד און שטילער רו.
פֿאַרטיפֿט איז יעדער אין זײַן ת פ י ל ה
און זעט נישט, ווי די שרעק קומט צו.

עס זעט נישט קיינער, ווי באַהאַלטן
אַן א ו ר ח איז אין שול אַריין

און אין אַ ווינקל, ווי אַ גנב,
פאַרשטעלט, פאַרדעקט זיך פון דער שיין;
ווי שלעכט עס פינקלען זיינע אויגן,
ווי בייז עס שלענגלט זיך אַרום
די ליפּן שטיל אַ לייכטער שמייכל
און ווערט פאַרשוואונדן נאָכדעם שטום.

אָט ענדיקט זיך שוין באַלד די תּפילה.
עס וואַרט דער חזן אויפ'ן רב,
וואָס שטייט אין מזרח ווי פאַרגליווערט,
גלייך ווי פאַרזונקען אין אַ שלאָף.
נאָר צייטנווייז לויפט דורך אַ ציטער
זיין שוואַרצע קאַפּאָטע פון זייד,
און ס'רינט אַ טרער אויף זיינע באַקן,
וואָס זיינען ווייסער נאָך פון קרייט.

עס שטייט דער רב און זעט ניט קיינעם;
באַהערשט האָט אים אַ שלאָף געהיים.
און שטיל פאַרשפּרייט האָר זיינע אויגן
האָט זיך אַ מורא'דיקער טרוים.

ער זעט: די שול—זי שטייט אין פלאַמען
און פול מיט אידן ביז'ן טיר,
און קיינער קאָן קיין וועג געפינען,
אום זיך צו ראַטעווען פון איר...
עס הערט זיך שרעקלאַכע געשרייען...
אָט זעט ער, ווי דער דאַך—ער פאַלט.
נאָר פלוצלונג האָט אַ שטראַל אַ ווייסער
די אויגן זיינע ווי באַשטראַלט.

און צו זיין אויער איז דערגאַנגען
אַ קול, וואָס האָט אים שטיל געזאָגט:
— עס דרעמלט נישט און שלאָפט דער היטער
פון די, וואָס זיינען דאָ פאַריאָגט.
און אויפגעמאַכט האָט ער די אויגן.
און פלוצלונג!... גרויסער גאָט!... אָ גאָט!...
פון גאַס דערנענטערט זיך אַ טומל,
אַ שרעק פאַלט אויפ'ן עולם אָן.
עס קומט אַלץ נענטער צו אַ בייזער קלאַנג פון שווערדן
און שווערע טריט... אַ הויכער קלויסטערשער געזאַנג:

עס ברעכט זיך אויף די טיר... אַ מענגע שוואַרצע מאַסקעס,
פאָרויס אַ ג ל ח מיט אַ צ ל ם אין דער האַנט...
דערשלאָגן שיינט דאָס ליכט אין שפּיגל פון די קאַסקעס.
עס וואַרפט אַ בייזן גלאַנץ דאָס בלאַנקע מעש פון זיי...
אַ שטיל פאַרשטיקטער „אוי",
פאַרגליווערטע געזיכטער...
עס לעשן זיך די ליכט;
דער שאָטן ווערט געדיכטער...
דער ג ל ח נעענט זיך מיט פעסטע טריט אַהין,
וואו ס'שטייט דער אָרון־קודש, שטאָלץ פאַרהילט אין סודות.
און פּלוצלונג שניידט די שטילקייט דורך אַ פרעכע שטים...
ס'וואַקסט לעבן ג ל ח אויס דער איינגעהילטער אורח,
ס'ציט זיך צום פרוכת אויס אַ דאַרע האַנט,
אַזוי ווי זי וואָלט גרייט געווען צו זאָגן עדות,
און ס'קלינגען דורך די ווערטער שאַרף, מיט וואוט:
— אָט דאָרטן, דאָרטן שטייט דער בעכער מיט דעם בלוט...
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
שאַ... ס'רירט זיך דער פרוכת אויפ'ן אָרון:
עס מורמלט יעדערער אַ תפילה פאַר זיך שטיל:
אָ, גרויסער גאָט!... נישט לאָז אונז גיין פאַרלאָרן...
ווּעמעס האַנט—אָ וואונדער!—עפנטביידע טירן?
ווּעמעס ליכט באַלייכט די ספרי־תורות דאָרט?
עס שטייט דער עולם ווי פאַרגליווערט פון דעם וואונדער...
קיינער וואַגט זיך נישט צו רירן פון זיין אָרט.

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם מאַכן אויף זיך ביידע טירלאַך פון דעם אָרון,
ווי די טויערן וואָס פירן אין דער אייביגקייט אַריין.
און אין אויסבעט פון די שאַטנס, וואו די ספרי־תורות רוען,
פלאַמט אַ ליכטל אויף אַ קליינס
לעבן בעכער פול מיט בלוט,
ציטערט אין זיין רויטן שפּיגל,
אויף אַ רגע נישט גערוט;
ציטערט, ציטערט, ציטערט, ציטערט...
און פון דער בימה הייבט זיך אויף,
ווי אַ זייל, אַ איד אַן אַלטער,
און צום אָרון שטייגט ער אויף;—
די באָרד ווי זילבער ווייס און זויבער,
ווי אַ שטראַל איז יעדעס האָר,

און די אויגן פול מיט צויבער,
און דער שטערן הויך און קלאָר;
איינגעוויקלט אין אַ קיטל,
מיט אַ פעל־גורט אויף די לענדן...
אָטאָ נעמט ער אָן דעם בעכער,
הייבט אים העכער, העכער, העכער...
מאַכט אַ ב ר כ ה אויף דעם בלוט...
און דאָס בלוט הייבט אָן צו זידן,
ווערט אין קלאָרן וויין פאַרביטן,
און דער וויין הייבט אָן צו פינקלען
אין פאַרשיידענע קאָלירן,
און ווי דורך אַ בליץ דערשלאָגן,
פאַלט דער א ו ר ח לעבן אָ ר ו ן,
און דער גאַנצער צויבער, פלוצלונג,
ווערט אין שיין פון ליכט פאַרלאָרן.

4

מענשן פיר, אַ טראָג־בעטל אַ שוואַרצע,
אויף איר אַ מ ת פאַרוויקלט אין אַ טוך;
אַ נאַכט פון אומרו אָטעמט אויפ'ן שול־הויף,
עס ציט דעם אָטעם עמיץ שווער אין אים.
עס טראָגט זיך דורך אַ פלוך;
דער קלויסטער, וואָס נישט ווייט, הייבט לאַנגזאַם אָן צו קלינגען.
דאָס טראָג־בעטל גייט אָפּ און נעענט זיך צו אים.
עס מאַכט זיך אויף אַ טיר, עס צינדט זיך אָן אַ פענסטער,
אַנטקעגן עפנט זיך אַ צווייטע טיר געהיים,
עס פרעגט אַ שטים:
— דאָס האָט מען אים געטראָגן?...
עס ענטפערט ווער: „פאַרשאָלטן זאָל ער זיין!"

**דוד איינהאָרן.**

## באַלאַדע.

א ב א ל א ד ע איז א פּאָעטיש ליטעראַריש ווערק, אין וועלכן דער שרייבער דערציילט עפּעס, וואָס האָט אין זיך דעם עלעמענט פון א י ב ע ר־נ א ט י ר ל א כ ע ם: פון עפּעס, וואָס ליגט זיך אונז איצט ניט אויפ'ן ש כ ל, אָבער אין וואָס אונזערע אורעלטערן האָבן אמאָל געגלויבט.

דער סוזשעט פון א באַלאַדע ווערט געוויינטלאך גענומען פון אן אַל־

טער פאָלקס־מעשה, אָדער פון אַן אַלטן פאָלקס־גלויבן. מערסטן ווערט אין אַ באַלאַדע טאַקע דערציילט וועגן עפּעס, וואָס האָט געזאָלט געווען פּאַסירן אין מיטלאַלטער, מיט הונדערטער יאָרן צוריק, ווען מענשן האָבן נאָך געגלויבט אין ניסים און אין איבער־נאַטירלאַכע ערשיינונגען בכלל.

דער בלבול, אַז אידן באַנוצן קריסטלאַך בלוט אויף פּסח, איז אין מיטלאַלטער געווען זייער שטאַרק פאַרשפּרייט און האָט די אידן פאַרשאַפט אוימגעהויער פיל צרות. און ביי די אידן האָבן זיך דעריבער אויסגעבילדעט פאַרשידענע מעשות און גלויבונגען, ווי אַזוי זיי זיינען ניצול געוואָרן פון אָט דעם בלבול. „עלילת־דם” איז אַ באַאַרבעטונג פון אַזאַ'ן אַלטער מעשה אָדער לעגענדע.

# טביה לעבט איבער פּאָגראָם־צייטן.

(פון „טביה דער מילכיקער”)

דאָס איז געווען שוין לאַנג, אין דער סאַמע היץ פון קאָנסטיטוציעס, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ישועות ונחמות אויף אידן, פריער אין די גרויסע שטעט, דערנאָך אין די קליינע שטעטלאַך, אָבער צו מיר איז עס ניט דערגאַנגען, און עס האָט ניט געקענט דערגיין בשום אופן. פאַרוואָס? פשוט! מע זיצט אָפּ אַזאַ צייט צווישן גויים, איז מען אויסגע־בונדן מיט אַלע באַלעבאַטים פון דאָרף. „טעוועל” איז ביי זיי דאָס אוי־בערשטע פון שטויסל! וואָס איז שייך? אַן עצה — „איז ווי טביה וועט זאָגן”, אַ רפואה צו קדחת — איז „צו טעוולען”, אַ גמילת חסד — אויך ביי טביה'ן. נו, האָב איך עפּעס באַדאַרפט אין זינען האָבן אַזעל־כע זאַכן, אַז די גויים אַליין האָבן מיר געזאָגט וויפיל מאָל, אַז איך זאָל כלל וכלל קיין מורא ניט האָבן — זיי וועלן ניט דערלאָזן!... און אַזוי איז טאַקע געווען, איר וועט הערן אַ שיינס. בקיצור, איך קום צו־פאָרן איינמאָל אַ היים פון בויבעריק, — איך בין נאָך דעמאָלט געווען אין די פּעדערן, ווי זאָגט איר, נאָך געהאַנדלט מיט מילכיקס, קעז און פּו־טער, — אויסגעשפּאַנט דאָס פערדל, אונטערגעוואָרפן דעם היי און האָבער, ניט צייט געהאַט אַפילו זיך וואַשן צום עסן, איך טו אַ קוק — אַ פולער הויף מיט גויים, דאָס גאַנצע דאָרף: אַלע פיינסטע באַלעבאַטים: פון סטאַ־ראָסטע, איוואַן פּאַפּערילע, ביז דעם לעצטן גוי, טראָכים דער פּאַס־טוך, און אַלע זעען זיי מיר אויס עפּעס מאָדנע, יום־טוב'דיק. האָט מיר אַפילו פון ערשט געגעבן אַ טיאָכקע אין האַרצן; וואָס פאַר אַ יום־טוב אין מיטן דרינען? צי איז מען ניט געקומען מיט מיר לערנען בלק? נאָר צוריק טראַכט איך מיר: פע, טביה, מעגסט זיך שעמען פאַר זיך

אַליין: די גאַנצע צייט זיצסטו איין איד צווישן אַזוי פיל גוייםבשלום, און מע האָט דיך ניט אָנגערירט, איר זאָלט זאָגן אויף אַ האָר!...

און איך נעם און גיי אַרויס צו זיי מיט אַ ברייטן „שלום עליכם!": ברוכים הבאים! זאָג איך צו זיי, וואָס טוט איר דאָ, מיינע ליבע באַלעבאַטים? און וואָס ווערט איר עפּעס זאָגן גוטס? און וואָס ווערט איר דערציילן נייס?"

טרעט אַרויס דער סטאַראָסטע, איוואַן פּאַפּערילע, הייסט עס, און רופט זיך אָן צו מיר גאַנץ אָפּנטלאַך און גאָר אָן שום הקדמה: „מיר זיינען געקומען, זאָגט ער צו דיר, טעוול, מיר ווילן דיך שלאָגן."

וואָס זאָגט איר צו דער שפּראַך? מילא, ווי אַזוי מיר איז געוואָרן אויפ'ן האַרצן—קאָנט איר אייך משער זיין. נאָר אַרויסבאַווייזן—פע! אדרבה ואַדרבה! טביה איז ניט קיין אינגעלע... רוף איך זיך אָן צו זיי גאַנץ לעבעדיק: מזל־טוב אייך, זאָג איך, נאָר וואָס האָט איר זיך, קינדער, אַזוי שפּעט דערמאָנט? אין אַנדערע ערטער, זאָג איך, האָט מען שוין פון דעם כמעט פאַרגעסן!"...

רופט זיך אָן צו מיר איוואַן פּאַפּערילע, דער סטאַראָסטע, הייסט עס, שוין טאַקע גאַנץ ערנסט: „פאַרשטייסטו מיך, טעוול, זאָגט ער, מיר האָבן זיך, זאָגט ער, אַלץ גע'ישוב'ט, צי מיר זאָלן דיך שלאָגן, צי ניט שלאָגן? אומעטום, אין אַלע ערטער שלאָגט מען אייך, פאַרוואָס, זאָגט ער, זאָלן מיר דיך דורכלאָזן?... איז געבליבן ביים דאָרף, זאָגט ער, אַז מיר זאָלן דיך שלאָגן... נאָר וואָס דען, מיר ווייסן נאָך אַליין ניט, וואָס מיר זאָלן מיט דיר טאָן, טעוול: צי מיר זאָלן דיר נאָר אויסהאַקן די שויבן, זאָגט ער, און צעטרענען די פערענעס מיט די קישעלאַך און אַרויסלאָזן די פעדערן, צי מיר זאָלן דיר פאַרברענען, זאָגט ער, די כאַטע מיט דער שטאַל מיט דער גאַנצער כודאָבע דיינער?"

דאָ איז מיר שוין געוואָרן גוט קאַלעמוטנע אויפ'ן האַרצן, און איך באַטראַכט מיינע לייט, ווי מע שטייט אָנגעלענט אויף די לאַנגע שטעקנס און מע שושקעט זיך מיר עפּעס שטילערהייט, משמעות, הייסט עס, אַז ס'איז ביי זיי גאָר קיין קאַטאָוועס ניט? וויבאַלד אַזוי, טראַכט איך מיר, ביסטו דאָך טאַקע, טביה, גוט אין דער אַרבעט! וואָרום אַ קשיה אויף כרוקעלען! „ע, טביה! קלער איך מיר, מיט'ן מלאך־המות טאָר מען ניט שפּילן; מע באַדאַרף זיי עפּעס זאָגן!"...

און וואָס זאָל איך אייך לאַנג מאריך זיין, ליבער פריינט? ס'איז באַשערט געווען, אַפּנים, אַ נס, האָט מיר דער אייבערשטער אַריינגעגעבן אָ זין, איך זאָל ביי זיך ניט אַראָפּפאַלן. און איך נעם זיך אָן מיט האַרץ און רוף זיך אָן צו זיי, צו די גויים הייסט עס, דווקא אין גוטן מוט: „הערט זשע אויס, זאָג איך, מיינע ליבע באַלעבאַטים, וויבאַלד, זאָג איך, די דאָרף האָט אַזוי גע'פסק'נט, איז דאָך ניט שייך, זאָג איך;

מסתמא ווייסט איר, זאָג איך, בעסער, אַז טביה האָט ביי אייך פאַר־דינט, איר זאָלט מאַכן אַ תל, זאָג איך, פון זיין כודאָבע און פון זיין גאַנץ פאַרמעגן... נאָר וואָס דען, זאָג איך, דאָס ווייסט איר, זאָג איך, אַז ס'איז פאַראַן נאָך העכערס פאַר אייער דאָרף? עס קאָן זיין, אַז גאָט אַליין האָט מיר אָנגעצייכנט, אַז איך זאָל געשטראָפט ווערן אומזיסט־אומנישט דורך אייך, דורך מיינע בעסטע גוטע פריינט, און עס קאָן זיין ווידער, זאָג איך, אַקור־ראַט פאַרקערט. אַז ער וויל, אַדרבה, בשום אופן ניט, אַז מען זאָל טביה'ן טאָן שלעכטס... ווער זשע, זאָג איך, קאָן דאָס וויסן, וואָס גאָט וויל? אַדרבה, זאָג איך, אפשר געפינט זיך דאָ צווישן אייך איינער, וואָס וועט זיך אונטערנעמען, זאָג איך, דערגיין דאָ אַ טאָלק?!!...

בקיצור, זיי האָבן, אַפּנים, געזען אַז מיט טביה'ן וועלן זיי זיך ניט אויס'טענה'ן, רופט זיך אָן צו מיר דער סטאַראָסטע, איוואַן פּאַפּע־רילע, הייסט עס, אַזוי: „די מעשה, זאָגט ער, דערפון איז אַזוי: מיר האָבן צו דיר, טעוול, אייגנטלאַך גאָרנישט ניט. דו ביסט, זאָגט ער, טאַקע אַ זשיד, נאָר ניט קיין שלעכטער מענש; נאָר איינס צום אַנדערן, זאָגט ער, געהער זיך ניט אָן: שלאָגן דאַרף מען דיך; דאָס דאָרף האָט אַזוי גע־פּסק'נט — פאַרפאַלן! מיר וועלן דיר, זאָגט ער, אויסהאַקן די פענסטער; דאָס, זאָגט ער, מוזן מיר, ווייל טאָמער, זאָגט ער, פאָרט אימיצער דורך, טאָ לאָז מען, זאָגט ער, זען, אַז מע האָט דיך געשלאָגן; אַניט, זאָגט ער, וועט מען אונז נאָך שטראַפירן."

אָט מיט די ווערטער און מיט דעם לשון, ווי איך דערצייל אייך. נו, פּאַני שלום־עליכם, האָט מיר קיין פאַריבל ניט, זייט מיר געזונט און האָט מ"ר אַ גוטן תמיד.

שלום־עליכם.

## שלום־עליכם.

(ביאָגראַפיע)


שלום־עליכם

שלום־עליכם, אָדער שלום ראַבינאָוויטש, איז געבאָרן געוואָרן דעם 18־טן פעברואַר 1859, אין אַ קליין שטעטל אין דרום רוסלאַנד. זיין פאָטער איז געווען אַ איד אַ סוחר; די מוטער זיינע, וואָס האָט געהאַט אַ גאַנצן טוץ קינדער, איז געווען אַ גרויסע באַ־לעבאָסטע און האָט פיל אַרויסגעהאָלפן דעם טאַטן אין מסחר.

די פאַמיליע ראַבינאָוויטש האָט זיך שפּע־טער אַריבערגעצויגן אין אַ גרעסער שטעטל — פּערעיאַסלאַוו; האָט שלום אָנגעהויבן באַזוכן אַ דאָרטיקע רוסישע שול, וואו ער האָט געלערנט

רוסיש, אריפמעטיק, געאָגראַפיע און אַנדערע וועלטלאַכע געגנשטאַנדן. אָבער ער האָט דאָרט אויך נאָך געלערנט אין ח ד ר י ם, וואו ער האָט זיך אויסגעלערנט גוט העברייאיש.

צו 15 יאָר האָט ש ל ו ם ראַבינאָוויטש אָנגעהויבן דרוקן העברייאישע אַרטיקלען און מ ע ש ו ת אין די דאַמאָלסדיקע העברייאישע צייטונגען „ה מ ל י ץ" און „ה צ פ י ר ה", און צו 21 יאָר הייבט ש. ראַבינאָוויץ אָן צו שרייבן אין אידיש אונטער דעם נאָמען ש ל ו ם - ע ל י כ ם. און פון דעמאָלט אָן האָט ער כ מ ע ט כ ס ד ר געשריבן אין אידיש.

ש ל ו ם - ע ל י כ ם האָט געמאַכט אַ לעבן אויף פאַרשיידענע א ו פ נ י ם. צו 21 יאָר איז ער געוואָרן ראַבינער אין שטעטל לובני, אין ד ר ו ם־רוסלאַנד; שפּעטער איז ער געוואָרן אַ ס ו ח ר. און ווען זיין שווער איז געשטאָרבן און אים איבערגעלאָזן אַ גרויסע י ר ו ש ה, האָט ער זיך באַזעצט אין קיעוו און אַ צייט זיך אָפּגעגעבן מיט באַנק־געשעפטן און בערזן־ספּעקולאַציעס, ביז ער האָט פאַרלאָרן דאָס גאַנצע געלט זיינס. דע־מאָלט איז ער אַריבערגעפאָרן אין אָדעס, וואו ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט מעקלעריי, פאַרזיכערונגס־אַגענטור און אַלערליי סאָרטן האַנדל. אָבער די גאַנצע צייט האָט ש. ע. ניט אויפגעהערט צו שרייבן, און מיט דער צייט האָט אים זיין שרייבן אויך אָנגעהויבן ביסלאַכוויז אַריינטראָגן מיטלען צום לעבן.

נאָך דעם שרעקלאַכן פּאָגראָם פון 1905 איז ש ל ו ם - ע ל י כ ם אַוועק פון רוסלאַנד צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע. זיין פאַמיליע האָט ער איבער־געלאָזן אין דער שווייץ און אַליין איז ער אַוועק קיין אַמעריקע. אין אַמע־ריקע האָט אים די אידישע באַפעלקערונג אויפגענומען זייער גוט. ער האָט דאָ מיטגעאַרבעט אין די אַרטיקע אידישע צייטונגען. נאָכדעם ווי ש. ע. איז אָפּגעווען אין אַמעריקע אַ פּאָר יאָר צייט, האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין אייראָפּע. ער איז דורכגעפאָרן די וויכטיקסטע אידישע צענטרען סיי אין מ ע ר ב־אייראָפּע, סיי אין רוסלאַנד. ער האָט דאָרט פאָרגעלייענט זיינע ווערק און איז אומעטום אויפגענומען געוואָרן מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג פון די אידישע מאַסן, וואָס האָבן געלייענט זיינע ווערק.

אויפ'ן וועג פון זיין טור האָט ער זיך צוגעקילט און איז געוואָרן גע־פעהרלאַך קראַנק. ער האָט געמוזט אָוועקפאָרן אין אַ וואַרימען קור־אָרט אין נערווי, איטאַליע. דאָרטן האָט ער פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט.

שפּעטער, אין דער צייט פון דער וועלט־מ ל ח מ ה, איז ש ל ו ם-ע ל י כ ם צוזאַמען מיט זיין מ ש פ ח ה אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע און זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק. דאָ האָט ער זיך אויסשליסלאַך אָפּגעגעבן

מיט זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם האָט זיך אָבער שוין געפילט שוואַך נאָך אַזאַ'ן אומרואיק און וואַנדערנד לעבן; און נאָך אַ לענגערער קראַנקהייט איז ער געשטאָרבן דעם 12־טן מאַי 1916. צו זיין ל ו ו י ה זיינען געקומען אַלע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג; און ניו־יאָרק האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזעלכע גרויסע מענגעס מענשן ביי אַ ל ו ו י ה, ווי ביים באַגלייטן ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם'ען צו זיין אייביקער רו. מען האָט געקאָנט באַשיינפערלאַך זען, אַז אַלע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג האָבן ליב ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם'ען און אַכטן זיין אָנדענקען.

און אין אמת'ן ווערט קיין שרייבער ניט אַזוי פיל געלייענט ביי אידן, ווי ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם. ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם'ס ווערק זיינען אַרויס־געגעבן געוואָרן אין 28 בענדער; זיי אַנטהאַלטן אין זיך מ ע ש ו ת, דערציילונגען, ראָמאַנען, איינאַקטערס, דראַמעס, אַרטיקלען א. ד. ג. פון זיינע ווערק צייכענען זיך אויס זיינע קינדער־מ ע ש ו ת: דאָס מעסערל, מ ת ו ש ל ח, ראַבטשיק, בערעלע א. ד. ג.; זיינע י ו ם ־ ט ו ב ־ מ ע ש ו ת (אויך פון קינדערשן לעבן); ח נ ו כ ה־געלט, ביים קעניג א ח ש ו ר ו ש, אַ פאַרשטערטער פ ס ח, אַ פ ס ח אין דאָרף, ל ג ־ב ע ו מ ר, גרינס אויף ש ב ו ע ו ת, שוין איינמאָל אַ ס ו כ ה, די פאָן א. ד. ג. זיינע וואונדערבאַרע שיינע מ ע ש ו ת פון כתרילעווקע (צונאָמען פונ'ם קליינעם שטעטעלע, וואו ער איז אויסגעוואַקסן): בערל אייזיק, ווען איך בין רויטשילד א. ד. ג. זיינע ביכער: ט ב י ה דער מילכיקער און מ נ ח ם־מענדל (אינ'ם לעצטן בוך מאָלט ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם אַ אידן וואָס האַנדלט און וואַנדלט, וואַרפט זיך אויף אַלערליי פ ר נ ס ו ת און פון אַלע זיינע פ ר נ ס ו ת לאָזט זיך יעדעס מאָל אויס אַ טייך). אינטערעסאַנט זיינען אויך ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם'ס צוויי אויטאָביאָגראַפישע ביכער „פונ'ם יאַריד", זיינע ראָמאַנען: סטעמפעניו, סענדער בלאַנק און אַנדערע, און זיינע דראַמאַטישע ווערק: אַ דאָקטאָר, צעזייט און צעשפּרייט און אַנדערע.

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם'ס ווערק זיינען דורכגעדרונגען מיט אַ שיינעם לייכטן הומאָר, וועלכער רופט אַרויס ביים לעזער אַמאָל אַ שמייכל און אַמאָל אַ געלעכטער. עס איז אָפט זייער שווער צו לייענען ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם'ען און ניט לאַכן פון פולן האַרצן, און דאָס דאָזיקע געלעכטער מאַכט דעם לעזער איידעלער, שענער און בעסער.

---

נאָכ'ן פּאָגראָם.      מ. מינקאָווסקי.

# דער קוש.

(מעשה)

ביי ר' שכנא'ן האָבן זיך געטרייסלט הענט און פיס, און אין מויל ביי אים איז געוועזן אומערטרעגלאַך ביטער. ער איז געזעסן אויף אַ שטול, האָט געהערט די ווילדע קולות פון גאַס, די פייפעריי און דאָס קלינגען פון צעבראָכענע שויבן, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אָט דאָס אַלעס קנאַקט, שרייט און קלינגט אינווייניק ביי אים אין קאָפּ.

דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי פּלוצים, אַז ער האָט קיין צייט נישט געהאַט אַפילו צוצושליסן זיין קראָם און איז באַלד אַוועקגעלאָפן אַהיים. אין הויז האָט ער קיינעם נישט געטראָפן. שרה מיט די קינדער האָבן זיך, ווייזט אויס, ערגעץ באַהאַלטן, איבערלאָזנדיק דאָס הויז מיט'ן ביסל זילבער, מיט'ן געלט אויף גאָטס באַראָט. ער אַליין האָט נישט

געקלערט פון באַהאַלטן זיך, ער האָט בכלל פון גאָרנישט ניט געקלערט, ער האָט זיך בלויז צוגעהערט צו די גוואַלדן פון גאַס און צו דער ביטער־קייט, וואָס ביי אים אויף דער צונג.

דאָס גערויש פון פאָגראָם האָט זיך אַמאָל דערהערט, אַמאָל דער־ווייטערט, ווי אַ פייער אין דער נאָכבאַרשאַפט, און האָט פּלוצים אַרומ־גענומען דאָס הויז פון אַלע פיר זייטן. די פענסטער האָבן גענומען קנאַקן, עטלאַכע שטיינער זיינען אַריינגעפלויגן אין עס־צימער, און מיט אַ מאָל, דורך טיר און פענסטער, האָבן אָנגעהויבן קריכן גויים, מייסטנס יונגע שקאָצים, מיט שטעקנס, מיט מעסערס; מיט שיכור'ע, רויטע פּנימ'ער. ר' שכנא האָט דערשפּירט, אַז ער דאַרף עפּעס טאָן. ער האָט זיך מיט גרויסער שווערקייט אויפגעהויבן פון שטול און פאַר די פאָגראָמשטשיקעס אין די אויגן האָט ער גענומען קריכן אונטער'ן דיוואַן, וואָס איז אין צימער געשטאַנען. חברה האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— אָט אַ שוטה! — האָט איינער געזאָגט און אים אָנגעכאַפּט ביים פוס. — עי, דו, הייב זיך אויף!

ער איז פּלוצים צו זיינע געדאַנקען געקומען און האָט זיך צעוויינט, ווי אַ קליין קינד.

— קינדער, — האָט ער זיך געבעטן, — איך וועל אייך אַליין וויַזן, וואו עס ליגט דאָס געלט, דאָס זילבער און אַלצדינג, אַבי הרג'עט מיך ניט. צו וואָס זאָלט איר מיך הרג'ענען?... איך האָב אַ ווייב מיט קינדער...

דאָס אַלעס האָט נישט געהאָלפן. זיי האָבן גענומען אַלצדינג און אים האָבן זיי געשלאָגן, געשלאָגן אין די ציין, אין די זייטן, אין בויך, מיט גרויס רציחה. ער האָט געוויינט און זיך געבעטן, און זיי האָבן געשלאָגן. איינעם פון די שקאָצים האָט ער געקענט און האָט זיך געווענדט נאָך רחמנות צו אים:

— וואַסילענקאָ, קענסט דאָך מיך... דיין טאַטע האָט געאַרבעט ביי מיין הויז; זאָג: האָב איך אים ניט באַצאָלט?... ער האָט ביי מיר גוט פאַר־דינט... וואַסילענקאָ... וואַסילענקאָ... געוואַלט!... ראַטע — — —

אַ זעץ אונטער'ן האַרצן האָט איבערגעריסן זיין געבעט. צוויי שקאָצים האָבן זיך אויף אים אַרויפגעזעצט און גענומען דריקן זיין בויך מיט זיי־ערע קני. וואַסילענקאָ, אַ קליינער, מאָגערער שייגעץ מיט אַ קרום פּנים און קליינע אייגלאַך, האָט מיט גדלות געשמייכלט און גערעדט:

— איז וואָס?

— האָסט געצאָלט, ווי דען?... דער טאַטע האָט געאַרבעט, האָסטו באַצאָלט. אָהאָ, איך וואָלט אַ בעלן זיין זען, ווי אַזוי דו וואָלסט נישט באַצאָלט!...

פון דעסטוועגן איז אים געפעלן געוואָרן, וואָס ר' שכנא האָט זיך געווענדעט צו אים נאָך הילף, און ער האָט געזאָגט צו די איבעריקע:

— נו, חברה, גענוג, לאָזט די פּגירה לעבן. איר זעט דאָך — שוין סיי ווי קוים ער זשיפּעט...

זיי האָבן זיך ביסלאַכווייז אָפּגעריסן פון זייער קרבן און גענומען אַרויסגיין פון הויז, ברעכנדיק אויפ׳ן וועג די כלים, וואָס זיי האָבן פריער געלאָזט גאַנץ.

— נו, שכנא, האָסט מיר צו פאַרדאַנקען, וואָס דו ביסט לעבן געבליבן.—האָט וואַסילענקאָ געזאָגט צו ר׳ שכנא׳ן,—וועלכער איז געשטאַנען פאַר אים מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און אַ צעשלאָגענעם פּנים און האָט שווער געאָטעמט. די חברה וואָלט מיט דיר קיין ספק שהיות נישט געמאַכט, ווען נישט איך...

ער האָט געוואָלט אַוועקגיין, נאָר פּלוצים איז אים עפּעס איינגעפאַלן.

— נאַ, — האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו ר׳ שכנא׳ן, — טו אַ קוש...

ר׳ שכנא האָט אויפגעהויבן זיינע בלוט־פאַרגאָסענע אויגן און געגעבן אויף אים אַ צעמישטן קוק. ער האָט נישט פאַרשטאַנען.

וואַסילענקאָ׳ס פּנים האָט זיך פאַרוואָלקנט.

— דו הערסט ניט, וואָס?... קוש, זאָגט מען דיר! צוויי פון די שקאָצים זיינען געבליבן שטיין אין טיר, פאַראינטערעסירט אין דעם, וואָס דאָ קומט פאָר. ר׳ שכנא האָט געקוקט אויף וואַסילענקאָן און געשוויגן. וואַסילענקאָ איז אַזש גרין געוואָרן.

— אַך, דו זשידאָווסקער פּרצוף וואָס דו ביסט! — האָט ער אַ קריץ געטאָן מיט די ציין און מיט דער גאַנצער האַנט דערלאַנגט ר׳ שכנא׳ן אַ זעץ אין געזיכט. — דו קווענקלסט זיך נאָך?... עי, חברה, קומט נאָר אַהער!...

די צוויי שקאָצים זיינען צוגעגאַנגען נעענטער.

— אַנו, נעמט אים נאָר צו דער אַרבעט. אַז ער איז יאָ אַזאַ פּריץ, מוז ער מיר שוין אַ קוש טאָן אין פוס. אויב נישט...

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול. די שקאָצים האָבן געכאַפּט ר׳ שכנא׳ן און אים אַ וואָרף געטאָן צו וואַסילענקאָס פיס.

— צי אַראָפּ! — האָט וואַסילענקאָ באַפוילן, געבנדיק ·אים מיט׳ן שטיוול אין די ציין.

ר׳ שכנא האָט לאַנגזאַם אַראָפּגעצויגן דעם שטיוול פונ׳ם שייגעצס פוס.

— קוש!...

איינס קעגן צווייטן זיינען געשטאַנען: אַ רויטער, שמוציקער פוס מיט אַ שווערן גערוך פון שווייס — און אַ צעשלאָגן פּנים מיט אַ לאַנגער, בכבוד׳יקער טונקעלער באָרד. דורך אַ מאָדנעם צופאַל האָבן חברה

זיך ווייניק באַשעפּטיקט מיט דער דאָזיקער באָרד, און זי איז געווען בלויז אַ ביסל אָפּגעצופּט אין אַ פּאָר ערטער. פון אויבן אַראָפּ האָט גע־קוקט וואַסילענקאָס גרין, קרום געזיכט מיט די גרויע אויגן.

— קוש, זאָג איך דיר!...

און נאָך אַ זעץ אין די ציין האָט באַגלייט דעם באַפעל.

איין מאָמענט זיינען אַלע אין צימער געווען שטום און אומבאַוועג־לאַך. דערנאָך האָט ר׳ שכנא צוגעבויגן זיין קאָפּ, און וואַסילענקאָ האָט אַרויסגעלאָזט אַ שאַרפן, שרעקלאַכן קוויטש. אַלע פינגער פון׳ם פוס און אַ היפשער טייל פון׳ם טראָט זיינען פאַרשוואונדן אין ר׳ שכנא׳ס מויל, און צוויי ציילן ציין האָבן זיך טיף איינגעגראָבן אין דאָס שמוציקע שווייסיקע פלייש.

דאָס, וואָס נאָכדעם איז פּאָרגעקומען, איז געווען ווילד און שווער, ווי אַן אומגעלומפּערטער בייזער חלום.

די שקאָצים האָבן געשלאָגן ר׳ שכנא׳ן מיט די שטיוול אין די זייטן מיט אַזאַ קראַפט, אַז פון יעדן קלאַפּ האָט עס אָפּגעקלונגען הויך און פּוסט ווי פון אַ פאַס. זיי האָבן געפּליקט זיין באָרד פּאַסמעסווייז, זיינען אים אַריין מיט די פינגער אין די אויגן און האָבן זיי אַרויסגעריסן, האָבן זיך צוגעריסן צום קערפּער און געריסן שטיקער פון אים. דער קערפּער האָט געציטערט, געפיבערט, זיך געוואָרפן און געדרייט, און די צוויי ציילן ציין האָבן זיך צוזאַמענגעדריקט אַלץ קאַנוואולסיווער און זיינען געגאַנגען אַלץ טיפער; און עפּעס אַזוינס האָט געקנאַקט דאָרטן אינווייניק אין פוס: די ציין, די ביינער, אָדערביידע זאַכן צוזאַמען. די גאַנצע צייט האָט וואַסילענקאָ געשריען ווילד, אָן דעת, ווי אַ געשאָכטענער חזיר.

ווי לאַנג דאָס אַלעס האָט געדויערט, האָבן זיך די שקאָצים קיין רעכנונג ניט אָפּגעגעבן און זיינען געקומען צו זיך ערשט, ווען זיי האָבן באַמערקט, אַז ר׳ שכנא׳ס קערפּער צאַפּלט זיך שוין נישט, און אַ קוק טוענדיק אין זיין געזיכט, האָבן זיי ביידע אויפגעציטערט פון קאָפּ ביז די פיס.

די אויסגעריסענע אויגן האָבן זיך געבאַמבעלט לעבן די פאַרבלוטיקטע לעכער, גרויסע קיילאַכדיקע און קלעפּיקע. קיין פּנים איז נישט געווען צו זען. די באָרד האָט זיך צעטויפּגעשלאָגן אין נאַסע, בלוטיקע קאָלטע־נעס, און די טויטע ציין מיט׳ן שטיק פוס צווישן זיי זיינען געווען אויסגע־שציִרעט, ווי ביי אַ געהרג׳עטן וואָלף. וואַסילענקאָ האָט זיך נאָך אַלץ געוואָרפן, — שוין נישט אויפ׳ן שטול, נאָר אויף דער ערד. זיין קערפּער האָט זיך אויסגעדרייט, ווי אַ שלאַנג, און פון האַלז ביי אים האָבן זיך גע־ריסן הייזעריקע, אויסגעצויגענע קולות. זיינע גרויע אייגלאַך זיינען געוואָרן גרויס, מאַט און גלעזערן. ער איז, קענטיק, אַראָפּ פון זינען.

מיט אַ דערשראָקענעם „אָ, גאָט דערבאַרעמדיקער!“ זיינען די צוויי שקאָצים אַרויסגעלאָפן פון הויז.

אין גאַס האָט געבושעוועט די בייזע פּאָגראָם־מהומה, און צווישן די פאַרשיידענע קולות האָט קיינער נישט געמערקט די אונטערגערײַסענע געשרייען פונ'ם לעבעדיקן, וואָס האָט לאַנגזאַם געגוסס'עט ביים טויטן אין די ציין.

ל. שפּירא.

מעשה.

אַ מעשה איז אַזאַ ליטעראַרישע זאַך, אין וועלכער דער שרייבער דערציילט עפּעס פון דעם לעבן אַרום אים. אין אַ מעשה מאָלט דער שרייבער געוויינטלאַך בלויז איין פּאַסירונג, איין געשעעניש פונ'ם לעבן פון זיין העלד.

# דער ווינט.

(געדאַנק).

אַ קלאַפּ האָט געגעבן דער ווינט אין מיין שטיבל
און האָט עס אין גאַנצן צעטראָגן:
און באַלד האָט דערהערט זיך אַ קנאַל פון אַ דונער
און האָט פיל נפשות דערשלאָגן.

צי קען איך דען צאָרנען אויף ווינטן און דונער?
צי ווייסן זיי דען, וואָס זיי טוען?
עס ברענט נאָר מיין צאָרן: ווי האָט עס געטראָפן,
ווען ליכטיק געשיינט האָט די זון?

דעם ווינט און דעם דונער — אָ, זיי בין איך מוחל;
זיי זיינען, ווי קרעפּטן, דאָך בלינד;
ווי האָט דאַן געלויכטן די זון אָבער, פרעג איך,
און רואיק געזען אַזאַ זינד?...

# צו געפאַלענע העלדן.

(אָדע)

אָ, טויטע העלדן! ווען איך לייען
אין בוכשטאַבן, פאַרבלוטיקט־רויט,
די נייס פון אייער ג י ב ו ר־טויט,
איך מוז אי וויינען, אי זיך פרייען.

און שטייענדיק אין שמערץ געבויגן
אויף אייער ק ב ר, מיר דערשיינט
דער מאָרגעדיקער לוין פון היינט,
מיר גלאַנצט דער צוקונפטס־רעגנבויגן...

און אין די שוואַרצע א י כ ה־ קלאַנגען
פון אומגליקלאַכן פאָלק, וואָס מאַכט
אַ ה ס פ ד איבער אייך, מיר דאַכט
צו גלייך זיך הערן ווי געזאַנגען,

וואָס וועקן, קלינגען אין די אויערן:
—„דאָס שקלאַפן־פאָלק — עס האָט דערוואַכט
און ברעכט מיט זעלבסטבאַוואוסטער מאַכט
פון זיין געפענקעניש די טויערן...

מיט אויפגעהויבן שטאָלצן שטערן,
מיט יונגער קראַפט אין גליד,
מיט מעכטיק־פעסטע ש מ ש ו ן־ טריט
זיך גייט ער קעגן ש ו נ א ווערן

און פאָדערט: „ע י ן ת ח ת ע י ן".
און דאָרטן, וואו דער י ו ש ר פעלט,
זיין אָרעם האָט ער אויפגעשטעלט,
צו זיין דער ריכטער און דער ד י ן...

אַ שטאָלצער טאָג — אי זיס, אי ביטער,—
ווען זעלבסט־באַפרייטע גלות־קנעכט
מיט שמחה גייען אין געפעכט
און פאַלן קעמפנדיק ווי ריטער...

אין האַרצן מוט, אין האַנט כלי־זין
און אין די אויגן יענער ברען,
וואָס איז פון תמיד אָן געווען
דער סימן פון אַ פאָלק אַ פרייען...

אָ, טויטע העלדן! ווען איך לייען
די נייס פון אייער גיבור־סוף,
איך פלוך און בענש, איך האַס און האָף,
איך מוז אי וויינען, אי זיך פרייען.

יהואש.

## אָדע.

אַן אָדע איז אַ ליריש ליד, אין וועלכן דער שרייבער דריקט אויס באַגייסטערונג פאַר אַן איינצלנער פערזאָן, אָדער פאַר אַ רייע פערזאָנען, אָדער פאַר אַ זאַך, אָדער פאַר אַ געשעעניש. דאָס איז אַ לויב־ליד, וואָס דער אַווטאָר זינגט, ווען ער איז דורכגעדרונגען מיט אַ באַזונדער פאַרוואונדערונג פאַר דער פערזאָן און זיינע טאַטן אָדער אויפטואונגען, פאַר דער זאַך אָדער ערשיינונג און זייער שיינקייט, ערהויבנקייט אָדער גרויסקייט.

אין דעם ליד „צו די געפאַלענע העלדן“ דריקט יהואָש אויס זיין באַגייסטערונג פאַר דער העלדישקייט פון די אידישע יונגעלייט פון דעם שטעטל טראָיאַנאָוו, וואָס זיינען געגאַנגען אַרויסהעלפן די אידן פון זשיטאָמיר אין זייער פאַרזוך פון זעלבשוץ געגן אַ פּאָגראָם. אויפ׳ן וועג זיינען די פויערים פון די דערפער אַרום באַפאַלן זיי און ביז איינעם פון זיי דער׳הרג׳עט.

---

# יהואָש.

(ביאָגראַפיע).



יהואש

יהואָש (אָדער ווי זיין אמת'ער נאָמען איז געוועזן: שלמה בלומגאַרטן) איז געבוירן געוואָרן אינ'ם שטעטל ווערזשבאָלאָווא, סורוואַלקער געגנט. זיין פאָטער איז געוועזן אַ גרויסער לערנער און אַ קלוגער איד. ער האָט זיך טיילווייז אויך אינטערעסירט מיט פילאָזאָפישע און אפילו השכלה־ווערק; דאָך איז ער געוועזן זייער אַ פרומער איד.

יהואָש האָט ביז אַ יאָר 13 געלערנט אין חדר, אָפּגעגעבן זיך מיט לערנען דעם תלמוד און אַנדערע רעליגיעזע ספרים; אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער שטילערהייט געלייענט אויך השכלה־ווערק אונטער דער ווירקונג פון זיין עלטערער שוועסטער. שפּעטער האָט יהואָש געלערנט וועלטלאַכע געגנשטאַנדן, שטודירט דייטש און רוסיש, אַ סך געלייענט פון אַלגעמיינער ליטעראַטור, הגם אָן אַ סדר.

אויף אַ קורצער צייט איז יהואָש אַוועקגעפאָרן לערנען אין דער דעמאָלט באַוואוסטער וואָלאָזשינער ישיבה. אָבער די ישיבה האָט אים ניט צופרידן געשטעלט. דאָרט אין ישיבה האָט יהואָש אויך אָנגעהויבן צו שרייבן, און טאַקע אויף אידיש. די ערשטע לידער זיינע זיינען געוועזן אָפּגעדרוקט אין פּרצ'עס „יודישע ביבליאָטעק“, און פּרץ האָט אין דעם נייעם דיכטער באַמערקט טאַלאַנט.

אין 1890 איז יהואָש אַוועק קיין אַמעריקע. איין צייט האָט ער כמעט ניט געשריבן און זיך אָפּגעגעבן מיט געשעפט. אָבער אין אַ ביסל צייט אַרום איז ער קראַנק געוואָרן און געמוזט אַוועק אין אַ סאַנאַטאָריום אין דענווער. פון דעמאָלט אָן הייבט זיך אָן די אומאיבערגעריסענע ליטעראַרישע טעטיקייט פון יהואָש'ן.

יהואָש האָט געשריבן זייער אַ סך לירישע לידער, אין וועלכע ער גיט איבער זיינע שטימונגען און איבערלעבונגען, מערסטנס ניט קיין פריילאַכע. ער האָט אויך געשריבן אַ סך באַלאַדעס, וואו ער לעבט אויף פאַר אונז די גלויבונגען סיי פון דעם אַלטן עבר, סיי פון דעם נאָענטן; ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ רייע פאַבלען.

אין 1914 איז יהואָש אַוועקגעפאָרן אין פאַלעסטינע און געוואוינט אין דער קאָלאָניע רחובות. אָבער צוליב דער מלחמה האָט ער

געמוזט זיך אומקערן צוריק קיין ניו־יאָרק. אַט די רייזע זיינע האָט יהואָש באַשריבן אין זיינע דריי בענד „פון ניו־יאָרק ביז רחובות און צוריק".

דעם לעצטן צענדליק יאָר זיינעם האָט אָבער יהואָש אָפּגעגעבן הויפּטזאַכלאַך אויף דער איבערזעצונג פון דער ביבל אין אידיש. ער האָט זיך כמעט ווי אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט, געזעסן ביי זיך אין צימער און געאַרבעט אויף דער איבערזעצונג. און ער האָט איבערזעצט די גאַנצע ביבל אין אַ שיינעם, ריינעם אידיש. און זיצנדיק אַמאָל ביי אַט דער וויכטיקער אַרבעט, איז יהואָש געשטאָרבן. דאָס איז געווען אין 1927.

יהואָש איז געווען איינער פון אונזערע שענסטע שרייבער און דערצו איינער פון אונזערע שענסטע מענשן. אַלעמאָל איידל, שטיל, בנעימות־דיק; אַ גוטער חבר, זייער אַן אָנגענעמער בעל־שמועס; קיינעם ניט באַליידיקט ניט אין דער ליטעראַטור און ניט אין מינדלאַכן געשפּרעך. ער איז געווען און וועט בלייבן אַ ביישפּיל פון שיינער און אינטעליגענטער באַציאונג פון מענש צו מענש.

## מיר פאָרן קיין אַמעריקע מיט די „עם־עולם."

(זכרונות).

די צייטונגען שרייבען, אַז אין פילע שטעט קלייבן זיך גאַנצע גרופּעס צו עמיגרירן קיין אַמעריקע, און אין קיעוו האָט זיך געגרינדעט אַ חברה „עם־עולם". די חברה וויל האָבן פינף הונדערט מיטגלידער, מענשן מיט גוטע רעפּוטאַציעס און מיט געלט. דער ציל — מען זאָל פאָרן קיין אַמעריקע, גרינדן דאָרט אַ גרויסע קאָלאָניע פון ערד־אַרבעטער. און אין די צייטונגען זיינען פאַראַן בריף פון אַמעריקע, פון אונזערע יעליסאַוועטגראַדער לאַנדסלייט, וועלכע זיינען לעצטן יאָר נאָכ'ן פּאָגראָם אַוועק קיין אַמעריקע און זיינען שוין דאָרט געוואָרן קאָלאָניסטן. און נאָך ווי געוואָרן! די רעגירונג האָט געגעבן לאַנד, און די אַמעריקאַנער האָבן זיי דאָרט באַגעגנט מיט מוזיק, און די רייכע פאַרמער האָבן געשענקט אויף דער קאָלאָניע פערד, קי און מאַשינעס צו באַאַרבעטן די ערד, און זיי לעבן פשוט ווי אין גן־עדן. דערצו נאָך שרייבן די צייטונגען, אַז איין אידישער כלל־טוער פון אַמעריקע פאָרט אַרום און צוזאַמען מיט די גרויסע אידישע געמיינדעס אין אייראָפּע גרינדעט מען קאָמיטעטן, מען שאַפט אַ גרויסן פאָנד צו העלפן די עמיגראַנטן קומען קיין אַמעריקע און צו גרינדן דאָרט קאָלאָניעס פון ערד־אַרבעטער.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די פינסטערע לאַגע אין רוסלאַנד און די גרויסע האָפנונגען אויף אַמעריקע האָבן אין מיר געוועקט אַ גרויסן

חשק צו פאָרן קיין אַמעריקע. אמת, איך ווייס גאַנץ ווייניק וועגן אַמעריקע. ווער האָט נאָך דאַן געוואוסט? אויסער פון געאָגראַפיע און אַמאָל עפּעס געלעזן. איך ווייס, אַז מען זאָגט, אַז דאָרט וואַלגערט זיך גאָלד אין די גאַסן; מיר גייט עס אָבער ווייניק וואָס אָן: איך פאָר ניט זוכן קיין רייכטום, איך וויל נאָר געניסן פון איר פרייהייט, פון איר גלייכהייט פאַר אַלע מענשן. עפּעס אַ קלייניקייט, אַ לאַנד אָן הערשער! דאָס פאָלק קלייבט זיך אויס אַ פּרעזידענט, פּונקט ווי מיר קלייבן אויס אַ גבאי. היינט איז דאָך דאָרט ניטאָ קיין הויפּט־רעליגיע, ווי ביי אונז אין רוסלאַנד; דאָרט זיינען אַלע רעליגיעס גלייך, און אַלע מענשן זיינען גלייכע בירגער.

איך באַטראַכט עס אַלץ, און עס ציט מיך אַהין, און מיר געפעלט זייער, וואָס מיר וועלן זיין ערד־אַרבעטער. „פאַר וואָס זאָל טאַקע אַ גאַנץ פאָלק לעבן נאָר פון ווינט און רויך?" — טראַכט איך זיך. עס איז דאָך אַ שאַנדע, אַז אַ פאָלק זאָל לעבן נאָר פון דאָס, וואָס אַנדערע פּראָדוצירן. מיר דאַרפן ווייזן דער וועלט, אַז מיר קענען אויך לעבען פון אונזער אייגענער פּראַצע און פאַרזאָרגן נאָך אַנדערע מיט ברויט; און פיל איז עס טאַקע ווערט צו לעבן אַ שטיל, זאָרגלאָז, אָרנטלאַך לעבן אַלס אַן ערד־אַרבעטער? דאָס איז דאָך אַ ריכטיקער גן־עדן־לעבן.

איך שרייב קיין קיעוו אין דער ביוראָ פון „עם־עולם", דערצייל זיי מיין יחוס און בעט אויסקונפט. קומט מיר אָן אַ גאַנצער באַרג מיט צושריפטן, ווי אַזוי מען קען ווערן אַ מיטגליד פון דער חברה, און אַפילו אַ פאַרטיקע קאָנסטיטוציע פאַר דער צוקונפטיקער גרויסער אידישער קאָלאָניע אין אַמעריקע. מיר געפעלט זייער די קאָנסטיטוציע. זי פאַרזאָרגט יעדערן מיט יעדער זאַך. פאַר די פרומע איז פאַראַן אַ שול, אַ שוחט, און ד. ג. און פאַר די אינטעליגענטן איז פאַראַן אַ ביבליאָטעק מיט ביכער אין אייניקע שפּראַכן, פאַר די קינדער אַ שול מיט וועלטלאַכע און אידישע לימודים. און וועגן דער אַרבעט איז די שענסטע אָרדנונג: פון אָנפאַנג הייסט עס אַביסל קאָמוניסטיש, און מיט דער צייט וועט מען זיך צעטיילן, יעדערער וועט זיך האָבן זיין שטיקל לאַנד מיט אַ שיין הויז, מיט פערד און קי, און וועט זיך לעבן, ווי זיין האַרץ געלוסט. איך ווער שטאַרק נתפּעל פון די גרויסע קאָפּ־מענשן, וועלכע האָבן דאָס אַלץ אַזוי גוט אויסגעאַרבעט. איך זע פאַר זיך דייטלאַך דאָס גליק פון די, וואָס וועלן זיך אַריינכאַפּן אין דער חברה, און מען טאָר ניט פאַרלירן קיין צייט.

איך גיי באַלד אַרויס מיט אָפענע דיבורים. איך רייד מיט דער פרוי, זאָגט זי, אַז אָן די עלטערן פאָרט זי ניט. פאַנג איך אָן מיט די עלטערן, שפּאָר ניט קיין רייד, שטעל פאַר דעם גיהנום אין רוסלאַנד און דעם גן־עדן אין אַמעריקע. מיין שוואָגער מאיר כאַפּט זיך אָן, אַז ער פאָרט מיט מיר, און די שוויגער צעוויינט זיך, אַז זי וועט די קינדער

אַליין ניט לאָזן. אויב פאָרן זאָלן אַלע פאָרן. דער שווער אָבער שטימט ניט איין.

איך גיי אום פאַרצווייפלט. עס איז שוין פסח; חברה עם־עולם קלייבן זיך שוין באַלד פאָרן, און מיר קומען ניט צו קיין באַשלוס, ביז עס איז אָנגעקומען די נאַכריכט, אַז אין באַלטע איז געווען אַ פּאָגראָם, און מען זאָגט, אַז אַ פּאָר אידן זיינען דער'הרג'עט געוואָרן. „איצט פאָר איך קיין אַמעריקע!" — זאָגט דער שווער.

מען פאַנגט אָן אויסצופאַרקויפן. צירונג, גאָלד און זילבער מוז מען דאָך געוויס פאַרקויפן. ערשטנס, זאָג איך, דאַרף מען ניט דעם לוקסוס, און צווייטנס, וואָס האָט עס פאַר אַ ווערדע אין אַ לאַנד, וואו גאָלד וואַל־גערט זיך אין די גאַסן? היינט די וואַרימע קליידער, די פוטער־וואַרג, דאַרף מען אין אַמעריקע אויף כפרות; דאָרט איז דאָך וואַרים, און ווי קומען קאָלאָניסטן צו פיקסענע מאַנטלען מיט סייבלנע קעלנער? דאָרט וועלן מיר אַרומגיין ווי אונזערע פויערים. די בעט־געוואַנט קען מען דאָך געוויס ניט שלעפּן, סיידן נעמען אַ באַזונדער שיף צוליב די בעט־געוואַנט. די צרה איז נאָר, וואָס קיינער וויל ניט קויפן. מען האָט מורא פאַר פּאָג־ראָמען. כמעט ווי אומזיסט אָפּגעגעבן. און שפּעטער אין אַמעריקע האָט מען אויף זיך די האָר געריסן. ווען מען ברענגט אַלץ מיט זיך, וואָלט מען האַלב הוצאות אויסגעשלאָגן.

הייסט עס, פאָרן מיר קיין אַמעריקע. צו מיינע עלטערן שרייב איך אַ וואַרים בריוועלע, זעגן זיך אויף ניט לאַנג, ווייל איך האָף אינ־גיכן נעמען זיי צו אונז אין דער קאָלאָניע.

מיר פאָרן גלייך קיין קיעוו. געקומען אין דער ביוראָ פון עם־עולם, האָט מען אונז אַריינגענומען אַלס מיגטלידער, אַרויסגעגעבן די פּאַפּירן, און מיר פאָרן קיין לעמבערג, פון וואַנען עס דאַרף אַרויס־פאָרן די צווייטע פּאַרטיע פון עם־עולם. די ערשטע איז שוין אַוועק־געפאָרן. אָפּגעזעסן עטלאַכע טעג אין לעמבערג, זאָגט מען, אַז מיר מוזן פאָרן צוריק קיין בראָד: דאָרט איז דער פאַרזאַמלונג־פּלאַץ, און פון דאָרט מוזן אַלע אַרויספאָרן.

פאָרן מיר קיין בראָד, און דאָרט באַקען איך זיך מיט אונזערע צו־קונפטיקע קאָלאָניסטן. די מערסטע זיינען יונגע לייט, סטודענטן פון אוניווערסיטעטן און פּאָליטעכניקומס. אמת'ע אידעאַליסטן, וועלכע האָבן געוואָרפן זייערע קאַריערן מיט דעם צוועק צו ווערן גוטע קאָלאָ־ניסטן און דינען אַלס ביישפּיל פאַר זייערע ברידער, פון וועלכע מען מוז מאַכן אַ קלאַס ערד־אַרבעטער. צווישן די עלטערע מיטגלידער זיינען פאַראַן געוועזענע רייכע סוחרים מיט קינדער גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס און פרויען געבילדעטע. אונזער חברה איז מיר שטאַרק געפעלן. פאַראַן מיט וועמען צו גיין צום טיש.

איך האָב אין בראַד אַריינגעטראָגן אַ געוויסע סומע געלט פאַר יע־דערן פון אונזער געזינד. דאָס געלט איז אויף רייזע־הוצאות, און אַ טייל דאַרף בלייבן אין דער קאַסע פון דער קאָלאָניע. פאָרן וועלן מיר ניט ווי אַנדערע עמיגראַנטן אין פערטן קלאַס. דער חברה עם־עולם גיט מען אַ ספּעציעלן צוג פון דריטן קלאַס, און דאָס קאָסט אונז נאָר העלפט פון דער פּרייז. און אויף דעם צוג האָט מען ערלויבט צו האָבן אונזער אייגענעם פלאַג. און אַ פלאַג האָט מען געמאַכט אַ גרויסן, אויס־געניייט אין רעכטן מיטן מיט גרויסע בוכשטאַבען „עם־עולם“, און דערביי טאַקע אַ גרויסער פּלוג, און אונטן אויסגענייט מיט גאָלדענע ווער־טער: „אויב ניט איך פאַר זיך, איז ווער פאַר מיר?“

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָבן מיר זיך אַלע פאַרזאַמלט אויף אַ גע־וויסן פּלאַץ, און די פּראָצעסיע האָט זיך אָנגעפאַנגען. די ערשטע גייען צוויי סטודענטן מיט אונזער פלאַג, נאָכדעם אַלע עלטערע מענשן, נאָך זיי פאָרן אין קאַרעטן די פרויען מיט די קינדער, נאָכדעם גייען די מיטל־יעריקע מענשן, און דאַן ערשט גייט אונזער יוגנט.

אויפ'ן וואָקזאַל האַלטן פאַר אונז רעדעס די אידישע פּראָפעסאָרן, וואָס זיינען געקומען פון לעמבערג און ווין. דער ספּעציעלער צוג שטייט שוין גרייט, דער פלאַג איז שוין צוגעבונדן צום לאָקאָמאָטיוו און פלאַ־טערט אין דער הייך מיט די ווערטער „עם־עולם“, און איך טו מיר אַ טראַכט: „אַן אייביק פאָלק פון וואַנדערער, און ווער ווייס, ווי לאַנג נאָך מיר וועלן זיך אַרומשלעפּן פון לאַנד אין לאַנד?“ אַלע אָבער, אויסער מיר, זעצן זיך אין די וואַגאָנעס מיט אַ געהויבענער שטימונג.

אויף פילע וואָקזאַלן באַגעגענען אונז קאָמיטעס פון מענער, פרויען, אַלטע און יונגע. אַלע זיינען ליבלאַך און פריינדלאַך. מען דערלאַנגט אונז דורך די פענסטער פון די וואַגאָנעס עסן און טרינקען, פאַר די קינדער וואַרימע מילך; אייניקע טיילן פּרוכטן, ציגאַרן, פּאַפּיראָסן און קאָנפעקטן. מען כאַפּט, וואָס מען דערלאַנגט, נאָר מיינע הענט הייבן זיך ניט. מיר טראַכט זיך, ווי אַזוי דער פינסטערער גלות האָט אונז אויסגעלערנט צו באַגעגענען די פאַרטריבענע פאַרוואָגלטע ברידער.

אין האַמבורג האָט מען אונז באַהאַנדלט ווי געוויינלאַכע עמיגראַנטן. מען האָט אונז אַלעמען אַריינגעשפּאַרט אין אַ געביידע, וועלכע האָט אויסגעזען ווי אַ ליטווישע באָד. מען האָט פאַר אונז גענומען שיפס־קאַרטן פאַר האַלב פּרייז. אַ האַלבע שיף גיט מען אונז אָפּ, וואו קיין אַנדערע פּאַסאַזשירן וועלן ניט זיין, אַפילו מיט אַ כשר'ער קיך האָט מען אונז פאַרזאָרגט. נאָר ווען מיר זיינען געקומען אויף דער שיף, איז פינסטער געוואָרן אין די אויגן. מען האָט אַלעמען צוזאַמען אַריינגעטריבן אין אַ פינסטערן, שמוציקן אונטערדעק. מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז אויף דער שיף פלעגט מען פירן אָקסן, נאָר איצט האָט מען עס געמאַכט פאַר

פאַסאַזשירן. אונזער אָפּטיילונג איז גרויס ווי אַ פעלד, און פון ברעטער האָט מען צונויפגעשלאָגן בעטלאַך, צו צוויי איינע איבער די אַנדערע. מענער, פרויען און קינדער זיינען אַלע צוזאַמען.

עס פאַנגט זיך אָן די ים־קראַנקהייט. הונדערטער מענשט גיבן אָפּ אַפילו די מילך, וואָס זיי האָבן געזויגן ביי זייערע מוטערס. אַלע פאָרן דאָס ערשטע מאָל און מיינען, אַז דאָס איז שוין די ענדע פון לעבן. די געשרייען זיינען אומערטרעגלאַך, און הונדערטער מענשן אַלע צוזאַמען ברעכן. איך וויל אַנטלויפן אין דרויסן. איך שטעק אַרויס מיין קאָפּ פון דעם אונטערשטן בעטל, און איינער פון אויבן גיט אַ גאָס גלייך מיר אויפ'ן קאָפּ. אַרומגעווישט זיך, אַרויסגעשלעפּט זיך אויפ'ן דעק, אָפּגעגעבן מיין חלק אין ים און בלייב ליגן אויפ'ן דעק אַזוי ווי אַ טויטער.

דריי טעג אָפּגעמאַטערט זיך, האָט מען גענומען קומען צו זיך. דער אַפּעטיט ווערט ווי נאָך אַ קרענק. דאָס וועטער איז שיין, און חברה הייבט אָן צו לעבן אַ טאָג. די יונגע זינגען רוסישע לידער. די עלטערע האָבן אַ מנין דריי מאָל אין טאָג. אייניקע מאָל האָט מען געמאַכט מאַסן־פאַרזאַמלונגען, געהאַלטן שיינע רעדעס, געמאַכט פאָרשלאָגן וועגן ענדערונגען אין אונזער קאָנסטיטוציע, און עס איז דערגאַנגען אַפילו צו גאַנץ היציקע דעבאַטן.

איסר קאַצאָוויטש.

# דאָס לעצטע וואָרט.

(נביאות)

ח. נ. ביאַליק

...וויסט, איר אומגליקלאַכע, וויסט:
איך האָב ניט מער פאַר אייך קיין טרייסט.
איך האָב אַ וואָרט, אַ שרעקלאַך וואָרט,
וואָס וועט אייך הייבען פון דעם אָרט;
וואָס וועט דאָס ליכט אייך מאַכן שוואַרץ
און וועט פאַר'סמ'ען אייך דאָס האַרץ,
אין מויל פאַרגיפטן אייך דעם ביסן
און ביטער מאַכן אייך דאָס ברויט.
דאָס לעבען וועט עס אייך פאַר'מיאוס'ן
און וועט ניט געבען אייך דעם טויט...
ניטאָ פאַר אייך קיין וואָרט נחמה!
איך האָב פאַרברענט שוין מיין נשמה,
איך האָב מיין בונד מיט אייך צעריסן.
צעבראָכן ליגט אין דר'ערד מיין מוט.
איך וועל אויף אייך מיין גאַל אויסגיסן
און וועל באַשפּייען אייך מיט בלוט...

און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
„דאָס לעצטע מאָל שריי אויס אַן „אוי!"
און גיב אַ קרעכץ צום לעצטן מאָל,
אַז ציטערן זאָל באַרג און טאָל;
און נעם זיך אָן מיט גאַל און זאָג:
הערט, טויבע, הערט!
עס גייט אַ טאָג,
איך לאָז אַרויס אַ זון פון רעכט
און וועט די וועלט מיט ליכט באַגיסן;
נאָר איר אַליין וועט בלייבן קנעכט
און וועט קיין טראָפּן ליכט געניסן...

איך שליס אויף אוצרות לעבן, מאַכט,
און ימים פרייד וועל איך צעגיבן,
נאָר איר אַליין וועט זיין פאַרשמאַכט,
און אייער קוואַל וועל איך באַטריבן;
און טרוקענע, מיט זין און טעכטער,
וועט איר אין פרעמדע טירן קלאַפּן,
מיט'ן פנים צו דער ערד צופאַלן,
און איבער פרעמדע קוואַלן קניען
און דאָרשטיק אייער האַלז אויסציען,
און בעטן, חלש'ן — אַ טראָפּן...
נאָר אייך באַגעגנט אַ געלעכטער,
פאַר אייך פאַרשלאָסן אַלע קוואַלן.

איך שיק אַראָפּ אַ מילדן גייסט,
וואָס פרישט ווי טוי פון גאָט און ווייזט
אַ נייעם וועג צו נייע הימלען;
נאָר איר וועט טרוקן זיין ווי שטרוי,
און ניט אויף אייך וועט פאַלן טוי.
איר? — איר וועט אייביק פוילן, שימלען.
און אויב ס'איז נאָך פון פריער געבליבן
אַ פונק פון גייסט, געפיל און גלויבן,
אַן ערנסטער זיפץ, אַ הייסע טרער,
וועל איך עס איינציקווייז אָפּרויבן.
און אייער האַרץ וועט בלייבן לער
אָן טעם, אָן ריח, אָן לייב און לעבן.
און ווייסט וועט ווערן אייער צעלט,
און אומשלעפּן וועט איר זיך מידע,

ווילד־פרעמדע אויף אַ פרעמדער וועלט
און בעטלער אויף אַ רייכער ס ע ו ד ה,
און שטייענדיק ביי פרעמדע שוועלן,
וועט איר די וואונדן זיך אויפדעקן,
איר וועט פאַר פרעמדע זיי אויסשטעלן,
אַ ציטעריקע האַנט אויסשטרעקן
און בעטן הילף אויף בעטלער־ל ש ו ן;
נאָר אויסבעטלען וועט איר פאַר געלט
און לעבן וועט איר פאַר אַ גראָשן...

און שווער וועט אייך דאָס לעבן ווערן —
אַ לאַנגע נאַכט און ניט איין שטערן...
און אייער קרעכץ פאַרטראָגט דער ווינט,
און אייער ק ו ל וויל גאָט ניט הערן...
און שרעקלאַך גרויס וועט זיין די נויט,
ווי גרויס און שרעקלאַך ס'איז די זינד;
און איר וועט ח ל ש'ן דעם טויט
און בענקען וועט איר נאָכ'ן לעבן;
נאָר גאָט וועט אייך ניטביידע געבן...
און שרעקלאַך ווי וועט זיין דער שמאַרץ:
אַ פ י ל ו אייער אייגן האַרץ
וועט אייער אייגן מויל ניט גלויבן...
איר וועט זיך פרואוון הייבן, הייבן,
אַן אָטעם טאָן — און וועט ניט קאָנען.
דאָס איז אַ ק ב ר, נאָר באַגראָבן
זייט איר דאָרט לעבעדיקערהייט...
דאָס איז אַ פייערדיקער ג י ה נ ו ם,
וואָס וועט קיין ענדע קיינמאָל האָבן,
נאָר ס'איז אַ ג י ה נ ו ם אָן אַ טויט"...

און רעד ניט מער, ניט וויין, ניט שריי,
בייג אָן דעם קאָפּ און ווער פאַרשטומט —
עס גייט דער טאָג, ער קומט, ער קומט!...

ח. נ. ביאַליק.

# דאָס ערגסטע פון דער תוכחה.

(נביאות).

ניט שקלאַפעריי, ניט שמאַכטן אין אַ ווייטן לאַנד,
מיט קייטן אויף די פיס, מיט פענטעס אויף דער האַנט,
ניט שרעקן זיך פאַר יעדן שוואַכן ווינט, וואָס ווייט,
ניט ציטערן פאַר נאַכט, ווען העלער טאָג פאַרגייט,
און קוים קומט אָן דער טאָג, שוין וואַרטן אויף זיין סוף —
ניט דאָס, פאַרשאָלטן פאָלק, וועט זיין דיין ערגסטע
שטראָף!...
נאָר דו וועסט זען אַמאָל דיין אייגן פלייש און בלוט,
די פרוכט פון דיינע לענדן, וואָס אויף אים גערוט
האָט אָפט דיין אויג מיט שטום־פאַרצווייפלטן געבעט,
ווען דיך אין שטויב געוועלצט האָט יעדער פוס, וואָס
טרעט,
ווען שקלאַפן־טרערן האָבן דיין געזיכט געווייקט,
און שקלאַפן־שוואַכקייט האָט דיין קאָפּ צו דער ערד
גענייגט, —
וועסט אים זען, אים—דיין אייגן קינד, דיין גואל־דם,
דעם לאַנג ערוואַרטעטן באַפרייער פון דיין שטאַם,
זיך אויפהייבן מיט אָדלער־מוט, מיט לייבן־מאַכט,
און זיין דער ערשטער און דער ערשטער ריי פון שלאַכט,
און געבן פריי זיין בלוט, און בלוטן פול מיט פרייד, —
דאָך ניט פאַר דיר, נאָר דאָרט, וואו דיין שונא שטייט...
און הייבן וועט ער אין דער הייך אַ פאָן, דיר פרעמד;
און דו וועסט צוזען פון דיין שקלאַפן־שטייג פאַרשעמט,
און שילטן דאַמאָלסט וועסטו אים, דיין איינציק טרייסט.
דיין לעצטע האָפענונג צו ווערן אויסגעלייזט:
„אָ, שלאַנגן־קינד, פאַררעטער פון דיין שטאַם און נעסט!

„די תוכחה פון גאָט, וואָס האָט אַריינגעפּרעסט
„איר גאַנצן גיפט אין מיר און לייב און זעל פאַרגאַלט,
„זאָל פאַלן איבער דיר מיט דאָפּלטער געוואַלט...
„זאָל דריקן, ווי אַ באַרג פון שאַרבנס אויף דיין ברוסט...
„און הענגען זיך אָן אַלצדינג, וואָס דו טראַכסט און טוסט...
„און יענע, וואָס דו האָסט געקעמפט אין זייער ריי,
„אַוועקיאָגן דיך זאָלן מיט אַ האַס־געשריי...
„און די ערד, די פרעמדע, וואָס דיין בלוט האָט פעטגע־
מאַכט,
„דיך שטייסן זאָל צוריק—אַוואו עס שמאַכט
„דיין אייגן פאָלק און וועלקט אָן קאַמף און אָן געפעכט,
„געדריקט פון אונטריקטעסטן — אַ קנעכט ביי קנעכט"...

יהואָש.

## נביאות.

נביאות איז אַ לירִיש ליטעראַריש ווערק, אין וועלכן דער אווטאָר דריקט אויס מינדלאַך אָדער שריפטלאַך זיינע טיפע געפילן צום פאָלק, אָדער צו די ברייטע פאָלקס־מאַסן. דאָס קאָנען זיין געפילן פון רחמנות און פון ליבע, אָדער פון כעס און האַס. נביאות קאָן אַנטהאַלטן אויפמונטערונג און טרייסט, אָדער פאַראַכטונג און שטראָף. עס ווענדט זיך אָן דער האַנדלונג פון די מאַסן, צו וועמען דאָס וואָרט איז געווענדעט.

נביאות איז אַלעמאָל דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן מאָראַל־געפיל. דער אווטאָר, דער נביא, רופט געוויינלאַך דאָס פאָלק אָדער אַ גרופּע פון פאָלק צו ענדערן זייער אופן פון לעבן; צו ענדערן זייער באַציאונג צו אַנדערע גרופּן, אָדער אויפצוהייבן זיך צום קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן, און ער דערוואַרט, זיי זאָלן זיך אָפּרופן אויף זיין רוף. ער, דער נביא, אָדער שרייבער, רעדט געוויינטלאַך אין׳ם נאָמען פון אַ העכערן אידעאַל. זיין טאָן איז דעריבער דער הויכער טאָן פון ענטוזיאַזם. פון טיפן גלויבן און פון פּאַטאָס. און זיין שפּראַך — די הויכע פּאָעטישע שפּראַך, דורכגעדרונגען מיט בילדער. דער נביא בענשט אָדער ער שילט, ער גלעט אָדער ער שמייסט; ער איז אָבער קיינמאָל ניט גלייכגילטיק.

---

# טרייסט!

(נביאות).

טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט!
שטאַרקט דאָס האַרץ, מאַכט פעסט דעם גייסט.
זייט נישט דער ווינט, וואָס לעשט די פלאַם,
נאָר בלאָזט זי אויף, ווייל נאַכט איז ס ם!
נאָר בוימל גיסט און פוצט די קנויט,
ווייל נאַכט איז גיפט און שלאָף איז טויט!
טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט!

מאַכט פעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גייסט!
עס האָט געלייכט שוין ניט איין נאַכט,
עס האָט געזיגט שוין ניט איין שלאַכט
און ניט געלאָזט די פאָן פון האַנט!
עס שטייט — אַן אייזן־פעסטע וואַנט
אין וויסטן, ווילד־פאַרקאָכטן י ם!
אָ, שטאַרקט דאָס פאָלק, בלאָזט אויף די פלאַם!

אָ, שטאַרקט דאָס פאָלק! נישט אָפּגעשלאָפט!
זאָל שפּריצן העל די לעבנס־קראַפט
אַלס פייערדיקער זייל ביינאַכט...

עס זינקט די נאַכט, דער טאָג ערוואַכט
און שיקט דעם שטראַל—אַ גאָלענדע פייל —
אַלס גרוס דעם פייערדיקן זייל!

אָ, טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט,
מאַכט פעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גייסט!

י. ל. פרץ.

# עמיגראַציע.

גלות. ש. הירשבערג.

## די אומדאַנקבאַרע פייגל.

— „וויי! — ברעכט אויס דער אַלטער וואַלד
מיט שטורעם און געוויין. —
וואו זיינען זיי, וואָס האָבן זיי
געלאָזן מיך אַליין?

איך האָב דאָך יעדעס פייגעלע
פאַרזאָרגט מיט גוטן קעסט;
געגעבן פרייהייט: שפרינגט און זינגט,
צי ליגט באַרוט אין נעסט.

און ווי דער ערשטער ווינט פון הערבסט
האָט זיי נאָר אָנגערירט, —
צעפלויגן זיינען זיי פון מיר,
דעם „זיי־געזונט" פאַרפירט."

א. רייזען.

# דער עמיגראַנט.

(בילד פון לעבן).

אַ שטוב אָן בעטן, אָן כּ ל י ם, אָנגעשיט מיט היי און שטרוי; אין מיטן שטוב שטייט אַן איבערגעדרייט פעסל. אַרום פעסל — פיר קינדער מיט צעשויבערטע האָר אַרום אַ גרויסער געלער ליימענער שיסל מיט „פּיצמעטענע", פון וועלכער זיי שעפּן מיט די רעכטע הענטלאַך מיט בלעכערנע פאַרגרינטע לעפל. אין די לינקע הענטלאַך האַלטן זיי צו שטיקלאַך קליידברויט.

אין איין ווינקל אויף דער ערד זיצט אַ בלאַס ווייבל, און די טרערן קאַפּען איר פון די אויגן אויף דער קאַרטאָפּליע, וואָס זי נעמט זיך צום שיילן. אין צווייטן ווינקל ליגט „ער", אויסגעצויגן אויף דער ערד.

— אומזיסט אייער ט ר ח ה, ר ב ק ר ו ב! — מאַכט ער צו מיר און הייבט זיך נישט אויף. — אומזיסט אייער ט ר ח ה, איך בין שוין נישט קיין היגער.

אַז ער זעט, אַז איך האָב דאָך קיין ח ש ק נישט אַוועקצוגיין, הייבט ער זיך לאַנגזאַם אויף.

— נו, וואו וועל איך אייך זעצן? — פרעגט ער פאַרדריסלאַך.

איך פאַרזיכער אים, אַז איך קאָן שרייבן שטייענדיק.

— איר וועט פון מיר גאָרנישט האָבן! איך וואַרט נאָר אויף אַ שיפס־קאַרטע... איר זעט דאָך, איך האָב שוין אַלץ פון שטוב, אַ פ י ל ו די כּ ל י ם צו דער מ ל א כ ה, פאַרקויפט.

— איר זייט אַ ב ע ל־מ ל א כ ה? — פרעג איך.

— אַ שניידער.

— און וואָס נייט אייך אַרויסצופאָרן?

— דער הונגער.

און דער הונגער איז געלעגן אויף זיין פּ נ י ם, אויף איר פּ נ י ם און נאָך מער אין די קינדערס ברענענדיקע אייגעלאַך איבער דער פּיצ־מעטענע.

— קיין אַרבעט נישטאָ?

ער מאַכט מיט די פּלייצעס, עס הייסט: אין דעם האָט מען שוין לאַנג פאַרגעסן.

— וואו אַהין פאָרט איר?

— קיין לאָנדאָן. איך בין שוין איינמאָל אין לאָנדאָן געוועזן. שיין געלט פאַרדינט. מיין ווייב צען רובל אַ וואָך געשיקט, און אַליין ווי אַ מענש געלעבט; האָט מיך דער שוואַרץ יאָר אַ היים געשלעפּט.

איך האָב געקלערט, אַז דאָס „שוואַרץ יאָר" איז די ווייב.

— פאַרוואָס האָט איר אייער פאַמיליע אַהין נישט מיטגענומען?

— עס האָט מיך אַליין צוריק געשלעפּט! פינסטער, חושך איז דאָרט. אַזוי ווי איך האָב צוגעמאַכט אַן אויג, האָט זיך מיר גע'חלומ'ט דאָס שטעטל, דער טייך אַרום, דער וואַלד... עס איז מיר דאָרט ענג געווען; עס האָט געצויגן און געצויגן...

דאָ איז טאַקע — זאָג איך — אַ הערלאַכע געגנט.

— לופט בחצי־חינם!... און מיר שלינגען שוין, ברוך־השם, לופט דריי יאָר! היינט פּאָר איך שוין מיט מיין ווייב און קינד! אַן עק זאָל עס האָבן!

— און עס וועט אייך ווייטער אַ שאָד זיין דער וואַלד?

— דער וואַלד! — פאַרקרימט ער זיך מיט אַ ביטערן שמייכל. — מיין ווייב איז אייערנעכטן געגאַנגען אין וואַלד אַריין קלייבן יאַגדעס, האָט מען זי אָפּגעצויגן און נאָך מיט אַ פּאָר בייטשן מכבד געווען.

— אַ טייך האָט איר. — וויל איך אים אַוועקציען פון די טרויעריקע געדאַנקען. זיין בלאַס פּנים ווערט נאָך בלאַסער.

— דער טייך! דעם זומער האָט ער מיר אַ קינד צוגענומען.

איך בין קוים אַרויס פון דער אומגליקלאַכער שטוב.

י. ל. פּרץ.

## בילד פון לעבן.

א בילד, אָדער אַ בילד פון לעבן, איז אַ ליטעראַרישע זאַך, וואָס גיט איבער אַ בילד פון'ם לעבן פון אַ מענשן אָדער פון אַ גרופּע מענשן, אויף אַ קורצן אָבער קלאָרן אופן.

# די הייזער.

(סקיצע)

1

יעדער באַלעבאָס אין שטעטל, וואָס האָט געהאַט עטלאַכע רובל, האָט געזוכט געשעפט, אָבער לייזער־אליה איז געווען אַן אַנדער מין איד — ער האָט געהאַלטן פון הייזער.

— היינטיקע געשעפטן זיינען אַלע אין דר'ערד! — פלעגט לייזער־אליה זאָגן. — בדלות קאָן מען ווערן; און הייזער — הייזער איז אַלע־מאָל געלט. טאָמער אַ שׂרפה, בין איך ניט קיין שוטה, ווי אַנדערע, און פאַרזיכער, קאָסט עטלאַכע רובל!

און לייזער־אליה האָט זיך געהאַלטן שטענדיק אין בויען.

דער הויף זיינער איז געווען אַ גרויסער, און דער גאַנצער הויף זיינער איז געווען אָנגעבויט מיט שטיבעלאַך. זיבן שטיבעלאַך אויפ'ן הויף, אויסער

דער שטוב צום גאַס, האָט לייזער־אליה פאַרמאָגט. גערופן די שטיבלאַך האָט ער אויך הייזער.

— מיינע הייזער! — פלעגט ער אָפט ריידן וועגן זיי מיט גרויס גדלות.

ער אַליין האָט געוואוינט אין דעם קלענסטן שטיבל אויפ׳ן הויף, כאָטש ער איז געווען אַ מטופל מיט קינדער. ער האָט אָבער ניט גע־קענט פאַרנעמען קיין אַנדער דירה.

— די דירות זיינען מיין ברויט! — פלעגט ער זאָגן, ווען איינער פלעגט אים מאַכן דעם פאָרוואורף, וואָס ער, אַ באַלעבאָס פון הייזער, וואוינט אַליין אין אַזאַ ענגשאַפט.

און שכנים האָט ער געהאַט אַ סך: אין יעדן שטיבל אַ געזינדל, אַזוי אַז דער הויף זיינער איז געווען אַ גאַנץ פריילאַכער.

— גאָר אויפ׳ן גרויסשטאָטיקן אופן! — פלעגט זאָגן אַמאָל אַן אַנ־דערער, וואָס האָט געוואוסט, וואָס אַ גרויסע שטאָט באַטייט. און לייזער־אליה פלעגט דאַמאָלסט מיט גדלות ענטפערן:

— ווען איך זאָל מיינע הייזער איבערטראָגן אין אַ שטאָט, וואָלט איך שוין מיט אייך ניט גערעדט!

אָבער שטאַרק זאָרגן, וואָס זיינע הייזער געפינען זיך אין אַ קליין שטעטל, פלעגט ער ניט. מאַכט חתונה אַ באַלעבאָס אַ טאָכטער, קומט אים צו אַ שכן, און חתונה מאַכט מען אין אַ שטעטל ניט זעלטן.

צום גליק גיט לייזער־אליה אויס אַלע זיינע קינדער אין פרעמ־דע שטעט, אַזוי אַז אויסער איין דירה פאַר זיך אַליין דאַרף ער ניט האָבן און קאָן פאַרדינגען פרעמדע, ביי וועמען ער נעמט דירה־געלט.

— און וואָס מיינט איר? — זאָגט ער אַמאָל. — זאָל זיך מיין אינגערער טאָכטער, למשל, מאַכן אַ שידוך דאָ הי, און זאָל זי דאַרפן האָבן אַ דירה, וועל איך איר דען געבן אַ שטיבל? חלילה! עטלאַכע רובל קאָן איך איר געבן, אַ שטיבל — ניין! דאָס איז מיין ברויט.

און זיין ברויט האָט לייזער־אליה געהיט. אַלע אינדערפרי פלעגט ער, נאָך פאַר׳ן דאַווענען, אַרויסגיין אויפ׳ן הויף, אַרומקוקן די ווענט, די פריזבעס, די קוימענס, די גאַניקלאַך, און טאָמער חלילה בעט זיך אַ שטיקל רעמאָנטל, פלעגט ער ניט זשאַלעווען צו לאָזן זיך קאָסטן עטלאַכע גילדן און גלייך פאַרריכטן.

דערהויפט האָט ער אַכטונג געגעבן אויף די אויוונס: אַלע טאָג פלעגט ער פרעגן ביי די באַלעבאָסטעס:

— נו, ווי קאָכט אייער אויוון?

און באַקומענדיק אַמאָל אַן ענטפער מיט אַ האַלבן מויל, פלעגט ער גלייך אַריינגיין, הייסן עפענען דאָס ברעטל פון אויוון, אַריינרוקן דעם קאָפּ אינווייניק, און אויב ער פלעגט נאָר געפינען די קלענסטע פּגימה אין „פּאָד", צי ערגעץ אַנדערש וואו, פלעגט שוין אין אַ שעה אַרום

שטיין ביי אים אַ איד מיט אַ פּאַרטוך, אַ מוליער, הייסט עס, און פּלעגט שוין שמירן, וואו מען דאַרף.

און לייזער אליה איז געווען זיכער, אַז דערפאַר וועט ער שכנים שטענדיק האָבן.

און ווער ווייס, צי וואָלט טאַקע לייזער־אליה געדאַרפט ווען עס איז זאָרגן וועגן שכנים, ווען ניט די פאַרשאָלטענע אַמעריקע.

2

פון אַמעריקע ווייס מען שוין אין שטעטל לאַנג, נאָר ווער פלעגט אַמאָל פאָרן? אַ רעכטער מענש וועט דען פאָרן, שלאָגן דעם קאָפּ אַזוי ווייט?

לייזער־אליה פלעגט אַמאָל פילן, ווי דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז פון אַמעריקע וועט אים קיין גוטס ניט אַרויסקומען, און וואו עס האָט נאָר געפּאַסט, פלעגט ער זי' זידלען מיט די שטאַרקסטע ווערטער.

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך,—פלעגט ער טענה'ן אָפטמאָל פאַר זיינע שכנים,—וועלכער רעכטער מענש לאָזט זיך דאָס אַוועק אין אַזאַ העק, ווי אַמעריקע איז, וואו עס איז אַפילו ניטאָ, ווי מען זאָגט, קיין קייסער; אַלץ מעג מען דאָרטן; יעדערער טוט, וואָס ער וויל, עס איז ניטאָ קיין מורא פאַר אַן עלטערן — גלאַט אַ הפקר־וועלט! און דערצו מוז מען ווערן נאָר אַ בעל־מלאכה, ווען ניט פּגר'ט מען פאַר הונגער...

די שכנים פלעגן אים אַלע ווי איינער געבן גערעכט, נאָר לייזער־אליה'ן איז דאָס געווען ווייניק; אים האָט זיך עפּעס געוואָלט אַרויס־נעמען אַ כתב, אַז קיין אַמעריקע זאָל קיינער פון זיי ניט פאָרן. עס פאַרשטייט זיך, אַז אַזוי ווייט איז ער ניט געגאַנגען, נאָר אַמאָל פלעגט ער אַ זאָג טאָן:

— זאָל יענער ברעכן דיך און לענד, ווער עס קלערט גאָר צו פאָרן אַהין!

און ניט באַקומענדיק דערויף קיין הסכמה פון די שכנים, פלעגט ער ווי צערייצט ווערן און צוגעבן:

— אַז איך וואָלט זיין אַ רב, וואָלט איך אויף אַמעריקע געמאַכט אַ חרם, עלעהיי ווי אויף יאַנקל טרייפניאַקס פלייש...

קיין חרם האָט אָבער דער רב ניט געמאַכט, און אין איין ליכטיקן פרימאָרגן, בשעת לייזער־אליה האָט אָפּגעשטעלט אַ יונגע שכנה און געפרעגט: „ווי קאָכט דער אויוון?" האָט זי אַ שמייכל געטאָן און גע־ענטפערט:

— דער אויוון קאָכט נישקשה, נאָר איך וועל זיך אם־ירצה־

השם אין גיכן אַרויסציען צו מיין טאַטן, ווייל „מיינעם" האָט זיך פאַר־וואָלט קיין אַמעריקע...

די שכנה איז געווען אַ קליינע, אַ שוואַכע און אַ בלאַסע. בשעת זי האָט גערעדט, האָט זי, דאַכט זיך, אין די הענט גאָרנישט ניט געהאַלטן, ווייל זיי זיינען ביי איר געלעגן רואיק צונויפגעלייגט אויפ'ן ברוסט. נאָר לייזער־אליה וואָלט שווערן, אַז דאָס ווייבל האַלט אַ דובניע און קלאַפּט אים אין קאָפּ; און ווי אַ צעדולטער איז ער אַריין אין זיין שטיבל.

וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן, לייזער־אליה? — האָט אים די ווייב אַ פרעג געטאָן:

— באַלד בלייבט פּוסטעווען אַ דירה! — האָט ער מיט רוגזה געענטפערט, פּונקט ווי די ווייב, און ניט קאָלאָמבוס, וואָלט אַנטדעקט אַמעריקע.

— וואָס איז?

— יאַנקלען האָט זיך פאַרוואָלט אַמעריקע, און זי ציט זיך אַריין צום טאַטן.

— נו, מילא, — האָט די ווייב געטרייסט, — וועסט קריגן אַן אַנדער שכן.

לייזער־אליה'ן אָבער איז ניט געגאַנגען אין שכן. אים איז געגאַנגען אין אַמעריקע...

— דו וועסט זען, — האָט ער זיך פלוצים, ניט קאָנענדיק זיך איינהאַלטן, אַרויסגעכאַפּט, — דו וועסט זען, אַז דאָס אַמעריקע וועט אונז אין דר'ערד לייגן...

— מיינע שונאים זאָלן ליגן אין דר'ערד! וואָס הייסט?

— אַז דו ביסט אַ אידענע, אַ בהמה, — האָט זיך לייזער־אליה געקאָכט, — היינט וואָס זאָל איך מיט דיר ריידן? דו ווייסט דען, וואָס אַמעריקע איז? דאָס איז דאָך אַ קליפה... עס ציט! דו מיינסט, איך ווייס ניט? מען נעמט זיך אָן איינע פון די אַנדערע... היינט פאָרט איינער אַוועק און מאָרגן דער אַנדערער שכן און איבערמאָרגן דער דריטער, און נאָכדעם וועסטו גריזשען די קלעצער פון די הייזער, פאַרשטייסטו, די קלעצער... וואָרים קיין דירה־געלט וועסטו ניט האָבן.

געזאָגט דאָס האָט ער לכתחילה נאָר פון צערייצטקייט, ער האָט ניט געגלייבט, אַז די זאַך האַלט טאַקע אַזוי שמאָל; נאָר אַרויסזאָגנדיק דאָס אַלץ און ניט באַקומענדיק קיין אָפּשלאָגונג פון דער ווייב, האָט ער זיך אַליין דערשראָקן פאַר זיינע בייזע נביאות, און ער האָט כלומר'שט זיך פאַרכאַפּט.

— קיין גרויסע יסורים האָב איך ניט... איך וועל קריגן שכנים... אָט זוכט בערעס איידים אַ דירה. ער גייט אַראָפּ באַלד פון קעסט... איך מיין גלאַט, אַז אמעריקע — איינגעבראָכן זאָל זי ווערן.

— הלוואי, ריבונו־של־עולם! — האָט די ווייב פרום צוגע־וואונשן, כאָטש הרג'ע זי, וואָלט זי ניט געוואוסט, וואָס האָט זי צו אַמעריקע.

דער שכן איז אַוועקגעפאָרן. דאָס ווייבל האָט זיך אַרויסגעקליבן צו איר טאַטן, און דאָס שטיבל האָט געפּוסטעוועט...

די ליידיקייט פון שטיבל בייטאָג און זיינע פינסטערע שויבן ביינאַכט האָבן לייזער־אליה'ן געשראָקן מיט אַ בייזער אומגליקלאַכער נביאות, און ער פלעגט דעם קאָפּ אָפּקערן פון אים.

אָבער אויף די איבעריקע שטיבלאַך האָט ער שוין אויך אויפגעהערט צו קוקן מיט אַזאַ מין באַזאָרגטקייט, ווי אַמאָל. זעלטן ווען ער האָט געפרעגט ביי אַ באַלעבאָסטע: „ווי קאָכט דער אויוון?" עפּעס האָט ער געקוקט אויף אַלע שכנים ווי אויף ניט היגע, ווי אויף געסט, וואָס ווען היינט־מאָרגן אַוועקפאָרן.

און קיין טעות האָט לייזער־אליה ניט געהאַט. דאָס שטעטל האָט אָנגעהויבן וואָס ווייטער צו פאָרן אַלץ מער נאָך אַמעריקע... אויפ'ן הויף האָבן זיך וואָס ווייטער מערער דירות אויסגעליידיקט, און ביי־נאַכט פלעגן צענדליקער פינסטערע שויבן פון די ליידיקע שטיבלאַך אים שרעקן, ווי אויגן פון מלאך־המות.

— נו, וואָס וועט איצטער זיין? — האָט ער אַ זאָג געטאָן אַמאָל צו דער ווייב, אַז ער איז געבליבן מיט איין שכן אויפ'ן הויף...

— אפשר וואָלטן מיר אויך געפאָרן... — האָט די ווייב כלומר'שט געלאַכט.

— וואָס לאַכסטו, וואָס? — האָט לייזער־אליה ווי אַן אבל געענט־פערט. — איך וואָלט דער ערשטער געפאָרן. נאָר מיט וואָס, אַז דאָס גאַנצע געלט ליגט אין די הייזער... און קויפן וועט זיי קיינער ניט... מען שמועסט, אַז דאָס גאַנצע שטעטל צעפאָרט זיך.

און לייזער־אליה האָט זיך פאַרטראַכט, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און האָט געצופּט פון באָרד גרויע האָר איינע נאָך די אַנדערע... איינע נאָך די אַנדערע...

א. רייזען.

# מיר פאָרן קיין אַמעריקע.

(פון „מאָטל פּייסי דעם חזנ'ס")

1

שאַט, מיר פאָרן קיין אַמעריקע! וואו איז אַמעריקע? — ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז ס'איז ווייט, שרעקלאַך ווייט. מע דאַרף אַהין פאָרן אַזוי לאַנג, ביז מע קומט. און אַז מע קומט, איז פאַראַן אַ „קעסטל־גאַרטל",

טוט מען אייך אויס נאַקעט און מען קוקט אייך אין די אויגן. האָט איר געזונטע אויגן, איז גוט. אלא ניט, פאָרט, זייט מוחל צוריק! דאַכט זיך, איך האָב געזונטע אויגן. איינמאָל נאָר האָב איך געהאַט צו טאָן מיט די אויגן. אינגלאַך האָבן מיך דערטאַפּט, אָװעקגעלייגט און אַריינגעבלאָזן מיר אין די אויגן אַריין טאַביק. אַי, האָט זיי מיין ברודער אליה געפּאַטשט! איצט זיינען ביי מיר די אויגן לויטער ווי קרישטאָל. זעט איר, מיט מיין מאַמען איז ניט פריילאַך. אַזוי זאָגט מיין ברודער אליה. ווער איז שולדיק? אַז טאָג ווי נאַכט וויינט זי. זינט דער טאַטע איז געשטאָרבן, האָט זי נאָך גאָרניט אויפגעהערט צו וויינען.

— אום גאָטעס ווילן! דו האָסט קיין רחמנות ניט אויף אונז! איבער דיר ווען מיר חלילה אַלע דאַרפן פאָרן צוריק!

אַזוי טענה'ט מיט איר מיין ברודער אליה, און זי ענטפערט אים:

— נאַריש קינד וואָס דו ביסט! איך וויין דען? עס וויינט זיך אַליין, אָן מיר!...

אַזוי זאָגט די מאַמע, ווישט די אויגן אָן פאַרטוך און נעמט זיך צום בעטגעוואַנט, צו די קישענס: מע דאַרף איבערשיטן אַלע קישנס. אַמעריקע איז אַ לאַנד, וואו ס'איז ניטאָ קיין קישנס. אַלצדינג איז דאָרט דאָ, נאָר ניט קיין קישנס. ווי אַזוי שלאָפן דאָרט די מענשן — פאַרשטיי איך ניט. עס דאַרף זיין האַרט צוקאָפּנס! מיין שוועגערן ברכה העלפט איר איבערשיטן די קישנס. מיר האָבן, ניט צו פאַרזינדיקן, היבשע עטלאַכע קישנס. דריי גרויסע איבערבעטן מיט זעקס קישנס, מיט פיר קליינע קישעלאַך. פון אַלע פיר קליינע קישעלאַך מאַכט די מאַמע איין קישן. אָן עבירה, איך האָב ליב די קליינע קישעלאַך בעסער פון די גרויסע. איך שפּיל זיך מיט זיי אַמאָל. איך מאַך פון זיי אַ המן־טאַש, אַ ספאָדיק...

— מיר ווען קומען, אם־ירצה־השם, געזונטערהייט אַהין, ווען מיר זיי צוריק איבערשיטן אין קליינע קישעלאַך.

אַזוי זאָגט די מאַמע צו מיר און צו מיין שוועגערן ברכה און גיט איר אָנצוהערעניש, אַז זי זאָל אויך אַזוי טאָן. מיין שוועגערן ברכה טוט אויך אַזוי, כאָטש זי איז פון דער נסיעה ניט צופרידן. ס'איז איר שווער זיך צו שיידן פון איר טאַטע־מאַמע. מע זאָל איר געווען, זאָגט זי, זאָגן פאַראַיאָרן אין דער צייט, אַז זי וועט פאָרן קיין אַמעריקע, וואָלט זי יענעם זאָגט זי, אָנגעשפּיגן אַ פולן פנים.

— מען זאָל מיר געווען זאָגן פאַראַיאָרן, אַז איך וועל זיין אַן אַלמנה...

אַזוי זאָגט די מאַמע און צעוויינט זיך; דערזעט מיין ברודער אליה און מאַכט אַ גוואַלד:

— ווידער אַמאָל געוויינט? ווילסט אונז אַפּנים אַלעמען אומגליקלאַך מאַכן?!...

.2

טאָמער איז קאַרג, טראָגט אונז אָן אונזער שכנה פּעסיע. דערזען אונז ביי דער אַרבעט, ווי מיר שיטן איבער די קישנס, שטעלט זי זיך אַוועק אונז אויסריידן אַ ביסל דאָס האַרץ. זי לייענט אונז אַ גאַנצע תּחינה:

— פּאָרט איר, הייסט עס, טאַקע קיין אַמעריקע? הלוואי דער אייבערשטער זאָל געבן, איר זאָלט קומען געזונטערהייט און זאָל דאָרט באַגליקן. ביי גאָט איז אַלץ מעגלאַך. אָט איז פֿאַראַיאָרן אַוועקגעפֿאָרן מיינע אַן אייגענע, ריוול, הייסט זי, מיט איר מאַן הלל'ן/ שרייבן זיי, אַז זיי מוטשען זיך, נאָר זיי מאַכן אַ לעבן... וויפֿיל מע בעט זיך ביי זיי, זיי זאָלן שרייבן ווי מענשן: וואָס און ווער און ווי אַזוי? ענטפֿערן זיי: אַמעריקע איז אַ לאַנד פֿאַר אַלעמען. יעדערער מוטשעט זיך און מאַכט אַ לעבן... האָט איר עפּעס צו זיי? נאָך גוט, וואָס זיי שרייבן כאָטש. די ערשטע צייט האָבן זיי גאָרניט געשריבן, פֿאַרגעסן דעם זיי־געזונט. מיר האָבן שוין געמיינט, אַז זיי זיינען חלילה אַריינגעפֿאַלן אין ים אַריין. ערשט העט, ווייס איך ווען, קומט אָן אַ ידיעה, אַז זיי זיינען שוין אַ דאַנק גאָט אין אַמעריקע. זיי מוטשן זיך און מאַכן אַ לעבן...! אוודאי, זאָג איך אייך, איז כּדאַי דער גאַנצער טאַראַראַם, מיט'ן ברעכן זיך, מיט'ן איבערשיטן דעם בעטגעוואַנט, מיט'ן פֿאָרן איבער'ן ים, מיט נאָך אַזעלכע זאַכן!

אונזער שכנה פּעסיע וואָלט נאָך גערעדט און גערעדט. אַ גליק, וואָס די מאַמע מישט זיך אַריין און הייבט אָן צו איר מיט גוטן:

— איך בעט אייך, פּעסיניו, נשמה'ניו, האַרצעניו, ליובעניו, זאָלט איר מיר זיין געזונט און שטאַרק!...

מער קאָן די מאַמע ניט ריידן. זי צעוויינט זיך. דערזעט מיין ברודער אליה, אַז זי וויינט, ווערט ער אָנגעצונדן. ער טוט אַ וואָרף די אַרבעט און לויפֿט אַרויס פֿון שטוב מיט אַ קלאַפּ אין טיר.

.3

אין שטוב איז שוין ביי אונז פּוסט — אַ חורבה. דער אַלקער איז פֿול מיט פּעקלאַך און בעטגעוואַנט. דאָס בעטגעוואַנט פֿאַרנעמט כּמעט ביז דער סטעליע. אַז קיינער איז ניטאָ, דראַפּע איך זיך אַרויף אויף אַלע קישנס און גליטש זיך אַראָפּ, ווי אויף אַ שליטן. מיר דאַכט זיך, אַז אַזוי גוט ווי איצט, איז מיר נאָך קיינמאָל ניט געווען. קאָכן קאָכט מען שוין ניט ביי אונז פֿון לאַנג. מיין ברודער אליה ברענגט פֿון מאַרק אַ געטריקנט פֿישל, עסן מיר דאָס מיט ציבעלע. פֿישל מיט ציבעלע — וואָס קען נאָך זיין בעסער פֿון דעם? אונזער חבר פּיניע עסט אויך מיט אונז. ער איז דאָך פֿון תּמיד אַ פֿאַרטראָגענער. דער קאָפּ פֿליט ביי אים. נאָר פֿון זינט מיר פֿאָרן קיין אַמעריקע, איז ער גאָר צעדולט. אַזוי זאָגט אויף אים די מאַמע. איין הויז איז ביי אים פֿאַרקאַטשעט אַרויף, איין זאָק

אַראָפּ, דאָס האַלזטיכל שפּאַרט שוין אָן אויף יענער זייט. און קומט ער אַריין צו אונז אין שטוב, אַזוי מוז ער כאַפּן אַ זעץ אין שטערן. אַלעמאָל האָט צו אים מיין מאַמע די זעלבע טענה:

— דו זעסט דאָך, אַז דו ביסט הויך אויסגעוואַקסן, בייגט מען זיך איין אַ ביסל.

— ער האָט אַ נידעריקע ראיה, מאַמע!

אַזוי פאַרענטפערט אים מיין ברודער אליה, אוןביידע גייען זיי מאַכן אַן עק מיט אונזער האַלבער דירה. מען דאַרף זיך צעשרייבן. מיר האָבן אונזער האַלבע דירה שוין לאַנג פאַרקויפט. אונזער האַל־בע דירה האָט אַוועקגעקויפט זיליע דער שניידער! פריער איז ער דריי מאָל אַ טאָג געקומען אָנקוקן אונזער האַלבע דירה איינער אַליין, געשמעקט די ווענט, געטאַפּט דעם קוימען, געקראָכן אויפ׳ן בוידעם, באַ־טראַכט דעם דאַך. נאָכדעם האָט ער געבראַכט די ווייב... שפּעטער האָט זיליע דער שניידער אָנגעהויבן פירן מבינים אָנקוקן די דירה. מען האָט זיך אָנגעהויבן דינגען, און מען האָט זיך אויסגעגלייכט מיט׳ן מקח, און מען האָט געשיקט נאָך בראָנפן, און מען האָט געטרונקען לחיים. מען האָט אונז געווינטשעוועט, מיר זאָלן פאָרן געזונט און קומען געזונט און מאַכן גוטע געשעפטן און פאַרדינען אַ סך געלט און קומען צוריק, אם־ירצה־השם...

4.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע חתונה — געזעגענען זיך. פון שטוב צו שטוב גייען מיר זיך געזעגענען. מיר זיינען שוין געווען ביי אַלע אונזערע קרובים, שכנים און באַקאַנטע. ביי אונזער מחותן, יונה דעם בעקער, האָבן מיר פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג. אונזערע מחותנים האָבן געמאַכט פאַר אונז אַ וואַרמעס, צונויפגערופן די משפחה, געשטעלט ביר צום טיש. מיך האָט מען אַוועקגעזעצט באַזונדער מיט מיין שוועגערנס שוועסטערל, אַלטע הייסט זי. זי איז עלטער פון מיר מיט אַ יאָר און טראָגט צוויי צעפּלאָך צונויפגעדרייט פון הינטן ווי אַ בייגל. זי פרעגט ביי מיר, אויב איך וועל נאָך איר בענקען?—געוויס, וועל איך נאָך איר בענקען! נאָכדעם פרעגט זי מיך, אויב איך וועל איר שרייבן בריוולאַך פון אַמעריקע? — געוויס וועל איך איר שרייבן בריוולאַך פון אַמעריקע!

— ווי אַזוי וועסטו שרייבן? דו קענסט דען שרייבן?

— אַ טייערע מציאה אין אַמעריקע זיך אויסלערנען שרייבן! — זאָג איך און האַלט די הענט אין די קעשענעס. אַלטע קוקט אויף מיר און שמייכלט. זי מאַכט זיך אַ האַרץ. זי איז מיר מקנא, וואָס איך פאָר און זי ניט. אַלע זיינען מיר מקנא, אפילו יאָסע דעם נגיד׳ס אינגל,

הענאַך מיט'ן אייגל, זאָל מיך קאָנען דערטרינקען אין אַ לעפל וואַסער!
ער שטעלט מיך אָפּ און מאַכט צו מיר מיט'ן אייגל:

— הער נאָר, דו, דו פאָרסט קיין אַמעריקע?

— יאָ, איך פאָר קיין אַמעריקע.

— וואָס וועסטו דאָרטן טאָן? גיין איבער די הייזער?

זיין גליק, וואָס מיין ברודער אליה איז דערביי נישטאָ. ער וואָלט אים געגעבן אַ „גיין איבער די הייזער"!... איך וויל זיך מיט אים ניט אָנהייבן, מיט אַזאַ לאַבוס. איך ווייז אים נאָר אַ צונג און לויף אַוועק צו אונזער שכנה פעסיע זיך געזעגענען מיט איר כאַליאַסטרע: אַכט שטיק, איינס אין איינס. אַלע אַכט רינגלען מיך אַרום. זיי פרעגן מיך, צי בין איך צופרידן, וואָס איך פאָר קיין אַמעריקע? אַ שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע! וואָס טויג מיר גרויס, זיי זיינען מיר גוט מקנא. מער פון אַלע איז מיר מקנא הערשל. ער לאָזט פון מיר קיין אויג ניט אַראָפּ. ער זיפצט און זאָגט צו מיר: „דו וועסט זיך עס אָנוען אַ וועלט!"

יאָ, איך וועל זיך אָנוען אַ וועלט! ווי דערלעבט מען שוין!...

5.

שוין געקומען לייזער מיט די „אָדלערס". דריי ברענענדיקע פערד! זיי קאָנען ניט איינשטיין אויף אַן אָרט. אָדער זיי טופּען מיט די פיס, אָדער זיי פאָרשקען מיט די נאָזלעכער און באַשפּריצן מיר דעם פּנים. איך ווייס ניט, וואָס איך זאָל טאָן פריער: צי איך זאָל קוקן אויף די פערד, צי איך זאָל העלפן טראָגן די פעקלאַך מיט די קישנס אין וואָגן אַריין. איך קאָן באַשטיין ביידע זאַכן: איך שטיי ביי די פערד און זע, ווי מען טראָגט די פעקלאַך מיט די קישנס. אַ פולער וואָגן מיט פעקלאַך און מיט קישנס. אַ גאַנצער באַרג מיט בעטגעוואַנט. שוין צייט אויפצוזעצן זיך און פאָרן. מיר האָבן פינף און פערציק וויאָרסט צו דער באַן. אַלע זיינען שוין דאָ: איך און מיין ברודער אליה און מיין שוועגערין ברכה, אונזער חבר פיניע און זיין ווייב טייבל און די גאַנצע משפחה זייערע. דער עולם הייבט אָן זאָגן, מען זאָל זיך געזעגענען. אַלע הייבן אָן זיך גרייטן צום זעגענען. מען טוט זיך אַ כאַפּ — נישטאָ די מאַמע! וואו איז די מאַמע? קיינער ווייס ניט, וואו איז די מאַמע! מיין ברודער אליה איז אויסער זיך. אונזער חבר פיניע האָט אין גאַנצן פאַרלאָרן זיין האַלדטיכל. לייזער טרייבט האַלז און נאַקן. ער זאָגט, אַז מיר קאָנען פאַרשפּעטיקן די באַן. שאַט! אָט גייט די מאַמע. דער פּנים איז איר רויט. די אויגן פאַרשוואָלן. מיין ברודער אליה פאַלט צו צו איר.

— וואָס איז מיט דיר? וואו ביסטו געוועזן?

— אויפ'ן הייליקן אָרט, זיך געזעגענען מיט'ן טאַטן...

מײַן ברודער אליה קערעוועט זיך אָפּ אָן אַ זײַט. אַלע בלײַבן שטײן אָן לשון. זינט מיר פֿאָרן קײן אַמעריקע, איז דאָס דאָס ערשטע מאָל, וואָס דער טאַטע קומט מיר אויפֿ'ן זינען. עס טוט מיר אַ צופּ בײַם האַרצן. איך טראַכט מיר: „אַלע פֿאָרן קײן אַמעריקע, און דער טאַטע נעבאַך בלײַבט דאָ, אויפֿ'ן הײליקן אָרט, אײנער אַלײן"... לאַנג טראַכטן לאָזט מען מיך ניט. מען טוט אויף מיר אַ קוק און מע הײסט מיר קריכן אויפֿ'ן וואָגן. ווי אַזוי קאָן איך קריכן אויף אַזאַ הויכן וואָגן מיט אַזאַ באַרג מיט בעטגעוואַנט? ס'איז דאָ אַן עצה: לײזער שטעלט מיר אונטער זײַנע ברײטע פּלײצעס. פּלוצלונג ווערט אַ קושערײַ מיט אַ געוויין, אַ יללה, ערגער ווי תשעה־באב. מער פֿון אַלע וויינט די מאַמע. זי פֿאַלט אונזער שכנה פּעסיען אויפֿ'ן האַלז און זאָגט: „איר זײַנט מיר געווען אַ שוועסטער, געטרײַער פֿון אַ שוועסטער!... אונזער שכנה פּעסיע וויינט ניט, נאָר איר גראָבער גײדער טרײסלט זיך, און גרויסע טרערן ווי באָב קײקלען זיך איבער אירע פֿעטע גלאַנצנדיקע באַקן.

אַלע האָבן זיך שוין צעקושט, נאָר פּיניע נאָך ניט. זען פּיניען קושן זיך—דאַרף מען ניט קײן טעאַטער. מחמת ער האָט אַ נידעריקע ראיה, טרעפֿט ער ניט וואו מען דאַרף. אָדער ער קושט אין באָרד אַרײַן, אָדער אין שפּיץ נאָז, אָדער ער גיט זיך גאָר אַ בוצקע אין שטערן. דערצו האָט ער אַ טבע, אַז ער גײט, שפּרינגט ער אונטער און פֿאַרטשעפּעט זיך בײַ זײַנע אײגענע פֿיס. איך זאָג אײַך, פֿון פּיניען קאָן מען בלײַבן אָן אַ בויך לאַכנדיק. מיר זיצן שוין אין וואָגן. לײזער נעמט זיך צו דער בײַטש. דער עולם געזעגנט זיך נאָך. די װײַבער װײנען.

— זײַט געזונט!

— פֿאָרט געזונט!

— שרײַבט אונז פֿון אײַער געזונט!

— זײַט מצליח!

— פֿאַרגעסט אונז ניט!

— שרײַבט אַלע וואָך! למען־השם, יעדע וואָך אַ בריוו!

— לאָזט גערים‌ן משה'ן, מיט בתיה'ן, מיט מאיר'ן, מיט זלאַטען, מיט חנה־פּערלען, מיט שרה־רחל'ען, מיט זײערע קינדער.

— גאָר פֿרײַנדלאַך! זײַט געזונט!

אַזוי שרײַען מיר אַלע פֿונ'ם וואָגן אַרויס, און איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז מיר פֿאָרן שוין. לײזער האָט געשענקט אַלע דרײַ אָדלערס צו רעכטע שמיץ. אײנעם האָט ער מכבד געווען מיט'ן שטעקן. די רעדער קאַטשען זיך. מיר שאָקלען זיך און העצקען זיך. איך שפּרינג אונטער אויף דער קעלניע און פֿאַל שיר ניט אַראָפּ פֿאַר פֿרײד. עס קיצלט מיך, עס גענוצלט מיך אין האַלז. עס גלוסט זיך מיר זינגען. מיר פֿאָרן, מיר פֿאָרן קײן אַמעריקע!

שלום־עליכם.

# מיר גנב'ענען דעם גרענעץ.

## א.

פאָרן מיט דער באַן איז אַ ג ן ־ ע ד ן! מיט דער פור איז אויך ניט שלעכט. נאָר סע טרייסלט, און די זייטן טוען נאָכדעם ווי ס כ נ ו ת. לייזערס פערד פליען טאַקע ווי אָדלערס, פונדעסטוועגן האָבן מיר זיך גענוג געשלעפט, ביז מיר זיינען געקומען צו דער סטאַנציע. און אַז מיר זיינען געקומען צו דער סטאַנציע, האָבן מיר ניט געקענט אַרויס. מיר איז געווען גרינגער פון אַלעמען; איך בין דאָך געזעסן מיט לייזערן אויף דער קעלניע. האַרט איז טאַקע געווען, און די ביינער האָבן גוט ווי געטאָן. דערפאַר אָבער האָט מען געקענט אַראָפּשפּרינגען אין איין מינוט. זיי האָבן שוין ניט געקענט שפּרינגען. איר ווייסט דאָך ווער: מיין ברודער א ל י ה מיט מיין שוועגערן ב ר כ ה, אונזער ח ב ר פיניע מיט זיין ווייבטייבל און די מאַמע מיינע. ערגער פון אַלע איז געווען די ווייבער. זיי זיינען אַריין און פאַרהרוזניעט געוואָרן! מען האָט פריער באַדאַרפט אַרויסוואַרפן פונ'ם וואָגן אַלע פּעקלאַך מיט'ן גאַנצן בעטגעוואַנט און ערשט נאָכדעם שלעפּן די ווייבער איינציקווייז.

דער ג ו י פון דער באַן האָט אונז אָנגעטאָן צ ר ו ת. ער האָט זיך געטשעפּעט צו אונז פאַר די פּעקלאַך, ווי פאַר'ן בעטגעוואַנט. זיין ע ס ק, וואָס מיר פירן אַ ס ך קישנס!

— מען דאַרף מיט'ן ע ר ל שלאָגן בלאַט, אים עפּעס נ ת נ'ען אויף דער י ד...

אַזוי זאָגט מיין ברודער א ל י ה צו אונזער ח ב ר פיניע. אונזער ח ב ר פיניע איז אונזער פירער, אונזער קאָפּ. ער קאָן ריידן גוט רוסיש. ער גייט צו צום ג ו י און טוט מיט אים אַ שמועס אויף רוסיש.

אופ'ן וואָקזאַל. מ. מינקאָווסקי.

דער ערל האָט איבערגעטראָגן אַלע פּעקלאַך מיט אַלע קישנס אין אַ גרויסער שטוב מיט הויכע פענסטער, וואָס מע רופט דאָס „וואָקזאַל". ערשט דאָ הייבט זיך אָן די רעכטע חתונה. דער גוי זאָגט, אַז מען וועט אונז ניט אַריינלאָזן אין וואַגאָן אַריין מיט אַזוי פיל קישנס און מיט אַזוי פיל שמאַטעס (דאָס מיינט ער אַפּנים די קאָלדרעס. אַ ביסל צעריסן דער אונטערשלאַק, זעט זיך אַרויס די וואַטע, הייסט דאָס שוין ביי אים שמאַטעס!). עס בלייבט, מע זאָל גיין צום „נאַטשאַלניק". ווער זאָל גיין? געוויינטלאַך, פיניע! פיניע גייט מיט'ן גוי צום „נאַטשאַלניק". פונדעסטוועגן האָט דאָס אויך ניט געהאָלפן. מע האָט געמוזט אַוועקגעבן דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט אין באַגאַזש און אַרויסנעמען אַ קוויטאַנציע. די מאַמע איז געוועזן אויסער זיך: אויף וואָס וועלן מיר שלאָפן?

## ב.

די מאַמע האָט זיך אומזיסט געזאָרגט: אויף וואָס וועלן מיר שלאָפן. איך בין אייך שוין מוחל דאָס שלאָפן. איך וואָלט אַ בעלן געוועזן, ס'זאָל כאָטש זיין, וואו צו זיצן. ווי אויף צו להכעיס, איז אין וואַגאָן אַזוי ענג, אַז מען קען דערשטיקט ווערן. אַחוץ אונז פאָרן נאָך אַ סך פאַרשוינען, אידן און קריסטן, און מע שלאָגט זיך פאַר די ערטער. אײַבער'ן בעטגעוואַנט האָבן מיר פאַרשפּעטיקט אַלע בעסטע ערטער. מיר האָבן קוים באַזעצט די ווייבער מיט די פּעקלאַך אויף דער ערד: די מאַמע אין איין זייט וואַגאָן, ברכה און טייבל אין דער אַנדערער זייט וואַגאָן. אַז זיי ווילן ריידן, מוזן זיי שרייען הויך איבער'ן גאַנצן וואַגאָן. לאַכט מען פון זיי. מיין ברודער אליה און אונזער חבר פיניע זיינען געבליבן הענגען ווי אין דער לופטן, ניט אַהין, ניט אַהער. פיניע איז בלינד, כאַפּט ער אַלע מאָל אַ קלאַפּ אין שטערן. און איך? פאַר מיר זאָרגט זיך ניט. מיר איז גוט. מיר איז אויסגעצייכנט. מע קוועטשט מיך טאַקע פון אַלע זייטן. איך שטיי אָבער ביי אַ פענסטער. דאָס, וואָס איך זע, האָט איר געוויס קיינמאָל ניט געזען. פאַר מיינע אויגן פליען שטיבער, וויאָרסטן,ביימער, מענטשן, פעלדער, וועלדער — ס'איז ניט צו באַשרייבן! און ווי אַזוי פליט די באַן! און ווי אַזוי קלאַפּן די רעדער! ווי אַזוי טראַסקעט דאָס! ווי אַזוי פייפט דאָס! ווי אַזוי קוויטשעט דאָס! די מאַמע האָט מורא, איך זאָל ניט אַרויספאַלן דורכ'ן פענסטער, שרייט זי אַלע מינוט אויף אַ קול: „מאָטל! מאָטל!" וואָס וויל זי ווייטער? זי וויל, איך זאָל עפּעס נעמען אין מויל אַריין. מיר פירן מיט זיך פון כל-טוב: רעטאַך און ציבעלעס און קנאָבל און גרינע אוגערקעס און האַרטע אייער, אויף יעדן איינציקן אַן איי. איך האָב שוין לאַנג ניט אַזאַ הנאה געהאַט פונ'ם עסן. עס לויפן אַפּ אַזוי עטלאַכע סטאַנציעס. אויף יעדער סטאַנציע ליידיקט אויס דער וואַגאָן אַ פּאָר פאַרשוינדלאַך. עס ווערט אַלע מאָל גראַמער. אונזערע

ווייבער זיצן שוין ווי פּריצות אויף די בענק מיט זייערע פּעקלאַך. מיין ברודער אליה און אונזער חבר פּיניע האָבן זיך מחיה געווען. זיי האָבן די בעסטע ערטער. פּיניע רעדט מיט די אידן. ער פרעגט זיי, וואוהין זיי פאָרן. אַ סך פון זיי פאָרן קיין אַמעריקע. דערהערט, אַז קיין אַמעריקע, ווערט אויף אונז אַ גדולה.

— סטייטש, וואָס האָט איר געשוויגן ביז אַהער? מיר פאָרן דאָך אויך קיין אַמעריקע.

אַזוי זאָגט זיי פּיניע, און מיר ווערן גיך באַקאַנט. מיר ווייסן אַלע, פון וואָסער אַ שטאָט איטלאַכער פאָרט און צו וועמען.

— איר קיין ניו־יאָרק? מיר קיין פילאַדעלפיע!

— וואָס איז דאָס פילאַדעלפיע?

— אויך אַ שטאָט ווי ניו־יאָרק!

— פּאַוואָליע, האַלט זיך איין! פילאַדעלפיע קעגן ניו־יאָרק איז אַזוי ווי איישישאָק קעגן ווילנע, דראַזשנע קעגן אָדעס, אָטוואָצק קעגן וואַרשע, סעמיאָנאָווקע קעגן פּעטערבורג, קאָזעליעץ קעגן כאַרקאָוו...

— טע־טע־טע! איר זייט דאָך עפּעס אויסגעוועזן אַ וועלט, קיין עין־הרע!

— לאָמיך עס פאַרמאָגן! אויב איר ווילט, וועל איך אייך אויסרעכע־נען אַלע שטעט, וואָס איך בין דאָרט געווען...

— דאָס לאָזט איבער אויף שבת. זאָגט בעסער, אידן, וואָס טו איך מיט דעם גרענעץ?

## ג.

די גרענעץ, האָב איך געמיינט, איז מיט הערנער. צום סוף — גאָר־נישט: די אייגענע הייזער, די אייגענע אידן מיט די אייגענע גוים, וואָס ביי אונז. אַפילו אַ מאַרק מיט קליימן און שטעלאַכלאַך, אַלצדינג אַזוי ווי ביי אונז. מיין שוועגערן ברכה און אונזער חבר פּיניעס ווייב טייבל זיינען געגאַנגען אין מאַרק איינקויפן. איך וויל אויך מיט זיי גיין, לאָזט מיך די מאַמע ניט אָפּ פון זיך אויף איין מינוט. זי האָט מורא, מען זאָל מיך ניט אַוועק־גנב'ענען סאַמע ביי דער גרענעץ. מיין ברודער אליה און אונזער חבר פּיניע זיינען ניטאָ, זיי דרייען זיך אַרום מיט פרעמדע אידן, וואָס איך קען זיי ניט. די מאַמע זאָגט, אַז דאָס זיינען אַגענטן. די אַגענטן ווילן מיט אונז גנב'ענען די גרענעץ. איינער זעט טאַקע אויס ווי אַ גנב. אַ גרינע קאַפּאָטע, אַ ווייסער שירם, און אויגן גנב'ישע. דער אַנדערער איז דווקא אַ פיינער מענש, מיט אַ קאַפּעלוש. און אַ אידענע דרייט זיך אויך אַרום אין קאָן. די אידענע ווייזט אויס אַ פרומע, אַן ער־לאַכע. זי טראָגט אַ שייטל אויפ'ן קאָפּ און רעדט מיט גאָט. זי פרעגט די מאַמען, וואו וועט זי בענשן ליכט, אויב מיר האַלטן דאָ שבת. די מאַ־

מע זאָגט, אַז מיר האַלטן ניט קיין שבת. שבת וועלן מיר שוין, זאָגט זי, מיט גאָטס הילף זיין אויף יענער זייט.

די אידענע מאַכט אַ פרום פּנים און זאָגט: אָמן, ריבונו־של־עולם! זי האָט אָבער מורא, זאָגט זי, אַז מע פירט אונז אין באָד אַריין. די אַגענטן, זאָגט זי, וואָס מיר האַנדלען מיט זיי, זיינען פּראָסטע גנבים. זיי וועלן אויסנאַרן ביי אונז דאָס געלט, זאָגט זי, און וועלן אונז אַריינפירן אין אַ בלאָטע אַריין. אויב מיר ווילן, זאָגט זי, גנב'ענען די גרענעץ, זאָלן מיר גנב'ענען מיט איר, וועט אונז זיין, זאָגט זי, אַז וואויל און גוט!.. אַזוי, איז זי, הייסט עס, אויך אַ גנב'טע?...

שוין געקומען מיין ברודער אליה מיט אונזער חבר פּיניע. ביידע זיינען עפּעס שטאַרק צעטראָגן. אַפּנים זיי האָבן זיך צעקריגט. איינער זאָגט אויפ'ן אַנדערן, אַז איבער אים וועלן מיר מוזן דאָ שבת האַלטן. שבת האַלטן אַליין איז נאָך גאָרנישט. מיר ווערן געוואָר, אַז ביידע אַגענטן האָבן זיך באַרימט, אַז מען וועט אונז מסר'ן, אַז מיר ווילן גנב'ענען דעם גרענעץ. ביז עפּעס וואָס—די מאַמע וויינט דערווייַלע. מיין ברודער אליה בייזערט זיך אויף איר, וואָס זי מאַכט אַ תּל פון די אויגן: איבער אירע אויגן, זאָגט ער, וועט מען אונז אַלעמען ניט אַריינלאָזן קיין אַמעריקע! מיין ברודער אליה און פּיניע הערן אויף צו האַנדלען מיט די אַגענטן. זיי זאָגן: „אַן עק, מיר פאָרן ניט קיין אַמעריקע און גנב'ענען ניט דעם גרענעץ!" מיר רייסט זיך אָפּ אין האַרצן. איך מיין, ס'איז טאַקע אַן אמת. צום סוף איז דאָס גאָר אַ מאַניכאָדנע, פּיניעס קאָפּ! דאָס האָבן זיי אומיסטן אַזוי געזאָגט, בכדי זיך אָפּטשעפּען פון די אַגענטן. און מיר האָבן גענומען האַנדלען מיט דער אידענע. די אידענע האָט גענומען אַן אויפגאַב און האָט אונז געזאָגט, מיר זאָלן זיין גרייט אויף היינט אַרום האַלבע נאַכט. די נעכט זיינען פינסטערע נעכט, סוף־חודש, אויסגעצייכנט גוט אויף צו גנב'ענען דעם גרענעץ. איך וואָלט געוואָלט דערלעבן זען, וואָס הייסט דאָס „גרענעץ," און ווי אַזוי וועלן מיר דאָס גנב'ענען?

ד.

אַ גאַנצן טאָג זיינען מיר באַשעפטיקט מיט די זאַכן. מיר האָבן אַלצדינג באַדאַרפט איינפּאַקן און אַוועקגעבן דאָס דער אידענע. די זאַכן וועט זי אונז איבערפעקלען נאָכדעם. דער עיקר איז ביי איר, זאָגט זי, די נפשות. און זי זאָגט אונז אָן, ווי אַזוי מיר זאָלן זיך פירן. אַז ס'וועט ווערן, זאָגט זי, האַלבע נאַכט, זאָלן מיר אַרויסגיין אונטער'ן שטאָט. דאָרט איז פאַראַן, זאָגט זי, אַ בערגל. זאָלן מיר, זאָגט זי, דאָס בערגל דורכלאָזן און נעמען זיך לינקס און גיין און גיין, ביז מיר וועלן דערזען נאָך אַ בערגל. פון דעם בערגל זאָלן מיר זיך נעמען, זאָגט זי, רעכטס און גיין אַזוי לאַנג, ביז מיר וועלן קומען צו אַ שענקל. אין שענקל זאָל אַריינגיין

נאָר איינער פון אונז, ניט אַלע. אין שענקל וועלן מיר טרעפן, זאָגט זי, צוויי ע ר ל י ם טרינקען בראַנפן ביי איין טישל, זאָלן מיר צוגיין, זאָגט זי, צו די ע ר ל י ם און אַ זאָג טאָן „כיימאָוואַ" (ס'איז איר נאָמען). אַזוי וועלן זיי אויפשטיין און גיין מיט אייך ביז'ן וועלדל. אין וועלדל וועלן אויף אייך וואַרטן נאָך פיר ג ו י י ם. טאָמער וועלן זיי שלאָפן, זאָלט איר זיי אויפּ־וועקן. אין וועלדל אַז איר וועט גיין, זאָלט איר, זאָגט זי, זיין שטיל, קיין פּיפּס ניט אַרויסלאָזן, מע זאָל ח ל י ל ה ניט דערהערן און אויסשיסן. אויף יעדן טריט, זאָגט זי, איז דאָ אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס און שיסט... פון וועלדל, זאָגט זי, וועלן אייך שוין די ע ר ל י ם אַרויספירן אויפ'ן רעכטן וועג, באַרג אַראָפּ, און אַט זייט איר שוין אויף יענער זייט...

מיר איז די מ ע ש ה מיט'ן בערגל, מיט'ן שענקל, מיט'ן וועלדל שטאַרק געפעלן. די מאַמע האָט אַ ביסל מ ו ר א, ב ר כ ה און טייבל אויך. מיר לאַכן פון זיי. פּרויען ציטערן פאַר אַ קאַץ אויך!...

קוים דערלעבט נאַכט. אָפּגעדאַוונט מ ע ר י ב, אָפּגעגעסן וועטשערע, האָבן מיר אָפּגעוואַרט, ביז עס וועט ווערן רעכט פינסטער. פּונקט צוועלף דעם זייגער האָבן מיר זיך אַלע זאַלבעזעקסט געלאָזט אין וועג אַריין. פריער זיינען געגאַנגען מיר, מאַנסבילן, נאָך אונז זיינען נאָכגעגאַנ־גען די ווייבער, ווי געוויינטלאַך. אַזוי ווי די אידענע האָט נ ב י א ו ת גע־זאָגט, אַזוי איז טאַקע געווען. אַרויסגעגאַנגען פון שטאָט, האָבן מיר דער־זען אַ בערגל. האָבן מיר דורכגעלאָזט דאָס בערגל און זיך גענומען לינקס. פון דאָרטן זיינען מיר געגאַנגען און געגאַנגען און דערזען נאָך אַ בערגל. פון דעם בערגל האָבן מיר זיך גענומען, ווי זי האָט אונז אָנגעזאָגט, רעכטס און מיר זיינען געגאַנגען אַזוי לאַנג, ביז מיר האָבן דערזען אַ שענקל. אין שענקל איז אַריין איינער פון אונז. ווער? געוויינטלאַך, פיניע! מיר וואַרטן אַ האַלבע ש ע ה, אַ ש ע ה, צוויי ש ע ה — ניטאָ פיניע. הייבן אָן די ווייבער צו זאָגן, מע זאָל גיין זען, וואו איז פיניע. ווער זאָל גיין? מיין ברו־דער א ל י ה. זאָגט די מאַמע, זי וויל ניט. זאָג איך: „אָטאָ גיי איך." זאָגט די מאַמע, זי האָט מ ו ר א. שאַט! אָט איז פיניע. „וואו ביסטו געווען אַזוי לאַנג?" — „אין שענקל." — „וואו זיינען די ע ר ל י ם?" — „זיי שלאָפן." „פאַרוואָס האָסטו זיי ניט געוועקט?" — „פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך האָב זיי ניט געוועקט?" „פאַרוואָס האָסטו זיי ניט געזאָגט „כיימאָוואַ?" — „פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך האָב זיי ניט געזאָגט?" „נו?" — „נו־נו!" איז דאָך שלעכט!" — „ווער זאָגט דען, אַז ס'איז גוט!..."

מיין ברודער א ל י ה איז טאַקע אַ ח כ ם. ער זאָגט, זיי זאָלן גיין ביידע אין שענקל אַריין פּרוואון זיך נאָכאַמאָל אויפוועקן די ע ר ל י ם. עס האָט ניט גענומען קיין האַלבע ש ע ה, מיר טוען אַ קוק, זיי גייען מיט די צוויי ע ר ל י ם. די ע ר ל י ם זיינען נאָך פאַרשלאָפן, אַ ביסל ש י כ ו ר־לאַך און שפּייען און שילטן זיך ס כ נ ת־נ פ ש ו ת. די ווייבער הייבן אָן

מורא האָבן, איך דערקען עס נאָך זייער זיפצן און קרעכצען. מע הערט ניט פון אונז קיין פּיפּס. מיר גייען און גייען און מער קיין גוים זעען מיר ניט. וואו זיינען די איבעריקע פיר? פּלוצלונג שטעלן זיך אָפּ אונזערע צוויי ערלים און רופן זיך אָפּ צו אונז, מיר זאָלן זיי זאָגן, וויפיל געלט מיר האָבן. עס פאַלט אָן אויף אונז אַ פּחד, אַז מיר קאָנען ניט ריידן קיין וואָרט. שטעלט זיך אַרויס די מאַמע און זאָגט, אַז מיר האָבן ניט קיין געלט. זאָגן זיי: ס'איז אַ ליגן. אַלע אידן האָבן געלט, און נעמען אַרויס צוויי לאַנ־גע מעסערס און טראָגן אונז צו גלייך צום פּנים און זאָגן: „וועט איר אונז ניט אָפּגעבן באַלד אינגאַנצן, וואָס איר האָט, זייט איר געקוילעטע!...
אַלע שטייען אָן לשון און ציטערן ווי די לעמעלאַך. רופט זיך אָפּ די מאַמע צו מיין ברודער אליה, ער זאָל אויפבינדן די קעשענע און אָפּ־געבן דאָס געלט. (דאָס איז דאָס געלט, וואָס מיר האָבן אָפּגעלייזט פאַר אונזער האַלבער דירה). אין דער מינוט געפעלט מיין שוועגערן ברכה צו פאַלן חלשות. דערזען, אַז ברכה איז געפאַלן, שרייט די מאַמע: גוואַלד! אויף איר קוקנדיק, שרייט טייבל אויך: גוואַלד! פּלוצלונג—טראַך טאַרעראַך!!... דאָס האָט מען אויסגעשאָסן. דער שאָס צעטראָגט זיך מיט אַ ווידער־קול איבער'ן גאַנצן וואַלד. די ערלים זיינען אויס־געטריקנט געוואָרן. ברכה האָט זיך אויפגעכאַפּט. די מאַמע כאַפּט מיך מיט איין האַנט און מיין ברודער אליה מיט דער אַנדער האַנט:

— קינדער! לאָמיר לויפן!...

איך ווייס ניט, וואו עס נעמט זיך ביי אונז אַזוי פיל כּוח אויף צו לויפן. אַלע מאָל פאַרטשעפּען מיר זיך אָן אַ בוים און פאַלן. מיר שטייען אויף און לויפן ווייטער. אַלע מאָל דרייט אויס די מאַמע דעם קאָפּ צוריק און טוט אַ פרעג שטילערהייט:

— פיניע, דו לויפסט? ברכה, דו לויפסט? טייבל, דו לויפסט?

וויפיל מיר זיינען אַזוי געלאָפן, קען איך אייך ניט זאָגן. פון וואַלד זיינען מיר שוין לאַנג אַרויס. עס הייבט אָן ווערן ווי טאָגלאַך. עס בלאָזט אַ קיל ווינטל. נאָר אונז איז הייס סכּנות. מיר דערזעען פאַר זיך אַ גאַס און נאָך אַ גאַס, אַ וויסן קלויסטער, גערטענער, הויפן, שטיבלאַך. אַ פּנים, דאָס איז דאָס שטעטל, וואָס די אידענע האָט אונז געזאָגט. ווי־באַלד אַזוי, זיינען מיר דאָך שוין פון „יענער זייט". מיר באַגעגענען אַ אידן מיט אַזעלכע פּאות, וואָס איך האָב אויף מיין לעבן ניט געזען. אַ קאַ־פּאָטע טראָגט ער אַ לאַנגע, אַ צעפּליקטע; אויפ'ן האַלז אַ גרינעם שאַל; ער טרייבט אַ ציג. מיר שטעלן אים אָפּ מיט דער ציג און גיבן אים „שלום!" דער איד מיט דער ציג באַטראַכט אונז פון קאָפּ ביז די פיס. פיניע פאַרבינדט מיט אים אַ שמועס. דער איד פון דער ציג רעדט עפּעס מאָדנע. טאָקע אונזער לשון, נאָר מיט'ן פּתח'ן. פיניע פרעגט אים, צי איז נאָך עפּעס ווייט צו דער גרענעץ? דער איד פון דער ציג קוקט

אים אָן: „וואָסער גרענעץ?...“ עס לאָזט זיך אויס אַ מעשה, אַז מיר זיינען שוין לאַנג אויף דער זייט, מיר זיינען שוין ווייט פון דעם רוסישן גרענעץ.

— וויבאַלד אַזוי, היינט וואָס־זשע לויפן מיר ווי די משוגעים?

עס פאַלט אָן אויף אונז אַלעמען אַ מוראדיק געלעכטער. די ווייבער פאַלן אַזש צו דער ערד לאַכנדיק. נאָך די מאַמע הייבט אויף די הענט אַרויף: „איך דאַנק דיר, גאָטעניו!“ און צעוויינט זיך.

שלום עליכם.

# איבער דעם גרענעץ.

(בילד)

.1

דאָס שטעטל ליגט אַ האַלבס אויפ'ן באַרג, און דער עק פון צווייטן האַלבן שטעטל, גרייכט שוין אין וואַסער אַריין. און שטייענדיק אויפ'ן באַרג, פאַר'ן שולפלאַץ, קוקט מען גלייך אַריבער אויף יענער זייט וואַסער, וואו די פעלדער ציען זיך ווייט אַוועק. און דאָרט, אויף יענער זייט וואַסער, ווערן זיי ערגעץ־וואו פאַרבלאָנדזשעט.

ביי'ם ברעג פון וואַסער ליגט אַ פאַרטיע „ליטוואַקעס“. יונג און אַלט ליגן זיי אויפ'ן פעלד. פון דערווייטן זעען זיך נאָר די בלעכענע טשייניקעס אָנגעבונדן אויף די געפעק. עס ליגט אַ אידענע, אָנגעלענט דעם קאָפּ אויף אַ קעסטעלע, און איבערגעבנדיק די ברוסט דעם נאַקעטן קינד, וואָס ליגט ביי איר, ציט זי איר קאָפּ צום הימל אַרויף. די פאַרמאַכטע אויגן בעטן שוין נישט, עס הייסט, ווי זיי וואָלטן צום בורא־עולם זאָגן: ווילסט אַזוי, טאָ זאָל זיין אַזוי...

עס זיצן די פאָטערס אויף די געפעק זאַכן; טייל די קעפּ אויף די הענט אָנגעלענט און קלערן, טייל נאָר אַזוי, ווי עס וואָלט זייער עסק נישט זיין, זיצן און שווייגן, וואַרטנדיק אויף עפּעס. לעבן טאַטן אויף דער ערד זיצט די מאַמע און צעטיילט די קליינע קינדערלאַך ברויט מיט אוגערקע. דער פאָטער בייגט דעם קאָפּ פון די עסנדע קינדער אַוועק און קוקט אין הימל אַריין. און דאָרט, ביי'ם ברעג וואַסער, שטייט די עלטערע טאָכטער און קוקט אויף די פליסנדע וועלן, און פון די אויגן רינען שטילע טרערן, און עס דאַכט זיך, אַז די ליפּן שאָקלען זיך.

און שטיל איז אין דער פאַרטיע. עס פּרוּווט צו ריידן עפּעס אַ יונגערמאַן מיט אַן אַלטן — דער לעצטער שווייגט. דער יונגערמאַן רעדט ווייטער, דער אַלטער שווייגט אַלץ.

עס לאָזט זיך אַ אינגעלע, אַ ליטוואַקל אַ קליינס, פון דער פאַרטיע אַרויס און גנב'עט זיך צו צו די שטאָט־אינגלאַך, וואָס באָדוען אין די

לאַנגע קאַפּאָטקעלאַך, דאָרט אין דער גרויסער לאָדקע, וואָס ביים ברעג וואַסער. עס גייט דאָס ליטוואַקל, גייט און קוקט זיך אום, לאָזט זיך און כאַפּט זיך צוריק, און אָט האָט ער שוין אויך אַ פוס אין דער לאָד־קע אַריינגעשטעקט. נאָר דאָרט, אין דער פּאַרטיע, שטייט אַ הויכע אי־דענע און ווינקט מיט שרעק אויף דעם אינגעלע, מאַכט מיט'ן פינגער: שלמה'קע! און דאָס ליטוואַקל גייט ברוגז'דיק צו דער פּאַרטיע צו־ריק, זעצט זיך צווישן די אידן און קוקט מיט בענקשאַפט אויף די שפּילנדע אינגלאַך און שווייגט אויך.

פון אונטער דער ווינטמיל, וואָס פאַרשטעלט די פּאַרטיע פון מענ־שנס אויגן, לאָזט זיך עפּעס אַ קליין מאָגער אידל אַרויס מיט אַ געשוירן בערדל, אָנגעטאָן אין עפּעס אַ מין דייטשן רעגנמאַנטל, אונטן צוגע־פּאַטיעט, און אַ פירקאַנטיק היטעלע. ער האַלט עפּעס אַ ביכל אין דער האַנט און שרייבט דעריין. נאָך אים לאָזט זיך נאָך, פון אונטער דער ווינט־מיל, עפּעס אַ הויכער סאָלדאַט מיט דעם אידן אין דער שטיל. דער סאָלדאַט קוקט אויף די זיצנדע אידן, און דאָס אידל שרייבט אין ביכל. הינטער זיי גייט נאָך אַ הויכער יונג. דאָס פּנים זיינס איז פאַרבונדן מיט אַ טוך, און ער האַלט אַ גראָבן שטעקן אין דער האַנט, און דער יונג קלאַפּט וואוילעריש מיט'ן שטעקן אין דער פייכטער ערד.

אין דער פּאַרטיע ווערט שטיל. עס בלייבן זיצן די וואַנדערער אויף זייערע געפּעק און שווייגן. עס קערט צוריק דאָס מיידל פון ברעג און זעצט זיך אין דער קאָמפּאַניע. דאָס קליינע ליטוואַקל באַהאַלט זיך אונטער דער מאַמעס פאַרטוך און ציטערט. און די אימה'דיקע געזיכ־טער און די אַראָפּגעלאָזטע אויגן ריידן עפּעס אין דער שטיל: מיר זיינען גאָרנישט שולדיק! גאָרנישט שולדיק!

פון אונטער דער ווינטמיל ווייזט זיך אַרויס אַ שטיק שוואַרצע קאַ־פּאָטע, אַ האַלב געזיכט, אַ האַלבע באָרד, אַ האַלבער הוט און איין אויג קוקט נאָך פון דערווייטן דעם איד מיט דעם רעגנמאַנטל. באַלד ווייזט זיך פון אונטער דער ווינטמיל אַ האַנט אַרויס און ווינקט צו דער „פּאַרטיע", מאַכנדיק אַרויף און אַראָפּ.

די וואַנדערער זיצן, קוקן איינער דעם צווייטן אָן און שווייגן.

.2

נאַכט איז געוואָרן, און שטיל איז אַרום. דאָס וואַסער, ווי עס וואָלט זיך עפּעס אַ ברוגז מיט די חדר־אינגלאַך געמאַכט, וואָס שטיפן דער־מיט אַ גאַנצן טאָג אַרום, האָט זיך אין טוי־נעפּל איינגעהילט, עס הייסט אויף מענשן־לשון: אין שטוב זיך אַריינגעכאַפּט, די לאָדן פאַרמאַכט און שלאָפט. אויף אַ טראָטווואַר ערגעץ ברענט זיך אַ פייערל, אַ ברילי־אַנט

איז אין דער פינסטערער נאַכט איינגעפּאַסט, און דאָס פינקלט אַזוי פון דערווייטן...

נאָר די לבנה, איינע אַליין אויפ'ן הימל קוקט אַראָפּ איינע אַליין אויף דער ערד, און בלאָנדזשעט אַרום איינע אַליין אויף דער וועלט, זוכנדיק נאָך אַ לבנה...

אונטן, אויפ'ן פעלד, איז דאָס וואַסער פאַרגליווערט אין איין שטיק אין דעם אַוויר פון דער נאַכט. ביים ברעג, אויף די פליגל פון אַ שוואַר־צן, רירעווודיקן אָדלער, ליגט ווער... צי זיינען עס מענשן, אָדער טויטע שאָטנס פון דער נאַכט?... פּני מ'ער קוקן אין דער לבנה אַריין, בעטנדיק עפּעס.

און שטיל איז אַרום.

פון דערווייטן הערט זיך ווי עס רודערט זיך עפּעס אין וואַסער, איין וואַל אויף דער צווייטער... און דאָס גיסט זיך צוזאַמען, ווי עפּעס אַ קושן זיך און אַ פליסטערן אין דער שטיל... באַלד באַוועגט זיך אַ שאָטן אין דער לופט, שוועבנדיק איבער'ן וואַסער. עס רודערט זיך און עס זעט זיך דער שאָטן. אָט הערט זיך ווי עס שווימט: לאָקך... לאָקך... דאָס וואַסער קושט אין דער שטיל דעם ברעג... דאָס וואַסער קלאַפּט אויף דעם ברעג... דאָס וואַסער שלאָגט דעם ברעג... עס איז ווער צום ברעג צוגעפאָרן.

אַ שאָטן איז אויף דעם ברעג אַרויף...

— ש־שאַ, שטיל זייט!

עס רודערט זיך אויפ'ן פעלד. טריט קנייטשן און בייגן ווייך דאָס מיט טוי־באַדעקטע גראָז.

— אידן!

— וואו זייט איר? זייט איר אַלע צוזאַמען?...

— קומט!

— ש... שטיל.

עס רודערט זיך אויפ'ן פעלד, פייכט גראָז קנייטשט זיך אונטער די טריט.

— ליזע, האַלטסט אברהמ'לען?

מען פליסטערט אין דער שטיל:

— ברוכ'ל, וואו ביסטו?

— ביים טאַטן.—

מען גייט.

— ש־ש־ש־שאַ.

— שטיל זייט נאָר.

— שווייגט, הערכט!...

עס הערט זיך אַ רודערן צווישן צווייגן פון דערווייטן.

— מען האָרכט, דאַכט זיך.
— יאָ.
— האָרכט נאָר...
— מען גייט.
— מען יאָגט נאָך...
— שטיל זייט — ששש...
— לייגט זיך פאַמעלאַך אויף דר'ערד אַנידער.
— באַהאַלט דאָס פּנים אין די גרעזער.
— האַלט איין דעם אָטעם.
שטיל איז אַרום.
— די לבנה איז באַוואָלקנט, זיי וועלן אונז נישט זען.
— גוט.
— זי וועט אַזוי פלינק פון די וואָלקן נישט אַרויסקומען.
— גוט.
— אָ, גאַנצע מחנות שוואַרצע וואָלקנס ציען זיך איבער איר.
— געלויבט צו גאָט.
עס הערט זיך אַ קלאָגן פון אַ קינד.
— האַלט דעם קינד דאָס מויל צו, זאָל עס ניט שרייען.
— געדענקט אָן גאָט, וואָס טוט איר?!
דאָס קינד הערט אויף צו קלאָגן.
עס הערן זיך טריט פון פערד.
— מיר זיינען פאַרלאָרן!
— האָט קיין מורא!
— ליגט אויף דר'ערד, רודערט אייך נאָר נישט.
— בעט גאָט אין האַרץ.
— ריבונו־של־עולם!
— ש—שטיל.
— מאַמע, וואו ביסטו?
— דאָ, דאָ!
— שווייגט!
— מאַמע, איך האָב מורא!
— זיי שטיל, איך בעט דיך.
— מאַמע, פאַרדעק מיך מיט'ן טוך.
— שטיל וועט איר זיין!...
— מאַמע...
— וואַרפט אים אין וואַסער!...
די טריט פון די פערד הערן זיך שוין נענטער.
— ש־ש־שטיל.

די פערד האָבן זיך אָפּגעשטעלט.
שטיל איז אַרום.
— שעוועליטסאַ? ניעט? (עס באַוועגט זיך? ניין?)
שטיל איז, מען האָרכט.
— ניע סלישנאָ. (מען הערט ניט).
עס הערט זיך אַ גאַלאָפּ, מען רייט געשווינט.
די טריט פון די פערד הערן זיך שוין פון דערווייטן.
באַלד, זיי פאַרשטומען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.
— געלויבט השם־יתברך!
מען שווייגט.
— וואָס פאַר אַ גוטן גאָט מיר האָבן!
— הייבט זיך אויף פּאַמעלאַך...
— האַלט זיך אָן ביי די הענט.
— קומט, אידן!
עס הערן זיך טריט פון מענשן.
— אָט דאָס איז די לאָדקע, לייגט אַריין די געפּעק.
דאָס וואַסער קלאַפּט אויף דעם ברעג.
— וואו איז אברהמ'ל?
— דאָ, דאָ.
— שטייגט איין, פלינקער!
— דאָס לעצטע מאָל זע איך דיך, מיין לעצטער טריט אויף דיין ערד!...
— וועסט שפּעטער זאָגן קינות.
— דעם טאַטן מיט דער מאַמען דאָ אין קבר איבערגעלאָזט, און דו טראָג זיך די ביינער אַנדערשוואו...
— מאַך זיך נישט צום נאַר.
— היידאַ... פלינקער, קיין צייט נישטאָ.
— פּאַרטיק?
— שטופּ אָפּ.
— פּאַמעלאַך, אין דער שטיל.
עס רודערט זיך. דאָס וואַסער קלאַפּט אויף דעם ברעג, עס הערט זיך כוואַליעס יאָגן, מען שיפט זיך: לאָקך... לאָקך... מען פּאַטשט דאָס וואַסער...
די לבנה שווימט רואיק פון די וואָלקן אַרויס. זי שמייכלט, עס פאַלט אַ קאַלטער שטראַל אויף די וואַלן.

שלום אַש.

# שלום אַש.

(ביאָגראַפיע)

שלום אַש

שלום אַש איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1880, אינ'ם שטעטל קוטנע, וואַרשעווער געגנט, ביי פרומע און גוטהאַרציקע עלטערן. ער האָט געלערנט אין חדר און ביז א יאָר 16 אין בית־המדרש. שפּעטער האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט לערנען העברייאיש און אויך וועלטלאַכע געגנשטאַנדן. צו 18 יאָר איז ער אוועק פון זיין שטעטל, דערנערט זיך דורך געבן העברייאישע לעקציעס און אָנגעהויבן שרייבן, צוערשט אין העברייאיש און שפּעטער, לויט פּרצ'עס עצה — אין אידיש.

אַש האָט צוערשט געשריבן דערציילונגען פונ'ם קליינעם שטעטל. שפּעטער אָבער האָט זיך אַש אַליין באַקאַנט מיט'ן אידישן לעבן אין דער גרויסער שטאָט און איבער דער וועלט בכלל. ער האָט אַרומגערייזט איבער זייער פיל לענדער, וואו עס וואוינען נאָר אָדער עס האָבן געוואוינט אידן. ער איז געווען אין פּאַלעסטינע, אין פראַנקרייך, אין איטאַליע; ער האָט א לענגערע צייט געלעבט אין ניו־יאָרק. אין יעדן פּלאַץ האָט ער זיך באַקאַנט מיט דעם אידישן לעבן, ווי אויך מיט דער סצענע, וואו עס האָט זיך אָפּגעשפּילט די אידישע פאַרגאַנגענהייט. נאָכדעם האָט ער דאָס לעבן אָדער די פאַרגאַנגענהייט קינסטלעריש געמאָלן פאַר אונז אין זיינע דערציילונגען, מעשות, ראָמאַנען און דראַמעס.

פון זיינע ווערק, וועלכע אַש האָט אָנגעשריבן אין א גרויסער צאָל, ווערן פילע געלייענט אין די אידישע שולן. פון זיי איז באַזונדערס באַוואוסט זיין „קיין אַמעריקע“, א דערציילונג, וואו אַש מאָלט די אידישע עמיגראַציע און די טראַגישע לאַגע פון א אינגעלע — יאָסעלע, וואָס מ'האָט אים איינמאָל ניט אַריינגעלאָזט קיין אַמעריקע, צעשיידט מיט זיינע עלטערן און אָפּגעשיקט אים צוריק קיין פּוילן. עס איז אויך זעהר אינטערעסאַנט זיין מעשה „קידוש־השם“, וואו ער מאָלט די לאַגע פון די אידן אין אוקראַינע אין מיטן פון 17־טן יאָר־הונדערט, ווען די אוקראַינער האָבן אונטער דער פירערשאַפט פון כמעלניצקין געמאַכט אַן אויפשטאַנד געגן די פּאַלאַקן און דערביי מער פון אַלעמען זיך נוקם געווען פון די אידן.

אַש איז זייער א פּרוכטבאַרער שרייבער. ער האָט שוין זייער פיל אָנגעשריבן, און עס איז צו ערוואַרטן, אַז ער וועט נאָך פיל, פיל זאַכן שאַפן, וואָס וועלן פאַרשאַפן פאַרגעניגן דעם אידישן לעזער.

# שיף־ברידער און שיף־שוועסטער.

(פון „קיין אַמעריקע").

די משפּחה האָט זיך שוין געפונען אויפ'ן שיף, וואָס איז געלעגן אין די וואַסערן פון גרויסן ים. די שיף איז נאָך נישט געווען אַרויסגע־פאָרן, זי איז נאָך געלעגן אין האַפן, און די פּאַסאַזשירן פון צווישנדעק האָט מען אַ גאַנצן טאָג צופריער אויף דער שיף אויפגעפּאַקט. אַ גאַנצן טאָג איז אַ גרויס גערודער געווען; פאַרשיידענע פעלקער זיינען אַרויפ־געגאַנגען אויף דער שיף, מערסטנס קליינרוסישע פּויערים; און חנה־לאה מיט די קינדער זיינען ווי דערטרונקען געוואָרן אין דעם גערודער. מענשן האָבן געשריען אין פאַרשיידענע שפּראַכן, און זי איז געגאַנגען, וואוהין אַלע זיינען געגאַנגען. אַ קליין שיפל האָט זי מיט די איריקע צו־געפירט צו דער גרויסער שיף. זי האָט נישט געזען דעם ים, זי האָט מורא געהאַט צו קוקן.

אַ גאַנצן טאָג האָט זיך איינס דאָס אַנדערע געזוכט, פּעקלאַך זיינען געלעגן פאַר די פיס, קיינער האָט נישט געקאָנט געפינען דאָס זייניקע און אַלצדינג האָט געשריען. מען האָט זי דורך קעלערס געפירט, אין די טיפענישן אַראָפּ—זי האָט געהאַלטן יאָסעלען ביי דער האַנט און נאָכגעגאַנגען. צום סוף האָט מען איר אָנגעוויזן אַ סעניק אין אַ ווינקעלע צווישן אַ סך, אַ סך סעניקעס, איז זי אַרויפגעקראָכן מיט אירע קינדער, האָט זיך איינ־גענורעט אין איר ווינקל מיט די איריקע און האָט זיך מורא געהאַט צו רירן. ערשט איצט האָט זי מורא געהאַט זיך צו רירן. ערשט איצט האָט זי אָנגעהויבן מורא צו קריגן פאַרן גרויסן, שרעקלאַכן ים, כאָטש זי האָט אים נישט געזען, כאָטש זי האָט אים נישט געפילט, וואָרים די שיף איז נאָך געלעגן אין האַפן.

דערווייל אין אין דער קאַמער, וואו זי איז געלעגן, געוואָרן גאַנץ היימלאַך. אַרום זיך האָט זי געהערט אידיש ריידן, און אַז חנה־לאה האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט זי דערזען, אַז זי געפינט זיך צווישן בלויז אייגענע. דאָס איז געווען די אָפּטיילונג „פאַר אידישע פאַמיליעס מיט קינדער".

— נאַ, זי איז דאָך אויך דאָ! וואו זייט איר געווען דורך דעם גאַנצן וועג?

חנה־לאה האָט זיך אומגעקוקט, ווער עס רעדט די ווערטער; עס איז געווען די אידענע, מיט וועלכער זי האָט זיך באַגעגנט ביי דער גרענעץ און וועלכע פאָרט צו איר מאַן.

חנה־לאה האָט זיך מיט איר דערפרייט, ווי מיט אַן אַלטן פריינד.

— וואו זייט איר געווען? איך האָב דאָך אייך געזוכט.

און די ביידע שכנות אויף די צוויי סעניקעס האָבן צוזאַמענגענומען

זייערע קינדער און האָבן אָנגעהויבן צו ריידן צווישן זיך דורך די גראַטעס, ווי אַלטע צוריקגעפונענע פריינד.

דערוויל האָט זיך אונטן איין איד באַקענט מיט'ן צווייטן, אַלע האָבן גערעדט איינעם, האָבן אויסגעפרעגט אויף באַקאַנטע פון זייערע שטעט, און איין איד האָט אַזוי לאַנג געפרעגט דעם צווייטן, ביז עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איינער איז מיט'ן צווייטן משפחה. אַזוי איז אַרומגעגאַנגען דער „ספר־היוחסין", ביז עס האָט זיך געפונען, אַז אַ האַלבע שיף איז משפחה און איין איד איז מיט'ן צווייטן אַ שני־בשלישי.

— אויב אַזוי, טאָ מעגן מיר דאָך טאַקע מנחה דאַוונען. — האָט זיך אָנגערופן אַ פריילאַך קול.

— נו, אַדרבה, אַדרבה! — האָבן זיך געהערט אַרום קולות.

— אידן, איר ווייסט דאָך, אַז מען צינדט היינט דאָס ערשטע ליכטל! — האָט ווער אין אַ ווינקל דערמאָנט.

— אַ גוטער סימן, אין ערשטען טאָג חנוכה אויף דער שיף אַרויפגעגאַנגען.

— ווער איז דאָ פון אונז אַ בעל־מנגן? — פרעגט ווער פון עולם.

— ווי הייסט, מיר האָבן דאָך דעם קעלצער חזן דאָ! — האָט אַ איד געוויזן אויף אַ געלן יונגנמאַן מיט אַ געל בערדל, וועלכער האָט זיך געהאַלטן אַ ביסל אָפּגעזונדערט פונ'ם גאַנצן עולם.

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז דאָס איז דער קעלצער חזן? — פרעגט מען דעם אידן.

— מיר דאַרף מען נישט קיין פינגער אין מויל אַריינלייגן, איך ווייס שוין, — טענה'ט דאָס אידל פלינק און גיט אַ וואונק צום געלן יונגנמאַן, — איך דערקען אים שוין! איך האָב דאָך אַליין אים דאַוונען געהערט.

עס האָט אַ ביסל געדויערט, ביז דער געלער יונגערמאַן האָט זיך געלאָזט צו „וויסן געבן" פאַר זיינע ברידער, אַז ער איז טאַקע דער קעלצער חזן. דערנאָך האָט עס אַ ביסל געדויערט, ביז ער האָט זיך געלאָזט איינריידן, אַז ער זאָל גיין „פאַר'ן ברעטל". נאָר אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער שוין טאַקע געשטאַנען פאַר צוויי ליכטלאַך, וועלכע האָבן זיך געברענט אויף אַ קעסטל, און דער יונגערמאַן האָט געגאָרגלט פאַר'ן עמוד, און אַלע ווייבער און אַלע קינדער פון שיף האָבן מיטגעזאָגט קדושה.

אַ מנחה־דאַוונען איז געווען אַ שיינס און אַ חזנ'ישס. נאָך מנחה דאַוונען האָט מען געפרעגט, ווער האָט חנוכה־ליכטלאַך. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע האָבן זיך געריכט אויף חנוכה און האָבן אָנגעגרייט חנוכה־ליכטלאַך. האָט יעדע משפחה אָנגעצונדן די ליכטלאַך אויף איר קעסטל, און דער קעלצער חזן, האָט זיך אָוועקגעשטעלט פאַר'ן עמוד, וואָס איז באַשטאַנען פון איין קעסטל אויף

אַ צווייטן. דער עולם האָט באַלד געפונען אַ פּאָר קוויטשערלאַך פאַר אים, אַ סאָפּראַנדל האָט ער אַליין מיטגעפּירט מיט זיך, זיינס אַ אינגל, אַ קינד, אַ וואונדער אין דער וועלט — אַמעריקע וועט אויפ'ן קאָפּ שטיין!— און עס איז געוואָרן אָפּגעזוּנגען אַ חנוכה מיט אַ מזמור, וואָס אַזעלכעס האָט נאָך די וועלט נישט געהערט. חנה־לאה האט זיך פאַרגעסן, אַז זי געפינט זיך אויף דער שיף. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז ביי זיי אין שטעטל אין דער שול. עס איז איר נאָר ווי געווען, וואָס מאיר איז נישטאָ. דאָס געזאַנג איז געגאַנגען וואָס אַמאָל העכער. דאָס אינגל, דאָס סאָפּראַנדל, האָט וואונדער געוויזן, און די גאַנצע שיף אידן האָבן אונטערגעהאָלפן. און דאָס קול איז געגאַנגען וואָס אַ מאָל העכער און פרייליכער. און אַז דער חזן האָט געענדיקט צו זינגען, האָט זיך אָנגערופן דער פריילאַכער אידל הויך אויפ'ן קול, רייבנדיק זיך די הענט:

— איצט פאַסט די גוטע לאַטקע און די פעטע גריוון לכבוד חנוכה.

— גריוון זיינען דאָ. — רופט זיך אָפּ אַ ווייבעריש קול פון אַ סעניק אַראָפּ. און דערלאַנגט פון אַ גרויסן פּאַק אַרויס אַן איינגעפּאַקטן טאָפּ קאַלטע גריוון.

— פון וואַנען האָט איר גענומען גריוון? — פרעגט אַ אידענע.

— מיין טאָכטער האָט מיר מיטגעגעבן אין וועג אַריין, דאָס האַרץ צו דערכאַפּן. — ענטפערט די אידענע גאַנץ גלייכגילטיק.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום זיינען שוין געזעסן די אידן פון פאַרשיידענע געגנטן און לענדער, וועלכע האָבן זיך נאָך נעכטן ניט געקענט, מיט זייערע קינדער אַרום איין טיש, האָבן געגעסן פון איין טעלער, זיך געטיילט מיט זיי ביסנס און האָבן זיך געפילט צווישן זיך, ווי מיטגלידער פון איין משפחה, ווי אַלטע, אַלטע פריינד פון אַמאָליקע, אַמאָליקע צייטן.

# די וואַסער־שטוב.

.1

אַ מורא'דיקע גרויסע שטוב, אַזוי גרויס כמעט ווי ביי אונז צען שטיבער אָדער אפשר נאָך מער.

און ווייס איז זי, די שטוב, ווייס ווי מילך, מיט קליינינטשקע פענסטערלאַך אַסך. די פענסטערלאַך זיינען קיילאַכיק, פון ריינעם קריסטאָל און מיט רויטן באַצוויקלט.

און קוימענס האָט די שטוב צווי, גרויסע, הויכע, ברייטע, שוואַרצע קוימענס, וואָס פייפן אַזוי שטאַרק, אַז פון איין פייף אַ גוטן קאָנט איר פאַלן אין חלשות.

און שטיין שטייט די שטוב אויפ׳ן וואַסער. אַ וואַסער־שטוב.

דאָס הייסט, ניט זי שטייט, נאָר זי גייט. גיך־גיך גייט זי, זי לויפט כמעט. זי שניידט די כוואַליעס אויף צווייען און גליטשט זיך, גליטשט זיך אויפ׳ן וואַסער. זי הייבט זיך אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ — און מיר פאָרן און מיט אונז נאָך אַ סך, אַ סך אידן און ווייבער, מיט קינדער און אָן קינדער.

און אַלע אין איין שטאָט אַריין. איך ווייס אַפילו, ווי אַזוי זי הייסט. „נעיאָרק" הייסט די שטאָט. אַ גרויסע שטאָט! און אַ אידישע שטאָט. אַ שטאָט פון סאַמע אידן. און ריידן רעדט מען דאָרט, ווי מען רעדט ביי אונז. ווי אַלע מענשן רעדן.

מע רעדט אויף אידיש.

אַך, ווי שיין דאָ איז אין דער וואַסער־שטוב! אַך, ווי גרויס זי איז! און אַך, ווי גוט מיר איז!

אַ קייסער זאָגט מען איז גוט; מיר — איז בעסער. דאָ בין איך באַלעבאָס.

איך און דער קאַפּיטאַן. אַ מענש אַ גיבור. גאָלדענע קנעפּ מיט גאָלדענע „פּאַלעטען", און וואָנסעס מורא׳דיקע, גראָבע, גרעבער ווי בערד. אינמיטן אויסגעגאָלט. אויגן — מחיה׳דיקע. זיי שמייכלען ביי אים שטענדיק, אַפילו דעמאָלט, ווען ער בייזערט זיך. אַ דימענט פון אַ קאַפּיטאַן! איך האָב אים ליב — סכנות! איך האָב אים אָפּגעמאָלט מיט אַ בלייערל אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, ווי ער שטייט און גייט. אַפילו מיט די וואָנסעס. נאָר איך האָב עס צעריסן — אליה זאָל ניט דערזען. ער האָט פיינט מענשעלאַך.

אליה זאָגט, אַז אַ קאַפּיטאַן דאַרף קענען שווימען ווי אַ פיש. און אונזער חבר פיניע לאַכט פון אים. פיניע זאָגט, אַז אַ קאַפּיטאַן דאַרף ניט קענען שווימען. שווימען דאַרפן נאָר מאַטראָסן. אַ קאַפּיטאַן, זאָגט פיניע, באַדאַרף נאָך זיין קלאָר אין דער געאָגראַפיע. אים דאַרף זיין, זאָגט ער, קלאָר דער ים, אַזוי ווי אונז די יבשה. ער איז מחויב, זאָגט ער, צו וויסן, וויפיל דער ים האַלט אין דער לענג און אין דער ברייט און אין דער טיף.

זאָגט אים מיין ברודער אליה: „מילא די לענג און די ברייט קאָן מען נאָך ווי עס איז אויסמעסטן מיט אַן אַרשין, וואָס וועסטו אָבער טאָן מיט דער טיף?" זאָגט אים פיניע: „ביסט אַ בהמה!" זאָגט אים אליה: „ביסט אַליין אַ פערד, למאַי זידלסטו זיך?" זאָגט אים פיניע: „ווי אַזוי זאָל איך דיך ניט זידלען, אַז דו הייבסט ניט אָן צו וויסן, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך. אָט נעם, זאָגט ער, למשל, די שטערן אין הימל. נו, ווייסט מען ניט וויפיל שטערן ס׳איז פאַראַן? און מען קאָן דען ניט אויסרעכענען אַלע ביי די נעמען?" זאָגט אים אליה: „איכ׳ל דיר זאָגן

דעם אמת: איך בין אויפ'ן הימל נאָך קיינמאַל ניט געווען, און אויפ'ן ים פאָר איך און זע אַרויס, אַז ער האָט קיין גרונט ניט.״ זאָגט אים פּיניע: נאַרעלע, ניט נאָר אַ גרונט, מע קאָן דיר אויסרעכענען אַפילו, וויפיל טראָפּן וואַסער געפינט זיך אין ים אַרום און אַרום.״ פרעגט אים אליה שוין מיט אַ געלעכטער: „כ'וואָלט געוואָלט וויסן, ווי אַזוי דו וועסט עס אויסרעכענען? סיידן אפשר דיין פעטער דער זייגערמאַכער וועט דיר אונטערהעלפן״...

2.

גוט איז נאָר אונז! מיר און דעם קאַפּיטאַן. מיר ביידע האָבן צו שאַפן דאָ אויף אַלצדינג. ער, דער קאַפּיטאַן, הייסט עס, דאָרט אויבן ביי די קוימענס, און איך, מאָטל פּייסע דעם חזנ'ס אינגל, דאָ אויפ'ן צווישנדעק.

אויף אונז ביידן שטייט די גאַנצע וואַסער־שטוב. די שטוב מיט אירע אַלע קליינע שטיבלאַך מיט דער גאַנצער מאַשינעריע, וואָס קלאַפּט און טראַסקעט און הוידעט און פּייפט און קרעכצט.

איטלאַכער האָט זיך זיין אַרבעט. דער קאַפּיטאַן אויבן טוט גאָרניט. ער שטייט נאָר און רעדט דורך אַ רער צו די מאַטראָסן. און די מאַטראָסן – אָנגעטאָן אין לאַמפּאַסנדיקע לייבלאַך מיט קיילאַכיקע היטעלאַך – פּיניען מיט זייער נשמה. וואָס מען הייסט זיי, דאָס טוען זיי. מע הייסט זיי לויפן אַהער, לויפן זיי אַהער. מע הייסט זיי לויפן אַהין, לויפן זיי אַהין. מע זאָל זיי הייסן שפּרינגען אין וואַסער, וואָלטן זיי אויך געשפּרונגען אין וואַסער.

איר האָט באַדאַרפט זען זייער אַרבעט גאָר אין אָנהייב, ביים ברעג, איידער די וואַסער־שטוב האָט זיך גערירט פון אָרט, וויי—וויי, ווי די רוחות, אַזוי האָבן זיי געאַרבעט!

קודם־כל האָבן מיר באַדאַרפט דורכלאָזן די זאַכן. אַלעמענס פּעקלאַך, אַלעמענס קאַסטנס און אַלעמענס בעטגעוואַנט. „באַגאַזש״ ווערט עס אָנגערופן. אפשר צען טויזנט שטיק באַגאַזש, און אפשר מער.

און דאָס אַלצדינג האָט מען געדאַרפט אַרויפפּעקלען אַרויף אויפ'ן שיף. אַ גוטע אַרבעט? איר מיינט מיט די הענט? חס־וחלילה! וואו וועט איר נעמען אַזוי פיל הענט? ס'איז פאַראַן אַ בעסערע עצה.

אַ העלפאַנט האָט איר אַמאָל געזען? אַ העלפאַנט מיט אַ לאַנגן שנאָבל? נו, איז פאַראַן אַזאַ מאַשין, וואָס כאַפּט דעם אָנבליק פון אַ העלפאַנט מיט אַ לאַנגן שנאָבל. אָט הייבט זיך אויף דער שנאָבל, דרייט זיך כלומר'שט שלעפעריק אויף אַ זייט, לאָזט זיך אַראָפּ פּאַוואָלינקע. און אַז ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער ערד, טוט ער זיך מיט אַמאָל אַ כאַפּ

אויף צען־צוואַנציק־דרייסיק קאַסטנס און קעסטלאַך, דרייט זיך אויס צוריק אַרויף און לאָזט זיי אַראָפּ אויפ'ן שיף.

דערנאָך נאָכאַמאָל זיך אויפגעהויבן, נאָכאַמאָל זיך אויסגעדרייט, אַ כאַפּ די קאַסטנס מיט די קעסטלאַך און ווידער אויפ'ן שיף.

אַט אַזוי האָבן מיר ביסלאַכווייז אַריבערגעפּעקלט דעם גאַנצן באַגאַזש. מיר ביידע, איך און דער קאַפּיטאַן, זיינען ניט אָפּגעטראָטן ביז'ן סוף.

דערנאָך האָט זיך ערשט אָנגעהויבן ביי אונז די רעכטע אַרבעט. גיי ריר אַזאַ מאַכינע פונ'ם אָרט! אַי־אַי, וואָס מיר האָבן צעאַרבעט! דער קאַפּיטאַן איז ניט אָפּגעטראָטן פונ'ם טרייבל. די מאַטראָסן זיינען אַרומגעלאָפן ווי די משוגעים, און איך בין אויפ'ן צווישנדעק. די הענט האַלט איך אין די קעשענעס און גיב אַכטונג אויף דער אַרבעט, ווי די וואַסער־שטוב רירט זיך, וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער און אַלץ גיכער. און איך קוק אַראָפּ אין ים אַריין, און איך מיין, אַז מיין ברודער אליה איז גערעכט:

דער ים האָט ניט קיין גרונט.

זינט איך לעב, האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזוי פיל מענשן, איך מיין — אַזוי פיל אידן, ווי דאָ ביי אונז אין וואַסערשטוב, אויפ'ן צווישנדעק.

אַ סך פון זיי האָבן מיר דערקענט. איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז איך האָב זיי געזען — איך געדענק שוין ניט וואו: צי אין קראָקע, צי אין לעמבערג, צי אין ווין, צי אין אַנטווערפּען. מע באַדאַרף אַ פרעג טאָן ביי דער מאַמען. זי קען וויסן. נאָר איך וועל נאָך צייט האָבן שפּעטער. דערווייל דאַרף מען פאָרן. האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויף אַן אייזערנער טומבע רייטנדיק און קוק גאָר אין הימל אַריין.

איך ווייס ניט, צי איז דאָס הימל, צי איז דאָס וואַסער. אָט איז עס, דאַכט זיך, הימל און אָט איז דאָס וואַסער און אָט איז דאָס שוין ווידער הימל. און די וואַסער־שטוב מיט אַלע אירע מענשן און מיט אַלע זאַכן הייבט זיך אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, און מיר פאָרן, מיר פאָרן— קיין אַמעריקע!

שלום־עליכם.

# צום אַמעריקאַנער ברעג.

.1

נאָך אַ טאָג פריער האָבן די מאַטראָסן די גאַנצע שיף געוואַשן; נאָך אַ טאָג פריער האָבן זיך די וואַסער־פויגלען פון דער אַמעריקאַנער זייט געוויזן און האָבן מיט זייער שרעקנדיק געשריי באַגלייט די שיף אַ גאַנצע נאַכט; נאָך אַ טאָג פריער האָבן זיך אומענדלאַך פיל קליינע שיפלאַך געוויזן איבער׳ן ים; נאָך אַ טאָג פריער האָט מען איבער דער גאַנצער שיף אויסגערופן: „מאַכט זיך גרייט!"

די אַמעריקאַנער פאָן אויפ׳ן מאַסטבוים פלאַטערט שטאָלץ איבער דעם ברייטן ים. און די פּאַסאַזשירן פון פאַרשיידענע פעלקער זיינען אַרויס פון זייערע געצעלטן אויף דעם אויבערדעק מקבל פּנים צו זיין דעם אַמעריקאַנער באָדן. יעדער איינער האָט דאָס בעסטע אַרויס־גענומען פון זיין קאַסטן און דערמיט זיך אויסגעצייכנט. אויסגעפּוצט אין יום־טוב־קליידער, שטייען דאָ די פעלקער פון דער וועלט אויף דעם אויבערדעק פון שיף, און זייערע בליקן זיינען געווענדט מיט בענקשאַפט צו דעם אַמעריקאַנער ברעג. דאָ און דאָרט זעט מען: אַ קליינרוסישער פּויער מיט זיין רויט העמדל און שוואַרצן הוט שטייט און קוקט ת׳מ׳עוואַטע אויף דעם וואַסער; לעבן אים זיין ווייב דריקט צו מיט שרעק און געבעט דעם מעטאַלענעם צלם פון איר האַרץ צו אירע ליפּן; אַ פּוילישע פּאַרטיע אין איר רויטן נאַציאָנאַלן קאָסטיום גרופּירט די קינדער אַרום זיך; אַ הויכער ברייטער איטאַליענער מיט זיין רויטן האַלזטוך און צעקנייטשטן קאַפּעליוש האַלט זיין מאַנדאָלינע אין דער האַנט; ער האָט גאָרנישט צו ברענגען פון זיין רייך לאַנד, נאָר זיין געזאַנג; עס וואַרפט זיך דאָס קאָלירטע טוך אויף אַ שפּאַנישן שוואַרץ־מיידלשן קאָפּ אין דעם ים פון פאַרבן; עס בלייכט זיך אַרויס צווישן דעם ים מענשן־קעפּ אַ בלאַס פּנים מיט אַ שוואַרצער באָרד פון אַ פּוילישן אידן; דאָ און דאָרט נעמען זיך צונויף די רוטענישע פּויערים אַרום אַ צלם, וואָס וויזט זיך איבער זייערע קעפּ; זיי קניען צו דר׳ערד און לאָזן שאַלן איבער דעם ברייטן ים אַ רעליגיעז לויב־ליד. די קאַטוילישע באַפעלקערונג טוט זיי שוין נאָך: אין צווייטן ווינקל האָבן זיך די פּוילישע פּאַרטיעס צו־זאַמענגעקליבן אַרום אַ צלם און אַ קירך־פאָן, און עס דערהערט זיך דאָס מוראַ׳דיקע קאַטוילישע קירך־ליד, וואָס איז מער ענלאַך צו האַרצרייסנדיקע געשרייען, ווי צו אַ ליד. און די זון באַשימערט דאָס וואַסער, באַגיסט מיט ליכט די שיף, ברענגט צונויף די פאַרבן פון די פאַרשיידענע פעלקער אין איין גרויסער קאָלירטער פאָן. די געזאַנגען ווערן אויסגעמישט, די לידער ברומען איבער׳ן ים, די וועלן קלאַפּן היני־

טער די רעדער פון שיף, און עס ווערט איין גרויס, גרויס לויב־ליד צו דעם ברעג, וועלכן אַלע ערוואַרטן מיט בענקענדיקע און קלאַפּנדיקע הערצער.

אַמעריקע מקבל־פּנים זיין איז אויך אונזער חנה־לאה אַרויס מיט אירע קינדער פון דער שיף־לאָך, אין וועלכער זי האָט זיך אויפגע־האַלטן צוועלף טעג. אָנגעטאָן אין איר שענסטער שבת־הויב מיט דעם נייעם טוך, שטייט זי דאָ צווישן די פעלקער פון דער וועלט מיט יאָסעלען ביי דער האַנט, מיט דער „קאָמאַנדע" און מיט רחל'ען. אָנגעטאָן יאָ־סעלען דאָס שבת'דיקע סאַמעטענע היטל, אָפּגעוואַשן אים דאָס פּנים און פאַרקרייזלט אים די פּאות'לאַך, אַז ער זאָל אין די אַמעריקאַנער אויגן חן געפינען; דער „קאָמאַנדע" אויך אויסגעפּוצט די קאַפּאָטקעלאַך, אויסגעשמירט די שטיוועלאַך. און רחל'ען פאַרקעמט די צווי צעפּעלאַך און אָנגעטאָן איר דאָס נייע שבת־קליידל. אָט אַזוי שטייען זיי דאָ אונ־זערע, אונזער בלוט און פליש, צווישן די פעלקער פון דער וועלט, און וואַרטן דאָ אויף דעם אַמעריקאַנער ברעג, אויף וועלכן עס געפינט זיך זייער פאָטער, וואו ער איז אַהינגעפאָרן זוכן פאַר זיי אַן אָפּרו און אַן אויפהאַלט.

קיין ליד זינגט זי ניט, קיין וואָרט זאָגט זי ניט. וואָס זאָל זי ריידן, וואָס זאָל זי זאָגן? וואָס זי וויל, וואָס זי ווינשט אין איר האַרץ ווייס גאָט גאַנץ גוט.

אַזוי שטייט זי, חנה־לאה, מיט אירע קינדער, און ערוואַרט אַמע־ריקע, מיט איר מאַן מאיר'ן. די הויב גלייך זיך געמאַכט אויף איר קאָפּ, אַז זי זאָל ביי מאיר'ן אין די אויגן חן געפינען. ווי אַ אידישע טאָכטער די האָר פעסט אונטער דער הויב אַרונטערגעשטופּט, גיט זי אַ וואָרף אַ בליק אויף די קינדער: וואָס וועט ער זאָגן צו זיי? גיט זי אַ רוק צוריק אַ יונג פון דער „קאָמאַנדע", וועלכער האָט זיך אַרויסגערוקט, מאַכט גלייך דאָס היטעלע אויף יאָסעלעס קעפּעלע און גלעט אים דאָס פּנימ'ל.

.2

באַלד האָט זיך דערהערט אַ גרויסער אויסגעשריי אויף דער שיף, און די מאַסע, ווי איין מענש, האָט זיך געגעבן אַ לאָז אַראָפּ אויף די קני און זיך גע'צלמ'ט. חנה־לאה האָט זיך מיט שרעק געגעבן אַ קוק אום; זי האָט דערזען פאַר זיך אַ לייכטנדיקן טומאַן, און פון טומאַן האָבן זיך אַרויסגעשניטן הויכע פייערקנדיקע בערג, עפּעס אַזעלכעס, וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען. די מענשן אויפ'ן שיף זיינען געבליבן שטיין, און מיט גרויסע אויגן און אויפגעעפנטע מיילער האָבן זיי געהאַלטן אין איין קוקן אַהין צו די בערג, צו דעם, וואָס מען האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען. נאָר וואָס אַ מאָל איז דער נעפּל שיטערער געוואָרן, דורכזיכ־

טיקער און לייכטנדיקער, און פון דעם נעפל האָבן זיך שוין שאַרף אויס־געשניטן פינף הויכע פּירעקנדיקע אייזערנע קאַסטנס, וועלכע זיינען גע־שטאַנען איינס האַרט לעבן אַנדערן אויפ'ן ברעג פונ'ם ים און האָבן גע־בילדעט ווי אַן אייזערנע הויכע וואַנט, וועלכע פאַרשטעלט אַלץ, וואָס איז הינטער איר.

דאָס זיינען געווען די ערשטע וואָלקן־קראַצערס, וואָס שטייען אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן.

ווען די שיף איז געבליבן שטיין, איז אַ קליין שיפל צוגעפאָרן. אין אַ פּאָר מינוט אַרום זיינען צוויי מענשן אַרויף, אַמעריקאַנער, מיט אַמעריקאַנער פענדלאַך און שטערנדלאַך אויף די היט. זיי האָבן געגעבן אַ זאָג — און די גאַנצע שיף מענשן האָט זיך געשטעלט אין אַ ריי איינער נאָכ'ן אַנדערן. די צוויי האָבן געמאַכט אַ צוים, געשטעלט זיך, און אַלע מענשן פון שיף האָבן אָנגעהויבן דורכגיין פאַר זיי.

דאָס זיינען געגאַנגען דער אינספּעקטאָר מיט דעם דאָקטער פון דעם אַמעריקאַנער ברעג.

די הערצער האָבן אָנגעהויבן שלאָגן פאַר שרעק. אַלע האָבן זיך גלייך געשטעלט, גלייך געמאַכט די היט און די רעק אויף זיך, שטאַרק געמאַכט די אָרעמס, און מיט פעסטע טריט האָבן די פעלקער אָנגעהויבן פאַרבייגיין פאַר זיי.

עס זיינען געגאַנגען רוטענער, פּאָליאַקן, רוסן, אידן, איטאַליענער, שפּאַניער, יעדער איינער אין איינעם, יעדע פרוי מיט אירע קינדער; האָבן געמאַכט שטאַרק זייערע אָרעמס און פעסט זייערע טריט, אַז זיי זאָלן געזונט אויסזען. גוט האָבן די אַמעריקאַנער באַקוקט די אָנגעקומענע, האָבן געקלאַפּט אויף זייערע ברוסט, געקוקט אין די אויגן אַריין, געטאַפּט די הענט, אויב געזונט איז דאָס מענשן־מאַטעריאַל, וואָס ברענגט צו זיי זייערע הענט אַראָפּ זיי צו באַדינען, אויב געזונט און שטאַרק וועט זיין דער דור, וואָס וועט פון די געבוירן ווערן, צו באַזעצן זייער לאַנד...

און אַז עס איז אָנגעקומען די ריי צו חנה־לאה'ן, אַז זי זאָל זיך און די איריקע פאַר די אַמעריקאַנער ווייזן, האָט זי, ווי יעקב פאַר עשו'ן, איר מחנה צעטיילט: פאָרויס האָט זי געשיקט פאַר זיך רחל'ען מיט אירע צוויי שוואַרצע שבת'דיקע צעפּלאַך; רחל'ע האָט חן גע־פונען — דורכגעלאָזט. נאָך איר איז געגאַנגען די „קאָמאַנדע"; אָנגענומען זיך ביידע ביי די הענט, האָבן זיי מיט זייערע שבת'דיקע שטיוולאַך הויך געטראָמפּלט אויפ'ן פּאָל, אַז זיי זאָלן געזונט אויסזען... באַקוקט די אויגן, דעם האַלז, אַ קלאַפּ געטאָן זיי אויפ'ן רוקן און מיט אַ צופרידענער מינע זיי דורכגעלאָזט. דערנאָך איז געגאַנגען חנה־לאה מיט יאָסעלען ביי דער האַנט. דער דאָקטאָר האָט גענומען יאָסעלען פאַר דער האַנט, אים געקוקט אין די אויגן אַריין; יאָסעלע האָט געציטערט, האָט אָנגע־

כאַפּט די מוטער ביים קאַפּטן; דער דאָקטאָר האָט אים אויפגעדעקט דאָס קאַשקעטל, געגעבן אַ קוק אויפ'ן קעפּל, און האָט אַ וואונק געטאָן צום אינספּעקטאָר.

חנה־לאה'ס האַרץ האָט עפּעס שלעכטס אָנגעזאָגט. אירע הענט האָבן אַ ציטער געטאָן.

— גאָרנישט, פון לעצטן טיפוס אַ קרעַץ אין קאָפּ. — פאַרענטפערט חנה־לאה.

דער אינספּעקטאָר האָט געגעבן אַ וואונק צו נאָך איינעם. קיין איין וואָרט איז נישט געזאָגט געוואָרן, און יענער האָט שוין אָנגענומען יאָסעלען ביי דער האַנט און אַוועקגעפירט אים אָן אַ זייט.

יאָסעלע האָט אָבער פעסט געהאַלטן דער מאַמעס קאַפּטן, זיינע אידישע אויגן האָבן אַ ציטערדיקן בליאַסק געגעבן, די פּאות'לאַך האָבן געציטערט.

— פון לעצטן טיפוס אַ קרעַץ אין קאָפּ געבליבן. — טענה'ט נאָך חנה־לאה אויף אידיש, אָנהאַלטנדיק יאָסעלען ביי דער האַנט.

קיינער האָט זי נישט געהערט, מען האָט זי באַלד אַוועקגעשטופּט: אויף איר אָרט האָבן פעלקער געוואַרט.

— אוי, מאַמעלע קרוין! — האָט די אידענע געגעבן אַ שריי אויף און איז שוין געווען אין דעם ווינקל, וואו מען האָט יאָסעלען אַוועקגעפירט.

— און וואו זיינען מיינע שוואַלבן? — האָט זי געזוכט מיט אירע בליקן אויף יענער זייט צוים די איריקע.

נאָר אויף יענער זייט צוים איז שוין געשטאַנען רחל'ע, די „קאָמאַנ־דע" האָט זי געהאַט לעבן זיך און האָט די מוטער באַרואיקט מיט אַ מאַך מיט דער האַנט, אַז זי קאָן זיך פאַרלאָזן אויף זיי.

שלום אַש.

## ביים ים.

דער ים איז אָפן, ברייט און טיף.
איך שטיי ביים ים אַליין.
איך זע פון ברעג דאָרט ווייט אַ שיף
אין ווייטע לענדער גיין.

איך קוק איר נאָך; די זון פאַרגייט,
דער נעבל וואַקסט; דער ווינט
מיט נאַכט און קעלט אין פּנים ווייט;
די ווייטע שיף פאַרשווינדט.

דער ים איז פינסטער, גרויס און טיף
און רוישט ביי מיינע פיס.
„אַ גוטע נאַכט, אוי, ווייטע שיף,
אין ווייטע לענדער גריס!"

מאַני לייב.

# דער אינזל פון טרערן.

יאָסעלע איז דערווייל געזעסן אין אַ גרויס צימער צווישן אַ ס ך מענשן און האָט געוואַרט אויף דער מוטער. ער האָט ניט געוויינט, ער האָט די מאַמען ניט צוריקגעהאַלטן, אַז מען האָט זי גערופן; ער האָט געשוויגן. פון דער ערשטער מינוט אָן, ווען עס האָט זיך מיט אים דאָס אומגליק געטראָפן, האָט ער גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, וואָס איז געשען מיט אים, און האָט זיך געפונען שולדיק אין עפּעס אַ פאַרבאָרגענער זינד. שווייגנדיק און באַהאַלטן אין זיך איז ער געזעסן ביי זיין מוטער, ווי אַ דערוואַקסע־נער, דענקענדער מענש, און האָט נאָר אייגנטלאַך פאַרדראָס געהאַט דערפון, וואָס מ'האָט די מאַמען אַוועקגעריסן פון זיינע ברידער, און עס איז צוליב אים פאַרשטערט געוואָרן די שמחה פון זען זיך מיט'ן טאַטן.

דאָס אָרט, וואו ער האָט זיך געפונען, האָט געהייסן אויפ'ן לשון פון פאָלק „דער אינזל פון טרערן". און עס איז ווירקלאַך דאָרט געווען דער טרערן־אינזל. אין דעם צימער, וואו יאָסעלע איז געווען, האָבן זיך אויפגעהאַלטן די אַלע, וועלכע זיינען געווען פאַראורטיילט צוריקגע־שיקט צו ווערן מיט די שיפן, וואָס האָבן זיי געבראַכט, אָדער איבער וועלכע מען האָט נאָך געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט וואַשינגטאָן. מער־סטנס זיינען דאָרט געווען עלנטע, פאַר'יתומ'טע מענשן, וועלכע האָבן ניט געפונען קיין קרוב, וואָס זאָל זיי פון שיף אַראָפּנעמען: אָדער גאָר עלטערע מענשן שוין, אָדער גאָר יונגע נאָך, וואָס האָבן מיט זייערע איי־גענע קערפּערס, מיט זייערע אייגענע הענט, מיט זייער אייגענעם כּוח ניט געקאָנט גוט זאָגן פאַר זיך אַליין און האָבן באַדאַרפט האָבן אַן איי־גענעם מענשן, וועלכער זאָל גוטזאָגן, אַז ער וועט זיי נעמען צו זיך — און זיי האָבן אַזעלכע ניט געפונען, ווייל פרעמד זיינען זיי געווען אין דעם לאַנד.

עס זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן נאָך געהאַט אַ האָפענונג, אַז מען וועט זיי אַריינלאָזן אין לאַנד. זיי האָבן געהאַט דאָ אייגענע אין דער מדינה, און מען האָט געשריבן נאָך זיי. זיי זיינען געווען גליק־לאַכער, רייכער פאַר די אַנדערע, און האָבן שוין יענע צוגעזאָגט הילף: אַז גאָט וועט העלפן, מען וועט זיי אַרויסלאָזן, וועלן זיי זיך זען סטאַרען,

אַז די איבעריקע זאָל מען אויך אַריינלאָזן. דערהויפּט איז דאָרט געווען אַן עלטערע מומע, וואָס האָט געהאַט אַ פּלימעניק אין טשיקאַגאָ. דער פּלימעניק האָט געזאָלט זיין גאָר אַ גאַנצער מאַכער און אַ גאַנצער אַמעריקאַנער. „זאָל ער נאָר קומען, — האָט זי געזאָגט, — וועט ער שוין אַלע אַרויסנעמען.“ און יעדן מענשן, וואָס זי האָט באַגעגנט אין קאָרידאָר, ווען מען האָט זי עסן געפירט אין גרויסן שפּייז־זאַל, האָט זי געפרעגט אויף איר פּלימעניק, צי ער פּאָרט שוין; גלייך ווי יעדער איינער וואָלט באַדאַרפט קענען איר פּלימעניק פון טשיקאַגאָ, וואָס איז אַ גאַנצער מאַכער און אַן אַמעריקאַנער. די אַנדערע זיינען געזעסן שטיל. די אַלטע אידן, וואָס האָבן נישט געקאָנט געפינען זייערע קינדער, זיינען געזעסן און האָבן תהילים געזאָגט; די ווייבער האָבן געוויינט, און די קינדער, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, האָבן זיך שטיל אין די ווינקעלאַך באַהאַלטן. אויף אַלע איז געלעגן די קללה פון אַרויסגעשטויסענע. און עס האָט איבער ויי געשוועבט די פּאָרכט פאַר דעם ים, וואָס זיי שטייט פאָר צוריק אַריבערצופאָרן, און די היימאַטלאָזיקייט.

— מיר איז קיין חילוק נישט, זאָלן זיי מיך אַפילו שיקן קיין גושן, איז מיר שוין אויך אַלצאיינס! צו וועמען וועל איך פאָרן, וועמען האָב איך אין דער היים?—האָט אַ אידענע גע׳דרשנ׳ט פאַר די אַנדערע.

— אוי, אַהיים! — האָט זיך אַ צווייטע געקלאָגט. — אַז דו האָסט, מ׳שטיינס געזאָגט, דאָס ביסעלע בעטגעוואַנט גענומען און פאַרקויפט און אין דער ווייטער וועלט זיך געלאָזט!

— איך האָב דיר באַלד געזאָגט, אַז דו זאָלסט נישט פאָרן. שרה, פאָר נישט! דער יונג איז ערגעץ וואו פאַרפאַלן געוואָרן. ער האָט פּאָטאָגראַפיעס געשיקט, ווייס איך, ווער גלויבט זיי? — האָט דער איד פון תהילים מפסיק געווען און געזאָגט אין טאָן, ווי ער וואָלט אינגאַנצן אין אַמעריקע מסופק געווען, אויב עס איז גאָר דאָ אַזעלכעס.

— און בעטגעוואַנט איז אַלץ? — מישט זיך אַריין אַ דריטע.

— וואָס בעטגעוואַנט! און אַ שטוב האָט ער יאָ? און וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן האָט ער יאָ? און צו וועמען וועט ער גיין? — ווייזט זי אויף דעם מאַן, ווי פאַר זיך וואָלט זי געווען פאַרזאָרגט.

ווי די ווייבער ריידן אַזוי צווישן זיך, האָט זיך דערווייל יאָסעלע געפונען אַ חבר. דאָס איז געווען אַ אינגל אין זיינע יאָרן, וועלכער האָט זיך אויך דאָרט אין דער שטוב אַרומגעדרייט. ער האָט שוין אייניקע מאָל געוואָלט צוגיין צו יענעם און יענער צו אים, און האָבן זיךביידע אַרומגעדרייט מיט אַ געוויסער שעמעוודיקייט און געשוויגן. צום סוף זיינען זיי דאָך באַקענט געוואָרן, האָבן זיך ביידע ביי די הענט גענומען, אין אַ ווינקל זיך געזעצט און ווי די גרויסע אָנגעהויבן צו ריידן.

— מען שיקט דיר אויך צוריק?

— יאָ, און דיך?
— אויך.
— פאַרוואָס?
— מען זאָגט, אַז איך האָב שלעכטע אויגן.
— און מיר איז פון לעצטן טיפוס אַ קראַץ אין קאָפּ געבליבן. — און יאָסעלע נעמט אַראָפּ דאָס היטל און ווייזט דאָס קעפּל.
— דו האָסט אַ טאַטן דאָ?
— יאָ, און דו?
— איך בין אַ יתום, איך בין צו אַ פעטער אַראָפּ. — ענטפערט דער צווייטער.

יאָסעלע האָט גרויס דרך־ארץ געקראָגן פאַר'ן צווייטן אינגל, ווייל ער איז אַ יתום, און האָט זיך געהאַלטן נידעריקער פאַר אים. זיי האָבן זיך באַלד אַוועקגעזעצט, און ווי צוויי קלוגע אַלטע דערוואַקסענע מענשן זיינען זיי געזעסן און איינער פאַר'ן צווייטן דאָס האַרץ אויסגעגאָסן.

באַלד איז אַריינגעגאַנגען יאָסעלעס מאַמע. אירע טרערן זיינען נאָך געווען פריש, און זי האָט מיט נאַסע אויגן אַ צערטלאַכן רחמנות־בליק געוואָרפן אויף יאָסעלען. יאָסעלע האָט פאַרשטאַנען זיין עלנט, זיין אומגליק און זיין שלים־שלימאַזל — אַלץ איבער אים... אַלץ איבער אים... און האָט זיך געפונען שולדיק, גלייך ווי ער וואָלט דאָס אַלץ אָנגעמאַכט...

שלום אַש.

# אויפ'ן בוזים פון ים.

מ. ראָזנפעלד

דער שרעקלאַכער ווינט, דער געפערלאַכער שטורעם,
ער ראַנגלט זיך דאָרט מיט אַ שיף אויפ'ן מער;
ער וויל זי צעברעכן, און זי מיט יסורים
שניידט דורך אַלע טיפעניש, קרעכצענדיק שווער.

עס טרעשטשעט דעם מאַסט־בוים, דער זעגל—ער ציטערט.
דאָס רוישנדע וואַסער, איז מורא'דיק טיף;
עס קעמפן מיט צאָרן, עס שטרייטן פאַרביטערט
אויף טויט און אויף לעבן דער ווינט מיט דער שיף.

אַט מוז זי זיך לייגן, אַט מוז זי זיך שטעלן,
אַט טרייבט עס צוריק זי, אַט טרייבט עס פאָרויס;
אַ שפילכל איז איצטער די שיף ביי די וועלן,
זיי שלינגען זי איין — און זיי שפייען זי אויס.

עס ליאַרעמט דער ים, און עס הייבן זיך כוואַליעס,
עס הודזשעט, עס פילדערט מיט שרעק און מיט גרויל;
דער שטורעם, דער גזלן, וויל אומברענגען אַלעס,
דער תהום עפנט אויף זיין פאַרשלאָסענעם מויל.

עס הערן זיך זיפצן, עס הערט זיך אַ בעטן,
ס'איז גרויס די סכנה, ס'איז שרעקלאַך די נויט;
און יעדערער בעט ביי זיין גאָט – ער זאָל רעטן,
באַפרייען די מענשן פון זיכערן טויט.

דאָס וויינען די קינדער, עס קלאָגן די ווייבער,
מען שרייט און מען איז זיך מתוודה אַצינד,
עס פלאַטערן זעגלען, עס ציטערן לייבער
פאַר שרעק פון דעם בייזן, פאַרניכטנדן ווינט.

דאָך אונטן, אין צווישן־דעק, זיצן צוויי מענער
גאַנץ רואיק. זיי רירט ניט דער מינדעסטער וויי:
זיי זוכן קיין רעטונג, זיי קלערן קיין פּלענער,
ווי אַלץ וואָלט זיין זיכער און שטום אַרום זיי.



דער שטורעם. א. מ. ליליען.

עס ליאַרעמט דאָס וואַסער, די וועלן — זיי שוימען,
עס וואָיעט, עס מיאועט משונה דערווינט;
עס סאָפּעט דער קעסל, עס הודזשעט דער קוימען.
דאָך אונטן די צוויי — זעט, זיי שווייגן אַצינד.

זיי קוקן מיט קאַלטקייט דעם טויט אין די אויגן,
זיי רירט ניט דעם שטורעמס געפּעלדלאַכע מאַכט;
עס שיינט, אַז דער טויט האָט אַליין נאָר ערצויגן
זיי ביידן אין שרעק און אין פינסטערער נאַכט.

„ווער זייט איר, אומגליקלאַכע, לאָזט עס דאָך הערן,—
וואָס קענען פאַרשווייגן די גוואַלדיקסטע נויט,
וואָס האָבן קיין זיפצן, און האָבן קיין טרערן,
אַפילו ביים שרעקלאַכן טויער פון טויט?

„זאָגט, האָבן אייך טאַקע נאָר קברים געבאָרן?
איר לאָזט גאָר קיין עלטערן, ווייב אָדער קינד
צו וויינען נאָך אייך, ווען איר ווערט דאָ פאַרלאָרן
אין טיפן, אין שרעקלאַכן אָפּגרונט אַצינד?

„ווי? לאָזט איר ניט קיינעם, וואָס אים זאָל פאַרדריסן,
וואָס ער זאָל ווען בענקען, צי לאָזן אַ טרער,
ווען אייך וועט דער נאַסער בית־עולם פאַרגיסן,
ווען איר וועט דאָרט קיינמאָל צוריקקערן מער?

„ווי? האָט איר קיין פאָטערלאַנד גאָר, קיין מדינה,
קיין היים, וואו צו קומען, קיין פריינדלאַכע שטוב,
וואָס איר האָט באַהאַלטן אין זיך אַזאַ שנאה
צום לעבן און וואַרט אויף דער פינסטערער גרוב?

„איר האָט גאָר ניט קיינעם אין הימל דאָרט אויבן,
צו וועמען צו שרייען, ווען איר זייט אין צער?
איר האָט גאָר קיין פאָלק ניט, איר האָט ניט קיין גלויבן?
פאַרלאָרענע, וואָס איז מיט אייך פאַר אַ גזר?"

עס גענעצט דער אָפּגרונד, עס ברויזן די אינדן,
עס קראַכן די לייטערס פון שיף און עס טראָגט;
עס הוליעט דער שטורעם, עס פייפן די ווינטן—
און איינער האָט ענדלאַך מיט טרערן געזאָגט:

„דער שוואַרצער בית־עולם איז ניט אונזער מוטער,
עס איז אונזער וויג ניט דער קבר געווען,
עס האָט אונז געבאָרן אַ מלאך אַ גוטער,
אַ טייערע מוטער מיט ליבע פאַרזען.

„עס האָט אונז געפּעסטשעט אַ מאַמע, ערצויגן
אַ צערטלאַכע, וואַרעמע, פריינדלאַכע ברוסט;
געקיכלט און שטענדיק געקוקט אין די אויגן
האָט אונז אויך אַ פאָטער און ליבלאַך געקושט.

„מיר האָבן אַ הויז, נאָר מען האָט עס צעבראָכן
און אונזערע הייליקסטע זאַכן פאַרברענט;
די ליבסטע און בעסטע פאַרוואַנדלט אין קנאָכן,
די לעצטע פאַריאָגט מיט געבונדענע הענט.

„אָ, מיר זיינען אידן, פאַרוואָגלטע אידן,
אָן פריינד און אָן פריידן, אָן האָפנונג אויף גליק.
ניט פרעגט מער, אָ, פרעגט ניט, אָ, זעט „לאָזט צופרידן.
עס טרייבט אונז איין לאַנד צו דעם צווייטן צוריק,

אַהינצו, פון וואַנען מיר זיינען אַנטלאָפן,
אַהינצו, דערפאַר, וואָס מיר האָבן קיין געלט;
אויף וואָס בלייבט אונז איצטער צו וואַרטן, צו האָפן?
וואָס טויג אונז דאָס לעבן, די פינסטערע וועלט?

„איר האָט וואָס צו וויינען, איר האָט וואָס צו ברומען,
איר האָט וואָס צו שרעקן זיך איצט פאַר דעם טויט,
איר האָט געוויס אַלע אַ היים, וואו צו קומען,
און פאָרט פון אַמעריקע אויך ניט אויס נויט.

„דאָך מיר זיינען עלנדע, גלייך צו די שטיינער;
די ערד איז צו שלעכט אונז צו שענקען אַן אָרט.
מיר פאָרן, דאָך ליידער עס וואַרט אויף אונז קיינער.
דערקלערט מיר, איך בעט אייך, וואו רייזן מיר פאָרט?

„זאָל שטורמען דער ווינט, זאָל ער ברומען מיט צאָרן,
זאָל זידן און קאָכן, זאָל רוישן דער גרונד!
ווייל סיי־ווי־סיי זיינען מיר, אידן, פאַרלאָרן,
דער ים נאָר פאַרלעשט אונזער ברענענדע וואונד"...

מ. ראָזנפעלד.

# עמיגראַנטן ליד.

(געדאַנק).

מיר וואַנדערער, מיר וואַנדערער
פון איין לאַנד אין דער אַנדערער
דורך הונגער און דורך קעלט;
פאַרוואָגלטע, פאַרביטערטע,
פאַריאָמערטע, צעטיטערטע,
מיר, גרים פון דער וועלט!

פון גלות טויזנט־יאָריקן,
פון נייעם און אַמאָליקן
האָט אונז זיך אָפּגעשטעלט
אַ רייכטום גאָר אַן אַנדערער—
אַ כּוח פון אַ וואַנדערער,
וואָס גייט אום אין דער וועלט.

אַ גרויסן אוצר טראָגן מיר,
אַ שטאַרקע מאַכט פאַרמאָגן מיר,
שטאָט אַלץ דעם, וואָס אונז פעלט:
מיר טראָגן זוימען אייביקע
פון הייליקע, פון גלויביקע,
צו זייען אויף דער וועלט.

מיר טראָגן קראַפט אין אַרבעטס־האַנט,
פון פעלזנשטיין אַ ווידערשטאַנד
און גבורה פון אַ העלד;
מיר טראָגן אין דער אַרבעט־גאַס
דורך פייער, בלוט און מענשן־האַס
אַ קומענדיקע וועלט!

אַ נייע וועלט אַ גרעסערע,
אַ שענערע, אַ בעסערע
וועט ווערן אויפגעשטעלט;
מיר בויען זי מיט אונזער מוט,
מיט אונזער גייסט, מיט אונזער בלוט —
מיר בירגער פון דער וועלט!

ש. אַנסקי.

# אין די ווייטסטע לענדער.

(געדאַנק).

אין די ווייטסטע לענדער
זיינען מיר צעשפּרייט —
יעדער טייל אַ רינגל
אין דער לאַנגער קייט.

איצטער איז אונז טייער
ווייקסל און דער ריין,
און דער ברייטער דניעפּער
רוישט אונז אויכעט שיין...

ביי די אַלע טייכן,
נישט פון ב ב ל בלויז,
זיינען מיר געזעסן,
זוכנדיק אַ הויז.

און דער פרייער האָדסאָן
ווינקט אונז פריינטלאַך צו
(דאָ, ביי זיינע ברעגן
קריגן מיר ערשט רו!)

איצטער איז אונז טייער
גאָר די גאַנצע וועלט.
ס'שטייט ביי ווייטסטע ברעגן
אונזערס אַ געצעלט...

וועלכעס ליד מיר הערן,
איז באַקאַנט דער טאָן;
וועלכער טייך עס ריזלט,
ווייט אַ בענקשאַפט אָן.

וועלכע פאָן עס פלאַטערט
גריסט זי אונז באַקאַנט,
וועלכעס שיף עס זעגלט—
צו אַ ברודערס לאַנד!

א. רייזען.

# אַמעריקע.

## די נייע היים.

מיר האָבן זיך פון אונזער אַלטער היים געשיידט,—
אַ שטורעמווינט האָט אונז אַהער פון ווייט פאַרווייט...
ס'האָט איינער וואו אַן אַלטע מאַמען דאָרט געלאָזן,
און איינער האָט אַ טאַטנס קבר צווישן גראָזן.

נאָר איטלאַך איינעם האָט דאָס האַרץ מיט ווי געדריקט.
און איטלאַך איינעם האָבן טרערן שטום געשטיקט.
מיט פעקלאַך אויף די פּלייצעס, קינדער ביי די זייטן
אין גאַסן פרעמדע — מיט זכרונות פון דער וייטן...

און עמיץ האָט אַהער געבראַכט אַ בינטל ערד,
אַן אַלטן ספר פון זיין זיידנס אויג באַטרערט;
אַ שטילן צער אין בליק, אַ טיפן אַלטן טרויער,
אַ ווידער־קול פון שווערן זיפצן אין זיין אויער.

און אָפּגעריסן, ווי אַ צווייג פון אַלטן בוים,
גענומען האָבן מיר זיך בויען אונזער נייע היים;
דער אַלטער שטאַם איז דאָרט, דאָס האַרץ פאַרשניטן,—
דער גרויסער, ברייטער ים אוקינוס אין דער מיטן...

און ווי אַ ביימעלע אַ יונגס, וואָס שפּראָצט אַרויס
פון האַרטן, קאַלטן פעלז, אָן מוטערס שויס,
וואָס נעמט מיט צווייגעלאַך פאַר'ח ל ש'טע זיך ציען,—
אַזוי איז דאָ געוועזן אונזער צייט פון בליען.

און יאָרן זיינען זיך געלאָפן, נייע זאַפט
האָט דורכ'ן ביימעלע געשטראָמט מיט לעבנס־קראַפט.
די וואָרצלען האָבן זיך געגראָבן אין דער נידער,
און אויפ'ן קאָפּ געקלונגען האָבן נייע לידער.

י. שוואַרץ.

# אַמעריקע.

(אָדע).

ס'איז דאָס לאַנד דאָ פעט און פרוכטבאַר,
אוצרות טראָגט זי אין איר שויס;
ס'איז דאָס לאַנד דאָ פריש אין יוגנט,
ס'איז דאָס לאַנד דאָ רייך און גרויס.

ס'איז דאָס לאַנד דאָ פול מיט אוצרות —
אייזן, קופּער, גאָלד און שטאָל;
ס'פאַלן זילבער־וואַסערפאַלן
פון די בערג אַראָפּ אין טאָל.

אונזער לאַנד האָט טיפע טייכן,
קלאָרע טייכן פול מיט פיש;
אירע בערג דערגרייכן הימלען,
אירע טאָלן זיינען פריש.

ס'איז מיט זון דאָס לאַנד באַגאָסן,
אירע פעלדער זיינען גרין.
פלינקע, שטאַרקע — אירע טעכטער,
שטאָלץ און מוטיק אירע זין.

אין די פּרייריס — בופלאָקסן
און טאַבונעס ווילדע פערד;
און מיט ווייץ, מאַאיס און גערשטן
איז באַדעקט די גאַנצע ערד.

ס'גיט ווירדזשיניא - איר טאָבעקאָ,
קאַליפאָרניע — איר וויין,
און אין פלאָרידאַ — מאַראַנצן
גליען רויט אין זונענשיין.

אין די האַפנס דאַמפּן שיפן —
ס'בליט איר האַנדל גרויס און ווייט,
און מיליאָנען מענשן קומען,
שטראָמען דאָ פון יעדער זייט.

אירע שטעט — זיי זיינען ריזן,
וואַקסן אויס מיט צויבער־מאַכט;
אונטער ערד און אין דער לופטן
פליען באַנען טאָג און נאַכט.

אירע ריזיקע פאַבריקן
ווערן קיינמאָל גאָר ניט מיד...
פון אַטלאַנטיק ביז פּאַסיפיק
קלינגט איין גוואַלטיק ריזן־ליד.

י. שוואַרץ.

## ניו־יאָרק.

(פּאָעטיש בילד).

מעטאַל, גראַניט, געררויש, געזאַנג, געפּילדער.
אויטאָמאָבילן, הויך־באַן, טיף־באַן, קאַר.
בורלעסק, גראָטעסק, קאַפּייען. קינאָ־בילדער.
עלעקטריש ליכט אין גרילצנדן ווירוואַר.

געזיכטער פרעמד און בליקן פיינטלאַך־שטאַר.
קיין שמייכל, קיין גוט־מאָרגן פריינדלאַך־מילדער.
און איינזאַמקייט, און ניט געטרייסטער צער
אין אָט דער דרענגעניש כאַאָטיש־ווילדער.

א. לעיעלעס.

### פּאָעטיש בילד.

א פּ א ע ט י ש  ב י ל ד  איז אַזאַ ווערק, אין וועלכן דער שרייבער מאָלט פאַר אונז אויף אַ  ש י י נ ע ם  א ו פ ן  אַ בילד פון אַ וועלכער עס איז זאַך אָדער פון אַ נאַטור־דערשיינונג.

# דער פאַר׳כּישופ׳טער אינזל.

(באַלאַדע).

אַן אינזל אויף צענדליקער מיילן,
אַ פּאַלאַץ פון ברעג ביז צום ברעג;
דער פּאַלאַץ האָט טויזנטער זיילן,
די זיילן אין הונדערטער ציילן—
זיי שטייען פון ברעג ביז צום ברעג.

אַ וואַסער, אַ פאַרביקער שפּיגל,
שניידט דורכ׳עט דעם פּאַלאַץ אין מיט,
און בריקן, ווי בראָנזענע פליגל,
אַריבער דעם וואַסער, דעם שפּיגל,
זיי זיינען צום פּאַלאַץ געשמידט.

דאָס וואַסער טראָגט ליכטיקע שיפן,
די בריקן — אַלייען מיט ליכט;
דער באָרטן האָט פאַרביקע ריפן,
און ס׳שפּיגלען זיך אָפּ אין די טיפן
די שיפן, די ריפן, דאָס ליכט.

געבויט האָבן ד ו ר ו ת דעם פּאַלאַץ.
געבויט און געשאָלטן דערביי;
געשאָלטן, געבויט ביז די בלויען,
געבויט און געשאָלטן דאָס בויען—
דאָך קיינמאָל אַוועק פון געביי.

ביי טאָג איז דער פּאַלאַץ פאַרהוילן —
אַ געשפּענסט אין אַ פאַרביקער פעל.
די טורעמס פאַרמעקט פון די הויכן,
קופּאָלן — צעשוואומען ווי רויכן
אין נעפּלען פון גרוי און פון געל.

דאָך קומט נאָר דער אָוונט אַרונטער,
אַ העלקייט לייכט אויף אומעטום;
די העלקייט ווערט וואָס אַ מאָל בונטער,
אויף וועגן באַוועגן זיך מונטער
פאַר'כּישופ'טע בויער אַרום.

די זיילן, ווי ליכטיקע וועגן,
זיי ציגדן זיך אָן אין דער נאַכט;
און ליכט, ווי אַ פאַרביקער רעגן,
נעמט פאַלן אויף די, וואָס באַוועגן
פאַר'כּישופ'טע זיך אין דער נאַכט.

געבויט האָבן דורות דעם פּאַלאַץ,
געבויט און געשאָלטן דערביי.
זינט דעמאָלט—שוין דורות פאַרשוואונדן;
דאָך ווערט נאָר דער פּאַלאַץ געצונדן,
לעבן אויף יענע בויער אויף ס'ניי.

נ. גראָס.

## אַ פרימאָרגן אין ניו־יאָרק.

(באַשרייבונג).

### 1. ניו־יאָרק כאַפּט זיך אויף.

גאַנץ פרי.

דער גרויסער ריז ניו־יאָרק האָט זיך דורכגעוואָרפן פון שלאָף און האָט געמיינט, אַז עס איז נאָך צו פרי און געוואָלט צוריק איינשלאָפן. האָט זיך אָבער באַלד דערהערט אַ פייפן, אַ אויפטרייסלענדיק ברומען, ווי עס וואָלטן אויף די דעכער, אויף די טורעמס ווילד־צערייצטע לייבן אָנגעלאָפן. האָט דער ריז אַ ברייטן געגעץ געטאָן און זיך אויפגעכאַפּט.

אַנטקעגן אים אויפ'ן מזרח האָט זיך דער מאָרגן אין רויטן געצונדן. און אַ יונגער, אַ צופרידן־פאַרשייטער, האָט דער מאָרגן גענומען פראַלן אַרויף איבער ניו־יאָרק.

די גאַסן זיינען נאָך געווען אין האַלב־פאַרשלאָפענע שאָטנס פאַר־זונקען. נאָר די טויזנטער דעכער אויף די אויבערשטע עטאַזשן, וואָס

אונטער די דעכער פון די ריזיקע הויכע געביידעס, האָבן שוין מיט ליכט געשיינט, און זייערע הונדערטער פענסטער האָבן זיך שוין מיט זון־פלאַם געשפּיגלט.

פון די הויכע קוימענס האָבן זיך גענומען שפּאַרן דיקע, שוואַרצע זיילן רויך און אַ לייכט ווינטל האָט זיי גענומען בייגן און ציען איבער די לאַנגע הימל־לאָנקעס, וואָס שפּרייטן זיך איבער די הויכע לאַנגע גאַסן.

## 2. אויף בראָדוויי.

פון גאַסן און גאַסן שטראָמען אַריין די מענטשן־כוואַליעס אויף דער לאַנגער בראָדוויי. דאָרטן גיסן זיי זיך צונויף אין צוויי לאַנגע שטראָמען, וואָס ציען זיך ביי ביידע זייטן פון דער גאַס, און די מענטשן־שטראָמען ציען זיך אַוועק ווי טייכן און זעען אויס ווי פאַרביקע ברעגן צו די ריזיקע, הויכע מויערן.

און די מויערן זיינען באַהאַנגען מיט שילדן מיט גאָלדענע אויפשריפטן און רייסן זיך העכער און העכער און קוקן מאָדנע, יעדער איינער מיט זיינע הונדערטער פענסטער... און עס רייסט זיך אַריין די רויטע מאָרגן־זון, און עס פלאַקערן אויף די טויזנטער פענסטער, און עס צינדן זיך אָן די גאָלדענע אויפשריפטן, און עס צעשפּילן זיך שטראַלן רויטע, גאָלדענע.

די לופט צעשטראַלט זיך מיט גאָלד און פּורפּור.

עס שטראַלן די הויכע ריזן־געביידעס און קוקן שטראַלנדיק אַריבער דער גאַס און דערזעען זיך אַנטקעגן אין די פענסטער פון די אַנדערע.

און עס זעען מויערן אין מויערן זייערע פּאָלירטע מאַרמאָרנע זיילן, זייערע פאַרשיידענע, פון שטיין געהאַקטע בילדער. עס זעען מויערן אין מויערן זייערע גלייכע און האַלב־רונדע פאָרמען, זייערע גרויסע פענסטער, זייערע גרויסע גלעזערנע ווענט, צאָללאָזע אויפשריפטן, וואָס ציען זיך איבער זייער גאַנצער ברייט און לויפן ביז אַרויף, ביז אַן אויבער־שטן קאַרניז, צי ביז אַ הויכן טורעם.

און די הויכע מויערן צעשטראַלן זיך נאָך שטאַרקער, זוניקער, צו־פרידענער.

און אונטן, אויף די ברייטע זייט־וועגן, כוואַליען זיך די מענשן, שפּרייטן זיך ווי לאַנגע, ברייטע קרענץ. עס גייען: מענער ערנסטע, פאַר־דאגה'טע, און מענער זיכערע, מיט צופרידענע שמייכלען אויף די ליפּן; מיידלאַך בלאַסע, פאַרביטערטע, מיט צונויפגעפּרעסטע ליפּן, און מייד־לאַך שטיפערישע; און קינדער: עלטערע, אינגערע, כמעט אַלע ערנ־סטע.

עס ציען זיך לאַנגע, ברייטע קרענץ.

פון ערגעץ אַ גאַס פֿאָרט אָן אַ קאַר, פול געפּאַקט מיט מענשן. די קאַר דאַרף דורכפֿאָרן בראָדוויי. דער מאָטאָר־מאַן קלינגט און קלינגט. די מענשן אָבער האָבן קיין צייט ניט. יעדערן ווילט זיך איבערלויפן נאָך פֿאַר דער קאַר, און דער מאָטאָרמאַן קלינגט, אַז עס ציטערט די לופֿט. ער בייגט זיך אַריבער, און עס דאַכט זיך, אַז ער טראָגט די קאַר אויף זיינע פּלייצעס, און ער שרייט, און ער לאָזט די קאַר ביסלאַכווייז, אָט־אָט און ער פֿאָרט עמיצן איבער...

נאָר אָט שטעלט זיך איינער אָפּ. לעבן אים נאָך איינער און מיט זיי נאָך עטלאַכע אַנדערע, און דער שטראָם איז אויף אַ ווייל איבערגעריסן געוואָרן. אָבער ווי נאָר די קאַר איז דורכגעפֿאָרן, האָבן זיך באַלד די אָפּגעשטעלטע מענשן מיט אימפּעט ווידער אַ לאָז געטאָן און זיך צוריק צונויפֿגעגאָסן אין איין לאַנגער כוואַליענדיקער מחנה.

## 3. אין דעם אידישן קוואַרטאַל.

די לופֿט איז געדיכט און גרוי פֿון דעם שטויב, וואָס איז אויפֿגעשלאָגן ביז׳ן הימל. און אין דעם שטויב ציען זיך טונקעלע גאַסן מיט קופּעס מיסט. די מויערן זיינען האַרט געשלאָסן איינער צום צווייטן און זעען אויס ווי גרויסע, הויכע ברודיקע קאַסטנס, וואָס זיינען צעטיילט אין עטלאַכע עטאַזשן און זיינען פֿאַרהאַנגען מיט „פֿייער־עסקייפּס”, ווי מיט אייזערנע שטייגן. אויף יעדן עטאַזש איז אָנגעטשעפּעט אַזאַ שטייג, און איין שטייג מיט דעם צווייטן איז פֿאַרבונדן מיט אייזערנע לייטערס, וואָס זיינען קרום צעהאַנגען איבער די געביידעס.

עס עפֿענען זיך קראָמען; די סוחרים טראָגן אַרויס זייערע סחורות. אויף די אויבערשטע עטאַזשן עפֿענען זיך פֿענסטער, און ווייבער לייגן אַרויס זייערע בעטגעוואַנט צום „לופֿטערן”. „פּושקאַרט”־טישלאַך אויף צוויי הויכע רעדער, מיט פֿאַרשידענע גרינסן, פּרוכט און אַנדערע סחורות, צעשטעלן זיך אויף ביידע זייטן פֿון די לאַנגע גאַסן. יעדער פֿאַרקויפֿער נעמט אויסשרייען זיין סחורה אין דער פֿאַרשטויבטער לופֿט אַריין. און אַז אַ ווייבל גייט אַרויס איינקויפֿן, נעמט זי שויך פֿאַר איין וועג אויך איר פּעקל מיסט און לייגט אים צו צו איינער פֿון די קופּעס.

אַ פּעדלער, וואָס איז אַרויפֿגעפֿאָרן מיט זיין פּושקאַרט האַרט אויף דער מיסט־קופּע, האַלט אויסגעצויגן זיין האַלז און שרייט אין איין קול:

— פֿרישע „טאָמייטאָס”, ווייבער! פֿרישע „טאָמייטאָס”, ווייבער!

פֿון וואו ניט וואו לויפֿט נאָך אַרויס אַ פֿאַרשפּעטיקטער אַרבעטער אָדער אַ פֿאַרפּוצטע מיידל, אַן אַרבעטאָרן, און איילט זיך צו דער אַרבעט.

ד. איגנאַטאָוו.

### באַשרייבונג.

אַ באַשרייבונג איז אַ ליטעראַרישע פאָרם, אין וועלכער דער שרייבער גיט איבער אַ בילד פון אַ זאַך אָדער פון אַן ערשיינונג דורך אָנוואַרפן די שטריכן פון דער זאַך אין אַ געוויסן סדר פון אָרט, אָדער איבערגעבנדיק די פּאַסירונגען אין דעם סדר פון צייט.

# גאַסן אויס, גאַסן איין.

(בילד).

גאַסן אויס, גאַסן איין,
טאַנצן קינדערלאַך אום
אינ׳ם טאָגס העלן שיין:
„רינג אַרום, רינג אַרום.״

פאָרט אַן אויטאָמאָביל,
און זיין רויך ווי ער שטיקט!
האָט אין מיטן זיין שפּיל
דאָרט אַ קינד וואו צעדריקט.

שפּילט אין גאַס אַ טרומייט,
ציט אַ בלינדער דאָרט אויס:
„אידן, העלפט אין מיין נויט,
העלפט אַ בלינדן אַרויס״.

וויינט אַ מאַמע און שרייט,
קלינגט אַן אַמבולאַנס דאָרט.
עמיץ קומט, גיט אַ קוק,
גייט צוריק אויף זיין אָרט...

א. ניסנזאָן.

# אַ זומער־נאַכט אין ניו־יאָרק.

(באַשרייבונג).

דאָס גאַנצע געסל איז פול געוועזן מיט ליכט און לעבן. אַלע קינדער זיינען אין גאַס געוועזן, און אַלע פאַמיליעס זיינען אויף די טרעפּלאַך פון זייערע הייזלאַך געזעסן. דאָ און דאָרט האָבן זיך שטורקאַצן אָנגעהויבן אָנצינדן פאַר די שטענדערס מיט די סחורות, וואָס זיינען געשטאַנען אין געסל. און די גאַס, וואָס האָט נאָר אַ גאַנצן טאָג ווייבער און קינדער געזען, האָט זיך אָנגעהויבן אָנצופילן מיט מענער און יונגע־לייט. צוערשט זיינען זיי געגאַנגען קופּקעסוויין; נאָר וואָס אַמאָל מער, ווי די נאַכט־שטונדן האָבן זיך אָנגעהויבן אָנצורוקן, האָט זיך דאָס געסל צו שוואַרצן אָנגעהויבן פון מחנות מענשן. עס זיינען געוועזן די אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצושיטן פון די שעפּער און וואַרשטאַטן אַהיים

פון דעם גאַנצן טאָג אַרבעט. פון מינוט צו מינוט האָט געקלאַפּט דער „עלעווייטער״ (די לופט־באַן) איבער׳ן קאָפּ, אָפּגעשטעלט זיך, אַרויס־געשפּיגן פון זיך אַ שוואַרצע מחנה און ווייטער געלאָפן; און ווי ווערימ־לאַך האָבן זיך די מענשן אָנגעהויבן צו שיטן איבער אַלע זייטן פון גאַס. די פּאַרקויפער האָבן אָפּגעטראָטן פון די טראָטואַרן, זיינען אין די ברייטע גאַסן אַרויס, האָבן אָנגעצונדן זייערע שטורקאַצן און אויסגערופן זייערע סחורות.

און וואָס מער די נאַכט־שטונדן האָבן זיך אָנגערוקט, זיינען די גאַסן אַלץ לעבעדיקער געוואָרן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די איינוואוינער פון דער גאַס האָבן פאַרשפּעטיקט דעם טאָג און הייבן איצט ערשט זייער פרימאָרגן אָן, קויפן ערשט איצט די מאָרגן־צייטונגען, וואָס אינגלאַך לויפן מיט זיי אין גאַס אַרום. אַלע באַרן, אַלע שענקען פילן זיך אָן מיט מענשן; אַלע קענדי־סטאָרס זיינען פול מיט יונגע לייט; ווייבלאַך לויפן אין די קראָמען אַרום, קויפן איין עסן; פאָטערס שטעלן זיך פאַר די שטעלן אָפּ, קויפן זייערע קינדער מתנות.

און וואָס אַמאָל מער, ווערט דאָס לעבן גרעסער אין געסל. קינדער פילן אָן די גאַס, וואַלגערן זיך אין די רינשטאָקן, צווישן די פיס פון די פאַרבייגייענדע; קיינער זאַמלט זיי נישט איין, קיינער קוקט זיך נישט אויף זיי אַרום, ווי די גאַס וואָלט אַ גרויסע שטוב געווען. די טראָטואַרן ווערן פול מיט שפּאַצירנדע מיידלאַך און בחורים, וועלכע גייען אָנגעטאָן אין קאָפּעלושן מיט ברייטע ראַנדן. די עלעקטריק הייבט זיך אָן אָנצו־צינדן פאַר די טעאַטער־האָלס און קינעמאַטאָגראַפן און באַגיסט דאָס גאַנצע געסל מיט ליכט. די קאָמעדיאַנטען רופן די פאַרבייגייענדע אין זייערע צירקן; לייער־קאַסטנס שפּילן, קינדער טאַנצן אין גאַס און זינגען; קרעמער שרייען, רופן זייערע קונים; אינגלאַך שלעפּן צונויף פּאַפּיר און שמאַטעס אין גאַס און צינדן פייערן אונטער; ווייבער לויפן אַרום מיט אייז־קרים און סאָדע־וואַסער. מענער, ווייבער, קינדער, האַלב־נאַקעט, עסן אויף די טרעפּלאַך פון זייערע הייזער ביי דעם ליכט פון די שטורקאַצן און עלעקטרישע לאָמפּן.

די פענסטער פון די שטיבער זיינען פינסטער; די הייזער ווערן פאַר־לאָזן, און די גאַנצע גאַס ווערט איין גרויס, גרויס לעבן, וואו אַלע איינ־וואוינער מישן זיך אויס. קאָכן זיך צונויף מיט ווייב און קינד אין דעם עלעקטרישן ליכט פון די צירק־האָלס; זיי ווערן פאַרטרונקען אין די טענער פון די לייער־קאַסטנס און די געשרייען פון די סוחרים. און איבער זייערע קעפּ קומען צופליען פון מינוט צו מינוט די עלעווייטערס, ווי חיות־רעות מיט פלאַמענדיקע אויגן, און אַלץ ווערט פאַרטויבט אין זייער רעש.

שלום אַש.

# אַ שׂרפה אין ניו־יאָרק.

(באַשרייבונג).

אין די פענסטער פון שאַפּ שווימען אַרום די רויטע פלאַמען... איז דאָס דער אָפּשיין פון דער צעפלאַמטער מאָרגן־זון?... אָבער די פלאַמען גיבן זיך מיט אַמאָל אַ הייב און ווערן גרעסער, שטאַרקער, אָט!... עס פלאַצן פענסטער!...

די מענשן, וואָס גייען אויף דער זייט, האָבן זיך אומגעקוקט און זיך גענומען לויפן. עס איז געוואָרן אַ טומל, און באַלד האָבן זיך צעטראָגן שאַרפע, הילכיקע פייער־סיגנאַלן. די סיגנאַלן האָבן זיך מיט כּעס אַריינגעשפּאָלטן אינ'ם יונגן מאָרגן און זיך גענומען ברעכן איבער אַלע־מענס קעפּ. קאַרס אויף די גאַסן זיינען פּלוצלונג געבליבן שטיין אין מיטן וועג, — וואָגן ניט צו גיין ווייטער.

און זיי קירעווען זיך אָפּ פון דער גאַס און יאָגן זיך מיט אימפּעט וויי־טער און נאָך שנעלער.

און דער רויך האָט זיך גענומען רייסן פון די פענסטער וואָלקנווייז, זיך גענומען האַסטיק הייבן אַרויף. אויבן האָט זיך דער רויך צעשפּאָלטן צעשפּאַלטן-ווייטער... צוויפּגע־שלאָגן אין איין שטיק און איז אויף אַ ווײַלע געבליבן שטיין, ווי אָן אומ־געלומפּערטער גרויסער וואָלקן, זיך אויף אַ ווײַלע אומגעקוקט פאַר־וואונדערט און נאָכדעם זיך גענומען שפּרייטן איבער דער גאַס און גאַסן; האָט פאַרשטעלט די זון און זיך גענומען מאַכן זיין אייגענעם הימל.

פון ערגעץ טראָגט זיך אָן אַ רויטער פייער־וואָגן מיט רעטונגס־געצייג, מיט מוטיקע, געפּאַנצערטע פייערלייט, וואָס קוקן געוואַגט פאַר זיך. די פערד מיט די ווילד אויסגעשטרעקטע העלזער רייסן זיך, טראָגן דעם וואָגן מיט אַ פאַרצווייפלטער שנעלקייט, זייערע פערדישע עקן און די גריוועס הייבן זיך און פלאָנטערן זיך אין דער ווייס־בלויער לופט. אַ גרויסע פאַרע זעצט פון זייערע נאָזלעכער, וואָס זיינען צעשפּרייט ביז אין רויטן פלייש, און זייערע קרעפטיקע פערדישע לייבער ציען זיך אויס אַלץ לענגער, ווילדער, ווייטער. און עס דאַכט זיך, זיי שליידערן מיט כּעס פון אונטער זיך ווייט, ווייט אַוועק די ערד, די גאַס מיט אַלץ, וואָס אויף איר, און מענשן צעלויפן זיך אויף רעכטס און אויף לינקס...

די געזונטע פייער־לייט שפּרינגען אַראָפּ פון די פייער־וועגן, שפּאַנען אויף גיך אויס די צעהיצטע, פאַרשוויצטע פערד, מאַכן אויף שנעל פאַר־טיק דאָס געצייג און וואַרפן זיך אין פייער. און די ריזיקע רויטע פלאַמען, געמישט מיט שטיקנדן שוואַרצן רויך, זעצן אַרויס דאָ און דאָרט. און הונ־דערטער מענשן לויפן צעטראָגן און שרייען: פייער, פייער!

ד. איגנאַטאָוו

# אין סאָבוועי.

גאָלד איז די צייט אין דעם גאָלדענעם לאַנד.
גיט מען אַ קלונג און אַ הייב מיט דער האַנט,
קלאַפּן זיך טירן צו הילכיק און שנעל,
פליט דער עקספּרעס דורכ׳ן שוואַרצן טונעל
שנעלער פון ווינט און געשווינטער פון בליק.
פליען פאַרביי מיט דער וואַנט אויף צוריק
שטערן נאָך שטערן אין גרין און אין רויט,—
גרין איז דאָס לעבן, און רויט איז דער טויט.
לאָזט אַ סיגנאַל זיך פאָרויס אין געיעג,
וואַרפט ער און שליידערט ער אַלץ אויפ׳ן וועג;
רודערן רעדער אין ווילדן געלויף,
טראָגן זיך באַנען אַראָפּ און אַרויף,
ליכטיק ווי בליצן פאַרביי נאָכאַנאַנד—
גאָלדענע פייגל פון גאָלדענעם לאַנד.

משה לייב האַלפּערן.

# דאָס טענעמענט־הויז.

(באַשרייבונג).

1.

אַ טענעמענט־הויז אויף סאָפאָלק סטריט, ווי ס׳רוב טענעמענט־הייזער אין דעם ניו־יאָרקער אידישן קוואַרטאַל. אַ טונקל־גרויע, מגושמ־דיק־גרויסע, זעקס־שטאָקיקע געביידע. אין אַנדערע פענסטער לופטערן זיך קישנס; פון אַנדערע הענגען אַרונטער דאָ אַ ווינטערדיקע קאָלירטע דעקע און דאָרט אַ ווייסע לייַלאַך, אַ בגד פון אַ מאַן, אַ גלאַנציק זיידן אונטערקלייד פון אַ פרויענצימער, צי גאָר קינדערשע ווינדעלאַך. עס שטייט צווישן אַ רייע אַנדערע אַזוינע הייזער מיט קראָמען און קעלערס און „סטענדס״, מיט איין אַפּטייק פון איין זייט גאַס און אַ צווייטער פון דער אַנדערער... זעט אויס אַזוי גרוי און אומפריינטלאַך, ווי עפּעס אַ תפיסה, אַזוי ווי אַ שווערער אומעט וואָלט אין אים פאַרמויערט געווען...

עס פאַרשפאַרט דעם וועג דער זון, און אירע שטראַלן קענען זיך ניט דורכברעכן דורך זיינע הויכע שטיינערנע ווענט. עס פאַרהאַלט די לופט, און זעלטן־זעלטן אַמאָל גנב'עט זיך דורך אַ פריש ווינטעלע אין פענסטער אַריין. סיידן ווען אַ שטורעם ברעכט אויס, ווען איבער'ן דאַך טראָגט זיך אַ כמורער וואָלקן, און בליצן שלענגלען זיך, דונערן פּלאַצן, אַ רעגן רוישט און שמייסט אין די פענסטער, דורך וועלכע עס באַווייזן זיך הענט און פאַרשווינדן גלייך מיט די קישנס, דעקעס און די אַנדערע זאַכן, וואָס זיינען אַרויסגעהאַנגען, — שמייסט אין די פענסטער, אויף די שטיינערנע ווענט, און אַרום ציטערן און קלאַפּן די בלעכערנע שילדן פון די קראָמען, — דאַן האַלט ניט אויס דאָס טענעמענט־הויז דעם דאָזיקן מעכטיקן געדרענג, און שטראָמען פרישע לופט רייסן זיך אויף אַ ווייַלע אַריין אין זיינע קאָרידאָרן, אין זיינע צימערן דורך טירן און פענסטער...

אַזוי אָבער שטיקט דאָרט אין זיינע קאָרידאָרן און צימערן אַפילו ווינטער. אַן אייביקע האַלב־פינסטערניש לויערט דאָרט, אַזוי ווי אַ וואָלקן וואָלט אַמאָל אַהין פאַרבלאָנדזשעט, צעשפּרייט זיך איבער אַלע ווינקע־לאַך און פאַרבליבן דאָרט אויף תּמיד. און אַ באַזונדער גערוך, אַ ספּעציפיש טענעמענט־הויז גערוך, טראָגט זיך דאָרט איבער די האַלב־פינסטערע קאָרידאָרן.

שיינט די זון אין דרויסן, גיסט אַ רעגן, פאַלט אַ שניי, — קיין אונטער־שייד: דאָס מגושמ'דיק־גרויסע טענעמענט־הויז ענדערט ניט זיין פאַרגליווערטן, אומפריינטלאַכן, גרויען, שטיק־בלינדן אויסדרוק. אַרום אים גרינט ניט דער פרילינג, וואַקסט ניט דער זומער און וועלקט ניט, און פוילט ניט, און פרירט ניט דער הערבסט און דער ווינטער...

די שטיינער אַרום בליען ניט, גרינען און וואַקסן ניט. און פון קיין ביימעלע צו גרעזעלע אין קיין סימן נישטאָ... הינטער זיינע ווענט רוט קיינמאָל ניט. דאָס לעבן קאָכט דאָרט, טומלט און לאָזט זיך הערן. תּמיד הערט זיך זיין קול פון דאָרט, זיין געלעכטער און געזאַנג, זיין זיפץ און קרעכץ. אַפילו אין די שפּעטסטע שטונדן פון נאַכט הערט זיך דאָרט דער קול פונ'ם לעבן. אַ קינד האָט זיך צעוויינט. אַ קוואַר־טיראַנט האָט זיך פאַרטאָג צוריקגעקערט פון אַ באַל, הערן זיך זיינע הילכנדיקע טריט איבער די טרעפּ, זיין קלאַפּ מיט דער טיר. אַמאָל שטאַרבט דאָרט אין מיטן נאַכט עמיצער, הערן זיך יללות. אַ דאָק־טער גייט אַרויף די טרעפּ, אַ דאָקטער גייט אַרונטער די טרעפּ. אַ טיר טוט אַ קלאַפּ דאָ אויף דעם שטאָק, דאָ אויף אַן אַנדערן. אַ שליאָפּען פון באָרוועסע פיס דערהערט זיך, אַ הוסט, אַ פאַרשלאָפענער גענעץ... און פון דער טיר אַנטקעגן טראָגט זיך אַ הייזעריק רוישן פון אַ מאַשין. דאָרט אַרבעט אַ בלייכע פרוי, אַ מאַמע פון עטלאַכע קליינע קינדער, ווייל איר מאַן, דער ברויט־געבער, איז אין שפּיטאָל. זי האָט אַרויסגע־

קראָגן קינדערשע קליידלאַך פון אַ שאַפּ און אַרבעט ביינאַכט, ווייל ביי־טאָג איז זי פאַרנומען מיט׳ן הויז און מיט די קינדער. און אויפ׳ן שטאָק העכער טראָגט זיך איבער׳ן קאָרידאָר פון איין טיר אַ שווערער כראָפּן און נערוועזע טריט איבער׳ן צימער הין און צוריק, הין און צוריק... דאָרט וואוינט אַן אָרימער, יונגער אידישער דיכטער ביי אַן אַרבעטער־פאַמיליע. דער מאַן, דער אַרבעטער, שלאָפט איצט נאָך אַ שווערן טאָג האָרעווען אינ׳ם שאַפּ און פייפט און כראָפּעט. דער יונגער דיכטער איז אין זיין צימער געזעסן און געדיכטעט וועגן בלומען און טייכלאַך, לבנה־שיין און נאַכטיגאַל־טרעלן; האָט פלוצים דאָס כראָפּן זיין רוח־הקודש פאַרטריבן, זיין יום־טוב׳דיקע שטימונג דערשטיקט. לויפט ער אַרום איבער׳ן צימער, צופּט זיך נערוועז די שוואַרצע האָר און קוקט אַרום זיך פאַרצווייפלט...

און גאַנץ אויבן, אונטער׳ן דאַך, אויפ׳ן זעקסטן שטאָק, הערן זיך פון אַ טיר אַנדערע טריט, לאַנגזאַמע, אַזוי ווי עמיצער וואָלט דאָרט די פּאָדלאָגע געמאָסטן מיט טריט. אַ יונגער מאַן גרייט זיך צום קאָלעדזש... בייטאָג אַרבעט ער, האָט ער קיין צייט ניט צו לערנען; גייט ער איצט אַרום איבער׳ן צימער לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, טריט ביי טריט, מיט׳ן בוך אין די הענט, די אויגן מיד, רויט, און זוברעט, זוברעט, ציט די ווערטער מיט אַ פאַרשלאָפענעם קול...

און אין די הייסע זומער׳דיקע נעכט, ווען זיינע איינוואוינער, די הונדערטער נפשות, פילן, אַזוי ווי שטיינערנע ווענט וואָלטן זיי געשטיקט מיט זייער גאַנצער שווערער משא,—דאַן באַוועגט זיך דאָרט נאָך מער. די טירן קלאַפּן אָפטער. נאָכאַנאַנד הערן זיך טריט איבער די קאָרידאָרן, איבער די צימערן, באַרוועסע און אין שיך... אַן אָכצען טראָגט זיך פון אויבן און פון אונטן, אַ שילטן, אַ זידלען... מע זוכט לופט און שלאָף אויפ׳ן דאַך, אויפ׳ן „פייער־עסקייפּ", אונטן, אין דרויסן, לעבן הויז, קעגן די פעסלאַך מיסט, וואָס די טענעמענט־הייזער האָבן אַרויסגעשטעלט פאַר די מיסט־וואָגנס. מען זוכט דעם אָטעם אָפּצוכאַפּן, אַ טראָפּן לופט, דעם ברענענדיקן קערפּער צו קילן. מען ווערט דערשטיקט! די קליינע עופ׳עלאַך, נעבאַך, שרייען. די אויסגעמוטשעטע מאַמעס זיינען הילפ־לאָז. די פאַרמאַטערטע טאַטעס בייזערן זיך...

פיר און צוואַנציק פאַמיליעס וואוינען דאָרט, צו פיר פאַמיליעס אויף אַ שטאָק, מיט זייערע קוואַרטיראַנטן און קוואַרטיראַנטקעס צוזאַמען אַ צוויי הונדערט נפשות. די צימערן זיינען קליינע אָפּגעצוימטע קעסטלאַך, לענגלאַכע און פירעקיקע, צו פיר און פינף פאַר אַ פאַמיליע. די פאַפירענע טאַפּעטן אויף די ווענט זיינען פאַרפלעקט, צי פון פעטס, צי פון שוויים, צי אפשר גאָר פון טרערן... די אייגענע ענגשאַפט און האַלב־טונקלהייט אין אַלע צימערן... די אייגענע בלינדע, גרויע וואַנט

פון אַ צווייטן טענעמענט־הויז אין די פענסטער פון די הינטערשטע צי־מערן...

אידישע אימיגראַנטן וואוינען דאָ: אידן פון ליטע, פון פוילן, פון זיד־רוסלאַנד, פון גאַליציען און רומעניען. ס'רוב אַרבעטער־מענער און אַרבעטער־פרויען. אויף יעדן שטאָק, הינטער יעדער טיר אַן אַנדערע פאַרגאַנגענהייט, אַ באַזונדערע געגנוואַרט, אַן אַנדערע לעבנס־פּאַסירונג, אַ באַזונדערע עקזיסטענץ: דאָ אַ טרויעריקע, אַן אויסגעפּאַטשטע, אַ פאַרוואונדעטע, אַ האָפנונגסלאָזע, און דאָרט אַ פרייליכע, אַ זוניקע, אַ טרוימענדע, פול האָפענונגען און דערוואַרטונגען. דאָ און דאָרט מענשן פון פאַרשיידענער עלטער, פאַרשיידענע כאַראַקטערס און טיפּן. דאָ דערהערט זיך פון אַ טיר אַ ליטווישער אידיש און דאָרט אַ פּוילישער; דאָרט שטייען אין קאָרידאָר אַ מאַן און אַ פרוי און רעדן אויף וואָלינישן אידיש און דאָרט שילט זיך אַ פרוי אויף גאַליציאַנישן אידיש... אָפטער הערט זיך דער אַמעריקאַניזירטער אידיש, אָפט דער פאַראידישטער ענגליש, אויסגעמישט מיט ווערטער פון דער גאַסן־שפּראַך.

מענשן פון פאַרשיידענע לענדער און שטעט פאַרבאָרגן די דאָזיקע הויכע, גרויע, שטיינערנע ווענט פון דעם טענעמענט־הויז: מיוחסים און נגידים און פּשוט'ע מענשן און קבצנים פון דער אַלטער היים; איידעלע מענשן און גראָבע, היימישע למדנים און עם־הארצים. טאַטע־מאַמעס מיט קינדער, וואָס זיינען אַ נחת פאַר זייערע הערצער, און מיט קינדער, וואָס הלוואַי וואָלטן זיי גאָר ניט געבאָרן געוואָרן. אַלטע און יונגע, מיאוס'ע און שיינע זוניקע פּנים'ער פון מיידלאַך, וועלכע זיינען באַגאָסן מיט פרילינגס־צויבער, און בלייכע, פאַרוועלקטע פּנים'ער פון פרויען, אויף וועלכע עס שוועבט דער שאָטן פון אַ מיד לעבן. פאַר'חלומ'טע אויגן פון יונגע לייט, אין וועלכע דער געדאַנק לייכט, און טעמפּע אויגן פון אויסגעמאַטערטע אַרבעטער, אין וועלכע דער געדאַנק איז שוין לאַנג פאַרלאָשן. אַ פרעכער, טירישער פּנים פון אַ יונגנמאַן אַ באַנדיט, און אַן איידעלער, פאַרטראַכטער פּנים פון אַ קאַלעדזש־סטודענט, — דאָס אַלץ פאַרבאָרגן די הויכע, גרויע, שטיי־נערנע ווענט פון דעם טענעמענט־הויז

* * *

פאַר זעקס אינדערפרי. דאָס טענעמענט־הויז האָט זיך אינגאַנצן אויפגעכאַפּט מיט אַ טומל. אויף יעדן שטאָק קלאַפּן טירן, הערן זיך טריט, שטימען. עס קומען מענשן פון דעם טענעמענט־הויז אויף דרויסן אַרויס מיט'ן דרימל נאָך אויף די געזיכטער, מיט פּעקלאַך אונטער'ן אָרעם, איינציקווייז, פאַרווייז און צו עטלאַכע מיט אַמאָל, אַלטע און יונגע, מענער און פרויען, בחורים און מיידלאַך קומען אַרויס און מישן זיך אויס מיט די אַנדערע מענשן, וואָס שטראָמען פון אַלע טירן,

אַלע עקן גאַסן... און עס וואַקסן די לעבעדיקע שטראָמען און הייבן אַ טומל אין דער אינדערפריענדיקער לופט, פאַרפלייצן די טראָטואַרן און די גאַסן און ציען זיך צווישן פערד און וועגלאַך, צווישן אויטאָמאָבילס, מישן זיך ווידער אויס מיט די טונקעלע, געדיכטע לעבעדיקע שטראָמען פאַר זיי, פילן אָן די טראַמווייען אויף די גאַסן, ציען זיך איבער די טרעפּ צו דער עלעווייטעד באַן אין דער הייך, טראָגן זיך צו דער באַן אונטער דער ערד און ווערן פאַרלאָרן מיט אַ דומפּן טומל אין די ווייס־געמויערטע לעכער...

עס קלינגען די טראַמוואַיען, געפּאַקט מיט טענעמענט־הויז־איינוואוי־נער; עס טראָגן זיך די וואַגאָנען אויבן, פול געפּאַקט מיט די זעלביקע מענשן; עס פליען און הודזשען די וואַגאָנעס אונטער דער ערד, געפּאַקט מיט די אייגענע פּאַסאַזשירן.

און שפּעטער וואַרפן אַרויס די טראַמוואַיען און די וואַגאָנעס גרויסע כוואַליעס פון אָט די דאָזיקע מענשן אויף די עקן גאַסן, אויף די סטאַנ־ציעס... און די דאָזיקע מענשן צעשפּרייטן זיך דאָן איבער די גאַסן, וואו די פאַבריקן שטייען, מישן זיך אויס מיט די כוואַליעס מענשן פון אַנדערע געגנטן, פון אַנדערע נאַציאָנען...

די פאַבריקן שוויגן, די שוואַרצע טירן ברייט געעפנט פאַר די לע־בעדיקע כוואַליעס, וואָס טראָגן זיך אַהין, טראָגן זיך און טראָגן און ווערן דאָרט פאַרלאָרן.

ווערט אויף די גאַסן ליידיק, ווערן די שוואַרצע טירן געשלאָסן, דער־הערט זיך באַלד דער מעכטיקער און בייזער ליאַרעם פון די פאַבריקן. פון אַלע פענסטער טראָגט זיך דער דאָזיקער ליאַרעם, פון אַלע עטאַזשן, פון אויבן און פון אונטער דער ערד...

דאָס ליאַרעמען אַזוי די כּוחות פון די טענעמענט־הויז־איינוואוינער, דאָס ליאַרעמט אַזוי זייער אַרבעט.

האַלב ניין אינדערפרי... עס ציען זיך קינדער פון דעם טענעמענט־הויז אין דרויסן אַרויס, מישן זיךאויס מיט די קינדער פון די אַנדערע טענעמענט־הייזער, און די לופט הילכט פון זייערע געשרייען און שטיפע־רישן געלעכטער... זיי ציען זיך צו די גרויסע, ליכטיקע געביידעס, וואָס שטייען מיט ברייט־געעפנטע טירן. די קינדער גייען און גייען אין די ליכ־טיקע טירן אַריין און באַלד ווערן זייערע קינדערשע טריט פאַרלאָרן הינטער די ווענט פון די דאָזיקע געביידעס — די שטאָטישע שולן...

אַ פּ י ל ו דאָן איז אין דעם טענעמענט־הויז אויך ניט שטיל. די גאַס שרייט צו אים אַרויף. אָן ע ו פ ׳עלע וויינט; עס איז אַרונטערגעפאַלן פון אַ שטול, שלאָגט עס נאָך די מאַמע און שרייט אויף דעם מיט טרערן אינ׳ם קו ל. אַ ש כ נ ה מיט אַ ש כ נ ה האָבן זיך פאַר עפּעס צעקריגט, שטייט יעדע פון זיי אין איר אָפענער טיר, דעם קאָפּ מיט די צעפּאַטלטע האָר

אַרויסגערוקט איינע קעגן דער אַנדערער, מאַכן מיט די הענט און שילטן זיך מיט אַזוינע ווילדע קללות, זאָל מען דאָס אויף ווייסטע פעלדער זען!

אַזוי ביז פאַרנאַכט...

פאַרנאַכט ציט זיך צוריק דער מענשן־שטראָם איבער די גאַסן, ציט זיך פון אויבן, פון די עלעווייטעד־סטאַנציעס, פון די ווייס־געמויערטע לעכער פון אונטער דער ערד, פון די טראַמוואַיען, ציט זיך פון אַלע זייטן גלייך נאָך די האַלב־טונקעלע טירן פון די טענעמענט־הייזער...

אויף די גאַסן צינדן זיך אָן די עלעקטרישע לאַנטערנעס. פון די קראָמען און רעסטאָראַנען ווינקען שוין פייערלאַך, און דער מענשן־שטראָם טראָגט זיך נאָך...

אונזער טענעמענט־הויז הילכט איצט. אויף יעדן שטאָק ברענט אין קאָרידאָר אַ געז־ברענער. פון יעדער טיר הערט זיך אַ טומל: דאָ אַ קלינגען פון געשיר, דאָרט אַ געשריי פון קינדער, דאָ אַ געלעכטער און דאָרט גאָר אַ געוויין... הינטער יעדער טיר אַ באַזונדער וועלטל.

לעאָן קאָברין.

# מאַרקס וועגן בירגער־קריג.

אַן אָליגאַרכיע, אַ באַנדע פון דריי הונדערט טויזנט שקלאַפן־איי־גנטימער, האָט געהאַט די העזה אויפצוהייבן די פאָן פון אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד אין'ם נאָמען פון שקלאַפעריי און אונטערדריקונג.

געגוייע הונדערט יאָר צוריק האָט אויף דער זעלבער ערד אויפגע־בליט די אידייע פון דער ערשטער גרויסער דעמאָקראַטישער רעפוב־ליק. אויף דער זעלבער ערד איז דאַן פאַרעפנטלאַכט געוואָרן די ער־שטע „דעקלאַראַציע פונ'ם מענשנס רעכט". און אין דעם זעלבן לאַנד איז דאַן געגעבן געוואָרן דער ערשטער שטויס דער אייראָפּייאישער רע־וואָלוציע פון 18־טן יאָרהונדערט.

איצט, ווען אויף אָט דער ערד האָט די קאָנטר־רעוואָלוציע אָן בושה און חרפה פאַרעפנטלאַכט פאַר דער וועלט, אַז לייב־אייגנ־טום און שקלאַפעריי איז דער ווינקל־שטיין פון דער נייער געביידע, האָט דער אַרבעטער־קלאַס אין אייראָפּע גלייך פאַרשטאַנען, אַז דער בונט פון אָט די שקלאַפן־אייגנטימער איז אַ קריגס־רוף צו אַן אַלגעמיינער היי־ליקער מלחמה פון אייגנטום געגן אַרבעט. מיר, אַרבעטער, האָבן אויך פאַרשטאַנען, אַז אין אָט דעם מורא'דיקן צוזאַמענשטויס אויף יענער זייט אַטלאַנטיק זיינען איצט געשטעלט אין שפּיל אַלע האָפענונגען אונזערע אין דער צוקונפט צוזאַמען מיט אַלע נצחונות אונזערע אין דער פאַרגאַנגענהייט.

קאַרל מאַרקס.

# קענטאָקי.

(פּאָעמע).

## 1. נאָכ׳ן בירגער־קריג.

ברייט, אָפן, פריי געלעגן איז דאָס לאַנד,
געצויגן זיך צו ווייטע האָריזאָנטן.
פון אַלץ אַרום האָט הייס און פרעמד געשלאָגן
אַן אומבאַקאַנטער טראָפּישער געשמאַק
פון בליאונג און צעפּוילטקייט. איבער דעם
האָט זיך געבויגן כוואַליענדיק און ראָז
דער הימל דער פאַרנאַכטיקער פון דרום־לאַנד.
און ס׳איז די גאַנצע לאַנדשאַפט אויסגעוואַקסן
אַ ליכטיקע, אין זיך אַליין פאַרשלאָסענע,
מיט רויטע ביימער און מיט ראָזע פלאַכן.
און פון דעם בלויען מזרח־האָריזאָנט
און מיט׳ן פּנים צו דעם ברענענדיקן מערב —
איז מיט׳ן רויטן טראַקט דער וואַנדערער
געקומען מיט׳ן פּאַק אויף זיינע פּלייצעס.
די הויכע ביינערע פיגור געבויגן,
טראַמפּ־טראַמפּ, טראַמפּ־טראַמפּ, אין ווייכן רויטן זאַמד,
פון קאָפּ ביז צו די פיס, פון אַלטן קעסלהוט
און ביז די האַרטע איינגעדאַרטע שטיוול —
פאַרבאַקן אין דעם מעליק־ווייסן שטויב;
זיין געל און שפּיציק בערדל אָפּגעברענט פון זון,
די אויגן אָנגעשטרענגט, מיט בלוט פאַרלאָפן,
מיט גאָר דעם צער אין זייער ראָזער טיפקייט, —
טראַמפּ־טראַמפּ, טראַמפּ־טראַמפּ, אין ווייכן רויטן זאַמד.

איז געקומען דער איד פון דער ווייט אין דער פרעמד,
מיט די וואונדיקע פיס, מיט׳ן האַרצן, וואָס קלעמט,
מיט׳ן פּאַק אויפ׳ן פּלייצע, מיט שטעקן אין האַנט,
אין דעם נייעם און פרייען און ריזיקן לאַנד.

איז ער געגאַנגען, און געגאַנגען, און געגאַנגען —
ביז עס האָט פּלוצים ביי דעם אויסבייג פון׳ם וועג
דער ישוב פאַר די אויגן אויפגעפּראַלט:
פון בלויער שטילער פינסטערניש פון וואַלד און פעלד
האָט פּלוצים, אומגעריכט, אַ שלאָג געטאָן

מיט קלאַנג, געזאַנג און רויטע פייערן.
דאָס פאָלק פון אַלע נידעריקע הייזלאַך
געווען איז אויסגעשאָטן, קינד און קייט
אין מיט׳ן גאַס אַרום די פייערן:
עס האָט געפייפט, געקלאַפּט אין מעש און בלעך,
געצימבלט אויף באַנדורעס און געזונגען;
געטאַנצט משונה׳דיקע ווילדע טענץ
מיט יעדן גליד פון קערפּערס פון האַלב־נאַקעטע.
ווילד, רויט, ביים רויטן שיין פון פייערן,
האָבן געגלאַנצט די שוואַרצע פּנימ׳ער,
מיט רויט־פאַרצויגענע און שווערע אויגן.
דער פייערדיקער היימישער געברייטער טרונק
איז אומגעגאַנגען הייס פון מויל צו מויל.
און שווערע נעגערטעס מיט רויטע אוירינגען,
זיי האָבן הייזעריק און הייס געקאַטשעט זיך,
געפּאַטשט זיך אין די היפּטן פון געלעכטער.
און קינדער נאַקעטע, מיט קעפּ פון שוואַרצן וואָל,
זיי זיינען איבער פייערן געשפּרונגען,
ווי יונגע וואַלדיקע און ווילדע מאַלפּן,
און אויפגעהויבן וואָלקנס שטויב, אַרויף
צו דעם פאַררויטלטן און שוואַרצן הימל.
עס האָבן גרויסע שוואַרצע הינט געבולן,
און פעטע קעץ געדרייט זיך אין געווימל.
און דורך דעם רויטלאַך־שוואַרצן נעבל איז דער איד
אַדורכגעגאַנגען מיט׳ן שווערן פּאַק —
און מאָדנע נאָנט, באַקאַנט פון אַלטער צייט,
איז אים דאָס פאָרגעקומען: ס׳איז געווען
ווי ער וואָלט דאָס מיט יאָרן פיל צוריק
אַליין עס דורגעלעבט און דורכגעמאַכט.
איז ער געגאַנגען דורכ׳ן רויטן שטויב,
און ס׳האָבן פרעמדע הינט אים נאָכגעבולן,
און שוואַרצע קינדער האָבן נאָכגערופן,
און שווערע ווייבער האָבן נאָכגעלאַכט,
און רויטע אויגן האָבן נאָכגעגלאַנצט —
ביז ער איז דורך דעם רויטן ווילדנלאַגער
אַרויס צום שוואַרצן פעלד, וואו ס׳ציען זיך
די אַלטע נידעריקע פאַרם־הייזער,
אַראָפּגעלאָזט דעם פּאַק פון זיינע פּלייצעס,
און אָנגעקלאַפּט אין ערשטער בעסטער טיר.

האָט זיך פון הויז דערטראָגן אַ גערודער:
דער שווערער ריגל האָט זיך לייז געמאַכט,
די טיר האָט זיך געעפנט פּאָרזיכטיק,
און אין דעם שוואַרצן ח ל ל פון דער טיר
האָט זיך אַ הויכע ווייסע מענערשע פיגור
באַוויזן, מיט'ן שוואַרצן רער פון ביקס
פאָרויס אַרויסגעשטעלט, און ס'האָט אַ ק ו ל,
אַ הייזעריק, פאַרשלאָפן ק ו ל געשיפּעט:
ווער ביסטו?—האָט דער מאַן פון פּאַק געענטפערט:
„אַ איד, וואָס זוכט וואו צושפּאַרן דעם קאָפּ.
כ'בין אויסגעמאַטערט פון דעם שווערן וועג".
— ווי קומסטו דאָ? — „איך טראָג מיין האַנדל מיט,
די נאַכט איז צוגעפאַלן, איך בין מיד,
די פיס זיינען אין וואונדן, לאָז אַריין,
וועל מאַכן אַ געשאַנק דיין וייב פון פּאַק".—
האָט זיך די רער פון ביקס אַראָפּגעלאָזט.
דאָס ק ו ל האָט ווייכער אויסגעקלונגען: וואַרט.
דערנאָך איז די פיגור אין ווייס אַרויסגעקומען,
אין האַנט אַן אָנגעצונדענע לאַמטערן,
האָט ביז צום אידנס אויגן צוגעטראָגן
די ברענענדע לאַמטערן, אים באַקוקט
פון אויבן ביז אַראָפּ און צוגעוואָרפן: קום.
האָט ער אים אין דער שטאַל אַריינגעפירט,
אים אָנגעוויזן אויף אַ באַרג מיט היי,
אַ זאָג געטאָן מיט האַרץ: „דו זאָלסט ניט רייכערן,
„ווּעסט נאָך אָוועקשיקן די שטאַל מיט פייער
„צוזאַמען מיט'ן פּאַק און מיט די ב ה מ ו ת.
„גיב אַכטונג". — זיך אַרויסגעשלייכט פון שטאַל,
פאַרשליסנדיק דעם טויער הינטער זיך.

## 2. פ ר י מ אָ ר ג ן.

דער ג ו י האָט אויפגעפראַלט די טויערן פון שטאַל,
און ס'האָט אַ שפּריץ געטאָן אין קילער שטאַל
מיט רויטן ליכט פון אויפגייענדער זון.
איז אָנגעקומען שטיל די באַלעבאָסטע
אין געלן שטרוי־הוט מיט די ברייטע ראַנדן;
האָט זי פריש־מאָרגנדיק באַגריסט דעם פרעמדן,
אַ בלישץ געטאָן אויף אים מיט גוטע אויגן,

מיט אָפענעם און זון־פאַרברענטן פּנים,
מיט ווייסן לייוונט פון דעם שטויביק קלייד —
און זיך אַראָפּגעזעצט די קו צו מעלקן.
דער גוי האָט אים אַרויסגעפירט צום ברונים,
און אַז דער פרעמדער האָט זיך אָפּגעפרישט
מיט קאַלטן קלאָרן וואַסער, איז די טאָכטער
אַנטקעגן שוין געקומען מיט'ן האַנטוך
פון היימיש גראָבן ווייסן ליין געשפּונען.
דאָס קליינוואַרג מיט'ן פינגער אין'ם מויל,
מיט שטעכיק־ווייסן האָר און בלויע אייגלאַך —
זיי האָבן שרעקעדיק דעם פרעמדן נאָכגעקוקט,
געביטן זיך, ווי גענז, אויף ברוינע פיסלאַך,
געקניפּן איינס דאָס אַנדערע, געשטופּט זיך.
ביז ס'האָט דער באַלעבאָס זיי אָפּגעיאָגט
און איינגעלאַדט דעם פרעמדן צונ'ם טיש.
האָט אים דער איד באַדאַנקט, דערקלערט דעם גוי,
אַז פריער מוז ער דאַווענען, לויבן גאָט.

האָט ער זיך איינגעוויקלט אין דעם טלית,
אין גרויסן טלית מיט די שוואַרצע פּאַסן,
זיך אָנגעטאָן אין די פירעקנדיקע קעסטלאַך
מיט הענגענדיקע שוואַרצע רימענדלאַך, —
איז מאַן און ווייב און קינד געבליבן שטיין
פאַרוואונדערט און פאַרגאַפט. דער מאָדנער מענש
האָט אומגעקערט זיך מיט'ן פּנים צו דער וואַנט,
פאַרמאַכט די אויגן זיינע, און מיט ברען
געוויגט, געוויגט דעם ביינערדיקן גוף.
דערנאָך האָט ער פון ס'ניי די הענט געוואַשן,
האָט ווידער אָפּגעזאָגט אַ קורצע תּפילה,
ערשט דאַן גענומען איינברעכן דאָס ברויט.
צום פלייש אַפילו זיך ניט צוגערירט,
געזעסן מיט'ן היטל אויפ'ן קאָפּ,
און האָט געטונקט דאָס שוואַרצע ברויט אין מילך.
האָט זיך דער באַלעבאָס מיט אים צערעדט,
גע'חידוש'ט זיך אויף אַלע וואונדערלאַכע זאַכן,
וואָס ער האָט דאָ צום ערשטן מאָל דערזען.
ער איז, זאָגט ער, שוין אויסגעווען אַ וועלט
און נישט געזען, און נישט געהערט אַזוינס.

דעם בגד מיט'ן פּאַס פאַרשטייט ער נאָך,
נאָך וואָס אָבער די קעסטלאַך מיט די רימענס?
און דאַוונען אַלע אידן פונקט ווי ער?
אויף דעם האָט זיך דער איד צעשמייכלט שטיל:
אַ פרומער איד, האָט ער דעקלערט, באַדאַרף
צו טאָן ווי ס'שטייט אין אַלטן טעסטאַמענט,
ווי גאָט האָט מאָזעסן זיין קנעכט באַפוילן.
האָט זיך דער גוי ניט אויפגעהערט צו חידוש'ן,
געהאַלטן אין איין טענה'ן, אַז ער האָט
ביז היינט צו טאָג אַזעלכעס ניט געהערט.
און ווען עס איז געקומען נאָך דער סעודה,
און ס'האָט דער איד געשלאָסן זיינע אויגן,
גענומען ווידער שעפּטשן שטילערהייט, —
דאָ האָט דער גוי צום ווייב זיינעם געוואונקען:
אַ פרומער מאַן, ער האַלט נאָר אין איין דאַוונען.

נאָר אַז דער ערשטער וואונדער איז פאַרביי,
דאַן האָבן זיך די מענשן היימישער דערפילט.
דער גוי האָט ברייטלאַך, אויפגעלייגט, פאַררויכט
די קורצע שוואַרצע ליולקע, און דער איד
האָט זיך צערעדט, אַראָפּגערעדט פון האַרצן.
ער קומט ,זאָגט ער, פון גיהנם, פון אַ שטאָט
וואו מענשן לעבן ניט, נאָר פאַלן אינ'ם יאָך;
ער האָט געפּלאָגט זיך אין דעם ווילדן כּרך,
געשניידערט פּופּצן לאַנגע שעה אין טאָג.
זיך אומגעוואַלגערט אין אַן ענגער לאָך,
קיין טראָפּן לופט, קיין פּיצל שיין געזען.
האָט אָנגעהויבן טריקענען זיין לייב,
און איטלאַך ביין זיינס האָט דערשפּירט דעם טויט.
האָט אין זיין האַרצן אָנגעהויבן וויינען
אויף זיך אַליין, אויף זיינע יונגע יאָרן,
און זיין דערבאַרעמונג האָט זיך געוועקט
צו די יתומים זיינע לעבעדיקע,
וואָס ער האָט יאָרן לאַנג שוין ניט געזען
אין וואָגלעניש צו זוכן ס'שטיקל ברויט.
האָט ער זיך מיט'ן פּאַק געלאָזט אין וועג.
דאָ האָט ער כאָטש אַ הימל איבער זיך,
די וועלט איז ברייט, און מענשן זיינען גוט,
אַ איד ווערט ניט פאַרפאַלן, ווי זיי זעען.

דער גוי האָט שטיל, געלאָסן, אַלץ געפּיפּקעט,
זיך צוגעדעקט מיט פּאָרהאַנגען פון רויך,
אַריינגעשטעלט אַ ווערטל דאָ און דאָרט,
און ס׳האָט די גוי׳ע זיך געווישט די אויגן.
וואָס דען, זאָגט ער, אַ איד לעבט מיט ביטחון,
ער גלויבט, אַז אים וועט אויך ניט גאָט פאַרלאָזן.
און וואָס פאַרלאַנגט ער דען: עשירות? געלט?
ער וויל זיך בלויז דערשלאָגן צו׳ן אַ ברעג
און וויסן, אַז דאָס איז דער פּלאַץ פון רו,
וואָס גאָט האָט אים באַשערט. ער איז שוין מיד,
אַ יעדעס גליד זיינס שרייט און לעכצט נאָך רו,
אַן אייגענעם דאַך, אַן אייגן ווינקל זיינס.
ער גאַרט נאָך אַרבעט מיט׳ן שווייס פון פּנים,
ער זוכט דען מערער ווי דאָס שטיקל ברויט?
ער האָט, זאָגט ער, געוואַנדערט אין דער לענג און ברייט
פון גרויסער נייער וועלט. דאָס לאַנד איז רייך,
איז פריש און יונג, די מענטשן זיינען רוי,
דערפאַר באַהאַלט זיך אונטער זייער שאָלאַכץ
אַ האַרץ אַ גוטס מיט מיטגעפיל צום פרעמדן.
ער האָט געזען, זאָגט ער, די ערשטע אידן
באַזעצן זיך צווישן קריסטן־שכנים,
פאַרנעמען זיך מיט האַנדל פון׳ם לאַנד.
מען קויפט אַ פעל, אַ בינטל וואָל און פוטערוואַרג:
מעטאַלן זיינען דאָ לרוב – מען האַנדלט,
מען אַרבעט פלייסיק און מען האָט חיונה.

דער גוי איז שטיל געזעסן און געטראַכט,
אַריינגעקוקט אין אידנס מידן פּנים,
געלאָסן אויפגעשטעלט זיך פון זיין זיץ,
אַרויסגעקלאַפּט די גרויע אַש פון ליולקע,
און אָנגעקלאַפּט דעם אידן אויפ׳ן פּלייצע:
זאָלסט היינט פון דאַנען ניט אַוועקגיין, איד,
איך וועל זיך היינט צונויפטרעפן מיט שכנים,
מען וועט זיך דורכרעדן מיט זיי, מ׳עט זען.
און צוגעשריגן פון׳ם שוועל צום ווייב:
ניט לאָז דעם אידן רירן זיך פון פּלאַץ!

## 3. דער סוף פון פּאַק.

אַז ס'האָט דער טאָג דערנענטערט זיך צום סוף,
און שטראַלן זיינען ראָז און קרום געפאַלן,
דאַן זיינען זיך צונויפגעקומען שכנים.
עס זיינען אָנגעקומען שווערע באַלעבאַטים
מיט די פאַרגרעבט־מגושמ'דיקע הענט,
מיט רויט־פאַרפלאָמטע פנימ'ער און קאַרקן.
און אַלע אין די ברייטע ווייסע פלודערן,
מיט העמדער ברייט־צעקנעפּלטע ביים האַרצן,
מיט ברייטע הויכע שטרוי־היט אויף די קעפּ.
דער איינציקער, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט,
געוועזן איז דער הויכער דינער פּאַסטאָר,
געקליידט אין שוואַרצס, פאַרשפּיליעט ביז צום האַלז
אויף אַלע קנעפּ. און נאָך די מענער זיינען
די פרומע, שטילע ווייבער נאָכגעקומען
מיט דינע און פאַרשנירטע ליפּן,
צוריקגעצויגענע און שטילע; נאָר די אויגן—
זיי האָבן נייגעריק און פלינק געדעדט,
געגליטשט זיך פון איין פּנים אויפ'ן צווייטן.
האָט מען זיך אויפ'ן גאַניק אויסגעזעצט,
די מאַנסלייט פאַר זיך, און די ווייבער פאַר זיך,
און באַלד האָט אָנגעהויבן גיין אַ רויך,
פון וויפיל מענער פונקט אַזוי פיל רייכלאַך,
(ס'האָט נאָר פון דינעם פּאַטסאָר נישט גערויכט).
די באַלעבאָסטע האָט געבראַכט פון קעלער
דעם שווערן קרוג מיט קאַלטן עפּלטרונק,
וואָס האָט געבלעזלט ביז די שוואַרצע ראַנדן,
איז אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן,
באַדינענדיק די רויכנדיקע געסט.
דער איד, דער פרעמדער וואָס ער איז, איז שטיל
און פרעמד געזעסן צווישן פרעמדן עולם,
האָט שעמעוודיק פון ווינקל־אויג באַטראַכט
די דעמבענע און איינגעוואָרצלטע אין גרונט,
די שווערע בעלי־גופים מיט די קאַרקן—
האָט ער זיך אומבאַהאָלפן, שוואַך, דערשפּירט,
האָט אים שוין באַנג געטאָן דער גאַנצער עסק.
איז ער געזעסן אומעטיק, פאַרקלערט,

דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, דעם קאַרק געבויגן
און ניט געוואַגט די אויגן אויפצוהייבן.
האָט אָנגעהייבן שטיל דער באַלעבאָס
צו ריידן: ש כ נ י ם, — האָט ער אָנגעהייבן, —
איך האָב אייך אַלעמען דערציילט פון אידן,
אָט זיצט ער דאָ אַ פרעמדער צווישן אונז;
וואָס קאָן מען פאַר אים טאָן? — דאָ האָט דער פּאַסטאָר,
אַ שטילער, אַ געלאַסענער זיך אָנגערופן:
„צוערשט לאָמיר דעם אידן אויסהערן,
און נאָכדעם וועט מען זען." — איז דאָס געפעלן,
און אַלע האָבן צוגעברומט: גערעכט, גערעכט.
האָט זיי דער איד דערציילט זיין מ ע ש ה פון דאָס ניי.
גערעדט אויף זיין געבראָכן אויסגעמאַטערט ק ו ל,
נאָר מער פון אַלץ האָט זיי גערירט דער צ ע ר,
וואָס האָט אַרויסגעוויינט פון זיינע אויגן,
דער שטומער אָפּטער זיפץ, וואָס האָט באַגלייט
די נאָנטע ווערטער מיט דער פרעמדער אויסשפּראַך
און מיט דעם פרעמדן נ י ג ו ן. נאָר דער צ ע ר
פון עלנדן און היימלאָזן האָט זיך געשפּירט
אין יעדן טאָן, אין איטלאַך אומפאַרשטענדלאַך וואָרט.
און אַז דער איד האָט אויפגעהערט צו רעדן,
איז מען אַ וויילע געזעסן שטיל: די קעפּ
געבויגן אין דעם רויטן אָוונטשיין,
און האַרץ האָט שטום גערעדט צו האַרץ. פאַרהאַרטעוועט,
פאַראייזנט ווי זיי האָבן אויסגעקוקט,
האָט דאָך געענטפערט זייער האַרץ אויף לייד,
ווייל זיי אַליין האָבן אין פריער קינדהייט
געוואוסט דעם ט ע ם פון עלנד און פון לייד:
געהערט פון פאָטערס און פון אַלטע ווידעס,
די ערשטע פּיאָנערן פון דעם קאַמף
אויף טויט און לעבן מיט דעם רויטן מאַן,
פון שלאָפן מיט דער ביקס אין האַנט, אין מ ו ר א
פאַר פלוצימדיקע פייערן און טאָמאַהאָק.
און ס'האָט דער צ ע ר פון עלנדן און פרעמדן
דאָ אָנגערירט די בראַווע שטומע הערצער.
האָט אויפגעשטעלט זיך דאָ דער דינער פּאַסטאָר,
אַ גלעט געטאָן דעם הויכן בלאַסן שטערן,
און קלאָר, געלאַסן, זיך גענומען ריידן.

האָט אָנגעהייבן פון די פּאַטריאַרכן:
פון אייבראַהאַם, פון אייזיק און פון דזשייקאָב,
דערציילט פון דזשאָזעפן אין פרעמדן לאַנד,
פון פּראָפעט מאָזעס מיט די צען געבאָט,
פון אַלטן קעניג דייוויד מיט די פּסאַלמען,—
ביז ער איז צוגעקומען צו דעם זון פון גאָט,
דעם האַרן דזשיזוס קרייסט. דעריבער —
האָט ער פאַרענדיקט — זאָלסטו עפענען
דיין טויער פאַר'ן פרעמדן, וועלכער קלאַפּט.

האָט אָנגעהויבן איינער פון די שכנים,
דער אַלטער טאָמפּקינס מיט'ן פּנים פון אַ לייב,
מיט גרויע האָר און גרויען ברעם און באָרד:
„מיין אַלטער שייער און דאָס הויז ביים וואַסער
„שטייט ליידיק, אָפּגעלאָזט; זאָל זיך דער איד
„אַריינציען אַהין און טאָן געשעפט.
„וועל אים דערפאַר ניט רעכנען קיין געלט.
„אויב ער וועט שפּעטער קענען, זאָל ער אָפּקויפן,
„איך וועל פאַרקויפן ביליק."
„וואויל, ס'איז וואויל".—
האָט אים דער באַלעבאָס באַדאַנקט מיט האַרץ:—
„וואָס טוט מען אָבער, וואָס דער פּלאַץ איז אַלט
„און שטייט אין איין סכּנה איינצופאַלן?
„מיר וועלן דאָך דער 'הרג'ען אונזער איד.—"
האָט ער געוויצלט.
„איך וועל געבן האָלץ,
„וויפיל נאָר מען דאַרף צו אויפריכטן דאָס הויז."—
האָט אָנגערופן זיך דער סוחר פון געהילץ.
„און מיר וועלן דאָס הויז און שטאַל פאַרריכטן."—
האָט אָפּגערופן זיך פון יעדער זייט.
„מען דאַרף דאָך אָבער געלט צו פירן האַנדל".—
האָט דער באַלעבאָס ניט נאָכגעלאָזט.
„וועל אויספאַרקויפן סחורה פון'ם פּאַק,
וועט זיין גענוג."—האָט איינגעשטעלט דער איד.
„פיין, פיין, אַ גוטער פּלאַן, מען דאַרף ניט בעסער.
„העי, מוטער, גיב אַקאָרשט אַהער דעם פּאַק!"
און באַלד דערויף האָט זיך דער פּאַק באַוויזן
און זיך גענומען אויספּעקלען. עס זיינען

אַרויסגעקראָכן אויף דער ווייסער וועלט
געשטריקטע יאַקן וואָלענע פאַר ווייבער,
פון בלויען, רויטן, ראָזן, גרינעם וואָל,
מיט קליידער פון דעם פלאַמענדיקסטן זייד,
און טישטיכער מיט בלויע, רויטע קאַסטנס,
מיט שווערע גאָלדיקע געדיכטע פראָנדזן,
קאָלירט־געשטרייפטע העמדער פאַר די מענער,
מיט ליולקעס פונ'ם גאָלדענעם בורשטין,
און שווערע זילבער־זייגערס ווי די ציבעלעס;
מיט לאַנגע בייטשן גלעזערנע קאַרעלן
מיט בונטע פאַרבן ווי פון רעגנבויגן;
מיט ווייסע זילבערדיקע טאַשנמעסער
מיט שטאָלענע, מיט גרין־באַהויכטע קלינגען;
מיט מייער־קעפּלאַך, מוטערפּערל, ביין,
מיט גרינע, ראָזע שפּילצייג פאַר די קינדער,
מיט כל־המינים פאַטשערקעס און ברילן.
און איבער דעם האָט צונטערדיק געברענט
אַ גרויסע רויטע פלאַמענדיקע זון,
אַז ס'האָבן זיך די מענשן אַזש פאַרזשמורעט,
זיך צוגעדעקט די אויגן פון די פלאַמען.
דער עולם האָט עס אָנגעקוקט פאַרגאַפט,
פאַרבלענדט אַזש פון געשריי פון די קאָלירן,
ערשט שפּעטער זיך צעשמייכלט אין די וואָנסן.
די ווייבער זיינען אַלץ געזעסן שטיל,
ווי גענז געדרייט די העלזער פון דער ווייט,
און ס'האָבן זיך די אויגן זיי געצונדן.
„העי, ווייבער, איצט איז אייער צייט! אַהער,
באַווייזט נאָר, וואָס איר קענט."—זיינען די ווייבער
געלאַסענע און שטילע צוגעקומען,
צוערשט מיט איינגעהאַלטענע באַוועגונגען,
נאָר באַלד האָט זיך צעפלאַקערט דער יאַריד:
געוואָרן מערער אויפגעלייגט און היימיש,
די אויגן האָבן זיך צעברענט מיט פייער,
די שטימען האָבן אויפגעלעבט געקלונגען,
די הענט האָבן געשיקט און שנעל געאַרבעט,
און איטלאַכע געמאַכט פאַר זיך איר פּעקל.
די באַלעבאָסטע איז געוווען פאַררייטלט,
פאַרהאַוועט אומגעלאָפן צווישן קונים,

איז יעדע ווייל צום אידן צוגעקומען
צו אויספרעגן דעם מקח פון אַ חפץ:
„דו זאָג נאָר, וואָס די זאַך קאָסט דיר אַליין,
„דעם פּרייז וועל איך אַליין שוין שטעלן."
און ס'איז דער איד געזעסן אַ פאַרשעמטער
צווישן רויכנדיקע וויצלדיקע מענער.

ס'איז טונקעלער געוואָרן. מיט דער זון
האָט אויך דער ברען און פריילאַכקייט געזעצט זיך.
די ווייבער זיינען אָפּגעקילט געוואָרן,
צוריק זיך אָפּגעטיילט אין זייער ווינקל.
די פּנימ'ער זיינען געוואָרן ערנסט.
מען האָט זיך אויפגעהויבן, זיך צעגענעצט
און שווייגנדיק גענומען זיך צעקריכן.
פאָרויס די מאַנסלייט מיט די ליולקעס רויך
און הינטער זיי די ווייבער מיט'ן ווייסצייג.
מען האָט געקלאַפּט דעם אידן אויפ'ן פּלייצע:
„ווי רופט מען דיך?" — „דזשאָשואַ".
„פיינער נאָמען,
מיר וועלן פון היינט אָן דיר רופן: „דזשאָש".
און מען איז זיך צעקראָכן אין דער נאַכט.

י. שווארץ.

## פּאָעמע.

אַ פּאָעמע איז אַ גרויס ליד, מערסטנס געשריבן אין פערזן, וואָס אין דעם ליד מאָלט דער שרייבער זייער אַ וויכטיקע פּאַסירונג פון דעם לעבן פון געוויסע העלדן, וועלכע סימבאַ־ליזירן מיט זיך אַ גאַנצע גרופּע, און אָפטמאָל אַ גאַנצע עפּאָכע אינ'ם לעבן פון דער גרופּע.

„קענטאַקי" איז אַזאַ פּאָעמע, אין וועלכער דער שרייבער י. שווארץ גיט איבער, ווי אַזוי די אידן האָבן זיך אַנגעהויבן צו באַזעצן אין די דרום־דיקע שטאַטן און ווי אַזוי עס האָט זיך דאָרטן ביסלאַכווייז אויסגעבילדעט אַ באַדייטנדער אידישער ישוב.

# מיר אַרבעטן אין שאַפּ.

(פון „מאָטל פּייסיס אין אַמעריקע").

ווי אַזוי מען אַרבעט אין שאַפּ — קאָן איך אייך אַקוראַט ניט זאָגן. וואָרום איך ווייס אַליין ניט. מען לאָזט מיך נאָך אַהינצו ניט אַריין. איך

ווייס נאָר דאָס, וואָס איך הער פון מיין ברודער אליה און פון אונזער חבר פיניע. אַלע אויפדערנאַכט, אַז זיי קומען אַהיים פון שאָפּ, דערציילן זיי אונז וואונדער. זיי קומען אַלע מאָל אויסגעמאַטערט און הונגעריק, און מיר זעצן זיך עסן וועטשערע.

מיין ברודער אליה און אונזער חבר פיניע אַרבעטן אין צוויי באַזונדערע שעפּער. איינער איז אַן „אָפּרייטער", דאָס הייסט, אַ שניידער. דער אַנדערער איז אַ „פּרעסער". אַן אָפּרייטער דאַרף ניט נייען מיט די הענט, ער שטעפּט ביי דער מאַשין. דאָס דאַרף מען אויך קאָנען. עס שטעפּט זיך ניט אַליין. ווי זשע קומט דאָס צו מיין ברודער אליה, אַז אונזער טאַטע און אונזער טאַטנס טאַטע, און אונזער טאַטנס טאַטנס טאַטע איז קיינמאָל קיין שניידער ניט געווען און אַ מאַשין קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען? איז דאָס אָבער אַמעריקע. אין אַמעריקע איז ניטאָ אַזאַ זאַך, וואָס אַ מענש זאָל ניט קאָנען. אין אַמעריקע לערנט מען זיך אויס.

ווי אַזוי האָט זיך מיין ברודער אליה אויסגעלערנט שטעפּן? איז אליה נעבאַך טאַקע גוט אויסגעריסן געוואָרן. מע האָט אים געגעבן איבערגעבליבענע שטיקלאַך, ער זאָל זיי איבערגיין מיט דער מאַשין. איז ער דורכגעגאַנגען עטלאַכע מאָל הין און צוריק און איז געוואָרן אָל־רייט. אויף מאָרגן האָט ער שוין געשטעפּט. מאָלט אייך, אַז אָך און וויי איז געווען צום שטעפּן. נאָר גוט איז דאָס. למאַי פיניע האָט דאָס אויך ניט געקאָנט באַווייזן? ניט מחמת ער האָט זיך געפוילט אַרבעטן. חס וחלילה! פיניע וועט אייך גיין אַרבעטן טאַטשקע־אַרבעט — אַבי מאַכן אַ לעבן אין אַמעריקע. איז די צרה, וואָס ער האָט אַ נידעריקע ראיה און טוט אַלצדינג כאַפּנדיק. מע האָט אים אויך אַוועקגעזעצט ביי דער מאַשין, ווי מיין ברודער אליה. מע האָט אים אויך געגעבן איבער־געבליבענע שטיקלאַך, ער זאָל זיי איבערגיין הין און צוריק מיט דער מאַשין. האָט זיך געטראָפן מיט אים אַן אומגליק. אונזער חבר פיניע האָט אין איילעניש פאַרטשעפּעט דעם פידזשאַק און האָט צוגעשטעפּט דעם לינקן אַרבל צו דער מאַשין. אַ גליק כאָטש, וואָס ניט די האַנט. וויי־וויי, וואָס מען האָט זיך אָנגעלאַכט פון אים! חברה שניידערס האָבן אויפגעהויבן אַ הוראַ! „גרינהאָרן" האָבן זיי אים אַ נאָמען געגעבן.

בקיצור — פיניע איז ניט געוואָרן קיין אָפּרייטער. ער גייט אַוועק אין אַן אַנדער שאָפּ און באַשטעלט זיך דאָרט פאַר אַ פּרעסער; אַן אונ־טערפּרעסער דערווייל. אַז ער וועט זיך אויסלערנען די אַרבעט, וועט ער גיין העכער און העכער. ביז וואוהין?

— מע קאָן ניט וויסן. — זאָגט פיניע. — קיינער ווייסט ניט וועמעס מאָרגן ס'איז. ניט קאַרנעגי, זאָגט ער, ניט וואַנדערבילד, ניט ראַקפעלער האָבן געוואוסט, אַז זיי וועלן אַמאָל זיין דאָס, וואָס זיי זיינען...

דערווייל ווערט נאָך פיניע גוט פאַרשוואַרצט, און אַלץ איבער זיין טבע, וואָס ער האָט ליב טאָן אַלצדינג כאַפּנדיק. און דערצו נאָך זיין נידעריקע ראיה. ער קומט אַלע טאָג אַהיים אַ צעבריטער.

איינמאָל איז ער געקומען מיט אַ סקאַלעטשעטער נאָז. וואָס איז די מעשה? ער האָט זיך ביים פּרעסן אָפּגעבריט די נאָז. ווי קומט דאָס פּרעסל צו זיין נאָז? זאָגט פיניע, אַז זיין נאָז האָט ניט געוואָרט, ביז דאָס פּרעסל וועט זיך מטריח זיין צו איר. ער קאָן באַשטיין, זאָגט ער, אַז זיין נאָז זאָל גיין צום פּרעסל. ווי קומט זי, די נאָז, צום פּרעסל? לאָזט זיך אויס, אַז פיניע האָט גאָר געזוכט אַ שטיקל אַרבעט, און ווייל ער האָט אַ נידעריקע ראיה, האָט ער זיך דעריבער אָנגעבויגן האַרט צום טיש און האָט געטראָפן מיט׳ן שפּיץ נאָז גלייך אויפ׳ן אָנגעגליטן פּרעסל.

אַ שלימאַזל, אַז ער פאַלט אין שניי, טרעפט ער אויך אויף אַ שטיין...

איך האָב מורא, אַז מיר וועלן זיך מיט׳ן שאַפּ ניט עלטערן. מיין ברודער אליה זאָגט, אַז די אַרבעטער האָבן צרות פון׳ם „פאָרמאַן״. אויף דעם שטאָק, וואו אליה אַרבעט, איז דער פאָרמאַן אַ רשע. ער איז אַמאָל אַליין געווען אַן אַפּרייטער, נאָר ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און איז געוואָרן אַ פאָרמאַן. די אַרבעטער זאָגן, אַז ער איז ערגער פון׳ם „באָס״. מע האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג אין שאַפּ, אַז דער פאָרמאַן רוקט דעם זייגער; אַזוי אַז ווען איר זאָלט ניט קומען, וועט איר פאַרשפּעטיקן... און אונזער חבר פיניע דערציילט פון זיין שאַפּ נאָך שענערע מעשות. זייער פאָרמאַן, זאָגט ער, לאָזט ניט דעם אַרבעטער אַ קוק טאָן אין אַ פּייפּער אַריין. לייענען אַ צייטונג ביי דער אַרבעט — חיות ניט זיכער! רייכערן שמועסט מען ניט. אַ וואָרט טאָר מען ניט אויסריידן צווישן זיך. ס׳איז אַזוי שטיל,—זאָגט ער,—אַז מע קאָן הערן אַ פליג! אויסער דעם טראַסק מיט׳ן גראַגערן פון די מאַשינען. נאָך אַ מעלה האָט זיין שאַפּ: דאָרט ווערן די פּרעסלאַך אָנגעוואַרימט מיט געז.

און דאָס געז פון די פּרעסלאַך פאַרהאַקט אַזוי דעם קאָפּ, אַז די אַרבעטער אין שאַפּ פאַלן חלשות און מוזן סטאָפּן די אַרבעט. רעכנט מען זיי אָפּ פון דער „פּיידע״. דאָס הייסט, אַז עס קומט צום אָפּנעמען פאַר דער וואָך, וואָס מע האָט פאַרדינט, ווערט אַ לאָך. דאָ האָט איר פאַרשפּעטיקט פינף מינוט — אַראָפּ אַ האַלבן טאָג. דאָ זייט איר צו פרי אַוועקגעגאַנגען — אַראָפּ אַ האַלבן טאָג. דאָ זייט איר געפאַלן אין חלשות — פאַרפאַלן אַ טאָג.

— ניין. מען קאָן שוין מער ניט אַריבערטראָגן. מע וועט מוזן אַרויס אין אַ סטרייק.

שלום-עליכם.

# מיר סטרייקן.

(פון „מאָטל פייסיס אין אַמעריקע").

1

מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז גאָר ניטאָ קיין בעסערע זאַך אויף דער וועלט, ווי אַז מע סטרייקט. מיין ברודער אליה און אונזער חבר פּיניע האָבן אויפגעהערט צו גיין אין שאַפּ. אונזער שטוב האָט שוין גאָר אַן אַנדער פּנים, זינט זיי זיינען אינדערהיים. אַזוי האָבן מיר זיך אָנגעקוקט איין מאָל אין וואָך — זונטאָג. וואָרום אַז מען אַרבעט אין שאַפּ, מוז מען אויפשטיין פּאַרפרי, בכדי מע זאָל חלילה ניט פאַרשפּעטיקן. און אַז זיי זיינען געקומען אַהיים, פלעג איך שוין שלאָפן. פאַרוואָס? דערפאַר, וואָס זיי האָבן געאַרבעט „אָווערטיים", דאָס הייסט, אַז אַלע אַנדערע אַרבעטער זיינען געגאַנגען אַהיים, זיינען אונזערע לייט נאָך געזעסן אין שאַפּ ביי דער אַרבעט. ניט דערפאַר, וואָס מ'האָט זיי גענויט פון קהל. זיי האָבן געאַרבעט אָווערטיים, בכדי זיי זאָלן מער פאַרדינען. אַי, אַז עס איז געקומען צו צאָלן האָט מען ביי זיי אָפּגעריסן טעג, וואָס זיינען זיי שולדיק? —„עלעהיי, גזלנים זיינען אונז באַפּאַלן"... אַזוי האָט געזאָגט מיין ברודער אליה.

— עלעהיי, דו ביסט אַ לעקעש! — זאָגט צו אים מיין שוועגערן ברכה. ווען זי, זאָגט זי, זאָל אַרבעטן אין דעם שאַפּ, וואָלט זי זיך ניט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע. זי זאָגט, אַז אַלע פאַרלייט מיט אַלע באָסעס וואָלטן ביי איר געקייט די ערד. און איר מעגט איר גלויבן, ברכה קאָן!

2

דערפאַר האָט זי זיך געקילט דאָס האַרץ, אַז אַלע שעפּער האָבן דערקלערט אַ סטרייק. דאָס הייסט, אַלע שניידער, וויפיל ס'איז פאַראַן אין ניו־יאָרק, האָבן אַוועקגעלייגט שער און אייזן — גוד־באַי! ווייוויי, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן! אינדערהיים, און אויף דער סטריט, און אין די האָלס! אַ „האָל" — איז אַ זאַל, אָדער אַ טעאַטער. סע קלייבן זיך צונויף אַהינצו אַלע שניידערס פון גאַנץ ניו־יאָרק אויף אַ מיטינג, און מע רעדט און מע רעדט. איך הער זיך דאָרט אָן אַזעלכע ווערטער, וואָס איר האָט זיי קיינמאָל ניט געהערט: „דזשענעראַל סטרייק"... „יוניאָן"... „אָרגאַניזירט"... אַכט און פערציק שטונדן... „העכערע ווידזשעס"... „בעסערע באַהאַנדלונג"... „סקעבס"... „סטרייק־ברעכערס"... „פּיקעטס" און נאָך אַזעלכע ווערטער, וואָס איר פאַרשטייט זיי ניט. מיין חבר מענדל זאָגט, אַז ער פאַרשטייט זיי יאָ, נאָר געבן מיר צו פאַרשטיין — קאָן ער ניט. „ווועסט עלטער ווערן, זאָגט ער צו מיר, וועסטו אַליין פאַרשטיין." עס קאָן זיין. דערווייל קוק איך זיך צו, ווי דער עולם היצט זיך, און

עס בייסן זיך מיר די הענט, עס גלוסט זיך מיר זיי אַלע אַראָפּכאַפּן אויף פּאַפּיר, אויסמאָלן איטלאַכן באַזונדער, ווי ער זעט אויס, וואָס ער טוט, ווי אַזוי ער שטייט און ווי אַזוי ער רעדט.

3

למשל, נעמט מיין ברודער אליה. ער אַליין רעדט ניט קיין וואָרט. ער גייט נאָר צו איטלאַכן רעדל און שטעקט אַריין די נאָז, אָדער ער לייגט צו אַן אויער. בעת־מעשה בייסט ער די נעגל און איז שטאַרק אויפגערעגט. אַ פאַרגעניגן צו זען מיין ברודער, ווי ער שאָקלט צו מיט'ן קאָפּ יעדן איינציקן, וואָס ער רעדט. ער איז מיט אַלעמען מרוצה, וואָס יענער זאָל ניט זאָגן. אָט איז צוגעקומען צו אים אַ שניידער מיט אַ גולקע אויף איין זייט קאָפּ — פון דער לינקער זייט. דער שניידער האָט אים אָנגענומען ביי אַ לאַץ און טרייסלט אים און רעדט אין אים אַריין, אַז ס'איז אַרויסגעוואָרפן דער גאַנצער טאַרעראַם. די שניידערס וועלן מיט זייער סטרייק גאָרניט אויספירן. מחמת די „אַסאָסיאיישאָן" פון די „מאַנופעקטשורערס" איז צו שטאַרק פאַר אונז. שאָקלט אים מיין ברו־דער צו מיט'ן קאָפּ, און איך האָב זייער מורא, אַז מיין ברודער אליה ווייסט אַזוי וואָס באַטייט „אַסאָסיאיישאָן" און „מאַנופעקטשורערס", ווי איך... וואָרום אָט איז צוגעגאַנגען צו אליה'ן אַן אַנדער שניידער מיט אַ פּנים פון אַ קאַטשקע. אַז ער רעדט, פּאַטשט ער מיט די ליפּן. דער שניידער האָט אָנגענומען מיין ברודער פאַר אַ קנעפּל און האָט לאַנג מיט אים גערעדט און געפּאַטשט מיט די ליפּן. ער האָט אַלע מינוט אויסגערופן „ניין, מיר מוזן קעמפן, אויסקעמפן ביז'ן סוף!"... האָט אים מיין ברודער אויך אויסגעהערט און אויך צוגעשאָקלט מיט'ן קאָפּ, אַן עבירה, וואָס מיין שוועגערן איז דאָ ניטאָ. זי וואָלט אים שוין עפּעס אַריינגעזאָגט...

4

דערווייל גייט אַוועק אַ טאָג און אַ טאָג. דער סטרייק איז אַ סטרייק. די אַרבעטער זיינען שטאָל און אייזן. מיטינגען מאַכט מען אַלע טאָג, און אַלע מאָל אויף אַ נייעם פּלאַץ. די מאַנופעקטשורערס, הער איך זאָגן, האַלטן זיך אויך שטאַרק. זיי ווילן ניט נאָכגעבן. זיי וועלן אָבער מוזן נאָכגעבן. אַזוי זאָגן אַלע. ניטאָ אַ זאַך, וואָס די אַרבעטער זאָלן ניט אויס־פירן. ס'איז אַמעריקע! עס האַלט שוין ביים לעצטן מיטל. אַז דאָס וועט ניט העלפן, איז עק וועלט! אַזוי זאָגן אונזערע לייט. וואָס איז דאָס פאַר אַ מיטל? מיר וועלן זיך צונויפנעמען אַלע סטרייקער פון גאַנץ ניו־יאָרק און מיר וועלן דורכגיין איבער די גאַסן מיט אַ מאַרש. דאָס הייסט, טויזנטער און טויזנטער שניידערס וועלן זיך דורכשפּאַצירן מיט די פאָנען איבער דער שטאָט. מיר און מיין חבר מענדל איז דאָס דווקא גע־פעלן, מיר וועלן זיין די ערשטע. רעדט־זשע אָבער מיט אַזאַ אידענע,

ווי מיין שווענערן ב ר כ ה , זאָגט זי, אַז ביי איר זעט דאָס אויס, ווי קינ־ דער שפּילן זיך אין סאָלדאַטלאַך... זי זאָגט: „אַן ע ב י ר ה אייערע שיך״.. האָט איר באַדאַרפט אָנקוקן אונזער פּיניען און הערן, וואָס ער האָט איר געזאָגט דערויף!

5

מיר האָבן שוין געהאַלטן מיט'ן סטרייק גאַנץ ווייט.

איך און מענדל זיינען שוין געווען יום־טוב'דיק, איז אונז פאַר־ שטערט געוואָרן די ש מ ח ה . אויף קאַנעל־סטריט האָט מען גע'ה ר ג'עט אַ מענטשן. די י ד י ע ה האָט אונז געבראַכט פּיניע. ער איז געווען אויפ'ן אָרט און האָט געזען דעם גע'ה ר ג'עטן. ער זאָגט, אַז דער מענש האָט פאַר־ דינט דעם טויט. ער איז געווען, זאָגט ער, אַ געננסטער. פרעגט אים די מאַמע: „וואָס הייסט אַ געננסטער — אַ ג נ ב?״ זאָגט פּיניע: „ערגער פון אַ ג נ ב!״ פרעגט אים די מאַמע. „אַ ג ז ל ן?״ זאָגט פּיניע: „ערגער פון אַ ג ז ל ן!״ פרעגט אים די מאַמע: „וואָס קאָן זיין ערגער פון אַ ג ז ל ן?״ זאָגט פּיניע: „אַ געננסטער איז ערגער פון אַ ג ז ל ן, וואָרום אַ ג ז ל ן איז אַ ג ז ל ן, און אַ געננסטער איז אַ געדונגענער ג ז ל ן . דעם מענשן האָט מען געדונגען, ער זאָל שלאָגן די סטרייקערס. איז ער באַפאַלן אַ מיידל אַ סטרייקערן און האָט זיך פאַרמאָסטן זי צו שלאָגן. האָט זי געמאַכט אַ גוואַלד. זיינען זיך צונויפגעלאָפן מענשן און ס'איז געוואָרן אַ געשלעג״... מער האָט מען פון פּיניען ניט געקאָנט אַרויסבאַקומען גאָרניט, ער האָט אַרומגעשפּאַנט מיט זיינע לאַנגע פיס הין און צוריק. ער האָט געפּינעט מיט דער נ ש מ ה , ער האָט געשפּריצט מיט פייער, ער האָט זיך געריסן ביי די האָר און געשאָטן מיט ווערטער און מיט נעמען:

— אַי־אַי, קאָלומבוס! אַי־אַי, וואַשינגטאָן! אַי־אַי לינקאָלן!

דער ס ו ף איז געווען — פּיניע האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַנט־ לאָפן!

ביז עפּעס וואָס, דערווייל האָט דאָס אונז געטראָפן, מיך און מיין ח ב ר מענדל. די מאַמע האָט זיך געשוואָרן ביי איר געזונט און ביי איר לעבן, אַז זי וועט אונז ניט אַרויסלאָזן אויף דער סטריט פאַר קיין געלט אין דער וועלט! ניט מיך, ניט מענדלען, ניט א ל י ה'ן, ניט ב ר כ ה'ן און ניט טייבלען. וואָרום וויבאַלד, אַז מע האַלט שוין, זאָגט זי, אַזוי ווייט, אַז מע ה ר ג'עט מענשן אין גאַס, — איז שוין עק וועלט!

געקומען פּיניע, און געקומען איז ער מיט אַ ש מ ח ה , אַ ג ד ו ל ה. דער מענש דער געננסטער, וואָס מע האָט אים גע'ה ר ג'עט, לעבט און וועט לעבן. נאָר אַ קאַליקע וועט ער שוין בלייבן אויף אייביק. מע האָט אים ניט דער'ה ר ג'עט אויף טויט. מע האָט אים נאָר אַזוי גוט אָנגע'ה ר ג'עט; מע האָט אים אויסגעזעצט אַן אויג און איבערגעבראָכן אַ האַנט. „אַ מ צ ו ו ה, — לאָז ער ניט זיין קיין געננסטער!״ האָט די מאַמע אויף אים ר ח מ נ ו ת:

„לאָז ער זיך זיין, זאָגט זי, וואָס ער איז. פֿאַר וואָס, זאָגט זי, קומט אים, מע זאָל אים איבערברעכן אַ האַנט און אויסזעצן אַן אויג? וואָס זיינען שולדיק זיין ווייב און קינדער, נעבאַך, זיי זאָלן האָבן אַ טאַטן אַ קאַליקע?"

7

דער סטרייק האָט זיך פֿאַרצויגן, און מיר גייען אַרום אָן אַ שטאָך אַרבעט. מיין ברודער אליה איז אויס מענש. די מאַמע רעדט אים אויס דאָס האַרץ. און די איבעריקע פריינט און גוטע פריינט קומען אַלע טאָג און טרייסטן אונז מיט גוטע ווערטער. זיי זאָגן, אַז דער הימל איז צו דער ערד ניט געפֿאַלן. וואו שטייט דאָס געשריבן, אַז מע מוז לעבן אין אַמעריקע נאָר פֿון שניידעריי? מע קאָן מאַכן אַ לעבן אָן שניידעריי אויך. והאָראיה? אָט וועל איך אייך דערציילן, ווי אַזוי מיר מאַכן אַ לעבן אין אַמעריקע.

שלום-עליכם.

# מיר מאַכן אַ לעבן.

(פֿון „מאָטל פּייסיס אין אַמעריקע").

א

דער ערשטער האָט זיך אַרויפֿגעשלאָגן אויף אַ וועג און גענומען מאַכן אַ לעבן מיין ברודער אליה. און וועמען האָט ער עס צו פֿאַרדאַנקען? דער מאַמען. זי גייט שבת דאַווענען אין כּתרילעווקער בית-מדרש, באַגעגנט זי זיך מיט מענשן. האָט זי זיך באַקענט מיט דער פּרעזידענטיכע, דאָס מיינט מיט דער גבאי'טע פֿון שול. די פּרעזידענטיכע איז אַ וואוילע אידענע און האַלט פֿון מיין מאַמען, ווייל מיין מאַמע ווייס אַלע מאָל וואו דער חזן האַלט און וואָס דער חזן זאָגט; און די היגע ווייבער ווייסן ניט, ווער עס האָט זיי געשלייערט.

אַזוי זאָגט מיין ברודער אליה'ס ווייב ברכה. מיין שוועגערן ברכה זאָגט, אַז די היגע ווייבער גייען אין שול אַריין נאָר צו באַווייזן זייערע „באַרליאַנטן", און אַז זיי ווייסן ניט קיין צלם פֿאַר קיין אלף, און אַז זיי קאָנען נאָר גוט פֿרעסן און רעדן לשון-הרע... האַקט זי איבער די מאַמע און זאָגט, אַז „אָט דאָס אַליין, טאָכטער לעבן, איז דאָך אויך לשון-הרע"... פֿאַרענטפֿערט זיך ברכה, אַז זי מעג, וואָרום זי זאָגט דאָס פֿאַר אייגענע, ניט פֿאַר פֿרעמדע.

ב

האָט איר ווען געהערט פֿון דער „היברו נײישאַנאַל וואורשט קאָמפּאַניע"? דאָרט פֿאַרקויפֿט מען אידישע כּשר'ע וואורשט: דאַרע קישקע, געבראָטענע צונגען און גערויכערטע פֿליישן. אין אַלע עקן שטאָט האָבן זיי קראָמען, וואו איר קומט אַריין קויפֿן כּשר'ע וואורשט. אויב איר זייט הונגעריק און האָט צייט, הייסט איר אייך דערלאַנגען הייסע קישקעלאַך,

נאָר וואָס פון דער זאַד, און איר עסט דאָס מיט כריין אָדער מיט זענעפט, — ווי אַזוי איר ווילט. אויב איר האָט געלט, קאָנט איר זיך הייסן דערלאַנגען נאָך אַ פּאָרציע. איך און מיין חבר מענדל האָבן אַמאָל אַריינגעשטעלט דריי פּאָרציעס און האָבן געפילט, אַז מ׳ר וואָלטן בייגעקומען נאָך צוויי — איז ביי אונז אָבער אויסגעגאַנגען פּאָדים. נאָר ניט דאָס האָב איך אייך געוואָלט דערציילן.

ג

וואָס איך האָב אייך געוואָלט דערציילען, איז אָט וואָס. דער פּרעזידענט פון אונזער שול איז איינער פון די באַלעבאַטים אין דער „היברו נײשאַנאַל וואורשט קאָמפּ.“ האָט די מאַמע דורך דער פּרעזידענטיכע גע׳פּועל׳ט ביים פּרעזידענט, אַז מען זאָל אַריינעמען מיין ברודער אליה׳ן אין דער „היברו נײשאַנאַל“ פאַר אַ מענשן, פאַר אַ פאַרקויפער. און ניט נאָר אַ פאַרקויפער אַליין, נאָר טאַקע אַ „וועיטער“ אויך. דאָס הייסט, אַז איינער קומט אַריין און הייסט אייך דערלאַנגען הייסע קישקעלאַך, דאַרף מען זיך ניט שעמען און דערלאַנגען. האָט זיך אַפילו מיין ברודער די ערשטע צייט געבערעקלט: „סטייטש, אַ יונגערמאַן מיט אַ בערדל, פּייסי דעם חזנ׳ס אַ זון, זאָל זיין אַ משרת!“ האָט אים אונזער חבר פּיניע אָוועקגעגעבן אַ גאָב: „וואָס מיינסטו? — האָט אים פּיניע געריבן די ביינער. — דו מיינסט, אַז דו ביסט אין דער פאַרשאָלטענער כתרילעווקע? דו ביסט אין אַמעריקע ביסטו! אין אַמעריקע האָבן אַזעלכע פיינע מענשן, ווי דו, געפּעדלט מיט גאַזעטן, אַרומגעטראָגן שוועבעלאַך און געפּוצט שטיוול אויף דער סטריט! לייען די געשיכטע פון אַ דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, פון אַן אייבראַם לינקאָלן, וועסטו זען, אַז פּייסי דעם חזנ׳ס זון מעג אָנשטיין פאַרקויפן קישקעלאַך.

ד

בקיצור, מיין ברודער אליה האָט אַ „דזשאָב“ און מאַכט אַ לעבן. ער פאַרקויפט קישקעלאַך און דערלאַנגט צום טיש און באַקומט דערפאַר: ע־שטנס, פינף דאָלער אַ וואָך, און אויסערדעם צוויי מאָל אין טאָג עסן — איז אויך עפּעס ווערט. הײנט וואָס איז ווערט דאָס, וואָס עס קומען אַריין אין „סטאָר“ קויפן פליישׁ אַ וועלט מיט מענשן? אַלע טאָג מאַכט ער נייע באַקאַנטשאַפטן מיט די פיינסטע לייט פון ניו־יאָרק. עס איז דאָ אַ האָפענונג, אַז מיין ברודער זאָל גיין העכער און העכער, מחמת ער איז באַליבט פון די באַלעבאַטים און זייער בכבוד׳יק ביי די קאָסטאָמערס. אַ קאָסטאָמער האָט הנאה, אַז אים באַדינט אַ טאַטנס אַ קינד, ניט קיין געבוירענער משרת...

פּיניע זאָל ניט האָבן אויף זיך קיין דריי־קאָפּ און דער קאָפּ זיינער זאָל אים ניט טראָגן אין די גרויסע געשעפטן, וואָלט ער אויך געקאָנט מאַכן אַ לעבן. ער מאַכט אַזוי אויך אַ לעבן, נאָר דער חסרון איז,

וואָס ער וואַרפט זיך אַלע מאָל אויף אַן אַנדער דזשאָב. דערפאַר האָט ער אַ מעלה, וואָס ער שעמט זיך ניט מיט קיין אַרבעט אין דער וועלט. ער וועט אייך טאָן וואָס איר וועט אים הייסן, אַבי מאַכן אַ טאָלער. קערן די גאַסן—איז קערן די גאַסן; שאַרן קוילן — איז שאַרן קוילן; פּעדלען מיט גאַזעטן איז אַוודאי גוט. אַמעריקע, זאָגט ער, איז אַ פרייע מדינה, און אַ ביזיון איז, זאָגט ער, נאָר גנב'ענען.

ה.

אויך אונזערע ווייבער מאַכן אַ לעבן: איך מיין דאָס מיין ברודער אליה'ס ווייב ברכה און אונזער חבר פּיניעס ווייבל טייבל. זיי אַרבעטן ביי מענערשע שניפּסן. און וועמען האָבן זיי דאָס צו פאַרדאַנקען? ווידער אַמאָל מיין מאַמען און ווידער אַמאָל צוליב דעם, וואָס זי גייט שבת אין שול אַריין. דאָרט האָט זי זיך באַקענט מיט אַן אַלרייטניטשקע, אַ נגידית הייסט דאָס. די דאָזיקע אַלרייטניטשקע איז אַמאָל געווען אַ דינסטמיידל ביי אונז אין כתרילעווקע. איר נאָמען איז קריינדל.

מיט דער קריינדלען איז אַ גאַנצע געשיכטע. ביי אונז אין כתריילעווקע איז אַמאָל געווען אַ קצב מיט'ן נאָמען מלך. האָט דער קצב געהאַט אַ יונג מיט'ן נאָמען נחמיה. האָט ער זיך פאַרליבט, אָט דער נחמיה הייסט עס, אין דער קריינדלען און געוואָלט מיט איר חתונה האָבן. האָט ער ניט געהאַט מיט וואָס. האָט ער זיך מיישב געווען איינמאָל: מלך דער קצב האָט אים געגעבן געלט, ער זאָל פאָרן אויפ'ן יאַריד קויפן בהמות — האָט ער גענומען דאָס געלט, נחמיה הייסט עס, און איז אַוועק מיט קריינדלען קיין אַמעריקע. האָט דאָס אים באַגליקט, און ער איז געוואָרן אַן אַלרייטניק, און קריינדל איז געוואָרן אַן אַלרייטניטשקע.

איצט האָבן זיי אַ פאַבריק פון האַלזטיכלאַך. האָט זיך געטראָפן אַ מעשה — די אַלרייטניטשקע, קריינדל הייסט עס, האָט געהאַט יאָרצייט נאָך איר מאַמען. איז זי געקומען אין שול און האָט זיך צערעדט מיט דער מאַמען און זיך געלאָזט דערקענען. דערהערט פון דער מאַמען, אַז מיין טאַטע איז געווען פייסי דער חזן, האָט זי זיך נאָך מער צוגעלאָזט צו מיין מאַמען און צוגעזאָגט אונז באַהילפיק זיין מיט וואָס נאָר מעגלאַך. האָט איר די מאַמע געזאָגט, אַז קיין הילף וויל זי ניט, זי פאַרלאַנגט נאָר אַרבעט פאַר אירע קינדער. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט — די אַלרייטניטשקע האָט אויסגע'פּועל'ט ביי איר מאַן דעם אַלרייטניק, ער זאָל געבן אַן אָרט ביי זיך אין דער פאַבריק פאַר מיין שוועגערן ברכה און פאַר אונזער פּיניעס ווייבל טייבל. זיינען זיי אַ פּאָר וואָכן געגאַנגען אויף בראָדוועי אַרבעטן אין דער פאַבריק. און דערנאָך האָט די מאַמע גע'פּועל'ט, מ'זאָל זיי געבן אַרבעט אַהיים, ניט זיצן אַ גאַנצן טאָג אין שאַפּ.

שלום-עליכם.

# אַנקל מאָזעס.

(פון ראָמאַן „אַנקל מאָזעס").

1.

## דער יוניע־מאַן.

אַנקל מאָזעס שאַפּ איז געווען אוממעגלאַך צו אָרגאַניזירן אין אַ יוניאָן־שאַפּ. וויפיל די אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַטאָרן האָבן ניט געפּרואווט צו יוניאָניזירן די לאַנדסלייט פון אָנקל מאָזעס שאַפּ, האָבן זיי זיך שטענדיק אָנגעשלאָגן ווי אין אַן אייזערנער וואַנט. די סיבה דערפון איז געווען, וואָס די באַציאונג צווישן אָנקל מאָזעס און זיינע אַרבעטער איז געווען אַ משפחה־באַציאונג. די קוזמינער לאַנדסלייט זיינען שטאָלץ געווען מיט אַנקל מאָזעס פּאַרמעגנס. אַז זיי זיינען דורכגעגאַנגען פאַרביי אַ הויז, וואָס האָט געהערט צום אָנקל מאָזעס, האָבן זיי זיך דערמיט געגרויסט, ווי עס וואָלט געווען זייער הויז. אָנקל מאָזעס האָט זיך אַריינגעמישט אין זייערע פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן. זיי האָבן זיך געלאָדן פאַר אים, און אָנקל מאָזעס האָט אַרויסגעגעבן געריכט־שפּרוכן איבער זיי, ווי אַ פאַרצייטיקער פאַטריאַרך איבער זיין משפחה. זיי זיינען געווען געטריי אַנקל מאָזעס, און טאָמער האָט ווער געפּרואווט זיין אומצופרידן און דערמאָנען עפּעס אַ וואָרט וועגן אַ יוניאָן, האָבן עס די לאַנדסלייט באַלד איבערגעגעבן אָנקל מאָזעס. דער אָנקל מאָזעס איז אַרויפגעקומען אין שאַפּ אַריין, אויסגעזוכט דעם „רעוואָלוציאָנער", אָפּגעשטעלט זיך לעבן אים און צום ערשטן לאַנג און גענוי באַטראַכט, אַזוי אַז עס איז פון יענעם דאָס חיות אַרויס.

— סעם, ווי האָט מען אים גערופן אינדערהיים?

— משה גרויס.—ענטפערט סעם קורץ אָפּ.

— אַזוי , דאָס ביסטו משה גרויס? דאָס ווילסטו האָבן אַ יוניע ביי מיר. ניט ביי מיר, גוטער ברודער! ביי מיר אַרבעט מען ניט ניט שבת, ניט יום־טוב. ביי מיר איז ניט אַ שאַפּ, וואָס מע זאָל דאָ אַריינלאָזן יוניע־לייט. ביי מיר זיינען לאַנדסלייט, משפּחה. וואָלט ביי מיר געווען אַר־בעטער און אַ שאַפּ, וואָלט מען ביי מיר געווען געאַרבעט אי שבת, אי יום־טוב און אַפילו ראש־השנה און יום־כיפור, ווי אין יעדן שאַפּ. איך לייג געלט צו דערצו. איך האַלט נאָר דאָס אויף צוליב אייך, אַז מיינע לאַנדסלייט זאָלן קענען מאַכן אַ לעבן. וואָס וואָלט איר געטאָן אָן מיר? ווער וואָלט אייך געבראַכט אין אַמעריקע? צו וועמען זייט איר געקומען נאָך אַ שיפס־קאַרטע, נאָך געלט, אַז איר האָט באַדאַרפט אייערע משפחות אַהער ברענגען? צו וועמען קומט איר, אַז ס'ווערט ווער פון אייך, חלילה קראַנק? — האָט אָנקל מאָזעס זיך צעשריען הויך אויפ'ן קול, אַז די לאַנדסלייט האָבן געציטערט. — צו וועמען קומט איר? —

אַלץ צום אָנקל מאָזעס, הע? איז עס אַזוי? און דער וויל ביי מיר איינפירן אַ יוניע. ניט ביי מיר, ברודער! קיינער וועט מיך ניט נייטן, אַז מע זאָל ביי מיר אַרבעטן שבת און יום־טוב. איך אַרבעט אַזוי שווער ווי איר. איר זעט עס אַליין. און פאַר וועמען? אַלץ נאָר פאַר אייך. איך וועל צושליסן מיין שאַפּ און זוכט אייך ערגעץ אַנדערשוואו אַרבעט. אַז איר וועט באַדאַרפן אַ פּאָר דאָלער, וועל איך אייך סיי־ווי־סיי געבן. נאָר מער צו טאָן מיט אייך וויל איך ניט.

— וואָס רעדט דער אָנקל? וואָס רעדט דער אָנקל זיך איין? וואָס אַ ליאַדע יונג זאָגט דאָרט! — הייבן זיך אָן די לאַנדסלייט בעטן ביים אָנקל מאָזעס.

— צוליב אים זאָלן מיר אַלע ליידן? — צעקאָכט זיך אהרן־משה, דעם אָנקלס אַ משפּחה. — לאָזט מיך נאָר צו צו אים, וועל איך אים דערלאַנגען אַ יוניע. — שרייט דער איד מיט דער האַנט אויסגעשטרעקט.

— ש־ש־שטיי! ביי מיר שלאָגט מען ניט. — האַלט אים דער אָנקל מאָזעס איין. — נאָר וועמען עס געפעלט ניט ביי מיר, דער קאָן זיך שאַפן ערגעץ אַנדערשוואו בעסער. סעם, זע וואָס קומט אים און באַצאָל ביז אַ גראָשן. און נאַ, דאָ האָסטו דיר נאָך אַ פּאָר דאָלער מיט אויפ׳ן וועג.

אָנקל מאָזעס גוטסקייט האָט אַלעמען גערירט.

— בעט איבער דעם אָנקל, די מינוט בעט איבער דעם אָנקל מאָזעס. — האָבן די קוזמינער לאַנדסלייט געשריען.

— קושן אין האַנט לאָז ער. קוש דעם אָנקל מאָזעס אין דער האַנט. — האָט אהרן־משה דער פּרעסער געשריען אויפ׳ן „רעוואָלוציאָנער".

דער סוף איז געווען, אַז אָנקל מאָזעס האָט זיך ניט געלאָזט קושן אין האַנט, דעם לאַנדסמאַן האָט ער ניט אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. דאַן, פאַר זיין נאַרישקייט, האָט־מען אים אַ צונאָמען געגעבן „דער יוניע־מאַן".

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז מע האָט ביים אָנקל מאָזעס ניט געאַר־בעט אום שבת. פאַרקערט, שבת איז אין געוועלב ביים אָנקל מאָזעס געווען דער מערסט פאַרנומענער טאָג. די פרומע לאַנדסלייט האָבן דעם טאָג טאַקע פאַרבראַכט אין די קלויזן, אינדערהיים מיט זייער משפּחה. די ניטפרומע, דעם יונגן עלעמענט, האָט אָנקל מאָזעס איינ־געלאַדן שבת, אַז זיי זאָלן קומען אין געוועלב אַריין העלפן פאַרקויפן אָדער צופּיקסן, ווען מע דאַרף עפּעס צופּאַסן אַ קאָסטאָמער. שבת איז געווען דער טאָג, וואָס מע האָט אַממערסטן געלייזט, און די לאַנדסלייט, דערפאַר וואָס זיי האָבן ניט געקראָגן באַצאָלט פאַר זייער אַרבעט, האָבן די קלייניקייטן ניט געהאַלטן פאַר אַן אַרבעט, נאָר פאַר אַ געטריישאַפט צום אָנקל.

.2

## קוזמין סטרייקט.

און עס איז געשעען אַ וואונדערלאַכע זאַך: די לאַנדסלייט פון קוד מין, אָנקל מאָזעס משפחה, זיינען אַרויס אין סטרייק. צוערשט האָט עס אָנקל מאָזעס גאָרניט פאַרשטאַנען, וואָס איז געשען. געזען, ווי די לאַנדסלייט הייבן זיך אויף אין מיטן טאָג און לייגן אַוועק די נאָדל און פאַרלאָזן דעם שאַפּ, האָט ער געמיינט, עס איז אַן אומגליק געשען.

— וואָס איז געשען? וואוהין גייט איר?

די לאַנדסלייט האָבן זיך אַרויסגע'גנב'עט פון שאַפּ, ווי זיי וואָלטן באַגאַנגען אַ גנבה און געשעמט זיך צו קוקן דעם אָנקל אין די אויגן אַריין. איינציקווייז האָבן זיי זיך אַרויסגעשלייכט. האָט דער אָנקל אָפּגעשטעלט שלמה דאָרפס־גייער, אַ גוטן באַקאַנטן פון דער היים.

— שלמה, וואוהין גייסטו?

— איך ווייס ניט. מע האָט מיר געהייסן, גיי איך.

— וואָס בין איך, אַ פרעמדער? — האָט דער אָנקל געשריען.— ביי מיר סטרייקט מען? פאַר מיין גוטס, וואָס איך האָב אייך אַראָפּגעבראַכט קיין אַמעריקע, האַלט אייך אויס מיט ווייב און קינדער. די ביזנעס זיינען דאָך נאָר צוליב אייך. סטרייקט מען ביי מיר! גוט, גוט, איך וועל זיי שוין ווייזן סטרייקן.

די לאַנדסלייט האָבן גאָרניט געענטפערט. פאַרלאָזט דעם שאַפּ און צענויפגעקליבן זיך אין שול, פון וועלכער דער אָנקל איז געווען פרע־זידענט.

לאַנג האָט געדויערט, ביז עס איז געלונגען דער יוניאָן פון די שניידער צו אָרגאַניזירן אָנקל מאָזעס שאַפּ. די לאַנדסלייט האָבן זיך ניט פאַר־געשטעלט, ווי אַזוי זיי וועלן קאָנען דעם אָנקל שלעכטס טאָן. — ער איז דאָך אונזער פרנסה־געבער—האָבן זיי אויף אַלע טענות אָפּגעענט־פערט. נאָר פון זינט אַן דער אָנקל האָט חתונה געהאַט, און סעם האָט זיי געלאָזט פילן זיין האַנט, איז ביסלאַכווייז געוואַקסן די אומצופרידנ־קייט צווישן די לאַנדסלייט מיט'ן אָנקל; און אייניקע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַטאָרס פון דער יוניאָן איז ענדלאַך געלונגען אין דער שטיל צו אָר־גאַניזירן דעם אָנקלס שאַפּ, אין געהיים, פון איין לאַנדסמאַן צום אַנדערן, ביז דער סטרייק איז אויסגעבראָכן אומגעריכט פאַר'ן אָנקל און אַלע זיינע באַהעלפערס.

אין אָנפאַנג איז קוזמין געווען זייער ענטוזיאַסטיש צו קעמפן. אַז מע האָט געדאַרפט גיין „פיקעטן" פאַר'ן אָנקלס שאַפּ האָבן זיך אַלע געריסן. אויסגעקליבן אָבער האָט מען שלמה דאָרפס־גייער און יאָסל פורמאַן, אידן סעדער־האַלטער און פישערס, אידן, וועלכע קאָנען געבן צוריק אַ קלאַפּ, ווען מע וועט דאַרפן. זיי האָבן גענומען ברויט און אָפּגעזאָדנע

קאַרטאָפליעס אין די קעשענעס און האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אַ זייגער זעקס אינדערפרי פאַר׳ן אָנקלס שאַפ. געשטאַנען און געהיט.

טיילמאָל איז דער אָנקל אַרויס צו זיי און פּרובירט מיט זיי ריידן:

— וואָס וועט זיין דער סוף פון שטיין?

— מיר ווייסן ניט. געהייסן שטיין, שטייען מיר. — האָבן די אידן אָפּגעענטפערט.

— אָבער וואָס ווילט איר?

— מיר ווייסן גאָרניט: טשאַרלי, אַלץ טשאַרלי. מיר זיינען פּראָסטע סאָלדאַטן; געהייסן שטיין, שטייען מיר. — האָבן די אידן אָפּגעענטפערט מיט אַ זעלנערישן טאָן, דערמאָנענדיק זיך אָן זייער שטיין אויף דער וואַך אין סאָלדאַטן.

— וואָס, טשאַרלי האָט אייך געבראַכט קיין אַמעריקע? טשאַרלי האָט אייך געגעבן אַרבעט? פּרנסה געגעבן? אַ גאַנץ יאָר גייט איר אויך צו טשאַרלין? — אָל־רייט!

— אַזוי געהייסן.

— וואָס שטייט דער אָנקל און טענה׳ט זיך אויס מיט זיי? מיט וועמען איז דאָ צו ריידן? אָנקל, אַריין! — האָט סעם אים געצויגן ביים אַרבל מיט חוצפה.

— לאָז מיך, איך וויל זיך מיט זיי דורכריידן.

— אָנקל! — האָט סעם געשריען. — איך וויל, אַז דער אָנקל זאָל אַריין! מע דאַרף ניט ריידן מיט זיי. אויס משפחה, אויס לאַנדסמאַן. איך לאָז ניט מער קיין משפחה איבער דער שוועל אַרויף.

— אַלץ צו טשאַרלין. מיר ווייסן גאָרניט. — האָבן די לאַנדסלייט אָפּגעענטפערט.

און טשאַרלי איז געקומען יעדן אָוונט אין חברה אַנשי־קוזמין און גערעדט צו די לאַנדסלייט; טשאַרלי האָט געבראַכט אַנדערע רעדנער; טשאַרלי איז אַרומגעלאָפן צו די צייטונגען; טשאַרלי האָט פון ערגעץ וואו געלט געקראָגן; טשאַרלי איז געווען דער, וואָס איז געקומען אויסלייזן די לאַנדסלייט פון אָנקל מאָזעס.

3.

קוזמין האָט גערוט.

ניט קיין שבת, ניט קיין יום־טוב — ס׳איז אינדערוואָכנס, און מען אַרבעט ניט; און צו דעם איז קוזמין ניט צוגעוואוינט. שוין אַכט טעג ווי דער סטרייק האַלט אָן. דער ערשטער ענטוזיאַזם איז שוין פאַרשוואונדן, און קוזמין האָט שוין געפילט אַ בענקשאַפט נאָכ׳ן שאַפ. נאָך האָבן זיי ניט געפילט קיין הונגער: אַביסל האָט יעדערער געהאַט אַליין אָפּגעשפּאָרט און באַהאַלטן פאַר׳ן סטרייק, און אַביסל האָט די יוניאָן מיט מי צעגויפגעשלעפּט. נאָר קוזמין האָט ניט געקאָנט אַרומגיין ליידיק;

דאָס „באַלעמוטשען" האָט זיי ניט געלאָזט רוען. דער „תּכלית" האָט געפּיקט און גענאָגט דאָס האַרץ, ווי אַ שלעכטער וואָרים.

— וואָס וועט זיין דער תּכלית פון דעם באַלעמוטשען? — האָט איינער אין דער שטיל געפרעגט דעם אַנדערן.

— און וואָס פאַר אַ תּכלית האָסטו ביים אָנקל אין שאָפּ? פאַר'ן טרוקענעם שטיקל ברויט — דאָס איז דער תּכלית.

— מילא, מסתּמא ווייסט דאָך. אַז קהל הייסט אַזוי; קהל ווייסט, וואָס ער טוט.

קוזמין האָט זיך אַרומגעדרייט פראַנק און פריי און האָט גאָרניט געטאָן. קוזמין האָט דערוויל באַקענט זיך מיט זייערע ווייבער און קינדער, אויף וואָס זיי האָבן קיין צייט ניט געהאַט, ווען זיי האָבן געאַרבעט; קוזמין האָט אָפּגעגעבן זיך מיט הויז־זאַכן, צורעכט געמאַכט זייערע אייגענע קליידער, אָבער קוזמין איז ניט צופרידן געווען.

— גוואַלד, טשאַרלי, וואָס ציט זיך עס אַזוי לאַנג? וואָס וועט זיין דער תּכלית?

און טשאַרליס „פּאָפּולאַריטעט" ביי די קוזמינער לאַנדסלייט האָט אָנגעהויבן ביסלאַכווייז צו פאַלן. וואָס לענגער עס האָט זיך געצויגן דער סטרייק, און מען האָט קיין רעזולטאַטן ניט געזען, האָבן די קוזמינער לאַנדסלייט אָנגעהויבן צו „מורמלען" אויף טשאַרלין:

— וואָס וועט זיין דער סוף? אַלטע אידן לאָזן זיך פירן פון אַ אינגל. הע, שיין זעען מיר אויס.

4.

סעם איז דערוויל אויך ניט געשלאָפן. ער איז אַוועק צו זיין שוועסטערקינד מאַנעס. מאַנעס איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך באַפרייט פון אָנקל מאָזעס שאָפּ, דערכאַפּט די אַמעריקאַנער לופט און באַלד געוואָרן אַ מיטגליד פון אַ סך געזעלשאַפטן. אַז עס קומט צו די וואַלן, איז מאַנעס „אָל־רייט". דאָס גאַנצע פענסטער איז ביי מאַנעסן באַהאַנגען מיט פּאָרטרעטן פון זיינע „לייטע". מאַנעס לויפט אַרום צו די לאַנדסלייט און אַגיטירט. ניט איינמאָל קומט אויס צו איבערצייגן די געגנער מיט הענט־אַרגומענטן, און אויף דעם איז מאַנעס דער בעסטער אַגיטאַטאָר. ווען מע דאַרף מאַנעסן, שלעפּט מען אים פון איין וואַל־ביוראָ צום אַנדערן, אַז ער זאָל דיסקוטירן מיט די הענט. מאַנעס איז געווען אַ גרויסער פּאַטריאָט פון אַמעריקע. ביי אים אין שטוב איז געהאַנגען וואַשינגטאָנס פּאָרטרעט, און אַז עס איז געקומען אַן אַמעריקאַנער יום־טוב, האָט ער אַרויסגעהאַנגען אַ גרויסן אַמעריקאַנער פלאַג. דערפאַר האָט מאַנעס פיינט געהאַט די נייע פּאַרטיי, צו וועלכער טשאַרלי האָט געהערט — די סאָציאַליסטן, וויל זיי זיינען ניט קיין פּאַטריאָטן און מאַכן אָן צרות.

סעם האָט געטראָפן מאַנעסן אין קלוב. ער האָט אים פאַררופן אַהיים און זיך מיט אים אַן עצה געהאַלטן. מען האָט צונויפגערופן די נאָענט־סטע משפחה און בסוד אַוועקגעשיקט זיי צו די לאַנדסלייט אַהיים. צוערשט איז מען געגאַנגען צו די באַקאַנטע, וואָס מען קאָן פון דערהיים, וועלכע דער אָנקל האָט אַמערסטן טובות געטאָן, און געמאַכט מיט זיי אַ שמועס.

— וואָס זאָגט אייך צו טשאַרלי? ער וועט פאַר אייך אַ שאַפּ עפענען?

וואָס לאָזט ער אייך הונגערן? אַז ער האָט אייך פון דער אַרבעט אַראָפּגענומען, פאַרוואָס גיט ער אייך ניט אַ לעבן צו מאַכן? ער עסט, ער נעמט געהאַלט פון דער יוניאָן. פאַרוואָס סטרייקט ער ניט? ער סטרייקט ניט, אייך הייסט ער סטרייקן.

און די לעצטע ווערטער האָבן איבערצייגט. ס'האָט ניט לאַנג געדויערט, און סעמען מיט מאַנעסן איז געלונגען צו געווינען אַ טייל פון די לאַנדסלייט צו דער אַרבעט. ניט דער הונגער, ניט די נויט האָט דאָ געזיגט, נאָר קוזמין איז ניט געוואוינט געווען אַרומצוגיין ליידיק און האָט געבענקט נאָך דעם שאַפּ.

צומאָרגנס אינדערפרי, אַז טשאַרלי איז אַריינגעקומען אין שול צו דער חברה אנשי־קוזמין, האָט ער געטראָפן דאָרטן די ווייבער פון די סטרייקנדיקע לאַנדסלייט. קוים האָבן זיי אים דערזען, זיינען זיי עס צו אים צו, און חנה־ראָזע, שלמה דאָרפס־גייערס ווייב, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויס'ט ענה'ן פאַר אַלעמען:

— ווער האָט דיך געבעטן, איך בעט דיך, אַז דו זאָלסט זיך פאַר אונז אָננעמען? וויפיל האָסטו גענומען דערפאַר?

פאַר וואָס?

— דו זאָלסט זיי, די אַלטע נאַראָנים פון וועג אַראָפּפירן.

— ניין, דו פרעג בעסער, פאַרוואָס סטרייקט ער ניט. — האָט אַ צווייטע אידענע געשריען.

— פון וואָס זאָל איך סטרייקן?

— פון דער יוניע פאַרוואָס סטרייקסטו ניט? פאַרוואָס הייסטו אונז סטרייקן?

— אָבער איך האָב דאָך ניט צו וואָס צו סטרייקן, איך אַרבעט דאָך ביי קיינעם ניט. ביי וועמען זאָל איך סטרייקן? — האָט טשאַרלי געלאַכט.

— דו הערסט, ער אַליין סטרייקט ניט, אונז הייסט ער סטרייקן.

— וואָס רעדט איר מיט אים? ווער איז ער אינגאַנצן, וואָס ער וואַגט זיך אַנטקעגן צו שטעלן קעגן דעם אָנקל? און מיר, אַלטע אידן, לאָזן זיך פאַרפירן פון אַזאַ שנעק, פון אַזאַ אינגל!

— קומט, אידן ,קומט. די הענט דאַרפן מיר קושן דעם אָנקל, אַז ער זאָל אונז צוריקנעמען. געהערט אַ מעשה!

און שוין האָבן זיך די קוזמינער לאַנדסלייט געוואָלט אַרויסלאָזן פון דער ח ב ר ה.

טשאַרלי איז געשטאַנען אין מיטן אַ פרעמדער וועלט, און ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס צו זאָגן זיי. ער האָט יאָ געפּרואווט עפּעס ריידן, וועגן אויסהאַלטן, וועגן אַ בעסער לעבן, וועגן אַ גערעכטיקער אָרדענונג, נאָר די אידן האָבן אים ניט געהערט, געלאַכט הינטער אים. און אַ אידענע האָט גערופן צו אים:

— דו באַזאָרג זיך צוערשט, אַז דו זאָלסט ניט גיין מיט אָפּגעהאַקטע אָפּצאַסן און מיט אַן אָפּגעריבענעם הינטן, דערנאָך וועסטו די וועלט פאַרזאָרגן. מיינע פאַרזאָרגער...

טשאַרלי איז געווען פאַרצווייפלט. ער האָט געהאַלטן פאַר זיין ח ו ב פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, אַלס אַ קינד פון זיין פאָטער, וואָס איז געווען מיט זיין מ ש פּ ח ה, מיט זיינע לאַנדסלייט פאַרשקלאַפּט ביי אַנקל מאָזעס, צו אָרגאַניזירן אַנקל מאָזעס שאַפּ. און מיטאַמאָל האָט ער געזען זיין אַרבעט פון ח ד ש י ם און יאָרן צו נישט.

נאָר אין דעם האָט זיך אויפגעהויבן אַ ה ר ן זשאָכלינער — טשאַרליס פאָטערס אַ ח ב ר. די קוזמינער לאַנדסלייט, וועלכע האָבן אים געקענט פון דערהיים, האָבן פאַר אים ד ר ך ־ א ר ץ געהאַט. דעריבער האָבן זיך אַלע איינגעשטילט און אויסגעהערט, וואָס ר ב ־ אַ ה ר ן האָט צו זאָגן.

— אידן, — האָט ער אָנגעהויבן, — ס'איז דאָך פּונקט ווי אין מ צ ר י ם. קוים מיט צ ר ו ת און גרויס מאַטערניש זיינען מיר אַוועק פון „פּ ר ע ה'ן" און פון זיין גובערנאַטאָר סעם, וואָס אַרבעט מיט אונז אַזוי שווער, ווי די אידן אין מ צ ר י ם, און קוים זיינען מיר שוין באַלד אויסגעלייזט, נאָך אַ ביסל איבערצוטראָגן דעם צ ע ר פון הונגער, פאַרבענקט איר זיך נאָך די טעפּ פלייש און זאָגט: „לאָמיר זיך צוריקקערן צום אַנקל." זאָג איך אייך...

אַ שעמעוודיקייט האָט אַרומגענומען די אידן. עס איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן די שרעק פאַר פּ ר נ ס ה; די קוזמינער לאַנדסלייט האָבן מיטאַמאָל דערפילט אַ גאַנץ אַנדערן ט ע ם אין קאַמף מיט אַנקל מאָזעס, און ש ל מ ה דאָרפס־גייער האָט זיך געגעבן אַ רוף אָן פאַר אַלע:

— אידן, מיט מיר! קומט, מיר וועלן אַרויסטרייבן די לאַנדסלייט פון שאַפּ; אַז ניט אַרבעטן, זאָל קיינער ניט אַרבעטן!

און די לאַנדסלייט האָבן זיך אַרויסגעלאָזט באַלאַגערן דעם אַנקלס שאַפּ.

5.

סעם האָט זיך געריכט אויף די לאַנדסלייט און האָט געמאַכט אַלע פאָרבאַרייטונגען צו באַגעגענען זיי. און ווי ש ל מ ה דאָרפס־גייער מיט

די לאַנדסלייט זיינען אָנגעקומען פאַר דעם שאָפּ פון׳ם אָנקל, האָט זיי באַגעגנט אַ פרוי, וועלכע איז פון ערגעץ אַרויס און אַרומגענומען ש ל מ ה׳ן.

ש ל מ ה איז דערשראָקן געוואָרן. ער האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון דער פרויס אָרעמס און אַריין אין געוועלב אַראָפּצונעמען די אַרבע־טער. נאָר די פרוי האָט אים פעסט געהאַלטן ביים אַרבל און געשריען:

— פאָליסמאַן! ער האָט מיך באַליידיקט!

מיטאַמאָל זיינען אַרויס פאָליסלייט מיט שטעקנס אין די הענט, ציוויל געקליידעטע שפּיאָנען מיט פאַרדעכטיקע פרויען, וועלכע האָבן געריסן די אַלטע אידן ביי די באָרד און פּ א ו ת.

— וואָס איז געשען?—האָט דער עלטסטער פון די פאָליסלייט געפרעגט.

— ער האָט מיך באַליידיקט. — האָט די פאַרדעכטיקע פרוי געשריען.

און דאָס איז געווען אַ סיגנאַל. באַלד זיינען שוין געפלויגן שטעקנס איבער די קעפּ פון די לאַנדסלייט. אַ טייל זיינען אָפּגעקומען מיט צע־קלאַפּטע קעפּ, מיט ביילן אויפ׳ן פּ נ י ם, אַנדערע, מיט ש ל מ ה׳ן אין דער שפּיץ, זיינען געוואָרן אָפּגעפירט צעבלוטיקטע אין פאָליצײ־ביוראָ. די פאָליסלייט האָבן זיי באַגלייט מיט זידלערייען און קלעפּ. אין אַ פערטל ש ע ה אַרום איז שוין קיין ז כ ר ניט געבליבן פון די לאַנדסלייט, און פאַר אָנקל מאָזעס שאָפּ איז געווען שטיל און רואיק.

אין די ווייבער פון די קוזמינער לאַנדסלייט האָט זיך געפילט אַן ענדערונג נאָך דעם, וואָס איז פאָרגעקומען פאַר׳ן אָנקלס שאָפּ. געזען זייערע מענער צוריק אַהיים קומענדיק, ווער מיט אַ צעבלוטיקטן קאָפּ, ווער מיט אַן אויסגעפליקטער באָרד, האָט זיך אין זיי דערוועקט אַזאַ רעוואָלוציאָנערער גייסט, אַז זיי זיינען גרייט געווען די מינוט צו לויפן און באַפאַלן אָנקל מאָזעס שאָפּ. זיי האָבן שוין ניט געשיקט צוריק זייערע מענער צו דער אַרבעט, ניט געהייסן, אַז זיי זאָלן פאַר׳ן אָנקלס פיס פאַלן, אַז זיי זאָלן סעמס הענט קושן. פאַרקערט, זיי האָבן געשראָקן זייערע מענער, אַז זיי וועלן גיסן איבער זייערע קעפּ מיט טעפּ זודיק וואַסער, ווען זיי וועלן וואַגן דעם אָנקלס שוועל איבערצוטרעטן.

— דו קאָנסט זיך שוין זוכן אַן אַנדער היים, אַן אַנדער ווייב, אַז דו וועסט מיר וואַגן צום אָנקל צו גיין. — האָט אַ אידענע געמאַכט מיט׳ן פינ־גער אויף דער נאָז צו איר מאַן.

— און אַלצדינג, וואָס טשאַרלי וועט דיר הייסן, זאָלסטו טאָן. דו הערסט—טשאַרלי ווייסט, וואָס ער האָט צו טאָן, אוי ווייסט ער, אַ געזונט אין זיין קאָפּ!

און טשאַרלי איז צוריק געוואָרן דער העלד, דער אויסלייזער, דער באַפרייער פון די קוזמינער לאַנדסלייט.

שלום אַש.

## ראָמאַן.

אַ ר אָ מ אַ ן איז אַ גרעסערע דערציילערישע ליטעראַרישע זאַך, אין וועלכער דער שרייבער גיט אַ ב ר י י ט און ג ע נ ו י ב י ל ד פ ו נ ׳ ם ל ע ב ן פון אַ פּערזאָן אָדער פון אַ גרופּע פּערזאָנען. אָפטמאָל גיט דער שרייבער אין דעם ראָמאַן אַ בילד פון לעבן אין אַ גאַנץ לאַנגן משך פון צייט אָדער אין אַ ג אַ נ צ ע ר ע פּ אָ כ ע.

אין אַ ראָמאַן גיט דער אַווטאָר געוויינטלאַך אַ גענויע כ אַ ר אַ ק ־ ט ע ר י ס ט י ק פון זיינע העלדן: ער ברענגט אַרויס די וויכטיקערע שטריכן פון זייער כאַראַקטער, זייער באַציאונג צו די פּערזאָנען, מיט וועלכע זיי קומט אויס צו באַגעגענען זיך, און צו פאַרשידענע געזעלשאַפטלאַכע גרופּן. ער מאָלט אונז אויך דעם אויסערלאַכן אויסזען פון די העלדן, זייער קליידונג א. ד. ג.

ווען אַ וועלכער עס איז העלד אין אַ ראָמאַן איז אַזאַ, וואָס אַ סך אַנדערע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט זיינען ענלאַך צו אים, הייסט ער אַ ט י פּ. אַזוי איז אָנקעל מאָזעס (אין אַשם ראָמאַן פונ׳ם זעלבן נאָמען) אַ טיפּ פון אַ אידן, וואָס קומט פון אַ קליין שטעטל און האָט זיך אַרויפגעאַרבעט אין אַמעריקע דורך עקספּלואַטירן אַרבעטער, זיינע שטאָטלייט, צו וועלכע זיינע באַציאונגען זיינען ריין פּאַטריאַרכאַלישע. טשאַרלי איז אַ טיפּ פון אַ אידישן יונגן מאַן, וואָס איז אויסגעהאָדעוועט אין אַמעריקע אונטער דער ווירקונג פון די סאָציאַליסטישע אידייען, און וואָס גיט אָפּ זיין גאַנצע צייט צו אָרגאַניזירן די אידישע אַרבעטער א. ד. ג.

# אין גאָלדענעם לאַנד.

(סאַטירע).

— צי דען וואָלסטו, מאַמע, מיר גלויבן געוואָלט,
אַז אַלצדינג ביי אונז ווערט פאַרוואַנדלט אין גאָלד;
אַז גאָלד ווערט פון בלוט און פון אייזן געמאַכט,
פון בלוט און פון אייזן ביי טאָג און ביי נאַכט.

— מיין זון, פאַר אַ מאַמען באַהאַלט מען זיך ניט,
אַ מאַמע דערקאָנט און אַ מאַמע פילט מיט.
מיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט קיין ברויט צו דער זאַט
אויך דאָרט, אין דעם גאָלדענעם לאַנד ניט געהאַט.

— אוי, מאַמע, מיין מאַמע! צי פאַלט עס דיר איין,
אַז ברויט ביי אונז וואַרפט מען אין וואַסער אַריין
דערפאַר, וואָס עס גיט אונז אַזוי פיל די ערד,
אַז ס'הייבט אָן פאַרלירן דעם גאָלדענעם ווערט.

—איך ווייס ניט, מיין זון, נאָר עס וויינט אין מיר מיין האַרץ:
דיין פּנים זעט אויס ווי די נאַכט אַזוי שוואַרץ,
און שלעפערדיק פאַלן די אויגן דיר צו,
אַזוי ווי ביי איינעם, וואָס חלש'ט נאָך רו.

— אוי מאַמע, מיין מאַמע! דו האָסט דאָך געהערט
פון באַנען, וואָס יאָגן זיך אונטער דער ערד.
פאַרטאָג שלעפּט די באַן פון געלעגער אַרויס,
און שפּעט אויף דער נאַכט ברענגט זי ווידער אין הויז.

— איך ווייס ניט, מיין זון, אָבער טיף איז מיין וואונד;
איך האָב דיך אַוועקגעשיקט יונג און געזונט,—
מיר דאַכט זיך, אָט נעכטן ערשט איז דאָס געווען.
און היינט מוז איך ווידער אַזוי־אַ דיך זען.

**משה לייב האַלפּערן.**

## סאַטירע.

סאטירע — איז א לירישע ליטעראַרישע זאך, אין וועלכער דער שרייבער ווייזט אן אין א פאעטישער פארם די שאטנדיקע, שלעכטע זייטן פון דער געזעלשאפטלאכער ארדנונג בכלל, אדער פון א געוויסער זייט פון דער געזעלשאפט.

# פון אַלע טעג.

(בילד).

.1

דורך דעם פענסטער קוקט אַריין צו מיר אַ טריבער מאָרגן.
מיד, ניט אויסגעשלאָפן גייט אַרום די פרוי.
די פאַנטאָפל קלאַפּן וואָכעדיק און גרוי.
פון די ווענט און ווינקלען קריכן וואָכעדיקע זאָרגן.

— אָט האָסטו דיין פרישטיק. אין פאַפירן זעקל
ליגן ברויט און עפּל; נעם זיי מיט.
זיי נאָר שטילער, וועק די קינדער ניט.
און אָט וואַרט, זע, מאַך צורעכט דיין רעקל.

— אַ גוטן טאָג!
— גיי געזונטערהייט און קום געזונט צוריק.

דרויסן רעגנט. גלאַנציק־שוואַרץ און נאַס
ציט אַ לאַנגע זיך פאַר מיר די גאַס.
מענטשן איילן סאָפּענדיק פוןביידע זייטן.
ווי אַ לאַנגע אויסגעדרייטע שלאַנג, פון ווייטן
לויפט אַ צוג פאַרביי דאָרט אויף אַ הויכער בריק.

כ'גיי אין שטראָם, און מענטשן, קראָמען, אַלץ אַזוי באַקאַנטע,
און דאָך פרעמד אַזוי, אַלץ בייטן זיך פאַר מיר.
גאַס נאָך גאַס. און אָט איז שוין דער פּלאַץ, און דאָרט אַרויף דער טיר
שילדן גאָלדענע. און פענסטער, פענסטער אַלץ אַזוי באַקאַנטע.

כ'שטיי ביים טיר און וואַרט. אַ מיידל קומט.—„גוט מאָרגן!"
ס'קומען יונגע, אַלטע לייט: — „גוט מאָרגן—און גוט יאָר."
ס'עפנט זיך די טיר: אַ נעגער־יונג מיט קרייזלדיקע האָר
ציט אַרויף אונז אין דער הייך. אַ זשום—אַ פלי!
באַלד—מיר זיצן שוין אין יאָך, ווי פי,
און ציען אויסגעמאַטערטע, געשפּאַנט אין שווערע זאָרגן...

.2

ס'איז מיטאָג־צייט. אין שאַפּ איז שטיל. בלויז ווי אַ בין,
דאָרט זשומעט אין אַ ווינקל־וואו איינציקע מאַשין.
אַ מיידל זיצט און עסט און קנאַקט די שאָלאַכץ פון אַן איי.
און איינער אָדער צוויי געמיטלאַך זופּן טיי.

דאָ לעבן כראָמקעט עמיץ ציבעלעס מיט ברויט.
און בלאַסע מיידלאַך אָנגעפאַרבט אויף רויט,
צעשטעלן זיך ביי אָפענע פענסטער אויס,
און קוקן זשעדנע ערגעצוואו אַרויס.

און אויף אַ פענסטער זיץ איך מיר אַליין.
די פיס פאַרלייגט, אַ האַנט אין שויס, און קוק אַרויס,
אַזוי זיך גלאַט אַרויס.
אַקעגן פון אַ פענסטער ווינקט אַ מיידל מיר,
און אפשר ווינקט זי ניט. איך קוק אויף איר
און קוק אַוועק,
און ס'פאַלט מיין בליק אַראָפּ צום וועג,
וואו ס'שלעפּן קרעכצענדיק באַלאָדנט שווער
זיך וואָגנס, פערד און קאַרס אַהין, אַהער.
און אויף די טראָטואַרן שוויבלען מענשנקעפּ,
מיט היט פון שטרוי און פעלץ, און גלאַט מיט צעפּ.
און ערגעץ ברומט אַ שיף, און איבער אַלע דעכער
צעשניידט אַ פייף די לופט, און ערגעץ ווייטער, העכער
פאַרקלינגט אַ בלאַסער קלאַנג אין דעם געפילדער.
און ווילד און ווילדער
צעשניידט זיך אַלץ די לופט פון פייפערייען.
און שיטערער עס ווערן אונטן יענע מענשן־רייען,
געדיכטער אויף די וועגן, און די רעדער — שווערער.
און וואָס אַ מאָל אַלץ מערער.

און דאָ אַרום מיר הייבט עס שטאַרקער אָן צו זשומען,
און איינציקוויז עס הייבן אָן צו קומען
צום וואַנט די שאָטנס, און טיפער דאָרט, דערינען
די מענשן, איילנדיק צו זייערע מאַשינען.

און כ'זיץ אַזוי, די פיס פאַרלייגט, אַ האַנט אין שויס,
און קוק זיך אום און קוק אַרויס
און קוק זיך ווידער אום און שטום.

אָנבייגנדיק דעם קאָפּ, הייב איך זיך אויף
און לייג די הענט צונויף,
און לאָז זיך לאַנגזאַם גיין אַהין,
צום ווינקל, וואו עס וואַרט, זיך דרייענדיק,
אַ ליידיקע מאַשין.

ר. אייזלאַנד.

# בערל אייזיק.

(הומאָריסטישע סקיצע).

„אַמעריקע איז אַ לאַנד פון בלאָף"... „אַמעריקאַנער בלאָפערס"...

אַזוי זאָגן די פרעמדע. גרינע חיות — זיי הייבן ניט אָן צו וויסן, וואָס זיי זאָגן. אַמעריקע מעג הייצן די פעטשערעס אין כתרילעווקע, און אונזער בערל־אייזיק וועט פאַרשטעקן אין גאַרטל אַלע אַמעריקאַנער בלאָפערס!

איר קאָנט פאַרשטיין, ווער בערל־אייזיק איז, אַז טאָמער מאַכט זיך ביי אונז אין כתרילעווקע, איינער האָט זיך אַביסל פאַררעדט, שטעלט מען אים אָפּ מיט די ווערטער: „בערל־אייזיק האָט דיר געלאָזט גריסן." — שטייסט ער זיך שוין אָן, וואָס מע מיינט, און ער ווערט אַנטשוויגן.

אַן אַנעקדאָט דערציילט מען ביי אונז אין כתרילעווקע פון איינעם אַ אידן אַ חצוף, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר בערל־אייזיקן. פסח איז דער מנהג ביי די גויים, אַז זיי באַגעגענען זיך: זאָגן זיי זיך אָן איינס דעם אַנדערען אַ גוטע בשורה, אַז קריסטוס איז לעבעדיק געוואָרן. דערויף ענטפערט אים דער צווייטער: ס'איז אמת, ער איז לעבעדיק געוואָרן... טרעפט זיך אַ מעשה, באַדאַרף אַ קריסט זיך באַגעגענען מיט יענעם אידן און מכבד זיין אים מיט'ן פסוק „קריסטוס איז לעבעדיק געוואָרן." ווערט אים שלעכט, דעם אידן: וואָס טאָן? ענטפערן דעם גוי „ס'איז אמת, ער איז לעבעדיק געוואָרן", ווייס ער, אַז ס'אַליגן... זאָגן אים: ניין, ער איז ניט לעבעדיק געוואָרן, — קאָן מען דאָך כאַפּן פאַר אַזעלכע ווערטער אַ מיאוס'ן פסק... איז ער זיך מיישב און רופט זיך אָן צום קריסט: „יאָ, איך האָב עס שוין געהערט היינט פון אונזער בערל־אייזיקן"...

היינט שטעלט אייך פאָר, אַז אָט דער בערל־אייזיק איז אַוועק קיין אַמעריקע, אָפּגעוועזן דאָרט היפּשע עטלאַכע יאָר און איז געקומען צוריק. וואָס פאַר וואונדירים דער איד האָט זיך דאָס אָנדערציילט פון דער אַמעריקע!

„ערשטנס — דאָס לאַנד. מענשן מאַכן געלט, מע זשעברעוועט מיט ביידע הענט, מע שאַרט גאָלד! און געשעפטן, „ביזנעס" הייסט עס דאָרטן, איז פאַראַן אַזוי פיל, אַז דער קאָפּ דרייט זיך! וואָס איר ווילט, דאָס טוט איר. ווילט איר אַ פאַבריקע — איז אַ פאַבריקע, עפענען אַ סטאָרקע — איז אַ סטאָרקע. שטופּן אַ פושקאַר — איז אַ פושקאַר. אַניט — נעמט איר זיך צו פעדלעריי, אָדער איר גייט אַרבעטן אין אַ שאַפּ — אַ פרייע מדינה! איר קאָנט אייך געשוואָלן ווערן פון הונגער, אויסציען זיך אין גאַס, וועט אייך קיינער ניט שטערן, קיין וואָרט ניט זאָגן...

„היינט די גרייס פון די שטעט! די ברייט פון די גאַסן! די הייך פון

די הייזער! פאַראַן דאָרט אַ „הייזקע", רופט מען זי די „וואָלוואָרט", שפּאַרט אָן איר שפּיץ קוימען גלייך אין דער כמאַרע אַריין און נאָך העכער; אַ סברא, אַז די הייזקע פאַרמאָגט עטלאַכע הונדערט עטאַזשן. ווי אַזוי קריכט מען אַרויף אויפ'ן בוידעם? דורך אַזאַ לייטער, וואָס מע רופט אים „עלעווייטער". אַז איר באַדאַרפט האָבן עמיצן אויפ'ן אייבער־שטן עטאַזש, זעצט איר זיך אַוועק אונטן, אויפ'ן עלעוויטער, גאַנץ פּרי, קומט איר צו פאָרן אַהין ערשט פאַרנאַכטלאַך.

„איך בין אַ בעלן געווען אַמאָל זיך דורכפאָרן אַרויף, אַ קוק טאָן אויף אַ טשיקאַוועס, וואָס טוט זיך דאָרטן: האָב איך קיין חרטה ניט. דאָס, וואָס איך האָב דאָרטן געזען, וועל איך שוין ניט זען קיינמאָל. און ווי איך האָב געפילט, לאָזט זיך גאָר ניט באַשרייבן. שטעלט אייך פאָר, איך שטיי מיר פון אויבן און קוק מיר אַראָפּ, פלוצים דערפיל איך אויף מיין לינקער באַק עפּעס אַ מאָדנע קעלט און אַ גלאַטע, עפּעס ווי אייז; און ניט ווי אייז, נאָר ווי שטאַרק פאַרקילטע פּעטשאַ, גליטשיק און דריי־ליוואַטע. איך דריי אויס פּאַוואָליע דעם קאָפּ לינקס, איך טו אַ קוק — ס'איז די לבנה.

„היינט דאָס לעבן זייערס איז נאָר געיאָגט, און נאָר געלאָפן, און נאָר געכאַפּט זיך. „אָריהאָפּ" הייסט דאָס ביי זיי. אַלצדינג איז בחיפזון, און אַפילו עסן עסט דאָס אויך אויף איין פוס. מע כאַפּט זיך אַריין אין אַ רעסטאָראַן און מע הייסט זיך געבן אַ טרונק, און אויף צו פאַר־בייסן האָב איך אַליין געזען, ווי מען האָט איינעם דערלאַנגט עפּעס אויף אַ טעלער, אַ פרישס, אַ צאַפּלדיקס, און ביז ער האָט דאָס צעשניטן, איז איין האַלב אַוועקגעפלויגן אויף איין זייט, די אַנדערע האַלב אויף דער אַנדערער זייט, און דער חברה־מאַן איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין אָנבייסן.

„פון דעסטוועגן זאָלט איר אָנקוקן, ווי געזונט זיי זיינען! אייזן! גיבורים! ביי זיי איז אַ מאָדע שלאָגן זיך אין סטריט, אין מיט'ן גאַס הייסט דאָס. ניט זיי מיינען אייך שלאָגן, הרג'ענען, אונטערשלאָגן אַן אויג, אויסשלאָגן אַ פּאָר ציין, ווי ביי אונז. חלילה! נאָר גלאַט אַזוי: מע פאַרקאַטשעט די אַרבל און מע גיט זיך קלעפּ, מע וויל זען ווער וועמען. ביי זיי ווערט עס אָנגערופן אויף זייער לשון: מע פייטלט זיך. איינמאָל בין איך געגאַנגען שפּאַצירן אין די בראָנקס, געטראָגן מיט זיך אַביסל סחורה. גייען מיר אַנטקעגן צוויי באָיעס, לויפערס, יונגאַט־שעס הייסט דאָס, און טשעפּן זיך צו מיר — זיי ווילן זיך פייטלען מיט מיר. זאָג איך: „נאָסער, איך פייטל זיך ניט". אַהין־אַהער, זיי לאָזן מיך ניט גיין ווייטער. בין איך זיך מישב, אַז איר זיינט יאָ אַזעלכע, וועל איך אייך באַווייזן, ווער עלטער איז. און גיי און לייג אַוועק דאָס פּעקל און וואַרף אַראָפּ די קאַפּאָטע, און אַז איך הייב אָן כאַפּן קלעפּ — קוים אַ

לעבעדיקער אַרויס פון זייערע הענט! אַז זיי זיינען צוויי און איך בין איינער! פון דעמאָלט אָן פייטל איך זיך שוין מער ניט מע זאָל מיך אָפּגילטן.

—יאָ, בערל־אייזיק, דאָס איז אַלצדינג זייער פיין, וואָס דו דערציילסט. דו זאָג נאָר איין זאַך, וואָס מיר וואָלטן וועלן וויסן: מע שטאַרבט דאָרט אין אַמעריקע אויך אַזוי ווי דאָ, צי מע לעבט דאָרטן אייביק?

„מע שטאַרבט, פאַר וואָס זאָל מען ניט שטאַרבן? אין אַמעריקע, אַז מע טוט אַ שטאַרב, איז טויזנט אין איין טאָג, צען טויזנט און צוואַנציק טויזנט און דרייסיק טויזנט! גאַנצע גאַסן פאַלן דאָרטן איין! שטעט ווערן איינגעזונקען אַזוי ווי קורח!... איר שפּילט זיך מיט אַמעריקע?"

— שאַ, ווי באַלד אַזוי, וואָס איז מיט זיי דער יחוס? שטאַרבן זיי, הייסט דאָס, גלייך מיט אונז?

„יאָ, שטאַרבן שטאַרבט מען, נאָר ווי אַזוי שטאַרבט מען — אָט דאָס איז די זאַך. און ניט אַזוי נאָך דאָס שטאַרבן. שטאַרבן שטאַרבט מען אומעטום אַלץ איינס. פונ'ם טויט שטאַרבט מען. דער עיקר איז דאָס באַהאַלטן — אָט וואָס! ערשטנס, איז אין אַמעריקאַ דער איינפיר, אַז יעדערער ווייס פריער, וואו מע וועט אים באַהאַלטן. ווארום ער גייט אַליין, נאָך בעת ער לעבט, און קלויבט זיך אַליין אויס אָן אָרט אויפ'ן בית־עולם — „סעמעטעריע" הייסט עס דאָרטן — און דינגט זיך אַזוי לאַנג, ביז ער גלייכט זיך אויס פאַר'ן פּרייז. נעמט ער די פּלונית'טע זיינע און פאָרט זיך דורך מיט איר אויף דער סעמעטעריע און זאָגט איר: „זעסטו, נשמה מיינע? אָט דאָ וועסטו ליגן, אָט דאָ וועל איך ליגן, און דאָרט וועלן ליגן אונזערע קינדער"...

דערנאָך גייט ער אַוועק אין דעם אָפּיס פון לוויות און באַשטעלט זיך אַ לוויה איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, וואָס פאַר אַ קלאַס ער וויל.

און קלאַסן זיינען דאָרטן פאַראַן אַזוי גרויס ווי דריי: ערשטע, צווייטע און דריטע קלאַס. ערשטע קלאַס, פאַר גאַנץ גרויסע גבירים, מיליאָנערן, קאָסט טויזנט טאָלער אַ לוויה. איז דאָס שוין איין מאָל אַ לוויה! די זון שיינט, אין דרויסן איז אַ חיות. די מיטה איז אויף אַ שוואַרצן קאַטאַפאַלק, מיט זילבער באַלייגט. די פערד זיינען אַלע אָנגעטאָן מיט שוואַרצע פּאָפּאָנעס און ווייסע פעדערן. די רעווערענטן — אויך אין שוואַרצן מיט ווייסע קנעפּ. און קאַרעטעס נאָך דער מיטה — אָן אַ שיעור קאַרעטעס! און אַלע קינדער פון אַלע תלמוד־תורה'ס גייען אויף צו פריער און מע זינגט אויף אַ קול אויסגעצויגען. פונ'ם דאָזיקן געזאַנג קלינגט די שטאָט; אַ קלייניקייט — טויזנט טאָלער?!...

צווייטע קלאַס איז אויך אַ פיינע לוויה; קאָסט שוין נאָר פינף הונדערט טאָלער און איז שוין ניט דאָס. דער טאָג איז שוין ניט אַזוי פויגלדיק, די מיטה איז אויך אויף אַ שוואַרצן קאַטאַפאַלק, נאָר אָן

זילבער באַלייגט. די פערד מיט די רעווערענטן זיינען אָנגעטאָן אין שוואַרצן, נאָר אָן פעדערן און אָן קנעפּ. קאַרעטעס גייען נאָך, נאָר שוין נישט אַזוי פיל. קינדער — נאָר פון עטלאַכע תלמוד־תורה׳ס גייען אויף צו פריער און זינגען שוין נישט אַזוי אויסגעצויגן. דאָס זינגען איז טרויעריק, מיט׳ן נוסח ווי מע זאָגט תהילים — ווערדליק פינף הונדערט טאָלער...

„דריטע קלאַס איז שוין גאָר אַ געמיינע לוויה און קאָסט אין גאַנצן איין הונדערטער. אין דרויסן איז שוין קיל, כמאַרנעוואַטע. די מיטה אָן אַ קאַטאַפאַלק. פערד אינגאַנצן צוויי און רעווערענטן אויך צוויי. קאַרעטעס — קיין איינע ניט. קינדער נאָר פון איין תלמוד־תורה גייען אויף צו פריער און כאַפּן עפּעס אָפּ גאָר אָן אַ שום ניגון. און שלעפּערדיק, שטיל, קוים וואָס מע הערט זיי — סך־הכל הונדערט טאָלער, וואָס קאָן מען פאַר איין הונדערטער פאַרלאַנגען?“...

— יאָ, וואָס זשע טוט אָבער, בערל־אייזיק, דער, וואָס פאַרמאָגט קיין הונדערטער אויך ניט?

„איז ער טאַקע אויף גרויסע צרות! אָן געלט איז אומעטום שלעכט! דער אָרעמאַן ליגט אַלע מאָל ניין איילן אין דער ערד!... פון דעסטוועגן, מיינט ניט! אין אַמעריקע לאָזט מען דעם אָרעמאַן אויך ניט ליגן ניט קיין באַהאַלטענעם. מע מאַכט אים אַ לוויה אָן געלט, עס קאָסט אים ניט קיין סענט אַפילו. אַוודאי איז דאָס אַ טרויעריקע לוויה. קיין שום צערעמאָניעס, קיין סימן פון קיין פערד און פון קיין רעווערענטן. און אין דרויסן ליאַפּעט. נאָר צוויי שמשים קומען צו גיין, די שמשים פון ביידע זייטן און אין מיטן דער בר־מינן; — און אַלע דריי שלעפּן זיי זיך נעבאַך צופוס גלייך ביז צום בית־עלמין... אָן געלט, הערט איר, זאָל מען גאָר ניט געבוירן ווערן; אַ פּאַסקודנע וועלט... ווער פון אייך, אידן, פאַרמאָגט אַ איבעריקן פּאַפּיראָס?“

שלום־עליכם.

## הומאָר.

הומאר — איז א פארם פון שרייבן, ביי וועלכער דער שרייבער באווייזט די קאמישע, לאכעדיקע זייט פון א פערזאן אדער פון א סיטואציע אין לעבן. דער שרייבער לאכט דערביי ניט אויס די פערזאן. ער לאכט פון איר אפילו ניט אפּ. נאר ער לאכט מיט א דין, איידל געלעכטערל און רופט ארויס אויך ביים לעזער אזא דין געלעכטערל. אמאל לאכט דער שרייבער דורך טרערן, ווייל דאס, וועגן וואס ער שרייבט, איז געזעלשאפטלאך ניט גוט אדער ניט שיין. אזא הומאריסטישע פארם פון שרייבן פארלייכטערט דאס לייענען און מאכט א שטארקערע ווירקונג אויפ׳ן לעזער.

# דער אידישער פאַרמער.

1.

צוריק מיט צוואַנציק יאָר איז הער גאָלדנבאַרג אַ יונגער מיט ליידיקע הענט געקומען אין דער ווייטער וועסט.

זיין יונג ווייבל, ר ח ל, האָט ער געלאָזן אין דער גרויסער שטאָט.

זי האָט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל זיך נעמען צייט, און ווען ער וועט שרייבן, אַז ער האָט געפונען דאָס, וואָס איז גוט, וועט זי אויך אַרויס־קומען.

געקומען איז ער אין די דאַקאָטאַס און האָט זיך אויסגעקליבן אַ „האָמסטעד", וואָס איז באַשטאַנען פון הונדערט און זעכציק אַקער לאַנד, אויף וועלכע קיין מענש האָט נאָך פון אוראַלטע יאָרן זיין פוס ניט גע־שטעלט.

ער האָט זיך אויסגעקליבן דאָס שטיק לאַנד מחמת פיל טעמים.

ערשטנס האָט זיך עס געצויגן איבער אַ ברייטן פליין, און צו צפון־זייט איז געשטאַנען אַ הויך ברייט בערגל.

צווייטנס איז אין דער מיט פון דעם לאַנד אַ טייכל געפלאָסן.

און דריטנס איז טאַקע דאָס לאַנד אַ פעטס און מיט טיפע גראָזן... און נאָך און נאָך טעמים אָן אַ שיעור. און ער האָט עס ליב באַ־קומען.

און איינער אַליין איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די ברייטע שטחים און געטראַכט און געמאַכט זיינע פּלענער. אָט איז ביי אים געבליבן צו בויען דאָס הויז ביים טייכל, איז אָבער געקומען אַן אַנדער פּלאַן, אַז עס וואָלט בעסער געווען אָוועקצושטעלן דאָס הויז ביים צופוסנס פון בערגל: וואַסער וועט שוין זיין, דערפאַר וועט אָבער וואַרימער זיין אין ווינטער, ווייל פאַרשטעלט פון די ווינטן.

און אין יענעם טאָג, וואָס מען האָט אים די פּאַפּירן אין רעגירונגס־שטיבל געגעבן צום אונטערשרייבן און אים אָנגעזאָגט וועגן די פּאָדערונגען: אַז ערשטנס זאָל ער בויען אַ הויז, און צווייטנס — גראָבן אַ ברונען, און דריטנס — צעאַקערן פינף אַקער לאַנד און זיי מיט עפּעס אַליין באַזעצן און עס מאַכן פאַר זיין אייגענער היים, — האָט גאָלדנבאַרג צו אַלץ געשאָ־קלט מיט'ן קאָפּ און געשוויגן.

ער האָט ניט געקאָנט זאָגן דאָס, וואָס עס האָט זיך אים געוואָלט זאָגן פון זיין טיפן האַרץ אַרויס, נאָר שטום האָט ער די פּאַפּירן גע'חתמ'עט.

ער האָט באַלד זיין ר ח ל'ען געשריבן קורץ און פריילאַך:

„טייערע ר ח ל'ע, אַ גוט שטיק לאַנד גענומען... גרייט זיך אין וועג, איך נעם זיך שוין בויען"...

און אַזוי ווי ער האָט נאָר אַוועקגעשריבן זיין ליבער פרוי, האָט ער זיך שוין דערפילט אויף דער נאַקעטער פרייערי ווי אין דער היים.

ער איז אַוועק צו דעם נאָנטסטן ש כ ן , הער עלקינס, וועלכער האָט שוין דאַן געהאַט צוויי פערד און אַ גוטעווירטשאַפט, און זיך מיט אים באַקענט.

— וואָס קען איך טאָן פאַר אייך? — האָט יענער היימלאַך געפרעגט.

— איך וויל אַ פריער טאָן פאַר אייך אַן אַרבעט, און דאַן זאָלט איר מיר צוריק אָפּהעלפן. — האָט גאָלדנבאַרג געענטפערט.

— ביי אונז גייט עס אַנדערש... מען רעכנט זיך ניט. נאָר וואָס איר דאַרפט, וועל איך מיט פאַרגעניגן טאָן פאַר אייך; און אַז איך וועל דאַרפן, וועט איר, גלויב איך, אויך טאָן עפּעס.

איך וועל, איך וועל.—האָט גאָלדנבאַרג געמורמלט און ניט פאַר־שטאַנען דעם ח י ל ו ק.

און צוערשט איז עלקינס מיט אים געפאָרן אין שטעטל אַריין און זיי האָבן געבראַכט אַ פולן וואָגן מיט ברעטער און שינדלען און אַנדערע נייטיקע מאַטעריאַלן.

און גאָלדנבאַרג האָט שוין געמוזט נעכטיקן און קעסט עסן ביי על־קינסן. פרוי עלקינס האָט נאָך דאַן געלעבט, און זי האָט צוליב דעם נייעם ש כ ן אַן ע ו ף געקוילעט און פאַר אים געבראָטן פלייש מיט בול־בעס.

— איר זייט דאָך אַ „דזשו" און איר טאָרט ניט עסן קיין ח ז י ר... — האָט זי פילבאַדייטנדיק געזאָגט.

אויף דעם דריטן טאָג איז הער עלקינס אַרויסגעפאָרן מיט זיין אַקער און פערד און האָט פאַר גאָלדנבאַרגן צעאַקערט אַ ש ט ח לאַנד. ער האָט עס געטאָן אַ פּאָר טעג נאָכאַנאַנד, ביז ער האָט צעאַקערט אַן ע ר ך פון פינף אַקער ערד.

דערווייל האָט דער איד גאָלדנבאַרג מיט זיין איינגעקויפטער האַק ערגעץ אין אַ טיפן טאָל ווערבעס אָנגעהאַקט און זיי געבראַכט צו טראָגן אויף זיינע אַקסלען און זיי אַוועקגעלייגט אין אַ שטויס נאָענט פון דעם פּלאַץ, וואו ער האָט געוואָלט בויען דאָס הויז. און אַז ער האָט געהאַט אַ ס ך קלעצלאַך, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט און זיי צעהאַקט אין קליינע שפּענדלאַך.

און עלקינס איז מיט אים ווייטער אַוועק אין שטעטל. און זיי האָבן געבראַכט אַ וואָגן מיט קאַרטאָפל־ז ר י ע ה . עס איז נאָך ניט געווען שפּעט צו פאַרזעצן קאַרטאָפל.

און עס האָט באַלד אָנגעהויבן צו גיין זיין נאָמען פון איין מויל צו אַ צווייטן.

פּלעגט אַ ש כ ן דורכפאָרן און זען די קופּקע מיט די שפּענער, וועל־

כע האָט זיך געווייסט פונווייטנס, און דאָס צעאַקערטע שטיק לאַנד, פלעגט ער דערציילן אין שטעטל.

און אַז מען האָט די קאַרטאָפל פאַרזעצט, האָט עס גאָלדבאַרג געטאָן מיט גרויס כּוונה און פלייסיק די צעשניטענע שטיקער זריעה געלייגט מיט דער שאָלאַכץ אַרויף.

דאָס און דער אופן, ווי ער האָט עס געטאָן, איז עלקינסן שטאַרק געפעלן געוואָרן, און ער האָט עס דערציילט פאַר שכנים אין שטעטל.

און שפּעטער מיט אַ וואָך, נאָך איידער די קאַרטאָפל האָבן באַוויזן אָנצוהייבן אַרויסקומען פון דער ערד, האָט אים עלקינס געהאָלפן אויפ־שטעלן די ערשטע פאָרמען פון דעם הויז.

גאָלדנבאַרג איז דעמאָלט צוגעפאַלן צו עלקינס הענט און זיי גענומען קושן און אַליין ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן דעם „גוי", וועלכער האָט אים אַזוי פיל געהאָלפן.

און עס איז אַוועק זיין אַרבעט מיט אַ סדר.

מיט זונען־אויפגאַנג פלעגט ער אָנהייבן בויען דאָס הויז. איינער אַליין האָט ער עס געבויט. און מיט זונען־אונטערגאַנג האָט ער די אַרבעט פון זיין הויז אַוועקגעלייגט און זיך אַ נעם געטאָן צו די קאַרטאָפל, וועלכע האָבן שוין אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן פון דער ערד אַרויס, מיט צוויי און מיט פיר בלעטעלאַך, און זיי גערייניקט קעגן דער לבנה־שיין פון די יונגע קרייטאַכער.

האָט מען עס דערציילט אין שטעטל, און דער איד האָט באַקומען אַ נאָמען אַ גוטן און מען האָט אים שוין געשאַצט אין גרויסע געלטן און מיט אַ גוטער היים.

און שפּעטער, ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דעם הויז, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פירעקאַכדיקן צימער מיט אַ קליינער קיך און אַן אויוון פון שטיינער; און אַז ער האָט שוין אויסגעגראָבן דעם ברונען און אים קיילאַכיק אויסגעלייגט מיט שטיינער, אַז די שכנים זיינען געקומען קוקן אויפ'ן וואונדער, האָט גאָלדנבאַרג געשיקט נאָך זיין פרוי.

.2

דעם ערשטן טאָג, וואָס הער גאָלדנבאַרג האָט זיין פרוי אין דער ווייטער וועסט אַראָפּגעבראַכט, האָט ער זי אַרומגעפירט איבער די פּליי־נען און בערגלאַך און טאָלן פון זייער נייער היים.

און לאַנג זיינען זיי געשטאַנען ביים פעלד פון קאַרטאָפל. רחל האָט זיך ניט געקענט אָפּרייסן פון דער זויבערקייט, וואָס איז געווען צעשפּרייט איבער די רייען מיט די הויכע און ברייט צעוואַקסענע שטאַמען פון די טונקל־גרינע קאַרטאָפל־פלאַנצן.

און אַז זי איז דאָרשטיק געוואָרן פון אַרומגיין, האָט ער זי אַוועקגע־

פירט צו דעם ברונען און אַן עמער וואַסער פאַר איר אַרויסגעצויגן. זי האָט געטרונקען און זיך אָפּגערוט און ווייטער געטרונקען און געקוויקט זיך אין די טיפענישן פון איר האַרץ.

צו אָוונט־צו זיינען די שכנים פון דעם נאָענטן אַרום זיך צוזאַמענגעקומען.

דאָס אָנקומען פון פרוי גאָלדנבאַרג האָט זיך צעטראָגן זייער שנעל איבער דער פּריירי און עס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם גלויבן אין גאָלדנבאַרגס פולקאָמער הצלחה.

הער גאָלדנבאַרג האָט איינגיכן געקויפט צוויי פערד און אַ לאַנגן גריינעם וואָגן און אַ שנייד־מאַשין און נאָך און נאָך; דאָס אַלץ האָט מען אים געבעטן צו נעמען אויף באָרג.

און ער האָט דאָך געהאַט ביטחון צו באַצאָלן, האָט ער גענומען דאָס, וואָס ער האָט באַדאַרפט.

און דאָס ערשטע האָט ער זיין אייגן היי געשניטן. דאָס גראָז איז געוועזן טיף ביז דעם האַלז אַריין. טויזנטער יאָרן, אַז דאָס לאַנד איז געשטאַנען און עס האָט יאָר־איין, יאָר־אויס געוואַקסן פון זיך אַליין. און דער לאַנגער ווינטער מיט די טיפע שנייען פלעגן עס אַוועקלייגן און עס האָט געפוילט, און די ערד איז פעטער געוואָרן און וואָס אַ יאָר בעסערע גראָזן אַרויסגעגעבן.

האָט זיי הער גאָלדנבאַרג געשניטן און זיין פרוי איז נאָכגעגאַנגען פון הינטן מיט אַ הילצערנעם גאָפּל. און פון ווײַלע צו ווײַלע, אַז די מאַשין האָט זיך פאַרשטאָפּט פון די טיפע גראָזן, האָט זי באַדאַרפט מיט׳ן גאָפּל עס אויסרייניקן.

און אַז עס איז געקומען צו מאַכן די סטויגן און צו פירן דאָס היי צום סטויג, האָט די פרוי גאָלדנבאַרג אַ רויט טיכל אַרום האַלז אָנגעבונדן, אַ ברייט־ראַנדיקן שטרוי־הוט אָנגעטאָן און איז אַרויס צו העלפן איר מאַן.

זי איז געשטאַנען אין וואָגן און ער האָט דערלאַנגט פון קופּקע.

דערביי האָט זי באַמערקט, אַז בשעת ער נעמט אַ גאָפּל היי, דאַכט זיך איר, אַז עס וואָלט בעסער געווען, ווען ער זאָל טאָן, ווי די פרוי טוט, בשעת זי פאַרקעמט אירע לאַנגע האָר: אַ פריער זאָל ער אַרומנעמען מיט׳ן גאָפּל פון אַלע זייטן די צעפּאַלענע עקן פון די היי און זיי צוזאַמענברענגען אין דער מיט פון קופּקעלע, און דאַן וועט ער קענען אַרויפנעמען דאָס גאַנצע קופּקעלע, און איין היי־זאַנג וועט ניט גיין פאַרלאָרן.

גאָלדנבאַרגן איז דאָס שטאַרק געפעלן געוואָרן, און שמייכלענדיק פון דעם ווייבערשן איינפאַל, פלעגט ער אַ נעם טאָן מיט זיין גאָפּל די קופּקע היי און עס אַ הייב טאָן אין דער הייך איבער׳ן זוים פון וואָגן; און מיט איטלאַכן הייב פלעגט ביי אים אַרויס אַ מאָדנער קלאַנג פון צווישן זיינע ליפּן.

און ביים סטויג פלעגן זיי זיך בייטן. זי פלעגט שטיין אין וואָגן מיט'ן היי און אים דערלאַנגען צום סטויג. גאָלדנבאַרג האָט עס אַ כאַפּ געטאָן פון איר גאָפּל און געשיקט אַוועקגעלייגט איטלאַכן בונט היי אויף אַן אַנ־דער אָרט.

גאָלדנבאַרג האָט די סטויגן געבויט מיט דער לאַנגער זייט צו דעם הויז, עס זאָל דאָס הויז פאַרשטעלן פון דיווינטערדיקע צ פ ו ן־ווינטן.

צוגעדעקט האָט ער זיי מיט אַ שמאָלן, שאַרפן מ ש ו פ ע'דיקן שפּיץ, דער רעגן זאָל אַרונטעררינען גיכער און דאָס היי זאָל ניט פוילן.

עס איז געלעגן גאָטס ב ר כ ה אין דעם היי און אַזוי אויך אין דעם פעלד פון קאַרטאָפּל.

פון יעדער ש ו ר ה קאַרטאָפּל האָבן זיי אויסגעגראָבן צען זעקלאַך.

און עס איז געקומען צו פאָרן אַ ס ו ח ר, און אַז ער האָט דערהערט, אַז גאָלדנבאַרג האָט טויזנט זעקלאַך קאַרטאָפּל, האָט ער אָנגעבאָטן אַ דאָלער פאַר אַ זעקל אויפ'ן אָרט.

גאָלדנבאַרג האָט פאַרקויפט און דאָס געלט אין באַנק אַריין פון שטעטל אַוועקגעפירט.

דאָס שטעטל האָט זיך געוויגט.

און דאָס ערשטע האָט ער באַצאָלט אַלע זיינע ח ו ב ו ת און האָט אָנגעהויבן צו בויען אַ שטאַל פאַר זיינע פערד. און געקויפט אַ קו, עס זאָל זיין אַ גלאָז מילך אין הויז.

אָט אַזוי איז דאָס אַוועק יאָר איין, יאָר אויס.

א. ראַבאָי.

# די אייזנשטאָט.

(פּאָעטיש בילד).

אַ הייסע, קראַנקע נאַכט.

אַן אומגעלומפּערטע פאַרשטויבטע שטאָט.

אַ שפּינוועבס פון טעלעגראַף און טראַמוויי־דראָטן.

די גאַסן — אויסגעליידיקט, מיד.

אין לופט — אַ רויער ר י ח פון אייזן־ערד און אויסגעברענטע קוילן.

אַ צענדליק געלע שטערן, צעוואָרפן אויף אַ נידעריקן הימל, פינט־לענדיק, ווי אויגן פון אַן אַלטן ש י כ ו ר.

אַ ליימיקער און פוילער טייך, זיך קאָרטשענדיק אונטער הויכע, שוואַרצע בריקן.

און אין דער מיט פון פינסטערניש — אַ פערטל שטאָט אין פלאַמען.

אַ ג י ה נ ו ם, וואַרפנדיק זיין פלאַקער פאָנטאַנענווייז צום הימל.

אַ גרויסער טאָפּ אַ רויטער, אויפגעהאַנגען אין דער הייך, ווי אַ גלאָק, אין מיטן פון אַ טורעם פלאַמען, בייגנדיק דאָס מויל פון וויַל צו וויַל

צו ברעכן לאַווע, קאַסקאַדן לאַווע, צעשיטנדיק אַרום אַ האָגל לאַנגע פונקען.

וואַנאָנעס, מיט פייער אָנגעלאָדן, פויזענדיק פּאַמעלאַך אין טונקעלע ווינקלען.

פעלדער אויסגעלייגטע שטאַבעס, זיך לאַנגזאַם לעשנדיק.

רויטע פייער, ווייסע פייער, געלע פייער און רויך — ווי טורעמס וואָל.

אַ קלאַפּן און אַ הילכן, אַ סקריפּען און אַ האַמערן אָן אָפּרו.

שטאַנגען וואַסער, שיפּענדיק אויף אָנגעגליטן גוס...

אַ לאַבירינט פון רערן, רעלסן, רעדער, קייטן און מאַשינען, אַן אויס־געמיש פון נאַכט און פייער, און אין דער מיט — אַ ראַיען, אַ לויפן הין און הער פון קליינע שאָטנס.

יהואָש.

# דאָס פאַבריק־פייפל.

(סקיצע).

ווען מ י כ ל לעווין האָט זיך דערוואוסט, אַז זיין קינדהייט־ח ב ר און בעסטער פריינד פּיניע בערסאָן איז אין ניו־יאָרק און איז אויף גרויסע צ ר ו ת, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער וועט זיך ניט אַזוי גיך זען מיט זיין פריינד.

לעווין האָט גוט געקאָנט זיין ח ב ר; ער האָט געוואוסט, אַז וואָס ערגער בערסאָנס לאַגע וועט זיין, אַלץ מער וועט ער אויסמיידן פריינד און באַקאַנטע.

— באַקלאָג זיך פאַר אַ באַקאַנטן אויף זיין שלעכטער לאַגע, — פלעגט בערסאָן מיט אַ ביטערער איראָניע זאָגן, — וועט ער דיך אָנרופן שלי־מאַזל, וועט זוכן דיינע ח ס ר ו נ ו ת, מ ו ס ר'ן דיך; אויפ'ן בעסטן א ו פ ן, וועט ער דיר געבן ע צ ו ת, דערציילן, ווי אַזוי ער טוט אין אַזאַ פאַל, און וועט אַוועק אַ צופרידענער מיט זיך אַליין און מיט אַ באַהאַלטענער פאַר־אַכטונג צו דיר... דער איינציקער, פאַר וועמען ער האָט קיינמאָל קיין ס ו ד ו ת ניט געהאַט, איז געווען מ י כ ל.

— דו, מ י כ ל, האָסט די מ ע ל ה, וואָס דו קאָנסט הערן, הערן און שווייגן, ווען מע דאַרף. אָבער אַזוי שווייגן, אַז סע זאָל ניט באַליידיקן דעם צווייטן, נאָר באַרואיקן.

„ווען ער ווייס, אַז איך בין דאָ, וואָלט איך שוין אים ניט געדאַרפט זוכן." — האָט מ י כ ל געקלערט. אָבער וואו געפינט מען אים? פון די לאַנדסלייט האָט אים קיינער אַ ח ד ש י ם דריי ניט געזען, פון זיין ד י ר ה איז ער שוין עטלאַכע טעג אַוועק און קומט ניט נעכטיקן.

— אַזאַ טבע האָט ער שוין: — האָט זיין באַלעבאָסטע געזאָגט:— איז ער שולדיק פאַר עטלאַכע וואָכן דיר ה'געלט, אַזוי ווערט ער פאַר־פאַלן. אַן אַנדערער וואָלט מיינען, זי טרענט אים די אָדערן, צו זי רייסט אים די הויט... זי דערמאָנט אים אַפילו ניט. זי זעט דען ניט, וואָס פאַר אַן איידעלער מענש דאָס איז, וואָס? זי האָט אים נאָר געפרעגט, צי וועט ער אפשר עסן אַ טעלערל זופּ; — אַ מענש גייט אום אַ פאַרשמאַכטער;— האָט ער אַ האַק געטאָן מיט דער טיר און קומט אַפילו ניט נעכטיקן. אַ מאָדנער מענש דאָס איז...

אָבער געפינען אים מוז מען דאָך.

איז לעווין אומגעגאַנגען דעם גאַנצן זונטאָגדיקן טאָג — זיין איינציקער פרייער טאָג אין וואָך — איבער די גאַסן מיט דער האָפענונג, טאָמער וועט ער באַגעגענען בערסאָנען. ניט געפינענדיק אים, האָט ער באַשלאָסן אויפצושטיין מאָרגן פרי פאַרטאָג און זוכן אים אַרום די שטאָט־גערטנער, דאָס איינציקע אָרט, וואו אַ היימלאָזער קען האָפן איבערצונעכטיקן אומבאַמערקט פון די פּאָליציי־לייט.

און אויף מאָרגן פאַרטאָג איז שוין לעווין אַרויס פון זעקס־שטאָקיקן קאַזאַרמע־הויז, אין וועלכן ער האָט געוואוינט, און געלאָזן זיך זוכן זיין חבר.

די ריזן־שטאָט איז נאָך געשלאָפן. שטיל איז געווען אין גאַס מיט די בערגלאַך מיסט, ווי די קברים, אויף איר. אויפ'ן ווינקל גאַס איז געשטאַנען דער פאַרשלאָפענער גאַסן־קערער אין זיין ווייסן אָנצוג און קיוועד און האָט פויל און לאַנגזאַם געריבן אַ שוועבעלע נאָך אַ שוועבעלע, מאַטערנדיק זיך צו פאַררייכערן זיין קורצע ליימענע לולקע און שיקנדיק גלייכגילטיק אַ קללה דעם ווינט.

אויסגעדרייט ווי אַ שלאַנג, האָט זיך די „לופט־באַן" שנעל דורכגע־טראָגן אין דער לופטן, און עטלאַכע מיד־פאַרשלאָפענע פנימ'ער פון נאַכט־אַרבעטער, וואָס זיינען געזעסן ביים פענסטער, האָבן ווי שאָטנס דורכגעשוועבט און זיינען פאַרשוואונדן אין דער ווייטקייט.

וואוהין גייט מען אים זוכן? אין העסטער־סטריט פּאַרק קאָן ער ניט נעכטיקן: דער פּאָליסמאַן וועט אים באַלד באַמערקן צווישן די עטלאַכע פאַרדאַרטע ביימלאַך... העכסטנס קען ער דאָרט אָפּזיצן ביז אַ זייגער צוועלף... גיכער אין צענטראַל־פּאַרק; דאָרט איז שוין גרינגער אויסצו־באַהאַלטן זיך... און מיט האַסטיקע טריט האָט זיך לעווין געלאָזט גיין אַהין, וואו ער האָט געהאָפט צו געפינען זיין יונגן פריינד.

דורכגייענדיק די „בויערי", האָט לעווין אַלץ אָפטער באַגעגנט וואַנ־דער־ברואים מיט געשוואָלענע פנימ'ער און פאַרלאָפענע אויגן. וואו ניט וואו, אין פאַרבאָרגענע ווינקלאַך, זיינען געזעסן אויף טרעפּלאַך אָדער אויפ'ן טראָטואַר היימלאָזע און עלנטע, איינגעקאָרטשעט אין דריי־

ען, און אומרואיק געדרעמלט, אויפרייסנדיק מיט גוואַלד אַלעווײלע די אויגן און אַרומקוקנדיק זיך, צי גייט ניט אַ פּאָליסמאַן. לעווין האָט גענומען אויפמערקזאַמער צוקוקן זיך צו די נאַכטוואַנדלער און גאַסן־שלעפּער.

.2

— נאָר וואָס צוגעזעצט זיך, מיסטער... ערך־וואָרט, כ׳בין ניט גע־שלאָפן, קאָנסטעבל!

און אַ צעפּודלטער, אָפּגעפּליקטער פּאַרשוין מיט פאַרשלאָפענע, צעשראָקענע אויגן האָט געקוקט אויף לעווינען.

— טשוכעט זיך אויס, מיסטער, וואָס חלומ׳ען זיך אייך פּאָליסלייט? איר קענט ווייטער שלאָפן.

נאָר איינקוקנדיק זיך בעסער אין דעם פאַרשלאָפענעם פּאַרשוין, וואָס איז געשטאַנען מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן און געציטערט פון פרי־מאָרגן־קעלט, איז לעווין אָפּגעטראָטן אַ טריט אַהינטער, באַלד אַ ריס געטאָן זיך פאָרויס און אַ געשריי געטאָן: פיניע! ווי ער וואָלט געזוכט אַן אָרט, וואוהין צו אַנטלויפן.

דער פאַרשלאָפענער פּאַרשוין האָט אַ ציטער געטאָן. נאָר וואַרפנדיק אַ בליק אויף לעווינען, ווי ער שטייט מיט אויסגעשטרעקטע הענט, האָט ער זיך צו אים אַ וואָרף געטאָן.

— מיכל! — און די צוויי חברים האָבן זיך צעקושט.

— קוים געפונען דעם תכשיט. — האָט לעווין געלאַכט נאָכדעם, ווי זיי זיינען צו זיך געקומען. — איז וואָס זשע מאַכסטו פאָרט, פיניע?

— זעסט דאָך...

און אַ קרומער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע ליפּן...

— וואו וואוינסטו? וואָס טוסטו?

— וואו האָט אַ הונט אַ היים? זאָג בעסער, וואָס טוסטו?

— איך? איך אַרבעט אין אַ זייגער־פאַבריק.

— גאָר אַ זייגער־מאַכער געוואָרן?

— דערויף איז דאָך דאָס אַמעריטשקע; אַבי מען אַרבעט.

— און וואוהין ביסטו איצט געגאַנגען, צו דער אַרבעט?

— ניין, טאַקע דיך זוכן. — און אַ קוק געבנדיק אויפ׳ן זייגער, האָט זיך לעווין גענומען איילן:

— אוי, אוי! ס׳איז שוין באַלד האַלב זיבן דער זייגער; זיבן דאַרף איך זיך שטעלן צו דער אַרבעט. קום גיכער, וועלן מיר קודם־כל נעמען עפּעס אין מויל אַריין, דערנאָך וועלן מיר זען, וואָס ווייטער צו טאָן...

די שטאָט האָט אויפגעוואַכט, די גאַסן זיינען פול געווען מיט מענשן, איילנדיקע, לויפנדיקע; מיט אָנגעשטרענגט־פאַרזאָרגטע פּנים׳ער זיינען זיי געלאָפן אין פאַרשידענע ריכטונגען, געריבן זיך איינער אָן צווייטן. געשטויסן זיך מיט די איילנבויגנס אין די זייטן און ניט אומגעקוקט זיך אַהינטער.

די צוויי פריינד זיינען געגאַנגען אויף איינער פון די ענגע און שמוציקע גאַסן. בערסאָן האָט זיך געשלעפּט אַגלייכגילטיקער און אַן אַפּאַטישער; לעווין — אַ נערוועזער, אַן אומגעדולדיקער: יעדע מינוט האָט ער געקוקט אויפ׳ן זייגער און איז געוואָרן אַלץ אומגעדולדיקער.

— אוי, אוי ווי שפּעט! גיכער, גיכער! מיר׳ן עפּעס נאָך אַריינכאַפּן, אַ ביס טאָן, טאַקע דאָרט לעבן פאַבריק איז פאַראַן אַ רעסטאָראַנטשיק... און יעדעס מאָל, ווען עס פלעגט אויסקומען זיך אָפּשטעלן אויף אַ גאַס־צעטיילונג און וואַרטן, ביז דער טראַמוויי און עקיפּאַזש־באַוועגונג וועט פריי מאַכן דעם וועג, האָט לעווין ניט געקאָנט איינשטיין אויף איין אָרט — פון אומגעדולד.

— נו, קוים דערשלעפּט זיך!

און לעווין האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, מיט אַ טיכל אויסגעווישט זיך דעם שוויס פון שטערן און צוגעאיילט בערסאָנען:

— גיכער אַריין, אָט אַהער...

בערסאָן מיט לעווינען זיינען צוגעגאַנגען צום טיר פון רעסטאָראַן, ווען לעווין האָט זיך מיטאַמאָל אַ ריס געטאָן, גלייך ווי מע וואָלט אים מיט קאָכעדיק וואַסער אָפּגעגאָסן, און גענומען לויפן איבער׳ן גאַס.

— ס׳פייפט שוין פינף מינוט צו זיבן! — האָט ער אין גרויס איילעניש אַ וואָרף געטאָן און איז געלאָפן ווייטער.

בערסאָן האָט אים פאַרוואונדערט טרויעריק נאָכגעקוקט. אָפּלויפנדיק עטלאַכע טריט, האָט זיך לעווין האַסטיק אומגעקערט, צוגעלאָפן צו בערסאָנען, און שפּאַרנדיק אים עטלאַכע זילבערנע מטבעות אין האַנט אַריין, איילנדיק גערעדט:

— צום שוואַרץ־יאָר! גאָר פאַרגעסן... נאַ!... כ׳קען אַ מינוט ניט בלייבן... פאַרמאַכט די טויערן... איינס אַ זייגער וועל איך זיין... גיי אַריין ד׳ערוויל, עס אָפּ... וואַרט אויף מיר... ס׳פייפט!... — אומגעקוקט זיך און גענומען לויפן, ווי טויזנט רוחות וואָלטן אים געיאָגט.

בערסאָן איז געשטאַנען, צוגעהערט זיך צום שאַרף־דורכדרינגענדיקן געשריי פון דעם פאַבריק־פייפל און ביטער געשמייכלט...

ז. וועגדראָף.

# לינטשעריי.

(מעשה).

1

די אָנגעגליטע ערד האָט זיך געקילט, אָנגעפילט די לופט מיט אַ וואַרעמקייט, וואָס האָט געטריקנט אין האַלז, געקלעפּט די אויגן. אויפ'ן זאַמדיקן וועג האָבן זיך באַוויזן עטלאַכע שאָטנס, געשפּרונגען איינער אין צווייטן אַריין, באַלד צעשוואומען און זיך צוריק באַוויזן.

מען קומט, דאַכט זיך, פון פעלד, האַ? — האָט דער אַלטער נעגער אָנגעשטעלט אַן אויער. — זאָל דאָס זיין בוקערט?

— זיידע, דאָס איז ניט בוקערט. — האָט דאָס אייניקל פּרעד אָנגע־כאַפּט דעם אַלטן פאַר'ן האַנט. — דאָס קומט אָן דער שעריף מיט נאָך עטלאַכע מענשן.

— ווער, דער שעריף? — האָט דער אַלטער זיך אויפגעשטעלט מיט אַ קרעכץ און גענומען רופן די טאָכטער: — קיטי, קיטי, וואָס זאָגסטו, וואָס דער שעריף קומט צו אונז אַזוי שפּעט, האַ?

אַן איבערגעשראָקענע איז קיטי געשטאַנען. נאָכדעם איז זי מיט'ן אַלטן אַרויס פון שטוב.

פאַר דער שטוב איז געשטאַנען דער שעריף, ניט קיין הויכער יונגער־מאַן, דאַר און בייגיק; אויפ'ן אָרים האָט ער געטראָגן אַ ביקס. מיט אים זיינען געשטאַנען דריי מיטליעריקע פאַרמער.

— גוט איווינינג, דזשים! — האָט דער שעריף וואוילעריש באַגריסט דעם אַלטן.

— גוט איווינינג, קעפּטן! — האָט זיך דזשים פאַרנייגט און געוויזן אויף דער אָפענער טיר. — אָנגעלייגטע געסט!

— הער זיך איין, דזשים! — איז דער שעריף צוגעגאַנגען נעענטער. — מיר זיינען געקומען וועגן „ביזנעס". די זאַך איז די: אויב דו ווילסט ניט, דאָס דאָרף זאָל „לינטשן" דיין בוקערטן, טאָ גיב אים אונז גלייך אַרויס; פאַרליר קיין צייט נישט! דאָס גאַנצע דאָרף קאָן יעדע מינוט אָנקומען.

די נעגערטע האָט זיך גע'צלמ'ט און געציטערט.

— טייערער, וואָס רעדט איר? וואָס האָט מיין בוקערט געטאָן? אַזאַ שטילער, ער טשעפּעט קיין פליג נישט, מיין אָרימער „באָי".

— בוקערט האָט מיט אַ שעה צוריק באַליידיקט מעקלורס טאָכ־טער. מעקלור לויפט אַרום מיט אַ געלאָדענער ביקס, ווי אַ משוגע'נער, רופט יונג און אַלט, מ'זאָל אים העלפן נעמען דאָס געזעץ אין די אייגענע הענט. איר ווייסט, וואָס דאָס הייסט?

די מוטער מיט'ן זיידן האָבן געוואוסט, וואָס דאָס הייסט; געוואוסט,

אַז דער רואיקער בוקערט האָט נקמה גענומען פאַר זיין שוועסטער, דער פערצן־יעריקער רעגינע, וואָס מעקלור האָט באַליידיקט. פאַר־לוירענע, האָבן זיי זיך איבערגעקוקט, אומבאַהאָלפן געוויגט מיט די קעפּ און געשוויגן.

— וואָס שווייגסטו, דזשים? — איז דער שעריף צוגעשטאַנען. — זאָג מיר, וואו ער איז; כ׳גיב דיר מיין ערן־וואָרט, אַז נאָך היינט פיר איך אים אַוועק קיין אַטלאַנטאַ, ער זאָל קריגן גערעכטיקייט; אַז נישט, וועלן זיי אים לינטשן.

— בוקערט איז נאָך נישט געקומען פון דער אַרבעט. — האָט דער אַלטער געענטפערט. — דו קענסט מיך, אַז איך זאָג ניט קיין ליגן.

די נעגערטע איז געפאַלן דעם שעריף צו די פיס און זיך צעוויינט:

— וואָס וויל מען פון אונז, אומגליקלאַכע? מעקלור האָט באַליידיקט מיין איינציקע טאָכטער, און ער גייט אַרום פראַנק און פריי; און מיין בוקערט, אַזאַ שטילער...

— וואָס וועט העלפן אייער געוויין? — האָט דער שעריף זיך אַרויס־געדרייט פון אירע הענט. — געדענקט, גיט אים בעסער איבער אין מיינע הענט, אויב איר ווילט ניט, דער המון זאָל אים לינטשן.

דזשים האָט אַרויסגעבראַכט די ביבל:

— איך שווער דיר ביי דער ביבל, אַז בוקערט איז נאָך היינט נישט אַהיימגעקומען, ווי איך בין אַ קריסט!

— כ׳גלויב דיר, כ׳גלויב דיר, דזשים. — האָט דער שעריף זיך בעסער אָנגעטאָן די ביקס אויפ׳ן אָרים. — גוד־באַי!

— אַ גוטע נאַכט.

2

אַרום מעקפעטריקס סאַלון און ליוויס אייזן־געשעפט האָט זיך געטומלט. כמעט דאָס גאַנצע דאָרף איז דאָרט געווען פאַרזאַמלט. מען איז געגאַנגען פון סאַלון אין אייזנגעשעפט אַריין, איינגעקויפט קוילן, שראָט, אויסגעטוישט אַלטע ביקסן אויף נייע.

אַ יונג האָט געהאַלטן אויף אַ קייט אַ האַריקן יאַגד־הונט, גרויס ווי אַ וואָלף, וואָס איז נישט איינגעשטאַנען אויף אַן אָרט, זיך געדרייט און מיטגעשלעפּט זיין באַלעבאָס.

— מיין עצה איז — האָט דער יונג געהאַלטן דעם קאָפּ צום עולם, און אין גאַנצן האָט ער זיך טריטוויז נאָכגעשלעפּט נאָכ׳ן הונט — מיין עצה איז, מען זאָל גלייך אַרויסשיקן אַ פּאַרטיע אויף יענער זייט וואַלד. אין פאַל ער וועט אַרויס, זאָל מען אים פאַרשטעלן דעם וועג.

— וואו, רעכנט איר, באַהאַלט ער זיך, דער ניגער? — האָט איינער געפרעגט.

— ער זיצט געוויס אין די זומפּן.

— כ'האָב מורא, אַז מיר וועלן מוזן אַרומרינגלען דעם וואַלד.
— טאָ אויף וואָס וואַרטן מיר?
— אויפ'ן שעריף.
— זע, פּרענק, — האָט אַ מיידל זיך אָפּגערופן, — ברענגט אים אַ לעבעדיקן!
— און אַז מיר וועלן אים ברענגען אַ טויטן?
— אַלץ איינס! אַ ניגער האָט סיי־ווי־סיי קיין נשמה ניט.
מעקלור, דער באַליידיקטערס פֿאָטער, אַ נידעריקער פֿאַרמער מיט ברייטע פּלייצעס און אַ רויטן קאַרק, איז געגאַנגען פֿון איין קופּקע צו דער צווייטער, געשלעפּט יעדעס מאָל אַ צווייטן אין סאַלון און זיך נישט אויפגעהערט צו קלאַפּן אין האַרץ אַריין:
— מיין אָרימע קערי, מיין אָרימע קערי! אָ, ווען איך קריג די בעסטיע אין מיינע הענט אַריין! זעט, באָיס, מיר זאָלן אים נאָך היינט כאַפּן...
דער שעריף איז אָנגעריטן אויף אַ קליין, פלינק פערדל, ער האָט אויפגעהויבן אַ האַנט און געררעדט מיט אַ זיכערער שטימע:
— פריינט און שכנים! דער וואָס וועט כאַפּן דעם נעגער אַ לעבע־דיקן, וועט קריגן פֿון גאָווערנאָר פֿופציק דאָלער און אַ מעדאַל!
— הוררעי!... — האָט דער עולם זיך צעשריען.
— איך אַפּעליר צו אייך אין נאָמען פֿון גאָווערנאָר, איר זאָלט נישט נעמען דאָס געזעץ אין אייערע אייגענע הענט. זאָגט איר מיר צו?
— אָל־רייט! — האָבן זיך דאָ און דאָרט געהערט איינציקע שטימען.
— איצט, באָיס, פֿאַרלירט ניט קיין צייט!
אין איילעניש האָט זיך דער עולם צעשאָטן אין אַלע זייטן. מעקלור מיט עטלאַכע יונגע זיינען געבליבן שטיין ביים סאַלון.
— ער מעג זיך איינרעדן, דער שעריף, אַז מיר וועלן אים איבערגעבן דעם נעגער! — האָט אַ יונג זיך אַ בייזער געטאָן.
— ער וועט לאַנג וואַרטן. — האָט אַ צווייטער געענטפערט.

3

ס'איז געוואָרן טונקל. די רייטערס האָבן געיאָגט זייערע פערד, כמעט געשוויגן. דאָס פֿאָרן איינינעם, דער אימפּעט, די הינט, וואָס האָבן זיך געיאָגט אויף אַ פֿריער און זיך צעשאָטן צווישן די פעלדער מיט אַ בילעריי, דאָס אַלץ האָט פֿאַרטריבן די קלענסטע שרעק, צוגעגעבן קוראַזש. דער עולם האָט פֿאַרגעסן, אַז בוקערט איז אַ ריז, הייבט אויף מיט די פּלייצעס אַן אָנגעלאָדענעם וואָגן מיט היי; אַז ער אַליין קאָן אין אין אַ געשלעג פֿאַרטיק ווערן מיט פינף, זעקס מענשן.
מעקלור, אויף אַ הויכער קאָבילע, די ביקס פֿאַרוואָרפן איבער'ן אַקסל, האָט אויסגעזוען קריגעריש. דער מוח האָט זיך ביי אים געהויבן פֿון צופיל ביר.

דער שעריף מיט זיינע דריי שוואָגערס האָבן געשניטן צו די זומפּן; אָפּגעמאַכט, אַז אויב זיי וועלן אים כאַפּן, וועלן זיי אים גלייך איבערטאָן און אָפּשיקן קיין אַטלאַנטאַ. ער וועט זיי ווייזן, די פאַרמערס, אַז ס'עק־זיסטירט אַ געזעץ, וואָס מ'דאַרף אָפּהיטן; ער וועט זיי ווייזן, צו וואָס אַ שעריף איז אין אַ דאָרף.

אין די זומפּן, וואו אַ מענטשנס פוס איז זעלטן פאַרקראָכן, איז געלעגן צווישן קוסטן אַ זעקס־פוסיקער נעגער. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז הינט בילן, און ער איז אויפגעשפרונגען. ער האָט צעעפנט זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעפינקלט פון צווישן די צווייגן, ווי אויגן פון אַן אויסגעהונגערטער חיה.

דאָס איז געווען בוקערט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער ביקס, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן קוסט, און אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז מ'וועט אים קיין לעבעדיקן ניט כאַפּן. ביז דער לעצטער קויל וועט ער זיך פאַרטיידיקן.

בוקערט איז געוואָרן אַלץ טרויעריקער, געקוקט אויף דער פינס־טערער נאַכט. און כאָטש ער האָט געגלויבט, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט, איז ער זיכער געווען, אַז קיין ווייסער גלויבט נישט אין אים, גייט נישט אין זיינע וועגן, און אַז מיט גערעכטיקייט קען מען אויף דער וועלט נישט פיל אויפ־טאָן. מעקלור נעמט צו אַלע גנבות, און דער גלח, פאַסטאָר האַרפּער, עסט ביי אים יעדן זונטאָג מיטאָג.

ער האָט זיך דערהערט אַ הירושען פון אַ פערד. בוקערט האָט גענומען די ביקס, זי אַוועקגעשטעלט צווישן די קוסטן, אָנגעשפּיצט די אויערן און געוואַרט. עס האָבן זיך גענומען הערן קולות. ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט געהערט דאָס וואָרט „נעגער", נישט געוואוסט, צי דער שונא איז טאַקע אַזוי נאָענט. און מיט אַמאָל האָט ער פאַר זיך דערזען אַ הונט. דער הונט האָט זיך צוגעזעצט אויף די הינטערשטע פיס און זיך געקליבן אַ שפּרונג טאָן אויף אים. ער איז געווען גרייט אויסצושיסן; אינסטינקטיוו זיך אָבער געכאַפּט, אַז מיט'ן שיסן וועט ער זיך אַליין פאַר'מסר'ן, אויסגעדרייט די ביקס און אָפּגעמאָסטן דעם הונט מיט דער הילצערנער זייט, אַז יענער האָט פאַרוואָרפן די פיס און אַרויסגעלאָזט אַ כאָרכל. ס'איז געוואָרן שטיל, און בוקערט האָט געפילט, ווי ס'קלינגט ביי אים אין די אויערן, אין מוח. ער האָט אָפּגעמאַכט אויפצוכאַפּן מיט'ן ביקס איינעם נאָכ'ן צווייטן, נישט געבן זיינע אָנגרייפער קיין גע־לעגנהייט אים צו באַפאַלן.

עס האָבן זיך שוין געהערט די טריט פון די פערד, דאָס טאָפּטשען אין די בלאָטעס. בוקערט איז געוואָרן אומגעדולדיק, געוואַרט, ס'זאָל שוין עמיצער אונטערקומען. מיט אַמאָל האָט אַ שיין־וואַרפער אים פאַר־בלענדט די אויגן, אויף אַ רגע בלינד געמאַכט. דער געדאַנק, אַז זיי

האָבן אים אַ לעבעדיקן, האָט אים פּאַראַליזירט, און ער האָט פון שרעק אויסגעשאָסן... ער האָט דערהערט אַ שטימע!

— בוקערט, דאָס בין איך, דער שעריף! כ'ווייס, דו קענסט מיך שיסן, קענסט אויך שיסן מיינע דריי שוואָגערס, וואָס זיינען מיט מיר. וואָס וועט דיר אָבער אַרויסקומען? סוף־כּל־סוף וועט מען דיך כאַפּן. כ'דאַרף דיר נישט זאָגן, מיט וואָס דאָס שמעקט. פאָלג מיך און גיב זיך איבער אין מיינע הענט.

— נישט ביים לעבן! — האָט בוקערט אים איבערגעריסן.

— כ'מיין אין די הענט פון געזעץ. — האָט דער שעריף ווייטער גערעדט. — דאָס געזעץ ווייס נישט פון קיין ווייסע, פון קיין שוואַרצע. איז אויב דו פילסט, אַז דו ביסט אומשולדיק, וועט מען דיך באַפרייען.... האַ, וואָס זאָגסטו?

בוקערט איז געלעגן, ווי אין היץ. די רייד פון'ם שעריף האָבן אים צעמישט. ער האָט געפילט, אַז דאָס איז דער גלייכסטער וועג; אַז אויב דער שעריף וויל, קען ער אים אַוועקשיקן קיין אַטלאַנטאַ, און דאָרט איז מעגלאַך, ער זאָל זיך דערשלאָגן צו „קריגן גערעכטיקייט".

— וועל, וואָס שוויגסטו? — האָט זיך ווידער געהערט דעם שעריפס שטימע. — גיב זיך אונטער, איידער דער עולם קומט; דעמאָלט וועט זיין שפּעט.

— טאָ שוווער מיר צו, — האָט בוקערט זיך אויפגעשטעלט, — אַז דו וועסט מיך ניט איבערגעבן אין זייערע הענט.

— כ'שווער, — האָט דער שעריף אויפגעהויבן אַ האַנט, — אַז נאָך היינט ביינאַכט וועל איך דיך אָפּשיקן קיין אַטלאַנטאַ.

— בוקערט איז אַרויס פון די קוסטעס, ער האָט געלאָזט שטיין די ביקס און איז אונטערגעגאַנגען צום שעריף: „אָט בין איך, אַרעסטיר מיך".

ער האָט באַמערקט, אַז דער שעריף האָט אָנגעגרייט אַ פּאָר „אייזערנע מאַנזשעטן", איז ער געוואָרן אָנגעב'ר וגז'ט און זיך געפרעגט:

— דאָס גייט איר מיך שמידן?

— יע!

— כ'האָב זיך דאָך אַליין איבערגעגעבן, צו וואָס דאַרפט איר מיך שמידן?

— אַזוי פירט זיך.

דער שעריף האָט פלינק אים געשלאָסן די הענט.

בוקערט האָט דערזען, אַז ס'קומען אָן רייטער, האָט ער אַ נערוועזן דריי געטאָן מיט די הענט, זיך דערפילט אומבאַהאָלפן און געליטן, צו וואָס האָט ער זיך אונטערגעגעבן. אַ מינוט צוריק איז ער נאָך געווען פריי, זיך געקענט אָפּרעכענען מיט יעדן פון זיי, און איצט קען אים יעדער באַליידיקן, שלאָגן...

— אַט איז דער נעגער, אַט שטייט ער! — זיינען די רייטער מיט גע־שרייען אַראָפּ פון די פערד, און איינער האָט פון גרויס פרייד אויסגע־שאָסן: — הוררעי פאַר'ן שעריף!

איינציקווייז זיינען די רייטער אָנגעקומען, אַרומגערינגלט דעם נע־גער, אים געוויזן די שטריק, אויף וועלכער זיי וועלן אים הענגען; געשלאָגן מיט די פויסטן אין פּ נ י ם אַריין, און ער — אַ געשמידטער, אַ צעבלו־טיקטער — האָט נאָך יעדן קלאַפּ געמרוקעט און געוואַרט, מען זאָל אים ווידער שלאָגן.

מעקלור איז אַרויפגעפאַלן אויפ'ן שעריף, אים גענומען קושן, זיך צעוויינט. ער איז צוגעגאַנגען צום נעגער און אים אַ שפּיי געטאָן גלייך אין פּ נ י ם אַריין:

— בעסטיע! איצט וועל איך זיך אָפּרעכענען מיט דיר!

ער האָט איינגעקוועטשט די פויסטן און ווי אַ צערייצטער בייק זיך אַ לאָז געטאָן צום נעגער. דער נעגער האָט אַ הייב געטאָן אַ פוס און מעקלור האָט זיך איבערגעקייקלט.

— נעמט אים! נעמט אים! — האָט זיך געטראָגן פון אַלע זייטן.

דער שעריף איז אַריין אין דער מיט: בירגער, ש כ נ י ם! געדענקט, איר האָט מיר צוגעזאָגט; איר האָט מיר צוגעזאָגט העלפן אים איבערגעבן דעם געזעץ אין די הענט.

— מיר זיינען ס'געזעץ!

— אַ נעגער איז קיין מענש ניט!

— אַ הונט.

— גערעכט, אַ הונט! און אַ מ ש ו ג ע'נעם הונט דערשיסט מען!

— איך אַפּעליר צו אייך אין נאָמען פון געזעץ! — האָט דער שעריף נאָך העכער געשריען. — גייט אַריין אין מיין לאַגע. צו וואָס בין איך דאָ? פאַרוואָס צאָלט מיר די רעגירונג? ס'געזעץ זאָל אָפּגעהיט ווערן. גייט אַריין אין מיין לאַגע! איך אַפּעליר...

— העלפט מיר, „באָיס"!—האָט מעקלור זיך אַ לאָז געטאָן צום נעגער, ביי וועמען די אויגן זיינען געווען אָנגעלאָפן מיט בלוט.

דער שעריף האָט מעקלורן אָפּגעשטופּט, האָבן נאָך עטלאַכע זיך אַ לאָז געטאָן. ס'איז געוואָרן אַ געשלעג. דער שעריף האָט געשלאָגן מיט זיין קלאָב רעכטס און לינקס, ניט צוגעלאָזט צום נעגער.

דער כּ ע ס ביים ע ו ל ם איז געוואַקסן; פאַרדראָסן, פאַרוואָס דער שעריף נעמט זיך אָן. שלאָגט גאָר? און מיט אַ מאָל האָט זיך ביי איינעם פון אַ קלאַפּ געלאָזט ס'בלוט פון קאָפּ. דאָס איז גענוג געווען. מיט אַ געשריי האָט זיך דער ע ו ל ם אַ שפּאַר געטאָן צום שעריף, אים אומגע־וואָרפן, געטראָטן מיט די פיס. ביז פאַרטאָג האָבן זיי געפּייניקט דעם נעגער און מיט געזאַנג אים געפירט אין דאָרף אַריין.

4

אין דער אָרטיקער צייטונג איז געווען אָפּגעדרוקט אויף דער ערשטער זייט מיט גרויסע אותיות:

„היינט ביינאַכט, נאָך אַ געיעג פון פינף שעה, האָט מען אין די זומפּן געכאַפּט דעם נעגער, וואָס האָט באַליידיקט מעקלורס טאָכטער. דער משפּט וועט פאָרקומען מאָרגן, זונטאָג נאָכמיטאָג, ביים אינדיאַנער בערגל.

מיר האָפן, אַז קיינער פון אונזערע שכנים וועט ניט פאַרפעלן צו זיין אָנוועזנד. — — די קאָמיטע".

באַלד נאָכמיטאָג האָבן די פאַרמערס אָנגעהויבן צונויפצופאָרן זיך אַרום דעם אינדיאַנער בערגל. געקומען זיינען זיי משפּחה'ווייז. קורצע ברייטבייניקע סקאָטלענדער; ענגלענדער, גלאַט געראַזירט, מיט פאַרקוועטשטע ליפּן; אַלטע דייטשן, מיט „אָנקל סעמס" אויף די גאָמבעס; עטלאַכע איטאַליענער דזשאָנק־פּעדלערס האָבן אָנגעפּאַקט אין זייערע וועגלאַך די ווייבער מיט די קינדער און פאַרפאָרן מיט אַ געפּילדער; סלאַוון זיינען אָנגעקומען אין זייערע היימישע בגדים. רעפּאָרטיאָרן פון די אַרומיקע פאַמיליען־בלעטלאַך זיינען אָנגעפאָרן אויף זייערע וועלאָסיפּעדן.

מענשן, וואָס האָבן זיך כמעט ניט געקענט צונויפרעדן, זיך אויסגעמיטן דאָס גאַנצע לעבן, זיך פיינט געהאַט, האָבן מיט אַמאָל אַוועקגעוואָרפן אַלע פאָרורטיילן. דאָס איז די ווייסע ראַסע זיך געקומען אָפּרעכענען מיט דער שוואַרצער.

— מען פירט אים! מען פירט אים!—האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן.

דער עולם איז אויפגעשפּרונגען, זיך גענומען שטופּן נענטער צום בערגל, זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער.

בוקערט איז געגאַנגען גלייך, געקוקט פאַר זיך, ווי ער וואָלט קיינעם ניט געזען. ער האָט אויסגעזען צו זיין רואיק.

די מענשן, וואָס האָבן בוקערטן געבראַכט, האָבן זיך געהאַלטן אין איין פאָרען. זיי האָבן אַראָפּגענומען פון אַן אויטאָמאָביל קייטן, שטריק, אַן אייזערנע שטאַבע, כּלים מיט נאַפט.

— וואו איז האָלץ? — האָט איינער געפרעגט.

— לאָז עמיצער צופאָרן צום וועלדל און ברענגען.

פינף יונגען זיינען אַרויף אויף אַן אויטאָמאָביל און זיינען מיט אַ פייף פאַרשוואונדן....

— ער רעדט מיט'ן „סעקסטאָן" — האָט זיך עמיצער אָנגערופן.

— ווער, דער נעגער? וואָס וויל ער?

— ער וויל, מען זאָל אים געבן אַ ביבל.

בוקערט האָט אַנידערגעקניט און אויפ'ן קול גענומען לייענען פון

„הייליקן דזשאַן". דער עולם, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שפּאַסן, איז געוואָרן נייגעריק, אויפגעהערט צו טומלען און זיך איינגעהערט אין בוקערטס שטימע, וואָס האָט אין אָנהייב געציטערט, דערנאָך געוואָרן זיכער, העכער געקלונגען איבער'ן פעלד.

— — —„און איך האָב געזען, ווי אין הימל האָט זיך אַ טיר געעפנט, און די ערשטע שטימע, וואָס האָט גערעדט צו מיר, האָט געקלונגען ווי אַ טראָמ־פּייט..."

עס איז געוואָרן שטיל, ווי ביי אַ גאָטעסדינסט, דער עולם איז גע־שטאַנען אויף די שפּיץ נעגל און האָט זיך איינגעהערט. בוקערטס שטימע האָט געקלונגען אַלץ העכער און קלאָרער; די אויגן געווענדעט צום הימל, ווי אַ הייליקער. אַזוי האָבן געמוזט אויסזען די ערשטע קריסטן, ווען זיי זיינען געשטאַנען פאַר די שייטערהויפנס.

דער עולם האָט מיט אַמאָל זיך גענומען אַרומקוקן און איינער האָט גענומען פרעגן דעם צווייטן:

— וואָס איז דער מער? וואָס איז דאָרט?

צווישן דעם עולם איז געשטאַנען אַ נידעריקער מאַן, וועמעס אויפ־געהויבענע פויסטן האָבן זיך בלויז אַרויסגעזען, און זיין שטימע האָט גע־קלונגען טעמפּ און פייכט:

— קריסטן זייט איר; אויב איר זייט קריסטן, איז אַ חרפּה צו זיין אַ קריסט, בין איך קיין קריסט ניט!

דער עולם האָט אויפגעציטערט...

דער אויטאָמאָביל מיט האָלץ, וואָס האָט זיך באַוויזן אויפ'ן זאַמדיקן וועג, איז גענוג געווען, אַז דער נאָר וואָס איינגעדרעמלטער פאַרגעניגן צו פייניקן אַ שוואַרצן זאָל זיך צוריק אויפוועקן, און פון אַלע זייטן האָבן זיך דערהערט קולות:

— וואָס וויל ער, דער „יענקי"?

— לאָז ער גיין קיין באָסטאָן!

דערווייל איז אָנגעלאָפן דער אויטאָמאָביל. מען האָט גענומען קלאַ־פּן די שטאַבע טיף אין בערגל אַריין; די שטאַבע האָט מען אַרומגעלייגט מיט שטיינער, צעלייגט דאָס האָלץ און אַ האַלב טוץ מענשן זיינען אונ־טערגעגאַנגען צו בוקערטן.

— פאַרטיק?

בוקערט האָט זיך פאַמעלאַך אויפגעשטעלט, זיי אָנגעקוקט, גענומען רייסן פון „הייליקן דזשאַן" אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט, זיי געטיילט דעם אַרומיקן עולם.

אַ שוידער איז ביי אַלעמען דורך; געפילט, אַז ווען עמיצער שטעלט זיך איצט פאַר אים איין, וואָלט זיך ביי קיינעם קיין האַנט ניט געהויבן; זיי וואָלטן זיך צעפאָרן אַהיים.

די אָנפירער האָבן דאָס דערפילט, זיך איבערגעשראָקן, אַרומגע־רינגלט בוקערטן און אָנגעכמורעטע צוגעשטאַנען צו אים.

— פּאַרטיק?

בוקערט איז צוגעגאַנגען צום בענקל, זיך אָנגעשפּאַרט מיט די פּליי־צעס אָן דער אײַזערנער שטאַבע און גלײַכגילטיק געקוקט אויפ׳ן עולם, אויף די מענשן, וואָס פּאָרן זיך אַרום אים.

אַ האַלב טוץ מענשן האָבן אים צוגעבונדן צו דער שטאַבע, געדרייט און געקניפּט שטריק און קייטן אַרום זיין קערפּער. מען האָט אים אַרומ־געלייגט מיט שטיקער האָלץ, טרוקענע צווייגן און אַלץ באַגאָסן מיט נאַפט.

דער עולם האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן פון די פּלעצער, געוואָלט בעסער זען; אַרויפגעקראָכן אויף ביימער, אויף אויטאָמאָבילן; טאַטעס האָבן אויפגעהויבן די קינדער, און מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם געוואַרט, וואָס ס׳וועט געשען.

מעקלור, אָנגעטאָן יום־טוב׳דיק, איז אונטערגעגאַנגען מיט ווירדע. ער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און עס צוגעטראָגן צו די צווייגן.

— אוּ־ה... — איז דורך אין דער לופט, ווי אַ ווינט וואָלט געווייט. און דער עולם האָט זיך נעענטער אַ שפּאַר געטאָן

איבער אַ רגע האָט זיך בלויז געזען אַ בלוי פלעמל; באַלד האָט זיך דער נאַפט צעפלאַקערט, פונקען האָבן זיך געשאָטן, האָלץ האָט גענומען קנאַקן. אין איין אויגנבליק האָבן זיך בוקערטס הויזן אָנגעכאַפּט און ס׳האָט זיך געהערט אַ סמאַליע פון פלייש. ער האָט צומאָל קיין קרעכץ ניט געטאָן.

די פלאַמען זיינען פאַמעלאַך געקראָכן איבער זיינע קליידער. פונקען האָבן זיך אַ שפּאַר געטאָן פון אַ געדיכטן, גרויען וואָלקן רויך, בוקערט האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ. מיט אַמאָל האָט ער זיך גענומען קאָרטשען הינטער די שטריק און צום ערשטן מאָל זיך צעשריען:

— אוי, מיין גאָט! מענשן, לאָזט מיך אָפּ! כ׳בעט אייך, לאָזט מיך אָפּ!

מיט פאַרקוועטשטע פויסטן, די ציין איינגעביסן אין די ליפּן, האָט ער זיך געקאָרטשעט, באַוואויגן מיט יעדן גליד, מיט יעדן מוסקול, גע־קרעכצט. ער האָט זיך צעשריען מיט אויפטרייסלענדיקע קולות. זיינע געשרייען זיינען פאַרהילכט געוואָרן פון ווילדן המון:

— מע דאַרף מיט אַלע אַזוי טאָן!

— סמאַליע!

— חזיר!

מעקליור איז געווען באַרוישט, זיך געוואַקלט פון גליק.

בוקערטס געשרייען זיינען געוואָרן שוואַכער, ווי די כּוחות וואָלטן אים פאַרלאָזן. ער האָט ניט געשאָלטן, בלויז געקרעכצט און זיך געבעטן:

מענשן, האָט רחמנות, דערשיסט מיך! מענשן...

קיינער האָט זיך נישט צוגעהערט.

פלוצלונג האָט דער שטריק, וואָס איז געווען אַרום די אַקסלען און דער ברוסט, זיך איבערגעבערענט און נאָכגעלאָזט. די קייט האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון די אָרימס, און ער האָט זיך אויסגעגלייכט, געשטעלט עטלאַכע טריט און זיך אַ ריס געטאָן. שטיקלאַך ברענענדע קליידער זיינען געפאַלן דאָ און דאָרט.

דער ווילדער המון האָט זיך אָפּגערוקט אויף צוריק. אַ שרעק האָט יעדן אַרומגענומען. די פרויען און קינדער האָבן אָנגעהויבן שרייען.

די קייט אַרום די פיס האָט בוקערטן צוריקגעהאַלטן. מיט צע־שפּרייטע הענט, איינגאַנצן אין פלאַמען, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן, זיך איבערגעקייקלט און געבליבן ליגן אין אַ זייל פון פייער.

פאַר אים איז ביסלאַכוויז אַלץ אָפּגעשטאָרבן, צעשוואומען. ער האָט דערזען די מוטער איבער זיך, מיט אַן אומגעהייערער שנעלקייט געגומען מיט איר פליען, די פלאַמען נאָך אים. די פלאַמען האָבן אים איינגעהילט, געקנאַקט, ווי מ׳וואָלט אויף זיי געגאָסן אויל, און די לופט איז פול געוואָרן מיט סמאַלינעס.

דער המון איז זיך פאַנאַנדערגעפאָרן. דאָ און דאָרט האָבן יונגען געשאַרט מיט שטעקנס אין אַש, געזוכט פאַר אַ זכר וועד אַ צאָן, וועד אַן אָפּ־געברענטן ביין, — די קומענדיקע דורות זאָלן זען, אַז זייערע פאָטערס זיינען געווען בראַווע אַמעריקאַנער.

די זון האָט זיך גענומען זעצן. י. אָפּאַטאָשו.

# סאַקאָ און וואַנזעטיס טויט.

(עלעגיע).

שולדיק.
געזעץ איז געדולדיק:
באַשריבן פון יאָרן שוין זיבן—
טויט.

שטול גרייט,
נאָר פינגער צום קנאָפּ—
וועט ברענען קנויט
און סמאַליען
קאָפּ נאָך קאָפּ.

וועלט איז אויף וואָגשאָל:
גנאָד? עשאַפּאָט?
באַוואָפנט ביים צינגל
שטייט באָסטאָן די שטאָט.
און נאַכט ליגט אין ס פ ק ו ת דערוואָרגן —
ווער וועט די האָפענונג באָרגן?
טויט—כּ ו ח פאַרמאָסטן
אויף מ ו ח פון וועלט.

מ ז ר ח, מ ע ר ב, ד ר ו ם, צ פ ו ן,
וועלט איז אַ נאַכט ניט געשלאָפן,
ביז פון באָסטאָן דער שטאָט
האָט זיך דראָטלאָז, דורך דראָט,
איבער י ם,
צו יעדן שטאַם
צעטראָגן דול:
פאַרברענט אויף עלעקטרישן שטול.

וועלן אַזוי מיר פאַרשרייבן,
פאַר ד ו ר ו ת ס'זאָל בלייבן:
שטאָט באָסטאָן פאַרמאָסטן
מיט כּ ו ח אויף מ ו ח
פון וועלט.

וועט טויט
אינ'ם אויער פון וועלט
ניט אויפהערן ברומען,
ביז עכאָ וועט קומען.

ב. פרידמאַן.

# יודזשין וויקטאָר דעבס.

(ביאָגראַפיע).



י. וו. דעבס

יודזשין וויקטאָר דעבס איז איינער פון די איידעלסטע און שענסטע מענשן, וואָס האָבן װען געלעבט אין אַמעריקע; איינער פון די, וואָס האָט געהאַט איבערציייגונגען און האָט געלעבט לויט זיינע איבערצייגונגען און איז גרייט געווען צו ליידן פאַר זיינע איבער־צייגונגען, אַבי זיי ניט צו פאַרראַטן. ער האָט באַלאַנגט אינגאַנצן צום אַרבעטער־קלאַס און האָט פאַר די אידעאַלן פונ׳ם אַרבעטער־קלאַס אָפּגעגעבן זיין לעבן.

יודזשין וויקטאָר דעבס איז געבוירן געוואָרן דעם 5־טן נאָ־וועמבער 1855 אין טערהאָט, אינדיאַנאַ. זיינע עלטערן האָבן גע־שטאַמט פון פראַנקרייך און זיינען געקומען אין אַמעריקע אין 1849. זיי זיינען געווען זייער וואוילע און גאַנץ געבילדעטע מענשן; זיי זיינען געווען אָרים און האָבן געהאַט אַ גרויסע פאַמיליע; יודזשין איז גע־ווען איינס פון זייערע 10 קינדער.

דעבס האָט באַזוכט אַ שול בלויז ביז 14 יאָר. נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן און פאַרשידענע שעפּער, און שפּעטער איז ער געוואָרן אַ לאָקאָמאָטיוו הייצער. ער האָט פאַרדינט זייער ווייניק, און זיין גאַנצן פאַרדינסט פלעגט ער אָפּגעבן דער מוטער. אין אַ ביסל צייט אַרום איז ער געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער אין אַ באַקאַליי־געשעפט; נאָך 5 יאָר איז ער ערוויילט געוואָרן אויפ׳ן אַמט פון שטאָט־סעקרעטאַר.

נאָך גאָר אַ יונגער בחור, איז דעבס געוואָרן אַ מיטגליד פון דער יוניאָן פון לאָקאָמאָטיוו־הייצער און האָט נאָכדעם געהאָלפן אָרגאַניזירן אַ רייע יוניאָנס פון אייזנבאַן־אַרבעטער און טיכ־טיק געאַרבעט אין זיי. פון 1880 ביז 1894 איז ער געווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר, רעדאַקטאָר און פאַרוואַלטער פון דעם זשורנאַל „דער מאַגאַזין פון די לאָקאָמאָטיוו־הייצער". אין 1894 האָט ער רעזיגנירט פון דעם אַמט (וואָס פלעגט אַגב אים אַריינטראָגן 4000 דאָלער אַ יאָר) און האָט מיט דער הילף פון אייניקע חברים זיינע אָרגאַניזירט די „אַמעריקאַנער אייזנבאַן־יוניאָן" און איז געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער אין דער יוניאָן (פאַר 75 דאָלער אַ חודש) און שפּעטער איר פּרעזידענט.

אַזוי ווי די לאַגע פון די אַרבעטער אויף די אייזנבאַנען איז דעמאָלט געווען זייער אַ שלעכטע, און די באַן־מאַגנאַטן האָבן דאַן נאָך באַשלאָסן צו שניידן דעם לוין פון זייערע אַרבעטער, האָט די „אייזנבאַן־יוניאָן" מיט דעבסן אין דער שפּיץ אין 1894 דערקלערט אַ סטרייק אויף איינער פון די גרעסטע אייזנבאַנען, און נאָך אַ קורצער צייט איז דער סטרייק געוואונען געוואָרן. דאָס האָט צוגעגעבן מוט די אייזנבאַן־אַרבעטער און פאַראורזאַכט אַ שנעלן וואוקס פון דער אייזנבאַן־יוניאָן. און אין אַ ביסל צייט אַרום האָט די יוניאָן דערקלערט אַ סטרייק אויף אַ רייע אייזנבאַנען און צווישן אַנדערע אויך אַרויסגערופן אַ סטרייק פון די אַרבעטער ביי די פולמאַן־וואַגאָנעס. די לאַגע פון די דאָזיקע אַרבעטער איז געווען ערגער, ווי פון אַלע אַנדערע. דעם סטרייק האָט די יוניאָן אויך געוואונען. אָבער די אייזנבאַן־מאַגנאַטן האָבן געווירקט אויף דער פעדעראַלער רעגירונג, און דער פּרעזידענט קליוולענד האָט אַריינגעשיקט אין שיקאַגאָ, אין צענטער פון די פולמאַן־וואַגאָנעס,

פעדעראַלע סאָלדאַטן  געגן דעם פּראָטעסט פון דעם גאָווערנאָר פון אילינאָיס, צו באַשיצן די אייזנבאַנען. און די רעגירונג האָט דעמאָלט אָנגעקלאָגט פאַר'ן געריכט דעבסן און זיינע חברים פון דער פאַרוואַלטונג פון דער יוניאָן אין קאָנספּירירן געגן דער רעגירונג, אין שטערן פירן די פּאָסט א. ד. ג. דעבס איז אַרעסטירט געוואָרן און איז ביז'ן פּראָצעס און אין דער צייט פון פּראָצעס אָפּגעזעסן אין תּפיסה איבער אַ יאָר צייט. ווייל אויפ'ן געריכט האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די באַשולדיקונגען האָבן ניט קיין גרונד, האָט דאָס געריכט, אונטער'ן אויסרייד, אַז איינער פון די דזשורי־לייט איז קראַנק געוואָרן, אָפּגעלייגט דעם פּראָצעס און האָט אים קיינמאָל מער ניט אויפגענומען. דאָך האָט דער ריכטער פאַר'משפּט דעבסן און זיינע חברים צו 6 חדשים תּפיסה פאַר — „באַליידיקן דאָס געריכט".

דעבס איז אָפּגעזעסן די זעקס חדשים אין וואודסטאָקער טורמע; און ווען ער איז אַרויס, האָט ער באַקומען אַ וואונדערבאַרע ענטוזיאַסטישע אויפנאַמע מצד די שיקאַגאָער אַרבעטער, ווי אויך מצד די אַרבעטער פון אַנדערע שטעט.

אין טורמע האָט דעבס געהאַט צייט צו לייענען פיל; און ער האָט דאָרט דורכגעלייענט אַ ריי גוטע סאָציאַליסטישע ווערק, צווישן אַנדערע — פון בעלאַמין און פון קאַוטסקין. און ווען ער איז אַרויס פון טורמע, איז ער געווען אַ סאָציאַליסט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דורך עקאָנאָמישן קאַמף אַליין, דורך סטרייקס, וועלן די אַרבעטער ניט קענען באַפרייט ווערן פון עקספּלואַטאַציע מצד די קאַפּיטאַליסטן. אַז די אַרבעטער דאַרפן זיך אויך אָרגאַניזירן אין אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, וואָס זאָל קעמפן אויף איבערצונעמען די רעגירונג פון לאַנד און איינצופירן אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג, פריי פון עקספּלואַטאַציע; אַן אָרדענונג, וואו אַלע זאָלן באמת זיין גלייך סיי פּאָליטיש, סיי עקאָנאָמיש, סיי סאָציאַל. און דעבס איז צוגעשטאַנען צו דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

דעבס איז געווען אַ וואונדערבאַרער רעדנער. ער האָט גערעדט פּשוט, פאַרשטענדלאַך, ווענן איינפאַכע און פאַרשטענדלאַכע זאַכן, און ער פלעגט דעריבער מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק אויף זיינע צוהערער. ער איז געווען זייער אַן ערלאַכער מענש און דערצו אַ קליינהאַלטער. ער האָט ליב געהאַט מענשן, און איז באַזונדערס געווען איבערגעגעבן זיינע ברידער—אַרבעטער, און אַלע האָבן אים דעריבער ליב געהאַט, אויסער, נאַטירלאַך, די קאַפּיטאַליסטישע מאַגנאַטן. ווען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע האָט דעריבער געדאַרפט אַרויסשטעלן אַ קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט, האָט זי אויסגעקליבן פאַר אָט דעם בכבוד'יקן אַמט יודזשין דעבסן. זי האָט עס אַזוי געטאָן אין פיר פּרעזידענט־קאַמפּאַניעס; אין 1900, 1904, 1908, און 1912. דאָס ערשטע מאָל האָט דעבס געצויגן ביי 96 טויזנט שטימען, אין 1904 — ביי 402 טויזנט, אין 1908 — ביי 420 טויזנט און אין 1912 — ביז 897 טויזנט שטימען. אין 1916 האָט זיך דעבס קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו זיין דער קאַנדידאַט.

אין 1917 זיינען די פאַראייניקטע שטאַטן אונטער דער אַדמיניסטראַציע פון ווילסאָנען אַריינגעטראָטן אין דער וועלט־מלחמה. אַ גרויסן טייל פון די איינוואוינער פון אַמעריקע האָט אַרומגעכאַפּט אַ משוגעת פון פּאַטריאָטיזם, און אין אָט דעם טומל האָט מען ביסלאַכוויז פאַרגעסן אָן די פאַרשידענע פרייהייטן פון די בירגער, צווישן אַנדערע אָן פרייהייט פון וואָרט. און איינער פון די קרבנות פון אָט דער פּאַטריאָטיזם־משוגעת, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן און איז כּסדר אונטערגעוואַרימט געוואָרן פון די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן און פון זייער פּרעסע אין דער צייט פון דער מלחמה, איז געוואָרן יודזשין דעבס.

דעבס איז געווען געגן ד ע ר מ ל ח מ ה, פונקט אַזוי ווי ער איז געווען געגן יעדער מ ל ח מ ה, און ער האָט דאָס אין 1918, אויף אַ צוזאַמענקונפט פון סאָציאַליסטן אין קענטאָן, אָהייאָ, אָפן דער־קלערט; ער האָט געגעבן צו פאַרשטיין די פאַרזאַמלטע, אַז דאָס איז ניט קיין מ ל ח מ ה „צו מאַכן די וועלט פריי פאַר דעמאָקראַטיע", נאָר אַ מ ל ח מ ה צו פאַרגיסן דאָס בלוט פון הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען יונגע מענשן, כ ד י רייכער צו מאַכן די שוין אַזוי אויך רייכע קאַפּיטאַליסטן פון אַמעריקע. פאַר דער דאָזיקער רעדע האָט מען אים אָנגעקלאָגט און פאַר'מ ש פ ט צו צען יאָר טורמע.

די אומגערעכטיקייט פון אָט דעם פ ס ק איז געווען קלאָר פאַר יעדן ערלאַכן מענשן אין אַמעריקע, און דאָך האָט די רעגירונג פאַרזעצט דעבסן אין דער לעווענוואָרטער טורמע, און ער איז אָפּגעזעסן אין טורמע עטלאַכע יאָר. מ'האָט אים אַ ס ך מאָל געגעבן אָנצוהערעניש פון דער רעגירונג, אַז מ'וועט אים באַגנאַדיקן און באַפרייען, אויב ער וועט נאָר דערקלערן, אַז ער האָט ח ר ט ה אויף זיינע רייד. דערפון אָבער האָט זיך דעבס אָפּגעזאָגט, דערקלערנדיק, אַז ער וועט גיכער אָפּזיצן זיין גאַנצן טערמין, איידער ער וועט זיך אָפּזאָגן פון איינעם פון זיינע פרינציפּן. און נאָר אונטער'ן דרוק פון דער געזעלשאַפטלאַכער מיינונג האָט דער קומענדער פרעזידענט — האַרדינג — באַפרייט דעבסן.

נאָכדעם ווי דעבס איז באַפרייט געוואָרן פון טורמע, האָט ער פאָרטגעזעצט זיין סאָציאַליס־טישע טעטיקייט. אָבער זיין היזיכער עלטער און די טורמע האָבן אונטערגעבראָכן זיין געזונט, און ער איז געשטאָרבן דעם 20–סטן אָקטאָבער 1926 אין זיין געבורטשטאָט, וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט — אין טערהאָט.

### פ ו ן אַ ר ע ד ע.

## וועגן פירערשאַפט.

איך בין ניט קיין אַרבעטער־פירער. איך וואָלט ניט געוואָלט, איר זאָלט נאָכגיין נאָך מיר אָדער נאָך וועמען עס איז אַנדערש. אויב איר קוקט אַרויס אויף אַ מ ש ה'ן, וואָס זאָל אייך אַרויספירן פון דעם קאַ־פּיטאַליסטישן מ ד ב ר, וועט איר בלייבן דאָרט, וואו איר זייט. איך וואָלט אייך ניט אַריינגעפירט אין דעם „פאַרשפּראָכענעם לאַנד", ווען איך וואָלט א פ י ל ו געקענט, ווייל ווען איך וואָלט אייך געקאָנט אַריינפירן, וואָלט אַן אַנדערער אייך געקאָנט אַרויספירן. איר דאַרפט נוצן אייערע אייגענע קעפּ און אייגענע הענט, כ ד י אַרויסצוגיין פון די איצטיקע אומ־שטענדן. ווי די לאַגע איז איצט, נוצן די קאַפּיטאַליסטן אייערע קעפּ און הענט".

י. וו. דעבס.

# אַרבעט און קאַמף.

## זרח און בולאַני.

(סקיצע).

1.

פון איין זייט גאַס שטייט אליה־לייב מילנערס פערד־מיל; פון דער צווייטער זייט גאַס, קעגנאיבער—האַלפּערינס דרוקעריי. די ראָד אין מיל און די ראָד אין דרוקעריי דרייען צוויי זקנים: אין מיל — בולאַני, אין דרוקעריי — זרח.

געפאַלן אויף דעם לינקן פוס פון פאָרנט און אויף דעם רעכטן — פון הינטן; אַ רוקן, ווי ביי אַ קעמל; איין אויג אונטער אַ בעלמע, די צווייטע אַ פאַראייטערטע; אַ קאָלטן, אָנשטאָט אַ גריווע, אַן עק — קורץ און שיטער, אַ פעל, וואָס האָט דעם קאָליר פון אָפּגעסמאַליעטע שטרוי, און מיט אַ פּאָר פאַרעלטערטע וואונדן ביים האַלז; אַ מאַכטלאָז־אַראָפּגעהאַנגענע אונטערשטע ליפּ, אין וועלכער ס'דריקט זיך אויס דאָס גאַנצע עלנט, וואָס איז אים פאַרבליבן בירושה פון צען דורות האָרעפּאַשנע פערד ביי אידישע באַלעגאָלעס, וואַסער־פירער און זאַמדפירער — דאָס איז בולאַני.

הויך און ביניק; אַ פּנים — ביז די סאַמע אויגן באַוואָקסן מיט אַן אומגעלומפּערטער געל־גרויער באָרד, אַלט־אויסגעלאָשענע, שטענדיק טרערנדיקע אויגן, טיף אין קאָפּ פאַרזונקענע און באַהאַלטן אונטער געדיכטע נידעריק אַראָפּגעהאַנגענע ברעמען, דער לינקער היפּטביין בולט — אַ זכר פון אַ שראַפּנעל־וואונד, — אַ טראָט פון אַן אויסגעהאָרעוועטן פערד, וואָס איז געפאַלן אויף אַלע פיר, און מיט'ן שטעמפּל פון דרייסיק יאָר קאַזאַרמע אויף זיך — דאָס איז זרח דער יאָוון.

שווער צו זאָגן, ווער פון זיי האָט אַ שווערערע עלטער: זרח צי בולאַני.

יעדן פרימאָרגן פירט אליה־לייב אַרויף בולאַנין אויפ'ן מילראָד, בינדט אים צו צום „זשאָלאָב" מיט היי, לאָזט די ראָד און זאָגט יעדעס מאָל דאָסזעלבע:

— ביסט אַ נבלה, טאָ גיי אויפ'ן „טאָפּטשאַק" —

הייבט בולאַני אָן גיין און עסן, עסן און גיין... ווערט אים דאָס גיין נמאס פריער, ווי דאָס עסן; וויל ער זיך אַ ווײַלע אָפּשטעלן און אַ קיי טאָן מיט אַ רואיקן קאָפּ; מאַכט ער אַ טראָט נעענטער צום זשאָלאָב — „דער לעצטער טראָט", קלערט ער און מיינט דאָרט צו פאַרבלייבן, —

גייט די ראָד אַוועק פון אונטער זיינע פיס...ווייל ער כאָטש אויף אײן ר ג ע שטיין בלייבן און אַ טראַכט טאָן: „וואָס טוט זיך דאָ?”—ציט אים די שטריק פאַר'ן קאָפּ. גייט ער ווייטער, און גייט, און גייט... דער אָטעם ווערט קורץ, די זייטן הייבן זיך ווי בלאָז־זעק, די פיס דינען ניט, דער קאָפּ דרייט זיך, אָבער אָפּשטעלן זיך – קען ער ניט...

„נעמען וואָס אין מויל, אונטערקרעפטיקן זיך” – איז דערויף אויך קיין כּוח ניטאָ. ער ציט זיך צום „זשאָלאָב”, נעמט ער מיט די ליפּן אָדער מיט די ציין אַ מויל פול פאַרשטויבטע היי, קייט עס אָן ט ע ם, האַלב פאַרשיטנדיק אויפ'ן ראָד, וואָס דרייט זיך און דרייט זיך אונטער זיינע פיס, און לאָזט אים ניט אָפּשטעלן זיך...

גראָד אַנטקעגן אים, אונטער'ן זעלבן דאַך, איז פאַראַן אַ קליין פענס־טערל, אײנגאַנצן מיט מעלשטויב פאַרשאָטן. דורכ'ן פענסטערל זעט זיך אַרויס אַ ברעקל הימל, וואָס קריגט דורך אים אַ גרוי־קאָליר. קוקט בולאַני מיט זיינע פאַרטרערטע אויגן אויף דעם גרויען הימל־פלעק, און ס'דוכט זיך אים, אַז דאָס איז דער פּאָסט־טראַקט, וואו ער איז אַמאָל געלאָפן מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, פריילאַך געקלונגען מיט'ן גלעקעלע; געגעסן האָבער אויף די סטאַנציעס... שפּעטער – אַ וואָגן מ ש א געפירט, אויך ניט שלעכט געווען: געזען גרינע פעלדער; טיילמאָל, פאַרבייגייענ־דיק, ט ו ע ם געווען אַ זאַפטיק גרעזעלע. אַ פ י ל ו ווען ער האָט די פאַס וואַסער געפירט, איז אויך בעסער געווען. אַלע ווײלע אָפּגעשטעלט זיך... ס'האָט זיך געמאַכט – אַ אינגל האָט מכבד געווען מיט אַ באַ־זאַלצענעם שטיקל ברויט... און דאָ – גיי, גיי און גיי...

און אויף בולאַנין פאַלט אָן אַ שלעפעריקייט... די אונטערשטע ליפּ ווערט נאָך מער אָפּגעלאָזט, און אַראָפּ פון איר ציט זיך אַ דינע קלעפּיקע סליונע, רייסט זיך אָפּ אין מיט וועג צום ראָד, די אונטערשטע העלפט פון דער סליונע־פאָדים פאַלט אים אויף דער פלאַטשיקער קאָ־פּיטע, די אויבערשטע העלפט שפּרינגט, ווי אַ נאָכגעלאָזענע פּרוזשינע, צוריק צום ליפּ אַרויף... און אַ געשמאַקע מידקייט צעגייט זיך אונטער'ן פעל, ס'ווילט זיך כאַפּן אַ דרימל, כאָטש שטייענדיק... איין מינוט ניט מער... די אויגן מאַכן זיך צו ניט ווילנדיק, די פיס בלייבן שטיין מאָדנע פאַנאַנדערגעשפּרייט; און גלייך דערפילט ער: די שטריק רייסט אים די אָדערן פון האַלז... כאַפּט ער זיך אויף אַ צעשראָקענער, ניסט דריי מאָל אָפּ, ווייל קלוימערשט אַ הירושע טאָן, נאָר ס'קומט ביי אים אַרויס אַ מ י ן הייזעריקער הוסט... גיט ער זיך אַ טרייסל – אויפצומונטערן זיך–און גייט ווייטער און גייט ווייטער...

2.

נאָר טאָג, שטעלט זיך ז ר ח דער יאָוון ביים ראָד פון דרוק־מאַשין און דרייט די ראָד, און דרייט, און דרייט... פרימאָרגנס איז ער ווי אַ היל־

צערנער: מיט קיין גליד ניט צו רירן. הענט און פיס ציטערן, די אַלטע וואונד אין היפּטביין דערמאָנט אָן זיך, דער קרייץ טוט ווי ביים איינבויגן זיך; יעדער דריי מיט'ן ראָד צעשיקט פונקען איבער'ן היפּט און רוקן...

קלערט זרח: ער וועט זיך פאַנאַנדערוואַרעמען, וועט אים גרינגער ווערן; נעמט ער שנעלער דרייען די ראָד, ווערט ער גיך אויסגעמאַטערט. דאָס האָריקע צעכראָסטעטע האַרץ ווערט באַדעקט מיט שווייס, אַרויף און אַראָפּ גייען פון פאָרנט די אַקסל־ביינער, און פון הינטן — די לאָפּעטקעס. ווי שטריק ווערן די אָדערן אויף די נאַקעטע הענט אונטער'ן הילצערנעם גלאַט־גלאַנציקן הענטל פון דער מאַשין־ראָד; די קני זיינען ווי פרעמדע, און דאָך ווייטיקן זיי... די אויגן ווערן ווי מיט זודיק וואַסער באַגאָסן און קריכן פון קאָפּ אַרויס... וויל זרח אָנהייבן דרייען לאַנגזאַמער, לאָזט ניט דאָס אינגל, וואָס לייגט די בלעטלאַך אויפ'ן דרוקמאַשין. „דרייט, רב זרח, דרייט, שלאָפט ניט."

און דער יונגער אינגל אין דעם בלויען העמדל שטייט און לייגט מיט פלינקע פינגער די ווייסע בלעטלאַך אויפ'ן שוואַרצן שטיין־ברעטל פון דער דרוק־מאַשין; זינגענדיק און פייפנדיק גייט ביי אים די אַרבעט.

אַז מ'קען מיד ווערן, פאַרשטייט ער ניט.

פון אַ ווײַלע אָפּשטעלן זיך טראַכט אַפילו זרח ניט, דרייט ער ווייטער די ראָד און דרייט, און דרייט... און סע דרייט זיך די שטוב אַרום אים און די מאַשין, און דער בחור'ל ביי איר... הייס ווערט אַרום די אויגן, אין די שלייפן קלאַפּט... קוקט ער אויפ'ן זינגענדיקן בחור'ל און, ווי אין חלום, דערמאָנט ער זיך: אויך אַמאָל יונג געווען... נאָך אַ קלענערער, אַ באָרוועסער יתומ'ל, האָט מען אים געפירט אין באָד... האָט זיך געוואָלט טרינקען...האָט מען געגעבן שמיץ...נאָר שמד'ן זיך... מ'האָט די שטריק אָפּגעשניטן... איז אים געגאַנגען בלוט פון האַלז... ציילן סאָלדאַטן גייען... סע בלישטשען פּיקעס אויף דער זון... טרינקען פון בלאָטיק טייכל לאָזט מען ניט... „הורראַאַאַ"! שרייט מען... פּלעוונע גענומען... חתונה געהאַט... אַ געזונטע מויד ציפּע געווען... וואָס איז 40 קאָפּיקעס אַ טאָג? קום אויס דערמיט, גוט, ס'איז קיין קינד נישטאָ. און אפשר וואָלט עס וואָס אַריינגעבראַכט... די עלטערן פאַרגרינגערן... אַ־אַ, ווי ס'שלעפּערט זיך... נו, נו, לעבעדיקער...

און ער טרייסלט זיך אויף אויפצומונטערן זיך, און דרייט ווייטער די ראָד, און דרייט, און דרייט...

.3

פאַרנאַכט, ווען בולאַני טופּעט זיך שוין אויפ'ן ראָד, ניט וויסנדיק אויף וואָסער וועלט ער איז,— נעמט אים אליה־לייב אַראָפּ פון ראָד און לאָזט אים אַרויס אויפ'ן הויף.

ווי נאָר פון מיל אַרויס, אַזוי פאַלט בולאַני, ווי אַן אונטערגעהאַקטער,

מיט אַ גליד ניט צו רירן. שוואַרץ־גרויע קראָען קלייבן זיך אַרום אים, ווי אַרום אַ נבלה, גריבלען זיך קאַלטבלוטיק מיט די טעמפּע שנאָבּ־לען אין זיין קאַלטן לייב, זוכן אַ קערנדל צווישן די שמוציקע האָר פון זיין אויסגעקראָכענעם עק...

פייגעלאַך גנב'טעס טאַנצן איבער זיין בייניקן קערפּער: פּיק, פּיק מיט די שנעבלאַך, אפשר האָט זיך אין אים וואָס אָנגעקלעפּט, כאָטש פּעטע מיסט אַ ברעקעלע, מיט וואָס מ'קאָן זיך אָדער די עופ'עלאַך דערקוויקן....

און ער ליגט, ווי אַ געפּגר'טער... ס'ווילט זיך טיילמאָל אַ דריי טאָן מיט'ן קאָפּ: „אַוועק, שקאָצים!", אָדער ווען זיי דערקוטשען שטאַרק, אַ שמיץ געבן מיט'ן קורצן עק. — איז קיין כּוח ניטאָ... זאָלן זיי זיך גריב־לען... מ'שטיינס געזאָגט, וואָט זיי וועלן שוין געפינען דאָרט...

פאַרנאַכט שלעפּט זיך זרח אַהיים אַ צעבראָכענער. ווי נאָר אין שטוב אַריין, אַזוי פאַלט ער אַנידער, ווי אַ סנאָפּ, און אַ מינוט שפּעטער כראָפּעט ער שוין... גרויסע, פּעטע, שוואַרץ־בלוילאַכע פליגן קלייבן זיך אויף זיין באַוואָקסענעם פּנים, פּלאָנטערן זיך אין זיין באָרד, קוקן אַריין אין זיינע ברייט־אָפענע, האָריקע נאָזלעכער, זשומען איבער זיין קאָפּ, נאָר ער פילט עס ניט...

וועקט אים אויף ציפּע: שטיי אויף, גיי עס וועטשערע! — אָבער ער שלאָפט, ווי אַ דער'הרג'עטער... גיט זי אַ מאַך מיט'ן האַנט, שלעפּט אַראָפּ פון זיינע פיס די שטיוול און לאָזט אים ליגן אַזוי, ביז די זון גייט אויף.

4.

פרייטאָג נאָר ווערט בולאַני ווי ניי־אויפגעלעבט.

שוין אַרום האַלבן טאָג נעמט אים אליה־לייב פון ראָד, גיט אים אַ פּאַטש איבער דער דאַרער לאָפּעטקע. „הוליע, דיין וועלט איצט; ווייס אויך, אַז ס'איז פאַראַן אַ שבת אויף דער וועלט"... זומער־צייט פירט ער אים צום טייכל זיך אויסבאָדן, אַמאָל קאַטשעט ער אים אָפּ מיט אַ פּאָר עמער קאַלט וואַסער. נאָר אַפילו אַ ווינטער־פרייטאָג איז אויך ניט שלעכט: פרייטאָג איז בולאַני ניט אַזוי אויסגעמאַטערט, ווי אינמיטן וואָך. גייט ער אַרויס אויפ'ן הויף, לייגט זיך אַנידער אויף דער ערד און מאַכט אַ פאַרזוך אויסצוקייקלען זיך: אַ דריגע מיט די פיס אינדערלופטן, אַ דריי מיט'ן קאָפּ, ווי ער וואָלט געוואונקען וועמען, וואָס זאָל אים העלפן איבערקערן זיך אויף דער צווייטער זייט, נאָר די אַלטע ביינער ווייטיקן. די פיס דינען ניט, סע קייקלט זיך ניט...

און נאָך אַ קורצער צייט אומזיסטע מאַטערניש שטייט ער אויף פאַוואָ־לינקע, שטאַרק הירזשענדיק, אַזוי ווי ער וואָלט זיך רעכט דורכגעקייקלט, און גייט געלאַסן דאָס מאָל אונטער'ן ראָד, איינמאָל פאַר אַ וואָך גוט אויס־רוען זיך און אָפּעסן.

פרייטאָק נאָך האַלבן טאָג פּילט זיך זרח, ווי אַ ניי־געבוירענער: אַ זייגער צוויי — גלייך פון דרוקעריי אין באָד אַריין, פאַרקלייבט זיך אַזש אויף דער סאַמע הויכער פּאָליצע, טרייבט אַרויס מיט'ן בעזים דעם רעוומאַטיזם פון די ביינער, צעפּאַרעט די מאָזאָליעס אויף די הענט און פיס. וואַשט פון זיך אַראָפּ דאָס בליי און שווייס. טיילמאָל פאַרגינט ער זיך עטלאַכע געהאַקטע באַנקעס שטעלן אויפ'ן פּאָטיליצע... און ער קומט אַהיים אַ צעפּריעטער, אַן אָפּגעפרישטער, אַ יונגער — כאָטש אין „אַטאַקע" גיי...

---

און סע שטייען ווידער אָן די וואָכנ־טעג, און בולאַני און זרח גייען אויפסניי יעדערער צו זיין ראָד.

ז. ווענדראָף.

## ווענען רייכקייט.

(בילד אין דראַמאַטישער פאָרם).

אויפן באַלקאָן זיצן און טרינקען טיי דער באַלעבאָס, די באַלע־באָסטע און דער זעקסיעריקער וואַסיאַ. די דערוואַקסענע קינדער שפּילן אין טעניס. עס גייט צו אַ יונגער בעטלער.

באַלעבאָס (צום בעטלער): וואָס ווילסטו?

בעטלער (באַגריסט): וואָס זאָל איך ווילן? האָט רחמנות אויף אַן אָרימן מענשן, וואָס גייט אַרום אָן אַרבעט. אַ נאַקעטער, אַ באָרוועסער. געווען אין מאָסקווע, איצט שלעפּ איך זיך אַהיים. העלפט אַן אָרימן מענשן.

באַלעבאָס: און פאַרוואָס ביסטו אָרים?

בעטלער: פון נויט, פון צרות, פאַרשטייט זיך.

באַלעבאָס: ווען דו וואָלסט זיך ניט פוילן צו אַרבעטן, וואָלסטו ניט געווען אָרים.

בעטלער: איך בין ניט פויל, אָבער איך קען ניט געפינען קיין אַרבעט.

באַלעבאָס: פאַרוואָס האָבן אַנדערע אַרבעט און דו — ניט?

בעטלער: גלויבט מיר, מיט'ן גאַנצן האַרצן וואָלט איך געגאַנגען אַרבעטן, אָבער זיי נעמען מיך ניט. האָט רחמנות אויף אַ מענשן, כ'גיי שוין דעם צווייטן טאָג אַ ניט־געגעסענער.

באַלעבאָס: (קוקט אינ'ם בייטל; צו דער ווייב אויף פראַנצויזיש): האָסטו קליינגעלט? איך האָב נאָר אַסיגנאַציעס.

באַלעבאָסטע: (צו וואַסיאַן): גיי, זון מיינער, דאָרט אויפ'ן טישל ליגט מיין בייטעלע; ברענג עס אַהער.

וואַסיאַ (הערט ניט, וואָס די מוטער זאָגט אים, קוקט אויפ'ן בעט־לער, ניט אַראָפּלאָזנדיק דאָס אויג).

באַלעבאָסטע: וואַסיאַ, הערסט ניט? (שלעפּט אים פאַר'ן אַר־בל): וואַסיאַ?

וואַסיאַ: וואָס, מאַמע?

(די באַלעבאָסטע ווידערהאַלט, וואוהין וואַסיאַ זאָל גיין און וואָס ער זאָל נעמען).

וואַסיאַ (שפּרינגט אויף): באַלד! (קוקט זיך אום אויפ'ן בעטלער, גייט אַוועק.)

באַלעבאָס: וואַרט אַביסל. (דער בעטלער גייט אָפּ אָן אַ זייט).

(צו דער פרוי אויף פראַנצויזיש:) עס איז שרעקלאַך, וויפיל בעטלער עס גייען אַרום. אַלץ פון פוילקייט נעמט זיך דאָס.

באַלעבאָסטע: אָבער ס'איז דאָך שרעקלאַך, אויב ער איז הונגעריק.

באַלעבאָס: איבערטריבן.

באַלעבאָסטע: מען זאָגט, אַז אין ענגלאַנד איז אויך אַזוי. ווילסט נאָך טיי?

באַלעבאָס: גיס אָן אַביסל שוואַכערן. (פאַררייכערט, אַלע שווייגן. דער בעטלער קוקט אויף זיי, מאַכט מיט'ן קאָפּ, הוסט.)

(וואַסיאַ קומט צולויפן מיט'ן בייטל, זוכט מיט די אויגן דעם בעטלער און שטעלט אויף אים אויס אַ פּאָר אויגן.)

באַלעבאָס (נעמט צען קאָפּיקעס פון בייטעלע): נעם דו, ווי הייסטו.

בעטלער (נעמט אַראָפּ דאָס היטל, דאַנקט און נעמט די מטבע): אַ דאַנק, אַ שיינעם דאַנק אייך, וואָס איר האָט רחמנות געהאַט אויף אַן אָרימן מענשן.

באַלעבאָס: רחמנות—וואָס רחמנות? דער עיקר אַרט מיך, וואָס איר גייט אַרום ליידיק. ווען איר אַרבעט, וואָלט איר ניט געווען אָרים. דער וואָס אַרבעט, וועט קיינמאָל ניט זיין אָרעם.

בעטלער (טוט אָן דאָס היטל, דרייט זיך אויס און זאָגט): ניט אומ־זיסט זאָגט די וועלט, אַז פון ערלאַכער אַרבעט האָט מען גאָרנישט, אויסער אַ הויקער.

וואַסיאַ: וואָס הייסט דאָס?

באַלעבאָס: ס'איז אַזאַ נאַריש פּויעריש שפּריכוואָרט, אַז פון אַרבעט קען מען נאָר צעהויקערט ווערן, און ניט אַ גביר ווערן.

וואַסיאַ: איז דאָס ניט ריכטיק?

באַלעבאָס: פאַרשטייט זיך, ניט ריכטיק. יענע, וואָס גייען אַרום,

ניט וועלנדיק אַרבעטן, זיינען שטענדיק אָרעם; רייך זיינען נאָר יענע, וואָס אַרבעטן.

וואַסיאַ: פאַרוואָס אַרבעטן מיר ניט, און זיינען רייך?

באַלעבאָסטע (לאַכט): ווי אַזוי ווייסטו אַז דער פּאַפּאַ אַרבעט ניט?

וואַסיאַ: איך ווייס ניט, אָבער מיר זיינען דאָך זייער רייך, מוז דאָך פּאַפּאַ שרעקלאַך פיל אַרבעטן. אַרבעט ער דען אַזוי פיל?

באַלעבאָס: אַן אַרבעט צו אַן אַרבעט איז ניט גלייך. מעגלאַך, אַז מיין אַרבעט איז אַזאַ, אַז ניט יעדערער קען זי טאָן.

וואַסיאַ: וואָס איז דיין אַרבעט?

באַלעבאָס: מיין אַרבעט איז אייך אַלעמען צו קליידן, דער־נערן, פירן אויף אַ וועג.

וואַסיאַ: ביי אים איז דאָך די זעלבע אַרבעט. טאָ פאַרוואָס איז ער אַזוי אָפּגעריסן און מיר...

באַלעבאָס (לאַכט): ווי געפעלט דיר דער סאָציאַליסט אונזערער!

לעוו טאָלסטאָי.

### דראַמאַטישע פאָרם.

דראמאטישע פארם — איז די פארם פון שרייבן, ביי וועלכער דער שרייבער פירט ארויס די פערזאנען, די העלדן, און לאזט זיי פירן א שמועס צווישן זיך, און לאזט זיי דורכ׳ן שמועס ארויסברענגען די אלע געדאנקען, וואס ער האט אין זינען. דער אווטאר אליין איז קענטיק אין דער זאך בלויז מיט זיינע „רעמארקן״ אדער באמערקונגען.

## אַרבעטלאָזיקייט.

(געדאַנק).

ניין, זאָגט אייך וואָס איר ווילט, — איך קען עס ניט פאַרשטיין:
איך הער דורך שטאָט און לאַנד, ווי ס׳טראָגט זיך אַ געוויין:
„דאָס פאָלק איז אַרבעטלאָז.״ — מיין גאָט, דאָס איז דאָך גוט!
ווען אַרבעט איז ניטאָ, דאַן לעבט איך פריי, באַרוט,
דאַן מאַכט אַ יום־טוב אייך, דאַן מאַכט אַ פרייהייטס־פעסט,
און טוט זיך זויבער אָן, און טרינקט אייך וואויל און עסט...
די אַרבעט איז דאָך פלוך — צייט אָדם און די שלאַנג!...

ניין, זאָגט אייך וואָס איר ווילט, ס׳באַגרייפט ניט מיין פאַרשטאַנד:
צי האָט אַ שונא בייז באַפאַלן אונזער לאַנד;

צי איז אַ היישעריק באַפאַלן אונזער פעלד;
צי האָט ניט רעגן, זון געפעלט...
צי האָט אַ פייער דען די תּבואות אונז פאַרברענט?
וואָס שמאַכט אַזוי דאָס פאָלק און לאָזט אַראָפּ די הענט?
צי איז קיין ברויט ניטאָ, קיין קליידער צו גענוג?
וואָס הונגערט, פרירט דאָס פאָלק? — איך בין פאַרשטיין ניט קלוג!
קיין אַרבעט איז ניטאָ!... עס שלאָפט פון פאָלק די קראַפט!...
דאָס הייסט: דאָס אַרבעט־פאָלק האָט טעג און נעכט געשאַפט!
געשאַפט מיט פלייס און שוויס, פאַרשווענדט זיין זאַפט און בלוט
און האָט צופיל געשאַפט... אַך, דאַרף דאָך איצט זיין גוט!
ס'האָט קליידער אָנגענייט, ס'האָט הייזער אָנגעבויט,
ס'האָט פעלדער אָנגעזייט, ס'האָט אָנגעדראָשן ברויט...
וואו ליגט עס אַלץ אַצינד, ווער האָט עס אַלץ פאַרשפּאַרט?
וואָס בלאָנדזשעט אום דאָס פאָלק, פאַרהונגערט און פאַרדאַרט?

א. רייזען

## צום פאָלק.

(ווענדונג).

הייב אויף דיינע אויגן, אָ, פאָלק, וואָס דו ביסט
אַזוי עלנט און אָרים,
הייב אויף דיינע אויגן צו מזרח, צו מערב,
צו צפון און דרום
און זע די געזאַמלטע אוצרות, און זע
פון דיין אַרבעט די פּירות,
און זע דעם געבליבענעם רייכטום פון
פריער געוועזענע דורות.

הייב אויף דיינע אויגן און זע אויפ'ן ים
די באַלאָדענע שיפן;
און זע אין די טונקעלע וועלדער דעם רויך
פון די לאָקאָמאָטיוון;
און זע, ווי זיי שוועבן און קומען געשווינט
פון אַ געגנט אַ ווייטן

און פירן אין אַנדערע לענדער פּראָדוקטן
און סחורות צו בייטן.

הייב אויף דיינע אויגן און זע די געמויערטע
גרויסע פאַבריקן,
וואו אַרבעטער זעגן און הובלען, און וועבן,
און נייען, און שטריקן,
און שמידן, און פיילן, און טאָקן, און שניצן,
און גלעטן, און פּוצן,
און שאַפן פּראָדוקטן און שאַפן דעם רייכטום
צום מענשלאַכן נוצן.

און ווייט אויף די בליענדע לוסטיקע פעלדער
הייב אויף דיינע אויגן
און זע, ווי עס שטייען די גאָלדענע זאַנגען
פון שווערקייט געבויגן.
און זע אין די פּרעכטיקע גערטנער דיביימער,
מיט פרוכטן באַהאַנגען,
און פייגל באַוואוינען די צווייגן, פאַרפילן
די לופט מיט געזאַנגען.

הייב אויף דיינע אויגן, אָ פאָלק! גיי אַרויס פון
די פינסטערע קברים,
הייב אויף דיינע אויגן צו מזרח, צו מערב,
צו צפון און דרום
און נעם די גע׳ירש׳נטע אוצרות און נעם
פון דיין אַרבעט די פּירות.
און שאַפנדיק לעב און געניסנדיק שאַף
אין די פרייערע דורות!

י. באָושאָווער.

# ביים פאַקיר.

(מעשה'לע).

צו אַ פאַקיר קומט אַריין אַ מענש, וואָס לאָזט זיך זייער שווערלאַך באַשרייבן: באָרוועס, מיט אַלט־צעריסענע קליידער אויפ'ן דאָרן לייב, און דאָך איז יעדע באַוועגונג זיכער, כּ מ ע ט שטאָלץ. די גערונצלטע פאַרמעטהויט אויפ'ן געזיכט זאָגט, אַז ער איז אַלט, זייער אַלט, און דער בליק פון גרויסע, שוואַרצע אויגן איז שטרענג און פול קראַפט פון אַ יונגן מאַן. די ליפּן בלוילאַך און צעפּלאַצט, און ביי די ווינקלען פון שמאָלן מויל בלאָנדזשעט דאָך אַ שמייכל פון בענקשאַפט, איראָניע און גוטקייט צוזאַמען.

דער פאַקיר שטייט אויף און גייט אים אַנטקעגן, וואָס ער טוט זעלטן פאַר רייכע און גרויסע לייט.

– איך האָב צו דיר אַ ב ק ש ה. – זאָגט דער גאַסט.

– זאָג, וואָס דיין פאַרלאַנג איז. – ענטפערט דער פאַקיר.

– ווּעסטו מיר טאָן, וואָס איך וויל?

– אויב איך וועל וועלן,– ענטפערט דער פאַקיר און גיט צו מיט ע נ י ו ו ת, – און אויב איך וועל קאָנען.

– דו קאָנסט, דאָס ווייס איך. – זאָגט דער גאַסט, און זיין שטימע קלינגט וואָס אַמאָל העלער און ערנסטער צוזאַמען. – איך האָב עס פון דיר נישט איינמאָל געזען, נאָר נישט א ו מ ז י ס ט...

– און דו קאָנסט נישט באַצאָלן?

– פילייכט... דאָך...

– מיט וואָס? – פרעגט דער פאַקיר און מוסטערט נאָך אַמאָל דעם אָפּגעריסענעם שטאָלצן גאַסט... האָסטו נישט, מיין קינד, ערגעץ...

– גע'גנב'עט? ניין... נישט מיט געלט וויל איך דיר באַצאָלן... מיט מיין אייגענער געשיכטע.

– זי איז אַזוי וויכטיק? זי וועט מיר צונוץ קומען?

– וויכטיק, ווי פאַר איינעם... צי זי וועט דיר צונוץ קומען, ווייס איך נישט... דאָך וועט זי דיך באַפרייען פון מי און מאַטער.

– ווי אַזוי?

– מיין אַריינקומען, מיין פּערזאָן, האָט אויף דיר אַן איינדרוק גע־מאַכט. איך האָב דיך פאַראינטערעסירט... אַז איך וועל אַוועקגיין מיט אַ פאַרשלאָסן מויל, וועסטו נישט איינמאָל פאַרטראַכטן זיך און קלערן: ווער איז ער געווען? וואָס האָט ער געקאָנט וועלן? און אַ פאַקירס צייט איז טייער, זיינע געדאַנקען – נאָך טייערער! פון צייט און געדאַנקען לעבט אַ פאַקיר!

דער פאַקיר האָט געקלערט אַ ווײַלע, ער האָט זיך געפּרואווט, ווי

ווייט ער איז ווירקלאַך פאַראינטערעסירט מיט'ן גאַסט, צי ער וועט ווירקלאַך דעריבער קלערן.

די צייט באַנוצט דער גאַסט און זאָגט ווייטער:

— דו ביסט אַלט, פאַקיר, זייער אַלט! אַלע דיינע געפילן זיינען אויסגעטריקנט... דיין האַרץ געפינט שוין אין גאָר נישט קיין פרייד... מיט'ן קאָפּ לעבסטו נאָך, דיינע געהירן איז נאָך דאָס איינציקע גליד אין דיר, וואָס לעבט נישט נאָר אויס לויטער געוואוינהייט; נאָר דיין מ ו ח האָט נאָך זיינעליידן און פריידן, ער קלערט און וויל וויסן... טו דיין קאָפּ צו־ליב; זאָל ער האָבן נאָך אַן איינדרוק פון דער וועלט, איידער ער וועט אויך בלייבן מיד און פויל צו שטאַרבן...

— גוט! — באַשטייט דער פאַקיר.

זיי זעצן זיך, דער גאַסט פאַרציילט:

— קליינערהייט האָב איך אַמאָל שפּאַצירט מיט מיין פאָטער צווישן די בערג אונטער'ן שלאָס...

— איר האָט אין אַ שלאָס געוואוינט?

— יאָ. מיר האָבן איבערגעשראָקן אַן אָדלער, און ער איז אַרויפגע־שאָסן צום הימל.

„איך וואָלט אויך געוואָלט אַזוי פליען." — האָב איך הויך געטראַכט.

„דו וועסט עס אויך טאָן, — האָט מיר דער פאָטער געענטפערט, — נאָר נישט אין דער לופט. די לופט איז נישט אונזער עלעמענט; מיר קאָנען אין איר און דעריבער — פ ו ן איר נישט לעבן"... „און פליען — זאָגט ער ווייטער — וועסטו צום הימל — דאָס זיינען די בלאָע, די זיידענע בלאָע, מיט גאָלדענע שטערן אויסגעשטיקטע טאַפּעטן אין אונזער קעניג־לאַכן פּאַלאַץ... און גלייך צו דער זון — דאָס איז דער קעניג אַליין... די שטראַלן פון זיין גנאַד זיינען ליכטיקער און וואַרימער, און זיי זיינען נישט פאַר אַלע, נישט פאַר יעדן בעסטן"...

איך האָב די ווערטער דערנאָך איבערגעגעבן מיין לערער, אויך אַ פאַקיר ווי דו. זיין געזיכט האָט זיך דערביי נישט געענדערט. קאַלט און שטרענג האָט ער מיר געזאָגט:

— „דער אָדלער, אויב ער וויל לעבן, מוז ער עסן, און עסן — מוז ער אַראָפּ אויף דער ערד... עסנוואַרג ליגט נידעריק, אָפט אין בלאָטע."

— זייער קלוג.

— איך האָב אים דאָך נישט פאַרשטאַנען און אינ'ם גאַנצן געשפּרעך פאַרגעסן.

---

צוריק אויף די געדאַנקען זיינען מיר די ווערטער געקומען ערשט דעמאָלט, ווען איך בין ערשטער מיניסטער געוואָרן.

— מאַנציפּוציי?

– אַזוי פּלעג איך הייסן.
– און היינט?
– האָב איך קיין נאָמען נישט.
– ווען איז עס געשען?
– שוין אייניקע יאָר... עס פרייט מיך פאַר דיר, אַז דו האָסט פון דעם אַלעם נישט געוואוסט... אַז דאָס לעבט אַזוי הויך, אַזוי טיף אָדער אַזוי ווייט פון מיין געוועזן לעבן!
– איינמאָל בין איך געשטאַנען אַזוי לאַנג און אַזוי טיף געבויגן פאַר דער זון, אַז עס איז מיר נישט ווילנדיק געקומען דער געדאַנק אין קאָפּ אַריין, מקנא צו זיין די ווילן אין פּאַלאַץ, וואָס האַלטן אים אונטער און בייגן זיך נישט...
– דו האָסט עס געזאָגט?
– ניין, מיינע ליפּן זיינען נאָך נישט געוואוינט געוועזן דערצו; נאָר דער מאַרכביין!... אַן אומגעדולדיקע באַוועגונג האָב איך געמאַכט... די זון האָט עס באַמערקט...
– און דו לעבסט?
– גרויס איז געווען זיין ליבשאַפט צו מיר; מען האָט מיך נאָר פאַר אַ לבנה געמאַכט, אַ פּראָווינץ איבערגעגעבן...
– ביסט צופרידן געוועזן?
– אַ צייט... ביז די זון איז דורכגעפאָרן, און די לבנה האָט זיך וויי־ניק געבוקט...
– און?
– מען האָט מיך דעגראַדירט אויף אַ שטערן... אַ שטאָט האָב איך באַקומען...
– און האָסט רעגירט, ביז די לבנה איז געקומען...
– ריכטיק... דער מאַרכביין האָט וואָס אַמאָל זיך ווייניקער געבויגן... איך בין אַריין אין מילך־שטראַסע, צווישן מיליאָנען קליינע שטערנדלאַך.
– און?
– אַלץ דער מאַרכביין!... מען האָט מיך באַקאַנט געמאַכט מיט'ן באַמבוס און אַרויסגעוואָרפן פון הימל!
– און דיין פאָטער, דער שטאָלצער שלאָס־הער?
– ער האָט עס נישט אויסגעהאַלטן און האָט מיר אַ גרויסע ירושה געלאָזט; איך האָב מיר געקאָנט פאַר זיך אַליין אַ קליינעם הימל מאַכן...
– האָסט עס נישט געטאָן?
– ניין, איך האָב אַן אַנדער ליידנשאַפט געהאַט. איך האָב געוואָלט, וואָס אַלע, אייגנטלאַך, ווילן: אַנדערע זאָלן ענלאַך זיין צו מיר, מען זאָל זיך אויפהערן בוקן.
– אַ געפערלאַכע ליידנשאַפט...

— איך האָב איינגעקויפט עסנוואַרג און קליידער, געפּעקט די טויערן פון שלאָס און אויסגערופן אויפ'ן לאַנד: ווער עס וויל, זאָל קומען נעמען, וואָס ער וויל... נאָר אַ באַדינג האָב איך געשטעלט: קיינער טאָר נישט דאַנקען. ווער עס וועט עס טאָן, וועט מוזן באַצאָלן...

— פיל האָבן געקאָנט?

— ווייניק, דאָך מיט דער צייט איז די צאָל פון נישט־דאַנקענדיקע געוואַקסן, גרעסער געוואָרן; נאָר מיט דער צייט האָט מען מיך — —

— אַרעסטירט?

— ניין; אין דול־הויז געשיקט...

— ריכטיק, אַלס פאַרשווענדער...

---

— אַז איך בין אַרויס פון דול־הויז, איז פון מיין ירושה קיין צייכן נישט געבליבן... פריינד און באַקאַנטע האָבן זיך באַמיט; שולדן האָבן זיך באַוויזן; דאָס אויפהאַלטן אין קעניגלאַכן דול־הויז איז גענוג טייער...

—„גיי אַרבעטן!" — האָט מען מיר ביים אַרויסלאָזן געזאָגט...

— און דאָס איז, נאַטירלאַך, דעם געוועזענעם מיניסטער נישט געפעלן.

— אימגעגנטייל; נאָך אַזוי פיל רועו האָב איך געבענקט נאָך אַרבעט... נאָר אויסבעטלען זי האָב איך נישט געקאָנט... בעטלען און בוקן זיך איז מיר שוין אוממעגלאַך געוואָרן...

— דער גאַסט שווייגט אַ ווילע, און דער פאַקיר פרעגט:

— ווילסט, איך זאָל דיך אויסלערנען?

— דאָס — ענטפערט שטאָלץ דער גאַסט — וועסטו נישט קאָנען; הונגער און דאָרשט האָבן עס נישט געקאָנט... נאָר דאָס לעבן איז מיר שוין איבערדריסיק...

— ווילסט, איך זאָל דיך דערפון באַפרייען?...

— אָ, ניין! צו דעם דאַרף מען נישט דיין הילף... דאָס ערשטע בעסטע וואַסער, דער ערשטער בעסטער צווייג... זיי וואָלט איך זאָגאַר נישט געדאַרפט קיין מעשות צו פאַרציילן...

— וואָס דען?

— איך גלויב, פאַקיר, (יעדער מענש האָט זיין גלויבן; דאָס איז דער פאָדים, מיט וועלכן די געטער בינדן אונז צו צום לעבן), איך גלויב, אַז עס וועט קומען אַמאָל אַ צייט פון גראַדע מענשן, מיט האַרטע מאַרכ־ביינער; פון מענשן, וואָס וועלן נישט וועלן און נישט קאָנען זיך בייגן... איך וויל עס דערלעבן!

— אַזוי לאַנג לעבן ווילסטו?

— ניין... פאַר דעם שפּעטערן גליק וואָלט איך אַזוי פיל נישט גע־צאָלט... שלאָפן וויל איך, איבערשלאָפן!...

— דו קאָנסט עס! שלעפער מיך איין, פאַקיר!...

דער פאַקיר שווייגט.

— ווילסט דיין וואָרט נישט האַלטן? — פרעגט דער גאַסט.

— נישט דאָס; — ענטפערט דער פאַקיר; — איך קלער נאָר, ווער דיך וועט וועקן? איך — נישט, מיינע קינדער און קינדס־קינדער — אויך נישט... ווער וועט דיך געדענקען?

— שרעק זיך נישט... מיך וועט וועקן די צ ײ ט; גאָר שטיל וועט זי נ י ש ט קומען!

י. ל. פרץ.

## יצחק לייבוש פרץ.

(ביאָגראַפיע).

י. ל. פרץ

י צ ח ק ־ ל ײ ב ו ש פ ר ץ איז געבוירן געוואָרן אין מאַי 1842 אין זאַמאָשטש, לובלי־נער גובערניע, פּוילן. זיין פאָטער איז געווען אַ ס ו ח ר און די מוטער האָט געהאַט אַ קראָם.ביידע זיינען זיי געווען זייער וואוילע מענשן. דער פאָטער זיינער איז געווען אַ גרויסער לער־נער און אַ כ ל ל ־טוער; די מוטער — זייער אַ פרומע פרוי.

י צ ח ק ־לייבוש האָט געלערנט אין ח ד ר פון 3 יאָר אָן און האָט אַרויסגעוויזן גלענצנדע פייאיקייטן. שפּעטער האָט ער אַ ס ך געלערנט ג מ ר א און אַנדערע רעליגיעזע ס פ ר י ם; ער האָט אָבער אויך געלערנט העברייאיש, דייטש און פּויליש. ער האָט זיך שפּעטער באַקאַנט מיט אַ אידישן מ ש כ י ל, וואָס האָט געוואוינט ביי זיי אין שטעטל און האָט געהאַט זייער אַ רייכע ביבליאָטעק אין פאַרשיידענע שפּראַכן. דער מ ש כ י ל האָט פּרץ'ן ערלויבט צו באַנוצן זיך מיט זיין ביב־ליאָטעק, און פּ ר ץ האָט זיך טאַקע מיט איר באַנוצט זייער פיל און האָט דערמיט פאַרגרעסערט — ה ג ם ניט סיסטעמאַטיש — זיין אַלגעמיינע בילדונג.

פּ ר ץ האָט פרי ח ת ו נ ה געהאַט און האָט זיך נאָך דער ח ת ו נ ה אָנ־געהויבן אָפּגעבן מיט מ ס ח ר. אָבער זיינע געשעפטן זיינען ניט גוט גע־גאַנגען, איז ער אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע, וואו ער האָט געגעבן פּריוואַטע העברייאישע לעקציעס. שפּעטער האָט ער אויסגעהאַלטן עקזאַמען אויף פּריוואַטן „אַדוואָקאַט", איז ער אַריבער אין זאַמאָשטש און האָט דאָרטן דערפון אין משך פון אַ צענדליק יאָר געמאַכט אַ לעבן. ווען מ'האָט אים פאַרבאָטן צו פאַרנעמען זיך מיט אַדוואָקאַטור, איז פּ ר ץ צוריק געקומען אין וואַרשע. איין צייט האָט ער גענומען אַן אַנטייל אין אַ סטאַטיסטישער

עקספּעדיציע איבער די אידישע שטעטלאך פון פּוילן. ער האָט שפּעטער אָנגעשריבן אַ רייע „בילדער פון אַ פּראָווינץ־רייזע”, נאָכדעם האָט פּרץ גע־קראָגן אַ שטעלע אין דער וואַרשעווער אידישער גמינע, אַ שטעלע, אויף וועלכער ער איז פאַרבליבן ביז זיין טויט.

פּרץ האָט אָנגעהויבן צו שרייבן צו עטלאַכע און צוואַנציק יאָר: צוערשט האָט ער געשריבן אין העברייאיש און צוזאַמען מיט זיין שווער ליכטנפעלד אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג העברייאישע לידער. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אין אידיש. ער האָט געשריבן לידער, מעשה׳לאך, מעשׂות, פאָלקסטימלאַכע געשיכטעס, דראַמעס און פאַרשיידענע אַנ־דערע זאַכן. די אַנדערע אידישע שרייבער האָבן זייער פיל געגאַסן פון פּרצ׳ן און זיך נאָכגעטאָן אין דער פאָרם פון שרייבן. פּרץ האָט דעריי־בער שפּעטער באַקומען דעם נאָמען: „דער פאָטער פון דער אידישער ליטעראַטור”.

פּרץ איז אַלעמאָל געשטאַנען זייער נאָענט צו די אידישע מאַסן און אַפילו צו די אידישע אַרבעטער. און אַ סך פון זיינע זאַכן זיינען געשריבן פאַר די אַרבעטער, און די אַרבעטער האָבן פון זיי זייער אַ סך געלערנט. איינס פון אָט די זאַכן איז „באָנטשע שווייג”.

פּרץ האָט אין זיינע זאַכן געמאָלן דאָס אידישע לעבן פון זיין צייט. אָבער מער ווי אַלץ האָט ער אין זיינע ליטעראַרישע ווערק אַרויסגעבראַכט הויכע און שיינע אידייען, וואָס האָבן זייער פיל געהאָלפן צו אַנטוויקלען די אידישע מאַסן.

פּרץ האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט געזעלשאַפטלאַכער אידישער אַר־בעט, און באַזונדערס טעטיק איז ער געווען אין העלפן די קינדער פון די אידישע פאַרטריבענע אין דער צייט פון דער גרויסער מלחמה, וואָס זיינען אין אַ גרויסער צאָל אָנגעקומען אין וואַרשע. ער האָט פאַר זיי, צו־זאַמען מיט י. דינעזאָן, געשאַפן קינדער־היימען און שולן. ער האָט אויך אַליין געשריבן לידער פאַר די קינדער צו לערנען אין די היימען און אין די שולן.

און איינמאָל, טאַקע זיצנדיק און שרייבנדיק אַזאַ קינדער־לידעלע, האָט פּרצ׳עס האַרץ געפּלאַצט: ער האָט ניט אויסגעהאַלטן די גרויסע צרות, די מוראדיקע ליידן, וואָס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אויף די אידישע מאַסן און אויף די אידישע אָרימע קינדערלאַך אין דער צייט פון דער מלחמה. ער איז פּלוצלונג געשטאָרבן. און זיין לויה, נאָך וועלכער עס זיינען נאָכגעגאַנגען איבער הונדערט טויזנט מענשן, איז געווען דער בעסטער אויסדרוק פון דער ליבע, וואָס די אידישע מאַסן האָבן געהאַט צו זייער גרויסן שרייבער, און אין דער זעלבער צייט אויך אַן אויסדרוק פון פּראָטעסט קעגן די אונטערדריקונגען פון די אידישע מאַסן.

# משיח׳ס צייטן.

(מעשה׳לע).

אַזוי ווי אין אַלע אידישע שטעט און שטעטלאַך אין גאַליציע, איז אויך געווען אין דער קהילה, וואו מיינע עלטערן האָבן געוואוינט, אַ משוגע׳נער.

ווי געוויינטלאַך, האָט דער משוגע׳נער פאַר קיינעם נישט קיין מורא געהאַט. פאַר דאָס האָט דאָס גאַנצע שטעטל געציטערט פאַר דעם משוגע׳נעם און פאַרמאַכט פאַר אים טיר און טויער. און הגם דער אָרימער משוגע׳נער האָט קיינעם נישט גערעדט קיין שלעכט וואָרט, קיינעם נישט אָנגעריררט מיט׳ן מינדסטן פינגער, האָבן אַלע אויף אים געשריען, מאַנכע געשלאָגן, און די גאַסן־יונגען פלעגן אים נאָכוואַרפן בלאָטע און שטיינער.

איך האָב תמיד רחמנות געהאַט אויף דעם משוגע׳נעם. עס האָט מיך עפּעס צו אים געצויגן, איך האָב מיט אים געוואָלט ריידן, אים טרייסטן, אַ גלעט טאָן; נאָר צוגיין צו אים איז געווען אוממעגלאַך. איך וואָלט באַקומען אַ טייל פון דער בלאָטע און שטיינער, מיט וועלכע מען פלעגט אים באַמבאַרדירן. איך בין געווען אַ יונג קינד, איך האָב געטראָגן אַ פיינעם אָנצוג פון לעמבערג אָדער פון קראָקע און האָב מיר אָפּגעהיט מיינע פּליייצעס פון שטיינער און מיין אָנצוג פון בלאָטע און זיך געהאַלטן פון דערווייטנס.

דאָס שטעטל, וואו מיינע עלטערן האָבן געוואוינט, און איך האָב איבערגעלעבט מיינע קינדער־יאָרן אין אָנצוגן פון לעמבערגער און קראָקאָווער שניידערס, איז געווען אַ פעסטונג, אַרומגעצוימט מיט גריבער, וואַסער, וואַלן און הויכע מויערן. אויף די מויערן זיינען געשטאַנען האַרמאַטן, און זעלנער מיט ביקסן האָבן זיי געהיט, מאַרשירנדיק אויף און אָפּ ערנסט און שווייגנדיק. קוים איז נאָר צוגעפאַלן די נאַכט, האָט מען אויפגעהויבן די אייזערנע בריק איבער׳ן וואַסער, פאַרשלאָסן אַלע טויערן און אָפּגעריסן דאָס שטעטל פון דער רעשט וועלט ביז אין דער פרי. ביי יעדן פאַרמאַכטן טויער איז געשטאַנען אַ וואַך, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז פוס.

ערשט נישט לאַנג, בייטאָג, זיינען מיר אַלע פריי געווען, מען האָט געמעגט גיין אַרויס און אַריין, נישט אָנגעפרעגט צו׳ן ערשט ביים פּלאַץ־מאַיאָר; מען האָט זיך אויך געמעגט באָדן אין טייך אונטער דער שטאָט, אַפילו זיך אויסציען אויף דער גרינער לאָנקע ביים טייך און קוקן אין הימל אַריין, אָדער ווייט ערגעץ אין דער וועלט אַריין, ווי איינער האָט געוואָלט; קיינער האָט נישט פאַר דעם קיין שלעכט וואָרט גערעדט. איז עמיץ אַפילו נישט צוריקגעקומען, האָט מען אויף אים נישט געפרעגט.

נאָר ביינאַכט האָט מען געוואָלט, זאָל זיין שטיל אין שטעטל, מען זאָל זיך נישט אַרויס און נישט אַריין דרייען. אַ „גליק, — פלעג איך דעמאָלט קלערן ביי מיר, — וואָס מען לאָזט אונז כאָטש אַריין די ל ב נ ה"...

איינמאָל האָט זיך מיר געמאַכט אַ צופאַל: איך האָב זיך געבאָדן אונטער דער שטאָט. איך האָב זיך פאַרקוקט, צי פאַרטראַכט, צי גלאַט אַזוי פאַרגעסן, אַז נאָך דעם טאָג גייט נאַכט. פלוצלונג זע איך, ווי מען הייבט די בריק; עס שניידט אין די אויערן, עס פאַלן צו די טויערן, עס קנאַקט און שלאָגט זיך אָפּ מיר אין האַרץ. פאַרפאַלן! איך מוז שוין בלייבן איבער נאַכט אונטער דער שטאָט... און אַ וואונדערלאַכע זאַך: ליגנדיק אין דער היים, אין אַ וואַרימען בעט, פלעגט זיך מיר נאַכט אויף נאַכט ח ל ו מ'ען פון דער פרייער וועלט אויסער דער פעסטונג; און דאָס ערשטע מאָל, אַז מיין ח ל ו ם איז מ ק ו י ם געוואָרן, איז מיך באַפאַלן אַ שרעק! עס האָט זיך אָנגעהויבן דער באַוואוסטער שטרייט צווישן קאָפּ און האַרץ. דער קאָפּ האָט גערופן: רואיק, געניס אויך אַמאָל די ריינע, פרייע לופט, דעם אויסגעשטערנטן פרייען הימל. און דאָס האַרץ האָט זיך געטאָן זיינס, געוואָרפן זיך און געצאַפּלט, צום אַרויסשפּרינגען. מיט יעדן לייכטן גערויש, פון יעדן לייכטן שאָטן פון אַ צווייג, פון קלענסטן גרעזל, האָט זיך מיר אַריינגעזאַפּט דורך די אויגן, ווי דורך די אויערן, אַ מ י ן שוידער, אַ שרעק, וואָס האָט מיך געוואָרפן אויף דער ערד

איך האָב באַהאַלטן דאָס פ נ י ם אין זאַמד...

צי בין איך געשלאָפן, צי ניין, און ווי לאַנג איך בין אַזוי געלעגן — א ס ו ר אויב איך ווייס! נאָר פלוצלונג האָב איך דערהערט, אַז מען אָטעמט נאָ־ענט לעבן מיר. איך שפּרינג אויף. איך בין נישט אַליין. צוויי גוט־באַ־קאַנטע, טיפע, שוואַרצע אויגן קוקן אויף מיר האַרציק און געטריי.

עס איז געוועזן דער מ ש ו ג ע'נער.

— וואָס טוסטו דאָ? — פרעג איך מיט אַ דומפּיקער שטימע.

— איך שלאָף קיינמאָל נישט אין שטאָט! — ענטפערט ער מיר טרויעריק, און דער בליק זיינער איז אַזוי ווייך, די שטימע אַזוי ברידערלאַך, אַז איך קום צו זיך אין גאַנצן און פאַרגעס מיין שרעק.

אַמאָל, דערמאָן איך זיך פלוצלונג, פלעגט מען האַלטן מ ש ו ג ע י ם פאַר נ ב י א י ם (אין די מאָרגנלענדער איז דאָס נאָך ביז היינט), און איך פרעג זיך: „צי איז ער נישט ווירקלאַך איינער פון זיי? צי יאָגט מען אים נישט ווי אַ נ ב י א? צי וואַרפט מען אים נישט נאָך קיין שטיינער ווי אַ נ ב י א? צי לייכטן אים נישט די אויגן ווי די שטערן? צי קלינגט ניט זיין שטימע ווי די פיינסטע האַרפע? צי ליגט נישט אין אים דער שמערץ פאַר אַלע, וואָס ליידן, פאַר'ן גאַנצן ד ו ר? א פ ש ר ווייסט ער טאַקע אויך, וואָס שפּעטער וועט זיין?..."

איך פּרואוו און הייב אָן צו פרעגן, און ער ענטפערט מיר אַזוי שטיל,

אַזוי זיס, אַז עס דאַכט זיך מיר טיילמאָל, אַז עס איז נאָר אַ חלום, אַ זיסער חלום פון אַ זומער־נאַכט אויף יענער זייט פעסטונג.

— דו גלויבסט אין משיח'ס־צייטן? — פרעג איך אים.

— געוויס! — ענטפערט ער שטיל און זיכער. — משיח מוז קומען.

— ער מוז?!

— גאַנץ זיכער! אַלע וואַרטן אויף אים, אפילו הימל און ערד וואַרטן! ווען נישט, וואָלט זיך קיינעם נישט געגלוסט צו לעבן, צו טאָן די האַנט אין קאַלט וואַסער... און אויב מען לעבט און מען טוט, גלייך מען וויל לעבן, איז אַ סימן, אַז אַלע פילן, אַז משיח קומט, אַז ער מוז קומען, אַז ער איז שוין אין וועג...

— צי איז אמת, — פרעג איך ווייטער, — אַז פריער וועלן זיין שרעקלאַכע מלחמות איבער פאַלשע משיח'ן? די מענשן וועלן זיך אַרומרייסן, ווי ווילדע חיות; די ערד וועט אָנגעזאָפּט ווערן מיט בלוט, טייכן בלוט וועלן פליסן פון מזרח קיין מערב און פון דרום קיין צפון; אַלע חיות און בהמות וועלן טרינקען מענשן־בלוט; אַלע פעלדער, אַלע גערטנער, אַלע טראַקטן און אַלע וועגן וועלן פאַרגאָסן ווערן מיט מענשן־בלוט... און אין מיטן דער צייט פון בלוטיקן מבול וועט זיך ערשט באַווייזן דער אמת'ער משיח, דער רעכטער... איז דאָס אמת?

— אמת!

— און מען וועט אים דערקענען?

— יעדער וועט אים דערקענען, עס וועט קיינער נישט האָבן קיין טעות. ער וועט זיין משיח מיט יעדער מינע, מיט יעדן וואָרט, מיט יעדן בליק. ער וועט נישט האָבן קיין חיילות, ער וועט נישט רייטן אויף קיין פערד, און אַ שווערד וועט אים נישט הענגען אויף די לענדן...

— וואָס דען?

— פליגל וועט ער האָבן... משיח וועט האָבן פליגל, און אַלע וועלן דערנאָך באַקומען פליגל. עס וועט זיין אַזוי: פּלוצלונג וועט געבוירן ווערן אַ קינד מיט פליגל, דערנאָך—אַ צווייטס, אַ דריטס, און אַזוי וועט עס שוין גיין כסדר... פריער וועלן זיך די מענשן דערשרעקן, דערנאָך וועט מען זיך צוגעוואוינען, ביז עס וועט אַרויסקומען אַ גאַנצער דור מיט פליגל; אַ דור, וואָס וועט זיך נישט מער וועלן וואַלגערן אין דער בלאָטע און וועט זיך נישט מער רייסן איבער אפרנסה־ווערימל...

לאַנג נאָך האָט ער אַזוי גערעדט, נאָר איך האָב אים אויפגעהערט צו פאַרשטיין.

זייט יענער נאַכט אויסער דער פעסטונג איז מיר דאָס לעבן אין איר נאָך שווערער, נאָך אומערטרעגלאַכער געוואָרן. די אַלטע מויערן, די קראַצנדיקע אויפגעצויגענע בריק, די אייזערנע טויערן, די וואַכטן און

פּאַטרולן, דאָס אייביקע ציטערן פון די ליימיקע פּנימ'ער, די איבער־געשראָקענע האַלב־פאַרלאָשענע אויגן, דער מאַרק מיט די פאַרבלאָנ־קעטע, ציטעריק־פוילע שאָטנס, — דאָס אַלץ האָט זיך מיר געלייגט ווי בליי אויף דער נשמה, נישט אָפּצוועטעמען, נישט פריי צו ווערן...עס האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ האַרץ־ווייטיק, עס האָט מיך דורכגענומען אַ שרעק־לאַכע בענקשאַפט נאָך משיח'ן.

י. ל. פּרץ.

# אָ, גיכער, משיח!

(ווענדונג).

אָ, גיכער, משיח, אָ, גיכער שוין קום!
עס רינגלט די גאַנצענע וועלט שוין אַרום,
ווי גיפטיקע שלאַנגען, דער הונגער און נויט,
און הפקר און פּחד, און אַנגסטן און טויט.
עס וויל שוין ניט אַלעמען שפּייזן די ערד.—
אָ, קום שוין, משיח, אויפ'ן ווייסינקן פערד!

אָ, קום שוין, משיח! עס דריקט אומעטום
די קייטן פון קנעכטשאַפט אַרום און אַרום:
עס האָט שוין קיין אָרט דאָס אומשולדיקע בלוט,
וואָס שפּריצט און וואָס גיסט זיך פון אונטער דער רוט.
עס ראָסטעט פון מענשלאַכן בלוט שוין דער שווערד.—
אָ, קום שוין, משיח, אויפ'ן ווייסינקן פערד!...

א. רייזען.

# פייערלאַך.

(אַלעגאָריש בילד).

אַמאָל איז מיר אויסגעקומען צו פאָרן אין אַ פינסטערער האַרבסט־טיקער נאַכט איבער אַ ווייסטן סיבירער טייך. פלוצים האָט דאָרט, וואו דער טייך האָט פאַרקערעוועט, פון פאָרנט, אונטער טונקעלע בערג אַ פינקל געטאָן אַ פייערל.

אַ פינקל געטאָן העל, שטאַרק, גאָר נאָענט...

— דאַנקען גאָט! — האָב איך מיט פרייד געזאָגט. — אַ נאַכטלעגער איז נאָענט!

דער רודערער האָט זיך אויסגעדרייט, אַ קוק געטאָן פון איבער'ן אַקסל אויף דעם פייער און ווידער אַפּאַטיש זיך גענומען צו די רודערס.

— ווייטלאַך...

איך האָב ניט געגלויבט: דאָס פייערל האָט אַזוי געהעלט, אַזוי בולט אַרויסגעטראָטן פאָרויס פון אומבאַשטימטן חושך. נאָר דער רודערער איז געווען גערעכט: ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן באמת, אַז ווייטלאַך.

זיי האָבן אַ טבע אַזאַ שוין, די דאָזיקע אָרטיקע פייערן — זיך דערנעענטערן, בייקומען די פינסטערניש, און פינקלען, און לאָקן מיט זייער נאָענטקייט. ס'דאַכט זיך, אָט־אָט נאָך אַ צוויי־דריי קלעפּ מיט דעם רודער — און דער וועג איז געענדיקט... און אין דער אמת'ן — איז ווייטלאַך.

און לאַנג נאָך זיינען מיר געשוואומען אין שוואַרצן, אין טינטיקן טייך. זיינען היילן און פעלזן אַרויסגעשוואומען, זיך אָנגערוקט און אַוועקגעשוואומען, פון הונטן געבליבן און זיך פאַרלוירן, דאַכט זיך, אין אומענדלאַכער ווייט; און דאָס פייערל איז אַלץ געשטאַנען פון פאָרנט, פליסנדיק און לאָקנדיק, אַלץ נאָענט אַזוי און פאָרט אַזוי ווייט...

מיר דערמאָנט זיך אָפט אַצינד סיי דערדאָזיקער שוואַרצער טייך, וואָס איז פאַרשאָטנט מיט פעלזיקע בערג, סיי דאָס דאָזיקע לעבעדיקע פייערל.

פיל פייערן האָבן פריער און שפּעטער גערופן, און ניט נאָר מיך אַליין גענאַרט מיט זייער נאָענטקייט. נאָר דאָס לעבן פליסט אַלץ אין די זעלבע פאַראומערטע ברעגן, און די פייערן זיינען נאָך ווייט, און ווידער דאַרף מען זיך נעמען צום רודער...

נאָר פאָרט... נאָר פאָרט ברענען פייערן דאָרט!

ו. קאָראָלענקאָ.

# אַ נייע אָרדענונג.

(פון אַ רעדע, געהאַלטן אין נאַציאָנאַלן קאָנווענט, דעם 5־טן פעברואַר 1794).

מיר ווילן אַזאַ אָרדענונג, אין וועלכער דער בירגער זאָל זיך אונטער־אָרדנען דער רעגירונג, די רעגירונג זאָל זיך אונטערוואַרפן דעם פאָלק, און דאָס פאָלק זאָל זיך בייגן פאַר דעם יושר.

מיר ווילן, אַז דאָס פאָטערלאַנד זאָל פאַרזיכערן דעם וואוילשטאַנד און דאָס גליק פון יעדן איינציקן בירגער, און אַז יעדער איינציקער בירגער זאָל מיט שטאָלץ נעמען אָנטייל אין דער גרויסקייט פון פאָטערלאַנד.

מיר ווילן, אַז די קונסט זאָל קרוינען די אידעלע פרייהייט, און אַז די אינדוסטריע זאָל ווערן אַ קוואַל פון געזעלשאַפטלאַכן אייגנטום, אַנשטאָט צו ליגן אין די הענט פון איינציקע מענשן.

מיר ווילן מאָראַל אַנשטאָט עגאָאיזם, ערלאַכקייט אַנשטאָט כבוד, פרינציפּן אַנשטאָט מנהגים און פליכטן אַנשטאָט מצוות.

מיר ווילן די מאַכט פון שכל אַנשטאָט דער טיראַניי פון דער מאָדע; מענשנווירדע אַנשטאָט העזה, די גרויסקייט פון גייסט אַנשטאָט דער קליינלאַכקייט פון באַגער.

מיר ווילן די גרויסקייט פון מענשן אַנשטאָט דער קליינלאַכקייט פון גדולים. מיר ווילן זען דאָס פאָלק גרויסמוטיק, מעכטיק און גליקלאַך אַנשטאָט עס צו זען פאַרצערטלט, לייכטזיניק און פאַרביטערט.

דאָס הייסט, אַז מיר ווילן אַלע גוטע מידות פון דער רעפּובליק אויף דעם פּלאַץ פון אַלע פאַרברעכנס און לעכערלאַכקייטן פון דער טיראַניי.

ראָבעספּיער.

(איינער פון די הויפּט־טוער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע).

# ביי דער בעקעריי.

(רעוואָלוציאָנער בילד).

1

צען אַזייגער אינדערפרי. אין דער לופט האָט זיך נישט געשפּירט אַפילו דאָס קלענסטע ווינטעלע. שוין לאַנג־לאַנג האָט מען נישט געדענקט אַזאַ הייסן תמוז, ווי דעם דאָזיקן. אין דעם שמאָלן זשערוזאַלעם־געסל זיינען אַ הונדערט איינוואוינער פון דעם קוואַרטאַל געשטאַנען אויסגע־שטעלט אין אַ רייע לעבן דער טיר פון אַ בעקעריי, אונטער'ן אויפזיכט פון פיר סאָלדאַטן פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. די סאָלדאַטן זיינען

געשטאַנען, האַלטנדיק די ביקסן אויף דער ערד, און גערויכערט זייערע ליולקעס.

דער נאַציאָנאַלער קאָנווענט האָט אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, אין וועלכן ס'איז באַשטימט געוואָרן פאַר יעדן מענשן די העכסטע נאָרמע ברויט; און באַלד האָט מען שוין אין די אויגן ניט געזען ניט קיין תּבואה און ניט קיין מעל. ווי די אידן אין מדבר, האָבן די פּאַריזער איינוואוינער געמוזט אויפשטיין פאַרטאָג, אויב זיי האָבן געוואָלט האָבן וואָס צו עסן. די דאָזיקע אַלע מענער, ווייבער, קינדער, וועלכע זיינען געשטאַנען צוגעפּרעסט איינער צום צווייטן אונטער אַ הימל, וואָס האָט געברענט, ווי צעלאָזענער בליי, געוואַרעמט דעם אומריין פון רינשטאָקן און אַרויסגעצויגן פון אַלץ אַרום ריחות פון שווייס און פון שמוץ, — זיי אַלע האָבן זיך געשטופּט, געאַמפּערט. מע האָט שוין געהאַט אַ ביטערן ערפאַרן, אַז קיין ברויט פאַר אַלעמען וועט ניט קלעקן. דעריבער האָבן די, וועלכע זיינען אָנגעקומען די לעצטע, זיך געשטופּט צו זיין די ערשטע; יענע ווידער, וועלכע האָבן פאַרלאָרן זייערע ערטער, האָבן געשריען, געליאַרעמט, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. די ווייבער האָבן עקשנות'דיק געאַרבעט מיט די זייטן, כּדי צו פאַרהאַלטן זייערע ערטער, אָדער צו באַקומען בעסערע. ווען די דריקעניש פלעגט ווערן גרעסער, האָבן זיך אויפגעהויבן געשרייען: „שטופּ זיך ניט!" און יעדערער פלעגט זיך פאַרענטפערן, אַז מע שטופּט אים אַליין. אין דער רייע האָט מען זיך שיר נישט דערשטיקט. מע האָט זיך געוויצלט, געזאָגט שפּיציקע ווערטלאַך, געזידלט אויף וואָס די וועלט שטייט די אַריסטאָקראַטן און די פעדעראַליסטן, וועלכע זאָלן האָבן שולדיק געווען אין אַלע צרות.

אַן אַפּישן־קלעפּער איז אָנגעקומען מיט אַ לייטער אונטער'ן אָרעם און האָט זיך געשטעלט קלעפּן אַנטקעגן דער בעקערײַ אַן אַנאָנס פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג וועגן אַ באַשטימטער נאָרמע פלייש פאַר יעדן איינציקן. עטלאַכע פאַרבייגייענדיקע האָבן זיך אָפּגעשטעלט לייענען דעם אַנאָנס, וועלכער איז נאָך אינגאַנצן גלאַנציק געווען. אַ הענדלערן פון קרויט, וועלכע איז געגאַנגען מיט אַ קאָרב, צוגעבונדן אויפ'ן רוקן, האָט אַ זאָג געטאָן מיט איר הייזעריקער שטימע:

— ע־הע, די עקסלאַך האָבן שוין לאַנג געמאַכט פיס! כאָטש נעם און פרעס די אייגענע קישקעס.

פּלוצלונג האָט פון אַ דערבייאיקער רינשטאָק־גרוב זיך גענומען הערן אַזאַ מיאוס'ער, שטיקנדיקער גערוך, אַז אַלעמען האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם. איין פרוי איז נישט גוט געוואָרן, און מע האָט זי געמוזט אַ פאַר'חלש'טע איבערגעבן צוויי סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זי צוגעפירט צו אַ דערבייאיקן פּלומפּ. אַלע האָבן זיך פאַרשטאָפּט די נעזער. מע האָט אָנגעהויבן מורמלען. עס האָבן זיך געלאָזט הערן ווערטער, פול

מיט אַנגסט און שרעק. מע האָט געפרעגט, וואָס דאָס קען זיין אַווינס — צי ערגעץ נאָענט איז אַ ח י ה באַגראָבן, אָדער מע האָט אומגערן מיט עפּעס פאַר׳ס מ׳ט די לופט, אָדער א פ ש ר האָט מען גאָר פאַרגעסן ערגעץ אין אַ קעלער איינעם אַ דער׳הר ג׳עטן?

2

עוואַריסט גאַמלען איז געקומען זיך שטעלן אין דער רייע. ער האָט געוואָלט פאַרשפּאָרן זיין אַלטער מאַמען צו שטיין דאָ לאַנג און מיד ווערן. זיין ש כ ן, דער בירגער בראַטאָ, איז מיטגעגאַנגען מיט אים רואיק און שמייכלענדיק.

אַ צייטונגס־פאַרקויפער איז דורכגעגאַנגען און געשריען:

— דער „ביולעטען פון רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל!", די ר ש י מ ה פון פאַר׳מ ש פ ט׳ע צום טויט!

— איין רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל איז ווייניק, — האָט זיך אָפּגע־רופן גאַמלען, — עס דאַרף זיין אַזאַ טריבונאַל אין יעדער שטאָט, וואָס זאָג איך? אין יעדן שטעטל, אין יעדן דערפל. יעדער פאַמיליען־פאָטער מוז זיך דערקלערן אַלס ריכטער. ווען דאָס פאָלק געפינט זיך אונטער די האַרמאַטן פונ׳ם פיינט און אונטער׳ן שפּיז פון די פאַררעטער, איז יעדער ר ח מ נ ו ת פונקט אַזאַ פאַרברעכן, ווי ה ר ג׳ענען דעם אייגענעם פאָטער. וואָס הייסט! ליאָן, מאַרסעל, באָרדאָ האָבן זיך אויפגעבונ־טעוועט, קאָרסיקע האָט געמאַכט אַן אויפשטאַנד, וואַנדייע איז אין פייער, מיינץ און וואַלאַנסיען זיינען אין די הענט פון דער קאָאַליציע; אומעטום איז פאַרראַט — אין די דערפער, אין די שטעט, אין די לאַגערן, אַ פ י ל ו אויף די בענק פון נאַציאָנאַלן קאָנווענט. דער פאַרראַט האָט זיך פאַר־קליבן אַפילו אין די מיליטערישע ראָטעס פון אונזערע גענעראַלן... די גיליאָטינע מוז ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד!

— די רעפּובליקאַנער זיינען מענשן אַלע מיט האַרץ. — האָט עוואַ־ריסט ווייטער גערעדט. בלויז די דעספּאָטן ט ע נ ה׳ן, אַז טויט־שטראָף איז אַ נויטווענדיקע זאַך, כ ד י צו דערהאַלטן די מאַכט. עס וועט קומען אַ טאָג, ווען דאָס הערשנדיקע פאָלק וועט פאַרניכטן די טויט־שטראָף. ראָבעספּיער האָט קעגן איר געקעמפט, און מיט אים צוזאַמען אַלע פּאַטריאָטן. עס איז קיינמאָל נישט צו־פרי אָפּצושאַפן טויט־שטראָף. אָבער פאַרווירקלאַכן אין לעבן אַזאַ געזעץ וועט מען קאָנען ערשט דאַן, ווען דער לעצטער פיינט פון דער רעפּובליק וועט שוין האָבן אַוועקגע־לייגט זיין קאָפּ אונטער׳ן שווערד פון גערעכטיקייט.

גאַמלען און בראַטאָ האָבן שוין איצט געהאַט הינטער זיך אַ היפּש ביסל מענשן, וועלכע זיינען געקומען נאָך זיי, דערין פיל פרויען. צווישן זיי איז געווען איינע אַ הויכע, שיינע שטריקערן, מיט אַ פאַטשיילע

אויפ'ן קאָפּ, אין הילצערנע שטעק־שיך. ווייטער איז געשטאַנען אין אַ שטאַרק צעריסענער פאַטשיילע אַ שיינע בלאָנדע מיידל מיט צעשוי־בערטע האָר. באַלד הינטער גאַמלענען איז געשטאַנען אַ יונגע מוטער, אַ בלייכע און דאַרע פרוי, וועלכע האָט געגעבן די ברוסט אַ קריינקלאַך קינד.

דאָס קינד האָט נישט געפונען מער קיין מילך, האָט עס געשריען: אָבער די געשרייען זיינען געווען זייער שוואַכע, דאָס כליפּן האָט אים געשטיקט, און די מאַמע איז געשטאַנען אַ פאַרטרויערטע, און געקוקט אויף אים, אויף זיין קליין, בלייך פּנימ'ל, אויף זיינע אָנגעצונדענע אייג־לאַך.

— נאָך גאָר אַן עופ'עלע. — האָט גאַמלען זיך אָפּגערופן, אומקערנ־דיק זיך צו דעם אָרימן זויג־קינד, וואָס האָט האַרט ביי זיין רוקן געסאָ־פּעט אין דער שטופּעניש פון די ניי־אָנגעקומענע מענשן.

— ער איז אַ האַלב יאָר אַלט, דאָס בעבעלע!... זיין טאַטע איז אין דער אַרמיי — פון יענע, וואָס האָבן אָפּגעשלאָגן די עסטרייכער אין קאַנדע. ער הייסט דימאַנטיי און געאַרבעט האָט ער ביי געוואַנט. ער האָט זיך פאַרשריבן דאָרט, אויף דער טריבונע, וואָס מע האָט אַוועקגעשטעלט לעבן דעם ראָטהויז. ער האָט, נעבאַך, געוואָלט פאַרטיידיקן זיין פאָ־טערלאַנד און זען אַביסל די וועלט... ער שרייבט מיר, איך זאָל האָבן געדולד, אָבער ווי אַזוי זאָל איך אים זויגן, פּויליקן, הייסט עס, אַז איך האָב אַליין נישט וואָס צו עסן.

— יאָ! — האָט זיך אָפּגערופן דאָס שיינע בלאָנדע מיידל. — מיר האָבן נאָך צו וואַרטן אַ גאַנצע שעה, און אין אָוונט וועט מען נאָך די זעלבע צערעמאָניע דאַרפן דורכמאַכן ביי דער טיר פון געוועלב. כּדי צו באַקומען צוויי אייער און אַ האַלב פונט פּוטער, מוז מען איינשטעלן דאָס לעבן.

— יאָ, יאָ, פּוטער... האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ זיפץ די בירגערן דימאַנטיי.—שוין דריי חדשים, ווי איך האָב עס אין די אויגן נישט געזען.

און אַלע ווייבער האָבן גענומען ביטער זיך באַקלאָגן אויף דעם גרויסן יקרות, שילטנדיק מיט טויטע קללות די עמיגראַנטן; זיי האָבן אויך געע'טענה'ט, אַז מע וואָלט באַדאַרפט גיליאָטינירן די קאָמיסאַרן פון די סעקציעס, וואָס זיינען אויסגעלאָסן און גיבן אַוועק צוליב זייער פאַר־גענינגן־וועגן גאַנצע הינער און פיר־פונטיקע לאַבנס ברויט. מע האָט דער־ציילט באַאומרואיקנדע מעשׂות עפּעס וועגן אָקסן, וואָס מע האָט דערטרונקען אין דער סענע, וועגן גאַנצע זעק מעל, וואָס מע האָט אויס־געשאָטן אין די רינשטאָקן... און דאָס אַלץ—האָט מען דערציילט—האָבן אָפּגעטאָן די פאַרהונגערער פון פאָלק, וועלכע זוכן אומצוברענגען די פּאַריזער באַפעלקערונג.

פלוצלונג האָט דאָס שיינע, בלאָנדע מיידל, אין דער צעריסענער פאַטשיילע, געגומען מאַכן שרעקלאַכע קולות; מע האָט געקאָנט מיינען, אַז איר קלייד האָט זיך אָנגעצונדן, וואָרום זי האָט בעת־מעשה דאָס קלייד געשאָקלט און געוואָרפן אויף אַלע זייטן און אויסגעדרייט די קע־שענעס. זי האָט געשריען, אַז מע האָט ביי איר אַרויסגעגנב'עט איר טייסטער געלט.

די דאָזיקע גנבה האָט אַרויסגערופן ביים עולם אַ גרויסע אויפ־רעגונג. אָט די אַלע קליינע מענשעלאַך, וועלכע האָבן אַמאָל חרוב געמאַכט די שיינע הייזער אינ'ם אַריסטאָקראַטישן פאַרשטעטל „סאַן־זשערמען" און פאַרכאַפּט דעם „טיולערי"־פּאַלאַץ, נישט נעמענדיק פון דאָרט גאָרנישט, — די אַלע בעל־מלאכות און וייבער וואָלטן מיט'ן גאַנצן האַרצן פאַרברענט אויף אַש דעם שלאָס פון ווערסאַל; עס וואָלט זיי אָבער פאַר זיך אַליין אַן אייביקע שאַנדע געווען, ווען זיי וואָלטן זיך דערלויבט צו נעמען פון דאָרט, וואָס אַ האָר איז ווערט. אייניקע ווייסע חברה'ניקעס האָבן געפּרוואווט אַרויסוואַרפן אַ פּאָר שטעכעדיקע וויצ־לאַך וועגן דעם, אָבער דער עולם האָט עס באַלד אין אָנהייב נישט דערלאָזט. מע האָט שוין געגומען רעדן, אַז דעם גנב וועט מען מוזן אויפהענגען באַלד אויפ'ן אָרט, מע האָט שוין אָנגעהויבן מיט רעש און געפּילדער מאַכן אַן אויספאָרשונג. די הויכע שטריקערן האָט באַלד אַ ווייד־געטאָן מיט'ן פינגער אויף עפּעס אַן אַלטן מאַן, וואָס האָט געצויגן אויף זיך דעם חשד, אַז ער איז אַ געוועזענער מאָנאַך. זי האָט גע־שוואָרן, אַז דאָס האָט ער, „דער קאַפּוצינער", אָפּגעטאָן דאָס שטיקל אַר־בעט. דער עולם האָט עס באַלד אָנגענומען פאַר כשר, און ס'האָבן זיך שוין גענומען הערן טויט־רופן.

דער אַלטער, צו וועלכן עס האָט זיך אַזוי געריסן די נקמה פונ'ם עולם, איז זיך גאַנץ באַשיידן געשטאַנען לעבן דעם בירגער בראַטאָ. ער האָט באמת אויסגעזען, ווי אַ גייסטלאַכער; זיין פּנים איז געווען זייער בכבוד'דיק און באַ'חנ'ט, כאָטש אַביסל צעשראָקן פון די גע־וואַלדן, וואָס מע האָט געגן אים געמאַכט. די שרעק, וואָס זיין פּנים האָט אויסגעדריקט, האָט אים נאָך מער פאַרדעכטיק געמאַכט ביים עולם.

בראַטאָ האָט דערקלערט, אַז דער דאָזיקער מאַן, צי ער איז אַ קאַ־פּוצינער, צי נישט, האָט יעדנפאַלס נישט געקאָנט באַגיין די גנבה, וואָרום ער איז צום מיידל אפילו נישט צוגעגאַנגען.

דער עולם האָט עס אָבער פאַרשטאַנען אַנדערש: אַז דער, וואָס פאַרטיידיקט אַ גנב, איז זיינער אַ מיטהעלפער, און מע האָט שוין גע־נומען מורמלען וועגן באַשטראָפן שווערביידע גנבים. ערשט ווען גאַמלען האָט זיך איינגעשטעלט פאַר בראַטאָן, האָבן די מיושב'דיקערע

מענשן פון עולם פאַרגעלייגט, מע זאָל זיי אַלע דריי אַוועקפירן אין צירקל.

אָבער פלוצלונג האָט דאָס שיינע מיידל אויסגעשריען מיט שמחה, אַז זי האָט געפונען איר טייסטער. באַלד דערויף האָט דער עולם זי גענומען זידלען.

— בירגער בראַטאָ, — האָט זיך אָפּגערופן גאַמלען, — קוקט און באַוואונדערט אָט דעם דאָזיקן עולם. זיי זיינען דאָך להוט נאָך גערעכטיקייט מער, ווי נאָך ברויט: יעדערער איז גרייט געווען צו פאַרלאָזן זיין אָרט, ווען עס איז געגאַנגען וועגן משפּט'ן אַ גנב. די אַלע מענער און ווייבער, וועלכע זיינען אַזוי אָרעם און שטייען־אויס אַזוי פיל צרות, טראָגן אין זיך אַ שטרענגע זיטלאַכקייט און קאָנען נישט פאַרליידן, ווען עמיצער באַגייט זיך נישט ערלאַך...

פונ'ם אָנהויב פון דער רייע האָט זיך פלוצלונג דערהערט אַ לאַנגער געשריי, דער געשריי האָט אָנגעזאָגט דעם גאַנצן אויסגעהונגערטן עולם, אַז ענדלאַך האָבן זיך געעפנט די טירן פון דער בעקעריי. מע האָט אָנגעהויבן גיין פאָרויס, אָבער זייער לאַנגזאַם. איינער פון די סאָלדאַטן האָט איינציקווייז אַריינגעלאָזט די קונים אינווייניק. אויסער דעם בעקער, זיין ווייב און דעם געזעל זיינען דאָרט געווען צוויי ציוויל־קאָמיסאַרן מיט רויט־ווייס־בלאָע בענדער אויף די אָרעמס. זיי האָבן קאָנטראָלירט, צי יעדער קונה איז אַן איינוואוינער פון דעם באַצירק, און אַכטונג געגעבן, מע זאָל קיינעם נישט פאַרקויפן מער ברויט, וויפיל אים קומט לויט דער צאָל נפשות וואָס ער האָט צו שפּייזן.

בראַטאָ איז געשטאַנען און געלייענט, און יעדעס פערטל שעה האָט ער געמאַכט צוויי טריט פאָרויס. אַרום האָבן די ווייבער געפּילדערט וועגן ברויט, צוקער, קאַווע, ליכט און זייף. בראַטאָ איז ביסלאַכווייז רואיק צוגעקומען צו דער שוועל פון דער בעקעריי. הינטער אים איז געשטאַנען עוואַריסט גאַמלען און האָט זיך צוגעקוקט צום אויסגעשניצטן, גאָלד־געפאַרבטן זאַנגען־בונד, וועלכער איז געהאַנגען אויף דער אייזערנער קראַטע איבער'ן אַריינגאַנג.

ענדלאַך איז עוואַריסט אויך אַריין אין בעקעריי. די קערב און די פּאָליצעס זיינען שוין געווען ליידיק. דער בעקער האָט אים דערלאַנגט דאָס לעצטע לעבל ברויט, וואָס איז אים געבליבן, סך־הכל צוויי פונט. עוואַריסט האָט באַצאָלט, און באַלד ווי ער איז אַרויס, האָט מען האַסטיק פאַרמאַכט הינטער אים די גראַטע, אויס מורא, דער עולם זאָל זיך ניט אַריינרייסן אין בעקעריי. אָבער ס'איז, אייגנטלאַך, נישט געווען וואָס מורא צו האָבן: די אַלע אָרימע מענשן זיינען שוין סיי דורך זייערע באַדריקער, סיי דורך זייערע איצטיקע באַפרייער גענוג אויסגעלערנט געווען צו פאָלגן אַלץ, וואָס מע הייסט, זיינען זיי טאַקע אַוועקגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, שלעפּנדיק קוים די פיס.

ווען גאַמלען איז צוגעקומען צום עק פון גאַס, האָט ער דערזען, ווי די בירגערן דימאַנטיי זיצט אויף אַ ווינקל־שטיין מיט איר עופ'עלע אויף די הענט. זי איז געזעסן, ווי אַ פאַרגליווערטע, בלייך, אָן באַוועגונג, אָן טרערן, אָן בליקן. דאָס קינד האָט זשעדנע געצויגן אירע פינגער. אַ רגע איז גאַמלען געשטאַנען לעבן איר צוריקגעהאַלטן און קוועקלענדיק. עס האָט אויסגעזען, ווי זי באַמערקט אים גאָר נישט. ער האָט עפּעס אַ מורמל־געטאָן עטלאַכע ווערטער, דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע זיין מעסער, זייער אַ פּשוט צוניפגעלייגט מעסער מיט אַ הענטל פון האָרן, איבערגעשניטן זיין לעבל ברויט איבער'ן מיטן און אַוועקגעלייגט איין העלפט אויף די קני פון דער יונגער מוטער. זי האָט אויף אים אַ קוק־געטאָן מיט דערשטוינונג, אָבער ער איז שוין ווייט פאַר־שוואונדן געוואָרן הינטער'ן ווינקל פון גאַס.

קומענדיק אַהיים, האָט עוואַריסט געפונען זיין מוטער, זיצנדיק ביים פענסטער און צירעווענדיק אַ זאָק. ער האָט איר לוסטיק דערלאַנגט דאָס איבערגעבליבענע ברויט:

— דו ווערסט מיך מוזן אַנטשולדיקן, מאַמע: שטייענדיק אַזוי לאַנג אויף די פיס אין אַזאַ היץ, בין איך זייער פאַרמאַטערט געוואָרן, און גייענ־דיק צוריק אַהיים, האָב איך ביסלאַכווייז, אַ ביס נאָך אַ ביס, אויפגעגעסן אַ האַלב ברייטל. ס'איז קוים געבליבן דיין חלק.

און זאָגנדיק עס, האָט ער כּלומר'שט אַראָפּגעשאָקלט פון זיין ראָק ברעקלאַך ברויט.

אַנאַטאָל פראַנס.

# די פרייע אַרבעט.

(באַטראַכטונג).

ביז דער לעצטער צייט האָט נאָך דער שטאַטסמאַן און דער פּי־לאָזאָף ניט אַ טראַכט געטאָן אַפילו, ווי אַזוי קען אַ שווערע אַרבעט ווערן אָנציִענד.

כּדי צוצובינדן דעם מענשן צו דער אַרבעט, האָבן זיי, אויסער שקלאַפעריי, ניט געפונען קיין אַנדער מיטל ווי שרעק פאַר הונגער און נויט.

אויב אָבער מענשן דאַרפן אַרבעטן, דאַן פרעגט זיך, פאַרוואָס זאָל מען אונז דערצו דאַרפן נייטן מיט גוואַלד? פאַרוואָס ווידער, זאָל מען ניט קאָנען אונז צוציען מיט העכערע מאָטיוון און מיט בעסערע מיטלען? דאַן וואָלט דאָך די אַרבעט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרגעניגן.

שאַרל פוריע.

(פון די ערשטע סאָציאַליסטן אין פראַנקרייך)

### באַטראַכטונג.

באטראכטונג איז א ליטעראַרישע פארם פון פראזע, אין וועלכער דער שרייבער גיט איבער זיינע געדאנקען וועגן א געוויסן ענין — וועגן א זאך, א פערזאן, אן ערשיינונג אדער א פאסירונג.

## וויי צו יענע.

(בילד).

און אַ יום־הדין וועט זיין פאַר אַלע שטאָלצע און פאַר אַלע דערהויבענע.

און דערנידעריקט וועלן ווערן די אויגן פון די שטאָלצע און איינגעבויגן אַלע, וואָס זיינען ביי זיך גרויס.

וויי צו יענע, וואָס רוקן צו אַ הויז צו אַ הויז און דערנענטערן אַ פעלד צו אַ פעלד, אַז פאַר אַנדערע בלייבט ניט קיין אָרט.

וויי צו יענע, וועלכע זאָגן אויף שלעכטס, אַז ס'איז גוט, און אויף גוטס, אַז ס'איז שלעכט.

וויי צו יענע, וועלכע פאַרוואַנדלען דאָס ליכטיקע אין פינסטערניש און אויף פינסטערניש זאָגן זיי, עס איז ליכטיק.

וויי צו יענע, וועלכע גיבן רעכט דעם פאַרברעכער און נעמען פון דעם גערעכטן צו זיין רעכט.

וויי צו די, וואָס לעבן פון אומרעכט און זייער גלאַנץ איז פאַלשקייט געוואָרן.

זיי פאַרדאַרבן דעם משפט פון די נויטבאַדערפטיקע און נעמען צו דאָס רעכט פון די אָרימע; און אלמנות ווערן זייער רויב, און יתומים פרעסן זיי אויף.

וואָס וועט איר, אומווירדיקע, טאָן אינ'ם טאָג פון גרויסן משפט? צו וועמען וועט איר נאָך הילף לויפן? וואו וועט איר אייער שטאָלצן קאָפּ אַנידערלייגן?

פון ישעיה.

## די רעוואָלוציע.

(פון א רעדע).

די רעוואָלוציע וועט פאַרניכטן די עקזיסטירנדע אָרדענונג, וועלכע צעטיילט די מענשהייט אין פיינטלאַכע פעלקער, אין שטאַרקע און שוואַכע, אין פריווילעגירטע און אויסוואורפן, אין רייכע און אָרימע, ווייל דאָס מאַכט אומגליקלאַך יעדן און אַלעמען.

די רעוואָלוציע וועט פאַרניכטן די אָרדענונג, וועלכע מאַכט מיליאָנען מענשן פאַר קנעכט צו אַ מנין פריווילעגירטע, און דאָס דאָזיקע ביסל פאַר קנעכט צו זייער אייגענער מאַכט, צו זייער אייגענער רייכקייט.

די רעוואָלוציע וועט פאַרניכטן די אָרדענונג, וועלכע שיידט פאַנאַנדער פאַרגעניגן און אַרבעט; וועלכע מאַכט פון אַרבעט אַ לאַסט און פון פאַרגעניגנס אַ זינד; וועלכע מאַכט איינעם אומגליקלאַך דערפאַר, ווייל ער האָט צו ווייניק, און מאַכט אַן אַנדערן אומגליקלאַך דערפאַר, ווייל ער האָט צו פיל.

די רעוואָלוציע וועט פאַרניכטן די אָרדענונג, וועלכע פרעסט אויף דעם מענשן, צווינגענדיק אים צו דינען אַ טויטער, אומזיניקער זאַך, דער מאַשין, וועלכע פאַראורטיילט איין טייל פון דער מענשהייט צו פוילקייט אָדער אומנוצלאַכער אַרבעט; וועלכע צווינגט טויזנטער אַוועקוגעבן זייערע געזונטע יונגע יאָרן אויף דאָס שלעפעריקע לעבן פון אַ סאָלדאַט, אַ באַאַמטן, אַ ספּעקולאַנט, אַ פּראָצענטניק און ד. ג.

די רעוואָלוציע וועט פאַרניכטן די אָרדענונג, וועלכע הייסט מקריב זיין אַלע כּוחות פון לעבן צו די דאָזיקע פאַרדאָרבנהייטן. זי וועט פאַרניכטן אַפילו די עראינערונגען און די שפּורן פון אָט דער משוגענער אָרדענונג, וואָס איז געווען צוזאַמענגעשטוקעוועט פון מאַכט און פאַלשקייט, פון אומעט און טרערן, פון צער און ליידן; פון נויט און אָפּנאַרעריי, פון צביעות און פאַרברעכן. זי וועט חרוב מאַכן אָט די אָרדענונג, וועלכע קריגט קיין מאָל ניט קיין טראָפּן פון פרישער לופט, און אין וועלכער ס׳דרינגט קיין מאָל ניט אַריין קיין שטראַל פון פריי׳ד.

ריכאַרד וואַגנער.

## קאַרל מאַרקס.

(ביאָגראַפיע).



קאַרל מאַרקס

קאַרל מאַרקס איז געבוירן געוואָרן אין 1818 אין דער שטאָט טריר אין דייטשלאַנד. זיין פאָטער, אַן אַדוואָקאַט, האָט געשטאַמט פון אַ יחוס׳דיקער אידישער פאַמיליע. קאַרל האָט געלערנט אין גימנאַזיע און שפּעטער אין אוניווערסיטעט און זיך אָפּגעגעבן הויפּטזאַכלאַך מיט עקאָנאָמישע און פילאָזאָפישע פראַגן. ער האָט מיטגעאַרבעט אין אַ רייע דייטשע ראַדיקאַלע צייטונגען. שפּעטער איז ער אַוועקגעפאָרן אין פאַריז, וואו ער האָט אַרויסגעגעבן אַ דייטשע זייער ראַדיקאַלע שריפט. פאַר די שאַרפע אַרטיקלען געגן דער פּרייסישער רעגירונג האָט מען

מארקסן ארויסגעשיקט פון פאריז. איז ער אוועק קיין ברוסעל, און אין 1849 איז ער אוועק קיין לאנדאן, וואו ער האט געוואוינט ביז זיין טויט אין 1883.

מארקס האט זיך באקאנט מיט דער שלעכטער לאגע פון די ארבעטער אין דייטשלאנד און אין אנדערע לענדער, און ער האט אנגענומען דעם געדאנק, אז מ׳דארף ענדערן דאס לעבן אין דער געזעלשאפט אזוי, אז עס זאלן ניט זיין קיין רייכע און ארימע, קיין ארבעטער און לוידיקגייער קיין מענשן וואס ארבעטן און מענשן, וואס באנוצן זיך מיט פרעמדער ארבעט, — אדער עקספלואטירטע און עקספלואטאטארס. — אין קורצן, מארקס איז געווארן א ס א צ י א ל י ס ט. אבער ער האט ניט געגלויבט, אז איינפירן דעם סאציאליזם וועלן גוט־הארציקע מענשן פון די רייכע, ווי עס האבן געגלויבט אייניקע סאציאליסטן ביז אים. מארקס האט אנגעוויזן, אז די מענשלאכע געזעלשאפט איז אלע מאל באשטאנען און באשטייט אויך איצט פון פארשיידענע גרופעס אדער קלאסן, וואס זייערע אינטערעסן זיינען פארשיידן אדער געגנעריש, ווי צום ביישפיל די ארבעטער פון איין זייט און די קאפיטאליסטן, צו וועמען עס באלאנגען די פאבריקן און די מינען, פון דער אנדער זייט. צווישן די קלאסן קומט אלע מאל פאר א קאמף — א מאל א שטילער, א באהאלטענער, וואס דריקט זיך אויס אין אומצופרידנהייט, און אמאל אן אפענער, וואס דריקט זיך אויס אין אגיטאציע פאר די פאליטישע וואלן, אין סטרייקס, אין דעמאנסטראציעס און אמאל אין א רעוואלוציע.

האט מארקס דערקלערט, אז באפרייען דעם ארבעטער פון דער עקספלואטאציע פון די קאפיטאליסטן וועט קענען בלויז דער ארבעטער־קלאס אליין. ווען אלע ארבעטער וועלן זיך צונויפנעמען און ארגאניזירן זיך אין יוניאנס, אין פאליטישע פארטייען און אין אנדערע ארבעטער־ארגאניזאציעס, וועלן זיי זיין גענוג שטארק, זיי זאלן איבערנעמען די אלע פאבריקן, וואו זיי ארבעטן, און די מינען און די אייזנבאנען א. ד. ג. און אויך די רעגירונג פון לאנד.

מארקס האט זייער פיל פראפאגאנדירט דורך ווארט און שריפט זיינע אידייען פון סאציאליזם און פון קאמף, וואס דער ארבעטער־קלאס דארף פירן מיט די קאפיטאליסטן און מיט זייער רעגירונג. אין 1864 האט מארקס געגרינדעט א רעוואלוציאנערע ארגאניזאציע פון די ארבעטער פון פארשיידענע לענדער אונטער דעם נאמען „דער אינטערנאציאנאל“, און ער איז ערוויילט געווארן אלס דער פירער פון דער ארגאניזאציע. מארקס האט ארויסגעגעבן א ס ך גרעסערע און קלענערע ביכער. דאס וויכטיקסטע בוך זיינס הייסט „קאפיטאל“.

# די וועבער.

די פינסטערע אויגן—זיי טרערן שוין ניט;
זיי זיצןביים וועבשטול און זינגען אַ ליד:
„דייטשלאַנד, מיר וועבן תּכריכים פאַר דיר,
אַ דרייפאַכע קללה אין זיי וועבן מיר, —
מיר וועבן! מיר וועבן!...

אַ קלאָג צו דעם אָפּגאָט, צו וועמען מיר בעטן
אין שרעקלאַכע קעלטן, אין הונגער און נויטן;
מיר האָבן אומזיסט נאָר געהאָפט און געוואַרט,
ער האָט אונז געפירט פאַר'ן נאָז און גענאַרט. —
מיר וועבן! מיר וועבן!...

אַ קלאָג צו דעם קייסער, דעם האַר פון די גבירים,
וואָס אים וויל דעם אַרבעטערס צער גאָר ניט רירן,
וואָס רייסט פון אונז קריעה, די הויט פון אונז שינדט,
און לאָזט אונז דערשיסן, ווי הינט! —
מיר וועבן! מיר וועבן!...

אַ קלאָג צו דעם פאַלשן צבוע'אַקישן לאַנד,
אין וועלכן סע בליען ביזיון און שאַנד,
וואָס האָדעוועט ווערים אין פוילקייט, אין מיסט,
און וואו יעדע בלום איז פאַרוועלקט און פאַרוויסט. —
מיר וועבן! מיר וועבן!...

עס פליט אום דאָס שיפל, דער טיש טאַראַראַכט,
מיר וועבן, מיר וועבן דורך טאָג און דורך נאַכט.
אַלט-דייטשלאַנד! מיר וועבן תּכריכים פאַר דיר,
אַ דרייפאַכע קללה אין זיי וועבן מיר, —
מיר וועבן! מיר וועבן!...

ה. היינע.

# אַ מוטער פון אַ קאָמונאַר דערציילט.

איך בין אַן אָרימע, פינסטערע פרוי. איך פלעג שטענדיק אַרבעטן, אַרבעטן. מיין מאַן האָט אויך געאַרבעט, נאָר מיר האָבן קוים־קוים זיך דורכגעלעבט, מיר האָבן געהונגערט. לערנען דאָס קינד איז ניט געווען פון וואָס.

דער מאַן איז גיך געשטאָרבן פון שווערער אַרבעט. כ'האָב אַליין אויפגעצויגן דעם זון, אַרבעטנדיק טאָג און נאַכט; נאָכדעם איז ער מיין שפּייזער געוואָרן.

קומט ער איינמאָל צולויפן, מיין אינגל, שיינט ווי די זון און שרייט אויס:

— מאַמע! אין פּאַריז האָבן די אַרבעטער אַ רעגירונג געשאַפן. די רעגירונג פון די רייכע איז אַנטלאָפן. מיר וועלן שוין מערער ניט ליידן...

נאָך און נאָך האָט גערעדט מיין זון. כ'האָב ווייניק פאַרשטאַנען: נאָר מיין האַרץ האָט געפילט, וואָס ער זאָגט. כ'האָב געפילט, אַז מיין אינגל קעמפט דערפאַר, אַז ער און זיינע קינדער זאָלן שוין ניט האָבן אַזאַ וויסט לעבן.

און איך האָב געזאָגט צו מיין אינגל:

— אויב דאָס איז טאַקע אַזוי, איז פאַר אַזאַ זאַך כּדאַי צו שטאַרבן.

דער פיינט האָט באַלאַגערט פּאַריז. מיר האָבן געהונגערט; נאָר איך האָב איבערגע'חזר'ט:

— זאָל זיין הונגער. צוליב דעם, אַז אונזערע קינדער זאָלן לעבן בעסער פון אונז, איז כּדאַי צו הונגערן, כּדאַי צו שטאַרבן.

מיין אינגל פלעגט ברענגען אַהיים צו עטלאַכע סאַנטים, וואָס די רעגירונג האָט אים געגעבן, ווי אַן אַרבעטלאָזן. מיר זיינען קוים־קוים אויסגעקומען.

איינמאָל איז מיין זון געקומען מיט אַ ביקס אין האַנט, ווייס ווי פּאַפּיר, און געזאָגט:

— מאַמע, דער שונא האָט גענומען די פעסטונג מאָנמאַרטר און איז אַריין אין פּאַריז. איך וועל גיין שטאַרבן. איך האָב אַ קוש געגעבן מיין זון און האָב געענטפערט:

— גיי, שטיי ניט אָפּ פון דיינע חברים.

ער איז אַוועק און זיך שוין מער ניט אומגעקערט, זיך שוין מער ניט אומגעקערט... איך האָב נאָכדעם נאָר געזען זיין טויטן קערפּער, דורכגעלעכערט מיט צוואַנציק קוילן, אַלע קוילן אין ברוסט אַריין, קיין איינע ניט אין דער פּלייצע... צוואַנציק קוילן אין ברוסט אַריין...

י. אָקוניעוו.

# אין קאַמף פאַר אַ נייער וועלט.

(פון אַ רעדע).

יאָ, סאָציאַליזם איז פאַר מיר אַ גרויסע זאַך. סאָציאַליזם איז פאַר מיר די פאָרמע, — די אויסערלאַכע און אויך די אינערלאַכע, — דער עצם פון מיין לעבן, מיין אידעאַל.

איך בין שוין געווען אַ סאָציאַליסט, קען מען זאָגן, ביים געבוירן ווערן, און דער מזל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל אַזוי פאַרבלייבן אויף תמיד. איך בין אַ רינג אין קייט, איינער פון אַ וואַקסנדער מאַסע, וואָס וועט פאָרטזעצן די אָנגעפאַנגענע זאַך. ס'האָט קיין באַדייטונג ניט, וויפיל דורות עס וועלן אַרבעטן און עס צווזען. פאַר'ן ענדלאַכן אידעאַל איז ניט וויכטיק, צי מיר, איינצלנע, וועלן דורכפאַלן אָדער האָבן אַן ערפאָלג; ס'איז ניט וויכטיק, וועלכע שטערונגען מיר וועלן טרעפן אין וועג; ס'איז אויך ניט וויכטיק, וועלכע משוגעת'ן און פאַרזעעניש'ן עס וועלן פאַרטונקלען אונזערע האָפענונגען און חלומות. מיר האָבן דאָס ליכט. מיר זיינען גרייט צו דעם, וואָס מיר וועלן אויסשטיין. און מיר ווייסן אויך, אַז דאָס ליכט וואָס שימערט צו אונז אַזוי בלאַס, וועט מוזן סוף־כל־סוף פאַרטרייבן די פינסטערניש.

ה. דזש. וועלס.

# פון וואַנען שטאַמט דער ערשטער מאַי.

(געשיכטלאַכע אָפּהאַנדלונג).

געווען איז עס אין יאָר 1886 אין דער שטאָט שיקאַגאָ.

זיינען אין שיקאַגאָ געווען אַ סך פאַבריקן און אַ סך אַרבעטער. די פאַבריקן האָבן נאַטירלאַך געהערט צו די קאַפּיטאַליסטן, און די אַר־בעטער האָבן געאַרבעט פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט — 12, 13 און 14 שעה אַ טאָג. האָבן עס די אַרבעטער פון שיקאַגאָ ניט געקאָנט איבערטראָגן. און זיי האָבן אַרויסגעלאָזן אַ לאָזונג: „אַכט שעה אַרבעטן, אַכט שעה שלאָפן און 8 שעה אָפּרו".

זיינען די פאַבריקאַנטן, פאַרשטייט זיך, געווען קעגן דעם. האָבן די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער זיי דערקלערט אַ קאַמף.

זיי האָבן באַשלאָסן אַרויסגיין אויף איין טאָג אין אַ סטרייק; אין דעם טאָג אַרויסגיין אויף דער גאַס מיט אַ דעמאָנסטראַציע און האַלטן רעדעס פאַר אַלע אַרבעטער און זיי דערקלערן, אַז זיי דאַרפן זיך אָרגאַניזירן, כדי צו זיין שטאַרק און קאָנען זיך איינשטעלן פאַר זייערע פאָדערונגען.

די דעמאָנסטראַציע האָבן די שיקאַגער באַוואוסטזיניקע אַרבעטער

באַשטימט אויפ'ן ערשטן מאַי, אויפן בעסטן פרילינגס־טאָג, אונטער דער ליכטיקער זון, וואָס שיינט פאַר אַלעמען. און די דעמאָנסטראַציע איז פאָרגעקומען. אַן עולם פון אַ האַלב מיליאָן אַרבעטער איז אַרויס אין גאַס. די שיקאַגער פאָליציי האָט אָבער צעטריבן די אַרבעטער און גע־מאַכט „אָרדענונג" אויף די גאַסן. ס'זיינען דערביי געפאַלן 8 אַרבעטער. דאָס איז געווען אין יאָר 1886.

און אין דריי יאָר אַרום, אין יאָר 1889, איז אין פּאַריז, דער הויפּט־שטאָט פון פראַנקרייך, פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון פאָרשטייער פון אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען פון דער גאַנצער וועלט — פון'ם אַרבע־טער אינטערנאַציאָנאַל.

האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומען באַשלוסן, ווי אַזוי צו קעמפן מיט דער בורזשואַזיע. איינער פון די וויכטיקסטע באַשלוסן איז געווען:

דעם 1־טן מאַי, דעם טאָג, ווען די אַרבעטער זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן דער בורזשואַזיע און ס'האָט זיך געגאָסן אַרבעטער־בלוט אויף די שיקאַגער גאַסן, מאַכן פאַר אַן אַלוועלטלאַכן אַרבעטער־יום־טוב. אַלע אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט זאָלן דעם טאָג נישט אַרבעטן, נאָר אַרויסגיין אויף די גאַסן אין געשלאָסענע רייען, פאָדערן אַן אַכט־שעה'־דיקן אַרבעטס־טאָג און באַווייזן פאַר דער גאַנצער וועלט, ווי גרויס און מעכטיק ס'איז דער אַרבעטער־קלאַס.

„אַז ווען דער אַרבעטער נאָר וויל,
בלייבן אַלע רעדער שטיל."

די רייכע האָבן דערקלערט אַ קאַמף דעם 1־טען מאַי.

אין אַ סך ערטער האָבן די רייכערע פאַרלאָזט די שטעט צום 1־טן מאַי. די מער דרייסטערע האָבן אָנגעהויבן ריידן וועגן אָרגאַניזירן אַ ספּעציעלע אַרמיי צו קעמפן מיט די אַרבעטער.

די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער האָבן אָבער נאָך מיט מער מוט גע־פייערט זייער קאַמפס־יום־טוב. און כּמעט אין אַלע שטעט פון אויס־לאַנד איז דער 1־טער מאַי 1890 דורך מיט דעמאָנסטראַציעס. אמת, ס'איז דערגאַנגען ביז צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי, און פיל אַר־בעטער זיינען געפאַלן אַ קרבן. פון דעמאָלט אָן פלעגט דער פּראָ־לעטאַריאַט דורכ'ן 1־טן מאַי אויספּרואוון זיינע כּוחות, צי איז ער שוין גרייט צום ענדגילטיקן קאַמף מיט דער בורזשואַזיע.

פון „ארבעטס-קינדער".

## געשיכטלאַכע אָפּהאַנדלונג.

געשיכטע — איז א ליטעראַרישע זאך, אין וועלכער דער שרייבער גיט איבער וועגן געוויסע פאקטן פון דער פארגאנגענהייט, וואס האבן געשפילט א ראליע אינ'ם לעבן פון א פאלק, א קלאס, אדער א קלענערער גרופע.

# ערשטער מאַי אין רוסלאַנד.

בעת אין אויסלאַנד האָט שוין אין אַסך ערטער דער פּראָלעטאַרי־אַט מוטיק געפייערט זיין יום־טוב, אין יענער צייט האָט אין רוסלאַנד דער אַרבעטער־קלאַס ערשט אָנגעהויבן אויפוואַכן. די פּויערים האָבן נאָך געשמאַכט אונטער'ן ווילדן פּריצישן יאָך.

דער 1־טער מאַי האָט מיטגעהאָלפן אָרגאַניזירן דאָס הייפעלע באַ־וואוסטזיניקע אַרבעטער און דורך זיי אָרגאַניזירן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד.

די ערשטע מאַיאָווקע איז געווען אין לענינגראַד, אין יאָר 1891. עס איז פאָרגעקומען אין וואַלד, פאַרבאַהאַלטן פון דער מאַכט. אויף דער מאַיאָווקע האָבן זיך צונויפגעקליבן ביי 200 מאַן — אַרבעטער און סטו־דענטן.

נאָך מער פייערלאַך איז דורכגעגאַנגען דער 1־טער מאַי אין פּוילן און ליטע. אין די געגנטן, וועלכע האָבן געשמאַכט אונטער'ן צאַרישן יאָך, איז דאַן געווען אַ גרויסע צאָל אַרבעטער. די אַרבעטער פון דידאָזיקע געגנטן — פּאָליאַקן, אידן, דייטשן, ליטווינער א. א. — האָבן געליטן נאָך מער, ווי די רוסישע אַרבעטער. די אידישע אַרבעטער, למשל, האָבן נאָך געהאַט אויסצושטיין פון אַנטיסעמיטיזם. אַזוי איז אויך געווען מיט'ן פּוילישן און ליטווישן אַרבעטער, וועלכע האָבן ניט געהאַט דאָס רעכט צו ריידן אַ וואָרט אויף זייער שפּראַך, וועלכע זיינען געווען באַגרעניצט און פאַרפאָלגט. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט זיך דעריבער דאָרט אַנטוויקלט פון זייער לאַנג.

און שוין אין יאָר 1890 האָבן דעם 1־טן מאַי אין וואַרשע געסטרייקט פון 8 ביז 10 טויזנט אַרבעטער.

אין דער פּראָקלאַמאַציע, וואָס דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט אַרויסגעלאָזן, שטייט געשריבן:

חברים! צוליב איין ציל וועלן זיך פאַראייניקן אַלע אַרבעטער פון אַלע פעלקער; צוליב אַן אַלגעמיינעם אידעאַל דאַרפן זיך ברידערלאַך דערלאַנגען די הענט אַלע אַרבעטער פון אַלע נאַציעס פון דער גאַנצער וועלט. דער לאָזונג פון די אַרבעטער איז — אַן אַכט־שעה'דיקער אַרבעטס־טאָג. אונז אַלעמען דריקט די נויט. ווער פון די אַרבעטער וועט בלייבן שטיין אָן אַ זייט, ווען דער גאַנצער פּראָלעטאַריאַט שטעלט זיך צום קאַמף קעגן קאַפּיטאַליסט און קעגן אַלע אונזערע שונאים? אַלע אַרויס אויפ'ן גאַס פייערן דעם גרויסן אַרבעטער־יום־טוב — דעם 1־טן מאַי!"

דעמדאָזיקן טאָג זיינען אין וואַרשע געפאַלן ביי אַ צענדליק אַרבע־טער־קרבנות.

דערפאַר האָבן שוין איבעראיאָר אין וואַרשע געסטרייקט 20 טויזנט מאַן. די קאָזאַקן האָבן מיט נאַהייקעס געשלאָגן די קליינע אַרבעטער־אינגלאַך דערפאַר, וואָס זיי האָבן פאַרשפרייט בראָשורן און בלעטלאַך וועגן 1־טן מאַי.

מ'האָט אַרעסטירט די אַרבעטער, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין מאַי־יום־טוב, געזעצט זיי אין טורמעס און פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע.

אין 1902־טן יאָר איז דער 1־טער מאַי געפייערט געוואָרן אין גאַנצן לאַנד. אין מערסטע ערטער האָט מען געסטרייקט. כמעט אומעטום זיינען פאָרגעקומען דעמאָנסטראַציעס. די אָנטיילנעמער אין דער מאַ־יאָווקע האָט מען פאַר'משפט צו אייביקער קאַטאָרגע. אויפ'ן משפט האָט אַן אַרבעטער, אַ פאָנען־טרעגער פון אַ דעמאָנסטראַציע, געזאָגט: „איך ווייס, אַז פאַר'ן אָנטייל נעמען אין דער דעמאָנסטראַציע וועט מיך די בורזשואַזיע אַוועקשיקן אויף קאַטאָרגע. די שטראָף איז אַ שרעק־לאַכע, אָבער די האָפענונג אויף דעם, אַז איך האָב געבראַכט כאָטש אַ קאַפּ נוצן מיינע ברידער און שוועסטער, אָט די האָפענונג וועט מיר געבן כּוח און מוט אַריבערטראָגן די אַלע ליידן, וועלכע מיר וועט אויסקומען איבערלעבן."

אין דעמזעלבן יאָר איז פאָרגעקומען אויך אין ווילנע אַ גרויסע דע־מאָנסטראַציע פון אידישע אַרבעטער. די צאַרישע מאַכט מיט'ן גענעראַל פאָן־וואַל בראש האָט באַפוילן אַרעסטירן די, וואָס מען וועט כאַפּן, אַוועקשלעפּן זיי אין טורמע און שמייסן ביז בלוט. ביי אָט דער ווילדער מיאוס'ער סצענע איז אַליין בייגעוועזן דער גענעראַל, וועלכער האָט יעדן איינעם נאָך די שמיץ „באַגריסט" מיט'ן 1־טן מאַי.

מ. דייטש.

# די לאַגע פון די אַרבעטער אין שטעטל.

## 1. דער צושטאַנד פון שטעטל.

אין שטעטל קרינאַק איז שוין אינמיטן פון די 90־ער יאָרן געווען איבער 20 גרעסערע און קלענערע לעדער־פאַבריקן, אין וועלכע עס האָבן גע־אַרבעט עטלאַכע הונדערט אַרבעטער אידן און ניט קיין גרויסע צאָל קריסטן. די אַנטוויקלונג פון דער פראָדוקציע, די עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער און די רייכקייט פון די פאַבריקאַנטן איז דאָרט געוואַקסן פון טאָג. עס זיינען שוין דאַן געווען גבירים, וואָס האָבן געשטאַמט פון גביר'ישע משפחות, ד. ה. עס זיינען שוין געווען דורות גבירים און רייכע פאַבריקאַנטן.

אין קרינאָק זיינען אַלע געווען גאַרבער, אַפילו דעם רב'ס זון און איידים, נאָר זיי געוויינטלאַך זיינען געווען פאַבריקאַנטן... דעם בעדערס, קברנ'ס און אַלע שמשימ'ס קינדער און איידימס זיינען אויך געווען גאַרבער, אַזוי אַז אין יאָר 1897 האָבן זיך אין קרינאָק געפונען ביז 1000 לעדער־אַרבעטער, עטלאַכע און דרייסיק קלענערע און גרעסערע לע־דער פאַבריקלאַך.

און אַרום די פאַבריקן האָט זיך אַרומגעדרייט אַן עלעמענט, וואָס מע האָט ביי אונז אָנגערופן „שטעקל־אידן", ד. ה. קאָמיסיאָנערלאַך, אומ־פאָרער, קויפער, פאַרקויפער, מעקלער, געלט־געבער... עס האָט אויך ניט געפעלט דער מין פּראַצענטניקעס און סתם לופט־מענשן, געוועזענע שענקער, אָדער אַרויסגעטריבענע פון די דערפער, וועלכע האָבן גע־זוכט סתם אַזוי אַ קאָפּיקע צו פאַרדינען.

### 2. דער צושטאַנד פון די אַרבעטער.

דער עקאָנאָמישער צושטאַנד פון די אַרבעטער איז דאַן געווען זייער אַ שלעכטער. די אַרבעטס־באַדינגונגען זיינען געווען אומדערטרעגלאַכע: אַן אומגעהויער לאַנגער אַרבעטס־טאָג—פון 5 פאַרטאָג ביז 10 ביי דער נאַכט. דער פאַרדינסט איז געווען פון איינס ביז דריי רובל אַ וואָך. 5 רובל האָט שוין גענומען אַן עכט־קוואַליפיצירטער אַרבעטער. אויסער דעם זיינען געווען די סאַמע גראָבע באַהאַנדלונגען פון די באַלעבאַטים; אין די וואַר־שטאַטן איז געווען אומריינקייט, שמוץ, בלאָטע. פאַבריקלאַך פינסטערע, חושכ'דיקע; די ווענט און שויבן פאַרגאָסענע אין וואַפּנע און סמאָלע. דערצו איז נאָך ביי די גאַרבער פאַראַן אַ ספּעציעלע געפערלאַכע קרענק, וועלכע שיקט אַוועק יערלאַך הונדערטער מענשן אויף יענער וועלט: דאָס איז די „שקאַרבונקע" אָדער „סיבירער יאַזווע". צו דער אַרבעט דאַרף מען האָבן גומענע הענטשקעס, נאָך ווער פלעגט זיי אָנזען אין די אויגן?

אויסער דעם האָבן די גאַרבער גערעכנט זיך פאַר די מיאוס'סטע מענשן. מע האָט זיי גערעכנט פאַר עם־הארצים, פאַר גראָבע יונגען, פעל־שינדער, הינט־שלעגער...

אָט די לאַגע פון די גאַרבער, וואָס האָט געהערשט איבעראַל אין גאַרבער־ראַיאָן, האָט זיך נאָך שטאַרקער אָפּגערופן אין קרינאָק. אין דעםווינטער פון 1896—97 זיינען פון דער סיבירקע געשטאָרבן 15 מאַן.

אַז די פרויען פון די געשטאָרבענע פלעגן קומען צום שטאָט־דאָקטער בעטן אַ צעטל, אַז זייערע מענער זיינען געשטאָרבן פון דער קראַנקהייט, בכדי צו קריגן פון פאַבריקאַנט עטלאַכע רובל פאַר זייערע קליינינקע הונגעריקע יתומים, פלעגט זיי דער שטאָט־דאָקטער אַרויסטרייבן; ער פלעגט זיי זאָגן, אַז זייערע מענער זיינען געשטאָרבן פון אַן אַנדער קרענק. די פאַבריקאַנטן זיינען געווען געזיכערט פון אַלע זייטן: אַרום

ויך דער איספראַווניק, וועלכער פלעגט ביי זיי האָבן אַ יערלאַכן כאַ־באַר; דער פאַבריק־אינספעקטאָר דאָס גלייכן; די אָרטיקע פּאָליציי— זי האָט געקראָגן אַ וועכענטלאַכן געהאַלט. ביי אַזאַ לאַגע האָבן זיי אומ־רחמנות'דיק עקספּלואַטירט און געטאָן, וואָס זיי האָבן געוואָלט.

ווינטער פלעגן זיי אין די נאַסע גאַרבאַרניעס ניט הייצן. פלעגט ביי נאַסער אַרבעט פרירן די הענט. האָט פּאַסירט, אַז אַן אַרבעטער האָט געבעטן האָלץ צו הייצן דעם אויוון, האָט מען אים דערפאַר אַנטזאָגט. ווי־דער אין די טרוקענע פאַבריקן איז שוין ווינטער צו הייס, ווייל מע טריקנט דאָרט די לעדער. דאָרט איז די אַרבעט אומדערטרעגלאַך; מען אַרבעט אין איינע העמדער, עס טומלט זיך אין קאָפּ פון רויך און טשאַד, פון די פאַרשיידענע שמיראַכצן. עס האָט נאַטירלאַך ניט געקאָנט זיין קיין רייד פון ווענטיליאַציעס...

אַזאַ לאַגע איז געווען דאַן ביי די גאַרבער. דערצו איז געווען נאָך אַ גרויסע אָנשיקעניש: דאָס זיינען געווען די מייסטערס, די פאַרמיטלער, וועלכע האָבן געאַרבעט פון שטיק. גאָר געפערלאַך איז געווען די לאַגע פון די קליינוואַרג, אינגלאַך פון 12 ביז 16 יאָר.

גאַנצע תלמוד־תורות פלעגן אָנקומען אויף די פאַבריקן. פאַר־פינסטערטע, אויסגעשמירטע, שוואַרצע ווי קויל, פלעגן זיי אַרבעטן צו 18 שעה אין מעת־לעת, פאַר 50 קאָפּ. ביז אַ רובל אַ וואָך. דאָנערשטאָג פלעגט מען אַרבעטן אַ גאַנצע נאַכט און שבת נאָך הבדלה ווייטער צו דער אַרבעט אויף 5—6 שעה. געלט פלעגט מען קריגן אויסגעצאָלט 2—3 מאָל אין זמן; אַלע נייטיקע פּראָדוקטן פלעגן די אַרבעטער נעמען אין די קראָמען, וועלכע די פאַבריקאַנטן פלעגן אָנווייזן. דאָסזעלבע איז אויך געווען מיט שוסטער און שניידער, ביי וועלכע דער פאַבריקאַנט פלעגט הייסן נייען שיך אָדער אַ מלבוש. געוויינטלאַך האָבן אויך עק־זיסטירט שטראָפן; פאַר יעדער קלייניגקייט פלעגט מען באַשטראָפט ווערן מיט געלט אָדער מיט עטלאַכע גוטע פעטש...

אָט דער מין שלאָגן זיך איז זייער אָפט פאָרגעקומען ביי די טרו־קענע אַרבעטער און ביי די וואַלקער. דאָרט האָט דער מייסטער זיך געפירט ווי אַ פּולשטענדיקער זעלבסטהערשער. דאָרט איז געווען איינ־געפירט ציל־אַרבעט. טו, אַרבעט טאָג ווי נאַכט, די נשמה פון דיר, נאָר דעם ציל מוזסטו מאַכן. עס האָט פּאַסירט, אַז אַ מייסטער האָט דער־לאַנגט אַן אַרבעטער אַ זעץ מיט'ן קאָפּ אין וואַנט, און אין וואַנט איז געווען אַ טשוואָק, האָט ער אים אַריינגעזעצט דעם טשוואָק אין קאָפּ און דער אַרבעטער איז געבליבן ווי אַ צוגעקלאַפּטער צום וואַנט...

זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז אַזאַ לאַגע האָט געהייצט די אַרבעטער. ביי יעדן אַרבעטער האָט געברענט אין האַרצן אַ גוואַלדיקע שנאה צום באַלעבאָס; ער האָט געזוכט די צייט, די געלעגנהייט, ווי אַזוי צו פאַר־

בעסערן זיין לעבן און אַרויסקריכן פון דעם ענגן שמוציקן און שפל־דיקן שטאַנד, פון דעם תהום פון דערנידערונגען.

צו יענער צייט זיינען פאָרגעקומען אייניקע אינצידענטן, וועלכע האָבן די אַרבעטער באַזונדערס אויפגערייצט און אויפגערעגט.

אַ פרוי, ביי וועלכער דער מאַן איז געשטאָרבן פון שקאַרבונקע, איז געקומען צום רב, ער זאָל רחמנות האָבן אויף אירע 5 קליינע קינדער־לאַך און הייסן דעם פאַבריקאַנט געבן עטלאַכע רובל. האָט איר דער רב געענטפערט, אַז על־פי־דין קומט איר ניט, ווייל ווען ביי אַ בעל־עגלה פאַלט אַ פערד, קלייבן זיך צונויף אַלע בעל־עגלות און העלפן אים קויפן אַ ניי פערד; אַזוי זאָלן טאָן די אַרבעטער, זאָלן זיי איר אַליין העלפן.

דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען מיט'ן אַרבעטער, וועלכן דער מייס־טער האָט צוגעקלאַפּט צום וואַנט. די אַרבעטער זיינען אַוועק צום רב מיט טענות. האָט דער רב באַשטראָפט דעם מייסטער מיט 3 רובל אויפ'ן בית־מדרש, און וועגן קורירן אים האָט ער ניט דערמאָנט.

אין שטאָט האָבן זיך געפונען הונדערטער פרעמדע אַרבעטער, וועל־כע פלעגן עסן און וואוינען ביי שטאָטישע איינוואוינער. אַזוי ווי זיי האָבן שוין ניט געקראָגן אַ צייט קיין געלט, האָט מען זיי אַנטזאָגט פון די דירות און ניט געגעבן עסן.

האָבן זיי געמאָלדן די באַלעבאַטים, אַז זיי ווילן אויפהערן צו אַר־בעטן; זיי מוזן האָבן געלט, כדי זיך אויסצאָלן פון די חובות. די באַלע־באַטים האָבן אונטערגעשיקט דעם אוראַדניק, עס איז אויך געקומען דער פּריסטאַוו, זיך פאַנאַנדערגעפרעגט, וואָס דאָ קומט פאָר, און ער האָט זיי אָפּגעשיקט צום רב. דער רב האָט געפּסק'נט, אַז מע זאָל זיי גלייך באַצאָלן. נאָר די פאַבריקאַנטן האָבן זיך שוין באַמיט, וואו מע האָט גע־דאַרפט, און מע האָט זיי אַרויסגעשיקט פון שטאָט. אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען זיי געקומען אין קרינאָק אויף דאָס ניי קריגן אַרבעט, האָט מען זיי געמאָלדן, אַז זיי זאָלן ברענגען אַ צעטל פון זייערע פריערדיקע באַלעבאַטים, אַז זיי האָבן צו זיי קיין טענות ניט, וועט מען זיי געבן אַרבעט.

ש. לעוו.

# באָנטשע שווייג.

(מעשה'לע).

דאָ, אויף דער וועלט, האָט באָנטשע שווייגס טויט קיין איינדרוק נישט געמאַכט! פרעגט עמיצן בחרם: ווער באָנטשע איז געווען, ווי אַזוי ער האָט געלעבט, פון וואָס ער איז געשטאָרבן! צי האָט אים דאָס האַרץ געפּלאַצט, צי די כוחות זיינען אים אויסגעגאַנגען, צי זיין מאַרכ־

נייַן האָט זיך איבערגעבראָכן אונטער אַ שווערער לאַסט... ווער ווייס — אפשר איז ער גאָר פאַר הונגער געשטאָרבן!

---

באָנטשע האָט שטיל געלעבט און שטיל געשטאָרבן; ווי אַ שאָטן איז ער דורך — דורך אונזער וועלט!

געלעבט האָט ער, ווי אַ גראָ קליין קערנדל זאַמד ביים ברעג פון ים, צווישן מיליאָנען זיינס גלייכן. און אַז דער ווינט האָט אים אויפגעהויבן און אויף דער אַנדערער זייט ים אַריבערגעיאָגט, האָט עס קיינער נישט באַמערקט!

ביים לעבן האָט די נאַסע בלאָטע קיין צייכן פון זיין פוס נישט באַהאַלטן; נאָכ'ן טויט — האָט דער ווינט דאָס קליינע ברעטל פון זיין קבר אומגעוואָרפן; דעם קברנ'ס ווייב האָט עס געפונען ווייט פון קבר און דערביי אַ טעפּל קאַרטאָפל אָפּגעקאָכט... עס איז דריי טעג נאָך באָנטשעס טויט, פרעגט דעם קברן בחרם, וואו ער האָט אים געלייגט!

אַ שאָטן! זיין פאָטאָגראַפיע איז נישט געבליבן ביי קיינעם אין מוח, ביי קיינעם אין האַרץ; עס איז פון אים קיין זכר ניט געבליבן!

„קיין קינד, קיין רינד"; עלנד געלעבט — עלנד געשטאָרבן!

ווען מען האָט באָנטשען אין שפּיטאָל אַריינגעפירט, איז זיין ווינקל אין סוטערינע נישט ליידיק געבליבן — עס האָבן דערויף צען זיינס-גלייכן געוואַרט; ווען מען האָט אים פון שפּיטאָל אין טויטן-שטיבל אַריינגעטראָגן, האָבן אויפ'ן בעט צוואַנציק אָרימע קראַנקע געוואַרט... ווען ער איז אַרויס פון טויטן-שטיבל, האָט מען צוואַנציק הרוגים פון אונטער אַן איינגעפאַלן הויז געברענגט. ווער ווייס, ווי לאַנג ער וועט רואיק ליגן אין קבר? ווער ווייס, וויפיל עס וואַרטן אויף דעם שטיקל פּלאַץ?...

שטיל געבוירן, שטיל געלעבט, שטיל געשטאָרבן און נאָך שטילער באַגראָבן.

נאָר נישט אַזוי איז געוועזן אויף יענער וועלט! דאָרטן האָט באָנטשעס טויט אַ גרויסן איינדרוק געמאַכט!

דער גרויסער שופר פון משיח'ס צייטן האָט געקלונגען אין אַלע זיבן הימלען: באָנטשע שווייג איז נפטר געוואָרן! אין גן-עדן איז אַ רעש, אַ שמחה, אַ גערודער: „באָנטשע שווייג! אַ שפּאַס — באָנטשע שווייג!!!"

יונגע מלאָכים'לאַך זיינען באָנטשען אַקעגן געלאָפן מיט שמחה! דאָס געוויש פון די פויגלען האָט פאַרפולט אַלע הימלען און איז צוגעקומען ביז צום כסא-הכבוד. און גאָט אַליין האָט אויך שוין געוואוסט, אַז באָנטשע שווייג קומט!

אברהם-אָבינו האָט זיך אין טויער פון הימל געשטעלט, די רעכטע האָנט אויסגעשטרעקט צום ברייטן „שלום עליכם!"

וואָס רעדלט אַזוי אין הימל?

דאָס האָבן צוויי מלאָכים אין גן־עדן אַריין פּאַר באָנטשעס וועגן אַ גינגאָלדענע פּאָטערשטול אויף רעדלאַך געפירט!

וואָס האָט אַזוי העל געבליצט?

דאָס האָט מען דורכגעפירט אַ גאָלדענע קרוין, מיט די טייערסטע שטיינער געזעצט! אַלץ פאַר באָנטשען!

---

אַז די מלאָכים'לאַך האָבן באָנטשען געכאַפּט אין דער לופט און אָפּגעשפּילט אים אַ זמר; אַז אַברהם־אָבינו האָט אים די האַנט געשאָקלט; אַז ער האָט געהערט, אַז זיין שטול איז גרייט אין גן־עדן; אַז אויף זיין קאָפּ וואַרט די קרוין, — האָט באָנטשע, גלייך ווי אויף יענער וועלט, געשוויגן פאַר שרעק! עס איז אים דאָס האַרץ אַנטגאַנגען! ער איז זיכער, אַז דאָס מוז זיין אַ חלום אָדער אַ פּראָסטער טעות!

ער איז צוביידע געוואוינט! נישט איינמאָל האָט זיך אים אויף יענער וועלט גע'חלומ'ט, אַז ער קלייבט געלט אויף דער פּאָדלאָגע, גאַנצע אוצרות ליגן... און אויפגעכאַפּט האָט ער זיך נאָך אַ גרעסערער קבצן ווי נעכטן... נישט איינמאָל האָט אים עמיץ פאַר טעות צוגע־שמייכלט, אַ גוט וואָרט געזאָגט און איבערגעדרייט זיך און אויסגעשפּיגן...

— מיין מזל־טראַכט ער — איז שוין אַזוי!

און ער האָט מורא די אויגן אויפצוהייבן, דער חלום זאָל נישט פאַרשווינדן: ער האָט מורא פון מויל אַ קלאַנג אַרויסצולאָזן, מיט אַ גליד אַ ריר צו טאָן — מען זאָל אים נישט דערקענען און אַוועקשליידערן אויף כף־הקלע.

ער ציטערט און איז אויסער זיך פאַר שרעק!

פאַר שרעק האָט ער אפילו נית געהערט, ווי דער פּרעזעס האָט בפירוש אויסגערופן: „די דיעלע פון באָנטשע שוויַיג!" און דערלאַנ־גענדיק דעם מליץ־יושר די אַקטן, געזאָגט: לעז, נאָר בקיצור!"

מיט באָנטשען דרייט זיך דער גאַנצער סאַלאָן, עס רוישט אים אין די אויערן. אינ'ם גערויש הערט ער דאָך אַלע מאָל שאַרפער דעם מלאך־מליצ'ס זיס קול ווי אַ פידל:

— זיין נאָמען — הערט ער — האָט אים געפּאַסט.

„ער האָט זיך קיינמאָל אויף קיינעם נישט געקלאָגט: נישט אויף גאָט, נישט אויף לייט; אין זיין אויג האָט קיינמאָל נישט אויפגעפלאַמט קיין פונק פון האַס; ער האָט עס קיינמאָל נישט אויפגעהויבן מיט אַ פּרעטענזיע צום הימל.

ער האָט אַלץ געשוויגן. אפילו ווען די מוטער איז אים געשטאָרבן און ער האָט צו דרייצן יאָר אַ שטיפמאַמע באַקומען... אַ שטיפמאַמע אַ שלאַנג, אַ מרשעת..."

מיינט מען דאָך אפשר פאָרט מיך? – טראַכט באָנטשע.

– „זי פלעגט אים קאַרגן דעם ביסן... אייערנעכטיק פאַרשימלט ברויט... האָר־פלאַקס פאַר פלייש... און זי האָט קאַווע מיט סמעטענע געטרונקען. זי האָט אים פאַר דאָס קיין נעגל נישט געקאַרגט און זיין ברויך־און־בלאָ לייב פלעגט אַרויסקוקן דורך אַלע לעכער פון זיינע פאַרשי־מלט־צעריסענע קליידער... ווינטער, אין די גרעסטע פרעסט, האָט ער איר באָרוועס אויפ׳ן הויף האָלץ געהאַקט, און די הענט זיינען צו יונג און צו שוואַך געווען, די קלעצלאַך צו דיק, די האַק צו שטומפּ... נישט איינ־מאָל האָט ער זיך די האַנט פון די געלענקען אויסגעריסן, נישט איינמאָל האָט ער זיך די פיס אָפּגעפרוירן, נאָר געשוויגן האָט ער, אַפילו זיך פאַר׳ן פאָטער, פאַר׳ן שיכּור ניט געקלאָגט. און שטענדיק עלנט—קיין חבר, קיין חדר... קיין גאַנץ בגד... קיין פרייע מינוט.

„ער האָט געשוויגן אַפילו שפּעטער, ווען דער פאָטער האָט אים שיכּור׳ערהייט אַמאָל געכאַפּט ביי די האָר און אין מיטן אַ שנייענדיקער ווינטער־נאַכט אַרויסגעוואָרפן פון שטוב! ער האָט זיך שטיל אויפגעהויבן פון שניי און איז אַנטלאָפן, וואו די אויגן האָבן אים געטראָגן...

אויפ׳ן גאַנצן וועג האָט ער געשוויגן... ביים גרעסטן הונגער האָט ער נאָר מיט די אויגן געבעטלט!

ערשט אין אַ שווינדלדיקער, נאַסער פרילינג־נאַכט איז ער אין אַ גרויסער שטאָט אַריינגעקומען; ער איז אַריין, ווי אַ טראָפּן אין אַ ים, און דאָך האָט ער די אייגענע נאַכט אין אַרעסט פאַרבראַכט... ער האָט געשוויגן, נישט געפרעגט פאַר וואָס, פאַר ווען? ער איז אַרויס און די שווער־סטע אַרבעט געזוכט! נאָר ער האָט געשוויגן!

שווערער פאַר דער אַרבעט איז געווען זי צו געפינען – ער האָט געשוויגן.

באָדנדיק זיך אין קאַלטן שוויס, צוזאַמענגעדריקט אונטער דער שווערסטער לאַסט, ביים גרעסטן קראַמף אין ליידיקן מאָגן – האָט ער געשוויגן!

באַשפּריצט פון פרעמדער בלאָטע, באַשפּיגן פון פרעמדע מיילער, געיאָגט פון טראָטואַרן מיט דער שווערסטער לאַסט אַראָפּ אין גאַסן צווישן דראָשקעס, קאַרעטן און טראַמוואַיס, קוקנדיק יעדע מינוט דעם טויט אין די אויגן אַריין – האָט ער געשוויגן!

ער האָט קיינמאָל נישט איבערגערעכנט, וויפיל פּוד לאַסט עס קומט אויס אויף אַ גראָשן, וויפיל מאָל ער איז געפאַלן ביי יעדן גאַנג פאַר אַ דרייער, וויפיל מאָל ער האָט שיר די נשמה אויסגעשפּיגן, מאָנענדיק זיין פאַרדינסט; ער האָט נישט גערעכנט נישט זיין, נישט יענעמס מזל, נאָר געשוויגן!

זיין אייגן פאַרדינסט האָט ער אויך נישט הויך געמאָנט! ווי אַ בעטלער

האָט ער זיך פאַר דער טיר געשטעלט, און אין די אויגן האָט זיך אַ הינטי־שע בקשה געמאָלט. „קום שפּעטער!"—און ער איז פאַרשוואונדן שטיל, ווי אַ שאָטן, כּדי שפּעטער נאָך שטילער אויסצובעטלען זיין פאַרדינסט!

ער האָט אַפילו געשוויגן, ווען מען פלעגט אים אָפּרייסן פון זיין פאַרדינסט אָדער אַריינוואַרפן אַ פאַלשע מטבע...

ער האָט אַלץ געשוויגן...

— מיינט מען דאָך טאַקע מיך! — טרייסט זיך באָנטשע.

— איינמאָל — פירט ווייטער דער מליץ־יושר — איז אין זיין לעבן אַן ענדערונג געשען... עס איז דורכגעפלויגן אַ קאַטש אויף גומענע רעדער מיט צעפלאָשעטע פערד... דער שמייסער איז שוין לאַנג פון ווייטנס גע־לעגן מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ אויפ'ן ברוק... פון די דערשראָקענע פערדס מיילער שפּריצט דער שוים; פון אונטער די פּאָדקאָוועס יאָגן זיך פונקען; די אויגן בלישטשען, ווי ברענענדיקע שטורקאַצן אין אַ פינסטערער נאַכט, און אין קאַטש זיצט נישט טויט, נישט לעבדיק, אַ מענש!

און באָנטשע האָט די פערד פאַרהאַלטן!

און דער געראַטעוועטער איז געווען אַ איד אַ בעל־צדקה און האָט באָנטשען די טובה נישט פאַרגעסן!

ער האָט אים דעם גע'הרג'עטנס בייטש איבערגעגעבן; באָנטשע איז אַ שמייסער געוואָרן. נאָך מער — ער האָט אים אויך חתונה גע־מאַכט.

— מיך מיינט מען, מיך! — באַפעסטיקט זיך באָנטשע אין דער דעה און האָט דאָך די העזה נישט אַן אויג צו וואַרפן אויפ'ן „בית־דין־של־מעלה"...

ער הערט זיך ווייטער איין:

— ער האָט געשוויגן אַפילו, ווען זיין בעל־טובה האָט אין קורצן באַנקראָטירט און אים זיין לוין נישט באַצאָלט...

ער האָט געשוויגן אַפילו, ווען די ווייב איז אים אַנטלאָפן און איי־בערגעלאָזט אים אַ קינד פון דער ברוסט...

ער האָט געשוויגן אַפילו מיט פופצן יאָר שפּעטער, ווען דאָס קינד איז אויפגעוואַקסן און גענוג שטאַרק געווען—באָנטשען אַרויסצוואַרפן פון שטוב...

— מיך מיינט מען, מיך! — פרייט זיך באָנטשע.

---

ער האָט אַפילו געשוויגן, — הייבט אָן ווייכער און טרויעריקער דער מלאך־מליץ, — ווען דער אייגענער בעל־טובה האָט זיך מיט אַלע אויסגעגליכט, נאָר אים קיין גראָשן שכירות נישט צוריק־געגעבן; און אַפילו דעמאָלט, ווען ער איז באָנטשען (ווייטער פאָרנ־

דיק אויף אַ קאַטש מיט גומענע רעדער און פערד ווי לייבן) איבערגע־פאָרן...

ער האָט אַלץ געשוויגן! ער האָט אַפילו דער פּאָליציי נישט גע־זאָגט, ווער עס האָט אים צו רעכט געמאַכט...

ער האָט געשוויגן אַפילו אין שפּיטאָל, וואו מען מעג שוין שרייען!

ער האָט געשוויגן ביים גוסס'ן, ער האָט געשוויגן ביים שטאַרבן.

קיין וואָרט געגן גאָט, קיין וואָרט געגן לייט! כ'האָב געענדיקט.

---

באָנטשע הייבט ווייטער אָן צו ציטערן אויפ'ן גאַנצן לייב. ווער ווייס, וואָס דער קטיגור וועט אים איצט דערמאָנען!

— רבותי! — הייבט אָן אַ שאַרף־שטעכנדיק־בריענדיק קול. נאָר ער האַקט אָפּ.

— רבותי! — הייבט ער נאָך אַ מאָל אָן נאָך ווייכער און האַקט ווייטער אָפּ.

ענדלאַך הערט זיך, פון דעם אייגענעם האַלז אַרויס, כמעט אַ ווייך קול:

— רבותי! ער האָט געשוויגן, וועל איך אויך שווייגן!

עס ווערט שטיל, און פון פאָרנט הערט זיך אַ נייע ווייכע ציטערדיקע שטימע:

— באָנטשע, מיין קינד באָנטשע! — רופט עס ווי אַ האַרפע... — מיין האַרציק קינד באָנטשע!

אין באָנטשען צעווײנט זיך דאָס האַרץ... ער וואָלט שוין אַצינד די אויגן געעפנט, נאָר זיי זיינען פאַרפינסטערט פון טרערן... עס איז אים אַזוי זיס־וויינענדיק קיינמאָל נישט געווען... „מיין קינד", „מיין באָנטשע!"— זייט די מוטער איז געשטאָרבן, האָט ער אַזאַ קול און אַזוינע ווערטער נישט געהערט.

— מיין קינד! — פירט ווייטער דער פּרעזעס. — דו האָסט אַלץ גע־ליטן און געשוויגן! עס איז נישטאָ קיין גאַנץ גליד, קיין גאַנץ ביינדל אין דיין לייב אָן אַ וואונד, אָן אַ בלוטיק אָרט; עס איז נישטאָ קיין איין באַהאַלטן אָרט אין דיין נשמה, וואו עס זאָל נישט בלוטן... און דו האָסט אַלץ גע־שוויגן...

דאָרט האָט מען זיך נישט פאַרשטאַנען דערויף. דו אַליין האָסט גאָר אפשר נישט געוואוסט, אַז דו קענסט שרייען, און אַז פון דיין געשריי קענען יריחו'ס מויערן ציטערן און איינפאַלן! דו אַליין האָסט פון דיין פאַרשלאָפענעם כוח נישט געוואוסט...

אויף יענער וועלט האָט מען דיין שווייגן נישט באַלוינט; נאָר דאָרט איז דער עולם־השקר. דאָ, אויפ'ן עולם־האמת, וועסטו דיין לוין באַקומען!

דיך וועט מען נישט משפט'ן, דיר וועט מען נישט פסק'ענען, דיר וועט מען קיין חלק נישט אויס- און נישט אָפּ-טיילן! נעם דיר, וואָס דו ווילסט! אַלץ איז דיין!

באָנטשע הייבט דאָס ערשטע מאָל די אויגן אויף! ער איז ווי פאַר־בלענדט; אַלץ בלאַנקט, אַלץ בליצט, פון אַלץ יאָגן שטראַלן.

און ער לאָזט די מידע אויגן אַראָפּ.

— טאַקע? — פרעגט ער מסופק און פאַרשעמט.

— זיכער! — ענטפערט פעסט דער פרעזעס. — זיכער, זאָג איך דיר, אַז אַלץ איז דיינס, אַלץ אין הימל געהערט צו דיר! וואָרן אַלץ, וואָס דאָ בלאַנקט און בליצט, איז נאָר אַן אָפּשיין פון דיין פאַרשוויגענער גוטס־קייט; אַן אָפּגלאַנץ פון דיין נשמה! דו נעמסט נאָר ביי דיר אַליין!

— טאַקע? — פרעגט באָנטשע נאָך אַמאָל, שוין מיט אַ זיכערערן קול.

טאַקע! טאַקע! טאַקע! — ענטפערט מען אים אויף זיכער פון אַלע זייטן.

— נו, אויב אַזוי, — שמייכלט באָנטשע, — וויל איך טאַקע אַלע טאָג אין דערפרי אַ הייסע בולקע מיט פרישער פוטער!

דיינים און מלאָכים האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ פאַרשעמט; דער קטיגור האָט זיך צעלאַכט.

י. ל. פרץ.

## מעשה'לע.

אַ מעשה'לע איז אַן אַלעגאָריע, ד. ה. אַזאַ ליטעראַרישע זאַך, אין וועלכער דער שרייבער רעדט פאַרשטעלטערהייט. ער, דער שרייבער, דערציילט עפּעס און האָט אין זינען אַרויסצוברענגען גאָר עפּעס אַנ־דערש. אַ מעשה'לע האָט אין זיך געוויינטלאַך אַ בולט'ן גע־דאַנק, וואָס דער אווטאָר וויל אַרויסברענגען; נאָר דער שרייבער ברענגט אַרויס דעם געדאַנק ניט דירעקט, ניט אָפן, נאָר אומדירעקט, פאַרשטעל־טערהייט. אַ מעשה'לע קאָן דעריבער האָבן אין זיך אפילו איבערנאַטירלאַכע עלעמענטן, ווייל זיי ווערן באַנוצט פונ'ם שרייבער אַלע־גאָריש, ניט אין דעם אמת'ן זין פון וואָרט.

„באָנטשע שוויג" איז אַ מעשה'לע, אַן אַלעגאָריע. אונטער באָנטשע שוויג פאַרשטייט דאָ פּרץ דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס, ווי ער האָט אים געזען אין זיין צייט. ער, דער אַרבעטער־קלאַס, הגם ער שאַפט אַלץ מיט זיין אַרבעט, און אַלץ וואָלט געדאַרפט געהערן צו אים, ליידט ער בסדר גויט; און ווען ער פאָדערט שוין עפּעס, איז דאָס אַ קליינינקייט: אַ שעה ווייניקער אַרבעט, אַ ביסל מער פאַרדינסט, אַנשטאָט צו פאָדערן אָדער צו נעמען אַלץ, ווייל אַלץ געהערט צו אים.

## דער בונד.

אַלע שבת צונאַכט פלעגט זיך ביי מיר צונויפקלייבן אין מיין צימער אויף זאַוואַלנע גאַס אין ווילנע דער קרייזל אידישע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זיינען געווען די ערשטע אָנפירער פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

מיר האָבן געוואוסט, אַז מיר, רעוואָלוציאָנערן, דאַרפן אַנטוויקלען באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, וועלכע זאָלן קאָנען אַריינטראָגן דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין אין דער רוסישער אַרבעטער־מאַסע. נאָר כדי צו ווירקן אויף דער רוסישער מאַסע, דאַרף מען דאָך דירעקט האָבן מיט איר געוויסע באַציאונגען, מ'דאַרף לעבן צווישן איר; און דאָס זיינען געווען אַלץ אינ־טעליגענטן, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין רעכט צו וואוינען אין רוסלאַנד. מיר האָבן געמוזט גיין צו די איינציקע אַרבעטער, מיט וועלכע מיר האָבן זיך געקאָנט צוזאַמענרעדן, און וועלכע האָבן געקאָנט האָבן צו אונז, אַלס אידישע רעוואָלוציאָנערן, אַ צוטרוי — צו די אידישע אַרבעטער.

די ערשטע עטלאַכע אידישע אַרבעטער, וואָס מיר האָבן אָרגאַניזירט, זיינען געווען אינטעליגענטערע אַרבעטער. זיי האָבן געהאַט אַ געוויסע ביל־דונג, גערעדט אַלע גוט רוסיש. מיר האָבן געלייענט מיט זיי די רוסישע רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור. זיי האָבן צוגעצויגן נאָך אידישע אַרבעטער, אָרגאַניזירט זיי אין קרייזלאַך, אויסגעזוכט פאַר די קרייזלאַך אינטעליגענטן, וואָס זאָלן מיט זיי לערנען רוסיש, כדי זיי זאָלן דערנאָך פאַרשטיין אַ רוסיש רעוואָלוציאָנער ביכל.

אינטעליגענטע אידישע אַרבעטער זיינען אָבער געווען זייער ווייניק. ווען מען האָט ווייטער אָנגעהויבן צוציען אידישע אַרבעטער, זיינען דאָס שוין געווען אַרבעטער פון דער מאַסע, וועלכע האָבן קיין שום שייכות נישט געהאַט צו דער רוסישער קולטור. זיי האָבן נישט געקאָנט נישט רעדן, נישט לייענען, נישט שרייבן רוסיש, און כמעט אַלע האָבן געלייענט און געשריבן אויף אידיש.

ביסלאַכווייז זיינען אונזערע פאַרבינדונגען מיט די אידישע אַרבעטער געוואָרן אַלץ ברייטער. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צוקוקן צו זייערע אַל־טעגלאַכע אינטערעסן. צוערשט זיינען אונזערע קרייזלאַך געווען קולטורעלע. אָבער מיר אַלע האָבן געלעכצט נאָך פראַקטישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, און ביסלאַכווייז האָבן מיר די קרייזלאַך פאַרוואַנדלט אין רעוואָלוציאָנערע. מיר האָבן דערפילט, אַז די אידישע אַרבעטער־מאַסע איז אַ לעבנס־פיייקע, און מיר האָבן אָנגעהויבן צוזאַמען צו קעמפן.

די אָרגאַניזאַציעס פון די באַזונדערע שטעט האָבן זיך דערנאָך אָנגע־הויבן פאַרבינדן איינע מיט די אַנדערע, צוזאַמען אַרויסגעבן רעוואָלוציאָ־נערע ליטעראַטור און אַרויסהעלפן איינע די אַנדערע מיט געלט אין דער צייט פון סטרייקס. דער צענטער פון די אַלע אידישע אַרבעטער־קרייזלאַך,

וועלכע האָבן זיך ביסלאַכוויַיז אַנגעהויבן רופן ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע, אָדער ס אָ צ י אַ ל ־ ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ש ע, איז געוואָרן ווילנע, הגם קיינער האָט דאָס פאָרויס נישט באַשטימט. אין ווילנע האָט מען אַרויס־געגעבן העקטאָגראַפישע אידישע ליטעראַטור פאַר מינסק, קאָוונע, ביאַלאַ־סטאָק, סמאָרגאָן און ד. ג. די אויסלענדישע נישט־לעגאַלע ליטעראַטור פלעגט אויך אָנקומען אין ווילנע און פון דאָרט האָט מען זי פאַרשפּרייט איבער אַנדערע שטעט. ווילנע איז געוואָרן דער צענטער דערפאַר, וואָס זי האָט פאַרמאָגט אַ אידישע אַרבעטערשאַפט, און וואָס זי איז געווען אַ גרויסער אידישער קולטור־צענטער, מיט אַ גרויסער אידישער אינטעליגענ־טער יוגנט, וועלכע איז אַ פ י ל ו געווען האַלב אַסימילירט, איז אָבער דאָך געשטאַנען גאַנץ נאָענט צו די אידישע מאַסן.

אין אָקטאָבער 1897 זיינען זיך אין ווילנע צונויפגעקומען די פאַר־טרעטער פון פאַרשיידענע אידישע אַרבעטער־גרופּעס און האָבן אָפיציעל געגרינדעט די אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע מען האָט אַ נאָמען געגעבן „דער אַלגעמיינער אידישער אַרבעטער־בונד פון רוסלאַנד און פּוילן“. דער ציל פון גרינדן דעם „בונד“ איז געווען, לויט די ווערטער פון דעם באַ־וואוסטן רעוואָלוציאָנער מאַרטאָוו, צו „שאַפן אַ אידישע אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציע, וועלכע זאָל זיין די אָנפירערן און דערציערן פון דעם אידישן פּראָ־לעטאַריאַט אין דעם קאַמף פאַר דער עקאָנאָמישער, בירגערלאַכער און פּאָליטישער באַפרייאונג“.

דער זעלבער מאַרטאָוו האָט אויך אָנגעוויזן, וואָס עס דאַרף זיין די פּראָגראַם פון „בונד“. אויסער די אַלגעמיינע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַליסטישע פאָדערונגען, האָט דער „בונד“ נאָך געדאַרפט אַרויסשטעלן די פאָדערונג פון פולשטענדיקער גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אידן. „די נאַ־ציאָנאַלע דערשלאָגנקייט — האָט ער געשריבן — און פּאַסיוויטעט פון אַ פאָלק, וואָס איז באַרויבט פון זיינע אַלגעמיינע בירגערלאַכע רעכט, איז אַ טאָרמאָז אויף זיין וועג; און אַז באַפרייען אים פון ד ו ר ו ת־לאַנגן שלאָף, אויפוועקן אין אים די שטרעבונג צו באַפרייען זיך פון דער בירגערלאַכער רעכטלאָזיקייט, — דאָס איז איינע פון די אויפגאַבן פון יעדער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי. און א מ ת איז, אַז אַן אַ ר ב ע ט ע ר ־ ק ל אַ ס, וואָס איז צופרידן מיט׳ן ג ו ר ל פון אַ מין נידעריקער נ אַ צ י ע — אַזאַ׳ן אַ ר ב ע ט ע ר ־ ק ל אַ ס וועט אויך ניט אויפשטיין קעגן דעם ג ו ר ל פון אַ נידעריקערן ק ל אַ ס. די נאַציאָנאַלע פּאַסיוויטעט פון דער אידישער מאַסע איז דע־ריבער אַ שטערעניש אויך פאַר דער אויפוואַכונג פון קלאַסן־באַוואוסטזיין.

(לויט לנו, קרעמער און מאַרטאָוו).

# די שבועה.

(הימן).

ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט,
אַלע, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט!
צוזאַמען, צוזאַמען, די פאָן — זי איז גרייט,
זי פלאַטערט פון צאָרן, פון בלוט איז זי רויט, —
צו שבועה, צו שבועה, אויף לעבן און טויט!

הימל און ערד וועט אונז הערן,
עדות — די ליכטיקע שטערן,
אַ שבועה פון בלוט און פון טרערן —
מיר שווערן, מיר שווערן!

מיר שווערן צו קעמפן פאַר פרייהייט און רעכט
מיט אַלע טיראַנען און זייערע קנעכט;
מיר שווערן באַזיגן די פינסטערע נאַכט
אָדער מיט העלדנמוט פאַלן אין שלאַכט!

הימל און ערד וועט אונז הערן,
עדות — די ליכטיקע שטערן,
אַ שבועה פון בלוט און פון טרערן —
מיר שווערן, מיר שווערן!

מיר שווערן צו פירן דעם הייליקן שטרייט,
ביז וואַנען די וועלט וועט ניט ווערן באַנייט:
קיין קבצן, קיין נגיד, קיין האַר און קיין שקלאַף;
גלייך זאָלן ווערן ווער שטאַרק איז און שלאַף! —

הימל און ערד וועט אונז הערן,
עדות — די ליכטיקע שטערן,
אַ שבועה פון בלוט און פון טרערן —
מיר שווערן, מיר שווערן!

### הימן.

אַ הימן איז אַ באַגייסטערטע ליד, אין וועלכן עס ווערט אויסגעדריקט דער טיפער גלויבן פון מאַסן אין אַ וועלכן עס איז אידעאַל און זייער באַוואונדערונג פאַר דעם אידעאַל אָדער זייער גרייטקייט צו קעמפן פאַר דעם אידעאַל.

„די שבועה" איז געווען דער הימן פון'ם בונד, דאָס ליד, אין וועלכן יעדער מיטגליד פון בונד און אַלע מיטגלידער פון בונד צוזאַמען האָבן געשוואָרן טרייהייט צום בונד און אויסגעדריקט זייער גרייטקייט צו קעמפן פאַר דער אַרבעטער־זאַך ביז'ן סוף.

דער „אינטערנאַציאָנאַל" איז דער הימן פון דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס, פון אַלע באַוואוסטזיניקע אַרבעטער.

## די גרינדונג פון די ציאָניסטן־סאָציאַליסטן („ס. ס.").

די ערשטע שפּראָצונגען, פון וועלכע ס'איז שפּעטער אויסגעוואַקסן די פּאַרהעלטניסמעסיק ברייט־פּאַרצווייגטע פּאַרטיי „ס.ס.", האָבן זיך באַוויזן אין מיטן 1901. ס'איז שווער געגנוי פעסטצושטעלן, אין וועלכער שטאָט אָדער אפילו ראַיאָן אַט די טעטיקייט פון די פּראָלעטאַרישע ציאָניסטן האָט זיך אָנגעהויבן פריער, וואָרים קיין אידישע לעגאַלע פּרעסע איז דעמאָלט נאָך אין רוסלאַנד ניט געווען.

סוף יולי 1904 איז זיך ענדלאַך צונויפגעקומען אין וואַרשע אַ פּאַרקאָנפערענץ פון די רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַריש־ציאָניסטישע אָרגאַניזאַציעס. די פּאַרקאָנפערענץ האָט זיך גלייך געשטעלט אויף דעם מאַרקסיסטישן סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט. זי האָט אויך באַטראַכט די פראַגע וועגן דער באַציאונג צום פּאַלעסטיניזם און טעריטאָריאַליזם, וועגן זעלבסטשוץ און וועגן אַ צוזאַמענפאַר פון אַרבעטער־ציאָניסטן אין גאַנצן לאַנד. די פראַגע וועגן פּאָליטישן קאַמף געגן דער זעלבסטהערשונג איז אַפילו ניט באַהאַנדלט געוואָרן, ווייל אַלע דעלעגאַטן, וואָס זיינען געווען פאַרטראַטן אויף דער קאָנפערענץ, ווי אויך די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיי האָבן פאַרטראַטן, זיינען שוין לאַנג געשטאַנען אויפ'ן רעוואָלוציאָנערן שטאַנדפּונקט. די פּאַרקאָנפערענץ האָט אויסגעקליבן אַן אָרגאַניזיר־ביוראָ.

די אָרגאַניזיר־ביוראָ האָט פאַררופן אַ קאָנפערענץ פון די גרעסערע און זיכערערע פּראָלעטאַרישע ציאָניסטישע אָרגאַניזאַציעס אויף דעצעמבער 1904 אין אָדעס, וואו עס האָט אויך געדאַרפט פאַרקומען אַ קאָנפערענץ וועגן זעלבסטשוץ.

די קאָנפערענץ האָט זיך אָנגעהויבן דעם 23־סטן דעצעמבער; אָבער אויפ'ן אַנדערן טאָג איז זי אַלס גאַנצע אַרעסטירט געוואָרן, און אירע אָנ־טיילנעמער זיינען באַפרייט געוואָרן ערשט אין אָנהייב פעברואַר 1905. אָבער די קאָנפערענץ איז פאַקטיש אָנגעגאַנגען מיט אירע פאַרהאַנדלונגען אויך אין טורמע, און זי האָט די פאַרהאַנדלונגען נאָכדעם פאָרטגעזעצט און פאַר־ענדיקט, ווען מ'האָט די אָנטיילנעמער באַפרייט.

די קאָנפערענץ האָט אויסער אָננעמען אַ סאָציאַליסטישע פּראָגראַם נאָך באַשלאָסן דריי הויפּט־זאַכן:

1) אַז מ'קאָן באַקומען אַ פרייע טעריטאָריע צו באַזעצן מיט אידן דורך אונטערהאַנדלונגען מיט רעגירונגען.

2) פאַרן אויפ'ן 7־טן ציאָניסטישן קאָנגרעס, ס'זאָל אָנגענומען ווערן דער ענגלישער פאָרשלאָג וועגן קאָלאָניזירן אוגאַנדע.

3) צו העלפן אָרגאַניזירן אַ פעסטע זעלבסטשוץ אָרגאַניזאַציע.

די קאָנפערענץ האָט אויך אָפיציעל געגרינדעט די ציאָניסטיש־סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטיי („ס.ס.").

(פון מ. גוטמאַנס זכרונות).

# די פּועלי־ציון פּאַרטיי.

אין דער ציאָניסטישער אָרגאַניזאַציע זיינען כּמעט שטענדיק געווען ספּעציעלע אַרבעטער־גרופּעס, וועלכע האָבן מיט דער צייט אויסגעבילדעט אַ ציאָניסטישע אַרבעטער־פראַקציע און האָבן געהייסן פּועלי־ציון.

אינ'ם יאָר 1904, נאָכדעם ווי עס איז פון דער ענגלישער רעגירונג פאָרגעשלאָגן געוואָרן דעם ציאָניסטישן קאָנגרעס צו קאָלאָניזירן אוגאַנדע, האָבן זיך די פאַרשידענע אַרבעטער־גרופּעס אָנ־געהויבן אונטערשיידן; אַ טייל פון זיי האָבן זיך דערקלערט אַלס טעריטאָריאַליסטן און אַ טייל זיינען געבליבן אָנהענגער פון פּאַלעסטינע, הגם זיי זיינען אַלע איינשטימיק געווען, אַז עס איז נייטיק אַ לאַנד פאַר די אידישע מאַסן, כּדי צו לייזן די אידן־פראַגע און די אידישע אַרבעטער־פראַגע.

ביים 7־טן ציאָניסטישן קאָנגרעס זיינען שוין געווען פאַרטראָטן די „ס. ס." וואָס זיינען געווען פאַר אוגאַנדע, און די פּועלי־ציון פּאַלעסטינצעס, וואָס זיינען געווען פאַר פּאַלעסטינע. די לעצטע האָבן אויסגעבילדעט אַן אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטעט, וואָס האָט געדאַרפט צוגרייטן אַ קאָנפערענץ אין רוסלאַנד. אָבער דער אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטעט איז קומענדיק פונ'ם קאָנגרעס כּמעט אינגאַנצן אַריבער צו די סיימיסטן (די אידישע ס. ר.'ן).

ווען ס'האָט אויסגעבראָכן אין רוסלאַנד די רעוואָלוציע פון 1905, האָט זיך אָנגעהויבן צו־רופקומען צוריק די שטודירנדע יוגנט. צווישן זיי איז אויך געקומען ב. באָראָכאָוו, וועלכער איז געווען דער פירער פון די פּועלי־ציאָניסטישע גרופּעס אין אויסלאַנד. אויף אָנפאַנג דעצעמ־בער 1905 האָבן די פאַרשידענע פּועלי־ציאָניסטישע גרופּעס פאַררופן אַ קאָנפערענץ אין פּאָלטאַווע. נאָך אַ לענגערער דיסקוסיע דאָט די קאָנפערענץ אָנגענומען דעם פּונקט וועגן פּאַלעסטינע און אויך די פאָדערונג פון אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע פאַר די אידן אין די גלות־לענדער.

אויף דער קאָנפערענץ האָבן זיך די דעלעגאַטן דערוואוסט, אַז די סיימיסטן האָבן פאַררופן אַ קאָנפערענץ אין בערדיטשעוו. האָבן זיי באַשלאָסן גלייך צו דעלעגירן אַהין וייערע פאַרטרעטער. און אויף דער בערדיטשעווער קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען די גענעראַל־שלאַכט צווישן די סיימיסטן און די פּועלי־ציון. דער סוף איז געווען, אַז די לעצטע האָבן געדאַרפט אוועק פון דער קאָנפערענץ.

דעמאָלט האָבן די פּועלי־ציון פאַררופן אַ צוזאַמענפאַר אין פּאָלטאַווע אין אָנהייב 1906, און אויף דעם צוזאַמענפאַר איז געגרינדעט געוואָרן די פּועלי־ציון פּאַרטיי. אַ מאַרקסיסטישע אידעאָלאָגיע; אַנאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע אין די גלות־לענדער; פּאַלעסטינע אַלס טעריטאָריע און דער סאָציאַליזם אַלס פּראָגראַם־מאַקסימום — דאָס איז געווען די פּראָגראַם פון די פּועלי־ציון.

לויט זרובבל.

# דער אינטערנאַציאָנאַל.

(הימן).

שטייט אויף איר אַלע, וועמ ווי שקלאַפן
אין הונגער לעבן מוז און נויט!
דער גייסט—ער קאָכט, ער רופט צו וואָפן,
צום שלאַכט אונז פירן איז ער גרייט.
די וועלט פון גוואַלדטאַטן און ליידן
צעשטערן וועלן מיר, און דאַן—
פון פרייהייט, גלייכהייט אַ גן־עדן
באַשאַפן וועט דער אַרבעטס־מאַן.
דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער
און אַנטשידענער שטרייט!
מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל
שטייט אויף איר אַרבעטס־לייט!

דער אַרבעטס־מאַן וועט זיין ממשלה
פאַרשפרייטן אויף דער גאַנצער ערד,
און פּאַראַזיטן די מפּלה
באַקומען וועלן פון זיין שווערד.
אַראָפּ דעם יאָך! גענוג געליטן,
גענוג פאַרגאָסן בלוט און שווייס!
צעבלאָזט דאָס פייער, לאָמיר שמידן,
כל־זמן דאָס אייזן איז נאָך הייס.
דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער
און אַנטשידענער שטרייט!
מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל
שטייט אויף איר אַרבעטס־לייט!

# די וועלט פאַר די אַרבעטער.

(פון אַ רעדע).



אויגוסט בעבעל

יעדער טאָג ברענגט נייע באַווייזן, ווי שנעל אונזערע סאָציאַליסטישע אידייען וואַקסן, און ווי ברייט זיי זיינען פאַרשפּרייט. אין אַלע לאַגערן איז אַ שרעק און אַ טומל. דער מאָרגן דעמערט שוין, און אַ שיינע צייט קומט אָן מיט מעכטיקע טריט.

לאָמיר זשע קעמפן און שטרעבן פאָרויס!

און אויב מיר וועלן פאַלן אין אָט דער גרויסער שלאַכט פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענשהייט, וועלן די, וואָס זיינען איצט הינטער אונז, אַרויסטרעטן פאָרויס אין די ערשטע רייען פון שלאַכט.

און מיר וועלן פאַלן מיט'ן באַוואוסטזיין, אַז מיר האָבן געטאָן אונ-זער פליכט אַלס מענשן און מיט דער איבערצייגונג, אַז דער ענדציל וועט זיין דערגרייכט, ווי גרויס עס זאָל ניט זיין דער ווידערשטאַנד און די ע ק ש נ ו ת פון די פיינדלאַכע קרעפטן.

ניט קוקנדיק אויף קיין זאַך, איז די וועלט אונזערע – פאַר אונז אַרבעטער.

אויגוסט בעבעל.

## אויגוסט בעבעל.

(ביאָגראַפישע נאָטיץ).

א ו י ג ו ס ט ב ע ב ע ל (1840—1912) איז אין זיין יוגנט געוועזן אַ טאָקער. שפּעטער איז ער געוואָרן דער גרינדער פון דער גרויסער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד. אַרום 50 יאָר איז ער געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער פּאַרטיי, וועלכע האָט ניט אויפגעהערט צו וואַקסן און וועלכע האָט ענדלאַך באַקומען מיליאָנען אַנהענגער און געוואָרן אַ גרוי-סע פּאָליטישע מאַכט אין לאַנד.

# אַ נייע וועלט.

(פון אַ רעדע).

ווען סאָציאַליזם וועט זיגן און טריאומפירן; ווען דער גייסט פון פרידן וועט באַזייטיקן דעם ליאַרעם פון שלאַכט; ווען אַלע מענשן וועלן האָבן

זייער טייל אייגנטום אין ריזיקן מענשלאַכן קאַפּיטאַל; ווען זיי וועלן האָבן זייער טייל דעה אין דער ריזיקער מענשלאַכער טעטיקייט, — דאַן וועלן אַלע מענשן וויסן, וואָס הייסט גליק און זעלבסט־ווירדע; דאַן וועלן זיי זיך אַלע פילן אַלס מיטאַרבעטער אין דער אַלוועלטלאַכער ציוויליזאַציע. און זיי וועלן זיך אַזוי פּילן, ווען ס׳וועט זיך האַנדלען אַפילו וועגן דער גרעבסטער און קלענסטער האַנט־אַרבעט. די גאַנצע פּראָדוקציע בכלל וועט זיין איידעלער, שענער און ברידער־לאַכער. זי וועט זיין אַזוי רעגולירט אַז די אַרבעטער וועלן שטענדיק האָבן פרייע צייט אויף צו דענקען און פולקאָמענע מעגלאַכקייט צו פאַרברייטערן זייער וועלט־אַנשויאונג.

זיי וועלן בעסער פאַרשטיין די פאַרבאָרגענע באַדייטונג פון לעבן, וואָס צילט צו האַרמאָניזירן, צו צוזאַמענגיסן אַלעמענס נשמות, אַלעמענס קרעפטן, אַלעמענס פרייהייטן. זיי וועלן בעסער פאַרשטיין די געשיכטע פון דער מענשהייט. און זיי וועלן זי ליב האָבן, ווייל דאָס וועט זיין זייער געשיכטע, און ווייל זיי וועלן זיין די יורשים פון דער גאַנצער מענשלאַכער ראַסע. ענדלאַך וועלן זיי בעסער פאַרשטיין די וועלט. זעענדיק ווי דער גייסט און דאָס באַוואוסטזיין זיגן אין דער מענשהייט, וועלן זיי גיך פאַרשטיין, אַז זייער שטאַנדפּונקט, פון וועלכן זיי וועלן קוקן אויף זאַכן און ערשיינונגען, וועט זיין אַן אַנדערער. זיי וועלן קוקן מיט נייע אויגן ניט נאָר אויף זייערע ברידער און פריינד, נאָר אויף דער ערד און אויפ׳ן הימל, אויף די פעלזן, אויף די ביימער, אויף די חיות, אויף די בלומען און אויף די שטערן.

זשאַן זשאָרעס.

## זשאַן זשאָרעס.

(ביאָגראַפישע נאָטיץ).

זשאַן זשאָרעס (1859—1914) — אַ באַרימטער פירער פון די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן. איינער פון די גרעסטע רעדנער פון דער מאָדערנער צייט. — ערב די גרויסע געשעענישן, וואָס האָבן געבראַכט צום וועלט־קריג, האָט זשאָרעס אין ברוסעל אויף די זיצונגען פון דער ביוראָ פון 2־טן אינטערנאַציאָנאַל, אין די לעצטע טעג פון יולי 1914 און נאָכ־דעם אין פּאַריז, מאָביליזירט אַלע קרעפטן פון סאָציאַליזם און דעמאָקראַטיע געגן דעם מלחמה־גייסט. אָבער ער איז געפאַלן אַ קרבן פון זיינע אָנ־שטרענגונגען פאַר פרידן. אַ פאַנאַטישער מאָנאַרכיסט, אַן אַגענט פון די ראָיאַליסטן און רעאַקציאָנערן, האָט מיט אַ רעוואָלווער־שאָס איבערגעריסן דאָס לעבן פון דעם גרויסן מענשן. ער איז געפאַלן דער ערשטער מאַרטירער פון דער בלוטיקסטער מלחמה אין דער געשיכטע פון פעלקער.

# די פּאָן.

(רעוואָלוציאָנער ליד).



ש. פרוג

ניט פון גאָלד־שטאָף, ניט פון זיידנס
איז די פּאָן געמאַכט;
אין אַ שרעקלאַכן געוויטער,
אין אַ שטורעם־נאַכט

האָט געררוישט דאָס אַלטע שפּינראָד,
און די בלייכע נויט—
אין אַ פייכטן קעלער־ווינקל,
ביי אַ חלב־קנויט—

האָט געוועבט די גרויע פּאָדעם
ריין און שטייף און גוט
און געפאַרבט זיי מיט די לעצטע
טראָפּן אייגן בלוט.

אַלע ווייטאָקן און ליידן,
יעדע פרישע וואונד
פון די טיפע תּפיסה־גריבער,
פונ׳ם שוואַרצן גרונט,

פון די הונגעריקע דערפער,
פון די דושנע שטעט,
וואו עס איז פאַרבלענדט דאָס לעבן
ווי פון הינערפּלעט;

אַלע ווייטיקן און ליידן,
אַלץ, וואָס יאָרן־לאַנג
האָט פאַרגיפטעט איר נשמה,
ווי די בייזע שלאַנג;

אַלץ, מיט וואָס געדריקט איר לעבן
האָט די טיראַניי,
אין געמיט איר גאַל געגאָסן
און אין האַרצן בליי, —

האָט די פאָלקס-נויט אין די רויטע
פעדעם איינגעוועבט....
זעסט? די פאָן — זי ווייט, זי פלאַטערט
און צום הימל שטרעבט!

און די שאָטנס ווערן בלייכער,
און עס קרייט דער האָן,
און עס שיינט דער מאָרגנשטערן
אויף דער רויטער פאָן.

ש. פרוג.

## דער פרייהייט-גייסט

(רעוואָלוציאָנער ליד).

אין די גאַסן, צו די מאַסן
פון געדריקטע פעלקער-ראַסן
רופט דער פרייהיט-גייסט:
„איך ברענג וואַפן פאַר דעם שלאַפן,
איך באַפריי די אַרבעט-שקלאַפן
און איך מאַך זיי דרייסט.

ליכט פאַרשפרייטן, רעכט פאַרברייטן
קום איך און צעברעך די קייטן
פון דער טיראַניי;
די נאַציאָנען—פון קאַנאָנען,
פון אַרמייען און שפיאָנען
קום איך מאַכן פריי.

**איך קום לערן–אַרבעט ערן,**
**ערן, אַכטן און באַגערן**
**אַרבעט מיט אַ טאָלק;**
**גליק און פרידן אומגעשידן**
**צווישן היידן, קריסטן, אידן,**
**צווישן פאָלק און פאָלק.**

**פרייד און שטערבן קום איך געבן,**
**לעבנסלוסט און לוסט און לעבן**
**אַלעמען צוגלייך;**
**מענשן־קינדער זאָל ווי רינדער**
**ניט מער אומברענגען אַ גרינדער**
**פון אַ מערדער־רייך.**

מ. ווינטשעווסקי

## מאָריס ווינטשעווסקי.

(ביאָגראַפיע).

מאָריס ווינטשעווסקי (זיין אמת'ער נאָמען איז בנציון נאָוואַכאָוויטש אָדער אין ענגליש — לעאָפּאָלד בענעדיקט) איז געבאָרן געוואָרן אין אַווגוסט 1856 אין יאַנאָווע, קאָוונער גובערניע. זיינע עלטערן זיינען געווען אָנגעזענע, אָבער ניט רייכע, פרומע מענשן. ער האָט באַקומען זיין ערציאונג צוערשט אין חדר און שפּעטער אין ישיבה אין קאָוונע; אָבער אין דער זעלבער צייט אויך באַזוכט אַ שול, וואו ער האָט געלערנט רוסיש און אַנדערע וועלטלאַכע געגנשטאַנדן. שפּעטער איז ער אַוועק אין ווילנע גרייטן זיך אין ראַבינער־שול און דערביי זייער פיל געלייענט.

שוין צו 17 יאָר האָט ווינטשעווסקי אָנגעהויבן צו שרייבן און צו דרוקן לידער — אין העברייאיש. ער האָט זיך באַקאַנט מיט אהרן ליבערמאַנס אַ סאָציאַליסטישער פּראָקלאַמאַציע, וואָס האָט געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק. און ער איז ביסלאַכווייז באַקערט געוואָרן צום סאָציאַליזם. אין אַ העברייאישער צייטונג אין קעניגסבערג האָט ער אָנגעהויבן פירן אַ מאָנאַטלאַכע אָפּטיילונג, דורכגעדרונגען מיט סאָציאַליסטישע אידייען. און ווען אין דייטשלאַנד איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דאָס סאָציאַליסטישע געזעץ, איז ער אַרעסטירט געוואָרן אויף עטלאַכע חדשים און שפּעטער אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאַנד.

ער איז אוועק קיין לאנדאן און דארט צוגעשטאנען צום קאמוניסטישן ארבעטער־פאריין, געגרינדעט פון מארקס און ענגעלס, און אנגעהויבן פאר־שפרייטן סאציאליסטישע אגיטאציע צווישן די אידישע ארבעטער אין לאנדאן — אויף דער אידישער שפראך. געגרינדעט די ערשטע אידישע סאציאליסטישע צייטשריפט — דאס פוילישע אידל (דערפאר שפעטער באקומען דעם טיטל: „דער זיידע פון אידישן סאציאליזם“).

אין 1894 איז ווינטשעווסקי געקומען קיין אמעריקע, און דארט האט ער אין איניקע שטעט און באזונדערס אין ניו־יארק זיך אפגעגעבן מיט שרייבן אין אידישע סאציאליסטישע צייטונגען. אין פארשיידענע צייטן האט ער אליין רעדאגירט געוויסע אידישע סאציאליסטישע שריפטן, ווי דעם „אמת“ אין באסטאן, די „צוקונפט“ אין ניו־יארק. געווען א לענגערע צייט א שטענדיקער מיטארבעטער פון „פארווערטס“ און שפעטער פון דער „ווארהייט“ און פון דער „נייער וועלט“.

ווינטשעווסקי האט אנגעשריבן זייער א סך ארבעטער־לידער, אין וועלכע ער האט געוועקט די ארבעטער צו פראטעסט און קאמף. זיינע „פריי־הייט“־לידער האבן געזונגען די אידישע ארבעטער סיי אין לאנדאן און אמעריקע, סיי אין רוסלאנד. אויסער לידער האט ווינטשעווסקי נאך גע־שריבן פעליעטאנען און קורצע נאטיצן, זייער אפט שארפע און פול מיט הומאר, וועגן פארשיידענע פאסירונגען און ערשיינונגען אין געזעלשאפט־לאכן לעבן. א סך פון אט די נאטיצן זיינען ערשינען אונטער'ן נאמען: „צעשלאגענע געדאנקען פון א משוגע'נעם פילאזאף“. די שפראך פון ווינטשעווסקין איז א גאנץ רייכע, נאר ניט קיין ריין־אידישע און ניט זייער קיין בייגזאמע.

אין אמעריקע האט ווינטשעווסקי באלאנגט צו דער סאציאליסטישער פארטיי (ס. פ.), און די לעצטע יארן — צו דער קאמוניסטישער פארטיי. די סאוועטן־רעגירונג האט אנערקענט די גרויסע אויפטואונגען און פאר־דינסטן פון ווינטשעווסקין אין הינזיכט פון פארשפרייטן סאציאליזם צווישן די אידישע מאסן און האט פאר אים באשטימט א שטענדיקע פענסיע. און אין 1925 איז ווינטשעווסקי אפיציעל איינגעלאדן געווארן אין סאוועטן־פארבאנד, וואו ער איז אויפגענומען געווארן זייער הארציק סיי פון דער סאוועטן־רעגירונג, סיי פון דער אידישער ארבעטער־באפעלקערונג אין ראטן־פארבאנד.

איצט, אין 1929, וואוינט ווינטשעווסקי אין ניו יארק. ער איז שוין זייער שוואך און פארלאזט כמעט ניט זיין צימער. ערשט זיינען ערשינען זיינע ווערק אין 10 בענדער.

## וואַכט אויף!

(רעוואָלוציאָנער ליד).

ווי לאַנג, אָ, ווי לאַנג וועט איר בלייבן נאָך שקלאַפן
און טראָגן די שענדלאַכע קייט?
ווי לאַנג וועט איר גלענצנדע רייכטימער שאַפן
פאַר דעם, וואָס באַרויבט אייער ברויט?

ווי לאַנג וועט איר שטיין, אייער רוקן געבויגן,
דערנידעריקט, היימלאָז, פאַרשמאַכט?
עס טאָגט שוין, וואַכט אויף, עפנט אויפעט די אויגן,
דערקענט אייער אייזערנע מאַכט!

קייטן און טראָנען—אַלצדינג מוז פאַלן
אונטער דעם אַרבעטערס שווערד!
מיט דופטיקע בלומען, מיט גאָלדענע שטראַלן
וועט פרייהייט באַצירן די ערד.

און אַלצדינג וועט לעבן און ליבן און בליען
אין פרייהייטלאַך־גאָלדענעם מאַי.
ברידער, גענוג פאַר טיראַנען צו קניען
שווערט, אַז איר מוזט ווערן פריי!...

ד. עדלשטאַט.

## אין קאַמף.

(רעוואָלוציאָנער ליד).

מיר ווערן געהאַסט און געטריבן,
מיר ווערן געפּלאָגט און פאַרפאָלגט,
און אַלצדינג דערפאַר, וואָס מיר ליבן
דאָס אָרימע, שמאַכטנדע פאָלק.

שמידט אונז אין אייזערנע קייטן,
ווי בלוטיקע חיות אונז רייסט.
איר וועט אונזער קערפּער נאָר טויטן,
אבער נישט אונזער הייליקן גייסט!

ד. עדלשטאַט.

# אַ שטעטל.

(דערציילונג).

1

אויפֿן שאָסיי האָט זיך אַ געריש פֿון רעדער דערהערט. און באַלד האָט אַ וואַרשעווער פֿור געגעבן אַ קום אָן און אַ שטעל זיך אויף דער ברוק, און די פֿערד האָבן די קעפּ פֿאַרוואָרפֿן, איינהאַלטנדיק זיך מיט אויסגעשטעלטע ציין מיט שוים, אַזש דער דישל האָט זיך קאַפּויר אויפֿגעשטעלט. פֿריילאַכע יונגע שטימען האָבן שוין געקלונגען, און שיינענדיקע פּנים'ער, מיט פּאַצעטישע היטלאַך אויף די קעפּ, האָבן זיך פֿון דער בויד אַרויסבאַוויזן. איינער נאָך דעם אַנדערן שפּרינגען זיי אַראָפּ, אַראָפּ — וואַרשעווער געסט...

געכאַפּט די פּעקלאַך אונטער די אָרעמס. און מיט שמייכעלאַך געלאָזט זיך לויפֿן אַהיים, וואו ניט איין מאַמע האָט געכאַפּט און אַוועקגעוואָרפֿן אַ באַנק, אָדער אַ ברעט אין מיטן כּשר'ן און אַריינגעלאָפֿן אין שטוב מיט אַ גדולה...

און דער יום־טוב איז אָנגעקומען.

אויף דער גאַס הייבט זיך אָן איינציקווייז צו באַווייזן דאָס יונגוואַרג. מע באַגעגנט זיך מיט שמייכעלאַך אויף די פּנימ'ער, אַ שאָקל מיט'ן קאָפּ, און מע שטעלט זיך אָפּ. באַלד ווערט אַ גאַנץ רעדל, און אַז איטשעלע קאַמאַשן־מאַכער קומט נאָך אויף צו — אַ יונג אין אַ פּאָר לאַקירקעס מיט פֿינקלדיקע אויגן אונטער'ן קליינעם דאַשיקל—ווערט שוין גאָר לעבעדיק. פּרוּווט זיך שוין אַ שטופּ טאָן איינס דאָס אַנדערע, מע כאַפּט זיך ביי אַן אָרעם און מע דערטאַפּט דערוויילוויפֿיעל כּוח ביי יענעם איז דאָ—און עס ווערט אַ געלעכטערל. און תּמיד, אין רעכטן פֿאַרטאַנקייט, גיט זיך יאַנקל סטאָליער אַ באַווייז און גייט זיך, דאָס בלאַסע פּנים דערהויבן, די שוואַרצע אויגן גלייך אויסגעשטעלט אויף דער חברה, ווי איינער, וואָס האָט אַלע מאָל גרייט עפּעס נייעס צו זאָגן.

— גוט יום־טוב, חברים! — שטעלט ער זיך געלאַסן אָפּ.

— גוט יום־טוב, גוט יום־טוב! — שאָקלען אַלע מיט די קעפּ.

— נו, וואָס הערט זיך עפּעס אין אונזער וואַרשע? — ווענדעט ער זיך צו עטלאַכע אָנגעקומענע אויף יום־טוב.

— ניש'קשה, מע רודערט!... עס גייט אַ גאַנג...—ענטפֿערן די אין געלעכטערלאַך.

— מע דעמאָנסטרירט?

— פֿרעגט זיך! און מע זיצט אין די קאַוויאַרניעס און מע האַקט זיך מיט די מיילער, אַז דער רוח נעמט עס!

— און סטרייקן?

— אויך... אַלץ, אַלץ...

נאָר שטענדיק צעקלאַפּט איטשעלע קאַמאַשן־מאַכער יעדן וויכטיקן שמועס:

— קומט, ח ב ר ה! — גיט ער אַ רוף. — אַ ס ו ף, אַריין צו מאָטלען, וועלן מיר מאַכן אַ יום־טוב'דיקן שנאַפּס.

און ח ב ר ה שאַרן זיך אַריין צו מאָטלען, אין אַ גלעזערנער טיר, וואָס ווייזט אַרויס אין גאַס אַריין אַ טשאַיניק אויף אַ בלעכענעם שילדל.

עס געדויערט ניט לאַנג, און עס ווערט שוין אַ זינגעריי, וואָס לאָזט זיך אויף דער גאַס אַרויס הערן:

„ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט,
אַלע וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט"...

דאָס האָבן די וואַרשעווער געבראַכט אַזאַ ליד, וואָס יאַנקל סטאָליער האָט נאָך ביז היינט ניט געהערט.

און אַז אידן גייען פון שול, מיט די ט ל י ת י ם אונטער די אָרעמס, און שטעלן זיך אָפּ פאַר דעם געזאַנג, צי זיינען ניט אַמאָל זעלנער אָנגעקומען... שטייט יאַנקל סטאָליער מיט'ן פּ נ י ם אין דער שויב און קוקט אַרויס מיט אַ שטילער ליכטיקער האָפענונג אין די אויגן, און אויף די ליפּן שוועבט אַן אויסגעלייטערטער שמייכל: וואַרט, וואַרט, אַלטע נאַראָנים, איר וועט שוין שפּעטער געוואָר ווערן. פון איין זאַך האָט ער נאָר גרויס צ ע ר — ס'איז ניטאָ, ווער עס זאָל קענען זיי, די אַרבעטער, גוט דערקלערן זייער לאַגע. ווען ער זאָל קאָנען פאַר זיי האַלטן אַ רעדע, וואָלט גוט געווען.

איז ער אַ גאַנצן י ו ם־ט ו ב אַרומגעגאַנגען ווי אָן אַ קאָפּ. האָט ער געקלערט און געקלערט, ביז ער האָט עפּעס צענויפגעשטעלט פון זייערט ווענן. און דעם לעצטן טאָג פּ ס ח האָט ער געלאָזט וויסן צו טאָן אין דער „מאַסע" אַריין, און מע האָט זיך פאַרזאַמלט אונטער'ן באַרג, הערן, ווי ער, יאַנקל, וועט עפּעס פאַרלייענען.

איז ח ב ר ה געשטאַנען אונטער'ן באַרג מיט אויפגעהויבענע פּ נ י מ'ער און אַרויסגעקוקט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם צו יאַנקלען איבער'ן באַרג. איז ער געשטאַנען אין דער הייך, און אויפ'ן בלאַסן פּ נ י ם האָט געשפּילט אַ רויטלאַכע פאַרב, און די אויגן האָבן געגלאַנצט, גלייך צוויי קנויטלאַך וואָלטן זיך אין זיי אָנגעצונדן. האָט ער אַרויסגענומען פּאַפּיר מיט גרויסע א ו ת י ו ת, האָט אַ קוק אַראָפּ געטאָן צום ע ו ל ם און האָט אָנגעהויבן צו לייענען אַ שטיקל, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער צום גראַם:

„נידער מיט דעם קאַפּיטאַליזם!"
„עס לעבע דער סאָציאַליזם!"

האָט עס דער גאַנצער עולם אונטערגעכאַפּט און געענדיקט מיט אַ געשריי: „אוראַ, אוראַ!"

און דעמאָלט איז יאַנקל סטאָליער אַראָפּ פון באַרג און פאַרמישט זיך צווישן עולם, וואָס האָט זיך מיט אָפענע מיילער און פאַרפלאָמטע פּנים׳ער צוריק געלאָזט אין שטאָט אַריין מיט אַ געזאַנג.

באַלד נאָך יום־טוב. די פּאַצעטלאַך זיינען אַוועק צוריק קיין וואַרשע, און די פאַבריקאַנטן האָבן גרויסע ליידיקע צוקער־פעסער אונטער די פענסטער אָנגעגרייט אָנצופּאַקן זיי מיט שטיוול, — זיינען די יונגען געזעסן ביי די וואַרשטאַטן צו צוועלף, צו פּוצן מאַן אין וואַרשטאַט, די אַרבל פאַרקאַטשעט ביז איבער די איילנבויגנס, די פּנים׳ער רויט און באַדעקט מיט שווייס, וואָס האָט גערונען איבער דער גאָמבע, און זיי האָבן געקלאַפּט מיט די העמערלאַך איבער דער זויל און ווייטער צוגעזונגען אַ לידל.

2

מאַכט זיך אָבער איינמאָל אַ מעשה, עס איז געקומען אַראָפּצופאָרן עפּעס אַ פרעמדער יונגערמאַנטשיק אויף שבת און דערצו נאָך אַזוינער, וואָס דאָס גאַנצע שטעטל האָט ניט אָנגעהויבן צו וויסן, ווער ער איז. עפּעס אַ מאָדנע בריאה איז דאָס: אַ בלאַסלאַך לענגלאַך געזיכט, אַ בלוי העמדל, און שוואַרצע לאָקן ביז איבער די אַקסלען צעלאָזט. איז עס שבת געווען; די זון האָט פּונקט געשיינט, און חברה יונגוואַרג האָט זיך אַרומגעדרייט אַהין און צוריק איבער דער גאַס, עפּעס שטאַרק צערודערט. יאַנקל סטאָליער, זעט מען, קלעפּט גאָר אָן דעם פרעמדן, שוועבט איבער די גאַסן אַהין און צוריק, און אַלע מאָל וואַרפט ער עפּעס אַריין אַ סוד צווישן חברה; נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, ביז דער עולם איז ביסלאַכוויז ערגעץ פאַרשוואונדן געוואָרן, און די גאַס איז ליידיק געבליבן....

און צומאָרגנס האָט שוין דאָס גאַנצע שטעטל געוואוסט, אַז דאָס איז געווען אַ וואַרשעווער, איינער פון יענע „פאַרשוינדלאַך"... און די יונגען אין די וואַרשטאַטן זיינען עפּעס שטילער געוואָרן און אָנגעהויבן צו חלומ׳ען איבער׳ן שטיוול, וואָס מע האַלט אויף די קני אין מיטן איבערנייען אָדער קאָווען. דאָס בלאַסלאַכע געזיכט, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן בוים, קאָן זיי גאָר פון זין ניט אַרויס. עס זיצן אין איין וואַרשטאַט אַרום צוועלף מאַן געזעלן מיט האַנט־יונגען, קוקט זיך איינער צום צווייטן ניט אום, און יעדער פאַר זיך איז פאַרטראַכט מיט אַ רואיק אַראָפּגעלאָזט געזיכט און שטילע אויגן, וואָס שטייען אומבאַוועגלאַך איבער דער אַרבעט. און טיילמאָל שטעלט זיך אַ האַנט אָפּ, דאָס העמערל לאָזט זיך אָנמעכטיק נאָך און בלייבט ליגן אויף דער זויל־פלאַך, איבערגעדרייט ווי אַן אָפּגעשטאַנען פישל מיט׳ן בייכל אַרויף. און ער, דער

יונג, האַלט ביים עק שטילכל און קוקט מיט אַזוינע אויגן, ווי אַ קינד, וואָס האָט זיך פאַרטראַכט אין מיטן גאַס מיט דעם בייגל אין דער האַנט...

— וואָס זיצסטו, תּם?.. — רייסט איבער אַן עלטערער געזעל.

— הום... — כאַפּט זיך דער יונג ערשט אויף און טוט פאַרשעמט אַ שמייכל און, ווי צו פאַרענטפערן זיך, לאָזט ער פאַלן עטלאַכע ווערטער:

— „אַי... ווער עס האָט ניט געזען"...

און וואָס געזען, און ווען געזען, זאָל מען אים אַ גליד איבערהאַקן, וועט ער ניט דאָס מויל עפענען, איידער ער קוקט זיך אום, צי דער מייסטער איז ניטאָ אין שטוב...

עס טרעפט זיך טיילמאָל פאַרקערט, ווען די אויגן בליצן אויף, דאָס פּנים קנייטשט זיך העפטיק, ווי כוואַליעס וואַלטן איבער דעם קאָפּ געיאָגט; דעמאָלט יאָגט מען די פלעקלאַך מיט אַן אימפּעט אין דער גע־לעכערטער זויל אַריין, צוטאַנצנדיק מיט'ן העמערל! איינס־איינס!... איינס־איינס!... און מיט אַזאַ געשווינטקייט, ווי מע דעריאָגט עפּעס, ווי מע דערכאַפּט עפּעס, ווי מע וויל זיך מיט עפּעס צוזאַמענשטויסן, עס זאָל קנאַקן, הילכן! און אין אַזאַ צייט מוז שוין וועלכער עס איז אַרויסשפּרינגען מיט אַ לידל:

„וואָס טויג אייך דען, ברידער, אַזאַ לעבן,
אַ לעבן אין הונגער און אין נויט?"...

און דער גאַנצער עולם, ווי איין כאַר, טוט באַלד אַן ענטפער אָפּ מיט געזאַנג און געקלאַפּעריי מיט די העמערלאַך; מע שמעטערט די שטיפטלאַך אין דער געלעכערטער זויל אַריין, ווי די קוילן אין ערגסטן שונא. און דאָס געזאַנג צעטראָגט זיך דורך די אָפענע פענסטער אויף דער גאַס אַרויס, מעכטיק און מיט רעש.

און אַז עס טרעפט גראַד, יאַנקל סטאָליער גייט פאַרביי און הערט דאָס געזאַנג, פאַר'גנב'עט זיך אים אַ שמייכל אין די ווינקלען פון די ברע־מען, און די אויגן שטראַלן מיט האַרציקער פרייד צו די אָפענע פענסטער.

3

שבת בייטאָג קאָן מען דאָס גאַנצע שטעטל אויסשאָקלען פאַר איין יונג. די גאַסן זיינען לער, די לאָדנס צוגעלענט, עס הערט זיך אַ שנאָרכן, און די יונגען זיינען פאַרקראָכן מיט יעקל סטאָליער אונטער'ן נייעם בית־עולם אַרונטער...

נאָר ווען די זון לאָזט זיך אַראָפּ אין יענער זייט טייך, אין וואַסער שפּיגלען זיך שוין אָפּ די רויטע הימל־פלאַמען, הערט מען שוין די חברה צוריקגיין מיט אַ געזאַנג אין שטאָט אַריין.

און איינמאָל, שבת פאַרנאַכט, האָט זיך דער עלטערער סטראַזש־ניק פאַר'גנב'עט אונטער'ן שעכטהויז און אַרויסגעקוקט פון אונטער אַ ווינקל־וואַנט, מיט די שליפעס און מיט דעם שטערנדל אויפ'ן היטל...

און אַז די חברה איז אין שטאָט אַרײַן אין דער ערשטער גאַס, איז פֿאַר אַ טיר פֿון אַ הויז מיט ווײַס־געמאָלטע לאָדנס געשטאַנען אײַזיק פֿײַגע־ליבעס, דער גרעסטער פֿאַבריקאַנט פֿון שטיוול, ער מיט זײַן אײדעם הערשעלע, מיט די קײטעלאַך איבער די גרינע פּליושענע וועסטן, און האָבן נאָכגעקוקט מיט פֿאַרביסענע ליפּן, אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און פֿאַר־באָרגענע בליקן פֿון אונטער'ן שטערן.

דערנאָך, ווען דער „עלטערער" איז צוריקגעגאַנגען פֿון אונטער'ן שעכטהויז, האָבן זײ אים אַרײַנפֿאַרבעטן אין שטוב אויף חלה און אידיש פֿיש.

פֿון דעמאָלט אָן איז דער עלטסטער סטראַזשניק געוואָרן געוואָרן פֿון נאָך אַ נײַ וואָרט — „אחדות"!

אין אַ צײַט אַרום האָט שוין דער „עלטסטער" געהאַט פֿאַרשריבן אין ביכל אַלע נעמען פֿון די אחדות־לײַט; יאַנקל סטאָליער איז געשטאַנען אויפֿ'ן ערשטן זײַטל אויבן אָן:

„יאַנקל פּישער"...

קײנער האָט אָבער ניט געקוקט דערויף. חברה אין „טשאַינע" מערט זיך. יאַנקל סטאָליער פֿירט קאָרעספּאָנדענציע מיט וואַרשע... לײענט פֿאַר די בריוו און פֿון דעם וואַקסט אויך די חברה פֿון טאָג צו טאָג: וואָס אַ נאַכט — ווערט אין שטיבל ענגער, פֿרײלאַכער, לע־בעדיקער.

און אײנמאָל האָט יאַנקל געבראַכט אַ גאַנצן פּאַק פּראָקלאַמאַציעס און אָנגעהויבן צעטײלן, אַזוי ווי אין די גרויסע שטעט. איז אָבער דער עולם — ווי איטשעלע קאַמאַשן־שטעפּער זאָגט — געה'רג'עט אויף דער עברי... מוז ער אַלײן פֿאַרלײענען. דער עולם רינגלט אים אַרום, מע שטײט איבער טיש און בענק, אײנער אויפֿ'ן אַנדערן, אײנער איבער'ן אַנדערן, איבער די קעפּ, איבער די אַקסלען, מע כאַפּט זיך אין דער לופֿטן, און יאַנקל סטאָליער הײבט אויף די פּראָקלאַמאַציע צום לאָמפּ:

— גענאָסן און גענאָסינעס!
— פֿאַרטײַטש!... — רופֿט איטשעלע.
— חברים און חבר'טעס... — ענטפֿערט יאַנקל.
— וואָס פֿאַר אַ חבר'טעס?...
— אין גרויסע שטעט באַטײליקן זיך מײדלאַך אויך.
— הײסט עס, מישן זיך אויך אַרײַן?... — פֿרעגט מען נײַגעריק.
— אַוודאי...
— נאָר דאָ הי,— שמײכלט איטשעלע,— אַ פֿאַרשאָלטענע שטאָט דאָס איז...

4

און אַז אין שטעטל האָט זיך נאָך אַמאָל באַוויזן אַזאַ פֿאַרשווינדל ווי דער ערשטער און נאָך מיט אַ צוגאָב: מיט אַ גראָבן שטעקן אין דער האַנט, איז שוין אויפֿ'ן שטעטל גאָר אַן איבערקערעניש געקומען. ניט לאַנג האָט ער געוויילט, און באַלד נאָך זיין אַוועקפֿאָרן האָבן אַ סך יונגען קודם־כּל, געלאָזט זיך וואַקסן די האָר און איינציקווייז אָנגעהויבן אַריינצו־קריכן אין בלויע העמדלאַך, לויט דעם בונדישן נוסח: און פּלוצלונג, פֿון דער העלער הויט, מע הייבט גאָרניט אָן צו וויסן, ווערט אַ סטרייק ביי אייזיק פייגע־ליבעס... נאָר איין געזעל, אַן עקשן, איז געבליבן זיצן ביים וואַרשטאַט. ער האָט זיך איינגעשפּאַרט, איז אונטערגעשפּרונגען אַ האַנט־אינגל אונטער'ן פענסטער מיט אַ גרינער פֿלאַש נאַפּט אין דער האַנט און האָט זי אים אָן קאָפּ צעבראָכן! און אַ פּוסטקע איז געוואָרן אין אייזיקס שטוב, און די יונגען האָבן זיך אָנגעהויבן אין מאַרק אַרומצו־דרייען מיט די הענט אין די הויזן־טאַשן. טאַטעס האָבן אָנגעהויבן נאָכ־צויאָגן, מע זאָל גיין צו דער אַרבעט, און מאַמעס האָבן זיך אָנגעהויבן נאָכצודרייען, ווי שאַטנס, הינטער די פּלייצעס און האָבן מיט פינסטערע פּנימ'ער געבעטן, גע'חלש'ט, מע זאָל גיין כאָטש דאַווענען...

און טאַטעס און מאַמעס האָבן גאָר ניט געהאָלפֿן, און דער עלטערער סטראַזשניק, מיט וועלכן אייזיק האָט געסטראַשעט, אויך ניט, און מע האָט די יונגען געמוזט נאָכגעבן, פֿאַרקירצן דעם אַרבעטס־טאָג... און ווי די יונגען זיינען אַוועק צו דער אַרבעט, זיינען שוין אַנדערע אַרויסגעקומען אויף זייער אָרט, און אויך מיט די הענט אין די הויזן־טאַשן, אויך געמאַכט רעדלאַך און געהאַלטן זיך נאָר אין איין סוד'ען... האָט זיך דאָס גע־שטעלט אַ זומער, און מע האָט דעם מאַרק ניט ליידיק געלאָזט אויף איין מינוט — נאָר סטרייקן און סטרייקן. עס האָט קיין איין פֿאַבריקל ניט אויסגעמיטן; אַ פֿאַרשלעפּטע קרענק. און אַז עס קומט אַ שבת אינדער־פֿרי, די זון שיינט, שטיפט חברה אין גאַס אַרום, און אין שול איז שטיל, ווי אין אַן אויער...

און נאָך דעם עסן מאַכן זיך ווייטער רעדלאַך אויף דער גאַס. דאָס טיי־הויז איז שוין פֿול אָנגעפּאַקט. דער גאַרבער־פּאַך — אידן שוין מיט בערד — זיינען אויך געקומען, מע זאָל זיי „פֿאַרטיידיקן" פֿון די „קאַפּיטאַ־ליסטנס הענט"... דער עולם אַרום וואַרפֿט גלייכוערטלאַך. אַ יונג פֿון אַ יאָר זעכצן שטייט ביי אַ טאַטן, וואָס האָט לאַכנדיקע אויגן מיט אַ צוגעשוירן בערדל, שטייט ער, דער יונג, און „מעלקט" אים ביי אַ קנעפּל און טענה'ט עפּעס צו אים, גיט אים עפּעס צו פֿאַרשטיין; און ווען מע דאַרף, שאָקלט ער צו מיט די הענט, רעדט אַביסל הייסער און שרייט אַריין אין אים. דער טאַטע שטעלט אַזוי די אויגן אויס, ער זאָל אַ שטיקל באַגריף קריגן... כאַפּט אָבער פּונקט עמיץ אָן דעם פֿאָטער ביים אַקסל:

– י ו א ל'קע, י ו א ל'קע! ביסט אַ שיין לייט, זע איך; דער זון לערנט גאָר דיך...

– מעגסט זיך אויף אים פאַרלאָזן...–ווינקט דער טאַטע מיט די ברעמען, און דער דאַשיק ווינקט מיט.

– הער זשע...– ציט דער זון דעם טאַטן ביים בערדל... נאָר דאָ האָט זיך אַ פּעסעלע ביר באַוויזן, און דער ע ו ל ם האָט גענומען טרינקען.

נאָך די ערשטע גלעזער ביר, אַז די פּ נ י מ'ער האָבן שוין אַביסל געפלאַמט, האָט איינער אַ פּאַטש געטאָן אין טיש אַריין:

– קינדער, אַ האַנט זיך געגעבן–די פאַבריקאַנטן, די הינט, אָנצולערנען!...

– קינדער! – מאַכט אַ צווייטער. – אַזאַ באַנדיט ווי מיינער איז, זעט מען ניט אַזוינס!

– און איך, הערט איר,– טוט אַן עלטערער מיט אַ שוואַרץ בערדל אַ פּאַטש אין טיש אַריין, – איך שריי און שריי, אַז אַזוינס ווי מיינער איז . . . האַ, האַ, האַ... דאָס, ברודער, איז אַ כאַמיקל... אַ שטילס מיט'ן קעפּל צווישן די אַקסלען... דאָס שטעלט זיך דיר אויס באַלד באַגינען פאַר דער טיר אויסקוקן די אַרבעטער. קום איך דער ערשטער – ענטפערט ער מיר „גוט יאָר"... ווי באַלד שפּעטער, דרייט ער דאָס קעפּל אַוועק אין אַ זייט. דערפאַר צומאָרגנס מוז איך שוין קומען מיט אַ האַלבער ש ע ה פריער פאַר אַן אַנדערן און קריג שוין דעם ברייטן „גוט יאָר"... און ער ווערט שוין מיט מיר אַ גאַנצער מ ח ו ת ן, דערציילט מיר פון זיינע געשעפטן, און דערביי וואַרפט ער מיר אַריין, אַז ב כ ן, איך בין דער בעסטער אַרבעטער... און יענער, יענער טויג שוין היינט אויף אַ כ פּ ר ה, ווי קומט ער שוין מיט אים איבער ביז צום ס ו ף ז מ ן ... און אַז יענער קומט, גיט ער אים אַ ווייז אָן אויף די גרינגערע שטיקלאַך, בוקאַטן, כ ד י ער זאָל מיך קאָנען דעריאָגן און איך זאָל זיך ניט לאָזן... אַזאַ סיבירניק איז דאָס...

– מע מוז זיי אָנלערנען, מע מוז! – האָבן אַלע זיך אָנגערופן.– אַ סטרייק! אַ סטרייק!

און דאָס האָט שוין געהייסן אונטערגעשריבן די פּאַפּירן.

צומאָרגנס האָט מען פון ר ב ע ו ז ר גאַרבער אַריבערגעשיקט נאָך יאַנקל סטאָליער. יאַנקל איז אַהינגעגאַנגען.

5

ר ב ע ו ז ר, אַ לאַנגער איד מיט אַ לענגלאַך געזיכט, מיט אַ צווייִשפּיציקער באָרד, איז געשטאַנען אין ט ל י ת און ת פ י ל י ן, און ווי ער האָט דערזען יאַנקל סטאָליער, האָט ער אים אָנגעוויזן אויף אַ געבעטן שטול און געבעטן זיצן.

— נו, וואָס ווערסטו עפּעס זאָגן גוטס?... האָט רב עוזר אָנגעהויבן, ז׳ך אַ וויש טוענדיק מיט דער האַנט איבער׳ן געזיכט און אויסלאָזנדיק ביים שפּיץ באָרד.

— וואָס זאָל איך זאָגן?—האָט יאַנקל געענטפערט, עפּעס אַ הייב טוענ־דיק מיט איין אַקסל.

— מע זאָגט דאָך עפּעס, אַז דו האָסט די גאַנצע דעה... און ביסט ניט קיין נאַר אויך, זאָגט מען... וואָלט איך געוואָלט מיט דיר איבער־שמועסן, צו ס׳איז גלייך אַזוי? מילא, סטרייקן איז סטרייקן — וואָס איז שייך... ס׳איז דאָך אַזאַ זאַך, וואָס טוט זיך אומעטום דאָס אייגענע, ווי דו אַליין זאָגסט: אויף דער גאַנצער וועלט... און מסתמא שטעקן דאָך אין דעם מענשן — קעפּ... נאָר אַזוי צי אַזוי, וואָס ווילן זיי?

— זיי ווילן אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג.—דאָס הייסט—פון זיבן ביז זיבן, און אין דער מיט — צוויי שעה רו...

—זייער פיין, זייער פיין...—ציט רב עוזר.—נאָר איך ווייס ניט, צי דו ביסט עפּעס געניט אין מיין אַרבעט. ביי מיר אַרבעט מען דאָך ניט קיין יוכטן, נאָר גרינגע לעדער. דעריבער ביסטו דאָך ניט קיין נאַר... אויב איך דאַרף אַמאָל, אַ צוויי, דריי אַרבעטער זאָלן בלייבן אַביסל לענגער ביינאַכט, מחמת מע דאַרף איבערגלעטן מיט׳ן רעדל, וואָס טוט מען?

— נעמט מען אַנדערע מענשן אויף ביינאַכט.

רב עוזר האָט זיך אַביסל פאַרטראַכט.

— אַזוי, הייסט עס... איין זאַך נאָר וואָלט איך געוואָלט וויסן,—האָט ער זיך ווייטער אָנגערופן,—צי זוקט מען אַמאָל אויף יענעמס מעמד אויך... אַשטייגער, אַ זאַך, וואָס קאָן ניט זיין! אָט ווי, למשל, דו זאָגסט אַצינד... קומט אויס, איך זאָל די גאַנצע פאַבריק אָפּשטעלן... נו, מיין דאגה, וועל איך ניט אַרבעטן...

— שטעלט אָפּ...— האָט יאַנקל צוגעשאָקלט מיט׳ן קאָפּ.

— איך האָב פאַרגעסן.—מאַכט ווייטער רב עוזר.—איך בין אַזאַ נוגש, חלילה, אויפ׳ן אַרבעטער, וואָס מע גייט מיר אויסזעצן די מינוט... גוואַלד געשריען, זיי זיינען דאָך ניט קיין דאָקטוירים, זיי זאָלן מיר קוקן אויפ׳ן זייגער.. וואָרום ווי אַזוי באַגיי איך זיך מיט אַן אַרבעטער? איך בין דאָך קיין אַנדערער: ווער קוקט זיך אום, צי אַרבעטן זיי, צי באַלעמוטשען זיי? ווערמעס דאגה? איך מיין טאַקע אין דער אמת׳ן, ווער קוקט זיי נאָך? נו, איך בעט דיך זייער, קאָן מען מיר אויסזעצן די שעה?...

— עס קאָן אָבער אַנדערש ניט זיין.

— וואָרום גלויב זשע מיר, אַז מיר פּלאַצט אַזוי אויך די גאַל אַכצן מאָל אין טאָג, צוזעענדיק, ווי וועלוועלע שלעפּט זיך מיט דער קאַן, טריט

ביי טריט, פון אונטער דער שאָפע צום ברונען צו, אָדער ווי אַלע גיבן זיך מיט אַמאָל אַ שטעל אָפּ און וויקלען פּאַפּיראָסן! עס גייט זיך די גרינע גאַל אָן... כאַפּ איך שוין אַרויס מיין פּושקע פּאַפּיראָסן און צעטייל. ווארום פארוואס! — ביי מיר אַן אַרבעטער איז אויך אַ מענש, גלייך מיט מיר... נאָר אַצינד, זעסטו, אַז זיי זיינען שוין יאָ אַזוי, וועלן זיי ביי מיר גאָר־ניט אויספירן.

— האָב איך ניט וואָס צו זיצן — האָט יאַנקל געזאָגט, אויפשטייענדיק פון שטול. ער האָט פאַרקנעפּלט דאָס אויבערשטע קנעפּל פון פּאַלטאָ, אַ זאָג געטאָן „אַ גוטן טאָג!" און איז אַרויס פון שטוב.

יאַנקל האָט זיך אַלע טאָג אַריינגעכאַפּט אויף אַ פּאָר שעה אין דער „טשאַינע" אַריין און אָפּגע׳פּטר׳ט אַלע ענינים, שטעטלשע און פון דער סביבה. און עס גייט שוין אין נאָמען פון דער „אָרגאַניזאַציע": די אָרגאַניזאַציע, הייסט עס, האָט באַשטימט, און מע ווייסט שוין, וועמען מע מיינט.

און ביסלאַכווייז, אַז איינער האָט געהאַט אויף דעם צווייטן אַ שווער ביטער האַרץ, איז מען טאַקע געקומען אין „טשאַינע" אַריין אויף אַ קלאָג. און אַז יאַנקל זיצט ביי דעם טישל אין אַן אַנדער חדר, געפינען זיך שוין אַרום אים אַ פּאָר יונגען — חברה׳לייט. ביי דער זייט שטייען אַ פּאָר פרעמדע מענשן, ניט פון „הינעדיקן רייסטער", נאָר וואָס זיינען גלאַט געקומען מיט אַ בקשה׳לע אַ קליינס.

— וואָס האָט איר געוואָלט? — פרעגט יאַנקל אַ אידן, וואָס האַלט זיך שוין אַ לאַנגע צייט ביי דער באָרד און צאַפּלט מיט די אויגן צו אים.

— יאַנקלשי, — בייגט זיך אים דער איד איבער׳ן אויער, — איך האָב מיר געוואָלט אַ פענסטער אויסשניידן אין הינטער־געסל אַריין; הכלל — מיט׳ן עלטערן סטראַזשניק בין איך שוין אַדורכגעקומען... האָב איך אָבער מורא פאַר׳ן שכן ער זאָל ניט קריכן אין קיין העכער אָרט אַריין... בעט איך דיך, יאַנקלשי.

— נו, נו. — טוט יאַנקל אַ שאָקל מיט׳ן קאָפּ, און דער איד וואָלט שוין געגאַנגען שווערן, אַז עס איז קוראַנט...

— און וואָס האָט איר פאַרלאַנגט? — ווענדט ער זיך צו אַ יונג ווייבל, וואָס איז געשטאַנען אין אַ זייט, איינגעהילט אין אַ פּאַטשיילע.

— איך בין פון סטאָצק... — הייבט זי אָן שרייענדיק, מיט אַראָפּגע־לאָזטע אויגן. — האָב איך אַ מאַן אַ חסיד... איך בין אַ נייטאָרן און מוז נאָך אים געבן צו עסן. קאָן ניט זיין צווישן אונז קיין לעבן...

דאָס הערט שוין יאַנקל אויס מיט מער אויפמערקזאַמקייט. עס געפעלט אים זייער, וואָס זי איז אַ נייטאָרן — זי „פּראָדוצירט"... „איז אַ נוצלאָך גליד אין דעם געזעלשאַפטלאַכן אָרגאַניזם"... און ער פרעגט זי אויס איינציקווייז, צי זי איז עפּעס אַ באַלעזענע. און אַז ער זעט איין,

אַז זיי זיינען „צוויי פאַרשיידענע וועלטן", שאָקלט ער איר אויך צו מיט'ן קאָפּ — אַ גט...

יאַנקל הערט אַלץ אויס, נעמט אַלץ צו, און דערפאַר האָט אים דאָס שטעטל ליב געקריגן. אַפילו ביים עלטערן סטראַזשניק אין די אויגן האָט ער נושא־חן געווען: „יעווריעיסקי קאָראָל" רופט ער אים, און דער ריכטער, (וואָס קומט צופאָרן איין מאָל אין חודש אויף אַ פּאָר טעג אָפּצופאַרטיקן די היגע לאָדענישן) קאָן זיך גאָרניט אָפּוואונדערן, וואָס פאַר אַ שטעטל דאָס איז געוואָרן — אויס „פּראָשעניעס", אויס אַלץ.

6

אונזער עולם האָט זיך פאַרבענקט נאָך אַ פאָן. זיינען איבער נאַכט אויפגעשטעלט געוואָרן צוויי פענער, אין דער „טשאַינע" טאַקע, און איבערפרי האָבן זיך שוין יונגען געזאַמלט פאַר די גלעזערנע טירן, שיין, ריין, די היטעלאַך אָפּגעפּוצט, די פנימ'ער אָפּגעוואַשן, און די אויגן האָבן געבלישטשעט גאָר יום־טוב'דיק.

דער עולם זאַמלט זיך, ווערט וואָס אַמאָל גרעסער. די גאַס ווערט שוואַרץ, באַלייגט... פּלוצלונג, יאַנקל סטאָליער באַווייזט זיך מיט אַ פאָן אויף אַ הויכן שטעקן, אַ פאָן מיט זילבערנע אויסגעהאָפטענע אותיות... און די פאָן פלאַטערט, ווייעט איבער'ן קאָפּ, אַז חברה האָט אונטערגעטאַנצט פאַר פרייד... און דער עולם אָרום פאַררייסט די קעפּ אין דער הייך: פּראָסטע, אייגענע אותיות האָט די פאָן, ווי פון אַלף־בית אַרויס... און פלאַטערט, ווייעט אַזוי הויך.

— נאַ, וואָס שטייט מען?

— מע קאָן נאָך ניט גיין — ענטפערט יאַנקל סטאָליער. מענשן זיינען אַוועק דעם טעלעגראַף איבערצורייסן — מוז מען אויף זיי וואַרטן...

עס קומען אָן צולויפן עטלאַכע קונדייסים מיט פריילאַך־שיינענדיקע פנימ'ער, פאַרקאָכט, און די דאַשיקלאַך פאַרדרייט. זיי רייסן זיך אַריין אין מיט רעדל צו יאַנקלען, און רוימען אים עפּעס איין, אונטערשטעלנדיק די מיילעכלאַך אונטער זיין אויער...

—און וואו זיינען זיי?... — פרעגט ער איבער.

— גייען שוין... שוין... איבערגעריסן... עס האָט אַזש אַ ציטער געטאָן דער דראָט: בר־ר־ר־ר־ר...

צווישן עולם האָט זיך אָנגעהויבן אַ גע'סוד'ערײ, אַ געשעפּטשערײ מיט אומרואיקע באַוועגונגען אויף די געזיכטער: זעלנער וועלן קומען, זעלנער... נאָר יאַנקל האָט זיך אַ ריר געטאָן מיט דער פאָן פאָרויס, און דער גאַנצער עולם האָט זיך אַ ריר געטאָן נאָך.

די גאַס איז געווען פאַר זיי ווי אָפּגערוימט, די געוועלבער פאַרהאַקט, און חברה האָט געמאַרשירט, ציענדיק זיך נאָך דער פאָן. באַלד

האָט זיך אַ געזאַנג אויפגעהויבן, און אַלע פּנימ'ער און אַלע אויגן האָבן געשיינט מיט איין גליק, מיט איין פרייד. דאָס געזאַנג ווערט שטאַרקער, ראַשער, די פאָן ווייעט, און דער עולם רודערט נאָך מיט פאַרפלאַמטע פּנימ'ער און אָפענע מיילער פון געזאַנג, וואָס האָט די גאַנצע גאַס אַרומגעכאַפּט.

אינ'ם גאַנג זיינען נאָך אַנדערע צוגעשטאַנען. דער עולם האָט זיך נאָך מער פאַרגרעסערט, און „אויסרופן" און ענטפערס האָבן די גאַס פאַרהילכט.

מען איז אָנגעקומען פאַר דעם בורגמייסטערס גאָרטן, פאַר דער קאַנצעלאַריע.

דער עולם האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויסגערופן עטלאַכע מאָל די „פאָדערונגען", וואָס זיינען געוואָרן אונטערגעכאַפּט מיט אַ ים קולות פון דער גאַנצער הילכנדיקער מאַסע. דערנאָך האָט מען זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אין גאַס אַריין. און קיינער האָט ניט באַמערקט, ווי אין גאָרטן, פאַררוקט שטייט דער בורגמייסטער מיט דעם אַקציזניק, דער עלטסטער און עטלאַכע האַלץ־הענדלער אין די סוקמאַנעס, מיט די הענט אויף די הענט, און אַז זיי סוד'ען זיך עפּעס און וואַרפן בליקן אויף די דעמאָנסטראַנטן... יאַנקל איז באַגייסטערט, ער פירט... און וואָס ווייטער אין גאַס, אַלץ העכער ווערן די „אויסרופן", אַלץ רוישנדיקער די קולות, אַז עס דאַכט זיך, די גאַס וועט פּלאַצן. די פאָן פלאַטערט, ווייעט איבער די קעפּ, און דער עולם ציט נאָך און ציט. מע זעט נאָר איין לאַנגע רירעוודיקע מחנה, קעפּ און קעפּ, וואָס באַוועגן זיך אינ'ם גערויש פון אַ ים קולות.

מע גייט און מע גייט.

אין מאַרק אַריין, אין מאַרק אַריין!

און דער מאַרק איז לער. די טישלאַך פון געבעקס — לער. עס וואַרפט זיך אַ דערשראָקן, בלאַס פּנים דורך אַ שפּאַרע פון אַ געוועלב, וואַרפט אַ צעמישטן בליק אויף דער פאָן און אויף דער צוזאַמענגעשטויסענער מחנה אַרום, און די טיר גיט זיך צוריק אַ פאַרהאַק...

די פאָן ווייעט, און יאַנקל סטאָליער איז שוין אַרויף אויף אַ טישל מיט דער פאָן אין דער האַנט, און דער עולם, אַרום דעם טישל און אַרום דער פאָן, איז געבליבן שטיל און האָט אַרויפגעקוקט אים אין פּנים אַריין. האָט יאַנקל געגעבן אַ הייב אָן אַ רעדע, און דער עולם איז געשטאַנען מיט אָפענע מיילער און געקוקט אים אין פלאַמענדיקן געזיכט, און אין די אויגן, וואָס האָבן געברענט, ווי צוויי שטורקאַצן.

האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפלויפן ווייבער מיט פאַרשאַרצטע אַרבל, מיט הענט פון טייג; און מיידלאַך מיט צעשויבערטע האָר און מיט קינדער אויף די אָרעמס; און די קינדער מיט בייגל אין די הענט, און אַלע האָבן

זיך אַרומגעשטעלט אַרום עולם און צוגעשטופּט זיך — אויך עפּעס צו הערן...

און דאָ אין מאַרק באַוויזן זיך שוין די זעלבע האַלץ־העקער, אַצינד שוין מיט חלות אונטער די אָרעמס. אַריינגעשטופּט די חלות אין די בוזעמס אַריין און זיך צוגערוקט צו דעם רעדל אויך עפּעס הערן... און קרימען שמייכלאַך איינער דעם אַנדערן. און אָט האָט זיך איינער גאָר אונטער די ווייבער און די מיידנס פּלייצעס געשטעלט, בייגט זיך איבער מיט׳ן קאָפּ אין רעדל אַריין און שטאַמלט: זעלנער גייען, זעלנער גייען...

עטלאַכע ווייבער, דינאָענסטסטע, האָט עס אַ בליץ געטאָן אין די אויגן. אַלעמענס בליקן האָבן זיך אָן זייערע אָנגעצונדן . און ווי אַן עלעקטרי־שער פונק האָט זיי אַלע אַ כאַפּ געטאָן און — אַ שליידער! און די גאַנצע קופּע האָט זיך אַ הייב געטאָן.

שטייט, שטייט!! האָט יאַנקל סטאָליער פון טישל אַראָפּגעשריען מיט אַלע כּוחות, און איטשעלע איז אויך אַרויף אויפ׳ן טישל און נאָך העכער געשריען, און געמאַכט מיט די הענט. און דער עולם איז נאָך מער פאַרטומלט געוואָרן, און די אויגן האָבן נאָך שאַרפער געגלאַנצט. דאָך איז מען שטיין געבליבן — עפּעס האָט זיי אַ ריס געטאָן, און עפּעס האָט זיי צוריק פאַרכאַפּט, און זיי האָבן די וואָג פאַרלאָרן. נאָר ביי די זייטן אַרום איז מען שוין געלאָפן, און אויף דער ערד זיך אומגעוואָרפן... און צייט איין מינוט זיינען זיך צעפלויגן אַלע ווייבער און מיידן און אַ שפּאָר ביסל יונגען אויך. געבליבן שטיין אויפ׳ן אָרט זיינען נאָר די רעכטע אמת׳ע מאַנספאַרשוינען — בלויז געקליבענע...

אַצינד האָבן שוין די האַלץ־העקער ניט געהאַט וואָס צו מאַכן, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צוריקצורוקן אין מאַרק־געסל און געלאָזט זיך גיין צו דער קאַנצעלאַריע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ...

פאַרנאַכט האָט שוין דאָס גאַנצע שטעטל געוואוסט, אַז דער טעלע־גראַף איז איבערגעהאַקט. צומאָרגנס אינדערפרי זיינען שוין זעלנער געווען.

גענומען האָט מען איין יאַנקל סטאָליער און אַוועקגעפירט אים אין אויעזד אַריין צום נאַטשאַלניק.

י. מ. ווייסנבערג.

# די נייע צייט.

(רעוואָלוציאָנער ליד).

ווען עס שוועבן וואָלקנס טרערן,
און אין הימל שיינט קיין שטערן,
אַלץ איז פינסטער און פאַרטרויערט,
און דער שוואַרצער עלנט לויערט
אויף דער מענשהייט נאָענט און ווייט;

ווען די וועלט איז פול מיט וויינער,
און פון טויזנט לעבט נאָר איינער
אָט די טויזנט צו פאַרשלינגען, —
דאַן, אָ, מוז דער דיכטער זינגען
לידער פון אַ נייער צייט.

דאַן ברעכט אויס זיין שטים אין בליצן,
ווערטער דונערן, פונקען שפּריצן;
זיין געזאַנג ווערט אַ געוויטער,
הילכט און ליאַרעמט מיט אַ ציטער:
„הייבט זיך אויף און ווערט באַפרייט!

אונזער וועלט איז פול מיט וויינער,
און פון טויזנט לעבט נאָר איינער
אָט די טויזנט צו פאַרקנעכטן!
הייבט זיך, הייבט זיך, נעמט אייך רעכטן
און באַגריסט די נייע צייט!"

מ. ראָזנפעלד

# אַרבעטער ברידער!

(רעוואָלוציאָנער ליד).

אָ, אַרבעטער ברידער, דערהייבט זיך, דערוואַכט
און מאַכט צו די צרות אַ סוף!
עס לייכט שוין אין מזרח, עס שווינדט שוין די נאַכט,
עס עפנט די ברעמן דער מאָרגן אין פּראַכט.
אָ, שנעלער דערהייבט זיך מיט שטורמישער מאַכט,
זאָל זיין צו די ליידן אַ סוף!

אָ, זעט אייערע קינדער, פאַרצאָגט און פאַרבלאַסט,
די אויגן פאַרשוואָלן און רויט.
אָ, זעט אייער ברודער—ער שמאַכט און ער פאַסט;
כאָטש לאַנג אַז ער טראָגט שוין די שרעקלאַכע לאַסט,
דאָך ווייס ער קיין פרייד נישט און לויפט אַלץ מיט האַסט
צום בייזן, צום פינסטערן טויט.

דערהייבט זיך, איר מאַסן, אָט איצט איז די צייט
באַפרייען דעם ברודער און זעלבסט זיין באַפרייט
און מאַכן אַ סוף צו דער נויט!

עס קלינגען די טאָלן, עס קלינגען די בערג:
„אָ, אַרבעטער־מאַסן, דערוואַכט!"
עס שמייכלט פון הימל די הערלאַכע זון:
„אָ, אַרבעטער־מאַסן, דערוואַכט!"

י. סלאָנים.

הירש לעקערט.

# הירש לעקערטס טויט.

10־טן יוני, 1902.

אַ גרויס וויסט פעלד אונטער'ן שטאָט, עק ווילנע — דאָס „מיליטע־רישע פעלד". ס'איז טיף אין דער נאַכט און קיל. ווילנע שלאָפט. אַ טויטע שטילקייט.

אויפן פעלד—אַ שטילע באַוועגונג. גאַנצע מ ח נ ה'ס סאָלדאַטן, קאָזאַקן, פּאָליציי־לייט האָבן זיך אויסגעשטעלט אין ליניעס, אַרומגעצאַמט דעם גאַנצן פּלאַץ. זיי היטן, טאָמער וועט עמיצער קומען שטערן דער אַרבעט, וואָס דאַרף דאָ אָפּגעטאָן ווערן אין דערדאָזיקער נאַכט.

אין מיטן פעלד שוועבט עפּעס אַרויס פון'ם פאַרטאָגיקן ח ו ש ך. עפּעס אַ געביי — אַ מין ב ימ ה, אַ סלופּ ווי אַ דאַלעד. דערביי אַ שוואַרצער פלעק, אַ פריש אויסגעגראָבענער ק ב ר. לעבן דעם „עפּעס" שטייט אַ הייפל מענשן אין פאַרשיידענע מונדירן: געריכטס־באַאַמטע, אָפיצערן, זשאַנדאַרמען, פּאָליציי־לייט. ס'שימערן שוואַך זילבערנע און גאָלדענע קנעפּ, עפּאָלעטן. ס'קלינגען שפּאָרן.

זיי זיינען אומרואיק, דידאָזיקע לייט. זיי זיינען באַוואַכט פון הונ־דערטער, א פ ש ר פון טויזנטער באַוואָפנטע מענשן — און דאָך שרעקן

זיי זיך, קוקן זיך אום אומרואיק און אומגעדולדיק. זיי דאַכט זיך אַלץ, אַז ס'וועט דאָ זיין אָן אָנפאַל, אַז מע וועט זיי שטערן.

ס'דערהערט זיך אַ פערד־געלויף, אַ רוישן פון רעדער. אַ שוואַרצע קאַרעטע באַווייזט זיך ביי דער ערשטער וואַך־ליניע. צוויי מענשלאַכע געשטאַלטן דערנענטערן זיך צופוס צום מיטן פעלד. אַ פריסטאַוו באַגלייט אַן אָרים־געקליידטן אידישן אַרבעטער, אַ יונגן, קוים עטלאַכע און צוואַנציק יאָר אַלט. ער איז בלאַס, אויסגעמאַטערט, אָבער קרעפטיק, שטאַרק געבויט. ער גייט רואיק, מיט אַ פעסטן טראָט, אונטער די הונדערטער גלייכגילטיקע אָבער בייזע אויגן.

מע לייענט — אַ טויט־אורטייל. דער יונגער אַרבעטער — הירש לעקערט — איז פאַר'משפט צום הענגען. ער האָט פאַרוואונדעט דעם ווילנער גובערנאַטאָר פאָן־וואַל.

וואָס פאַר אַ ציווילע פיגור, אַ שפל'ע, אַ פחדנות'דיקע, קריכט ציטעריק אַרויס פון צווישן די מונדירן? דאָס איז דער ווילנער ראַבינער נעמזער. ער איז דאָ, כדי געבען דעם „פאַרברעכער", וואָס גייט אויפ'ן עשאַפאָט, די לעצטע „טרייסט". ער גייט צו צו זיין אידישן ברודער. ער רופט אים — פאַר'ן טויט תשובה טאָן אויף זיין גרויסער זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען אויף „לא תרצח".

מיט קאַלטער פאַראַכטונג קערט זיך פון אים אָפּ דער אידישער אַרבעטער. רואיק און גלייכגילטיק בלייבט זיין יונגער איינפאַכער פנים.

— „גייט אַוועק פון מיר מיט אייערע קאָמעדיעס". — זאָגט ער קאַלט.

מיט דעמועלביקן רואיקן און פעסטן טראָט גייט ער אַרויף אויפ'ן עשאַפאָט.

עס דאַכט זיך, צווישן אָט די אַלע פרייע באַוואָפנטע מענשן איז ער, דער אַרעסטאַנט, וואָס וועט אין אַ מינוט אַרום זיין אַ קאַלטער בר־מינן, — דער פרייסטער, דער רואיקסטער פון אַלע. זיי שרעקן זיך, זיי זיינען אומרואיק; זיינע אויגן ווייסן ניט פון קיין שרעק.

עס פויקן זיך פאַנאַנדער די פויקן... אַ פאָר מינוט — און אַלץ איז געענדיקט.

פאַרשאָטן איז דער קבר פון יונגן אידישן אַרבעטער.

עס הילכן די ווערטער פון קאָמאַנדע. עס שטעלן זיך אויס די ליניעס. מע מאַרשירט אין שטאָט אַריין, מע זינגט.

און פירן פירט מען זיי, די אַלע לאַנגע רייען — איבער'ן פרישן קבר. ס'טופּען און טופּען די שווערע סאָלדאַטישע שטיוול, זיי קלאַפּן אָפּ דעם געוואוינטן, דעם איינגע'חזר'טן מיליטערישן שריט, און יעדער שריט — טרעט טיפער און טיפער איין דאָס פרישע בערגל.

דורכגעצויגן האָט דאָס גאַנצע חיל איבער'ן קבר. ס'איז שוין טאָג.

און ווייטער איז פוסט און וויסט דאָס פעלד – אומעטום גלייך אויס־געטראָטן דורך שווערע סאָלדאַטישע שטיוול. קיין קלענסטער סימן פון'ם אָרט, וואו ס'איז נאָר וואָס געשטאַנען די תּליה, וואו ס'איז באַגראָבן דער יונגער אַרבעטער מיט דעם איינפאַכן פּנים. אויף אייביק, דאַכט זיך, האָט אים איינגעשלונגען די ערד. קיין שפּור, קיין זכר ניטאָ, ווי קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען קיין הירש לעקערט.

---

11־טן יוני, 1922. צוואַנציק יאָר איז אַוועק זינט יענער נאַכט, ווען מע האָט אין ווילנע אויפגעהאַנגען הירש לעקערט.

אַ גרויסער פּלאַץ אין מיטן שטאָט מינסק. אַמאָל האָט ער געהייסן קאַטעדראַל־פּלאַץ.

אין מיטן פּלאַץ – אַ קליינער בולוואַר. דאָרט איז געשטאַנען אַ דענקמאָל דעם קייסער אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, דעם „באַפרייער פון די פויערים".

איצט הייסט דער פּלאַץ – פרייהייטס־פּלאַץ. פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס דענקמאָל – געבליבן אַ הוילער שטיין.

און אָט דער פּלאַץ איז היינט פאַרפלייצט מיט מענשן. רויטאַרמייאישע טיילן, פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס מיט זייערע פאָנען, דעלעגאַציעס פון שכונות'דיקע מיליטער־טיילן פון אַנדערער שטעט, קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. מוזיק שפּילט. רויטע פאָנען שיינען. די פאַרטרעטער פון דער העכסטער מאַכט פון ווייסרוסלאַנד האָבן זיך דאָ היינט פאַרזאַמלט אַרום דעם אָרט, וואו ס'איז געווען אַמאָל אַ דענקמאָל דעם מעכטיקן זעלבסטהערשער.

זיי לייגן אַ גרונטשטיין צו אַ דענקמאָל. אַ נייעם דענקמאָל אויפ'ן אָרט פון אַמאָליקן דענקמאָל פון קייסער.

אַלע באַלקאָנען זיינען פול מיט מענשן. אַלע אַרומיקע גאַסן זיינען פאַרפלייצט מיט אַ מענשן־ים. מע שטייט און מע קוקט און מע כאַפּט די ווערטער.

וועמען שטעלט מען אַ דענקמאָל אויפ'ן אָרט פון קייסערס דענקמאָל?

מע שטעלט אַ דענקמאָל אַ אידישן יונגן אַרבעטער, אַ שוסטער, וואָס איז געהאַנגען געוואָרן מיט 20 יאָר צוריק אין אַ פינסטערער נאַכט אויפ'ן „מיליטערישן פעלד" אין ווילנע. אַן אַרבעטער, וואָס זיין קבר איז אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד. דעם אַרבעטער – הירש לעקערט.

עס בויגן זיך פאַר אים די העלדישע זיגרייכע פאָנען פון דער רויטער אַרמיי, עס גיבן אים אָפּ כּבוד די טויזנטער אַרבעטער און פויערים, פאַרזאַמלטע דאָ. ס'איז אַרויסגעטראָגן לכּבוד אים די בלוט־רויטע שווערע סאַמעטענע פאָן פון דער ווייסרוסלענדישער ראַטן־רעפּובליק.

– הירש לעקערט, דו לעבסט! הירש לעקערט, – דו האָסט געזיגט!

אסתּר.

# דער אָדלער.

(געדאַנק).

כ'האָב געזען דעם אָדלער
אין אַ שטייג פון אייזן,
וואו ער קען זיין פליען
קיינמאָל ניט באַווייזן:

וואו די פליגל זיינע
ווען ער וויל אויפהייבן,
ווערן זיי צעשלאָגן
אָן די גראַטעס אויבן...

און איך האָב געזען
אויף זיין בליק דעם שאַרפן...
וואָס ער פלעגט דערנאָכדעם
פון דעם שטייג מיר וואַרפן...

און איך האָב געלערנט,
וואָס הייסט פרייהייט זוכן.
דריקער צו פאַרדאַמען
און געפאַנגשאַפט פלוכן...

א. רייזען.

# פון תפיסה.

1

אַ זונ־שטראַל פון שלאָף האָט געוועקט מיך;
האָב איך דאָס פאַרשטיין ניט געקענט:
ווי קומט עס דאָס ליכט, פון די פעלדער
אַהער, צווישן אייזערנע ווענט?

אַ לוסטיקער ווינט האָט געגלעט מיך;
האָב איך ניט געקענט אַלץ דערגיין:

ווי קומט עס דאָס קינד פון די פעלדער
אַהער, אין די צעלן פון שטיין?

אַ בלומען־גערוך האָט גערעגט מיך;
האַלב־וואַך שוין האָב איך אַלץ געטראַכט:
ווער האָט עס דאָס גליק פון די פעלדער
אין צימער צוטראָגן געבראַכט?

2

ווערט פון שעה די תפיסה ענגער,
מזל־בלינד גייט וואַנט אויף וואַנט.
שטרעק איך אויס אַ האַנט, — אַן קאַלטע
שטיינער בריט זיך אָפּ מיין האַנט.

נאָך אַ טאָג און נאָך אַן אָוונט —
וועט מיך איינפרעסן דער שטיין;
ווען די תפיסה וועט צעפאַלן,
וועל איך זיין אינגאַנצן שטיין.

י. ראָלניק.

# דער ים.

(סקיצע).

1

די זון איז אונטערגעגאַנגען און עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווינט.

די מערב־זייט האָט זיך מיט אַ פורפורנעם שלייער פאַרצויגן. וואָס ווייטער און וואָס טיפער עס האָט געפלאַקערט דער האָריזאָנט, איז אַלץ קעלטער און טיפער געוואָרן די בלויקייט פון ים. די וואַסערן האָבן זיך צעשפּילט. דער ים האָט זיך געוויגט און גאַנצע קאַמען פון רוישנדן שוים זיינען ווי פון סאַמן אָפּגרונט אַרויפגעשטיגן, בלייך פון פאַרהאַלטענעם צאָרן.

ווייט אויפ'ן ים האָט זיך געצאַפּלט אַ לייוונט פון אַ שיף, ווי פליגלען פון אַ דערשראָקענעם פויגל: אַ פאַרשפּעטיקטער פישער האָט זיך געאיילט צו אַנטלויפן פון שטורעם און געיאָגט זיין שיפל צום קריגסהאַפן.

דער שטורעם איז שוין געווען נאָענט און דער ברעג נאָך אַזוי ווייט, אַז מען האָט אים קוים געקענט זען. דער ים האָט זיך געוויגט, טיפע שאָטנס האָבן זיך צעלייגט אַרום... דער פישער האָט געטריבן זיין שיפל צום ברעג, וואו עס האָט זיך געזען די הויכע פעסטונג.

די כוואַליעס שלאָגן זיך אָן דער שטיינערנער וואַנט; דער ווייסער שוים כאַפּט אַרום דעם שטיינערנעם ברעג פון אינזל; די וואַסערן שפּילן און הייבן זיך ר ק העכער און העכער, און פאַלן אָפּ און הייבן זיך ווידער און רוישן.

אין אַ פענסטער פון פעסטונג האָט זיך באַוויזן אַ רויטלאַך פייערל. באַלד איז אָבער די פעסטונג מיט דעם אינזל פאַרשוואונדן אין טונקל הינטער די רוישנדע וועלן... נאָר דאָס פייערל ציטערט דאָרט אויבן איבער'ן רוישנדן י ם... אַ קליינער אומעטיקער פונק איבער אַ שרעקלאַכן, צאָרניקן אָפּגרונט.

— האַלט!... ווער איז דאָ? רופט די וואַך פון וואַל צו דעם שיפל, און אַ טונקעלע געשטאַלט פון אַ סאָלדאַט צילט אָן אויף אים די ביקס. דער י ם איז אָבער נאָך שרעקלאַכער פאַר'ן מענשן. דער פישער קען דעם לייוונט און רודער ניט לאָזן פון האַנט און זיין ק ו ל ווערט פאַרהילכט דורכ'ן רוישן פון י ם. זיין שיפל וואַרט אָפּ אויף אַ נייעם קלאַפּ פון די וועלן, ווייכט צוריק, גיט פלוצים אַ ציטער... און אין איין אויגנבליק פאַלט דער לייונט אַראָפּ און דאָס שיפל פליט אַריין אין בוכטע.

— ווער איז דאָ? — רופט דער סאָלדאַט נאָך אַמאָל און קוקט פריינט־לאַך אויף דעם שיפל, וואָס וויגט זיך שוין אויף דעם רואיקן וואַ־סער פון בוכטע.

— ברודער... זע, וואָס עס טוט זיך... עפן!

— וואַרט, באַלד! איך וועל נאָר רופן דעם אָפיצער.

אויפ'ן וואַל ערשיינען נייע געשטאַלטן. איבער'ן רוישן פון י ם הערט מען קוים די שטימען פון די מענשן. אָבער וואָס מער עס רוישן די וועלן, ווערן די שטימען ר ק פריינטלאַכער... באַלד עפנט זיך דאָס טויער פון דער מויער־וואַנט און דער פישער טרעט אַריין אין פעסטונג.

דאָרטן, אין דעם סאָלדאַטסקן שטיבעלע, וועט אים זיין רואיק און וואַרעם און אָנגענעם צו דערמאָנען זיך אָן דעם ווילדן שטורעם פון י ם, אָן דער פינסטערער נאַכט, וואָס האָט זיך פאַרשפרייט איבער'ן טיפן אָפּגרונט, דאָרטן וואו ער איז נאָר וואָס געוועזן.

הינטער דער וואַנט ליגט נאָר דער י ם און די פינסטערע ת פּ י ס ה מיט דעם רויטלאַכן פייערל. די כוואַליעס קרעכצען און רוישן און שלאָגן זיך ווילד צווישן זיך און אָן די ברעגן, און דער שטורעמווינט באַרעט זיך מיט זיי...

און דאָס קליינע שיפעלע וויגט זיך אויף אַ קורצער קייט אויפ'ן וואַסער לעבן דעם מויער, ווי אַ לעבעדיקע באַשעפעניש, וואָס ווערט זיך קעגן די מ ו ר א'דיקע וועלן.

2

דאָס קליינע ליכטל אין פענסטער פון טורעם איז אויף אַ מינוט פאַרשוואונדן.

אַ קאָפּ פון אַ מענטשן האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער אייזערנער גראַטע. דער געפאַנגענער האָט אַרויסגעקוקט אויפ'ן ים און איז האַסטיק צוריק אָפּגעשפּרונגען פון פענסטער. דער ים האָט גערוישט — און אונטן, לעבן ברעג, האָט זיך געשאָקלט און געוויגט אויף די וועלן אַ קליין שיפעלע.

דוכט זיך דאָס אים? איז דאָס נאָר אַ בילד פון זיין צעהיצטער פאַנטאַזיע? ער לויפט אַרום הין און צוריק אין זיין ענג קאַמערל, און זיין שאָטן ציט זיך דורך דער אייזערנער גראַטע פון פענסטער. און ער שפּרינגט ווידער אַרויף און קוקט מיט אַ זשעדנעם בליק אַראָפּ אין דעם טונקל. די וועלן שלאָגן זיך אָן ברעג, און דאָס שיפל וויגט זיך, מאַניעט און רייצט דעם געפאַנגענעם. דער מאַסט קרעכצעט אונטער די מעכטיקע וועלן, וואָס שלאָגן אָן די פּלאַנקען פון לייוונט. דעם געפאַנגענעם אָבער קלינגט דאָס ווי אַ זיסער געזאַנג, וואָס מאַניעט אים ווייט אַהין, אַרויס. ער שפּרינגט ווידער אַראָפּ, טוליעט זיך צו צו דער ערד אין אַ ווינקעלע און וויגט זיך איין מיט די אויגן אין פענסטער.

עטלאַכע מינוטן זיינען פאַרבייגעגאַנגען.

דער געפאַנגענער האָט זיך פּלוצים אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צום וואַנט, אַרויסגענומען אַ שטיין און דערלאַנגט פון דאָרטן אַ באַהאַלטן קליין פיילכעלע; איז צוגעגאַנגען צום טיר, צוגעלייגט דאָס אויער און האָט זיך צוגעהערט. עס איז אַלץ געווען שטיל; אין קאָרידאָר האָט זיך קיין טריט ניט געהערט, עפּעס אַקוראַט ווי דאָס גאַנצע לעבן אין ת פ י ס ה איז אויסגעשטאָרבן, און מען האָט נאָר געהערט דאָס גערויש פון דעם שטורעם. ער איז צוגעגאַנגען צוריק צו דער גראַטע. שוין לאַנג, אויך אין אַזעלכע שטורמישע נעכט, האָט ער אָנגעפיילט די אייזערנע גראַטע. דער שטורעם האָט פאַרהילכט זיין האַסטיק פיילן, און די וואַך האָט גאָר ניט געקענט הערן.

צוליב וואָס ער האָט דאָס געטאָן, האָט ער אַליין ניט געוואוסט אַקוראַט. איבער'ן קאָפּ ביי אים איז הין און צוריק אומגעגאַנגען דער סאָלדאַט, וועלכער האָט מיט איין בליק געקענט אַרומכאַפּן דעם גאַנצן ברעג. די שיפלאַך פלעגן שטענדיק שטיין ביינאַכט אויף דעם אַנדערן ברעג, און ער פלעגט נאָר אין שטורמישע נעכט קענען אַרבעטן, ווען דער סאָלדאַט באַהאַלט זיך אין בודקע און וויקלט זיך איין אין שינעל און מיינט, אַז אין אַזאַ וועטער וועט קיין שיפל ניט צוגיין נאָענט און קיינער וועט זיך דעם ים ניט פאַרטרויען. אין אַזעלכע נעכט נאָר האָט דער געפאַנגענער געקענט האָפן די גראַטע דורכצופיילן און פון דער ת פ י ס ה אַנטלויפן...

– ווי? וואוהין? ווי אַזוי?...

ער האָט די אַלע האַרבע קשיות געוואוסט, אָבער אַ טונקעלע, אַן אומבאַשטימטע האָפנונג האָט אין אים נאָך געלעבט; און קוקנדיק אויפ׳ן ים, בעת ער איז געווען רואיק און גלאַט ווי אַ שפּיגל, האָט ער מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אַ שטורעמדיקער נאַכט. און אַז דער ווינט פלעגט אָנהייבן צו פייפן, און דער ים מיט אַ ווילדן רעש צו שלאָגן זיינע וועלן אָן שטיינערנעם ברעג, פלעגט ער אָנהייבן אַרבעטן. גאַנצע נעכט פלעגט ער פאַרברענגען ביי זיין אַרבעט, און אַז ער פלעגט זיך דערנאָכדעם אַ וואַרף טאָן אויף זיין האַרטן געלעגער, פלעגט ער איינ־שלאָפן שטאַרק און זען אין חלום – די פרייהייט. אָט דאָרטן איז זי! נאָר עטלאַכע פיילן אין לעצטן שטאָב טיילן אים אָפּ פון איר. יע, נאָך עפּעס: די אוממעגלאַכקייט דעם שטורמישן ים איבערצושווימען. דעם שטאָב וועט ער באַלד אין גאַנצן דורכפיילן און נאָכדעם בלייבט אים נאָר איין איינציקער שטער – נאָר איין איינציקער!

און ער פיילט ווייטער.

דער ים גרווילט, דאָס שיפל וויגט זיך לייכט אויפ׳ן וואַסער, דער געפאַנגענער פיילט, און אויבן אויפ׳ן מויער־וואַנט זוכט דער סאָלדאַט אין זיין בודקע שוץ פון דעם משונה׳דיקן ווינט.

אַז ער האָט די גראַטע דורכגעפיילט, האָט ער זי פאָרזיכטיק אַרויס־גענומען און אַנידערגעשטעלט אויפ׳ן בריק. געשווינט, ניט טראַכטנ־דיק, האָט ער אַ שפּרונג געטאָן אויפ׳ן פענסטער און פון דאָרטן אויף דער ערד. און ערשט דאַן האָט ער פאַרשטאַנען, וואָס עס שטייט אים פאָר!

דער שטורעם האָט אויך אים אַ טרייסל געטאָן. דאָרטן אין קעמערל האָט ער זיך גאָר נישט געקענט פאָרשטעלן, ווי גרויס עס איז דער כּוח פון שטורעם, און ערשט איצטער, פאַרכאַפּט פון דעם כּוח, באַטויבט פון דעם ווילדן רעש פון ים, האָט ער זיך געפילט שלאַף און שוואַך. די פינסטערקייט האָט זיך אים איצטער נאָך פינסטערער געדוכט, דער ווינט נאָך מורא׳דיקער.

און דער ים האָט אין גרויס צאָרן געע׳ט ענה׳ט מיט די פעלזן אויפ׳ן ברעג, און דער מענש איז געזעסן, געציטערט און צוגעהערט זיך מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ.

אָט טרעט דער ים צוריק. זיין רעש פאַרשטומט. די מיט שוים באַדעקטע וועלן גלעטן זיך אויס און די אָפּגעריסענע שטיינער פון הויכן ברעג פאַלן און קייקלען זיך מיט אַ טייוולישן געלעכטער אין ים.

דער מענש, אָנגעשפּאַרט אָן מויער, בייסט זיך איין מיט די אויגן אין דער וועלע, וואָס לויפט צוריק פון ברעג. אים דוכט זיך, אַז מיט איר פּליאַסק רופט זי אים אַרויס צו דער פרייהייט.

אָבער ווי נאָר די פינסטערניש רוקט זיך אָן ווידער, און די כוואַליעס

גיבן ווידער אַ קלאַפּ אָן דעם ברעג, דריקט ער זיך ווידער צום וואַנט. ער הייבט אויף די אויגן און קוקט מיט אַ דערשראָקענעם בליק אויף דעם טויטן שרעקלאַכן געבוי. הויך איבער דעם ים הייבט זיך אויף דער פעלז און קוקט, דאַכט זיך, מיט אַ שמייכל אויף זיין ליאַרעם.

בלייב דאָ! — זאָגן די מויערן. — הינטער אונז איז רואיק און שטיל — דאָרטן איז אומרואיקייט און געפאַר!

די האַרמאַטן שטרעקן אויס איבער אים זייער האַלז און קוקן שטום אויף דעם שׂונא און וואַרטן. די אויפגערעגטע אַכזריות'דיקע נאַטור האָט זיין פאַרשלאָגן האַרץ מיט שרעק אָנגעפילט.

ניין, —טראַכט ער, —אַזוי רעדט נאָר צו מיר דער אונטערגאַנג מיט זיין שרעקלאַכן קול; דאָס איז דער טויט, וואָס שוועבט איבער'ן ים און רופט נאָך זיין קרבן.

און ער האָט זיך אויפגעהויבן, מיט ציטערדיקע טריט צוגעגאַנגען צו זיין קעמערל. האַסטיק שפּרינגט ער אַרויף אויפ'ן פענסטער און קוקט זיך נאָך אַמאָל אַרום אין זיין קעמערל.

3

דאָס ליכטל האָט געברענט ווי פריער. אין זיין רואיקן טויטלאַכן שיין האָט מען געקענט אַרומקוקן דאָס גאַנצע קעמערל מיט יעדן ווינקעלע. פון די מויער־ווענט און פון דעם געוועלבטן באַלקן האָבן געקוקט אויף דעם מענשן אַ סך יאָרן פון זיין לעבן, און די שטילקייט, וואָס דאָ האָט געהערשט, האָט זיך אים אויסגעוויזן נאָך שרעקלאַכער, ווי דאָס ווילדע ברויזן פון ים.

ווידער האָט אים אַרומגעכאַפּט דער שטורעם, ווידער האָט איבער זיין קאָפּ געקוקט דער אָפענער האַלז פון די האַרמאַטן, ווידער האָבן גערוישט די וועלן. נאָר דאָס ווילדע ברויזן פון ים האָט אים איצטער געקלונגען ווי אַ פריילאַכער קול פון אַ ברודער...

4

ער וואַרפט זיך צום שיפל און בינדט אָפּ האַסטיק די קייט. ער האָט אַרומגעקוקט דאָס שיפל, עס איז געווען אין אָרדענונג: דער לייוונט איז געלעגן אינווייניק, די רודערס אָנגעטשעפּעט אָן די שליסלען אין דער לענג פון שיפל. דער רודער האָט זיך געשאָקלט אין די וועלן, אַקוראַט ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַ שטאַרקער קענער־האַנט.

נאָך אַמאָל אַ קוק אין דעם חושך פון ים.

אויס אַלע ספקות! ער האָט זיך אַנטשלאָסן!

אַ נייער שטורעם האָט אַ קלאַפּ געטאָן. דער מאַן איז אַריינגעשפּרונגען אין שיפל, האָט עס אַ קער געטאָן צום ווייטן ברעג, האָט אָנגעצויגן דעם לייוונט און גענומען אין האַנט דעם רודער. דאָס שיפל גיט זיך אַ הייב,

גיט אַ ציטער, בלייבט אַ ר ג ע שטיין, און ווי אַ פייל פון בויגן פליט עס פלוצים אין דעם ווילדן ח ו ש ך אַריין. דער לייוונט בלאָזט זיך אָן שטראָף און שטראָם, און דעם מאַן ביים רודער פאַרכאַפּט דער אָטעם.

עטלאַכע ר ג ע'ס פאַרגייען... אינסטינקטיוו קערט ער זיך אום. אָבער וועגן צוריקקערן זיך אין פעסטונג קומט אים קיין געדאַנק אין מ ו ח נישט אַריין. די פינסטערע מ ו ר א'דיקע געשטאַלט פון דער פעס־טונג איז געשטאַנען הויך איבער'ן י ם און איז פאַרשוואונדן מיט אַן אומ־גלויבלאַכער געשווינטקייט.

און ווי אַ ה י פ ו ך צו דעם ווילדן טרייבן דאָ, איז פאַר דעם מאַן אויפ־געשטאַנען די ת פ י ס ה, די טויטע שטילקייט אין איר. די באַלויכטענע ווענט, דער נידעריקער באַלקן, דער שטרויזאַק אויפ'ן בריק. די טויטע רו און שטילקייט איז געווען נאָך שרעקלאַכער פאַר דער ווילדקייט פון י ם. דאָ וואַרט אויף אים אַ קאַמף מיט דעם טויט – פאַר זיין לעבן, דאָרטן קוקט שוין דער טויט אַליין מיט זיין קאַלטן רויטלאַכן שיין!

ער וויגט זיך מיט דעם שיפל צוגלייך און זינקט מיט אים אין דער טונקעלער טיפקייט.

— פאָרוועריטס, מיט מוט!

מיט אַמאָל גיט אַ קלאַפּ ווי אַ דונער הינטער אים; די לופט ווערט דער־ציטערט, דער טאָן צעקייקלט זיך איבער'ן י ם, און דער ווידער־ק ו ל פון מ ו ר א'דיקן שאָס צעברעכט זיך אָן די ווילדע כוואַליעס... העל באַלויכטן האָבן זיי די וועלן, גלענצן אין דעם רויטן ליכט, לעשן זיך אויס און פאַרשווינדן אין דער אַרומיקער פינסטערניש.

דאָס שיפל פליט אַראָפּ אין דעם אָפּגרונט, הייבט זיך ווידער און פליט אַרויף אויף אַ באַרג פון וועלן. דער מאַן האַלט זיך שטאַרק און קוקט זיך אַרום. דער אינזל מיט דער ת פ י ס ה זיינען לאַנג פאַרשוואונדן, און נאָר איין אויגנבליק האָט געציטערט פון וייטן דער שוואַכער שיין פון דעם צווייטן האַרמאַטנשאָס, וועלכער האָט געפּאָדערט צוריק זיין גערויבטן ק ר ב ן פון י ם.

די האַנט פון דעם מאַן האָט געדריקט פעסט אויפ'ן רודער פון שיפל. אים האָט זיך געדוכט, אַז דער אייזן מוז צעשמאָלצן ווערן אונטער אַזאַ דרוק. אין זיין האַרצן האָט זיך אויפגעהויבן אַ געפיל פון פרייד, ווי ער האָט נאָך ניט געהאַט. און אַ הויכער, אַ שטאַרקער געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין ברוסט און צעגאָסן זיך איבער'ן י ם...

ער איז געווען אַליין–אַליין ווייט און ברייט: אַליין אויפ'ן מ ו ר א'־דיקן אומבאַגרענעצטן י ם. ער האַלט זיין שיקזאַל אין זיין אייגענער האַנט, – און די האַנט ציטערט נישט. זיין אויג וועט אים נישט פאַרפירן. פון וועלע צו וועלע, פון אָפּגרונט צו אָפּגרונט... ווער וועט אַנטקעגן אים שטרייטן?... קיינער נישט, קיינער נישט!..

דער הימל איז געווען טונקל, דער ים האָט גערוישט, און ווייט און ברייט האָט מען גאָר נישט געקענט זען אַ חוץ דער פינסטערניש און דעם ווילדן טאַנץ פון די ווערלן.

5

אויף מאָרגן איז די זון אויפגעגאַנגען איבער'ן קלאָרן בלאַסן הימל. דער שטורעם האָט זיך געלייגט, דער ים האָט זיך באַרואיקט.

אויף דער וואַנט פון מויער איז געשטאַנען אַ נייע וואַך. אַ קליינער דאַמפּער איז צוגעגאַנגען צום ברעג און אויסגעשפּרייט נאָך זיך אַ לאַנגן פּאַס פון רויך.

דער נעכטיקער פישער איז געשטאַנען אויפ'ן ברעג און געקוקט פאַר־טראַכט אויפ'ן ים.

זיין שיפל איז פאַרלאָרן געגאַנגען; אָבער נישט וועגן שיפל האָט ער געטראַכט: ער האָט געקוקט אויף דעם פינקלדיקן לאַכנדיקן ים און האָט געטראַכט וועגן נעכטיקן שטורעם און וועגן — דעם מאַן.

וואו קען ער איצט זיין? צו ליגט ער ערגעץ אויפ'ן טיפן גרונט פונ'ם ים? צו וואַנדערט ער ערגעץ דאָרט ווייט אויף יענעם ברעג און קוקט צוריק אויף דעם פינסטערן געבוי?

אָבער וואו ער זאָל נישט זיין, וואוהין ס'האָט אים ניט פאַרטראָגן דער שיינער, אַכזריות'דיקער מורא'דיקער ים — ער האָט געלעבט! אַנשטאָט יאָרן לאַנג אויסצוגיין אין דער פינסטערער תּפיסה ווי אַ שטילע ליכט, האָט אים דעם ים געשענקט אַ רגע, אָבער אַ רגע פון אַ פול גאַנץ לעבן!...

וו. קאָראָלענקאָ.

# אויף די וועגן סיבירער.

(ליריש ליד).

1

אויף די וועגן סיבירער
קאָן עמיץ נאָך איצטער געפינען אַ קנעפּל, אַ שטריקל
פון מיינס אַ צעבראָכענעם פּליט,
אַ רימענעם פּאַס, פון אַ ליימענעם קריגל אַ שטיקל,
אַ בלעטל פון מיינעם אַ בוך.

אויף די טייכן סיבירער
קאָן עמיץ נאָך איצטער געפינען אַ צייכן, אַ שפּענדל

פון מיינס אַ צעבראָכענעם פּליט,
אין שניי איינגעפרוירענע טריט...

2

די פעלדער צעשפּרייטע אין דער לענג, אין דער ברייט,
די זון אַזוי מיד, ווי מיר אַלע, פאַרגייט,
זי לאָזט זיך אַראָפּ אַזוי שטיל, אַזוי זאַכט,
געבויגן, געקניט פאַר דער קומענדער נאַכט.

ס'הערט ניט אויף שלאָגן די שטראָפנדע האַנט,
זי טרייבט אונז צו גיין נאָכאַנאַנד, נאָכאַנאַנד
און לאָזט אונז ניט פאַלן, מיט ליפּן פאַרשמאַכטע
צו קושן די טריט פון דער קומענדער נאַכט...

3

עס וועלן אונז ביינאַכט
קיין פרעמדע טריט דערפרייען.
און אונזערע — דער ווינט
פאַרשיטן וועט, פאַרווייען.

און קומען וועלן מיר
אין ערגעץ זיך צושלעפּן;
אַ חורבה ערגעץ שטייט,
פאַרוואָרפן אין די סטעפּן.

זי שטייט און וואַרט אויף אונז,
די טירן, פענסטער אָפן.
אַ פאַל טאָן וועלן מיר
און שלאָפן, שלאָפן, שלאָפן...

ה. לייוויק.

# אין סיביר פאַרשיקטע.

מע האָט אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט—ביז נאַכט און פון באַגינען,
זיצט מען איצטער אויף די בלעכן מיד...
זינגט דער פעטער פיניע זיין פלימעניק פיניען
יעדן אָוונט, יעדע נאַכט אַ ליד:
—„...איצטער לעבן זיי אין קייטן און אין שניי,
איצטער זיינען זיי שוין ווייט אַזוי...

אַך, איז דאַן אַ צייט אַזאַ געווען,
אין וואַרשטאַטן האָט געפיבערט און געוועקט...
סטרייק און בלוט און פרייד פון מאַרסעליעזע, —
אַז וואָס ווייסטו, וואָס פאַרשטייסטו, שנעק!

האָט מען זיי אַלעמען אַזעלכע האַסטיק־הייסע
גענומען און פאַרוואָרפן קיין סיביר.
ווען, אָ, ווען וועט מען אַ נעם טאָן אָט דעם קייסער
און שווערהייט אַ בראָך טאָן דורך דער טיר!...

און גרינג, און גיך אַ נעם טאָן יענע ברידער,
גרינג און גיך אַ טראָג טאָן ביז אַהער."
יעדן אָוונט זינגט דער פעטער פיניע לידער,
יעדן אָוונט ווערט דער דאַך פאַרקלערט...

און אַלע נאַכט אויף שטילקייט פון געלעגער
דערהער איך שטיל, אַזוי ווי דורך אַ ווינט, —
ס'קלאָגן קייטן עלנט אויף די וועגן,
און זיי, פאַרוויייטע, קוקן שטיל אויף מיר,

אַזעלכע הויכע, קרעפטיקע און ווייטע,
ס'מוז יעדערער פון זיי דאָך זיין אַ ריז.
ווען כ'קען כאָטש איינמאָל נאָר אַ קוק טאָן פון דערווייטן
און שטילערהייט אַ זאָג טאָן זיי: איך גריס!...

נאָר סיביר איז ווייט, ווייט אַזוי פון דאַנען,
און אונזער גרוס פאַרלירט זיך און פאַרפּרירט...
מיר ווייסן: ס'איז ביים קייסער אַ לאַנד אַזאַ פּאַראַנען.
רופט מען דאָס פאַרווייעטע סיביר.

איזי כאַריק.

# אַ וויג־ליד.

(רעוואָלוציאָנער ליד).

ס'לויפן, ס'יאָגן שוואַרצע וואָלקנס,
ס'פּייפט און ס'ברומט דער ווינט.
פון סיביריען שיקט דיין טאַטע
דיר אַ גרוס, מיין קינד!

נאָר דער ווינט—ער ברענגט אונז גרוסן
פון דעם קאַלטן לאַנד;
דאָרטן שטייט ער, אַ לאָפּאַטע
האַלט ער אין דער האַנט.

און ער גראָבט אַלץ טיפער, טיפער,
וואַרפט די ערד אַרויס.
נישט געזאָרגט דאָך! פאַר'ן שקר
גראָבט ער קברים אויס.

נישט דער ערשטער, נישט דער לעצטער
פאַלט ער אויפ'ן פעלד!
זאָרג נישט, קינד מיינס, דיך געבאָרן
האָט אַ גרויסער העלד.

און אַ העלד וועסטו אויסוואַקסן
שלאָף זשע, שלאָף אַצינד;
זאַמל כּוחות פאַר דער צוקונפט,
זאַמל, איינציק קינד!

ה. ד. נאָמבערג.

# דאָס נייע ליד.

(רעוואָלוציאָנער ליד).

און זאָל ווי ווייט
נאָך זיין די צייט
פון ליבע און פון שלום,

דאָך קומען וועט,
צי פרי צי שפּעט
די צייט — עס איז קיין חלום!

איך הער דאָס ליד,
פון ליבע, פריד,
די מעכטיקע געזאַנגען,

און יעדער טאָן
פון ליד זאָגט אָן:
די זון איז אויפגעגאַנגען.

עס עקט די נאַכט,
די וועלט דערוואַכט
פול האָפנונג, לוסט און שטרעבן.

דו הערסט — אין לופט
אַ שטימע רופט:
צו גליק און פרייד און לעבן!...

א. רייזען.

# די וואַנט.

(רעוואָלוציאָנער בילד).

די אויגן — פול־צאָרן, פאַרגאָסן מיט בלוט,
די הערצער — זיי שלאָגן מיט קראַפט און מיט מוט.
מיר שטייען ביי אַ הויכער, געמויערטער וואַנט
מיט העק און מיט האַמערס און אייזנס אין האַנט —
מיר ברעכן די וואַנט!

די וואַנט איז געמויערט גאָר פעסט און גאָר דיק,
פאַרצוימט אונז די וועגן צום לעבן, צום גליק,
פאַרשטעלט אונז די ליכטיקע זון און זי מאַכט
פון פריילאַכן טאָג אונז אַ פינסטערע נאַכט.—
מיר ברעכן די וואַנט!

און פאַלט פון דער שטיינערנער וואַנט ווען אַראָפּ
אַ שטיין, צי אַ ציגל טרעפט ווּעמען אין קאָפּ,—
די איבעריקע בלייבן דאָך שטיין גאָר אָן שרעק
און אַרבעטן ווייטער, מען לויפט נישט אַוועק:—
מיר ברעכן די וואַנט!

די אַרבעט דאַרף דויערן, די אַרבעט איז שווער. —
פאַרזאַמלט זיך, ברידער, קומט אַלע אַהער!
זאָל יעדערער צולייגן פעסטער זיין האַנט!
מיר וועלן די הויכע, די פינסטערע וואַנט —
צעברעכן, צעברעכן!

א. רייזען

# דער שטורעמפויגל.

אויף דעם גרוי־באַשוימטן ים־פעלד קלייבט דער ווינט צונויף די וואָלקנס. צווישן ים און צווישן וואָלקנס שטאָלציק שוועבט דער שטורעמפויגל, ענלאַך צו אַ בליץ אַ שוואַרצן.

אָט באַרירט ער ים מיט פליגלען, און אָט רייסט ער זיך צום הימל, און ער שרייט. די וואָלקנס הערן פרייד אין זיין באַמוטיקט שרייען. ס'איז אַ דורשט־געשריי נאָך שטורעם: מאַכט פון צאָרן, פלאַם פון תאווה און אַ גלויבן אין ניצחון הערן וואָלקנס אין דעם שרייען!

מעוועס זיפצן פאַר'ן שטורעם, שליידערן זיך איבער וועלן, זיינען גרייט אין ים באַהאַלטן די פחדנות פאַר'ן שטורעם. ס'זיפצן אויכעט די גאַגאַרן; זיי איז פרעמד און אומפאַרשטענדלאַך די התפעלות פון מלחמה, און עס שרעקט זיי אָפּ דער דונער. אויך דער פינגווין, פול מיט פחד, וויל זיין פעטן גוף באַהאַלטן אין די מעכטיק־גרויסע פעלזן... נאָר דער שטאָלצער שטורעמפויגל שוועבט זיך פריי און דרייסט און מוטיק איבער שוימיק־גרויע וועלן.

און אַלץ נידעריקער און שוואַרצער לאָזן זיך אַראָפּ די וואָלקנס, און די וועלן זינגען, שפרינגען, רייסן זיך אַנטקעגן דונער! ס'קראַכט דער דונער, און די וועלן שטרייטן קעגן ווינט מיט צאָרן. און דער ווינט מיט שטאַרקע אָרעמס כאַפּט אַרום די ריזן־כוואַליעס, און ער וואַרפט מיט ווילדן צאָרן זיי אויף שפיצן פון די פעלזן, און צעדריקט אויף שטויב און שפריצן אָט די דימענטענע ריזן.

ס'שרייט און ס'שוועבט דער שטורעמפויגל, ענלאַך צו אַ בליץ אַ שוואַרצן; ווי אַ פייל שניידט דורך די וואָלקנס, רייסט די וועלן מיט די פליגלען, און ער טראָגט זיך ווי אַ טייוול, — שטאָלצער, שוואַרצער שטורעמטייוול, — און צעיאָמערט זיך פון פחד... פון די שוואַרצע וואָלקנס לאַכט ער, און פון פרייד און שמחה וויינט ער... אין דעם כעס פון דעם דונער הערט ער לאַנג די שוואַכע מידקייט: ער איז זיכער, אַז די וואָלקנס זיינען קעגן זון אָנמעכטיק — קאָנען ניט די שיין פאַרדעקן...

ס'פייפט דער ווינט... עס קראַכט דער דונער... מיט בלויען פייער פלאַמען איבער תהום פון ים די וואָלקנס.

ס כאַפּט דער ים די בליצן־פיילן און פאַרלעשט זיי אין זיין אָפּגרונט; און ווי פייערדיקע שלאַנגען שוועבן איבער ים די בליצן, און באַהאַלטן זיך, פאַרשווינדן...

— שטורעם! באַלד וועט אויסברעכן אַ שטורעם!

ס'שוועבט דער שוואַרצער שטורעמפויגל פריי און מוטיק צווישן בליצן איבער ים, וואָס רוישט מיט צאָרן. ס'שרייט דער נביא פון ניצחון:

— זאָל נאָך שטאַרקער זיין דער שטורעם!...

מאַקסים גאָרקי.

# מאָמענטן פון די פרייהייטס־טעג.

5־טן אַפּריל, אין יאָר 1905.

איך בין אין וואַרשע. אין פּאַוויאַק (אַ תּפיסה וואו עס זיצן פּאָלי־טישע געפאַנגענע) איז געשטאָרבן איינער פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע. טויזנטער האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן פאַר'ן פּאַוויאַק און פאַרלאַנגט דעם טויטן.

זעלנער זיינען באַפאַלן דעם עולם און האָבן אָנגעהויבן צו שיסן. דער עולם איז געשטאַנען ווי אַ וואַנט, און עס זיינען געפאַלן איין קאָפּ נאָכ'ן צווייטן.

מיט 2 שעה שפּעטער.

איך בין געגאַנגען אין גאַס. טויזנטער איילן זיך אַהין, צום פּאַוויאַק. קיינער ווייס ניט, אויב ער וועט צוריקקומען. די אַלע זיינען גרייט מיט געוואַלד אַרויסבאַקומען דעם טויטן.

אַ מלחמה באַשאַפט העלדן.

אויף דער נאַכט.

אַ שמאָלע גאַס, צוויי הויכע ציילן שטייען שטום. אין די עקן שטייען זעלנער מיט ביקסן, לאָזן ניט אַדורך; זעלנער מיט געווער יאָגן, שיסן. ווער עס קאָן כאַפּט זיך אַריין אין די טויערן. די סטרוזשעס האָבן די טויערן פאַרשלאָסן און לאָזן ניט אַריין. אויף די גאַסן לויפן נאָך אַרום מענשן, זוכנדיק ערגעץ אַן אָרט זיך צו באַשיצן פון די קוילן.

ביינאַכט.

מיין פענסטער איז אויפ'ן פינפטן שטאָק. ביי טאָג זעט מען דעכער, קוימענס איבער קוימענס, די נאַכט איז שוואַרץ. אין די שוואַרצע נעכט קאָן איך נאָר אָפּשיידן די שוואַרצע שאָטנס פון די פאַבריק־קוימענס. איך הער אַ געוואַלד; מענשן לויפן.

דאָס אויער רייסט דורך אַן עכאָ פון אַ שיסערײַ.

עס איז נאַכט, עמיצער קלאַפּט אין מיין טיר.

עס קומט אַריין מיין חבר אַברהם.

— דו גייסט מיט מיר.

און מיר זיינען געגאַנגען.

איך געדענק ניט ווי און וואוהין. ער האָט מיך ערגעץ־וואו אין די אידישע גאַסן פאַרפירט, אַריין מיט מיר אין אַ לאַנגן שוואַרצן דורכגאַנג. דערנאָך אויף טרעפּ.

מיין חבר האָט ערגעץ וואו אָנגעקלאַפּט—אין אַ טיר, צי אין אַ וואַנט, געגעבן פאַראָל, און אַ טיר האָט זיך געעפנט.

מיר זיינען אין אַ קליין פינסטער שטיבל, דאָס פלעמל פונ'ם ברענענ־דיקן לעמפּל איז פאַרטרונקען אין אַ וואָלקן רויך פון פּאַפּיראָסן. איידער

מיר זיינען אַריין, זעט זיך אויס, האָט מען געמוזט זיין פאַרנומען אין זייער אַן ערנסטן שמועס; נאָר ביי אונזער אַריינקומען איז דער שמועס געוואָרן איבערגעהאַקט און עס איז זייער שטיל געוואָרן.

— חברים, רעדט ווייטער.

ווי עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, האָט מען גערעדט וועגן אַ גראַנדיעזער מאַניפעסטאַציע אויף מאָרגן צום צענטן פּאַוויליאָן—פאָדערן די קערפּערס פון די הינגעריכטע חברים (יאַנקלס און נאָך אַנדערע).

אין אַ ווינקל איז געזעסן איינער אַ יונגערמאַן, זייער מאָדנע אָנגעטאָן (דערנאָך בין איך געוואָר געוואָרן, אַז עס איז אַ זעלנער פון שלאָס), און האָט דערציילט פון דער נאַכט, ווען מען האָט יאַנקלען זיין רעכט געטאָן.

— זיכער, מיט רואיקע טריט איז יאַנקל געגאַנגען, געפירט צווישן צוויי זעלנער, צו דער תליה. פאַר'ן טויט האָט ער זיך געווענדעט צו די זעלנער, צו די אָפיצערן:

„זעט, מענשן זיינען זיך מוסר נפש, גייען מיט זיכערע טריט צום טויט, קעמפנדיק פאַר פרייהייט, פאַר אַ בעסערער צוקונפט, פאַר אונז, פאַר אייך...”

דער אָפיצער האָט געהייסן פויקן, אַז מע זאָל ניט הערן, וואָס ער רעדט. נאָר דער זעלנער מיט'ן פויק האָט זיך אַ מינוט געוואַקלט, גע־וואָלט אויסהערן די רעדע.

און עס האָט זיך נאָך געהערט יאַנקלס קול...

דער עולם האָט אויסגעהערט שטיל, און מע האָט זיך גענומען האַנדלען איבער דעם, ווי טעכניש די מאַניפעסטאַציע דורכצופירן.

אינדעם קלאַפּט מען אין טיר.

דער עולם ווערט שטיל.

מע גיט אַ פּאַראָל, און אַ קליין מענשל טוט אַ קום אַריין און פירט מיט נאָך וועמען דאָרט: מע רוימט זיך עפּעס.

עס ווערט שטיל.

די אָנגעקומענע פאַרלאָזן באַלד דאָס צימער.

— חברים, — רופט זיך אָפּ אַ שטים, — וואַרשע איז דערקלערט געוואָרן אין קריג־צושטאַנד. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט אַרויס־געגעבן אַ באַפעל די זעלנער צו שיסן ביי דער קלענסטער מאַסנפאַר־זאַמלונג!

— חברים, — רופט זיך אָפּ אַ צווייטע שטים, — די מאַניפעסטאַציע מוז פאָרקומען. עס שרייט אין די גאַסן!

— געוויס! — האָבן זיך אָפּגערופן אַנדערע קולות.

---

מאָנטאָג.

שטיל אין גאַס. די געוועלבער זיינען צו. די שוי־פענסטער פאַר־

האַקט. מאַסן מענשן דרייען זיך אַרום אויף די טראָטואַרן רואיק, מיט איינגעהאַלטענע טריט.

עס קומט צו גיין אַ מענש און וואַרפט אַ וואָרט... און ווערט פאַר־שוואונדן. מע ווייסט ניט ווען, ניט וואו. און דער עולם איז שוין אַראָפּ פון טראָטואַר, פאַרנומען די גאַס און מע גייט.

צוויי הויכע שערענגעס הייזער ציען זיך גאַנץ ווייט אַוועק און ווערן ערגעץ ווייט פאַרנעפּלט, און צווישן די שערענגעס הייזער — די מאַסע, אַ ים קעפּ.

און אויף דעם ים קעפּ שווימט, ווי אַ זעגל־בוים, אַ פאָן אַ רויטע און ווייזט אַ וועג.

„ניט פון גאָלד געהעפט, ניט רייך געפּוצט איז די אַרבעטער־פאָן. אין די שוואַרצע נעכט, אין פינסטערן קעלער, האָט די נויט דעם פאָדעם געשפּינט.“

אין בלוט איז דער פאָדעם געטונקט געוואָרן; אין בלוט פון הרוגים.

פלאַטער, אָרימקייט, פלאַטער איבער דעם ים קעפּ! און שאַרף און שטאַרק זאָג דיין וואָרט, שאַרף און שטאַרק, ווי דיין האַמער, ווי דיין האַנט איז. — און פון טויזנטער ברוסטן איין געשריי, איין קול: די „שבועה“.

זעלנער קומען אָן.

אַ גאַנצע ראָטע. אַ מינוט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, אַ מינוט האָט זיך די מאַסע אויך אָפּגעשטעלט, איינער דעם צווייטן אין פּנים געקוקט.

עס איז שטיל געוואָרן, זייער שטיל.

מע האָט נאָך ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז; עפּעס אַ ווינט איז דורך אונזערע קעפּ דורכגעפלויגן.

— טראַכ—כ—ך!

— דאָ און דאָרט האָבן זיך מענשן איינגעבויגן אין דער מאַסע. און אין דעם ים קעפּ זיינען עפּעס לעכער געוואָרן.

טראַכ—כ—ך!

אַ ווינט האָט מיין הוט אַראָפּגעשלעפּט.

מיין חבר אברהם בייגט זיך איין.

— וואָס איז דיר?

ער ענטפערט ניט.

— זוכסט עפּעס?

זיינע פיס גליטשן זיך אונטער אים.

איך בייג זיך אַראָפּ, איך טאַפּ אָן, עפּעס רינט מיר דורך מיין האַנט.

וואָס איז דאָס?

עס איז ווער געפאַלן איבער מיר.

מיין קאָפּ ליגט אויף עפּעס זייער ווייכעס.

עס איז מיר זייער פינסטער אין די אויגן...

מיטוואָך. פרימאָרגן.
לער און ליידיק איז די גאַס. קיין מענש, קיין פערד, קיין הונט. נאָר געדיכטע פּאַטרולן זעלנער, געפירט פון אַ גאַראָדאָוואָי, שפּרייזן דורך דער גאַס.

לוויות ציען זיך איבער'ן גאַס, פון שפּיטאָל אויפ'ן בית־עולם, די קרבנות פון דער מאָנטאָגדיקער דעמאָנסטראַציע. אַ שווערער קאַסטן, געצויגן פון אַ בלינד פערד. אַ קרייז פון פּאָרנט, אַ טאַטע, אַ מאַמע נאָכ'ן קאַסטן, פוןביידע זייטן—פּאַטרולן זעלנער.

---

פרייטאָג, דריי אַ זייגער.
מע זאָגט, אַז פּאָליציי האָט באַקומען אַ באַפעל ניט צו שטערן די מאַניפעסטירנדיקע. די פּאַטרולן אין גאַס ווערן וואָס אַמאָל ווינציקער. וואָס אַמאָל ווייזן זיך מער זעלנער צווישן עולם.

פון איין גאַס צו דער צווייטער ציען זיך מאַניפעסטאַציעס מיט רויטע פאָנען. דער סטראַזשניק ביים עק גאַס שטייט, זעט און גלויבט זיינע אויגן ניט. דער עולם פאַרלאַנגט פון אים ער זאָל דאָס היטל אַראָפּנעמען. ער טוט דאָס מיט אַן אידיאָטישן שמייכל אויף די ליפּן. טייל פון עולם שטעקן אים די רויטע פאָן אין האַנט אַריין און נעמען אים מיט פאָרויס. פּנימ'ער באַווייזן זיך אין די פענסטער. מענשן אויף די באַלקאָנען פּאָכען מיט די ווייסע טיכלאַך.

אַ מענש קומט אָן אַנטקעגן דער מאַניפעסטאַציע:
– באַגריס די פרייהייט!
– זאָל לעבן די פרייהייט!
אַן אָפיצער אויפ'ן טראָטואַר נעמט אַראָפּ דאָס היטל.
– נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!
– נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!—שאָקלט מיט דער אָפיצער מיט'ן קאָפּ.

אויף אַ לייטער אינמיטן גאַס שטייט אַ בונדיסט און רעדט צום פאָלק: „מיר געניסן פון דער פרייהייט, בשעת די, וואָס האָבן אונז געגעבן די פרייהייט, שמאַכטן אין די קערקערס פון פּאַוויאַק, אין דעם צענטן פּאַוויליאָן!"
– צום פּאַוויאַק! – שרייט דער עולם.
– צום פּאַוויאַק!

פאַרנאַכט.
פון אַלע הייזער האָבן זיך טיר און טויער געעפנט. און כוואַליעס מענשן האָבן זיך פון די הייזער אַרויסגעגאָסן. אין גאַס איז היימלאַך. די גאַס איז פריילאַך. אַלע מיט יום־טוב'דיקע פּנימ'ער, רויטע

בלימעלאַך אין די קלאַפּעס; מיידלאַך מיט רויטע בענדער אויף דער ברוסט, מיט געזאַנג אויף די ליפּן לאָזן זיך פון גאַס צו גאַס. איינער קען מיט דעם צווייטן, און איינער באַגריסט דעם צווייטן; מענשן קושן זיך אויף דער גאַס, אומבאַקאַנטע מיט אומבאַקאַנטע נעמען זיך אין די אָרעמס, שפּאַצירן אינייִנעם און זינגען אינייִנעם איין פרייהייטס־ליד. אַ זעלנער מיט אַ ביקס זעט מען אין גאַס ניט. די איינצלנע זעלנער, וואָס גייען אין גאַס, האָבן זיך אינייִנעם אויסגעמישט מיט׳ן עולם. דאָ קושט זיך אַ יונגערמאַן מיט אַ זעלנער, דאָרט כאַפּט דער עולם אַ זעלנער אויף די הענט און טראָגט אים אין מיטן גאַס.

— באַגריס די פרייהייט!

— זאָל לעבן די פרייהייט!

— הורר־אַ!

אין די פענסטער ווייזן זיך אילומינאַציעס. פון איבער דעכער שיסן אויס ראַקעטן, וועלכע צינדן אַ האַלבן הימל אונטער.

אַלט און יונג, קינד און קייט, זיינען אויף דער גאַס. פריי און אָפן איז אַלץ געוואָרן, עפּעס אַ גרויסער יאָך איז פון אַקסל געפאַלן. דאָס פאָלק קושט דעם סאָלדאַט, וואָס עס טרעפט אָן אויפ׳ן וועג, שטעקט אָן די קעשענעס פון דעם סטראַזשניק מיט אַלע גוטע זאַכן, און וואַרעם דריקן אים יונגע מענשן די האַנט און באַגריסן אים:

— פרייער בירגער!

פאַרגעסן האָט דאָס פאָלק די שנאה פון נעכטן, פאַרגעסן אָן דער נקמה, וואָס עס האָט געשוואָרן ביי קברים פון די קרבנות, פאַר־געסן האָט דאָס פאָלק אָן אַלץ.

און צום טיראַנישן באַדריקער האָט דאָס פאָלק די האַנט אויסגע־שטרעקט און האַרצלאַך און ברידערלאַך זיין האַנט געדריקט:

— זיי באַגריסט, דו פרייער בירגער!

און די פרייהייט האָט זיך אין דער לופט געטראָגן, אָנגעפילט דעם גאַנצן רוים, און ווער עס האָט די לופט געשעפּט, האָט אין זיך די פרייהייט געפילט:

— זיי באַגריסט, דו פרייער בירגער!

— צום פּאַוויאַק, צום ראָטהויז!

— באַפרייען די אַרעסטירטע!

---

פאַר׳ן פּאַוויאַק זיינען שוין געשטאַנען איין דעמאָנסטרירנדיקע מאַסע נאָך דער צווייטער, יעדע פּאַרטיי מיט איר פאָן. פאַר יעדער פּאַרטיי־מאַסע איז געשטאַנען אַ רעדנער אויפ׳ן צווייטנס אַקסל און גערעדט פאַר׳ן עולם:

—...מיר געניסן פון דער פרייהייט, וואָס זיי האָבן אונז געגעבן, איצט,

אין דער מינוט, ווען זיי שמאַכטן נאָך אין די פינסטערע קאַמערן פון פּאַוויאַק! ניין! ניט פריער וועלן מיר אָפּטרעטן פון דאַנען, ביז זיי וועלן ניט זיין צווישן אונז!...

פּנים אין פּנים מיט די מאַניפעסטאַנטן, פאַר'ן פּאַוויאַק, זיינען געשטאַנען קאָזאַקן אויף די פערד, מיט די ביקסן אין די הענט, און האָבן ניט צוגעלאָזט די מאַניפעסטאַנטן צום פּאַוויאַק צו.

די מאַניפעסטאַנטן האָבן אַרויסגעשיקט פון זיך דעלעגאַטן צו די אָפיצערן פון די קאָזאַקן:

— מיר ווילן אונזערע ברידער דאָ צווישן אונז!—האָבן די דעלעגירטע געזאָגט צו די אָפיצערן.

— ח ב ר י ם , לאָמיר אויפהויבן אונזערע שטימען, לאָמיר הויך זינגען אונזער פרייהייטס־ליד, אַז זיי דאָרט אין די פינסטערע לעכער פון פּאַ־וויאַק זאָלן אונז דערהערן....

„ע ד ו ת די ליכטיקע שטערן...!!"

און פון־ערגעץ וואו גאַנץ טיף, וואו עס מוז זיין זייער טונקל און פייכט, האָבן שטימען פון הונדערטער ברוסטן אָפּגעענטפערט:

„מיר שווערן! מיר שווערן!"

דאָס איז געווען די ש ב ו ע ה פון זיי דאָרט, פון שוואַרצן, פייכטן, גרויסן פּאַוויאַק...

---

פול מיט מענשן איז געווען דער טעאַטער־פּלאַץ, וואָס פאַר'ן ראָט־הויז. אַ גרויסע שוואַרצע מאַסע איז באַלויכטן פון פאַרשיידענע קאָליר־טע לעמפּלאַך, וואָס זיינען געווען אָנגעבונדן ביי די רויטע פענער און אַן דעם קייסערס מאָנאָגראַם, וואָס איז געהאַנגען פאַר'ן ראָטהויז. פונ'ם טעאַטער־באַלקאָן האָבן זיך אַראָפּגעגאָסן די מוזיק־טענער פון דער „רויטער פאָן". די טענער זיינען געפאַלן אין דער מאַסע אַריין; די מאַסע האָט זיי צוריק אויפגעהויבן, און עס האָט אַ ווייטע עכאָ פון טויזנטער ק ו ל ו ת ווייט־ווייט אָפּגעקלונגען. דאָ און דאָרט האָבן זיך געהערט רעדעס...

אויפ'ן באַלקאָן פון ראָטהויז האָט זיך באַוויזן דער פּאָליצמייסטער... ער האָט זיך געניגט... איין רעדנער, אַ צווייטער, אַ דריטער האָבן פ אַ ר ל אַ נ ג ט פון אים, אין נאָמען פון פאָלק, אַז ער זאָל באַפרייען די פּאָליטישע אַרעסטירטע, מיט וועלכע עס זיינען דורך דעם קריג־צושטאַנד פול געוואָרן אַלע טורמעס, שלעסער און קאַזאַרמעס.

---

דער ע ו ל ם האָט זיך צעשטעלט אין צוויי רייען. דער הויכער שווערער טויער פון ראָטהויז האָט זיך אויפגעעפנט און עס האָט זיך באַ־וויזן די ערשטע פּאָליטישע אַרעסטירטע. דאָס איז געווען אַ הויכע דאַרע

פרוי מיט אַ קינד אויף דער האַנט, איינגעוויקלט אין אַן אַלטן צעריסענעם טוך. די פרוי האָט מען געפירט דורך די רייען אונטער אַ רויטער פאָן. די מוזיק פון טעאַטר־באַלקאָן האָט אַ שאַל געטאָן און דער צענטוויזנטדי־קער עולם האָט זי באַגריסט מיט אַ דונער־שטאַרקן „הורראַ!" אַזוי האָט מען אַרויסגעלאָזט פון ראָטהויז אַ צוואַנציק, דרייסיק אַרעסטירטע.

און ווידער אַמאָל האָט זיך דער גרויסער שווערער טויער פון ראָט־הויז פאַרמאַכט.

נאָר דאָס פאָלק איז אַלץ ווייטער געשטאַנען. אויפ'ן באַלקאָן ווייזט זיך ווידער אַמאָל דער פּאָליצמייסטער מיט אַ ברוסט באַלייגט מיט אָרדנס און נייגט זיך צום עולם... זיין פרוי שיקט דורכ'ן פענסטער מיט דער האַנט קושן אַראָפּ...

ס'איז נאָך ניט פאַרזויערט געוואָרן דער דאַנקבאַרער שמייכל אויפן געזיכט פון אַ באַלעבאָס, וואָס איז צווישן עולם געשטאַנען, דער שמייכל, וואָס דעם פּאָליצמייסטערס דערשיינען האָט אַרויסגערופן, און מיטאַמאָל, פּלוצלונג,—קאָזאַקן באַווייזן זיך אויף פערד. דער עולם באַגריסט זיי... אַ פרוי שטרעקט איר האַנט אויס צו אַ קאָזאַק.

— זאָל זיין באַגריסט די פרייהייט!

מע דריקט זיך... דאַכט זיך מע לויפט...

— וואָס איז געשען? אַ פּרויעקגעוואַלד... קינדער וויינען...

מע האָט אָנגעהויבן צו לויפן. איין מענש איז איבער'ן צווייטן געלאָפן.

אַ שווערד האָט אַ בליץ געטאָן, עס האָט זיך דערהערט אַ געשריי, איין מענש איז געפאַלן אויפ'ן צווייטן, איינער האָט זיך אונטער דעם צווייטנס קערפּער באַהאַלטן. מאַמעס האָבן זייערע קינדער הינטער זיך באַהאַלטן, באַשיצנדיק זייערע לעבנס מיט זייער פרויען־קערפּערס...

די קאָזאַקן האָבן זיך מיט די פערד געגעבן אַ לאָז אַרויף אויפ'ן פאָלק. די שווערדן זיינען געפאַלן אויף די קעפּ, אויף די פּנימ'ער, איבער האַלז און נאַקן. אַ גרויסער טייל האָט זיך געגעבן אַ לאָז צום סקווער, וואָס איז מיט אַ שוואַרץ־אייזערנעם צוים אַרומגערינגלט. אַזוי האָבן זיך מענשן־קערפּער צום שטאָל און אייזן געפּרעסט און געשטיקט, באַגיסנדיק דאָס קאַלטע אייזן מיט וואַרעמען בלוט פון זייערע יונגע לעבנס...

שוואַרץ און פינסטער זיינען שוין געווען די גאַסן, איבער די שטיינער האָט נאָך אָפּגעקלונגען דאָס שווערע גיין פון די געדיכטע פּאַטרולן... טיר און טויער זיינען געווען פאַרהאַקט. נאָר דאָ און דאָרט איז נאָך גע־האַנגען פאַר אַ הויז אַן איינזאַם אילומינאַציע־לעמפּל, וואָס מע האָט אָנגעצונדן לכבוד דער פרייהייט, און וואָס דער סטרוזש האָט ניט צייט געהאַט עס אַרונטערצוכאַפּן, איידער ער האָט דעם טויער פאַרקלאַפּט פאַר די אַנטלאָפענע, וואָס די קאַזאַקן האָבן זיי נאָכגעיאָגט...

שלום אַש.

# די סטראַשידלע.

(פאַבל).

איך שמאַטעס אַלערליי געקליידט,
געשטאַנען איז אין גאָרטן שטילערהייט
צייט יאָרן אַ סטראַשידלע, קוים צונויפגעשלאָגן
פון ברעטלאַך, פּאַקוליע און שטרוי
און מיט'ן אויסזען בלויז די פייגעלאַך אַזוי
געשראָקן,
אַז ניט געוואַגט זיך האָבן זיי אַ פּיק צו טאָן
פון דאָרט אַ בלעטל, צי אַ גרייפּל מאָן...
איך ווייס ניט, ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט אַזוינס,
נאָר איינמאָל איז אַהין אַ שפּערלינגל אַ קליינס
גאָר צופעליק אַריין.
פון פרייער לופט פאַר'ש י כ ו ר'ט און פאַרבלענדט פון שיין
האָט ער, קאָן זיין,
דאָרט די סטראַשידלע א פ ש ר יע געזען,
נאָר ער איז יונג געווען,
נאָך ניט ערפאַרן
און האָט נאָך ניט געוואוסט פון פייגלשע געפאַרן;
האָט ער געמיינט, אַז אַלץ וואָס וואַקסט פון דר'ערד אַרויס,
געהערט דאָס צו די הונגעריקע בלויז...
איז ער אין גאָרטן זיך אַ רואיקער געזעסן
און זיך געלאָזט דאָרט וואוילגיין ביז'ן גאָר;
און נאָכדעם פלעגט ער שטענדיק קומען דאָרטן עסן.
אַזוי איז פאַר דער פויגל־וועלט געוואָרן קלאָר,
אַז די סטראַשידלע איז, אין ת ו ך גענומען,
אינגאַנצן גאָר ניט קיין געפאַר,

מען דאַרף זיך נאָר ניט שרעקן און ניט זיין קיין נאַר.
און אַלע פייגל האָבן טאַקע מוט באַקומען...
(ווייזט אויס,
גאָטס דרויסן קאָן מען ניט פאַרשטעלן).
דעם באַלעבאָס פון גאָרטן אָבער איז דורכויס
דער גאַנצער ע נ י ן ניט געפעלן...
און אויסגעפונען האָט ער צו די פייגל באַלד
אַן אַנדער מיטל:
אַזוי ווי די סטראַשידלע איז שוין אַלט,
באַדאַרף מען אָפּפרישן אַביסל איר געשטאַלט...
האָט ער איר אָנגעטאָן אַן אַנדער היטל,
די שמאָכטעס פאַקוליע און שטרוי פאַרנייט,
אין פאַרביקערע אָניצעס באַקליידט
און צוגעבונדן צו איר האַנט אַ גרויסן שטעקן.
נאָר דוכט זיך מיר, אַז דאָס איז אַלץ נאָך ניט גענוג;
ווייל פייגל, זאָגט מען, זיינען איצטער קלוג,
און ס'וועט דער נייער ג ו ל ם זיי שוין ניט דערשרעקן.

נחום יוד.

## פאַבל.

א פ א ב ל איז אַ ל ע ג א ר י ש מ ע ש ה'לע, ד. ה. אזא, אין וועלכער עס ווערט דערציילט איינס, און דער אווטאָר האָט אין זינען מיט דער מ ע ש ה'לע ארויסצוברענגען א ספעציעלן געדאַנק, פון וועלכן דער לעזער זאָל קאָנען עפּעס לערנען. אזא געדאַנק פון א פאַבל הייסט די „מאָראַל" פון דער פאַבל.

איז א פאבל קאָן דערציילט ווערן ניט נאָר וועגן מענשן, נאָר אויך וועגן ח י ו ת, פלאַנצן און א פ י ל ו אינגאַנצן ניט באַלעבטע זאַכן.

# מלחמה.



ברוטאַלע מאַכט. פּרעמיע.

## מוטער.

„אָ, מאַמע, כ'וויל אַ ביסל מילך,
ס'איז טרוקן מיר מיין גומען!..."
— מיין קינד! אַ בייזער פּאַסטוך האָט
די אַלע קי פאַרנומען.

„טאָ גיב מיר, מאַמע, ברויט אַ ביס
דעם הונגער מיר צו שטילן!"

— ניטאָ, מיין קינד! אַ וואַסער האָט
פאַרטרונקען אַלע מילן.

אַ וואַסער ווילד, אַ וואַסער רויט
האָט זיי אַראָפּגעטראָגן,
און אַלע מילנער זיינען איצט
אַוועק אין פעלד זיך שלאָגן.

„טאָ וואו־זשע איז דער טאַטע איצט,
ער זאָל אונז עסן קריגן?"
— דער טאַטע איז אַוועק מיט זיי
אַ שונא צו באַזיגן.

דער טאַטע איז אויך איצט אין פעלד...
דו הערסט, מיין קינד, אַ ברומען?
ער איז אַוועק, ער איז ניטאָ,
ער וועט שוין קיינמאָל קומען...

א. רייזען.

## דער ערשטער טאָג.

(זכרונות).

1.

ערשט אַזייגער דריי לעצטע נאַכט — יאָ, יאָ, ערשט איצט דערמאָן איך זיך, אַז דאָס איז געווען לעצטע נאַכט — האָבן מיר זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, און האַלב נאָך פינף האָט מען שוין אונז אויפגעוועקט. אַ מאָדנע נאַכט איז עפּעס געווען. ווי צעמישטע שאָף האָבן מיר אַרומ־געבלאָנקעט אין דער טונקל. אין דערדאָזיקער נאַכט האָבן מיר, יעדער איינער פון אונז, פאַרלאָרן פריינט און באַקאַנטע, און נאָך מער — זיך. מיר האָבן אונז זעלבסט פאַרלאָרן. דאָס איז געווען דער אָנהייב, דער גרענעץ. אונזערע פריערדיקע לעבנס, ווי אונזערע פריערדיקע „איכ׳ס", זיינען שוין איצט געלעגן אין יענער זייט.

איז עס געווען אויסגערעכנט פון די, וואָס פירן אונז ביים צוים, אָדער ניט — אַזוי צי אַזוי, פּלוצלונג זיינען מיר געוואָרן קליין ביי זיך, נישטיק, האָבן זיך פאַרלאָרן. אין קאָפּ האָט עס אונז געווימלט, געטומלט זיך און

זיך געדרייט. ביים סאַמע אָנהייב האָט מען אונז געגעבן שוין צו פילן אונ־זער אומבאַהאָלפנקייט. מ ח נ ו ת'וויז—אין דעם קאָנטינגענט רעקרוטן, מיט וועלכן איך בין אָנגעקומען, זיינען געווען אַ זעקס טויזנט סאָלדאַדן — האָט מען אונז געטריבן איבער טונקעלע, אומבאַקאַנטע פעלדער. עס איז געווען אַזוי פינסטער אַרום. קיין לאַמטערנעס זיינען ניט געווען צו זען. ניט קיין שטערן־ליכט, ניט קיין ל ב נ ה ־ ליכט, קיין וואָלקן ניט — גאָרניט. קוים וואָס מיר האָבן באַמערקט די בלייכקייט פון דעם אַנדערנס, פון דעם ש כ נ'ס פ נ י ם.

און ווען איינער פלעגט ריידן צום אַנדערן, פלעגט עפּעס אַן אומ־באַקאַנטער ק ו ל אים אָפּענטפערן פון דער פינסטער, — אַ קילס אַזאַ, אַ דערשראָקנס און אַ פרעמדס! אין דער טונקלקייט זיינען מיר, די נאָ־ענטסטע, וואָס האָבן אינ'ם מ ש ך פון דער רייזע אין לאַגער אַריין זיך אַזוי דערנעענטערט, אָפּגעפאַלן איינער פונ'ם אַנדערן און זיך פאַרפרעמדט. מיר זיינען אַנטשוויגן געוואָרן.

מע האָט אונז ענדלאַך אָפּגעלאָזן; — האָבן מיר זיך גלייך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, מידע פון ערשטן מאַרש, פון הונגער, פון שפּעט־נאַכטיקייט און פון דער אָנגעזעענער אומהיימלאַכער טונקלקייט.

און אַז מיר זיינען ווידער שוין געשטאַנען וואַכעדיק, צעבראָכן, האָט זיך ביי אַלעמען מיטאַמאָל און איינצייטיק דערוועקט איין געפיל — הונגער. עטלאַכע האָבן אָנגעהויבן מורמלען. אין אונזער סטאַדע האָט זיך עס אָבער גיך אַריבערגעטראָגן פון איין ח י ה צו דער אַנדע־רער, ווי אַ פייער אין אַ טרוקענעם וואַלד. אַ נידעריק, אומצופרידן ברומען האָט זיך אין דער נאַכט אַריין געלאָזט הערן, אַ רעווען פון טויזנ־טער פאַנאַנדערגעעפנטע מיילער.

— עס־ס־ס־ן!... אר־אר־או!... עס־ס־סן!... אר־אר־או!... עס איז שוין איצט אַ ו ו ד א י נאָך האַלבע נאַכט. אונזער צוג איז אָנגעקומען אַרום זעקס אַזייגער אין אָוונט, און מיר האָבן נאָך גאָרניט, זינט מע האָט אונז אויס־געטיילט די סענדוויטשעס בייטאָג אויפ'ן צוג, ניט געהאַט אין מויל. מע האָט זיך, ווייזט אויס, אָן אונז גאָר פאַרגעסן. אַזויפיל טויזנטער רעקרוטן קומען אָן אין קעמפּ מיט יעדן צוג. עס איז אַ טומל, אַ ב ה ל ה , אַ צע־מישעניש אין די קאַנצעלאַריעס, די באַאַמטע האָבן זיך פאַרלאָרן. און אין דער טונקלקייט האָבן געברומט איצט טויזנט־קעפּיקע ח י ו ת, אין פאַרשיידענע אומגעזעענע ווינקעלאַך פון די טונקעלע פעלדער אַרויס.

— עס־ס־סן!... אר־אר־או!... עס־ס־סן!... אר־אר־או!... עס האָט זיך ווי־דער דערהערט אַ קאָמאַנדע. זיינען מיר ווייטער געגאַנגען. ווידער גע־גאַנגען לאַנג און שווער איבער אומבאַקאַנטע פעלדער. ענדלאַך דער־פילט, דורך דער ווייכקייט פונ'ם טראָט, אַז מיר זיינען אַריינגע־טריבן געוואָרן אין קליינע, הילצערנע ביידלאַך אָן דעכער און בלויז מיט

האלבע ווענט. דאָרט האָבן מיר אָנגעהויבן צו רייסן מענשן פון זייער שלאָף אויף די זעלנערישע בעטלאַך. איצט זיינען מיר שוין געוואָרן פריילאַך און אויפגעלעבט. מיט פאַרגעניגן האָבן מיר זיי געריסן און גע־צופּט, די שלאָפנדיקע פיגורן. כאַ־כאַ, מיר האָבן געהאַט אויף דערויף „אָרדערס"! זיי האָבן געהאַט דאָס געפּעס צום עסן, וועלכע זיי האָבן אונז געדאַרפט איצט אַנטלייען. בייזע, טויט־מידע, דריי פערטל פאַרשלאָ־פענע זיינען זיי אַרונטערגעקראָכן פון די געלעגערס, האָבן זיך שילטנדיק געפּאָרעט אַרום זייערע קלומקעס און מיט אַ ר צ י ח ה'דיקן בורטשען אונז ענדלאַך דערלאַנגט אַזעלכע בלעכענע שיסעלאַך, וועלכע זיינען געווען פעט־גליטשיק פון שלעכט־אַרונטערגעגאָסענעם ח ל ב'דיקן גע־קעכטס, און גלייך זיינען זיי ווידער אַנידערגעפאַלן אויף זייערע בעטלאַך.

דערנאָך זיינען מיר געשטאַנען אין אַ לאַנג־לאַנגער שלאַנגעך־ליניע און האָבן געשריגן. כ'ווייס ניט, פאַרוואָס מיר האָבן געשריגן און צוליב וואָס, נאָר אַלע האָבן פונדעסטוועגן געשריגן – האָב איך אויך געטאָן דאָס־זעלבע.

ווי אַ לאַנגע פּילקעפּיקע הידרע האָט זיך אונזער ליין אַלץ גע־רוקט פאָרויס, אַלץ פאָרויס צו דעם „מעס־האָל" צום עסן.

אין דעם „מעס־האָל" זיינען מיר אַלע פאַרביי געגאַנגען צוויי פאַר־שלאָפענע קוכערס. מיר האָבן געהאַלטן די שיסעלאַך אויסגעשטרעקט אין די הענט, ווי בעטלערס, די קוכערס האָבן פון אַ גרויסן קעסל עפּעס געשעפּט און שילטנדיק אונז דאָס געקאָכטע אין די אומריינע, ח ל ב'נע שיסעלאַך אַריינגעוואָרפן.

אינ'ם „מעס־האָל" איז שוין מער ניטאָ קיין פּלאַץ וואו צו זיצן. מען זיצט שוין דאָרט קאָפּ אויף קאָפּ. זעצן מיר זיך אינדרויסן, אויפ'ן גראָז, אויף דער נאַסער ערד, אויף אָנגעוואָרפענע, פייכטע באַלקנס; אַנדערע שפּאַרן זיך אָן אָן אַ וואַנט און עסן שטייענדיקערהייט. אייניקע האָבן ניט קיין לעפל, עסט מען מיט די פינגער. מיר האָבן זיך שוין פאַרגעסן דאָס פריערדיקע לעבן, די פריערדיקע געוואוינהייטן.

מיר רוקן צו דעם פּ נ י ם צו דעם שיסעלע, לעקן דאָס איבערבליי־באַכטס אויס מיט דער צונג, פאַרשמירן זיך די נאָז און דעם פּ נ י ם מיט דעם אומבאַקאַנטן געמישאַכטס.

פאַלן אַרויס די שיסעלאַך פון די הענט, און מיר ווערן טויט־מידע אַנטשלאָפן ביי די וואַנט, אויף די שטיינער, אויף פייכטער, האַרטער ערד.

אָבער ווייטער האָט מען אונז אויפגעוועקט. עס האָבן זיך דערהערט ווילדע, נאַכטיקע געשרייען פון די קאָמאַנדירנדיקע. מע האָט אונז גע־ציילט, איבערגעציילט, נאָך אַמאָל געציילט, אונז געגעבן נומערן, אויס־געשטעלט, פאַנאַנדערגעשטעלט אין גרופּן, און ווידער האָט מען אונז ערגעץ וואו געטריבן.

און דערנאָך האָבן מיר זיך אַ צייט געשטויסן פּאַר עפּעס אַ טונקעלער געביידע, ווי אַ גרויסע שטאַל. אַנדערע פון אונז האָבן געקראָגן קאָלד־רעס. די איבעריקע האָבן געוואַרט, געוואַרט, ביז ס׳האָט זיך דערהערט אַ געשריי: „ניטאָ מער קיין קאָלדרעס!״ האָבן מיר אָנגעהויבן מידע, אויסגעמאַטערטע, מיט די לעצטע כּוחות, שילטן און שפּייען, שפּייען און שילטן עמיצן אָן אומגעוועגעם.

איצט האָט מען אונז סוף־כּל־סוף אָפּגעלאָזט. אין דער פינסטער האָבן מיר דאָך ערגעץ ניט געקאָנט אַנטלויפן, מיר האָבן ניט געזען אַפילו וואוהין צו גיין, ווי געפּענטעטע פערד אויף אומבאַקאַנטע לאַנ־קעס. אויף דעם ערשטן ליידיקן פּלאַץ, וואָס מיר האָבן אין דער גע־דיכטער, נאַסער פינסטערניש אָנגעטאַפּט, זיינען מיר אַנידערגעפאַלן, אָט ווי מיר זיינען געשטאַנען און געגאַנגען אין אונזערע זאַכן. מיר האָבן געציטערט פון קעלט, וואָס האָט אונז דורכגענומען די ביינער, אָבער דער שלאָף האָט אונז ענדלאַך גובר געווען.

.2

מע האָט אונז אויפגעוועקט פאַרטאָג. און אפשר האָט מען אונז גאָרניט אויפגעוועקט — מיר האָבן זיך אַליין אָפּגעריסן פון׳ם שוואַכן דרימל־קייטל. עס איז געווען פראָסטיק. געפראָרענער טוי האָט זיך געזילבערט אַרום אונז. ניט קוקנדיק אויף־דעם, וואָס עס איז ערשט אַווגוסט חודש, זיינען די פאַרטאָגן קאַלטע אין דער געגנט; עס איז היפּשלאַך צפון־צו, ניט ווייט פון קאַנאַדע, לעבן דער אָנטאַריאָ־אָזערע.

מיר זיינען געלעגן אויף הוילער ערד. אייניקע פון אונז זיינען נאָך געווען גליקלאַך, וואָס זיי האָבן די לעצטע נאַכט געקראָגן קאָלדרעס, האָבן זיי זיך ווי ס׳ניט איז איינגעדרייט און איינגעוויקלט אין די קאָלדרעס און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער קאַלטער ערד. די איבעריקע האָבן, ניט קיין אויסגעטאָנענע, זיך אַזוי צוגעשפּאַרט אויפ׳ן נאַסלאַכן גראָז. מען איז ניט געשלאָפן — ס׳איז געווען צו קאַלט. מע האָט בלויז דורכגעמאַכט אַ פּאָר שעה פון שווערן דרימל.

דאָס איז אַלץ געווען נעכטן.

אויף מאָרגן. מיר האָבן געקראָגן צו פאַרזוכן דעם ערשטן טעם פון דעם, וואָס עס שטייט אונז פאָר.

ניטאָ נאָך קיין געצעלטן, דעם קעמפּ דאַרף מען נאָך ערשט אויפ־בויען. מיר וועלן העלפן אין דעם אויפבויען. דערווייל וואַרטן מיר. אויף וואָס וואַרטן מיר? מע פרעגט איינער ביים אַנדערן. נאָר מיר ווייסן ניט. קיינער ווייס ניט.

נאָר שוין אין אַ ווײַלע אַרום צעגיסט זיך אַ רואיקייט איבער אונז. פון דער לעצטער נאַכט האָבן מיר שוין דערפילט, אַז מיר האָבן מער ניט וואָס צו טראַכטן, ריכטיקער — צוליב וואָס, אַז אונזער טראַכטן וועט

אונז שוין סיי ווי גאָרניט העלפן. אין בעסטן פאַל וועלן אונזערע מחשבות זיין אַ זאַך פאַר זיך, אַ וועלט פאַר זיך, און וועלן גאָרניט האָבן צו טאָן מיט אונזערע מעשים.

עס איז דאָ איבער אונז אַן אויג, וואָס זעט, אַ האַנט, וואָס טוט, און אַ מויל, וואָס באַפוילט – גאַנץ פשוט אינ'ם פיזישן באַטייט פון אָט די ווערטער.

פאַר אונז בלייבט בלויז איבער – אויספילן די באַפעלן.

דאָס גאָר.

---

מיר זעען איצט אויס ווי נשרפים.

די פראַנטישע ציווילע קליידער, אין וועלכע מיר זיינען געקומען צו־פאָרן, זיינען פאַרשמירט אין בלאָטע און אין קייט. ביי איינעם פעלט אַ הוט, ביי אַן אַנדערן – אַ קאָלנער, מיר זיינען אַלע אַזוי פאַנאַנדערגעשפּי־ליעט, פאַנאַנדערגעכראַשטשעט.

אַ דאגה, נו, מיר זיינען דאָך שוין סיי ווי ניט מער אין אונזערע איי־גענע הענט. אונזערע גופים זיינען דאָך שוין מער ניט אונזערע – מיר זיינען פאַר'משפט'ע. צו וואָס דאַרפן מיר נאָך אַכטונג געבן אויף אונ־זער ריינקייט? מיר האָבן אַפילו הנאה פון אָט דער אומריינקייט... נאָך אַן עול פון זיך אַרונטערגענומען – דעם עול פון מוזן זיין אויס־געפּוצט, ציכטיק, ריין.

אָט אַזוי וואַרפן מיר פון זיך אַרונטער עול נאָך עול.

דערווייל בלויז – די גופים, שפּעטער וועלן אויך פאַרווערימט ווערן אונזערע נשמות.

שפּעטער ווערן מיר נייגעריק און ווילן וויסן, וואו זיינען מיר פּאָרט אין דער וועלט. מיר דערהערן פונווייטן אַ גערויש פון אַוטאָמאָבילן. אַ גערוס פון דער אַמאָליקער וועלט!

מיר לאָזן זיך גיין. אַז מיר קומען צו אַ פּלאַץ, וואָס איז דער טויער פון קעמפּ, טרעפן מיר אָן אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס.

מע טאָר ניט אַרויסגיין! פאַרבאָטן!

מיר קוקן אָן איינער דעם אַנדערן מיט אַ געצוואונגענעם שמייכל:

– מיר זיינען פאַרשפּאַרט.

– אַן עק!...

אינ'ם שפּעטן נאָכמיטאָג האָט מען צו אונז אויפ'ן נאַקעטן, גריבערדיקן פעלד אָנגעהויבן צו שלעפּן ביידלאַך פון ברעזענט.

מיט פרייד האָבן מיר זיך אַלע אַרויפגעוואָרפן אויף דער אַרבעט. אָנגעהויבן אַריינשלאָגן אין דער האַרטער, שוין פרירנדיקער ערד – ווייל אונזער לאַגער געפינט זיך דאָך אין צפון, כמעט האַרט ביי דער גרענעץ פון קאַנאַדע – די לאַנגע צענטער־שטאַבן, באַהאַנגען מיט שטריק

און מיט אייזנדלאַך, און אויף זיי האָבן מיר מיט די שטריק אָנגעהויבן אויפ־הייבן דעם ברעזענט פון די ביידלאַך.

אַלע העלפן אין דער אַרבעט מיט גרויס חשק, מע קלאַפּט אַריין די פלאָקנס און די ווינקל־פלעקלאַך אין דער האַרטער ערד. מע ציט אָן און מע פאַרפעסטיקט די שטריק. מע צופּט אַרום די גראָז פון אינע־ווייניק, עס זאָל אָננעמען מער דאָס אויסזען פון אַ פּאַדלאָגע אַן ערדענער. אַלעמען האָט אַרומגעכאַפּט אַ גרויסע פרייד, די פרייד פון אַרבעט!

און טאָפּלטער, און פילפאַכער איז נאָך די פרייד: די אַרבעט איז פאַר זיך — מע בויט זיך אַ היים...

און אַז שפּעטער־צו הייבט מען נאָך אָן אַרויסגעבן אונז אייזערנע בעט־לאַך, איז די פרייד אונזערע פאַרפולט... הייסט עס: עס איז דאָ צו דער קומענדיקער נאַכט ניט נאָר אַן אָפּדאַך איבער'ן קאָפּ צו באַשיצן פון רעגן, נאָר אויך אויף וואָס צו שלאָפן...

מיר הייבן אָן אויסצוגראָבן קאַנאַווקעלאַך אַרום אונזערע ביידלאַך אויף אָפּצוציען דאָס וואַסער, אויב ס'וועט רעגענען...

אָוונט. ס'טונקלט שטאַרקער. מיר קענען אין ערגעץ ניט גיין — מע לאָזט אונז ניט. מיר שווייגן. וועגן דעם, צוליב וואָס מע האָט אונז צו־נויפגעטריבן אַהער, ריידן מיר קיין וואָרט ניט, פּונקט ווי עס וואָלט אונז גאָרניט געאַרט... אפשר טראַכטן זיי אָבער וועגן דעם, מיינע חברים? אויך ניט. די אַמעריקאַנער — ביי אונז אין געצעלט בין איך בלויז איין איד—זיינען גרויסע מקבלים באהבה... זיי „נעמען אָן" פּשוט זייער איצטיקן צושטאַנד.

מיר לייגן זיך פרי שלאָפן. קיין באַלייכטונג איז נאָך ניטאָ, מיר טוען זיך אויס אין טונקל. קיין סעניקעס האָבן מיר אויך ניט. לייגן מיר זיך שלאָפן גלייך אויף די שטאָלענע פּרוזשינעס פון די בעטן.

ס'איז שטיל. נאַכט. עס הייבט אָן צו קלאָגן אַ ווינט פון די צפון'די־קע גרויסע אָזערעס. דער שניידנדיקער דראָט פון די בעט־„נעצן" פּרעסט זיך איין אין לייב. מיר קרעכצען פון שלאָף—פון ווייטיק, פון קעלט... אָבער אַז איינער פון אונז עפנט אויף אַ מינוט זיינע אויגן און „דערזעט" אַרום זיך אַ שטיק פינסטערניש, פאַרמאַכט ער ווידער די אויגן מיט אַ גוטן שמייכל:

— היים...

אין די טראַנשייען וועט זיין נאָך בעסער. ביינאַכט האָט אויסגע־בראָכן אַ גרויסער רעגן.

4.

אַז מיר האָבן זיך אַלע אויפגעכאַפּט אינדערפרי, האָט עס אַלץ גע־גאָסן געשמאַק. רעגן־בייטשעלאַך האָבן נאָכאַנאַנד געשמיסן אין אָן אַ שיר קליינע וואַסערלאַך און סאַזשלקעס אַרום.

דער גאַנצער לאַגער איז געווען פאַרגאַסן. אַ נאָכאַנאַנד־שמייסנדיקע וואַסער־נעץ איז געהאַנגען אין דער לופט.

די קיך געפינט זיך היפש ווייטלאַך פון אונזער קאַמפּאַניע־גאַס, אַ סך פון אונז בלייבן דעריבער ליגן אין די בעטלאַך און די ביידלאַך. אָבער אַז דער הונגער שטאַרקט זיך, לאָזט מען זיך לויפן אונטער׳ן רעגן צו דער קיך.

ביי דער זייט פון דער קיך, זיך טוליענדיק צו דער וואַנט, שטייט אַ לאַנגע „ריי״, מיט די שיסעלאַך אין די הענט. מע שטייט אַזוי אַ שטיק צייט דרויסן אונטער׳ן רעגן. עס פליוכעט און פליוכעט נאָכאַנאַנד... דאָס וואַסער רינט איבער׳ן קאָפּ, אונטער׳ן קאָלנער, איבער׳ן לייב, די שי־סעלאַך זיינען שוין לאַנג נאַס; מיר אַלע ציטערן פון נאַסקייט און פון קעלט.

נאָר מיר זיינען שוין צו דעם צוגעוואוינט. מיר פּאַסן זיך גיך צו צו אַלץ. ווען איינער אין דער ריי הייבט זיך אָן צו באַקלאָגן, קריגט ער אַ שמייכלדיק־ביטערן ענטפער:

— אין די טראַנשייען וועט זיין נאָך בעסער...

---

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ ריי „פּירונגען״.

נאָר מע פירט אונז ערגעץ, רק מע שלעפּט אונז ערגעץ. יעדן טאָג פירט מען אונז ערגעץ אין אַ נייעם פּלאַץ. אין אַלערליי שפּיטעלער, צום פיזישן עקזאַמען; קריגן איינשפּריצונגען קעגן טיפוס, איינשפּריצונגען קעגן פּאָקן, „פּסיכאָלאָגישע״ עקזאַמענעס.

מע באַטאַפּט אונז אומעטום, מע קוקט אונז אַרום, מע מעסט אונז, מע וועגט אונז, מע שאַצט אונז — ווי ב ה מ ו ת פאַר דער ש ח י ט ה. אַז דער וועטערינאַר דערקלערט אין שעכט־הויז, אַז די ב ה מ ה איז געזונט, הייסט עס:

— מע קען זי קוילן...

נעכטן האָט מען אונז פאַרסטראַכירט קעגן טויט־פאַל. דער שריי־בערל האָט אַ פ י ל ו ניט אויפגעהויבן זיינע אויגן פונ׳ם פּאַפּיר, ווען ער האָט מיר געשטעלט די „קאַזיאָנע״ פראַגע.

— זייט אַזוי גוט... און ווער זאָל קריגן דאָס געלט נאָך אייער טויט?

און דאָס איז דער רעזולטאַט פונ׳ם אַרומשלעפּן אונז יעדן טאָג, יעדע ווילע ערגעץ אַנדערש:

אין אַ מ ש ך פון אַ וואָך־צוויי זיינען מיר געוואָרן ווילנלאָזע, געהאָרכ־זאַמע מאַנעקענעס... ביי יעדן פייף פון אונזער סאַרדזשענט לויפן מיר אַרויס אין דרויסן — דערשראָקענע, גרייטע, וואַרטנדיקע, אַרויסקוקנדיקע.

— וואָס וועט זיין מיט אונז ווייטער?

— וואוהין וועט מען אונז שיקן ווייטער?

— ווען וועט מען אונז שיקן קיין פראַנקרייך?

מיר ווייסן, אַז מיר האָבן גאָרניט וואָס צו זאָגן אין דעם אַלעס...

ב. גלאַזמאַן.

# אויפ'ן שלאַכט־פעלד.

(מעשה).

איך געדענק, ווי מיר זיינען געלאָפן איבער'ן וואַלד, ווי די קוילן האָבן געהודזשעט, ווי די צווייגעלאַך האָבן זיך געבראָכן, געטראָפן פון די קוילן, ווי מיר האָבן זיך דורכגעריסן צווישן די געדיכטע קוסטעס. מ'האָט געשאָסן אַלץ אָפטער און אָפטער. דורך דיביימער, ביים ראַנד פון וואַלד האָט עפּעס אַ רויטס געפינקלט, באַוועגט זיך. סידאָראָוו, אַ יונגער סאָלדאַט פון דער ערשטער ראָטע, האָט זיך פּלוצלונג אַ זעץ געטאָן אויף דער ערד און שווייגנדיק געקוקט אויף מיר מיט זיינע גרויסע דערשראָקענע אויגן. פון זיין מויל האָט גערונען בלוט.

יאָ, איך געדענק דאָס אַלץ גוט. איך געדענק אויך, ווי איך האָב צווישן די געדיכטע קוסטעס שוין גאָר ביים ברעג וואַלד דערזען — א י ם. דאָס איז געווען אַ ריזיקער דיקער טערק. איך האָב זיך אָבער אַ לאָז געטאָן גלייך צו אים, כאָטש איך בין געווען שוואַך און מאָגער. עפּעס האָט אַ קלאַפּ געטאָן, עפּעס איז דורכגעפלויגן לעבן מיר, ס'האָט גע־קלונגען אין די אויערן. „דאָס האָט מען געשאָסן אויף מיר.״—האָב איך אַ טראַכט געטאָן. און יענער האָט מיט אַ שרעקלאַכן געשריי זיך צוגע־שפּאַרט מיט'ן רוקן צום געדיכטן קוסט. ער וואָלט זיך געקאָנט באַהאַלטן פון יענער זייט, נאָר פאַר שרעק האָט ער גאָרנישט פאַרשטאַנען און איז אַלץ געקראָכן אויף די שטעכיקע צווייגן. מיט איין קלאַפּ האָב איך אים אַרויסגעשלאָגן די ביקס פון דער האַנט, מיט'ן אַנדערן האָב איך ערגעץ אַריינגעשטעקט מיין שפּיז. עפּעס האָט אָנגעהויבן ברומען, אַ טיפער קרעכץ. נאָכדעם האָב איך זיך געלאָזט ווייטער. אונזערע האָבן גע־שריען „הוראַ״, געפאַלן, געשאָסן. איך געדענק, אַז איך האָב אויך עטלאַכע מאָל אויסגעשאָסן — דעמאָלט בין איך שוין געווען אויף אַ פרייען פּלאַץ, הינטער'ן וואַלד. מיט אַמאָל האָט מען אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער צו שרייען: „הוראַ״, און מיר האָבן זיך אַ לאָז געטאָן ווייטער. דאָס הייסט, ניט מיר, נאָר אונזערע, ווייל איך בין געבליבן פון הינטן. איך האָב עפּעס גאָרניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז... און פּלוצלונג איז אַלצדינג געוואָרן שטיל: מ'האָט ניט געהערט ניט קיין שיסעריי, ניט קיין געשרייען. דאָס האָב איך אויך ניט געקאָנט פאַרשטיין. איך האָב ניט געהערט גאָרניט און נאָר געזען עפּעס בלאָעס: אַ פּ נ י ם דעם הימל. נאָכדעם איז אַלצ־דינג פאַרשוואונדן.

---

איך ליג אויפ'ן בויך און זע פאַר זיך נאָר אַ קליין שטיקל ערד. עט־לאַכע גרעזעלאַך, אַ מוראַשקע קריכט און שלעפּט עפּעס, אַ פּאָר טרו־

קענע צווייגעלאַך. דאָס אַלץ זע איך נאָר מיט איין אויג, ווייל דאָס צווייטע איז פאַרדעקט מיט'ן צווייגל, אויף וועלכן ס'ליגט מיין קאָפּ. מיר איז זייער ניט באַקוועם צו ליגן אַזוי, און איך וויל זיך אַ הייב טאָן, נאָר איך פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס קאָן איך זיך ניט רירן. די ציט גייט. איך הער ווי אַ גריל טשירקעט ערגעץ אין גראָז, אַ בינעלע זשומעט. ענדלאַך שטרענג איך זיך אָן, באַפריי די רעכטע האַנט און, אָנשפּאַרנדיק זיך מיטביידע הענט אָן דער ערד, פּרואוו איך זיך שטעלן אויף די קני.

אַ שאַרפער ווייטאָק שניידט דורך מיין גאַנצן קערפּער פון די קני ביז'ן קאָפּ, און איך פאַל אַנידער. ווייטער פינסטער — און מער גאָרנישט.

איך הייב זיך אונטער און זעץ זיך. דאָס איז זייער שווער, ווען ביידע פיס זיינען איבערגעבראָכן. עטלאַכע מאָל פּרואוו איך זיך זעצן — און קאָן ניט. ענדלאַך זעץ איך זיך אויף. פאַר גרויס ווייטיק באַווייזן זיך טרערן אין די אויגן.

הויך איבער מיר אַ שטיקל בלוי־שוואַרצער הימל, וואו עס ברענט איין גרויסער שטערן און עטלאַכע קליינינקע. אַרום און אַרום — עפּעס הויכס, טונקלס. דאָס זיינען קוסטעס. איך ליג צווישן די קוסטעס: מ'האָט מיך ניט געפונען!

איך פיל, ווי די וואָרצלען פון די האָר רירן זיך אויף מיין קאָפּ.

ווי קום איך אָבער צו די קוסטעס, אַז דערשאָסן האָט מען מיך דאָרט, אויפ'ן פרייען פּלאַץ? אפנים איך בין שוין אַ פאַרוואונדעטער צוגע־קראָכן אַהער, ניט ווויסנדיק, וואָס ס'טוט זיך מיט מיר. און מערקווער־דיק! איצט קאָן איך זיך ניט רירן, און דעמאָלט האָב איך זיך נאָך גע־קאָנט דערשלעפּן ביז די דאָזיקע קוסטעס. און אפשר האָב איך נאָך דעמאָלט געהאַט נאָר איין וואונד, און די צווייטע קויל האָט מיך שוין גע־טראָפן דאָ.

מאַט־ראָזע פלעקן האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן אַרום מיר. דער גרויסער שטערן איז געוואָרן בלאַסער, די עטלאַכע קליינינקע זיינען פאַרשוואונדן, דאָס גייט אויף די לבנה. ווי גוט איז איצט אין דער היים!

עפּעס הער איך מאָדנע קולות... אַזוי ווי אימיצער קרעכצעט. יאָ, מען קרעכצעט. אפשר ליגט דאָ אימיצער, אַ פאַרלאָזענער ווי איך, מיט איבערגעבראָכענע פיס, אָדער מיט אַ קויל אין בויך? ניין, דאָס קרעכצען הערט זיך אַזוי נאָענט, און אַרום מיר איז ניטאָ, דאַכט זיך, קיינער...גאָט אין הימל, דאָס קרעכצע איך דאָך אַליין! אַזוי שטיל, טרויעריק; טוט מיר טאַקע אַזוי וויי? מסתמא יאָ, נאָר איך פיל ניט דעם ווייטיק; דער קאָפּ איז ווי מיט בליי אָנגעגאָסן. בעסער זיך ווי־דער לייגן און אַנטשלאָפן ווערן, שלאָפן, שלאָפן... צי וועל איך אָבער ווען אויפוואַכן? דאָס איז אַלץ איינס.

אין דער מינוט, ווען איך וויל זיך לייגן, שפרייט זיך אויס אַ ברייטער פּאַס ל ב נ ה־ליכט אויף דעם אָרט, וואו איך געפין זיך, און איך זע ניט ווייט, אַן ע ר ך פינף טריט פון מיר, ליגט עפּעס אַ גרויס און אַ טונקלס, ערטערווייז פינקלט אויף אים דאָס ליכט פון דער ל ב נ ה: דאָס זיינען די קנעפּלאַך, אָדער דאָס געווער. אַ פּ נ י ם אַ טויטער, אָדער אַ פּאַר־וואונדעטער.

אַלץ איינס; איך לייג זיך.

ניין, ס'קאָן ניט זיין. אונזערע זיינען ניט אַוועק. זיי זיינען דאָ, זיי האָבן פּאַריאָגט די טערקן און זיינען געבליבן אויף דער פּאָזיציע. פאַרוואָס זשע הערט מען ניט ריידן, פאַרוואָס ברענען ניט קיין פייערס? מ ס ת מ א הער איך ניט, ווייל איך בין צו שוואַך. זיי זיינען געוויס דאָ.

„ראַטעוועט! ראַטעוועט!"...

ווילדע, הייזעריקע געשרייען רייסן זיך אַרויס פון מייט ברוסט, און קיין ענטפער איז ניטאָ. הילכיק קלינגען זיי אין דער נאַכטיקער לופט. אָבער אַלץ שווייגט אַרום און אַרום. נאָר די גרילן טשירקען ווי פריער, אָן אַן אויפהער. די ל ב נ ה קוקט אויף מיר ר ח מ נ ו ת'דיק מיט איר קיילאַכדיקן פּ נ י ם.

ווען ער וואָלט געווען אַ פאַרוואונדעטער, וואָלט ער זיך אויפגע־כאַפּט פון אַזאַ געשריי. דאָס איז אַ טויטער. אונזערער אָדער אַ טערק? אַך, גאָט! ס'איז דען ניט אַלץ איינס?... דער שלאָף לאָזט זיך אַראָפּ אויף מיינע מידע אויגן.

2.

ס'איז אָבער הייס. די זון באַקט. איך עפן די אויגן, זע די אייגענע קוסטעס, דעם אייגענעם הימל. יאָ, ס'איז אַ טערק, אַ טויטער. ווי גרויס ער איז! איך קען אים, דאָס איז דער זעלביקער...

פאַרוואָס האָב איך אים געטויט?

אָט ליגט ער אַ טויטער, אַ פאַרבלוטיקטער. צוליב וואָס האָט אים זיין מ ז ל געבראַכט אַהער? ווער איז ער? א פ ש ר האָט ער ערגעץ, ווי איך, אַן אַלטע מוטער. לאַנגע אָוונטן וועט זי זיצן ביי דער טיר פון איר אָרים הייזל און קוקן צום ווייטן צ פ ו ן: א פ ש ר גייט איר טייערער זון, איר טרייסט און איר איינציקע שטיצע אויף דער עלטער?...

און איך? איך וואָלט זיך א פ י ל ו געביטן מיט אים. ווי גליקלאַך ער איז: ער הערט ניט קיין זאַך, ער פילט ניט דעם ווייטיק פון די וואונדן, ניט דעם טויטלאַכן פּיין, ניט די דאָרשט... אויף זיין מונדיר זע איך אַ גרויסע שוואַרצע לאַך, אַרום דער לאַך — בלוט. דאָס האָב איך געטאָן.

איך האָב דאָס ניט געוואָלט. איך האָב קיינעם ניט געוואונשן קיין בייז, ווען איך בין געגאַנגען אויף דער מ ל ח מ ה. אַז איך וועל אויך דאַרפן טייטן מענשן, איז מיר ניט געקומען אויפ'ן געדאַנק. איך האָב זיך נאָר

אויסגעמאָלט, ווי איך וועל אויסשטעלן מיין ברוסט אַנטקעגן די קוילן. און איך בין געגאַנגען און האָב אויסגעשטעלט.

בין איך דען שולדיק, וואָס איך האָב אים געטויט? אין וואָס באַשטייט מיין שולד? פאַרוואָס פייניקט מיך דער דאָרשט? דאָרשט! ווער פאַרשטייט דען דאָס וואָרט? ווען מיר האָבן ביי אַ שרעקלאַכער פערציק־גראַדיקער היץ מאַרשירט איבער רומעניען צו פופציק וויאָרסט אַ טאָג, האָב איך ניט געפילט דאָס, וואָס איך פיל איצט. אַך, ווען עמיצער זאָל נאָר קומען!

גאָט, מיין גאָט! ביי אים איז דאָך צוגעבונדן אַ גרויסע פלאַש. מסתמא איז אין איר דאָ וואַסער! ווי קום איך אָבער צו איר? איך וועל קריכן, פויזן, זאָל זיין, וואָס ס'זאָל זיין! איך מוז צוקומען אַהינצו.

איך קריך. די פיס שלעפן זיך נאָך, די אָפגעשוואַכטע הענט קאָנען קוים אונטערהאַלטן דעם אומבאַוועגלאַכן קערפער. ביז דעם טויטן איז ניט מער ווי אַ פאָר קלאַפטער; נאָר פאַר מיר איז דאָס ערגער ווי צענדליקער וויאָרסט. פונדעסטוועגן מוז מען קריכן. אין האַלז ברענט, בראָט, ווי מיט פייער. אָן וואַסער וועל איך גיכער שטאַרבן. פונדעסטוועגן, אפשר...

און איך קריך. די פיס טשעפען זיך אָן דער ערד, יעדער ריר מאַכט דעם ווייטיק נאָך שמערצלאַכער. איך שריי, שריי, שריי און קריך דאָך. אָט איז ער שוין. אָט איז די פלאַש... ס'איז דאָ וואַסער – אַ סך וואַסער! מער ווי אַ האַלבע פלאַש. אָ! וואַסער וועט מיר קלעקן אויף לאַנג... ביז'ן טויט!

דו ראַטעוועסט מיך, מיין קרבן!... איך האָב גענומען אָפבינדן די פלאַש, אָנגעשפאַרט דעם גוף אויף איין האַנט, פלוצלונג האָב איך פאַרלאָרן דאָס גלייכוויכט און געפאַלן מיט'ן פנים אויף דער ברוסט פון מיין רעטער. פון אים האָט זיך שוין געטראָגן אַ שטאַרקער ריח פון פוילקייט.

איך האָב געטרונקען. דאָס וואַסער איז געווען וואַרעם, אָבער ניט פאַרדאָרבן, און געווען איז אַ סך. איך וועל נאָך לעבן עטלאַכע טעג.

נו, און ווייטער? אויב איך וועל איבערלעבן נאָך פינף־זעקס טעג, וואָס וועט זיין דערפון? אונזערע זיינען אַוועק, די באָלגאַרן זיינען זיך צעלאָפן, קיין וועג איז אין דער געגנט ניטאָ. אַלץ איינס – שטאַרבן. איך האָב נאָר פאַרלענגערט די גסיסה פון דריי טעג אויף זיבן.

ניין, מ'טאָר ניט פאַרלירן דעם מוט. איך וועל זיך האַלטן ביז'ן סוף, ביז די לעצטע כוחות. אויב מ'וועט מיך געפינען, בין איך דאָך געראַטעוועט. מעגלאַך, אַז די ביינער זיינען גאַנץ, מ'וועט מיך היילן, איך וועל זען די היים, די מאַמען, מאַשען...

זאָלן זיי בעסער ניט געוואָר ווערן דעם אמת! זאָלן זיי מיינען, אַז

איך בין געשטאָרבן מיט אַמאָל. וואָס וועלן זיי פילן, ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז איך האָב זיך געמאַטערט צוויי, דריי, פיר טעג!

דער קאָפּ דרייט זיך. מיין וועג צום שכן האָט מיך שטאַרק פאַרמאַטערט. און דער שרעקלאַכער ריח! ווי שאַרף ער איז געוואָרן... וואָס וועט זיין מיט אים מאָרגן אָדער איבערמאָרגן? איך ליג דאָ נאָר, ווייל איך האָב ניט קיין כּוח זיך אָפּצורוקן. לאָמיר זיך נאָר אָפּרוען, וועל איך אַריבערקריכן צום פריערדיקן אָרט. דער ווינט בלאָזט פון דאָרטן, וועט ער אַוועקטראָגן דעם שרעקלאַכן גערוך.

איך ליג אָן כּוחות. די זון ברענט דעם פּנים און די הענט. ס'זאָל שוין כאָטש קומען די נאַכט; דאָס וועט, דאַכט זיך, שוין זיין די צווייטע.

די געדאַנקען פּלאָנטערן זיך מיר און איך הער אויף עפּעס פילן...

אויפגעכאַפּט האָב איך זיך אין מיליטערישן שפּיטאָל. לעבן מיר שטייען דאָקטוירים, באַרעמהערציקע שוועסטער, און אַחוץ דעם זע איך דעם באַקאַנטן פּנים פון אַ באַרימטן פּעטערבורגער פּראָפעסאָר, וועלכער שטייט אַריבערגעבויגן איבער מיינע פיס. זיינע הענט זיינען פאַרבלוטיקט. ער טוט עפּעס מיט מיינע פיס און נאָכדעם זאָגט ער צו מיר:

— נו, ס'איז נאָך אייער גליק, יונגערמאַן! איר וועט בלייבן לעבן! איין פוס האָב איך געמוזט אָפּשניידן; נאָר דאָס איז דאָך אַ קלייניקייט!... קאָנט איר ריידן?

ו. גאַרשין.

# דער העלד.

(סאַטירע).

מעדאַלן האָט דריי מיר געשאָנקען דער קעניג\
און האָט נאָך דערצו מיר די פרייהייט געשאָנקען;\
אַ העלד בין איך, ליבסטע, איז דאָס דיר נאָך ווייניק?

איין האַנט האָב איך מקריב געווען פאַר מיין קעניג,\
די צווייטע וועט העלדיש און טריי דיך אומאַרמען.\
און איז דיר איין אָרעם, מיין טייערסטע, ווייניק?

מיין היים פאַר דעם צינז האָט פאַרנומען דער קעניג,\
דערפאַר אָבער האָט ער די לענדער פון שונא\
עראָבערט, מיין ליבסטע! איז דאָס דען נאָך ווייניק?!

איין האַנט... דריי מעדאַלן... אַ העלד ביי מיין קעניג!\
און יעדערער וועט דאָך אונז שענקען מיט חשק\
אַ שיינע נדבה. איז דאָס דיר נאָך ווייניק?

ה. רויזנבלאַט.

# איז אַוועק צום קריג דער מלך.

(סאַטיריש ליד).

איז אַוועק צום קריג דער מ ל ך —
בלאָזן אַלע שופרות פריילאַך;
שופרות בלאָזן, רוישן, ברומען,
אַז ער זאָל בשלום קומען.

איז געגאַנגען ס ט אַ ך זיך שלאָגן,
האָט דער טייך גענומען קלאָגן,
און די זאַנגען שטיל צו ציטערן,
אויף זיין מזל, אויף זיין ביטערן...

אויפ׳ן שלאַכט־פעלד אונטן, אויבן
פליען קוילן, מענשן ליגן;
מלכים שלאָגן זיך, ווי לייבן,
כלאָפּעס פאַלן ווי די פליגן...

פאָנען רוישן, שאָסן קראַכן,
און די מחנות ציען ווייטער:
ס׳האָט אַ קויל געטראָפן סטאַכן,
ס׳קומט אַהיים דער מלך הייטער.

ווי געקומען איז דער מלך,
עפענען זיך די טויערן פריילאַך;
די טראָמפּייטן רוישן, שאַלן,
און די זון זי גיסט מיט שטראַלן.

ווי מען האָט גענומען גראָבן
פאַר דעם סטאַך אַ גרוב, דאַן האָבן
שטיל געוויינט אין פעלד די גראָזן,
און אַ ווינט האָט צוגעבלאָזן...

א. רייזען.

(פון מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ).

# שטעלט אָפּ דעם קריג!

(אַן אָפּענער בריף צו פּרעזידענט ווילסאָן).

„הער!

איר האָט אַ מעגלאַכקייט אויפצוטאָן פאַר דער מענשהייט אַן אויסערגעווײנלאַכע גרויסע זאַך.

...עס איז אין אייער קראַפט צו פאַרענדיקן די מלחמה מיט אַ גערעכטן פרידן, וואָס וועט טאָן אַלעס מעגלאַכעס צו פאַרמיידן די שרעק פון נייע מלחמות אין דער נאָענטער צוקונפט. עס איז איצט נאָך ניט שפּעט צו ראַטעווען די אייראָפּײאישע ציוויליזאַציע פון פאַרניכטונג.

דעם שאָדן, וואָס די מלחמה האָט שוין געבראַכט ביז אַהער, איז ניט צו מעסטן. ניט נאָר זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען מיליאָנען ווערטפולע לעבנס; ניט נאָר זיינען נאָך פיל מער מיליאָנען פאַרוואונדעט אָדער קראַנק געוואָרן, נאָר אַלע אָנגענומענע באַגריפן פון אונזער ציוויליזאַציע זיינען פאַרביליקט געוואָרן. דעם מענשנס האַרץ איז דורכגעדרונגען געוואָרן מיט שרעק, און מיט איר איז געקומען איר שטענדיקער באַגלייטער—אַכזריות. האַס איז געוואָרן דאָס געזעץ פון לעבן, און מענשן ווילן מער טאָן שאָדן דעם צווייטן, ווי העלפן זיך אַליין. די האָפנונג פון פרידלאַכן פאָרטשריט איז טויט און קען ניט אויפגעלעבט ווערן צוריק. טעראָר און ווילדקייט זיינען די לופט, וואָס מיר אָטעמען. די פרייהייטן, וואָס אונזערע אור-עלטערן האָבן געוואונען אין משך פון הונדערטער יאָרן, זיינען אין איין טאָג אומגעבראַכט געוואָרן, און אַלע נאַציאָנען זיינען באַוואָפנט פאַר דעם איינציקן צוועק פון געגנזייטיקער פאַרניכטונג.

און דאָס אַלץ איז נאָך גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס וועט זיין, אויב די מלחמה וועט אָנהאַלטן ווייטער. וואָס גרעסער עס וואַקסט דאָס אומגליק, און וואָס מער דער דורכשניטלאַכער מענש ווערט אומצופרידן, אַלץ גרויזאַמער ווערן די מיטלען פון אונטערדריקונג. די סאָלדאַטן, וועלכע זיינען פאַרוואונדעט אָדער אויף אורלויב, האָבן די טראַנשייען און לעכצן נאָך פרידן. אונזערע מיליטאַריסטען האָבן די סאָלדאַטן ניט געגעבן קיין שטימע ביי די וואַלן; דאָך ווערט אומעטום געמאַכט אַ פּרוּוו איינצושמועסן די ציווילע באַפעלקערונג, אַז נאָר די סאָלדאַטן פון פיינט זיינען מיד פון קריג.

צוקוקן פון טאָג צו טאָג, ווי יונגע לעבנס ווערן צעשטערט, איז צו גרויזאַם, אַז מען זאָל עס קענען אַריבערטראָגן, דאָך זאָגט מען, אַז יעדעס וואָרט פון פרידן איז אַ פאַרראַט צו די סאָלדאַטן, כאָטש זיי ווילן פרידן נאָך מער פון אַלעמען. די פריינד פון פרידן ווערן אומעטום

באַגעגנט מיט דעם טיוולישן אַרגומענט, אַז די בראַווע מענשן, וואָס זיי־נען געשטאָרבן, מוזן ניט האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט אומזיסט. אַזוי ווערט יעדעס געפיל פון ר ח מ נ ו ת צו די נאָך לעבעדיקע סאָלדאַטן אויסגעטריקנט און אויסגעוועבט דורך אַ פאַלשער און אומפּרוכטבאַרער טרייהייט צו די, וואָס מען קען שוין ניט העלפן. עס איז דאָ אַן א מ ת'ע געפאַר, אַז אויב עס וועט גאָרניט געטאָן ווערן אָפּצושטעלן די שרעק און די ליידנשאַפט פון נאַציאָנען, וועט די אייראָפּייאישע ציוויליזאַציע אין גיכן אַזוי פאַרניכטעט ווערן, ווי די רוימישע ציוויליזאַציע איז פאַר־ניכטעט געוואָרן פון די באַרבאַרן...

איך זע, אַז קיין פראַגע פון קריג איז ניט אַזוי וויכטיק ווי פרידן; אַז דער שאָדן, וואָס פרידן קען אונז ברענגען, ווען ער זאָל אונז ניט אינגאַנצן צופרידנשטעלן, איז גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דעם שאָדן, וואָס עס וועט ברענגען די פאָרטזעצונג פון דער מ ל ח מ ה. אין דער צייט, וואָס די מאַכט־האָבנדע פון אייראָפּע ריידן וועגן די אינטערעסן פון די באַ־זונדערע פעלקער, וועגן די אינטערעסן, וועלכע זיי פאַרשטייען דערצו פאַלש, בין איך געצוואונגען, דורך אַ טיפער איבערצייגונג, צו ריידן פאַר אַלע נאַציאָנען אין דעם נאָמען פון גאַנץ אייראָפּע. אין דעם נאָמען פון אייראָפּע ווענד איך זיך צו אייך: טוט אַלצדינג צו ברענגען אונז פרידן!

בערטראַן ראָסל.

* *
*

דער לאָזונג פון ווילסאָנען איז געווען: „מיר דאַרפן דורך דער מלחמה מאַכן די וועלט זיכער פאַר דעמאָקראַטיע". אויסגעלאָזן האָט זיך דערפון אַ בוידעם.

---

אומעטום זע איך אַ קאָנספּיראַציע פון רייכע מענשן, וואָס מיינען זייער אייגענע ט ו ב ה און ריידן אַלץ וועגן אַלגעמיינע אינטערעסן.

טאָמאַס מור.

# דעבס וועגן מלחמה.

## 1. פון דער רעדע אין קענטאָן, אָהייאָ.

פּאַטריאָטיזם איז דער ע י ר־מ ק ל ט פאַר זשוליקעס. דער טיראַן, האָט זיך שטענדיק אָנגעטאָן אין דעם מ ל ב ו ש פון רעליגיע און פון פּאַט־ריאָטיזם. מען וויל אייך מאַכן צו גלויבן, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי באַשטייט פון אומלאָיאַלע מענשן, פון פאַררעטער. אין אַ געוויסן זיך איז

דאָס ריכטיק; מיר זיינען אומלאָיאַל, מיר זיינען פאַררעטער צו די אמת'ע פאַררעטער פון פאָלק.

...דער הערשענדער קלאַס האָט אַלעמאָל געבראַכט צו מלחמות, און דער אונטערדריקטער קלאַס האָט אַלעמאָל געשלאָגן זיך אין אָט די מלחמות. דער הערשנדער קלאַס האָט געקאָנט אַלץ געווינען און קיין זאַך ניט פאַרלירן; און דער אונטערדריקטער קלאַס האָט געקאָנט אַלץ פאַרלירן און קיין זאַך ניט געווינען... דער אַרבעטער קלאַס, וואָס האָט אַלעמאָל געבראַכט אַזוי פיל קרבנות אין יעדער מלחמה האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין שטימע אין דערקלערן מלחמה, פונקט ווי אין דער־קלערן פרידן.

2. פון אַ רעדע אין ניו־יאָרק.

...ווען עס וועט אויפהערן די אינדוסטריעלע און די האַנדלס־קאָנ־קורענץ, וועט אויך קומען אַ סוף צו מלחמות. ווען עס וועט זיך אָנהייבן מענשלאַכע מיטאַרבעטערשאַפט, קאָאָפּעראַציע אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב, וועט אָנהייבן הערשן אויף דער ערד פרידן און גוטע באַ־ציאונגען פון מענש צו מענש. ווען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג וועט זיגן, וועט איינגעשטעלט ווערן אַן אָרדענונג פון אינדוסטריעלער דעמאָק־ראַטיע; יעדער מענש וועט האָבן דאָס רעכט אויף אַרבעט, ער וועט באַקומען, וואָס ער וועט אויסאַרבעטן; ער וועט זיך פילן אַלס פרייער מענש און הנאה האָבן פון די פּראָדוקטן פון זיין אַרבעט; ער וועט האָבן אַ באַקוועמע היים, אַ צופרידענע פרוי, די קינדער זיינע וועלן זיין אין שול אָדער זיי וועלן זיך שפּילן. און אין אָט דער צייט וועט דער צייכן פון אַן אַרבעטער זיין דער איינציקער צייכן פון יחוס און פון אַדע־ליקייט.

# אַהיים.

(בילד).

אויפ'ן ברעג וואַלד האָבן זיך פינף רייטער באַוויזן.

פינף רייטער אויף נידעריקע פערדלאַך, מיט רויטע שלייפלאַך אין די לאַצן האָבן אַהער, צו די אַרבעסטיקע פעלדער, זיך געטראָגן און פינף וואָלקנדלאַך שטויב הינטער זיך נאָכגעלאָזט. פינף רייטער קומען און טראָגן אין די שוימיקע מיילער פון זייערע פערד די בשורה פון שלום.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי איז עס שוין געווען באַשטימט פון פריער נאָך, פון נעכטן:
— גענוג.

אין פעלד, הינטער'ן דערפל, אָטאָ דאָ, ביים געדיכטן וועלדל, זיינען

זיך צוזאַמענגעקומען אויף נאַכט־לעגער צוויי פּאָלקן און אַ ווײַלע אָנגע־קוקט איינע די צווייטע.

— ווער האָט אייך געשיקט אַהער?

— אַוועק די צייט פון שיקן, אַליין געקומען.

— וואָס דאַרפט איר דאָ?

— איבערנעכטיקן און ווייטער גיין.

— ווייטער? וואוהין?

— אַהיים.

— אַהיים?

קיינער האָט דאָס וואָרט ניט געקאָנט באַהאַלטן, ווי אַ שאָס אין טיפ־סטער שטילקייט — ניט אָפּצולייקענען, ניט אָפּצוזאָגן זיך פון אים. טויזנ־טער פּאָר אויגן האָבן דייטלאַך געהערט:

— אַהיים!

גענוג!

פאָרנטיקע רייען פון אָנגעקומענעם פּאָלק האָבן זיך אַ וואַקל געטאָן. פאָרנטיקע רייען האָבן פאַרזיכטיק, אויף די שפּיצן שפּיז ווײַערע, די ליכטיקע בשורה געטראָגן און איבערגעגעבן פון שפּיז צו שפּיז ביז'ן לעצטן אָפּגעשטאַנענעם פוס־גייער, ביז'ן מיטן האַרץ פון געדיכטן וועלדל:

— אַהיים!

און פּלוצלונג—צוועלף אָפּיצערן האָבן מיט נאַקעט געווער אַ דרײַ־צנטן, אַ סאָלדאַט, אַרומגערינגלט און דערקלערט:

— אַרעסטירט.

און איבער די רייען האָט זיך אַ פינסטער וואָרט אַזאַ צעטראָגן. אַ פינ־סטער וואָרט, ווי אַ שווערע אייזערנע קלאַפּ־טיר, האָט זיך איבער קעפּ פאַרהאַקט.

— רואיק! ס'אַ ליגן! אַ דייטשישן שפּיאָן האָט מען געכאַפּט!

נאָר קיינער האָט דאָס וואָרט שוין ניט געקאָנט באַהאַלטן. ווי אַ שאָס אין טיפּסטער שטילקייט — ניט אָפּצולייקענען, ניט אָפּצוזאָגן זיך פון אים— טויזנטער פּאָר אויערן האָבן דייטלאַך געהערט — „אַהיים"! — און טויזנ־טער שפּיזן האָבן זיך געוויגט אין פאַרנאַכטיקער לופט...

פאָרנטיקע רייען האָבן געזען: צוועלף אָפּיצערן האָבן איילנדיק פון פאַרשלאָסענעם רינג פון סאָלדאַטן־שפּיזן געוואָלט אַרויס. געוואָלט אַרויס און מיטנעמען מיט זיך דעם דרייצנטן, דעם סאָלדאַט, דעם אָנ־זאָגער פון דער ליכטיקער בשורה. און אַנטקעגנדיקע, פאָרנטיקע רייען פון אַנטקעגנדיקן פּאָלק האָבן ענגער און ענגער נאָך דעם רינג אַרום די אָפּיצערן געמאַכט, און פּראָוו דער לאַנגער האָט מיטאַמאָל אַרויס־געדונערט:

—אַ גענאַרעריי!

און פון הינטן, פון די לעצטע רייען, האָט זיך אַהער, צום אָפּיצערך רינגל, צום דרייצנטן, אַ טויבער געפּילדער דערלאַנגט:

— אַ מיטינג!

— זאָל ער אַליין דערציילן!

און פראָוו דער לאַנגער האָט שוין מיט זיין הילכיקן באַס געשטורעמט:

— אַ פּעסל, אַ פעסל גיט אַהער!

ניט געווען קיין צייט אין דאָרף נאָך אַ פעסל גיין, האָט פראָוו דער לאַנגער פון פאָרנטיקע רייען אַ טורעם געמאַכט: די ערשטע אויף די קני, די צווייטע — ביי די ערשטע אויף די פּלייצעס, דריטע—ביי די צווייטע אויף די אַקסלען און פון אויבן, אויף די דריטע, אַוועקגעשטעלט דעם, וואָס האָט דאָס וואָרט אַהער געבראַכט, אים ביים זייט מיט נאַקעטן געווער זיך אַנידערגעשטעלט און באַפוילן:

— רייד! דערצייל, ווי גייט מען דאָס אַהיים.

און דעמאָלט נאָך דער רעדע, איז צוריק געפונען געוואָרן דאָס צווייטע וואָרט:

— גענוג!

און דעמאָלט האָט פראָוו געפרעגט:

— האָט איר געהערט? אַלע? מסכּים?

און טויזנטער מיילער האָבן געענטפערט:

— געהערט. אַלע. מסכּים.

און פראָוו דער לאַנגער האָט אַזאַ רעדע געהאַלטן:

— כאָטש דיין מיין ווייסן מיר ניט, נאָר דו רעדסט די ווערטער, וואָס מיר באַדאַרפן. ווער איז פאַר דעם, אַז מע זאָל צוזאַמען אַהיים גיין, דער זאָל אויפהייבן די האַנט.

געקאָרטשעטע, שוואַרצע, ווי אַלטע וואָרצלען, הענט האָבן זיך אויפגעהויבן און לאַנג געשאָקלט זיך איבער די קעפּ.

איז עס אָנגענומען געוואָרן:

— געווער בלייבט מיט זיך. ס'וועט צונוץ קומען. אָפיצערן ווערן אַנטוואָפנט און זיינען פריי. פראָוו דער לאַנגער ווערט אויסגעקליבן אַלס קאָמאַנדיר פון פּאָלק. חבר בערקין, אָט דער, וואָס האָט די בשורה אַהער געבראַכט, אַלס בריגקאָמאַנדיר. מאָרגן פרי פאָרן אַרויס אויף דער דייטשישער פּאָזיציע: פראָוו דער לאַנגער, חבר בערקין, מאַכמאַדולאַ, טאַכוואַטולאַ, פיקאַלסקי און סיגאַלאָ—אַ דעלעגאַציע צו זיי, צו די דייטשן, אָנזאָגן זיי, אַז —

— גענוג!

און פרעגן ביי זיי:

— אפשר ווילן זיי, קאָנען זיי מאָרגן אַהיים גיין. מלחמה איז אויס, קאַיוק!

און טיף געוואונדערט האָבן זיי זיך איבער׳ן גרויסן נייס, וואָס איז היינט אַנטדעקט געוואָרן:

— אַזאַ גרויסע מאַכט ליגט דאָס אין אַ יעדערנס שוואַרצער האַנט:

— אויפגעהויבן זי — און אויס מלחמה! קאַיוק!

2

אין פרישן ליכט פון פריען באַגינען זיינען פינף רייטער הינטער וועלדל פאַרשוואונדן און אויף אַ פּאָר מינוט געלאָזט הינטער זיך פינף וואָלקנדלאַך שטויב, וואָס זיינען פּאַמעלאַך נאָך זיי, נאָך די רייטער, אַוועק.

און אָט איז שוין לויטערסטער און שפּעטער האַלבער טאָג געקומען און — ניטאָ, ניט קיין רייטער, ניט קיין וואָלקנדלאַך שטויב.

טויזנטער אויפגעוואַכטע הערצער האָבן געציטערט: יענע זייט, דאָס אומבאַקאַנטע אָרט, מיט׳ן אומבאַקאַנטן פאָלק האָט דערשלונגען די דעלעגאַציע זייערע מיט זייער ליכטיקן חלום און איצט איז דאָס שוין ניט:

„אויס מלחמה, קאַיוק!"

נאָר —

עס וועט אַ טאָג אַזוי אין ליכטיקן חלומ׳ען פאַרגיין, און צונאַכט צו וועט זיך שוין געפינען אַזוינער אין גאָלדענע שליפעס, וואָס וועט אויס־שרייען:

— צום געוועהר!

און קריך ווייטער, צוריק אין די פינסטערע בלאָטעס. און גרויע מענשן קלייבן זיך אין רעדלאַך, אין רעדלאַך, און רעדלאַך קלעפּן זיך צונויף, און עמיצער וואַקסט אויס מיטאַמאָל איבער אַלעמענס קעפּ און ווידער שוין הערט זיך:

— אַ מיטינג!

— זאָל מען אונז דערציילן!

אַ מחנה אַזאַ, אַן אויסטערלישע, האָט זיך פון אַרומיקע דערפלאַך אַהער צום נאַקעטן פעלד געצויגן. אַ מחנה פון פויערים מיט אָפּגע־ברענטע פּאַטיליצעס, מיט שוואַרצע פּנימ׳ער, מיט הענט צעדרייטע און גראָבע אין שווערער מי, אַ מחנה אַזאַ מיט היי־גאָפּלען באַוואָפנט, מיט קאָסעס, מיט גראַבליעס און מיט לאָפּעטעס האָט אַן ענגן רינג געמאַכט אַרום טויזנטער קעפּ, און איינעם פון זיך, אַן אַלטינקן, אין אַ גראָער סוויט־קע אַ צונויפגעדרייטן פון יאָרן, אַרויסגעשיקט צום מיטינג.

— זייער דעלעגאַט.

— אַ וואָרט וויל ער.

האָבן הענט פון מיטינג דעם אַלטינקן געהויבן, פון פּלייצע צו פּלייצע

איבערגעגעבן און אין רעכטן מיטן אויף אַקסל אים אַנידערגעשטעלט, און אַלטינקער האָט גערעדט:

— אַ אידישע אַרבעט איז דאָס — צום דייטש שלום בעטן גיין, אַהיים אַנטלויפן און לאָזן דאָ אָט די אַלע פּראַוואָסלאַוונע אויפ׳ן באַראַט פון באַסורמאַן. אַ אידישע אַרבעט איז דאָס, און רעכטגלויביקע דערקלערן: מיט היי־ און מיסט־גאָפּל, מיט קאָסע און מיט גראַבליעס וועלן זיי אָטאָ די אַנטלויפערס די אויגן אויסקראַצן.

איז אַ ווײַלע מיטינג שטיל געבליבן. טויזנטער קעפּ האָבן זיך אויף הינטן אויסגעדרייט און אַ ווײַלע די מחנה מיט די גאָפּלען אָנגעקוקט. און מיטאַמאָל, ווי עמיצער וואָלט הייסע קוילן אויף די קעפּ זייערע אויס־געשאָטן, האָט עס טויזנטקעפּיקער מיטינג אָנגעהויבן קאָכן:

— אַראָפּ!

— אַראָפּ!

— ניט דאָס, וואָס מיר דאַרפן, רעדט ער!

— בריה׳ס מיט גראַבליעס!

— אויפ׳ן דייטש מיט די גראַבליעס גיין!

— אויף מאָן וועלן זיי צערײַבן!

און איבער אַלץ האָט געפלאַקערט און איינציק געהערשט איין און איינציק וואָרט, אַ קורצס אַזאַ:

— גענוג!

— גענוג!!

— גענוג!!!

אַלטינקער איז צוריק פון אַקסל אויף אַקסל געשפּרונגען. פון אַקסל אויף אַקסל, פון אַקסל אויף פעלד און ווײַט אַהין צו דער מחנה זײַנער פאַרוואָרפן געוואָרן.

מחנה מיט גראַבליעס איז שטיין געבליבן — ניט אַהין, ניט אַהער, — אַ רגע׳לע נאָר שטיין געבליבן, און מיטאַמאָל האָט עס אַ צווייטער אַלטינ־קער פון דאָרט אויסגעשריגן:

— נו, און אונזערע וועלן אויך קומען?

ווי ניצחון פון זונען־ליכט איבער וואָלקנס געדיכטע, אַזוי ליכטיק האָבן די פּאָר וואָרטער מחנות מיט גראַבליעס און ביקסן באַדעקט.

— נו, און אונזערע וועלן אויך קומען?

און מחנה מיט ביקסן האָט אויסגעשטורעמט:

— קומען. קומען. געוויס!

און הילכיק פאַרענדיקט:

— גענוג!

---

נאָר מיטאַמאָל האָט איינער אַ פרעג געטאָן:

— און ווי, חברים, אַז מען וועט נייטן?

איז מיטינג געבליבן אָפּהענטיק אַ ווײַלע, און נאָר פון דער ערשטער ריי האָט זיך איינער אויף די אַקסלען צו זיין חבר אַרויפגעכאַפּט.

— איז אָט וואָס פאַראַן — ביקס און שפּיז. און קוילן וועלן מיר שוין דערטאַפּן.

הענט, ווי וואָרצלען פון אַ וואַלד אַן איבערגעקערטן מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, האָבן אין פאַרנאַכטיקער לופט געווייט: גענוג!

3

פינף רייטער אויף נידעריקע פערדלאַך זיינען דאָך צוריקגעקומען.

פערד־מיילער זיינען געווען טרוקן און פאַרביסן. פּאַמעלאַך, טראָט ביי טראָט, האָבן רייטער זיך צוריקגעקערט.

אין וועג נאָך האָבן רייטער אַ באַראַטונג אָפּגעהאַלטן. טאַכוואַטולאַ האָט געזאָגט:

— חבר בערקין איז שולדיק, געדאַרפט געבן זיי צו פאַרשטיין, אַז — גענוג.

נאָר פראָוו דער לאַנגער האָט אים איבערגעהאַקט:

— מאַכמאַדולא דו, אַז דאָס איז אַ הילצערן פּאָלק, פאַרשטייסטו?

און פּלוצלונג האָט ער זיך געכאַפּט:

— ווי זאָגסטו, חבר בערקין, אַ וואַנט האָבן זיי אויסגעמויערט און ניט געלאָזט אונז צוקומען צו אָטאָ די, וואָס וויסן שוין אויך, אַז גענוג.

און פּיקאָלסקי און סיגאַלאַ האָבן צוגעשטימט:

— מע דאַרף זיי לאָזן אַ ליידיקן אָרט. מע דאַרף אַוועק פונדאַנען, זאָלן זיי קומען אַהער און זען, אַז ס'איז ניטאָ מיט וועמען מלחמה צו האַלטן, זאָלן זיי וויסן, אַז — גענוג!

און ווידער שוין האָבן פינף רייטער איבער'ן פעלד זיך געטראָגן. און ווייטער שוין זיינען פערדישע מיילער מיט שוים אָנגעפילט געוואָרן, און הינטער שוים די ליכטיקע בשורה פאַר טויזנטער אויסגעמאַטערטע געטראָגן!

— גענוג!

און ס'איז איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן:

— היינט נאָך גייט מען אַוועק פונדאַנען.

ליכטיקער שטערנדל האָט ווידער שוין העל אויפגעפינקלט.

— אַהיים!

— גענוג!

אין פרייער אָרדענונג האָבן מחנות מענשן איבער'ן וועג זיך געצויגן, פאָרויס מיט מוזיק, פאָרויס מיט חבר בערקין, מיט פראָוו דעם לאַנגן!

— אַהיים!

ש. גאָדינער.

# קריגער.

(ליריש ליד).

קריגער! דיין שווערער פאַרברעכן זאָל וואָגלען פון דורות צו
דורות!
עס זאָלן די דראָטן אין ווייטסטע מדינות דיין חרפּה צעטראָגן.
די שיפן, וואָס בלאָנדזען אין ים, זאָלן שטום פאַר דער וועלט זיך
באַקלאָגן.
קריגער, דיין שווערער פאַרברעכן זאָל וואָגלען פון דורות צו דורות.

אַ ריז אַ פאַרבלוטיקטער טראָגט אונז אַצינד זיינע גילדערנע לוחות,
איינאיינציקע רוסלאַנד, די ליכטיקע וויג פאַר באַפרייאונג,
זאָל פאַלן אויף גרויע רואינען דיין שטראַלנדע זון פון באַנייאונג!
אַ ריז אַ פאַרבלוטיקטער טראָגט אונז אַצינד זיינע גאָלדענע לוחות.

מ. קולבאַק.

# א גרוס דער וועלט.

(אָדע).

דו, וועד דו זאָלסט ניט זיין!
דו, טאָכטער אָדער זון פון ענגלאַנד!
דו, פון מעכטיקע סלאַווישע שבטים און קעניגרייכן! דו רוס און רוס־
לאַנד!
דו, שוואַרצער אַפריקאַנער מיט געטלאַכער זעלע, פון טונקעלער אָפּ־
שטאַמונג, גרויס, מיט שיין געבויטן קערפּער און קאָפּ, באַשטימט
צו גרויסקייט אויף אַ גלייכן פוס מיט מיר!
דו, נאָרוועגער! שוועד! דענער! אייסלאַנדער!
דו, שפּאַניער פון שפּאַניען! דו, פּאָרטוגעזער!
דו, פראַנצויז און פראַנצויזן פון פראַנקרייך!
דו, בעלגיער, דו, פרייהייט־ליבהאָבער פון נידערלאַנד!
דו, מוטיקער עסטרייכער, לאָמבאַרד, באָהעמיער, פויער פון שטיי־
ערמאַרק!
דו, שכן פון דעם דאָנוי.
דו, אַרבעטער פון ריין, עלבע, אָדער ווייקסל!
דו, אַרבעטערן אויך!
דו, סאַרדיניער! באַוואַריער! שוואַב, זאַקס! וואָלאַך, בולגאַר!
דו, בירגער פון פּראָג! רוימער! נעאַפּאָליטאַנער, גריך!
דו, בייגזאַמער מאַטאַדאָר אויף דער סעווילער אַרענאַ!

דו, בערג־איינוואוינער, וואָס דו לעבסט אויסער'ן געזעץ אויפ'ן טאַורוס
אָדער קאַווקאַז!
פערסיער, וואָס דו רייטסט אין פולן האַסט אויפ'ן זאָטל, שיסנדיק פיילן
אין ציל!
דו, כינעזער און כינעזערן פון כינע! דו, טאָטער פון טאַטאַרן־לאַנד!
איר, פרויען פון דער ערד, אונטערוואָרפן אייער אַרבעט!
דו, איד, וואָס וואַנדערסט אין היכן עלטער טראָץ אַלע סכנות,
אַבי איינמאָל צו שטיין אויפ'ן סירישן באָדן!
איר, אַנדערע אידן, וואָס וואַרטן אין אַלע לענדער אויף אייער משיח!
דו, דענקענדער אַרמעניער, פאַרטיפט אין גערדאַנקען אויף דעם יעפראַ־
טעס־שטראָם!
דו, פאָרשער פון די רואינען פון נינוה! דו, וואָס שטייגסט דעם באַרג
פון אררט!
דו, פילגרים, מיט פאַרוואונדעטע פיס, וואָס באַגריסט דעם ווייטן פונק
פון די מינאַרעטן פון מעקאַ!
איר, שייכן, אויף דער שטרעקע פון סועץ ביז באַב־על־מאַנדעב, וואָס
רעגירט אייערע פאַמיליען און שבטים!
איר, אײלבערט־פלאַנצער, וואָס ברענגט אויף אייער פרוכט אויף די
פעלדער פון נצרת, דמשק, אָדער ביים ים פון טבריה!
דו, סוחר פון טיבעט, וואָס דו רייזסט ווייט איבער'ן לאַנד, אָדער האַנ־
דעלסט אין די קראָמען פון לאַסאַ!
דו, יאַפּאַנעזער מאַן אָדער פרוי! דו, איינוואוינער פון מאַדאַגאַסקאַר,
ציילאָן, סומאַטראַ, באָרנעאָ!
איר אַלע לאַנד־באַוואוינער פון אַזיען, אַפריקע, אייראָפּע, אויסטראַ־
ליען, אָן אונטערשיד פון פּלאַץ!
איר, אַלע פון די אומגעציילטע אינזלען פון דעם ים'ס אַרכיפּעלאַגן!
און איר, פון צוקונפטיקע דורות, ווען איר הערט מיך צו!
און איר, יעדער איינער און פון איבעראַל, וועמען איך באַצייכן ניט,
דאָך שליס איך אייך איין מיט אַלע אַנדערע!
שלום צו אייך אַלעמען — פון מיר אין אַמעריקע!
איטלאַכער פון אונז אומפאַרמיידלאַך;
איטלאַכער פון אונז אומבאַגרעניצט. איטלאַכער פון אונז מיט זיין אָדער
מיט איר רעכט אויף דער ערד;
איטלאַכער פון אונז מיט דעם אייביקן ענדציל פון דער ערד;
איטלאַכער פון אונז אַזוי הייליק, ווי אירגענד וועלכער אויף דער ערד!

**וואָלט וויטמאַן.** (אידיש — י. שוואַרץ).

און זיי וועלן צעשטויסן זייערע שווערדן אין אַקעראַזייַנס. — דזש. בוטינסקי.

# און עס וועט קומען אַ צייט.

(נביאות).

און עס וועט קומען אַ צייט, און די פעלקער וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אין אַקעראייזנס און זייערע שפיזן אויף גאָרטן־מעסער. און אַ פאָלק געגן אַ פאָלק וועט מער ניט אויפהייבן קיין שווערד און זיי וועלן מער ניט לערנען צו גיין אין קריג.

און אַ וואָלף וועט וואוינען צוזאַמען מיט אַ שעפּס, און אַ טיגער וועט ליגן לעבן אַ ציגעלע, און דער יונגער לייב און דאָס פעטע רינד וועלן אַלע זיין אינאיינעם, און פירן וועט זיי אַ קליין קינד.

און אַ קו און אַ בער וועלן זיך צוזאַמען פיטערן, און דער לייב וועט שטרוי עסן, ווי אַ רינד.

און אַ זויג־קינד וועט זיך שפּילן מיט׳ן פּיפּערנאָטער, און דער גיפּטיקער שלאַנג וועט אַן ערשט־אַנטוואוינט קינד זיין האַנט אַריינשטעקן אין מויל אַריין.

זיי וועלן קיינער קיין בייז ניט טאָן און קיין שאָדן ניט טאָן איינער דעם אַנדערן, ווייל מיט גערעכטיקייט וועט זיין פאַרפלייצט די וועלט, אַזוי ווי דאָס וואַסער פאַרגיסט דעם דעק פון ים.

פון ישעיה.



שלום.     וו. סטרוט.

# דער לעצטער שטרייט.

## דער וועכטער.

(געדאַנק).

עס שלייכט צו אַ שטאָט ביינאַכט
די שווערד;
נאָר אויפ'ן טורעם דער וועכטער וואַכט—
ער הערט!
און בלאָזט טראָמפּייט
און שמעטערט מיט מאַכט;
עס ציטערט די נאַכט.
דאָס פאָלק דערוואַכט:
דער שונא גייט, דער שונא גייט!
און עס פלאַקערט אויף די שלאַכט
אין הויף, אין גאַס,
אויף מויער און וואַנט,
פאַר ווייב און קינד
פאַר פאָלק און לאַנד!
פאַר רעכט און פריי גייט אַלץ אין קאָן!
ווער זיגן וועט, דאָס ווייסט איין גאָט;
דער וועכטער האָט
דאָך זיינס געטאָן!
ער האָט זיין ערע נישט באַפלעקט,
ער האָט געוועקט!
ער האָט געדינט זיין פאָלק, זיין לאַנד!
נאָר ווי דעם וועכטער, — שפּאָט און שאַנד! —
וואָס האָט ביינאַכט
אַן אויג פאַרמאַכט און ערוואַכט
ערשט אין דער בראַנד!

י. ל. פּרץ.

# דער גלאָק.

(בילד).

אינמיטן טאָג, אינמיטן שטאָט גערויש
האָט פּלוצלונג זיך אַ גלאָק צעקלונגען.
אינמיטן טאָג, אינמיטן שטאָט־גערויש
האָט אין די הערצער טיף אַריינגעדרונגען
דער קלאַנג, וואָס האָט זיך אין דער לופט צעקלונגען.

די הויכע שטיינער־הייזער זיינען אין דער הייך
נאָך אויסגעוואַקסן העכער,
און פּנימ׳ער, איינגעשמירט אין ליים און רויך,
אַרויסגעשאָטן האָבן זיך פון קעלערס און פון לעכער
און באַלד פאַרפלייצט די גאַסן און די דעכער.

טראַמוואַיען האָבן זיך געשטעלט
און ניט געקאָנט פאַר זיך אַ וועג דורכשלאָגן.
און אויסגעקוקט האָט דאַן די שטאָט, פּונקט ווי אַ פעלד,
וואו פערד־טאַבונען האָבן זיך צעטראָגן
און ווילן איינער זיך דעם צווייטן איבעריאָגן.

דערנאָך האָט זיך די זון מיט גרויס גענאָד
צעגלאַנצט אויף שטיינער און אויף שויבן,
און דאָ און דאָרטן האָט זיך, ווי אַ גאָט,
אַ מענש אַריבער קעפּ אַרויפגעהויבן
און פון אַ נייעם גלויבן ריידן אָנגעהויבן.

אינמיטן טאָג, אינמיטן שטאָט־גערויש
מיט ברייטע טענער האָט דער גלאָק געקלונגען.
אינמיטן טאָג, אינמיטן שטאָט־גערויש
האָבן אַלע הערצער זיך צעזונגען
צום ריטם פון׳ם גלאָק, וואָס האָט אין לופט געקלונגען.

און אויפ'ן הויכן טורעם האָט דער וועכטער מיט דער קייט
דעם גרויסן גלאָק געצויגן.
און מיט אַזוי פיל גליק און פרייד
געצונדן האָט זיך יעדער קלאַנג אין זיינע אויגן,
ווען ער האָט מיט דער קייט דעם גרויסן גלאָק געצויגן.

ז. ווײנפּער.

## שטורעם.

(געדאַנק).

איך האָב ליב די שוואַרצע כמאַרע
מיט איר מ ר א ה,
מיט די שרעקן.
עס וועט דונערן און וועקן!

איך האָב ליב דעם בייזן הימל
מיט זיין ליאַרעמען
אָן דערבאַרעמען,
מיט זיין דראָען, מיט זיין טומל!

מעגן בליצן, ווי די שלאַנגען,
אַלץ פאַרצוקן, אַלץ דערלאַנגען:
האָב און גוטס און הויז און שייער—
מיט אַ קראַכנד־העליש־פייער!

זאָל דער שטורעם אויך מיין שטיבל
ח ר ו ב מאַכן – קיין פאַריבל!
דורך די פלאַמן קוקט אַרויס
ס'נייע, פרייע, העלע הויז!...

א. רייזען.

# פון מהומה.

(מאָטיוו)

מיר האָבן געגאַרט און געוואַרט פון לאַנגאָנען.
איז געקומען דער טאָג פון די פאָנען,
מיט ברודער, מיט ליבער, מיט פריינט און מיט שכן —
מיר שפּאַנען אויף גאַסן אַרום און מיר האָרכן:
מע רעדט און מע רעדט פון די הויכע באַלקאָנען,
אַז הערשער פאַרבלייבן די פאָנען...

ס'האָט דער שטח געשטומט, ביז סע האָט זיך פאַרדרייט
און צעזייט אין דער ברייט, און צעשפּילט זיך מיט פרייד
און באַגריסט און צעקושט אַלע ווייטע און נאָענטע,
און מיט לויטערן גאָלד אונז געמאָלדן אַ יום־טוב.
און מיט פאָנען אַרויף, זיך מיט פאָנען צעווייט,
שפּאַנען מיר משוגע אַרום מיט דער פרייד.
דער נאַקעטער שטח, דער ריזיקער שטח —
מיט פאָנען צעשפּילטע שוין אייביקן וועט ער.

קומען מיר כאָפּטעס אויף פּלאַץ זיך צונויף
פון גאַס און פון געסל, פון הויז און פון הויף,

מיט ברידער, מיט ליבע, מיט פריינד און מיט שכנים
אַזעלכע גוטע, אַזעלכע ריינע.

ע. פיינבערג.

מאָטיוו.

מאטיוו — איז א ליריש ליד, אין וועלכן דער שרייבער גיט א בילד פון דער נאטור אדער פון לעבן, און צום סוף דריקט ער אויס זיין שטימונג, וואס דאס בילד האט ביי אים ארויסגערופן.

# דער אויפשטאַנד.

(בילד).

פרייטאָג, דעם 24־סטן פעברואַר. איבער די גאַסן פון פעטראָגראַד זיינען געגאַנגען דעמאָנסטראַנטן און געפאָדערט ברויט. אין שטאָט האָבן געווילדעוועט פערד־פּאָליציאַנטן. זיי האָבן געריטן איבער טראָטואַרן און צעטריבן דעם נייגעריקן עולם. טראַמוואַיען זיינען שוין ניט געגאַנגען.

איבער׳ן גאַס זיינען געגאַנגען אַ גרופּע אַרבעטערנס. בלייכע פּנימ׳ער רויטע געשוואָלענע אויגן, מידער טראָט. אומבאַוואָפנטע זיינען זיי שווייגנדיק געגאַנגען. פונדערווייטנס האָט זיך באַוויזן אַ מחנה פּאָליציאַנטן. די דעמאָנסטראַנטקעס זיינען צעטומלט געוואָרן, זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. איין אַרבעטערן האָט אָבער באַלד אויסגעשריען:

— זיי וועלן אונז ניט טשעפּן. מיר פאָדערן דאָך ברויט.

דאָס איז געווען איבערצייגנדיק. מע קאָן דען שלאָגן, אַז מע פאָדערט ברויט?

שווייגנדיק, זיינען די פרויען ווייטער געגאַנגען.

די פּאָליציאַנטן האָבן אונטערגעטריבן זייערע פערד, זיך אַריינגעריסן צווישן די הונגעריקע אומבאַוואָפנטע פרויען און אָנגעהויבן שלאָגן.

---

אין אַלע צענטראַלע טיילן פון שטאָט זיינען געווען פּאָליציאַנטן, פערד־זשאַנדאַרמען, איבערגעטאָנענע ווי סאָלדאַטן. מע האָט געשלאָגן, געשאָסן פון קוילנוואַרפערס, פון ביקסן, פון רעוואָלווערן.

אויף זנאַמענער פּלאַץ האָט אַ פּריסטאַוו באַפוילן מיט בלויזע שווערדן צו האַקן די אומבאַוואָפנטע דעמאָנסטראַנטן.

— קאַזאַקן, שטעלט זיך איין! — האָט זיך עמיץ געווענדט צו אַ קאָזאַקן־אָפּטיילונג.

דאָ איז געשעען אומגלויבלאַכעס:

די קאַזאַקן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו הילף דער מאַסע. אין אַ פּאָר מינוט האָבן זיי צעשלאָגן דעם פּריסטאַוו און צעטריבן די פּאָליציאַנטן.

---

דער צוג אויף דער פינלענדישער ליניע האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט.

די פּאַסאַזשירן זיינען אַרויסגעשפּרונגען אינדרויסן.

וואָס איז געשען? און מ׳האָט דערזען:

צום צוג איז געגאַנגען אַ פּאַטרול: זעקס סאָלדאַטן, צוויי אַרבעטער.

אַלע מיט ביקסן און אויף די שפּיזן רויטע פאָנען. און די אויגן ביי די סאָל־דאַטן זיינען געווען אַנדערע, נייע, אויפמערקזאַמע.

— בירגער, דער צוג וועט ניט גיין!

די סאָלדאַטן זיינען אַריינגעגאַנגען אין ערשטן קלאַס. דאָרט זיינען געזעסן: אַן אַלטער גענעראַל און צוויי יונגע אָפיצערן. דער גענעראַל האָט אַ מאַך געטאָן מיט די ווייסע ברעמען.

— ע־ע, זעלנער...—און פאַרענדיקט ניט, דערזעענדיק רויטע סטענ־געס און פאָנען.

— וואָס — איז — דאָ־אָ־ס?

— הער גענעראַל, גיט אָפּ אייער געווער! — האָט געזאָגט דער סאָל־דאַט.

ביים גענעראַל האָט אַ ציטער געטאָן די לינקע ברעם. ער איז בלייך געוואָרן. דערנאָך האָט ער אַ צי געטאָן מיט די פּלייצעס און זיך אויפ־געשטעלט. די אָפיצערן זיינען אויפגעשפּרונגען. די סאָלדאַטן האָבן מיט זייערע ביקסן פאַרשטעלט דעם וועג.

— האַלט! ס׳געווער!

— וואָס? ניט וואַגן! דיין שבועה: וואו איז דיין שבועה? אויס־וואָרף, אַ רויטע פאָן, אַ! אויסוואָר־ר־ף!

דער גענעראַל האָט זיך פאַרסאָפּעט.

— איר וואַרפט זיך ניט אונטער? איר זייט אַרעסטירט. — האָט רואיק געמאָלדן דער סאָלדאַט. דער גענעראַל האָט אַ גלעט געטאָן זיין ווייסן פּנים.

— לויט וועמעס באַפעל?

דער סאָלדאַט האָט גלעטנדיק זיין רויט בענדל אויף דער ברוסט, געשמייכלט.

— דאָס פאָלק.

— אַ־אַ, דאָס פאָלק.—האָט קוים שמייכלענדיק געזאָגט דער גענעראַל און זיך געווענדעט צו די אָפיצערן: — איר הערט, מיינע הערן, דאָס פּ־אָ־לק!

און מיטאַמאָל אָפּטרעטנדיק, ניט טרעפנדיק מיט די הענט, וואו מע דאַרף, האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע אַ שוואַרצן בראַונינג און דער־לאַנגט דעם סאָלדאַט, — נאַ!

---

פּלוצלונג... וואָס איז דאָס? פון ערגעץ הערן זיך קופּערנע טרו־מייטנקלאַנגען. מוזיק. יאָ, יאָ, מיליטער־מוזיק. סע הערט זיך אַ היל־כיקער פעסטער סאָלדאַטן־טראָט.

נעכטן האָב איך געזען, אַז מע האָט אויסגעשטעלט סאָלדאַטן קעגן אונז. דער סיגנאַל־האָרן האָט געשפּילט. זיי האָבן געצילט, אָבער ניט

געשאָסן. דער אָפיצער האָט עפּעס געשריגן, נאָר ניט ערנסט, ניט שטרענג, אַזוי — לפּנים.

איך האָב דאָס נעכטן עטלאַכע מאָל געזען און ניט געגלויבט, אַז זיי וועלן שיסן אין אונז. און אויב יאָ...

די מוזיק איז שוין נאָענט. אָט הערן מיר אַלט־באַקענטע קאָמפּס־מאָטיוון — די מאַרסעליעזע.

— שטיי!

סע גלויבט זיך ניט. אפשר נאָר איך זיך אָפּ. אַן אַרבעטער שפּרינגט אַרויס פון דער מאַסע, צענעמט די פאַרקרימטע פינגער, לויפט הינטער'ן ראָג און שרייט:

— ברידער, סאָלדאַטן, ברידער! — זיין שטימע איז הייזעריק.

— ברידער! — שרייען אַלע מיט דיזעלבע הייזעריקע געשפּאַנטע שטימען.

— איינס־צוויי, איינס־צוויי. — קלאַפּן די סאָלדאַטן אָפּ דעם טאַקט.

פון הינטער'ן ראָג קריכט אַרויס דער קאָפּ פון אַ סאָלדאַטן־קאָלאָנע, אַרומגערינגלט מיט אַ המון פון פאָרנט. ס'פּלאַטערט די רויטע פאָן. מיר ווייזט זיך אויס, אַז איך זע אַ חלום, אָדער כ'בין פון זינען אַראָפּ. ניין, ס'איז ניט קיין חלום, ס'איז וואָר. איך זע מיט מיינע אויגן און גלויב נאָך ניט.

איך וואַרף זיך דעם ערשטן סאָלדאַט אויפ'ן האַלז, קוש די שטעכע־דיקע באַקן, ליפּן, דעם גאַנצן פּנים. פון מיינע אויגן רינען טרערן.

— ברודער, ברודער!...

דער סאָלדאַט רוקט מיך אָפּ אין אַ זייט און שמייכלט.

— נו, אַ מאָדנער מענש, וואָס חידוש'סטו זיך אַזוי?

ער ווערט באַלד ערנסט. קלאַפּט אויס דעם טאַקט פון דער מאַר־סעליעזע:

— איינס־צוויי, איינס־צוויי...

י. אָקוניעוו.

# וועגט.

(רעוואָלוציאָנער בילד).

מיר,
הויכע, האַרטע, פעסטע וועגט,
פאַראורטיילטע הערן און שטומען...

טויזנטער,
טויזנטער יאָרן מיר זיינען געהאָרכזאַם געוועזן:
געהערט און באַנומען!...
און שווייגנדיק,
אין זיך דעם מורמל פון ד ו ר ו ת געשטיקט...
נאָר מער,
מער וועלן מיר שוין ניט שווייגן...
מיר הערן:
אַ שטייגן,
אַ גרייפן,
אַן אָפּקלאַנג
פון שווערע, פון שטייפע, פון אייזערנע טריט...
ס'גייט אַ ברייטער, אַ מעכטיקער—
אַלץ וואָס ערשט נעכטן
געהערשט האָט ווי פעלז,
ווי גראַניט,
פאַלט פאַר אים, קניט
מיט ציטער און גרויל...
— גיט אונז אַ מויל!
באַקלעפּט און באַהענגט אונז
מיט מענגעס אַפּישן, פּלאַקאַטן און בלעטער...
מיט זיי,
ווי מיט ריזיקע גאָרגלען,
וועלן מיר שרייען:
מיר הערן
פעסטע, שווערע, זיגערישע טריט!...

א. קושניראָוו.

# קלינג־קלאַנג.

(רעוואָלוציאָנער בילד).

קלינג־קלאַנג —
איז געווען אַמאָל אַ צוואַנג,
קלינג־קלאַנג, קלינג־קלאַנג!
פון אַן אייזן, פון אַ שטאַנג
האָט די צוואַנג פאַרדרייט אַ רינג —
קלאַנג־קלינג!
איינס און צוויי, רינג און רינג;
אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט —
און פון רינגעלאַך אַ קייט.
קייט און קייט און אָן אַן עק,
וואו אַ וועג און וואו אַ שטעג,
וואו אַ פוס ציט זיין גאַנג —
קלינג־קלאַנג, קלינג־קלאַנג!

איז געקומען דער פרייער פאַרלאַנג
און האָט פליגל צעשפּרייט,
און גענומען אין האַנט האָט די צוואַנג,
און גענומען אין האַנט האָט די קייט,
און צעשאָטן אַ רינג נאָך אַ רינג,
רינג איין, רינג אויס, —
די קייט איז אויס...
און קומען אָן ווינטן פון פרילינג,
און בלומען און קינדער זיך ווייזן —
איניינעם מיט קלאַנגען פון אייזן,
דערהערט זיך אַ יונגער געפילדער,
דערהערט זיך אַ לויטער געקלאַנג —
קלינג־קלאַנג, קלינג־קלאַנג!

ד. האָפשטיין.

# לענין.

**(ביאָגראַפיע).**



נ. לענין

לענין איז געבוירן געוואָרן דעם 23־סטן אַפּריל 1870, אין סימבירסק (איצט הייסט די שטאָט — אוליאַנאָווסק).

דער פֿאָטער זיינער, איליאַ, איז געווען פֿריער אַ לערער און דערנאָך אַ דירעקטאָר פֿון פֿאָלקס־שולן. ער האָט זייער פיל אויפגעטאָן פאַר פֿאָלקס־בילדונג: ער האָט אויפגעעפֿנט מער פֿון 400 שולן פאַר קינדער פֿון דער אָרימערער באַפעלקערונג.

אין שטוב ביי זיי פֿלעגן פֿאָרקומען שמועסן וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, און לענין, נאָך גאָר אַ קינד, האָט שוין גענומען טראַכטן וועגן קאַמף מיט'ן קייסער, מיט די פּריצים און מיט די פֿאַבריקאַנטן, וואָס האָבן געדריקט די פּוערים און די אַרבעטער און געשטיקט יעדע פרייע באַוועגונג.

אַ קאַמף קעגן קייסער און די פּריצים האָט דעמאָלט געפֿירט די פּאַרטיי „פֿאָלקס־פֿרייהייט“. דאָס איז געווען אַ פּאַרטיי פֿון העלדן־רעוואָלוציאָנערן. צו אָט דער פּאַרטיי האָט געהערט לענינס עלטערער ברודער, אַלעקסאַנדער.

ווען לענין איז אַלט געווען 17 יאָר, האָט זיין ברודער זיך געלערנט אין אוניווערסיטעט אין לענינגראַד (דעמאָלט האָט די שטאָט געהייסן פּעטערבורג און איז געווען די הויפּטשטאָט פֿון רוסלאַנד).

פּלוצלונג קומט אָן אַ ידיעה: אַלעקסאַנדער אוליאַנאָוו איז פֿאַרמשפּט צום טויט. פֿאַרוואָס? דערפֿאַר וואָס ער מיט נאָך רעוואָלוציאָנערן האָבן געוואָלט מיט באָמבעס אין די הענט הרג'ענען דעם קייסער און באַפרייען רוסלאַנד. אין שטוב איז געוואָרן אַ געוויין, נאָר לענין האָט ניט געוויינט. ער האָט באַשלאָסן זיך אָפּרעכענען מיט די מערדער פֿון זיין ברודער.

אין 6 יאָר אַרום איז לענין אוועקגעפֿאָרן אין פּעטערבורג, וואו ס'זיינען געווען אַ סך פֿאַבריקן, אַ סך אַרבעטער און אַ סך רעוואָלוציאָנערן. דאָרטן האָט לענין זיך באַקאַנט מיט אַרבעטער און האָט זיי גענומען לערנען — שטילערהייט פֿאַרשטייט זיך — איינציקווייז און קרייזלאַכווייז צו 5 אָדער 10 מענטשן אין אַ קרייז. פֿון איינצלנע רעוואָלוציאָנערע קרייזלאַך האָט ער צוזאַמען מיט זיינע חברים באַשאַפֿן אַ „פֿאַרבאַנד אויף צו קעמפֿן פֿאַר דער באַפרייאונג פֿון די אַרבעטער“.

דערוויילט איז אויף די פאַבריקן געוואָרן אומרואיק. ס'האָבן זיך אָנגע־הויבן סטרייקן, און לעניין האָט אָנגעפירט מיט די סטרייקן. איז געקומען פּאָליציי און האָט פאַרזעצט לעניגען אין טורמע. האָט לעניין פון טורמע געפירט זיין רעוואָלוציאָנערע אַרבעט: ער האָט געשריבן פּראָקלאַמאַציעס פאַר די אַרבעטער. און כדי די טורמע־אויפזעער זאָלן ניט באַמערקן, האָט ער געשריבן מיט מילך, און אַז מען פלעגט אָנוואַרעמען אויפ'ן לאָמפּ, פלעגט ווערן שוואַרץ, האָט מען איבערגעלייענט, וואָס לעניין שרייבט. מען האָט זיי אָפּגעדרוקט און צעטיילט צווישן די אַרבעטער.

אַזוי איז לעניין אָפּגעזעסן אין טורמע העכער אַ יאָר צייט, און דערנאָך האָט מען אים פאַרשיקט אויף 3 יאָר אין סיביר, אין אַ פאַרוואָרפן דערפל, ווייט פון אַרבעטער און פון אַן אייזנבאַן.

אַז די דריי יאָר האָבן זיך אויסגעלאָזן, איז לעניין אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד. און אין אויסלאַנד האָבן דעמאָלט געלעבט די גרעסטע רוסישע רעוואָלוציאָנערן, ווי פּלעכאַנאָוו און אַנדערע, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון רוסלאַנד. האָט לעניין צוזאַמען מיט פּלעכאַנאָוון גענומען אַרויסגעבן אַ רע־וואָלוציאָנערע צייטונג — „איסקראַ“. אויף אידיש הייסט עס אַ „פונק“. און אַזוי איז געווען אָנגעשריבן אויף דער צייטונג: „פון אַ פונק וועט זיך צעפלאַקערן אַ פייער“.

אין יאָר 1905 האָט זיך צעפלאַקערט די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. פּוערים האָבן זיך געבונטעוועט און געפאָדערט ערד. אויף די פאַבריקן האָט מען געסטרייקט און געפאָדערט אַן 8־שעה'דיקן אַרבעטס־טאָג און מער געלט פאַר דער אַרבעט. סטודענטן צוזאַמען מיט אַרבעטער האָבן געמאַכט דעמאָנסטראַציעס מיט רויטע פאַרבאָטענע פאָנען מיט אויפשריפטן: „אַראָפּ דעם קייסער!“ „זאָל לעבן דער 8־שעה'דיקער אַרבעטס־טאָג!“

צו הארבסט־צו האָבן זיך אָלע פאַבריקן, אָלע אייזנבאַנען אָפּגעשטעלט און די אַרבעטער זיינען אַרויס מיט געווער אין די הענט און גענומען זיך שלאָגן מיט פּאָליציי און סאָלדאַטן. און דאָ איז לעניין געקומען פון אויס־לאַנד און האָט גענומען לערנען די אַרבעטער, ווי אַזוי צו קעמפן.

אין דעצעמבער האָבן די אַרבעטער אין מאָסקווע, אונטער דער אָנפירונג פון לעניגען, געמאַכט אַן אויפשטאַנד, געבויט באַריקאַדן און געשלאָגן זיך מיט די סאָלדאַטן.

נאָר צולעצט האָט דער קייסער דערשטיקט די רעוואָלוציע. לעניין האָט געמוזט אַנטלויפן אין אויסלאַנד. אַ סך רעוואָלוציאָנערן האָבן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ; נאָר לעניין האָט צוגעגעבן מוט. „ניט געזאָרגט, חברים, ניש־קשה. ס'וועט קומען אַ צייט, און מיר וועלן זיגן“.

און די צייט איז געקומען. זומער, 1914, האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה. געשלאָגן האָבן זיך אין דער מלחמה, פאַרשטייט זיך, ניט

די רייכע, די קאפיטאליסטן, נאר די ארבעטער און פויערים פון איין לאנד מיט די ארבעטער און פויערים פון דעם צווייטן לאנד.

האט לענין געטראכט: אט איצט איז געקומען די סאמע רעכטע צייט צו מאכן א רעוואלוציע. ווארים ווער זיינען עם די סאלדאטן? געוויינלאכע ארבעטער פון די פאבריקן און געוויינלאכע פויערים פון די דערפער. מער ניט, וואס מען האט זיי אנגעטאן אין גראע שינעלן, געגעבן א ביקס אין האנט און געהייסן שיסן — שיסן זיי. דארף מען זיי געבן צו פארשטיין, אז אנשטאט צו שיסן איינע אין די אנדערע, זאלן זיי בעסער אויסקערעווען די ביקסען קעגן דעם קייסער, קעגן די קאפיטאליסטן, וועט ווערן אוים מלחמה, אוים קייסער, אוים קאפיטאליסטן.

ס'איז דורך צוויי און א האלב יאר. די מלחמה ציט זיך און ציט זיך. מיליאנען מענשן ווערן דער'הרג'עט. די סאלדאטן זיינען אויסגעמאטערט און דערצו נאך איז אין פעטערבורג, צוליב דער מלחמה, געווארן א הונ־גער: ניט געווען קיין ברויט, קיין מילך און קיין פלייש.

זיינען די ארבעטער ארויס אין גאס מיט לאזונגען:

„אראפ דעם קייסער!"

„זאל ווערן אוים מלחמה!"

„גיט אונז ברויט!"

צו די ארבעטער זיינען צוגעשטאנען די סאלדאטן. ס'איז אוועק א שיסעריי צווישן זיי און פאליציי. און דעם 12־טן מארט 1917 האט דער קייסער ניקאלאי דער צווייטער און דער לעצטער געמוזט אונטערשרייבן א פאפיר, אז ער זאגט זיך אפ פון טראן.

אוים קייסער, אוים זעלבסטהערשונג!

די גאנצע אנפירונג מיט דעם לאנד און באזונדערס מיט די פאבריקן איז אבער געבליבן אין די הענט פון די קאפיטאליסטן. און די ארבעטער האבן געדארפט ווי פריער ארבעטן אויף זיי און שלאגן זיך פאר זיי אויף מלחמה. דעמאלט איז פון אויסלאנד אנגעקומען לענין און גענומען דערווייזן די ארבעטער און סאלדאטן און פויערים, אז זיי מוזן נעמען די מאכט אין זייערע אייגענע הענט. ווייל אנדערש וועט קיין סוף ניט זיין ניט צו דער מלחמה און ניט צו דער עקספלואטאציע.

האבן די קאפיטאליסטן געוואלט ארעסטירן לענינען, איז לענין אנט־לאפן, זיך אויסבאהאלטן אויף א בוידעם מיט היי און דערנאך אין וואלד אין א ביידל. דא אין ביידעל האט לענין געשריבן אן אויפרוף נאך אן אויפרוף צו די ארבעטער און צו די סאלדאטן און צו די פויערים, זיי זאלן מאכן אן אויפשטאנד מיט געווער אין די הענט קעגן די קאפיטאליסטן און פארכאפן די מאכט.

**לענין און זינאָוויעוו אין באַהעלטעניש.**

דעם 7־טן נאָוועמבער 1917 איז פאָרגעקומען די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע. אין פּעטראָגראַד, אונטער דער אָנפירונג פון לענינען, האָבן די אַרבעטער און סאָלדאַטן אַרעסטירט די מיטגלידער פון דער בורזשואַזער רעגירונג און פאַרכאַפּט די מאַכט.

דער טעלעגראַף האָט גלייך צעטראָגן אַ אָנזאָג איבער גאַנץ רוסלאַנד און איבער גאָר דער וועלט, אַז פון איצט אָן זיינען די באַלעבאַטים פון דעם לאַנד ניט די קאַפּיטאַליסטן, נאָר די אַרבעטער און פּויערים. אומעטום זיינען אויסגעקליבן געוואָרן ראַטן פון אַרבעטער, פון פּויערים און פון סאָלדאַטן, און לענין איז געוואָרן דער פירער פון דעם גאַנצן ראַטן־לאַנד, דער פאָרזיצער פונ׳ם ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן.

באַלד איז אַרויס אַ באַפעל, אַז די ערד פון די פּריצים מיט זייערע הייזער, מיט דער גאַנצער ווירטשאַפט זייערער גייט אַריבער צו די פּויערים־קאָמיטעטן. און אַז די אָנפירונג מיט די פאַבריקן גייט אַריבער צו די אַרבעטער. און אַזוי האָבן זיך די אַרבעטער און פּויערים באַפרייט פון די פּריצים און פון די פאַבריקאַנטן.

לענין האָט אויך אָנגענומען אַלע מיטלען, אַז ס׳זאָל ווערן אַ ס ו ף צו דער מ ל ח מ ה, וואָס רוסלאַנד האָט געפירט צוזאַמען מיט אַנדערע לענדער. און ס׳איז געוואָרן אוים מ ל ח מ ה.

טייער און באַליבט איז לענין געוואָרן ביי אַלע די, וואָס אַרבעטן, ביי

אַלע די, וואָס האָבן פריער געליטן פון קייסער און פון די קאַפּיטאַליסטן. ער האָט אויך געהאַט אַ סך געגנער. און איינמאָל, ווען לעניני האָט גע־ענדיקט זיינע אַ רעדע פאַר די אַרבעטער, איז צוגעקומען צו אים אַ פרוי, אונטערגעשיקט פון לענינס שונאים, און האָט אויסגעשאָסן און אים שווער פאַרוואונדעט. די דאָקטוירים האָבן לענינען געמאַכט אַן אָפּעראַציע, אַרויס־גענומען די קוילן און אָפּגעראַטעוועט אים פון טויט. אינגיכן איז לענין געזונט געוואָרן און האָט זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט.

די שונאים פון די באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד האָבן אָבער מיט זייערע באַוואָפנטע אַרמייען און באַנדעס געשפּאַרט פון אַלע זייטן, געבּרענט שטעט און דערפער, אויפגעריסן בריקן, חרוב גע־מאַכט פאַבריקן, גע׳הרג׳עט און געוואָלט ניט אַנדערש ווי פאַרכאַפּן מאָס־קווע און אומברענגען די ראַטן־מאַכט.

גאַנצענע טעג און נעכט האָט לענין געאַרבעט, געמאַכט פאַרזאַמלונגען, אָפּגעהאַלטן זיצונגען, געשריבן, גערעדט און אַנגעוויזן, ווי אַזוי צו פאַר־שטאַרקן די רויטע אַרמיי, ווי אַזוי צו צעקלאַפּן די שונאים, ווי אַזוי צו באַזאָרגן די באַפעלקערונג מיט ברויט און מיט הייצונג און ווי אַזוי צו פאַרריכטן די פאַבריקן און העלפן די פויערים. איבער די כוחות האָט לענין געאַרבעט — און ניט אומזיסט.

די רויטע אַרמיי האָט צעקלאַפּט די אַרמייען פון די שונאים. די אַרבעטער האָבן גענומען אויפשטעלן די אַרבעט אויף די פאַבריקן. די פויערים האָבן זיך רואיק גענומען באַאַרבעטן זייערע פעלדער. און ס׳איז אַוועק אַן אַרבעט און אַ פרייד איבער גאָר דעם לאַנד.

אָבער פּלוצלונג האָט די פרייד זיך איבערגעריסן. לענין איז קראַנק געוואָרן פון צופיל אָנגעשטרענגטער אַרבעט און דעם 21־סטן יאַנואַר 1924 איז ער געשטאָרבן. אַלע, וואָס אַרבעטן, האָבן באַוויינט לענינס טויט.

אָט אַזוי האָט לענין אָפּגעגעבן זיין לעבן אין קאַמף פאַר דער באַ־פרייאונג פון די אַרבעטער און פויערים און אַלע אונטערגעדריקטע אויף גאָר דער וועלט.

„פון אַרבעטס־קינדער“.

# טעג וואָס האָבן אויפגערודערט די וועלט.

(זכרונות).

1

**אין יענע טעג, זיינען די קאָמיטעט־צימערן פון די פּעטראָגראַדער פאַבריקן געווען פאַרשאָטן מיט געווער.**

**קורירן פלעגן קומען און אַוועקגיין. די רויטע גוואַרדיע האָט זיך געמושטירט. אין אַלע קאַזאַרמעס האָבן זיך טאָג און נאַכט געפירט אָנ־**

געשטרענגטע וו י כ ו ח י ם. אין אָנהייב נאַכט פלעגט דער ע ו ל ם אין די גאַסן ווערן געדיכטער, ווי אַ פּולשטימיקע כוואַליע האָט ער זיך באַוועגט הין און צוריק אויפן נעווסקן פּראָספּעקט און זיך געריסן פאַר־אַ צייטונג.

אין סמאָלנע אינסטיטוט, וואו עס איז געווען דער הויפּט־שטאַב פון די באָלשעוויקעס, איז ביים אַריינגאַנג און ביי די טויערן געשטאַנען אַ וואַך, האָט געפּאָדערט ביי יעדערן אַ „פּראָפּוסק". טאָג און נאַכט האָט זיך אין די קאָמיטעטישע צימערן אָן אויפהער געטומלט. הונדערטער סאָלדאַטן און אַרבעטער זיינען געשלאָפן אויפ'ן דיל. דער גרויסער זאַל איז געווען ווי אַ פעסל געפּאַקט מיט מענשן, וואָס זיינען זיך צונויפגעקומען ביי'צוזיין אויף די טומלדיקע זיצונגען פון פּעטראָגראַדער ראַט.

---

איך האָב אַ צייט פאַרבראַכט אין סמאָלנע אינסטיטוט. דער אַריינגאַנג איז געווען אַ שווערער. צוויי ש ו ר ו ת וואַך האָבן באַהיט די דרויסיקע טויערן; און אינווייניק, פאַר דער גאַסיקער טיר, איז געשטאַנען אַ גרויסע ריי און געוואַרט אויף אַ „פּראָפּוסק". די סיסטעם פון אַרויסגעבן „פּראָפּוסקן" האָט מען אַלע עטלאַכע ש ע ה געביטן, ווייל שפּיאָנען האָבן געגומען אַריינקריכן אינווייניק.

איין מאָל, ווען איך בין דורכגעגאַנגען דורך די דרויסיקע טויערן, האָב איך דערזען טראָצקין מיט זיין פרוי. דער סאָלדאַט פון דער וואַך האָט זיי אָפּגעשטעלט. טראָצקי האָט געזוכט אין אַלע קעשענעס און ניט געקאָנט געפינען דעם „פּראָפּוסק".

— ס'מאַכט ניט אויס, — האָט טראָצקי געזאָגט, — איר קענט דאָך מיך. מיין נאָמען איז — טראָצקי.

— איר האָט ניט קיין „פּראָפּוסק", — האָט קאַלטבלוטיק געענטפערט דער סאָלדאַט, — וועט איר ניט אַריין. אַ נאָמען זאָגט מיר גאָרניט.

— אָבער איך בין דאָך דער פאָרזיצער פון פּעטראָגראַדער ראַט.

— נו, — האָט אָפּגעענטפערט קאַלטבלוטיק דער סאָלדאַט, — אויב איר זייט אַזאַ וואַזשנער פאַרשוין, מוזט איר האָבן ביי זיך כאָטש אַוועלכעס ניט איז קליייניק פּאַפּירל.

— דערלויבט מיר — האָט טראָצקי געזאָגט מיט געדולד — זען דעם קאָמענדאַנט.

דער סאָלדאַט האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און אַ מורמל געגעבן עפּעס אַזוינס, אַז ע ר ד, אַז עס לוינט ניט מ ט ר י ח זיין דעם קאָמענדאַנט צוליב יעדער קליייניקייט. נאָר צום ס ו ף האָט ער צוגערופן דעם פאַנאַנדער־פירער.

— טראָצקי האָט אים דערקלערט, אין וואָס עס גייט דאָ, און איבער־גע'חזר'ט:

— „מיין נאָמען איז טראָצקי."

— „טראָצקי?" — האָט דער פאַנאַנדערפירער אַ קראַץ געטאָן זיך די פאָטילניצע. — „אַזאַ נאָמען האָב איך ערגעץ וואו געהערט. נו, איך קלער אַז אַלץ איז אין אָרדענונג. איר קענט אַריין, ח ב ר!"

אין קאָרידאָר האָב איך באַגעגנט קאַראַכאַנען, וועלכער האָט מיר איבערגעגעבן דעם פלאַן וועגן אָרגאַניזירן אַ נייע רעגירונג.

2

דעם 25־סטן אָקטאָבער האָט זיך אויף אַ פאַרמאַכטער זיצונג פון אויספירקאָם באַהאַנדלט די פראַגע וועגן שאַפן אַ ספעציעלן קריגס־קאָמיטעט. דעם 29־סטן אָקטאָבער האָט טראָצקי פאָרגעלייגט אויף דער זיצונג פון פעטראָגראַדער ראַט צו סאַנקציאָנירן דעם פלאַן וועגן בילדן אַ רעוואָלוציאָנערן קריגס־קאָמיטעט. און אויף די מיטינגען פון אַלע פעטראָגראַדער פאָלקן האָט מען אַרויסגעטראָגן אַזאַ רעזאָלוציע:

„דער פעטראָגראַדער גאַרניזאָן אַנערקענט ניט מער די ציטווייליקע רעגירונג. אונזער רעגירונג איז — דער פ ע ט ר אָ ג ר אַ ד ע ר ר אַ ט. מיר וועלן זיך אונטערוואַרפן נאָר די באַפעלן, וואָס וועלן אַרויסגעגעבן ווערן פון רעוואָלוציאָנערן קריגס־קאָמיטעט."

איבער אַלע דרוקערייען איז אָפגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל, אַז מע זאָל קיין שום פראָקלאַמאַציעס און קיינע אויפרופן ניט דרוקן אָן אַ דער־לויבעניש פון רעווקאָם.

באַוואָפנטע קאָמיסאַרן זיינען אַוועק אין אַרסענאַל. פאַרכאַפט אַ ס ך געווער, אַמוניציע.

---

דעם 3־טן נאָוועמבער איז פאָרגעקומען אַ פאַרמאַכטע זיצונג פון די באָלשעוויסטישע פירער. איך האָב געוואַרט אין קאָרידאָר. וואָלאָ־דאַרסקי איז אַרויסגעגאַנגען און האָט מיר דערציילט, אַז לענין האָט גע־זאָגט:

„דעם 6־טן נאָוועמבער אַרויסטרעטן איז צו פרי. צו אַן אויפשטאַנד מוז מען האָבן אַן אַלרוסלענדישן פונדאַמענט. און דעם 6־טן וועלן נאָך ניט אַלע דעלעגאַטן האָבן געקומען אויפן צוזאַמענפאָר און פון דער אַנדערער זייט וועט דעם 8־טן נאָוועמבער שוין זיין צו שפעט אַרויסצוטרעטן: צו דער צייט וועט זיך דער צוזאַמענפאָר האָבן אָרגאַניזירט, און אַ גרויסער אָרגאַניזירטער פאַרזאַמלונג וועט זיין שווער אָנצונעמען שנעלע און אַנט־שלאָסענע מאָסמיטלען. בלייבט, אַז מיר דאַרפן זיך נעמען פאַר דער אַרבעט דעם 7־טן נאָוועמבער — אין דעם טאָג, ווען דער צוזאַמענפאָר וועט זיך עפענען, אַזוי אַז מיר זאָלן אים קאָנען זאָגן: אָט איז די מאַכט! וואָס ט'איר טאָן מיט איר?"

און אויפ'ן איבערשטן שטאָק איז אין אַ צימער געזעסן דער רעוואָ־לוציאָנער אַנטאָנאָוו־אָווסייענקאָ, אַ מאַטעמאַטיק און אַ שאַכמאַטיסט, און האָט דייטלאַך באַארבעט דעם פּלאַן, ווי צו פאַרכאַפּן די הויפּטשטאָט.

3

דעם 6־סטן נאָוועמבער אינדערפרי האָבן די צייטונגען מודיע געווען, אַז די רעגירונג האָט אָפּגעגעבן אַ באַפעל אַרעסטירן די אָנפירער פון מיליטער־ראַט און די מיטגלידער פון רעוואָלוציאָנערן קריגס־קאָ־מיטעט.

לעבן גענעראַל־שטאַב זיינען געשטאַנען אַ סך בראָנעוויקעס און אַווטאָמאָבילן, געפּאַקט מיט אָפיצערן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין צו־פאָרן און אָפּפאָרן.

אויפ'ן ראָג מאַרסקאַיאַ און נעווסקי האָט אַן אָפּטיילונג סאָלדאַטן, מיט אַרויפגעזעצטע שפּיזן אָפּגעשטעלט אַלע פּריוואַטע אַווטאָמאָבילן, אַרויסגעזעצט די פאַרשוינען און אָפּגעשיקט די אַווטאָמאָבילן אין ווינטער־פּאַלאַץ. אַ גרויסער עולם איז געשטאַנען און געקוקט אויף דער אָפּע־ראַציע. קיינער האָט ניט געוואוסט, צי זיינען די סאָלדאַטן אָנהענגער פון דער רעגירונג, צי פון דעם רעוואָלוציאָנערן קריגס־קאָמיטעט.

דאָסזעלביקע איז פאָרגעקומען אויך אין אַנדערע ערטער.

אַ 5—6 מאַטראָסן מיט ביקסן זיינען צוגעגאַנגען אויפגערעגטע צו די סאָלדאַטן און אַריינגעטראָטן מיט צוויי פון זיי אין אונטערהאַנדלונגען. אויף די היטלען פון די מאַטראָסן זיינען געווען נעמען פון די הויפּט־באָל־שעוויסטישע קרייסערן פון באַלטישן פלאָט. איינער האָט פון זיי אַ זאָג געטאָן:

— „קראָנשטאַט גייט!" — דאָס האָט געקלונגען שטאַרק, ווייל קראָנשטאַט האָט געהאַט 25,000 מאַטראָסן, איבערגעגעבענע באָלשעווי־קעס, וואָס האָבן ניט מורא פאַר'ן טויט.

אין סמאָלנע האָט דער פּעטראָגראַדער ראַט אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען אָן אַן איבעררייס. אייניקע פון די דעפּוטאַטן פלעגן אַנטשלאָפן ווערן אויפן דיל. טראָצקי, קאַמעניעוו און וואָלאָדאַרסקי האָבן גערעדט צו 6, 8, 12 שעה אין טאָג.

עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט, ווען דער מענשעוויק דאַן, האָט געהאַלטן אַ רעדע:

„די מאַסן זיינען קראַנק. דער אינטערעס צו דער רעוואָלוציע איז אָפּגעשוואַכט. אויב די באָלשעוויקעס וועלן אויפהייבן אַן אויפשטאַנד— איז אַ סוף צו דער רעוואָלוציע.

אויסגעשרייען: „אַ ליגן! אַ ליגן!" —

4 אַזייגער פֿאַרטאָג האָב איך אין זאַל באַגעגנט זאָרינען מיט אַ ביקס אויפֿן אַקסל: „מיר זיינען שוין אַרויסגעטראָטן, — האָט ער געזאָגט רואיק, — מיר האָבן שוין פֿאַרכאַפּט דעם געהילף־יוסטיץ־מיניסטער און דעם מיניסטער פֿאַר רעליגיעזע ענינים. זיי זיינען שוין אין קעלער. איין פּאָלק איז אַוועק פֿאַרנעמען די טעלעפֿאָן־סטאַנציע, דער צווייטער — דעם טעלעגראַף און דער דריטער — דעם מלוכה־באַנק. די רויטע גוואַרדיע איז אַרויסגעטראָטן".

אויף די טרעפּ האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען די רויטע גוואַרדיע — אַ קופּע יאַטן אין אַרבעטער־קליידער מיט ביקסן אין די הענט.

פֿון דערוויטנס האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען פֿון שיסן. די יונקערס האָבן פֿאַנאַנדערגענומען די בריקן פֿון דער נעוואַ, כדי די אַרבעטער פֿונ'ם וויבאָרגער ראַיאָן זאָלן זיך ניט קאָנען צונויפֿגיין מיט די סאָלדאַטן. די קראָנשטאַטער מאַטראָסן האָבן זיי צוריק צונויפֿגעשטעלט.

4

ווען מיר זיינען דינסטאָג דעם 6־סטן נאָוועמבער (דעם 24־סטן אָקטאָבער 1917 לויט'ן אַלטן סטיל) אַרויס אין דער קאַלטער נאַכט אַריין, האָט דער גאַנצער פּאַסאַד פֿון סמאָלניע פֿאַרגעשטעלט מיט זיך איין ריזיקן גאַראַזש פֿון צופֿאָרנדיקע און אָפּפֿאָרנדיקע אַוטאָמאָבילן. דורך זייער גערויש האָט מען פֿונדעסטוועגן געקאָנט הערן באַזונדערע לאַנגזאַמע קלעפּ פֿון האַרמאַטן.

אַ גרויסער משא־אַוטאָ איז געשטאַנען דאָ דערביי, אינגאַנצן ציטערנדיק פֿון דער אַרבעט פֿון זיין מאָטאָר. מענשן האָבן געוואָרפֿן עפּעס בינטלאַך, און אַנדערע אויפֿ'ן אַוטאָמאָביל האָבן זיי אויפֿגעכאַפּט, האַלטנדיק אונטער דער זייט ביקסן.

— וואוהין? — האָב איך אויסגעשריגן.

— אין שטאָט. — האָט אַן אַרבעטער געענטפֿערט.

מיר האָבן באַוויזן ציגעענישן.

— קומט מיט אונז, — האָט מען אונז איינגעלאַדן, — נאָר מע דאַרף זיך ריכטן אויף אַ שיסעריי.

מיר זיינען אַרויפֿגעקראָכן אויפֿ'ן אַוטאָמאָביל.

דאָס הענטל פֿון טאָרמאַז איז מיט אַ שניידיקן גערויש איבערגערוקט געוואָרן אויפֿ'ן אָרט. דער שווערער אַוטאָ האָט אַ ציטער געטאָן אויף פֿאָרויס, מיר זיינען אַלע אַ פֿאַל געטאָן אויף יענע, וואָס האָבן ערשט אַרויפֿגעקלעטערט.

פֿאַרביי דעם שייטער ביי די ערשטע טויערן און פֿאַרביי דעם שייטער ביי די דרויסנדיקע טויערן מיט די באַלויכטענע פּנימ'ער פֿון אַרבעטער האָבן מיר מיט אַ מורא'דיקער גיכקייט אַוועקגעיאָגט איבער'ן

סוואָראָווער פּראָספּעקט, געשליידערט און געשאָקלט פון זייט אויף זייט.

איינער פון די, וואָס אויפ׳ן אַווטאָ, האָט אַראָפּגעריסן דעם איינפּאַק פון אַ בינטל און געגומען ווארפן הויפנס צייטונגען אינדערלופטן. מיר האָבן אים נאָכגעטאָן, און אַזוי האָבן מיר זיך געיאָגט איבער די פינסטערע גאַסן, און אַ לאַנגער עק פון ווייסע פּאַפּירלאַך איז אונז נאָכגעפלויגן.

פּאַרשפּעטיקטע דורכגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט זיי אויפהייבן. פּאַטרולן פון אַרום די שייטערס אויף די ראָגן זיינען געלאָפן מיט אויס־געשטרעקטע הענט זיי אונטערצוכאַפּן.

עטלאַכע מאָל זיינען באַוואָפנטע מענשן אונז דעם וועג פאַרלאָפּן מיט קולות: „שטיי!" — און די ביקסן אויפגעהויבן. אונזער שאָפער האָט זיי עפּעס אַזעלכס אויסגעשריגן, און מיר זיינען געפלויגן ווייטער.

איך האָב אויפגעהויבן אַן עקזעמפּלאַר פון דידאָזיקע פּאַפּירלאַך, און ביים צאַפּלדיקן שיין פון די גאַס־לאַמטערנעס איבערגעלייענט:

„צו די בירגער פון רוסלאַנד!

„די צייטווייליקע רעגירונג איז אַראָפּ. די מ ל ו כ ה ־ מאַכט איז אַרי־בער אין די הענט פונ׳ם אָרגאַן פון פּעטראָגראַדער ראַט פון אַרבע־טערישע און סאָלדאַטישע דעפּוטאַטן — צום „רעוואָלוציאָנערן קריגס־קאָמיטעט", וואָס שטייט אין שפּיץ פון פּעטראָגראַדער פּראָלעטאַריאַט און גאַרניזאָן.

„די זאַך, וואָס פאַר איר האָט דאָס פאָלק געקעמפט, — אַז באַלד זאָל פאָרגעלייגט ווערן אַ דעמאָקראַטישער ש ל ו ם, דאָס פּריצישע אייגנטום אויף דער ערד זאָל אויפהערן, איבער דער פּראָדוקציע זאָל איינגעשטעלט ווערן אַן אַרבעטער־קאָנטראָל און אַ ראַטן־רעגירונג זאָל געשאַפן ווערן — אָט די זאַך איז באַוואָרנט.

„לעבן זאָל די רעוואָלוציע פון אַרבעטער, סאָלדאַטן און פּויערים!

„רעוואָלוציאָנערער קריגס־קאָמיטעט פון פּעטראָגראַדער ראַט פון סאָלדאַטישע און אַרבעטערישע דעפּוטאַטן".

5

ס׳איז געוואָרן טאָג. די פּיקעטן פון קערענסקיס קאָזאַקן האָבן פאַר־בונדן אַ שיסעריי מיט די ראַטן־גרופּעס. איבער די וויסטע פעלדער האָט אין דער קאַלטער רואיקער לופט זיך צעקנאַלט דער דונער פון שלאַכט. דעם דונער האָבן דערהערט די אַרומבלאָנדזענדיקע סאָלדאַטן, מאַטראָסן, אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געזאַמלט אַרום קליינע ברענענ־דיקע שייטערס און געוואַרט. הייסט עס, ס׳האָט זיך אָנגעהויבן. און די אַלע וואַרטנדיקע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום שלאַכט־פעלד. די מ ח נ ו ת אַרבעטער אויף די שליאַכן האָבן פאַרגיכערט זייערע טריט.

אַזוי זיינען אויף אַלע פּונקטן, וואָס זיינען אַטאַקירט געוואָרן פון די

קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן, אַליין פון זיך געגאַנגען מאַסן פאַרביטערטע מענשן. קאָמיסאַרן האָבן זיי באַגעגנט און תיכף געשטעלט אויף פאַ־זיציעס אָדער אויף אַ געוויסער אַרבעט. דאָס איז געווען זייער שלאַכט, פאַר זייער וועלט. זיי אַליין האָבן זיך קאָמאַנדירן אויסגעקליבן. אין אַ רגע איז דער צעשאָטענער, ניט אָרגאַניזירטער ווילן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין איינהייטלאַכן ווילן.

די מאַטראָסן האָבן זיך געשלאָגן ביז צום לעצטן פּאַטראָן, און נאָכ־דעם זיינען זיי געגאַנגען אין אַטאַקע כמעט מיט הוילע הענט. אַרבע־טער, נישט געלערנט צום שלאַכט, האָבן זיך געוואָרפן אויף די אָנפאַלנ־דיקע קאָזאַקן און פון די פערד זיי געשלעפּט. גרופּעס אָן אַ נאָמען, וואָס האָבן אין דער פינסטער אַרום שלאַכט־פעלד געבלאָנדזשעט, זיינען פלוצים אַליין אויף דער שיין אַרויס און דעם שונא פאַרפּלייצט. די אַרמיי פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט ערשט נעכטן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ צעצויגענעם פראָנט פון אָפּגעריסענע בלאָנדזשלינגער, האָט זיך מיט־אַמאָל אַ רוק געטאָן פאָרויס און זיך אַריינגעקייקלט אין צאַרסקאָיע, נאָך איידער דער שונא האָט באַוויזן צעשטערן די דראָטלאָזע סטאַנ־ציע. איצטער האָבן די קאָמיסאַרן דורך איר צעשיקט איבער דער גאַנ־צער וועלט אַ הימן פון ניצחון.

6

מיטוואָך, דעם 7־טן נאָוועמבער, בין איך אויפגעשטאַנען זייער שפּעט. איך בין אַרויס אין גאַס. דער טאָג איז געווען אַ קאַלטער און אַ נאַסער. פון פּעטראָפּאַוולער פעסטונג האָט זיך געלאָזט הערן אַ דונער פון האַר־מאַטן.

גייענדיק, האָב איך געטראָפן שטיין אויף דער וואַך עטלאַכע סאָל־דאַטן מיט ביקסן.

— פאַר וועמען זייט איר? — האָב איך זיי געפרעגט. — פאַר דער רע־גירונג?

— ניטאָ מער קיין רעגירונג, — האָט זיך אָנגערופן איינער פון זיי מיט אַ שמייכל, — פּטור געוואָרן.

אָט דאָס איז גאָר, וואָס איך האָב זיך געקענט דערוויסן ביי אים.

---

אין גאַס האָט מען פאַנאַנדערגעטיילט אויפרופן. אָט איז איינער פון זיי:

„צו אַלע אַרבעטער, סאָלדאַטן און פּויערים!

דער אַרבעטער־קלאַס איז אויפגעשטאַנען. מיט אַ שטאַרקער האַנט האָט ער אַראָפּגעוואָרפן די בורזשואַזע רעגירונג פון קערענסקין. די גאַנצע מאַכט איז איצט אין די הענט פון די ראַטן פון אַרבעטער און סאָל־

דאַטן. האַלט זיי אונטער! די ראַטן־מאַכט וועט מאַכן אַ סוף צו דער בלוטיקער מלחמה, וואָס ציט זיך שוין עטלאַכע יאָר. די ראַטנמאַכט וועט אָפּנעמען ביי די פּריצים די ערד און זי אָפּגעבן די פּויערים. די ראַטנמאַכט וועט אָפּנעמען די פאַבריקן און זאַוואָדן און פאַרבעסערן דאָס לעבן פון די אַרבעטער.

די ראַטנמאַכט וועט פריי מאַכן אַלע פעלקער, וואָס וואוינען אין רוסלאַנד, יעדעס פאָלק זאָל לעבן, אַזוי ווי עס וויל״.

---

איך בין אַריין אין זאַל, וואו לענין האָט פאַר אַ גרויסן עולם גע־רעדט וועגן ערד. און אַזוי האָט ער גערעדט:

„די גאַנצע ערד פון דעם קייסער, פון די פּריצים, פון די קלויס־טערס גייט אַריבער צו די פּויערים אומזיסט. די הייזער פון די פּריצים, די שטאַלן, די בהמות, די פערד, די וועגענער, די מאַשינען, די פלוגן ווערן אָפּגענומען ביי זיי און גייען אַריבער צו די קאָמיטעטן פון דאָרף, וואָס די פּויערים קלייבן אויס. דער גאַנצער פאַרמעגן פון די פּריצים געהערט פון איצט אָן צום גאַנצן פאָלק.״

7

שבת, דעם 10־טן נאָוועמבער.

לעבן צוויי סאָלדאַטן מיט ביקסן שטייט אַן עולם, און איינער עפּעס אַ יונגערמאַן טענה׳ט איין מיט זיי.

— ווי פאַרשטייט איר עס ניט, — האָט דער יונגערמאַן גע׳טענה׳ט, — אויב איר הייבט אויף די געווער קעגן אייער ברודער, זייט איר מערדער.

— ברידער? — האָט זיך איין סאָלדאַט אָפּגערופן: — אויב אַזוי, פאַר־שטייסטו גאָרנישט. ס׳זיינען דאָ צוויי קלאַסן: פּראָלעטאַריער און בור־זשואַזיע. וואָס? אפשר ניט אַזוי?

— אָ, דידאָזיקע פּלוידעריי איז מיר שוין לאַנג באַקאַנט. — האָט גע־מאַכט אַ זויערע מינע דער יונגערמאַן. — איר גלויבט טאַקע באמת, אַז לענין איז אַ גוטער פריינד דעם אַרבעטער־קלאַס?

— געוויס, גלויב איך. — האָט געענטפערט דער סאָלדאַט.

— נו, אויב אַזוי, ברודערקע, ווייסטו אפּנים ניט, אַז די דייטשן האָבן אונטערגעקויפט לענינען, ער זאָל מאַכן אַ רעוואָלוציע אין רוס־לאַנד.

— נו, וועגן דעם ווייס איך זייער ווייניק. — האָט געענטפערט דער סאָלדאַט. — נאָר דערפאַר ווייס איך, אַז לענין רעדט דאָס, וואָס איך וויל הערן, און ניט נאָר איך, נאָר אַלע אַזוינע ווי איך ווילן עס הערן, ווייל עס זיינען דאָ צוויי קלאַסן — פּראָלעטאַריאַט און בורזשואַזיע.

— ווידער די אַלטע מעשה; — האָט זיך אָפּגערופן דער יונגערמאַן; —

דו זעסט דען ניט, אַז די באָלשעוויקעס מאַכן אַ תּל פון אַלץ? וואָס, וועסט אפשר זאָגן, אַז ניט?
— וואָס זאָל איך זאָגן? — האָט געענטפערט דער סאָלדאַט. — מיר דוכט זיך, אַז ס'איז אַזוי פּשוט, אַז ס'איז גאָר ניטאָ וועגן וואָס צו רעדן. ס'זיינען דאָ צוויי קלאַסן — פּראָלעטאַריאַט און בורזשואַזיע. און ווער עס איז ניט פאַר'ן פּראָלעטאַריאַט, דער איז פאַר דער בורזשואַזיע. מיר זיינען פאַר'ן פּראָלעטאַריאַט, שטייען מיר דאָ מיט די ביקסן אויף צו פאַר־היטן אים פון דער בורזשואַזיע.
דער יונגערמאַן איז אַוועק מיט גאָרנישט.

דזשאַן ריד.

# אין די טעג פון רעוואָלוציע.

ווען דאָס לאַנד האָט זיך צעברודערט און צערעדט
מיט טויזנט פויסטן, טויזנט הימנען אין איין אָטעם, —
האָט זיך צעטראָגן דאַן אַן איילִיקער דעקרעט
פון די אוראַלער בערג ביז מינסק מיט אירע בלאָטעס...

יעדערער פון אונז — מיט אומרואיקן ווייטיק,
אין וועמעס לעבן עס האָט אַרבעט שטרענג געשטראָמט, —
— זאָל זיך גרייטן,
— זאָל זיך גרייטן,
— זאָל זיך גרייטן,
— זאָל זיך לערנען אויף אַריין אין סאָוונאַרקאָם!

יעדער איינער איז אַצינד שוין ניט קיין איינער,
יעדער קאָפּ — איז איצט אַ קאָפּ פון טויזנט קעפּ.
מיר מוזן איצט צוזאַמען און פאַרייניקט — — —
— נידער מיט...
— און נידער!
— און עס לעבט — —!

איזי כאַריק.

# אַ דאָרף־פאַרזאַמלונג.

**לעבן דער אַלטינקער קירך האָט זיך צונויפגעקליבן אַ פויערשע פאַרזאַמלונג.**

געקומען אַ פריצטע אַ ש כ נ׳ישע גוטבאַזיצערן, גענומען זיך קלאָגן.

— אָט, ז ק נ י ם, איר באַנעמט מיך; דעם גאַנצן גאָרטן האָבן אייערע קינדער און ווייבער אַרומגעפליקט, ניט איבערגעלאָזט קיין עפּעלע אויף פאַרזוכן. און פאַרוואָס? פאַרוואָס פייניקט איר מיך, טוט מיר אָן נ ג י ש ו ת?

— געוויס, ניט גוט, — האָבן זיך צעהודזשעט די ז ק נ י ם, — ס׳איז קיין ע נ י ן ניט.

— נו, אָט, אָט, ווי זשע מעג מען אַזוי? אָט, זאָגט מען, דער גאָרטן איז איצט ניט מיינער... וואָס הייסט ניט מיינער? ווער זשע האָט געזאָרגט פאַר אים? ווער האָט אויף אים אַכטונג געגעבן? איך פלעג דאָס אַ צווייגעלע אונטערבינדן, דאָס אַ ווערימל אַראָפּנעמען, און אַלץ טראַכטן, אַלץ טראַכטן פון׳ם גאָרטן. דער קאָפּ פלעגט אַזש אָנהייבן ווי טאָן, די נעכט שלאָפן ניט געקענט. ניין, ער איז מיינער, מיין גאָרטן איז ער. קיינער וועט זיך ניט דערוועגן אים צונעמען ביי מיר. איכ׳ל קיינעם ניט הערן.

— געוויס, ס׳אַ קלאָפּאָט. — האָט זיך געלאָזט הערן צווישן ע ו ל ם.

— אַלע פרימאָרגן זעען מיר, ווי נאָר דו טרינקסט אָפּ קאַווע, אַזוי גלייך אין גאָרטן אַריין. דו פלעגסט זאָרגן, און מיר פלעגן דיביימער אַרומגראָבן — זיך אָנמאַטערן, פאַר אַ האַלבן רובל פון אַ קאָפּ. אויפדערנאַכט קוים אַ לעבעדיקער אַהיים זיך צוקאַראַטשקען.

— וואָס זשע האָט איר געוואָלט, ז ק נ י ם? איך האָב דאָך קיין כּ ו ח ניט אַ פ י ל ו אויפהייבן דאָס רידל.

ס׳ניט פאַר דיר: ס׳ניט פאַר דיינע כּ ו ח ו ת... — האָט זיך געלאָזט הערן אַרום: — ביי דיר, גלויב איך, וואַקסן ניט קיין מאַזאָליעס אויף די הענט.

— נו, איז אָט: און איר זאָגט — דער גאָרטן איז ניט מיינער.

און אַז מיר פלעגן אין שפּעט־זומער די עפּל אַראָפּנעמען, — האָט זיך צעשריען אויף אַ ק ו ל מאַטרענע די סאָלדאַטקע, — פלעגן מיר זיך ציען, ציען אויפ׳ן לייטער צו די צווייגעלאַך פאַר אַ גילדן אַ טאָג.

— גאָט מיינער! — האָט די פריצטע זיך צעשריען. — איך האָב דאָך קיין כּ ו ח ניט אַ פ י ל ו אַרויפקריכן אויפ׳ן לייטער. און דאָך איז דער גאָרטן מיינער. איך קאָן דאָך יעדעס ביימעלע, ווי מיין זון מיין אייגענעם.

אַרויסגעגאַנגען איז פונ׳ם ע ו ל ם דער ויידע סאָזאָנט, אַ ז ק ן, די

באָרד ווייס. האָט זיך אָנגעבויגן, האָט זיך גענומען מאַכן מיט'ן פאַר־וואַקסענעם האָריקן מויל און געזאָגט, קוקנדיק אויף דער פּריצטע מיט טרערנדיקע אויגן:

— הער נאָר דו, פּריצטע! דער ווײַדעשי דײַנער דער געשטאָרבע־נער, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן... פלעגט אומעטום אַליין — ניט ווי עפּעס אַ מין פאַרוואַלטער, צי אָנגעשטעלטער; אומעטום אַליין, נו אַ טומלדיקער געווען, נו אַ באַלעבאָס...

— ווײַזט אויס, אונזער פּריצטע איז אין אים געראָטן.—האָט זיך געלאָזט הערן פון עולם.

— דעם גאָרטן דעמדאָזיקן האָט ער אַליין מיט די אייגענע הענט געפלאַנצט, קיינעם ניט פאַרגלויבט. סע פלעגט טרעפן, דער סטאַראָס־טע פלעגט אונז אַרויסטרײַבן אויף דער אַרבעט, — לײַבאייגענע זײַנען מיר בײַ אים געווען, קנעכט, און איך בין דאַמאָלס נאָך אַ בחור גע־ווען. — פלעגט מען אונז אַרויסטרײַבן, אַוועקשטעלן אַ מאַן פערציק גראָבן אַ גרוב פאַר אַן עפּלבוים, זעצן, הייסט עס, אַ בוים; נו, גראָבן מיר, און דײַן ווײַדעשי גייט אַרום אַהין און צוריק מיט אַ קאַנטשיק אין האַנט. נעמט גלײַך אויסמעסטן די גרוב. האָסטו אַ ביסעלע ניט דער־גראָבן—

— שטעל זיך נאָר אַ נידער, דו אַזוינער און אַזוינער, אויף אַלע פיר.

נו, וואו טוט מען זיך אַהין? געמוזט זיך אַוועקשטעלן אויף אַלע פיר, און ער האָט גענומען פּאַסעווען מיט'ן קאַנטשיק, גענומען פּאַסעווען,— אַלע פּלודערן מיט'ן קאַנטשיק אַראָפּגעריסן, געבליבן נאָר דער נאַקע־טער הינטן. און אַלץ אַליין, פלעגט ניט ליב האָבן אָפּשיקן דיך אין שטאַל אַרײַן, מע זאָל דיך אויסשמײַסן, נאָר מיט די אייגענע הענט: אַ פלײַסיקער מענטש געווען. אָט גייט מיר שוין דער ניינטער צענדליק, און ס'איז מיר נאָך אַלץ עפּעס ווי קאַלט פון הינטן...

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

— דאָס איז דיר, זיידע, איצט קאַלט, און דעמאָלט, רעכן איך, איז הייס געווען.

די פּריצטע האָט צוגעטוליעט דאָס טיכעלע צום צעפלאַמטן פּנים.

— נו, די אויגן זאָלן יענעם אַרויס, ווער ס'וועט דערמאָנען, וואָס אַמאָל איז געווען.

— געוויס, וואָס אַמאָל איז געווען, איז ניט כדאי איצט דערמאָנען. אַז וועסט נעמען דערמאָנען די אַלטע יאָרן — זאָלסטו אַפילו מיט הונדערט אויגן זײַן, וועלן זיי אַלע דיר אַרויס.

מ. סעראַפימאָוויטש.

# אין בירגער־קריג.

1

אין יענעם יאָר האָט קיינער ניט גערעכנט,
ווער ס'וועט בלייבן און ווער עס דאַרף פאַרגיין;
מע איז געוואָרן שטרענג און אומרואיק, און העכער,
און קיינער האָט זיך ניט דערקענט אַליין...

אויף יעדן ראָג – פלאַקאַטן און אַפישן,
אין יעדן הויז ברענט הונגעריק דער טויט,
און קיינער ווייסט ניט, קיינער קען ניט וויסן, –
וואָס איז בעסער: קאַמפער אָדער ברויט...

און שלאָגט אין קאָפּ אַ היץ, – וועט מען די היץ ניט מעסטן,
אַלץ איינס, אַלץ איינס: עס וואַרט דער טויט אין טיר,
און ס'ציט אַזוי אין גאַס, און ס'ציט אַזוי צו מענשן,
זאָל זיין פאַרמאַטערטע אין הונגער און אין טיף...

ווי קען מען איצט אַ לעבן און פאַרשטיקן,
אַריינהאַקן, פאַרשפאַרן אין פיר ווענט?...
עס גייט דער פויל,
עס גייט דעניקין,
געשמאַק און הונגעריק האָט זיך אַ לאַנד צעברענט!

2

מיר, – גאַנצע געסלאַך מיט פיניעס
צו אַלץ – און צו גאָרנישט געוואוינט,
מיר קלייבן אין האַרצן אַ ש נ א ה,
און ס'איז האַס אונזער שטענדיקער ברויט.

אָי, ס'איז גוט, אַלץ איז גוט און צום גוטן,
וואָס דער ווייטיק צעוויגט זיך און שרייט!...
ווערט געדיכטער און הייס אין די בלוטן,
און די הענט ווערן האַריק און שטייף...

נאָר ס'מוז זיין! און די צייט איז געקומען
אין שטורעם, אין ליבשאַפט און בלוט.
מיר שטייען און הייבן דעם אומרו:
– ביז דאַנען. – אַראָפּ. – און גענוג!

איזי כאַריק.

# ביים דניעפּער.

(באַלאַדע)

1

געקומען מיט שווערדן, מיט בלויזע, טשעטשענצעס אַ מ א ה
צום שטיבל, וואָס לעבן דעם דניעפּער, צום פּישער פון דניעפּער
אַלעקסייעוו.
עס האָבן טשעטשענצעס געשלאָגן, אַזש טאַפּליעלאַך האָבן געקלונגען:
— „אַלטער, וואו זיינען די יונגען? ביי רויטע געווען דיינע יונגען!
געגאַן דיינע ב נ י ם מיט פאַנען אויף גאַסן פון קיעוו!
גיב זיי אונז, אַלטער, די ב נ י ם, אויף שפּיז און אויף ת ל י ה!"...
געוויינט האָט דער אַלטער: „צו מיר, אַלעקסייעוו דעם פּישער,
צום הילצערנעם שטיבל ביים דניעפּער, ביי וואַסערן פרישע,
וואָס זייט איר, טשעטשענצעס, געקומען? וואָס ווילט איר, נאַראָנים?
האָב איך דען, אַלטער, צו שאַפן אויף יונגען, אויף ב נ י ם?
קאָן איך דען וויסן, וואו בלאָנקען זיי ערגעץ, די ר ו ח ו ת?
ס'איז דאָך ווי אַ ווינט אין אַ פעלד: גיי, פּאַק עס, גיי, זוך עס!..."

---

אין זייטיקער קאַמער, אין הייפל אין שטילן, אין אַרבעטער־געסל,
ביי אויפּרופן, פּולווער און באָמבעס — דאָרט זיינען די ב נ י ם געזעסן.
קריכט אָן אַ טשעטשענעץ, לאָקערט און פליט ווי אַ וואָלף אָן.
זיי זיינען געבליבן פאַר'ח ל ש'ט אין בלוט און אין וואונדן
און מ'האָט אַלע דריי זיי געכאַפּט און פאַרקניפּט און פאַרבונדן...

2

דער דניעפּער איז נאָך אַלץ ניט פאַרפרוירן... אויף יענער זייט בריקן
שטייען אין מעכטיקע מ ח נ ו ת די זין פון'ם פאָלק — באָלשעוויקעס.
— „וואָס דאַרפסטו?" — „דו, פריינט רויטאַרמייער, דו פיר מיך,
דו פיר מיך צום עלטסטן, אַריינברענג צו דיין קאָמאַנדיר מיך.

---

דער דניעפּער איז נאָך אַלץ ניט פאַרפרוירן.. ס'פּאַרציט זיך און ס'דויערט?
קוקט קאָמאַנדיר אויפ'ן פּישער: — „וואָס ווילסטו דאָ, פּויער?"
— „איך בין אַ פּישער אין קיעוו. זיי האָבן, טייוולאָנים,
זיי האָבן אין קיעוו גע'ה ר ג'עט, געשענדט מיינע ב נ י ם.
איז וויסן זיי איצט, קאָמאַנדיר, עס זאָגט דיר דער פּישער:
פאַראַן איז, פאַראַן אויפ'ן טייך אין אַן אָרט אַ געוויסן,
וואו לייכט שוין באַדעקט איז דאָס וואַסער מיט הייטל פון קרירע,
איך, פּישער, איך נעם זיך קיין קיעוו אייך איבערצופירן...

קוקט קאָמאַנדיר אויפ'ן פישער. דער בליק זיינער בויערט:
— „דו זאָג אויס דעם אמת דעם ריינעם, דו נאַרסט אונז ניט, פּויער?"
— „ביי בלוט פון די יונגען, געקוילעטע יונגען, דאָ שווער איך.
גלויבסטו נאָך אַלץ ניט? דו דאַרפסט, קאָמאַנדיר, דען נאָך מערער?"—
האָבן געלאָזן דעם פישער דעם אַלטן די „גרויסע"
ביז אויפ'ן טייך וועט אַראָפּפאַלן נאַכטישער חושך.

3

האָט אָפּגעברענט שקיעה, אין ווייטן איז פינסטער געוואָרן.
שטעלט זיך אַ מחנה אין רייען. סע שטייט אַלעקסייעוו פון פאָרנט.
גייט מען. מע קומט אָן צום אָרט; דאָס אָרט איז דאָ קוים־קוים פאַר־
פרוירן.
— „פריינט רויטאַרמייער, אָט־דאָ און מיר וועלן אַריבער אָן מוראַ!"...
ציטערן לייבער ביים טייך: אַ שפּאַן און דערטרונקען דאָ וועסטו!...
לאָזט זיך דער פישער דער אַלטער אויף אייז, קוים פאַרשטייפטן, דער
ערשטער.
גייט מען. אַ מענש נאָך אַ מענש. מע צעציט זיך אין קייטן.
עס פלאַטערט דאָס אייז, נאָר מע גייט, נאָר מע גייט צו דעם ברעג צו
דעם צווייטן.
עס ברעקלט דאָס אייז זיך. אַ רגע — און ס'וועט זיך צערייסן.
נאָר מע רוקט און מע רוקט זיך צו קיעוו דער שטאָט, אויף די ווייסע!
מיט ביקס אין דער האַנט און מיט האַרטן, פאַרגליווערטן צאָרן
דער פישער דער אַלטער פון דניעפּער — אַלעקסייעוו פון פאָרנט.
ס'צעפאַלט זיך דאָס אייז, נאָר מע גייט, מ'האָט דעם אָטעם פאַרטאָיעט:
אין פינסטער, אַקעגן, אויף ברעג דאָרטן דרימלט די חיה.
אַ שאָרך, ט'זי דערהערן — מיט הילכיקע באָמבעס פאַרשפּייט זי.—
ציט זיך אַ מחנה אין פינסטער... דער ברעג איז ניט ווייט שוין!
ס'צעשיט זיך דאָס אייז אונטער פיס. מ'הערט די וואַסערן רינען.
אויף פינסטערע בערג אַרום קיעוו ווערט גרוי אויף באַגינען.
עס כליופּעט דאָס וואַסער... צום ברעג נאָך אַ ווײַלע, אַ ווײַלע...
דער ברעג!... און אויף שומרים אַרויף!... און פאַרשטאָפּט זיי די
מיילער!...
פון פינסטערע בערג, וועלכע האָבן דאָס אומגליק פאַרשלאָפן,
אַרויס איז אַ קוויטשיקע באָמבע, אין אייז, וואָס פאַרביי מ'איז, געטראָפן.
אויף אייז, וואָס פאַרביי מ'איז, צעגיסט זיך, צעשטראָמט זיך דאָס וואַסער,
נאָר ס'פליט שוין אויף פינסטערע בערג אָן אין פרי־שיין אין בלאַסער —
עס פליט שוין אויף פינסטערע בערג מיט ניצחון־געשרייען אַ מחנה
מיט פאָנען,

אַ וואָלקן מיט יונגען, אַ פאָלק רויטאַרמייער.
עס שטורמען שוין ברודערשע פאָלקן די אייזערנע בריקן:
— „הוראַ״ און „הוראַ״ און „פאַרנעם זיך, דעניקין!...״
אין גרויסער ב ה ל ה , אין וויסטער מ פ ל ה , אין פאָלקן צעזייטע
די גאָלד־עפּאָלעטן פון ברעג אַרום קיעוו שוין מאַכן די פ ל י ט ה ...

4

וויען די פאָנען די רויטע אויף קיעווער קרעשטשאַטיק,
רוען אויף שטיינער פון גאַסן די זיגער די מאַטע.
אין מיטן די גאַסן קאַנאָנען פאַרבלוטיקטע שטייען.
אין ראָד רויטאַרמייער אויף שטיינער פון גאַס — אַלעקסייעוו,
דעם קאָפּ צוגעטוליעט צו אייזערנער וואַנט פון קאַנאָנע:
— ניטאָ שוין קיין הילצערן שטיבל, ניטאָ שוין קיין ב נ י ם .
נאָר אויף שטרעקעס אויף גרויסע צום קרעמל זיך טראָגט אַ י ד י ע ה :
קרעמל, זיי וויסן, גענומען איז קיעוו!!

ע. פיינבערג.

# לענינס טויט.

(עלעגיע)

האָבן פעלדער און סטעפּעס און וועלדער זיך פלוצלונג צעוויינט און צעטרויערט,
איז געלאָפן אַ שוואַרצע י ד י ע ה פון כאַטקע צו כאַטקע, פון מויער צו מויער.

איז די שוואַרצע י ד י ע ה פון לענדער צו לענדער געפלויגן,
ביי וואָכיקע מענשן געווינטערט דאָס לייב, און געפראָסטיקט דאָס האַרץ, און געלאָשן די אויגן.

האָבן וואָכיקע מענשן אַרבעט געוואָרפן, און היימען געוואָרפן, אויף גאַסן גענאַנגען:
וואָס וועלן ברענגען פון דערפּעלע גאָרקי, פון פויערשן דערפל, די שניי־איקע שטאַנגען?

האָבן שנייאיקע שטאַנגען געוויט איבער פעלדער און סטעפּעס דעם פויערשן טרויער,
איז דער טרויער דער שוואַרצער געשוואומען פון כאַטקע צו כאַטקע פון מויער צו מויער.

האָבן דערפֿער געקלאָגט, און געקלאָגט האָבן שטעטלאַך און שטעט און וואַרשטאַטן,
זיינען שטילע און גרויע אויף גאַסן געגאַנגען פֿאַרטרויערטע יאַטן.

זיינען יאַטן געגאַנגען מיט פּאָנען מיט שוואַרצע, מיט ווי אין די אויגן פֿון דניעפּער ביז אייד״ם:
איז ווער וועט אונז פֿירן און ווער וועט אַ וועג אינ׳ם וועג אינ׳ם שווערן אונז ווייזן?

יענעם טאָג, יענע נאַכט, דעם נאָמען דעם ליבן און פּראָסטן וועלן אַלע געדענקען,
נאָר ווער וועט צו ברענגן, צו ליכטיקע ברעגן פֿון שטורעם פֿון הייסן אונז ברענגען?

האָבן פּראָסטיקע ווינטן אַ שוידער אין רוסישע סטעפּעס און שטרויענע דערפֿער געטריבן.
זיין האַנט איז געבליבן, זיין בליק איז געבליבן, זיין וואָרט איז געבליבן.

האָבן פֿעלדער און סטעפּעס און וועלדער זיך פּלוצלונג צעוויינט און צעטרויערט,
איז געלאָפֿן אַ שוואַרצע ידיעה פֿון כאַטקע צו כאַטקע, פֿון מויער צו מויער.

**איציק פּעפּער.**

# נאָוועמבער 1927.

(ליריש ליד).

מיין טראָט איז נישט געזונקען אין די פֿעלדער פֿון גראַנגל,
און ס׳האָט דער זיג איבער מיין רוקן נישט געשפּרייזט.
מיין אינגעווייד אין טעג פֿון אייער נויט און מאַנגל
האָט ניט געהערט דאָס ראַצן פֿון די הונגעריקע מייז,
און פֿאַר דער נייער זעט און טייערן נ י צ ח ו ן
האָב איך די הענט און אַקסל נישט געבראָכן.

איצט האָט איר אויסגעפּוצט אַ י ו ם ־ ט ו ב ׳דיקן שייער
צו ערשטער ברויט־זאַמלונג פֿון בלוט־גענערטן פֿעלד.
ווי קען איך קומען צו דעם י ו ם ־ ט ו ב , וואָס איז אייער,
מיט אייך צו פֿייערן דעם זיג, וואָס כ׳האָב פֿאַרפֿעלט,
און אומשפּרייזן פֿאַרשעמט אין פֿרעמדן אָנטאָן
אַ גאַסט, אַ נישט־געבעטענער, אויף אייער י ו ם ־ ט ו ב ?

פאַר מיר צוערשט די האַרבע וואָך פון אייער פראַצע,
די לאַנגע טעג אין מי און קורצע נעכט אויף שטרוי.
פאַר מיר — די הויט־קאַרבן פאַרטריקנטע, וואָס פלאַצן,
זיך היילן אויפ'ן פעלד מיט מאָרגנדיקן טוי.
פאַר מיר — אין גליווערדיקן באָרוועסן באַגינען
מיין זכות אויף אייער שוואַרצן ברויט פאַרדינען.

און ווען אַמאָל, פון נייער פרייד אַן אויפגעברויזטער,
וועט וויין פון אייער ווילן ווידער שוימען רויט,
און איך אין נייער מי, מיט אייך אַן אויסגעלייזטער,
וועל אויפ'ן טיש דערקענען פון מיין פעלד דאָס ברויט, —
וועל איך, נישט מער אַ גאַסט אַ ווייטער, נאָר אַ ברודער
מיט אַלע גלייך זיך זעצן צו דער סעודה.

**מנחם באָריישאָ.**

## קאַרל ליבקנעכט און ראָזע לוקסעמבורג.

(ביאָגראַפיע).

1

ק. ליבקנעכט

קאַרל ליבקנעכט האָט זיך פון קינדערווייז אָן דערצויגן ווי אַ רעוואָלוציאָנער. דער פאָטער זיי־נער, ווילהעלם ליבקנעכט, איז אויך געווען אַ באַקאַנטער דייטשער רעוואָלוציאָנער.

אַז קאַרל איז נאָך זייער יונג געווען, האָט ער שוין געפירט אַ גרויסע אַרבעט צווישן דער אַרבעטער יוגנט; ער האָט געלערנט די יוגנט צו קעמפן פאַר אַ בעסער לעבן פאַר אַלע אַר־בעטנדיקע. די רעגירונג האָט אים נישט געלאָזט צורו און ניט איינמאָל אַרעסטירט. נאָר קאַרל האָט זיך זיינס געטאָן.

עס איז אָנגעקומען די מלחמה פון 1914. דער קייסער און די רייכע האָבן איינגערעדט די אַרבעטער, זיי זאָלן האַלטן מלחמה קעגן אייגענע ברידער, קעגן רוסישע, פראַנצויזישע און אַנדערע אַרבעטער.

ליבקנעכט איז אומעטום, וואו ער האָט נאָר געקאָנט, אַרויסגעטראָטן קעגן דער מלחמה. מ'האָט אים אַרעסטירט און פאַרזעצט.

ביי דער ענדע פון דער מלחמה האָט אין דייטשלאַנד אויסגעבראָכן

א רעוואָלוציע: דעם קייסער האָט מען אַראָפּגעוואָרפן. קאַרל ליבקנעכט איז באַפרייט געוואָרן. דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם, אַז דייטשע אַרבעטער באַדאַרפן מאַכן אַן אויפשטאַנד און איבערנעמען די מאַכט אין זייערע הענט, אַזוי ווי די אַרבעטער האָבן געטאָן אין ראַטן־רוסלאַנד.

די בורזשואַזיע האָט אונטערגעקויפט אייניקע דייטשע אָפיצערן, און דעם 15־טן יאַנואַר 1919 האָט מען אין בערלין קאַרל ליבקנעכטן דער־הרג׳עט.

2

ר. לוקסעמבורג

אײנײנעם מיט קאַרל ליבקנעכט איז דער־הרג׳עט געוואָרן אויך ראָזע לוקסעמבורג.

ראָזע לוקסעמבורג איז געבאָרן געוואָרן אין פּוילן, אין דער פאַמיליע פון אַ אידישן שום־טער. צו 16 יאָר איז זי שוין געווען אַ רעוואָ־לוציאָנערקע. די פּאָליציי האָט איר נאָכגע־שפּירט, און ראָזע איז אַנטלאָפן קיין אויס־לאַנד.

בשעת דער רעוואָלוציע פון 1905 איז ראָזע געקומען קיין פּוילן און האָט אָנגעפירט אַ רע־וואָלוציאָנערע טעטיקייט צווישן די אַרבעטער. זי ווערט אַרעסטירט און איינגעזעצט.

מיט דער הילף פון חברים אַנטלויפט זי פון פעסטונג קיין דייטש־לאַנד, אָבער די דייטשע רעגירונג לאָזט זי אויך נישט צורו. זי ווערט זייער אָפט אַרעסטירט.

די טורמע שוואַכט נישט אָפּ איר טעטיקייט. זי רופט די גאַנצע צייט דעם דייטשן אַרבעטער־קלאַס צו רעוואָלוציע. די דייטשע רעוואָלוציע האָט זי באַפרייט פון טורמע, אָבער נישט אויף לאַנג. צוזאַמען מיט ליבקנעכטן ווערט זי דער׳הרג׳עט, ווען די רעוואָלוציע איז געפאַלן אין דייטשלאַנד.

## נפתלי באָטווין.

נפתלי באָטווין איז געבוירן געוואָרן אין פעברואַר 1905, אין אַ פאַרוואָרפן קליין שטעטל אין גאַליציע. זיין פאָטער איז געווען אַן אָרימער שניידער, און דאָס גאַנצע לעבן האָט ער פאַרבראַכט צוזאַמען מיט דער

פאַמיליע אין ד ח ק ו ת און אין נויט. דאָס שטעטל איז געווען אָרים און שמוציק. באַזונדערס איז געווען גרויס די נויט פון דער אידישער באַפעל־קערונג, וועלכע לעבט דאָרט פון האַנטוועדקערייַ און קליין־האַנדל. אין דעם דאָזיקן שטעטל האָט זיך נ פ ת ל י דערצויגן און פאַרבראַכט זיינע ערשטע קינדער־יאָרן.

זוכנדיק אַרבעט, טראָגט זיך זיין פאַמיליע איבער קיין לעמבערג. ס'ברעכט אויס אין 1914 די וועלט־מ ל ח מ ה מיט אַלע אירע אומגליקן און נויטן. אין 1915 שטאַרבט זיין פאָטער, און נ פ ת ל י ווערט צו 10 יאָר אַ י ת ו ם. אויפ'ן קליינעם נ פ ת ל י פאַלט דעמאָלט דער ג ו ר ל צו ווערן איינער פון די „שפּייזערס" פון זיין מ ש פ ח ה. דער צען־יאָריקער נ פ ת ל י הייבט אָן צו פאַרקויפן צייטונגען אויף די גאַסן. מיט צעריסענע שיך אָדער אינגאַנצן באָרוועס, מיט אַ הייזעריקן ק ו ל שפּרינגט נ פ ת ל י און לויפט נאָך יעדן דורכגייער, שרייט אויס, ניט מיט זיין ק ו ל, נייעס און בעט, מען זאָל ביי אים קויפן אַ צייטונג.

צו 13 יאָר וואַרפט ער אַוועק דאָס פאַרקויפן צייטונגען און טרעט אַריין אין אַ שאַכטל־פאַבריק. דאָס דרייצן־יאָריקע אינגל אַרבעט 12—15 ש ע ה אַ טאָג אין אַ קליינעם, שמוציקן, ענגן וואַרשטאַט. ער ווערט שרעק־לאַך עקספּלואַטירט, ער איז אייביק הונגעריק און קיינמאָל ניט אויף פרישער לופט.

צוויי יאָר אַרבעט ער אין דער שאַכטל־פאַבריק. ענדלאַך וואַרפט ער אַוועק די דאָזיקע שווערע אַרבעט און גייט איבער אַרבעטן אין אַ לעדער־פאַבריק. ער ווערט אַ קאַמאַשן־שטעפּער. די פאַבריק האָט דאָס אינגל פאַר־האַרטעוועט און געשטאַרקט, שטויסנדיק אים צו זוכן די אָרגאַניזאַציע, וועל־כע פירט אָן מיט'ן קאַמף פון די אַרבעטער, וואָס ווערן אונטערדריקט, עקס־פּלואַטירט, פונקט ווי ער.

צו 16 יאָר באַגעגנט זיך נ פ ת ל י מיט'ן אידישן לעדער־פאַריין און ווערט זיינער אַ מיטגליד. ער אָרגאַניזירט און פירט אָן מיט דער יוגנט־סעקציע פונ'ם לעדער־פאַריין.

און אָט האָט זיך איבער די גאַליציִשע שטעטלאַך און דערפער צע־טראָגן דער מעכטיקער רוף פון דער רוסישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אין יעדער פאַבריק און וואַרשטאַט האָט זיך אַריינגעריסן דער פרישער שטורעם־ווינט פון דער רעוואָלוציע. באַטוויזן האָט איינער פון די ערשטע אין דער לעמבערגער אידישער אַרבעטער־סביבה דערהערט דעם שטורמישן רוף און איז אַריינגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

ניט געווען קיין פֿאַרזאַמלונג, קיין פּאָליטישע געשעעניש אין שטאָט, וואו באַטווין זאָל ניט זיין און ניט אַרויסווייזן דאָרט זיין ענערגיע און איבערגעבנקייט. צו יעדן פּאַרטיי־רוף האָט ער געוואָרפֿן די אַרבעט אין פֿאַבריק, גענומען ליטעראַטור און זיך אַוועקגעלאָזט איבער שטעט און דערפֿער און צוגעשטעלט די פּאַרטיי־ליטעראַטור אויפֿ׳ן אָרט, וואו ס׳איז נייטיק געווען. מיט אַ טשעמאָדאַן אין האַנט, אָדער אַרומגעוויקלט מיט ליטעראַטור איבער׳ן גאַנצן קערפּער, איז ער געגאַנגען איבער שטעט און שטעטלאַך און אומעטום פֿאַרפֿלאַנצט דעם געדאַנק פֿון רעוואָלוציע.

די בורזשואַזע פּוילישע רעגירונג האָט אים אַרעסטירט און פֿאַר זיין רעוואָלוציאָנערער אַרבעט אים פֿאַר׳משפּט צום טויט.

## באַטווינס טויט.

„שוועסטער קליינע, וויין נישט! ניין, מען דאַרף נישט,
שוועסטערקע, דאַרפֿסט פֿילן און פֿאַרשטיין:
נאָר דעריבער גייען מיר איצט שטאַרבן —
ס׳זאָלן אַנדערע דערנאָך צום טויט נישט גיין...״

שטילער! ס׳הילכן טריט. די וועכטער קומען.
ס׳קרעכצט דער שלאָס. די טיר צעקרעכצט זיך שווער.
— „מאַמע! ס׳איז דיין רויִקייט פֿאַרשטומטע
בעסער פֿון אַ קוש און פֿון אַ טרער.
ס׳טויין אַ צייט. דער טאָג ווערט נעענטער, מאַמע!
זאָל מען איצטער הענגען אָן אַ סוף, אָבער!!...״

לעבן תּפֿיסה רוישט אַ ים פֿון אַרבעטער און ברומט.
פֿאַר אַלעמען גיט איינער דאָרט זיין לעבן אָפּ;
אויף שטיינער פֿאַלט און קלינגט אַ דורכגעלעכערט קאָפּ.
און שטיינער קאָנען אויך שוין מער נישט בלייבן שטום...
און שנאה ברויזט,ביילט אויף ביי יעדערן אַ פֿויסט.
פֿאַר איינעם שווערן טויזנטער: „נקמה קומט!״

ז. שאַרנאָוו (אידיש פֿון קאָוונער)

# דער אמת.

1

מיט אַ רויטער כוואַליע האָט דער אמת אַ שטראָם געטאָן
און מיך אויף זיין הייך און טיף מיטגעשלעפּט.
אין דרייפאַכע רינגען האָט ער מיך געוואָרפן,
אויף דרייפאַכע שאַרפן האָט ער מיך געשניטן,
און פון דער טיפעניש פון מיין פינסטערניש
שיק איך מיין פאַרווירטע שטים
און הער ניט אויף דעם אמת צו שעלטן:
וועלטן נאָך וועלטן וואַרטן אויף אים;
און קומט ער אַמאָל,
איז מיט פייער און שטאָל
און מיט רויטע פאַרפלייצנדע כוואַליעס.

2

איך האָב ניט ליב שטאַרקייט
און זינג ניט דאָס ליד פון די שטאַרקע.
איך האָב פיינט שוואַכקייט
און וויל ניט זינגען דאָס ליד פון די שוואַכע.
איך זע דעם מענש,
און זיין ליד וויל איך זינגען.
און דעם מענש זע איך,
ווען איך קוק זיך צו צו חיות,
צו חיות אין שטייגן.
און נאָך זע איך דעם מענש,
ווען איך שיק מיין אויג די טיפסטע גרונטן
און זע דאָרט בלויז פינסטערניש און נעגל און ציינער,
אבער אויך, ווען איך הייב מיינע אויגן הויך, הויך אַרויף
און זע דאָס לויטערע פּנים פון דעם געגאַרטן און קומענדן.
איך ווייס אַז ער זוכט דעם אמת,
און האַרט, און ברומט, און גאַרט, און שטומט,
און רייסט זיך דאָס לייב,
וואָס ער קומט נישט.
און קומט ער אַמאָל,
איז מיט פייער און שטאָל
און מיט וואונדיקע, יאָמערנדע כוואַליעס.

א. לעיעלעס

# אידישע קאָלאָניזאַציע.

## די לאַגע פון די אידן אין רוסלאַנד.

א ח ו ץ א קליינטשקער גרופּע פון גרעסערע הענדלער און ספּעקו־ליאַנטן, איז די לאַגע פון דער איבעריקער אידישער באַפעלקערונג אין רוס־לאַנד זייער א קריטיש. די אַנטוויקלונג פון קאָאָפּעראַציע און מ ל ו כ ה־האַנדל, דער קאַמף מיט אַלע לופט־פ ר נ ס ו ת האָט ביי דעם גרעסטן טייל פון דער דאָזיקער באַפעלקערונג אַרויסגעריסן יעדן באָדן פון אונטער די פיס. באַזונדערס, אַז דער בירגער־קריג און די פּאָגראָם־כוואַליע האָט נאָך פריער שטאַרק אונטערגעריסן די עקאָנאָמישע לאַגע פון אָט די עלעמענטן.

אין די שטעטלאַך גייט מען אַרום פּוסט־און־פּאַס, מע הונגערט און מע ווייסט ניט, וואו זיך אַהינצוטאָן.

די ראַטן־מאַכט האָט אָנגענומען א רייע מיטלען, אויסצובעסערן די לאַגע פון די דאָזיקע עלעמענטן, צו געבן זיי באַשעפטיקונג אין דער פּראָ־דוקציע.

ה ג ם ס'ווערן אָנגענומען מיטלען, אַז א באַשטימטער טייל פון דער אָרימער שטעטלשער באַפעלקערונג זאָל אַריינפאַלן אין דער וואַקסנדיקער שטאַטישער פּראָדוקציע, קען דאָס אָבער אַרומכאַפּן נאָר א קליינעם טייל פון דער גויטבאַדערפטיקער באַפעלקערונג. דעריבער האָט די ראַטן־מאַכט געלייגט איר הויפּט־אויפמערקזאַמקייט אויף אַריבערפירן די אידישע באַ־פעלקערונג אויף ערד.

**(פון „לעבנס רוף"—טייל 2).**

## ערד־אַרבעט ביי אידן אַמאָל און היינט.

ביז דער רעוואָלוציע זיינען אידן אין רוסלאַנד ניט צוגעלאָזן געוואָרן צו ערד. ס'האָבן נאָר עקזיסטירט אין ד ר ו ם־רוסלאַנד די אַלטע קאָלאָניעס, וועלכע זיינען מיט פילע צענדליקער יאָרן צוריק, נאָך אין ניקאָלאַי דעם ערשטנס צייטן, געווען אָרגאַניזירט. אינגאַנצן זיינען געווען אידישע ערד־אַרבעטער פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע 52,758. אין דער צייט פון דער מ ל ח מ ה און אין מ ש ך פון בירגער־קריג איז די צאָל אידישע ערד־אַרבע־טער נאָך פאַרקלענערט געוואָרן. א גרויסער טייל קאָלאָניסטן זיינען אומ־געקומען, פיל קאָלאָניעס זיינען ח ר ו ב געוואָרן דורך די פּיל־צאַליקע באַנ־דעס פון פּעטלורע, מאַכנאָ, גריגאָריעוו און אַנדערע.

נאָר זינט די ראַטן־מאַכט האָט זיך אַביסל פּאַרפעסטיקט, הייבט ווידער

אַז צו וואַקסן די צאָל אידישע ערד־אַרבעטער. הונדערטער אידישע פאַמי־ליעס גייען אַריבער צו ערד־אַרבעט, באַקומענדיק פון די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען שטיקער ערד.

צום אָנהייב 1925 זיינען שוין געווען 101,000 אידישע ערד־אַרבעטער.

נאָר די ראַטן־מאַכט האָט זיך מיט דעם ניט באַנוגנט. זי האָט אָנגע־הויבן אַ קאַמפּאַניע צו באַזעצן צענדליקער טויזנטער אידישע פאַמיליעס אויף ערד. די דאָזיקע אַרבעט ווערט איצט געטאָן סיסטעמאַטיש און פּלאַנ־מעסיק.

ביז 1929 איז פאַר די אידן אויסגעטיילט געוואָרן אין אוקראַינע, קרים און ווייס־רוסלאַנד ביז 800,000 העקטאַר ערד, און עס זיינען ביז דעמאָלט געווען שוין אויף דער ערד ביז 200,000 אידישע נ פ ש ו ת.

אין יאָר 1928 האָט די ראַטן־מאַכט באַשלאָסן אויסצוטיילן פאַר אויסשליסלאַכער אידישער קאָלאָניזאַציע אַ גרויסע געגנט אין סיביר אונ־טער'ן נאָמען בירא־בידזשאַן. און ווען אין אָט דעם לאַנד וועט שוין זיין באַזעצט אַ באַדייטנדע צאָל אידישע קאָלאָניסטן, וועט עס פּראָקלאַמירט ווערן אַלס אַ אידישע סאָציאַליסטישע ראַטן־רעפּובליק.

## ברויט.

(פּאָעמע).

אויף געסלאַך ליידיקע און מידע
לייגן זיך נאָך שטייפער מיינע טריט...
היינט בייטאָג האָט מיך אַ שטעטעלע מיט אידן
אָנגערופן: אַנטיסעמיט!

אַלע זיי אין קנייטשן און אין שמאַטעס,
האָבן אַלץ געוויזן מיט די הענט:
— „אָט דער, — מיר קענען אים, אי אים, אי טאַטע־מאַמע,
האָט ער זיך אַזוי פון אונז פאַרפרעמדט...

ווילט זיך צוגיין, צוגיין און אים זאָגן:
הערסטו, ח ב ר , ס'איז אונז אַזוי שלעכט,
אויב מע קען אונז אַלעמען דערשלאָגן,
וואָלט ביי אונז זיין רעכט...

שווער צו זיין, צו שטאַרבן מיט'ן שטעטל,
האָסט דאָך אויך אַמאָל דאָ ווען געלעבט.

זאָג, — ווער וועט אונז דאָ רעטן,
ווער וועט איינהאַלטן די קעפּ?...״

האָב איך זיי אָנגעקוקט: אַלע ליידיקע און טויטע,
בערד, און בערד, און ווידער טויטע בערד...
— גענוג, — האָב איך געזאָגט, — פון ליידיקן און גרייטן!
מיט ערד, צו ערד! ווען ניט — איז...

האָט שטעטעלע צעשריען זיך אין פיבער,
יעדעס וואָרט און יעדער טראָט — אַ שניט.
ווייס איך ניט, פאַרוואָס האָט מיך אַ שטעטעלע מיט אידן
אָנגערופן: אַנטיסעמיט.

1

— אַזוי צי אַזוי, נאָר סע שמעקט שוין מיט מאַרט,
האָבן אידן געגרייט זיך, גערעדט און געוואַרט.

איז פון שטאָט אָנגעקומען אַ יונגער יעווסעק,
די ערדן צעטיילט זיי, און ווידער אין וועג...

זיינען קינדער און רינדער, און טאַטעס, און פערד
געפאָרן, געקומען, — און אָט איז די ערד...

שטייט דאָרט אַ פּאַלאַץ צעשטויבט און צעשטערט,
און מיט לאָזע און גראָז איז באַוואַקסן די ערד.

האָבן זיך עלטערע אידן פאַרקלערט...
— וואָס טוט מען, ווי טוט מען, גיי שפּיל זיך מיט ערד!

קוקט מען און שווייגט מען... אַז גרויס איז די לאַסט,
צי וועט מען דאָ בלייבן, צי קומט מען צו גאַסט...

איז דער אינגסטער, אַ פלינקער, אַראָפּ אויף דער ערד:
— וואָס איז דאָ צו טראַכטן? — און שפּאַנט אויס די פערד.

איז דער אינגסטער דער ערשטער צום פּאַלאַץ אַוועק,
זיינען אַלע אַראָפּ פון די פערד — און אַן עק!

2

שטייט אַ פּאַלאַץ איצט ביז דאַך צעשטערט,
און דער גראַף איז שוין פון לאַנג אַנטלאָפן...
ווילט זיך שלאָפן, — שלאָפט מען אויף דער ערד,
אויף פּאַרקעט איז בעסער נאָך צו שלאָפן...

נאָך צערטלט זיך דער מירמל אויף די טרעפּ,
אין אַ ווינקל הענגט די „פרומע מאַמע".
מע לייגט אַוועק די פויסטן אונטער קעפּ,
ווערט שוין גוט, און שלעפעריק און גראַמער!

און זאָל דער ווינט זיך רייסן דורכ'ן שויב
און קלאָגן זיך מיט לעצטן שאַל פון האָרן,
און אויפהייבן דעם ח ו ר ב נ'דיקן שטויב
פון אַלטע ווענט און אויסגעלעבטע יאָרן.

עך, ס'זאָל נאָר דאָס יאָר אַדורך געזונט,
און די זאַטקייט זאָל אַ וואַקס טאָן אויף די בייטן, —
צעטרייסלען וועלן מיר די ח ו ר ב ה ביז'ן גרונט
און אַוועקשטעלן אַ הויז אַ צווייטעס.

3

נאַכט. פאַרמאַטערט. שווער. שטיל.
ליגן מענשן מידע אויפ'ן דיל.

צעשליידערט און צעוואָרפן אויף צעבראָכענעם פּאַרקעט,
שלאָפן מידע מענשן. נאַכט. שפּעט.

האָט זיך אינמיטן נאַכט אַ אינגעלע צעוויינט:
— „כ'האָב מ ו ר א, מאַמע! לאָמיר גיין אַהיים."

כאַפּט זיך אויף די מאַמע: איז דער פּאַלאַץ פרעמד,
דריקט זי צו איר קינד נאָך נעענטער צום העמד...

— „ווּעסטו איצטער וויינען, לאָז איך דיך אַליין,
אַ אינגעלע דאַרף שלאָפן. — און דאָ איז אונזער היים."

נאַכט. פאַרמאַטערט. שטיל. שווער.
שלאָפן מידע מענשן אויף דער ערד.

4

דער פאַרטאָג איז פריש און זומערדיק און ווייך,
און גרינגע ווינטן קומען און פאַרגייען.
ציען זיך די זאַנגען מיט מיילער אין דער הייך
און ציטערן און בייגן זיך אין צווייען.

צייטיקט איצט אַ פעלד און גיסט זיך אָן מיט קרעפטן.
— זאַט בין איך און צייטיק: קום און נעם!
סע ציט מיט צוויט, מיט טוי און מיט באַהעפטונג,
און זאַנגען וויגן זיך און ציטערן אין דעם.

5

עס קלינגט און בלאַנקט אין ברייטן טאָל,
און קלונג־און־קלאַנג פון שאַרפן שטאָל
פאַרגייט זיך אין די קאָסעס...
טוי און זון און שטיקער גאָלד
רינט פון הויך און פאַלט אין טאָל,
צעמישט זיך מיט די גראָזן.

די זון איז דאָ. נאָר ס'איז ניט הייס,
נאָך ליגן טראָפנס טוי, ווי שווייס, —
צעטרייסל און צעשפּריץ זיי!
קאָסעס ראַנגלען זיך אין גראָז,
קאָסעס ווערן פייכט און ראָז,
פייכט און ראָז און היציק.

פייכטע גראָז בלייבט שטיל און רוי.
— ברידער! הערט, ניט איילט אַזוי:
קאָסעס ציטערן פאַר שטיינער!
די זון איז הויך, און ס'העלט און ס'ברענט.
עך, וואו נעמט מען טויזנט הענט,
איין פאָר הענט איז ווייניק!...

6

## דאָס ליד פון די קרעמער.

און אַזוי האָבן קרעמער געזונגען
פאַרטאָג ביי דעם אַקער אין פעלד:
„מיר וואָלטן קיינמאָל ניט אַרומגיין,
מיר וואָלטן קיינמאָל ניט געזונגען
אָט דאָ מיט'ן אַקער אין פעלד.

אַז ווען האָבן פינגער פאַרשמאַכטע,
געוואוינט צו וואָג און צום פונט,
געקענט זיך פאַרבענקען און טראַכטן
פון רואיקער, זעטיקער נחלה,
פון טיפן און זאַפטיקן גרונט?...

אַז קיינמאָל וואָלט אַהין ניט געגאַנגען
אונזער פלינקער און איילקער פוס.
איז דאָס לעבן געקומען אין ראַנגל,
אין ראַנגל, אין ווי און אין אַנגסטן,
גענומען ביים נאַקן: — מע מוז!

איז אַ סוף, און אַן עק, און אַן ענדע
צו דעם, וואָס ניט לאַנג איז געווען"...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי האָבן קרעמער פאַרענדיקט.
און ברייט האָבן פעלדער צעבלענדט זיך,
פריש האָט די זון זיך צעברענט...

7

## דאָס ליד פון ישוב'ניקעס.

„הענט געהאָדעוועט צום בויען!
איז יעדע האַנט אַ קרעפטיקער בריטאַן;
איז גוט מיט זיי צווישן ערד און טויען
אין ברוסט אַ זעץ טאָן זיך: — פאַראַן!

פאַראַן אַן ערד, איז גוט אויף איר צו טרעטן...
און דאָס גראָז איז פעט אַזוי און גרין.

ביי קיינעם דאַרפֿן מיר קיין ברויט ניט בעטן:
מיר רייסן דאָס פֿון יעדער דעסיאַטין.

ערד, געשמאַקע, פֿעטע גרונטן.
און זון, וואָס גיסט זיך אָן, וואָס צייטיקט און וואָס ברענט.
מיר שטייען קעגן אייך דאָ הויכע און געזונטע,
נאַט! — מיר שענקען אייך פֿאַרהאַרטעוועטע הענט.

מיר האָבן הענט, און הענט איז אונזער אייגנס,
אַז וואָס פֿאַרמאָגן מיר נאָך דאָ אויף דער גאָרער וועלט!״— —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי האָבן ישוב׳ניקעס פֿאַרצויגן
אַ ליד אַ פּראָסטע איבער פֿעלד.

8

הינטער שייער, הינטער שטאַל: שטויב און הייסע ווינטן,
האַלבער טאָג, צוויי פּאַסטוכער, אַ סטאַדע און אַ הינטל.

זאַט מיט זון, מיט מילך און גראָז — רוט אַ מידע סטאַדע.
זאָגט דער ציידע: —„אַי, אַ היץ!״ זאָגט דאָס אייניקל: — „אַוודאי!״

זיצט דער זיידע אויף אַ שטיין און גלעט אַ באָרד אַ ווייסע.
— „לאָז צורו די מידע שאָף און — שקאָץ — הער צו אַ מעשה!

צוריק מיט דרייסיק־פֿערציק יאָר — איך געדענק שוין ניט גענויער —
האָבן מיר דעם פּאַלאַץ דאָ געבויט, שטעטלדיקע בויער.

איז דער גראַף געווען אַ בייזער גראַף, אַ שטרענגער, נאָר אַ וויצלינג,
פֿלעגן מיר אים רופֿן: — „פּאַני גראַף״ און ער אונז: — „פּאַני איצקי״.

האָבן מיר דעם פּאַלאַץ אים געבויט — אַ פּאַלאַץ אַן אַנטיקל, —
מיט געזימסן און מיט מירמל־טרעפּ, מיט אַלע זיבן גליקן.

איז, אָט! ווען מע האָט אין לופֿטן שוין געשניצט די קאָלאָנאַדע,
האָט זיך איינער פֿון אונז אויסגעגליטשט, אַ פֿאַל געטאָן און — נאַ־דיר!

וואָס טוט מען איצט? וואו לויפֿט מען איצט? וואו קריגט מען איצט אַ מיטל?
בין איך צום גראַף אויף גיך אַוועק — צעטומלט — אין אַ היטל,

און גלייך אין זאַל און צו דעם גראַף — — —
— — — — — — — — — — — צו אַלדי שוואַרצע יאָרן!
פּאַסטוך מיינער, גיב אַ קוק, די סטאַדע קריכט אין קאָרן!"

בלייבט דער זיידע אויפ'ן שטיין, און דאָס אייניקל אַלץ פלינקער
הייבט די בייטש און טרייבט און שמייסט.— „אַ־וואוהין? — מיזינקע!"

זאַט מיט זון, מיט מילך און גראָז,— רוט צוריק די סטאַדע.
זאָגט דער זיידע: — „אַי, אַ היץ!" זאָגט דאָס אייניקל: „אַ ו ו ד א י!...

9

און צו דער נאַכט. די זון האָט זיך געזעצט,
און ס'לעשט זיך אויס ס ו ף מ ע ר ב'דיקער פלאַקער,
ווערט דאָס גאַנצע לייב אין מידקייט אויסגענעצט
און ס'הילכט שוין אָפּ דער לעצטער בלאַנק פון אַקער.

מע קריכט אַרויף אַ מידער אויפ'ן פערד,
אַ צי דעם צוים און, — פערדעלאַך, געשווינטער!
אַ גאַנצן טאָג האָט מען געאַרבעט שווער,
מוז צו אָוונט ווערן גרינגער...

גייען שווער און שוויַיגנדיק די פערד,
אַ מידקייט פאַלט און שלעפּט די ברעמען.
— אָי, ווער האָט דאָס געזאָגט און ווען,
אַז גרינג איז, ערדעלע, דיך קענען?

נאַ, נעם, צעווייע אונזער שוויס,
נעם, דריק צו די מידע גלידער!
און ס'ווילט זיך עפּעס שווער און הייס
אַזוי אַ־פאַל טאָן אין דער נידער.

צעיאָגט אַ ליד זיך אויף באַראָט,
— אָי, ווער האָט דאָס אַ ליד פאַרצויגן? —
גייען פערדלאַך טראָט־נאָך־טראָט
מיט מידע צוגעמאַכטע אויגן...

10

אַ נאַכט אין שלאַקסן, אין שטורעם און אין שטויב—
קוקן פרויען שטילערהייט אין שויב,

און קינדער וואַרטן פאַרשלאָפן און פאַרקלערט:
— אַ ר ח מ נ ו ת אויף די טאַטעס, אַ ר ח מ נ ו ת אויף די פערד!

און יעדן אויגנבליק, יעדע איינציקע מינוט
קאָן די נאַכט אַ ריס טאָן זיך מיט אומרו און מיט בלוט.

יאָגן רייטער, קומען רייטער, מישן זיך צונויף,
און צום פּאַלאַץ. — ביי דעם פּאַלאַץ פול איז שוין דער הויף.

א פ ש ר קומען פרעמדע רייטער שטיל און אומגעריכט? —
שוייגן מאַמעס, שוייגן קינדער... מע פאַרלעשט די ליכט...

נאַכט און שרעק און שווערע שטילקייט... שטייגנדיקע קלעפּ! — —
— וואָס האָט איר פאַרשפּאַרט די טירן, ווייבערישע קעפּ?

און עס פּראַלן אויף די טירן אין ה פ ק ר און אין קראַפט:
טאַטעס, ברידער אויסגעווייקט אין רעגנס און אין זאַפט.

11

## וויג־ליד.

ס'איז קיין ברויט אין שטוב ניטאָ נאָך,
שלאָף מיין קינד, מיין שטייפס!
איך קען נאָך איצטער דיר ניט זינגען
פון אַ פעלד, וואָס רייפט...

פעט און זאַפטיק זיינען פעלדער
און אין שטוב איז לער.
נאָענט גייט אַרום דיין טאַטע,
רייסט אויף ברייט די ערד.

גייט דיין טאַטע נאָכ'ן אַקער
שווער און אויסגעדרייט,
וועט כאָטש גיין ביי דיר דער אַקער,
ווי אַן אַקער גייט...

דו וועסט וואַקסן, דו מוזסט וואַקסן
מיט'ן וואוקס פון בוים.

שווערע מי וועט זיין דיין חבר,
פעטע ערד — דיין היים.

און ווען ס'וועט ווערן — ווי מע זאָגט אונז —
גרינג אויף גאָרער ערד, —
זאָלסטו וויסן, אַז דיין מאַמען
איז געווען שווער...

12

אין יענעם שבת־פרימאָרגן איז דער הימל געגאַנגען כּשורה.
האָבן טאַטעס געדאַוונט און זין — אויף די לאָנקעס געלעגן.
האָט זיך פּלוצלונג פאַרוואָלקנט, צעוויגט און צעשטורעמט:
— גוואַלד, גיכער! אָט ברעכט אויס אַ רעגן!

האָבן צעלאָזן זיך טאַטעס אין פלאַטער, אין רויש פון טליתים,
און מאַמעס, און מוידן, און קינדער־קונדייסים —
און אַלע מיט הענט צו דער לאָנקע...

שפּילט נאָך די זון אויף די הענט, אויפ'ן היי,
הייבט זיך, און שטויבט זיך, און ס'קלייבט זיך דאָס היי,
האָפּ! — און צעוואַקסט זיך אין קופּעס.
דעקט זיך דער הימל און ס'ווערט עפּעס שטיל, —
רייסט זיך און ס'טופּעט און טופּעט...
און ניט מיט געשרייען, און ניט אויף געשלעגן, —
אַ האַלב דאָרף לויפט אַהערצו מיט הילף.
רייסט זיך פון הייך און פון דר'ערד אַ געשריי,
הייבט זיך, און שטויבט זיך, און ס'קלייבט זיך דאָס היי.
האָפּ! — און צענומען אין קופּעס.

גייט מען שוין רואיק פון לאָנקע אַהיים,
אַ דאגה, זאָל שטורעם איצט שפּילן!
גייט מען צוזאַמען, מע רעדט ביז דער היים:
„אָבער פיין דאָס היי צונויפגעקליבן.“

13

געקומען זיינען געסט פון שטעטל און פון דאָרף
און אַלע זיינען נאָענט און פאַרשיידן;

געקומען זיינען געסט פון שטעטל און פון דאָרף:
פויערים און שטעטלדיקע אידן.

איז דאָ געדיכט, צעבושעוועט און הייס,
אַ האַרמאָניק שרייט, און לידער ווערן נאָענט.
ס'איז דער פּאַלאַץ גרויס, דער עולם איז דאָ גרויס.
— און זאָל מען גיך דאָ עפענען דעם אָוונט.

---

...האָט אַ שוסטער פון שטעטל דעם עולם באַגריסט,
האָט באַגריסט אויך אַ דאָרפישער פויער.
האָט דער עולם געפּאָכט מיט די הענט, מיט די פיס
און געהאַקט — ביז'ן פּלאַצן פון אויער.

איז אַרויף אויף די ברעטער אַ קרעפּטיקער יונג
(אַ באַריכט פון דער אַרבעט צום יום־טוב),
רעדט ער און שלעפּט אַזאַ וואָגיקע צונג
און אין מיט'ן באַריכט — זיך פאַרפּלאָנטערט.

שטייט ער און שוויגט... אַז ער גיט דאָס אַ מאַך
און אַ פּאָך מיט דער האַנט, מיט דער רעכטער.
האָט זיך אַ פּאַלאַץ מיט עולם צעלאַכט:
האָ־האָ! און האָ־האָ! אַ געלעכטער!

---

נאָר אַז געסט זיינען פון שטעטל און פון דאָרף
און אַלע זיינען נאָענט און פאַרשיידן,
גיט מען זיך אַ שטעל אויף און אַ וואָרף, —
און אַלע ברעכן שוין אַ ביינערדיקס אַ דריידל...

טאַנצט מען שווער צום הפקר'דיקן טאַקט, —
אַ טאַנץ אַזאַ פון גייענדיקע וועלדער...
און נאָענט ליגט אַ ווייכע יולי־נאַכט
גינענדיק און טויאיק אויף די פעלדער.

איזי כאַריק.

# דער נייער ישוב.

(באַשרייבונג).

אין דער נידער, צווישן צוויי בערגלאַך, קוקן אַרויס פונדערווייטן די שפּיצן פון הייזער, אין וועלכע עס וואוינען די איבערוואַנדערער — דער אידישער קאָלעקטיוו „נייער שטערן" אין קריוואָראָגער קרייז.

ווען איר קומט צו נעענטער צום ישוב, אַנטפּלעקט זיך פאַר אייערע אויגן אַ גרויסער שטח, אָנגעוואָרפן מיט זאַמד, ליים, ציגל, שטיינער, געהילץ און אַנדערע בוי־מאַטעריאַלן. דאָ קאַכט און רוישט — די אַרבעט האַלט אין רעכטן ברען: ס'קלאַפּט דער האַמער, ס'קלינגט די זעג. דאָ בויט זיך דאָס נייע לעבן און ס'שמידט זיך דער נייער מענש; דאָס בויען זיך הייזער פאַר די מיטגלידער פון קאָלעקטיוו.

איך פאָר ווייטער און שטויס זיך אָן אויפ'ן נייעם אידישן פּויער. יונג און אַלט, בחורים און מיידלאַך שטייען אין איין שורה מיט די גראָב־אייזנדלאַך אין די הענט און יעטן: זיי רייסן אויס דיווילדע גראָזן מיט'ן וואָרצל, כדי זיי זאָלן ניט שטערן דער אַנטוויקלונג פון די קולטורעלע געוויקסן. אַ שיין בילד: די נעכטן געוועזענע קרעמער, הענדלער און איבערהויפּט די מיידלאַך מיט די ווייסע הענטלאַך שטייען אָט דאָ היינט מיט שוואַרצע הענט, אָפּגעברענטע, פאַרשטויבטע פּנימ'ער און באַאַרבעטן די ערד. אויף זייערע פּנימ'ער איז אויסגעגאָסן צופרידנקייט מיט דער אַרבעט. אַרום זעען זיך די ברייט־צעשפּרייטע פעלדער מיט קאָרן, ווייץ, גערשטן און האָבער, וואָס ציען זיך העט ווייט אַוועק.

איך פאָר צו צום הויף פון קאָלעקטיוו. דאָ שטעלט זיך אָפּ מיין אויפמערקזאַמקייט אויף דער אָרדענונג, וואָס הערשט דאָ: אָט שטייען די לאַנדווירטשאַפטלאַכע מאַשינעס און מכשירים, אויסגעשטעלט אין דער ריי, יעדע זאַך אויף איר אָרט. דאָרט געפינען זיך פערד־שטאַלן אין דער בעסטער אָרדענונג. דערביי געפינט זיך דער דעזשורנע, וועלכער דערציילט מיר, וויפיל און וואָס פאַר פערד ס'געפינט זיך אין קאָלעקטיוו, ווי מע האָדעוועט זיי און ווי מען אַרבעט מיט זיי. דאָסגלייכן זיינען אין דער בעסטער אָרדענונג די שטאַלן פאַר די קי און חזירים.

עס פאַרגייט די זון, פונווייטן הערן זיך לידער: דאָס גייען חברה פון פעלד. עס לוינט אַ קוק טאָן אויף די פּויערשע פּנימ'ער נאָך אַ טאָג שווערער פעלד־אַרבעט, פון זון־אויפגיין ביז זון־אונטערגאַנג. די דאָזיקע פּנימ'ער דערקלערן אייך גאַנץ קלאָר, אַז זיי גייען מיט פעסטע טריט אויף דעם וועג, וואָס זיי האָבן פאַר זיך אָנגעמערקט. זיי ווייסן, אַז אויף זיי קוקט מען מיט זיבן אויגן, און פון זיי דערוואַרט מען זייער פיל אין דער צוקונפט.

אַבראַהאַם גורעוויטש.

# ערד.

באַרג אַרויף באַרג אַראָפּ און וועג דאָרט עס דרייט זיך,
און פערדל און וואָגן שלעפּט משא און גייט זיך.

און ס'גייט נאָך אַ אידל און טרייבט אָן דאָס פערדל
און טשמאָקעט מיט ליפּן און שאָקלט מיט בערדל.

— גוט מאָרגן, רב פעטער, און וואוהין און פון וואַנען,
און וואָס דאָרט אין וועגל ביי אייך איז פאַראַנען?

טוט אידל אַ שמייכל מיט וואָנסן און אויגן:
— גוט מאָרגן, גוט יאָר אייך!—און טוט זיך פאַרנייגן.—

איך קום פונדערוויטנס פון סאַמע צוקערניע,
אַ שטעטל אַ גענעץ אין האָמלער גובערניע.

געוועזן דאָרט, ווער מיינט איר, ניט האָט קיין פאַריבל,
אַ בטלן, אַ שלעפּער, אַ שמש אין שטיבל...

און דאָ אויף דער עלטער, כ'זע אידעלאַך פאָרן,
דאָס האַרץ זיך פאַרבענקט שטאַרק נאָך ווייץ און נאָך קאָרן.

האָט עפּעס געגעבן אַ צי אויף דער עלטער
פון אָרעמן שטעטל צו לאָנקעס און פעלדער.

צי האָב איך חרטה? חלילה, וואָס רעדט איר?
אַזעלכענע פעלדער, אַ הימל, אַ וועטער!

היינט האָט עס אַ אידל אַ פערד מיט אַ וואָגן!
האָט ווען דאָס אַ שמש געטאָן גאָר פאַרמאָגן

אַזעלכע נחלאות? איך גלויב באמונה,
עס נעמען זיך יאַטן און ס'ווערט אַ קאָמונע...

און נעכטיקער שמש גלייכט אויס זיינע פּלייצעס,
אַ פּאָך מיט'ן בייטש און אַ צי מיט די לייצעס.

וואָס שטיי איך? אַ גוטן, כ'מוז דאָך גלייך פאָרן,
ס'וואַרטן חברים שוין לאַנג אויף די קאָרן;

מאָרגן באַגינען און אַלע מיר גייען
די זאַפטיקע פעלדער מיט קאָרן פאַרזייען...

י. מאַרגאָלין.

נאָכ'ן שניט.      י. קאַטלער.

# טאָג פון גערעטעניש.

(באַשרייבונג).

1

שבת, דעם 12־טן סעפּטעמבער, אינדערפרי. אין דעם נייעם אידישן ישוב איז שטיל. סע רוען מענשן, פערד און מאַשין. הימל איז אָבער כמאַרעדיק און יאָגט אָן ביי די פּאַרפרי אויפגעשטאַנענע איינוואוינער אַ ספק און אומרו: צי וועט אויף להכעיס גאָר היינט ניט רעגענען? פּנימ'ער ווערן אָבער באַלעבט — ס'האָט דער הימל זיינע שווערע וואָלקן פאַרשאַרט, און סע רוקט זיך אַרויס איבער דער גאַנצער סטעפּישער ברייטקייט זונעך־העלקייט, מילדע וואַרימקייט.

— מיר שפּאַנען פערד, פאָרן אויפ'ן יום־טוב. — הערט זיך פון די באַראַקעס און פון די ניט פאַרטיקע הייזער, וואו מע וואוינט שוין.

— איר וועט שוין באַלד אָנקוקן אַ פאָן — איינמאָל אַ פאָן! — באַרימט מען זיך.

באַוויזט זיך אַן ערשטע פור קאָמיוגיסטן פון אַ צווייטן ישוב מיט אַ הילכיקן געלויף.

— שוין, ס'פאָרן שוין אַלע. — גיט מען איבער.

און אַ לאַנגע שורה פורן, מיט פלאַטערנדיקע פאָנען רויטע

פאָרויס, האָבן זיך איבער סטעפּ צעלאָזן צום נייעם ישוב, וואו ס׳דאַרף פאָרקומען די ערשטע פייערונג.

דער וועג האַלט אַכט ווערסט און לויפט דורך גיך און לעבעדיק. פורן יאָגן איבער מיט פריילאַכע הילכיקע געלעכטערס איינע די צווייטע, ס׳קלינגען ברייט און פריי איבער׳ן סטעפּ פרייהייטס־לידער.

קוקן פויערים, פויערטעס און קינדער אויסגעגלאָצט די אויגן. זיי זיינען איבעררעַשט פון די פורן, וואָס טראָגן זיך פאַרביי, וואונדערן זיך:

— אָט אַ יום־טוב, לאָמיר אויך פאָרן!...

2

דער מיטינג אויפ׳ן פרייען פעלד.

אין ישוב, אויף מיט וועג, אַ טויער געשטעלט. פון אויבן אַ לאָזונג „זאָל לעבן דער גערעטעניש־יום־טוב!"

אָנגעהאַנגען: אַ גרויסער קאַוון און אוגערקע, גאַרבן שטרוי, לאָזונגען. און איבער אַלעמען — דער פּאָרטרעט פון חבר לענין.

טראָגן זיך אַהערצו פון אַלע זייטן צענדליקער, הונדערטער פורן מיט פריילאַכע יום־טוב׳דיק־געשטימטע מענשן.

רויטע פאָנען מיט ווייסע אותיות, פון פּשוט׳ן פּאַפּיר געמאַכטע, וואָס מיידלאַך האָבן אויף דעם ביז שפּעט אין דער נאַכט געהאָרעוועט, וואָס שענער מאַכן זיך געפליסט.

איז פעלד ברייט און פריי פון אַלע זייטן. פון פיל ישובים באַוויזן זיך מחנות נייע קאָלאָניסטן: פוסגייער, רייטער און פורן מיט פאָנען פאָרויס.

דער פּאָרזיצער עפנט דעם פייערלאַכן מיטינג. דער גרויסער טויזנט־קעפּיקער עולם שפּאַרט אָן צו דער טריבונע, איז גרייט מיט אויערן און מויל די רעדעס אויסהערן.

אַ באַזונדער שטאַרקן איינדרוק מאַכן די ווערטער פון איינעם אַ נייעם קאָלאָניסט:

— מיר דאַרפן שטאָלצירן מיט דער ראַטנמאַכט. גענוג שאַכער־מאַכער, מעסטן און וועגן, וועגן און מעסטן אַ גאַנצן טאָג. אַהער, צו געזונטער ערד־פּראַצע און צום זיסן ברויט פון דעם.

דער עולם איז פול מיט פרייד: דאָס ערשטע מאָל אין לעבן... אַזאַ יום־טוב... אַזאַ יום־טוב!

ראַכמיעל פיש.

# קאָלאָניסטן־הימן.

(הימן).

פון שרעק און ד ל ו ת,
פון טויטן־קלאָגן,
האָט אונז אַ שטורעם
אַרויסגעטראָגן.

אָ, לאַנד פון אַרבעט!
דורך מי און שטורעם
פאַר פעלקער בויסטו
אַ פרייהייט־טורעם.

פון ענגן שטעטל
צו ברייטע סטעפּן—
פון ערד און הימל
ניי בלוט צו שעפּן.

ווי פרישע זאָמען
אין פולע זאַנגען,
אין אונז די יוגנט
איז אויפגעגאַנגען.

פון באָדן אונטן,
פון שטראַלן אויבן,
איז אונז געקומען
אַ נייער גלויבן.

אויף שטאַל און שייער,
אויף שטוב און קאַמער,
גייט אויף דער שטערן
פון סערפּ און האַמער.

אָ, לאַנד פון אַרבעט!
דורך מי און שטורעם
פאַר פעלקער בויסטו
אַ פרייהייט־טורעם.

מנחם באָריישאָ.

## דאָס קאָלאָניסטן־ליד.

(פאָלקסטימלאַך ליד).

מאַמע־ערד, מיר זינגען לידער,
אונזער הילף ביסטו אַליין;
נעמט צונויף די גאַרבן, ברידער,
ביז די זון וועט אונטערגיין.

זאָל די זון אונז בריען, בראָטן,
זי האָט אונז געשיינט צום גליק;
זעט, דאָס ברויט איז אונז געראָטן.
ברידער, קיינמאָל נישט צוריק!

לאָזן אונזערע קינדער וויסן
פון אַ לעבן אויף דער וועלט,
אַז דאָס ברויט און יעדער ביסן
איז פון אונזער אייגן פעלד.

מ. וואַרשאַווסקי.

## פאָלקסטימלאַך ליד.

אַ פ אָ ל ק ס ט י מ ל אַ ד ליד איז אַ ליד, וואָס איז אָנגעשריבן אין אַ ט אָ ן פ ו ן אַ פ אָ ל ק ס - ל י ד. מ׳ווייס, ווער דער שרייבער פון אַזאַ ליד איז, אָבער סיי די טעמע און סיי דער א ו פ ן פון באַהאַנדלען די טעמע זיינען לייכטע, צוגענגלאַכע צום ברייטן ע ו ל ם.

פונקט ווי עס קאָנען זיין פאָלקסטימלאַכע לידער, אַזוי קאָנען אויך זיין פאָלקסטימלאַכע מ ע ש ו ת, געשיכטעס און דערציילונגען, אויב דער שרייבער באַהאַנדלט אין זיי אַ פאָלקס־מאָטיוו, און שרייבט זיי אין׳ם טאָן פון אַ פאָלקס־שאַפונג.

# א בריף אין שטעטל.

און זון ווען געוואָרן איז קילער און קילער,
פון ים האָט געבלאָזן אַ ווינטל אַ שטילער,

אַ הוילע, אָן זאַנגען, איז פעלד שוין געשטאַנען,
נאָר עפּעס פאַרבליבן איז נאָך אויף באַשטאַנען,—

האָט משה'קע דערמאָנט זיך אָן היים אָן דער אַלטער,
גענומען פּאַפּיר און אַ פּען און אַ האַלטער,
צו זיינע חברים אַ בריוול געשריבן:

— אַ זומער געאַרבעט, אַ זומער אַ לאַנגן,
מיט ליבע באַשירעמט אויף פעלד יעדעס זאַנגל.

ס'האָט האַרץ זיך געשראָקן—עס גייט ניט קיין רעגן,
און ווערט דאַן פאַרפאַלן דאָס לעצטע פאַרמעגן.

ס'האָט האַרץ זיך געטרייסלט: און בלייבט מען אין מיטן,
דעם לעצטן פונק האָפענונג די ערד וועט באַשיטן.

נאָר אַלץ איז געגאַנגען — מע דאַרף גאָר ניט בעסער:
ס'איז קאָרן געוואַקסן אַלץ גרעסער און גרעסער;

פון קערנער פון שווערע האָט ווייץ זיך געבויגן,
פון שמחה האָבן שטענדיק געפינקלט די אויגן.

איצט שטייען שוין שפּייכלערס מיט תבואה געלאָדן,
און אַלע מיר פילן — מיר האָבן אַ באָדן...

ניט לאַנג נאָך געאַרבעט, איין זומער אַריבער,
און דאָך איז די ערד אונז אַלץ ליבער און ליבער...

און טראַכט מען פון צוקונפט — איז חברה גאַנץ זיכער.
חברים, מע בעט — קומט צופאָרן וואָס גיכער!

י. מאַרגאָלין.

# געזעלשאַפטלאַכע פראַגן.

## 1. ניקאָלאַיס 1 גזרות.

1. וואָס איז קאַנטאָניסטן?

2. וואָס איז געווען דער ציל פון דער רוסישער רעגירונג אין אָפּגעבן קליינע אידישע קינדער אין סאָלדאַטן?

3. פאַרוואָס האָט זיך דער רעגירונג זייער וויייניק איינגעגעבן צו דערגרייכן איר ציל?

4. וואָס איז געווען דער ציל פון דער רעגירונג אין פאָדערן פון די אידן, זיי זאָלן זיך קליידן דייטש?

5. ווי האָט זיך דאָס איר איינגעגעבן? פאַרוואָס?

6. וואָס איז געווען דער ציל פון דער רעגירונג אין באַזעצן אידן ביי ערד?

7. ווי האָבן זיך איינגעגעבן די אידישע קאָלאָניעס?

## 2. חדר און השכלה.

1. וואָס איז געווען די סיסטעם פוז בילדונג ביי אידן אין דעם פאָריקן יאָרהונדערט?

2. וואָס איז געווען דער כאַראַקטער פון לערנען אינ'ם חדר?

3. וואָס איז געווען דער כאַראַקטער פונ'ם לערנען אין דער ישיבה?

4. ווי האָט געלעבט דער ישיבה־בחור?

5. וואָס מיינט „השכלה"? וואָס זיינען געווען די אידייען און די אידעאַלן פון דער השכלה?

6. צו וואָס האָט געפירט די השכלה?

7. אויף וואָסער שפּראַך האָבן הויפּטזאַכלאַך געשריבן די אידישע שרייבער אין דער השכלה־עפּאָכע?

8. וואָס איז געווען די באַציאונג פון די משכּילים צו אידיש?

9. פאַרוואָס האָבן די בעסערע אידישע שרייבער אָנגעהויבן שרייבן אין אידיש?

## 3. רעליגיע.

1. וואָס זיינען די הויפּט־רעליגיעס, וואָס איר ווייסט?

2. וואָס מיינט מאָנאָטעאיזם? פּאָליטעאיזם? פעטישיזם?

3. פון וואַנען נעמט זיך דאָס גלויבן אין גייסטער?

4. ווי אַזוי האָט זיך דאָס גלויבן אין גייסטער אַנטוויקלט ביז צו אַ רעליגיע?

5. וואָס איז גלויבן און וואָס אָבערגלויבן?

6. אויף וויפיל איז דער איצטיקער גלויבן פון די אידן און קריסטן אָבערגלויבן?

7. וואָס מיינט קולט? ווי אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט דער קולט?

8. איז רעליגיע אַלעמאָל פאַרבונדן מיט מאָראַל?

9. וועלכע קלאַסן אין דער געזעלשאַפט זיינען מער פאַרינטערעסירט אין אויפהאַלטן רעליגיע?

10. ווי אַזוי האָבן די הערשנדיקע קלאַסן אויסגענוצט רעליגיע פאַר זייערע צוועקן?

11. פאַרוואָס זיינען די באַוואוסטזיניקע אידישע אַרבעטער געגן רעליגיע?

## 4. איד און קריסט. — פּאָגראָמען.

1. וואָס זיינען געווייינטלאַך געווען די באַציאונגען צווישן אידן און קריסטן אין רוסלאַנד?

2. לויט די דערציילונגען „מענשן און געטער" און „פאַרשפּעטיקט" — מאַכט אַן אויספיר וועגן אָט די באַציאונגען.

3. וואָס האָט אַנטוויקלט צווישן זיי שלעכטע געפילן: אומצוטרוי, חשד און אַפילו שנאה?

4. וואָס איז עלילת־דם? ווי אַזוי האָט זיך אָט דער אַבסורדישער בלבול אויף אידן אַנטוויקלט?

5. וואָס זיינען די אורזאַכן פון די פּאָגראָמען?

6. וואָס איז געווען די באַציאונג פון דער צאַרישער רעגירונג צו די פּאָגראָמען אין 1881?

7. וואָס איז געווען די באַציאונג פון דער צאַרישער רעגירונג צו די פּאָגראָמען אין 1902 — 1907?

8. ווי האָבן זיך די אידן אָפּגערופן אויף די פּאָגראָמען אין די 80־ער יאָרן?

9. ווי האָבן זיך די אידן אָפּגערופן אויף די פּאָגראָמען אין דעם ערשטן צענדליק פון 19־טן יאָרהונדערט?

10. אין וואָס איז באַשטאַנען די פּאָזיטיווע זייט פון זעלבסטשוץ?

11. וואָס איז געווען די ווירקונג פון די פּאָגראָמען אויף דעם עקאָנאָמישן צושטאַנד פון די אידישע מאַסן?

12. וואָס איז געווען די ווירקונג פון די פּאָגראָמען אויף דעם גייסטיקן צושטאַנד פון די אידן?

## 5. נאַציאָנאַלע באַוועגונג ביי אידן.

1. וואָס זיינען די אורזאַכן פונ׳ם ערוואַכן פון נאַציאָנאַלן געפיל ביי אידן?

2. וואָס זיינען געווען די צילן פון די חובבי־ציון?

3. וואָס זיינען געווען די צילן פון דעם עם־עולם?

4. וואָס זיינען געווען די צילן פון דעם פּאָליטישן ציאָניזם?

5. וואָס איז דער אונטערשיד צווישן ציאָ־ניזם און טעריטאָריאַליזם?

6. וואָס איז העברייאיזם? ווער זיינען זיינע אָנהענגער? וואָס איז מערסטנס געווען די באַ־ציאונג פון אידישע אַרבעטער צו אים? פאַר־וואָס?

7. וואָס איז שאָוויניזם? וואָס דאַרף זיין די באַציאונג פון אידישע אַרבעטער צו אים? פאַרוואָס?

8. וואָס איז אַסימילאַציע? וועלכע אידישע קרייזן זיינען מער נוטה צו אַסימילאַציע? וואָס דאַרף זיין די באַציאונג פון אידישע אַר־בעטער צו אַסימילאַציע? פאַרוואָס?

## 6. געזעלשאַפטלאַכע גרופּן.

1. מאַכן אַלע מענשן אין געזעלשאַפט אַ לעבן אויף דעם זעלבן שטייגער?

2. וועלכע הויפּט־באַשעפטיקונגען פון מענשן ווייסטו?

3. ווייז אָן די פאַרשיידענע פּראָדוצירנ־דיקע באַשעפטיקונגען.

4. ווייז אָן די פאַרשיידענע פאָרמען פון פאַרמיטלונג און פון לופט־פּרנסות.

5. ווייז אָן פאַרשיידענע באַשעפטיקונגען פון דעם גרופּע קאַפּיטאַליסטן?

6. רוף אָן די פאַרשידענע ליבעראַלע פּראָפעסיעס, (דאָקטער, לערער, און ד. ג.).

7. וועלכע באַשעפטיקונגען פון פּערזענ־לאַכער באַדינונג ווייסטו?

8. אויב אַ געזעלשאַפטלאַכע גרופּע, וואָס מאַכט אַ לעבן אויף אַ באַשטימטן אופן, הייסט אַ געזעלשאַפטלאַכער קלאַס, ווייז אָן, וועלכע קלאַסן זיינען פאַראַן אין דער איצ־טיקער געזעלשאַפט.

9. ווייז אָן, וועלכע געזעלשאַפטלאַכע גרופּעס ווערן עקספּלואַטירט?

10. ווייז אָן, וועלכע געזעלשאַפטלאַכע גרופּעס לעבן פון עקספּלואַטאַציע?

## 7. געזעלשאַפטלאַכע קלאַסן ביי אידן.

1. וואָס פאַר אַ קלאַסן זיינען געווען ביי אידן אין רוסלאַנד אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט?

2. וואָס איז אין דער צייט געווען די באַ־ציאונג פון די אידן צו אַרבעט?

3. ווען איז ביי אידן אַנטשטאַנען אַן אַר־בעטער קלאַס? אַ דאַנק וואָס?

4. וואָס איז דער אונטערשיד צווישן אַ פּועל און אַן אַרבעטער?

5. וואָס איז געווען די לאַגע פון די אידישע אַרבעטער און רוסלאַנד אין סוף פונ׳ם 19־טן יאָרהונדערט?

## 8. אַרבעטער־פּאַרטייען ביי אידן.

1. וואָס זיינען געווען די ערשטע פאַרזוכן פון די אידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד צו פאַרבעסערן זייער לאַגע?

2. ווען און ווי אַזוי האָט זיך געגריינדעט דער „בונד"?

3. וואָס איז געווען די פּאָליטישע פּראָגראַם פונ׳ם „בונד"?

4. וואָס זיינען געווען די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פאָדערונגען פונ׳ם „בונד"?

5. וואָס איז געווען די נאַציאָנאַלע פּראָג־ראַם פונ׳ם „בונד"? ווי אַזוי האָבן זיך אַנטוויקלט די אַנשויאונגען פונ׳ם בונד אויף דער נאַציאָ־נאַלער פראַגע?

6. ווי אַזוי האָט זיך געגרינדעט די פּאַרטיי „ס. ס."?

7. ווי האָט די דאָזיקע פּאַרטיי באַגרינדעט די עקאָנאָמישע אורזאַכן פון דער אידישער עמיגראַציע?

8. וואָס איז געווען די פּאָליטישע און די סאָציאַליסטישע פּראָגראַם פון די „ס. ס."?

9. וואָס איז געווען די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון די „ס. ס."?

10. ווי אַזוי האָט זיך געגרינדעט די סיי־מיסטישע פּאַרטיי?

11. ווי אַזוי האָט זיך געגרינדעט די פּאַרטיי „פּועלי־ציון"?

12. וואָס איז געווען דער אונטערשיד צווישן אָט די דריי נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען?

13. וועלכע פּאָליטישע פּאַרטייען זיינען געווען ביי די אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע?

14. וועלכע פּאַרטייען זיינען איצטער פאַראַן ביי די אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע?

## 9. עמיגראַציע.

1. וואָס זיינען געווען די אורזאַכן פון דער אידישער עמיגראַציע פון רוסלאַנד אין די צאַרישע צייטן?

2. וואָס זיינען די אורזאַכן פון דער אידי־שער עמיגראַציע פון פאַרשיידענע אייראָפּיי־אישע לענדער היינט צו טאָג?

3. אין וואָס באַשטייען די שוועריקייטן פון עמיגראַציע?

4. וואָס פאַר שוועריקייטן האָבן די עמיג־ראַנטן ביים אַריינקומען אין אַמעריקע?

5. אין וואָס באַשטייט דאָס געזעץ פון די קוואָטאַס?

6. איז דאָס געזעץ, וואָס באַגרעניצט די עמיגראַציע קיין אַמעריקע, אַ גערעכטס?

7. זיינען די אַרבעטער אין לאַנד פאַראינ־טערעסירט אין פרייער אימיגראַציע צי אין באַשרענקטער?

8. וואָס איז די באַציאונג פון די קאַפּיטאַ־ליסטן צו אימיגראַציע?

9. וועלכע געזעלשאַפט צו העלפן אידישע אימיגראַנטן ווייסטו?

## 10. רעגירונג.

1. וואָס זיינען די אויפגאַבן פון אַ רעגירונג?

2. וואָס זיינען די אויפגאַבן פון דער פעדע־ראַלער רעגירונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן?

3. פון וועלכע אָפּטיילונגען באַשטייט די רעגירונג?

4. וואָס איז די אויפגאַבע פון דעם גע־זעצגעבערישן טייל און פון וועמען באַשטייט ער?

5. ווער פירט דורך די געזעצן אין לאַנד?

6. וואָס זיינען די אויפגאַבן פון די געריכטן אין לאַנד?

7. וועלכע פאָרם פום רעגירונג איז פאַראַן: אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד, אי־טאַליען, שווייץ?

8. וואָס פאַר אַ ראָלע שפּילט אין די פאַרייניקטע שטאַטן דאָס העכסטע געריכט?

9. וואָס פאַר אַ פאָרם פון רעגירונג איז פאַראַן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד?

8. וועלכע געזעלשאַפטלאַכע קלאַסן פאַרטרעט די רעגירונג פון אַ לאַנד?

11. וועלכע קלאַסן פאַרטרעט די ראַטן־רעגירונג?

## 11. אַ יוניאָן.

1. געהערט דיין פאָטער צו אַ יוניאָן?

2. אויב יאָ, צו וועלכער?

3. צוליב וואָס באַלאַנגט דיין פאָטער צו דער יוניאָן?

4. ווי אַזוי קאָן אַ יוניאָן העלפן די אַר־בעטער?

5. וואָס פאַר אַ מיטלען נעמט אָן די יוניאָן אין קאַמף מיט די באַלעבאַטים?

6. וועלכע פאָדערונגען שטעלט די יוניאָן געוויינטלאַך צו די באַלעבאַטים?

7. פאַרוואָס גיבן די באַלעבאַטים אָפּט נאָך אַ סטרייק?

8. פאַרוואָס איז סקעבן אַזאַ מיאוס'ע זאַך?

9. וועלכע יוניאָנס ווייסטו?

10. ווי איז אַ יוניאָן אָרגאַניזירט?

11. וואָס מיינט אַן אינדוסטריעלע און וואָס אַ פאַך־יוניאָן?

## 12. פּאָליטישע פּאַרטייען.

1. געהערט דיין פאָטער אָדער מוטער צו אַ פּאָליטישער פּאַרטיי?

2. צוליב וואָס?

3. פון וועלכע פּאָליטישע פּאַרטייען אין לאַנד האָסטו געהערט?

4. וואָס זיינען די אויפגאַבן פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי?

5. פאַרוואָס זיינען פאַראַנען מערערע פּאָליטישע פּאַרטייען אין אַ לאַנד?

6. וועמען פאַרטרעט די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי? — די דעמאָקראַטישע?

7. וועמען פאַרטרעט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי?—די סאָציאַליסטישע?

8. וואָס פאַר אַ מיטלען נעמען אָן די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען צו דערגרייכן זייערע צילן?

9. וואָס פאַראַ מיטלען נעמט אָן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי?

10. וואָס פאַר אַ מיטלען נעמט אָן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי?

11. געפין אויס די פּלאַטפאָרם פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען און זע, פאַר וואָס זיי שטייען.

12. געפין אויס די פּראָגראַם פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

13. געפין אויס די פּראָגראַם פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

14. וואָס איז דער 2־טער אינטערנאַציאָנאַל?

15. וואָס איז דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל?

## 13. קאָאָפּעראַציע.

1. וואָס מיינט קאָאָפּערירן?

2. צוליב וואָס פאַרייניקן זיך מענשן אין קאָאָפּעראַציעס?

3. ווי אַזוי העלפט אַרויס קאָאָפּעראַציע אין דער אַרבעט?

4. וואָס איז אַ פּראָדוצירנדע קאָאָפּעראַציע? — גיב ביישפּילן.

5. וואָס איז אַ געברויך־קאָאָפּעראַציע? — ברענג ביישפּילן.

6. וואָס איז אַ וואוין־קאָאָפּעראַציע? — ברענג ביישפּילן.

7. וואָס איז אַ ברידערלאַכער אָרדן? ברענג ביישפּילן. ווייז אָן אויף זייער טעטיקייט.

8. ווייז אָן אויף קאָאָפּעראַציע אין קלוב, אין קלאַס, אין שול.

9. וואָלט מען געקאָנט אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב אויסנוצן די אידייע פון קאָאָפּעראַציע אין שול?

## 14. די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג.

1. ווייז אָן וועלכע שלעכטע זייטן פון לעבן באַמערקסטו אין דער איצטיקער געזעלשאַפט.

2. וואָס מיינט עקספּלואַטאַציע? וועלכע קלאַסן ווערן עקספּלואַטירט?

3. פון וואַנען נעמט זיך : רייכקייט און אַ לוקסוס־לעבן פון איינע און אָרימקייט און נויט פון אַנדערע?

4. איז טאַקע ניט גענוג אין דער געזעלשאַפט פּראָדוקטן פאַר אַלעמען?

5. פאַרוואָס גיבן אַ טייל מענשן זייערע קינדער אַ בילדונג ביז די העכסטע שטופן, און ביי אַנדערע בלייבן די קינדער בלויז מיט זייער עלעמענטאַרער בילדונג?

6. פון וואַנען נעמט זיך אַרבעטלאָזיקייט?

7. איז דער אַרבעטער פאַרזיכערט מיט אַרבעט? איז ער פאַרזיכערט אויף דער עלטער?

8. פאַרוואָס איז אין אייניקע טיילן פון שטאָט ריינער, און אין אַנדערע שמוציקער?

9. ווי ווירקט דאָס איינפירן פון נייע בעסערע מאַשינעס אויף דעם פאַרדינסט פון דעם אַרבעטער? — אויף דער אינטערעסאַנטקייט פון דער אַרבעט? — אויף דער צאָל אַרבעטער, וואָס האָבן אַרבעט?

10. דאַרפן אַרבעטער זיין געגן איינפירן בעסערע מאַשינעס?

## 15. סאָציאַליזם.

1. ווערט וואָס אַמאָל מער גרעסערע פאַבריקן מיט אַ גרעסערער צאָל אַרבעטער, צי פאַרקערט?

2. וואָס פאַר אַ קאַמף פירן די אַרבעטער מיט זייערע באַלעבאַטים?

3. וואָס מיינט קלאַסן־קאַמף? וועלכע פאָרמען פון קלאַסן־קאַמף זיינען פאַראַן?

4. ווי קאָן מען פאַרריכטן די אַלע שלעכטע זייטן פון דער איצטיקער אָרדענונג?

5. וואָס איז סאָציאַליזם? — אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג?

6. ווי האָבן זיך אַמאָל מענשן פאָרגעשטעלט — קאָן מען איינפירן אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג?

7. ווי שטעלן זיך איצט מענשן פאָר – וועט איינגעפירט ווערן די סאָציאַליסטישע אָרדענונג?

8. וואָס פאַר אַ ראָליע האָט מאַרקס געשפּילט אין אָנווייזן, ווי אַזוי איינצופירן סאָציאַליזם?

9. ווי שטעלסטו זיך פאָר די סאָציאַליסטישע אָרדענונג?

## 16. רעוואָלוציע.

1. וואָס האָט אַרויסגערופן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד אין סוף פון פאָריקן יאָרהונדערט?

2. וועלכע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען זיינען דעמאָלט געווען אין רוסלאַנד?

3. וואָס פאַר מיטלען פון קאַמף האָבן דעמאָלט אָנגעווענדט די רעוואָלוציאָנערן?

4. וואָס פאַר פאָרמען פון פאַרפאָלגונגען האָט אָנגעווענדט די רעגירונג.

5. וואָס האָט אַרויסגערופן די רעוואָלוציע פון 1905?

6. וואָס פאַר מיטלען האָט אָנגענומען די רעגירונג צו באַקעמפן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג?

## 17. די וועלט־מלחמה.

1. וואָס האָט אַרויסגערופן די וועלט־מלחמה?

2. וואָס פאַר אַן אויסרייד איז געגעבן געוואָרן פאַר׳ן אָנהייבן די מלחמה?

3. צוליב וואָס איז אַמעריקע אַריין אין דער מלחמה?

4. איז טאַקע דער ציל געווען „צו מאַכן די וועלט זיכער פאַר דעמאָקראַטיע"?

5. ווי שטעלסטו זיך פאָר די לאַגע פון דעם סאָלדאַט אין דער קאַזאַרמע? אין די טראַנשייען? אויפ׳ן שלאַכט־פעלד?

6. וואָס האָט געבראַכט צום סוף פון דער מלחמה אין רוסלאַנד?

7. וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו דער וועלט־מלחמה?

8. זיינען מלחמות אומבאַדינגט נייטיק צו לייזן סכסוכים צווישן פאָלק און פאָלק?

9. ווי איז מעגלאַך אויסצומיידן מלחמות?

## 18. די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע.

1. וואָס האָט געפירט צו דער רעוואָלוציע פון 1917 אין רוסלאַנד?

2. ווער האָט אָנגעהויבן די רעוואָלוציע און וואָס זיינען געווען אירע צילן?

3. וועלכע הויפּט־פּאַרטייען זיינען דעמאָלט געווען אין רוסלאַנד.

4. פאַרוואָס האָבן די באָלשעוויקעס באַקומען אַלץ מער אָנהענגערשאַפט צווישן די מאַסן?

5. וואָס זיינען געווען די הויפּט־לאָזונגען פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע?

6. ווי איז פאַרגעקומען די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש?

7. ווער זיינען געווען די הויפּט־פּערזאָנען ביי דער איבערקערעניש?

8. וואָס האָט געפירט צום פאַרשאַרפטן בירגער־קריג?

9. פאַרוואָס זיינען די באָלשעוויקעס אַרויס די זיגער אינ׳ם בירגער קריג?

10. וואָס איז געווען דער מיליטערישער קאָמוניזם?

11. וואָס איז דער נעפּ?

12. וואָס פאַר אַ ראָלע שפּילן די אַרבעטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין דער פאַרוואַלטונג פון דער אינדוסטריע?

13. ווי האָט די סאָוועטן־רעגירונג געלייזט די נאַציאָנאַלע פראַגע?

## 19. די אידישע קאָלאָניזאַציע.

1. וואָס איז געווען די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידן אין רוסלאַנד פאַר דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע?

2. ווי האָט געווירקט די דאָזיקע רעוואָלוציע אויף די פאַרשידענע פּרנסות פון די אידן?

3. וואָס האָט אונטערגעזאָגט די שטעטלשע אידן אין ראַטנלאַנד זיי זאָלן זיך נעמען פאַר ערד־אַרבעט?

4. אין וואָס באַשטייט די ערד־איינאָרדענונג פון די אידן אין ראַטן־פאַרבאַנד?

5. אין וועלכע געגנטן האָט מען דאָרט אָנגעהויבן צו קאָלאָניזירן די אידן?

6. וועלכע געזעלשאַפטן האָבן אַרויסגעהאָלפן אין דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ראַטן־פאַרבאַנד? – ווי אַזוי?

7. וואָס איז דערגרייכט געוואָרן דורך אָט דער קאָלאָניזאַציע ביז איצט?

8. וואָס איז ביראָבידזשאַן? וואו געפינט עס זיך?

# ליטעראַרישע אויפגאַבן.

1. וואָס זיינען געווען די באַציאונגען פון דער רעגירונג פון ניקאָלאַי 1 צו די אידן (לויט די זאַכן: „די כאַפּערס“, „אין יענע צייטן“, „די גורה אויף קליידער“ און „אידישע קאָלאָניעס“)?
2. די איבערלעבונגען פון אַ קאַנטאָניסט.
3. די פריידן און ליידן פון אַ קינד אין דעם אַלטן חדר.
4. גיט די כאַראַקטעריסטיק פון בערל דעם מלמד (אין „יאָסעלע“).
5. דאָס לעבן פון אַ ישיבה-בחור (לויט „דער גמרא-ניגון“ און „דער מתמיד“).
6. וואָס זיינען געווען די פּאָזיטיווע זייטן פון דער השכלה (לויט „דעם משכיל'ס צוואה“).
7. די באַציאונגען צווישן אידן און קריסטן (לויט „מענשן און געטער“, „פּאַרשפּעטיקט“ און „אַ פסח אין דאָרף“).
8. די אורזאַכע פון די פּאָגראָמען (לויט „אַ פסח אין דאָרף“, „דער ווינט“, „טביה“).
9. זעלבסטשוץ.
10. די נאַציאָנאַלע באַוועגונג ביי אידן (לויט „מיר פאָרן אין אַמעריקע מיט'ן עם-עולם“, „דאָס לעצטע וואָרט“, „דאָס ערגסטע פון דער תּוכחה“, „די גרינדונג פון די ס. ס.“ און „די גרינדונג פון די פּועלי-ציון“).
11. לויט „דאָס לעצטע וואָרט“, „דאָס ערגסטע פון דער תּוכחה“, „טרייסט“ און „עס וועט קומען אַ צייט“ — גיט אַ גענויע דער-קלערונג, וואָס איז „נביאות“.
12. גיט די אורזאַכן פון עמיגראַציע.
13. די איבערלעבונגען פון אַן עמיגראַנט אויפ'ן וועג.
14. די לאַגע פון אַ „גרינעם“ אין אַמעריקע.
15. די גרעסטע שטאָט אויף דער וועלט.
16. דאָס „גאָלדענע“ לאַנד.
17. די אידישע פּיאָנערן אין די דרום-שטאַטן (לויט „קענטאָקי“).
18. כאָטשוון פאַר פרייער און פאַר באַ-גרעניצטער אימיגראַציע.
19. אַ בילד פון „האַריאָפּ“ אין אַמעריקע.
20. וויז אָן אויף הומאָר ביי שלום-עליכמ'ען; וואָס פאַר אַ סאָרט הומאָר איז עס?
21. וואָס איז פאַראַן אַלגעמיינס אין „לינטשעריי“ און „סאַקאָ און וואַנזעטיס טויט“.
22. גיט די כאַראַקטעריסטיק פון דעבסן.
23. וואָס אַ יוניאָן קאָן אויפטאָן פאַר די אַרבעטער.
24. די לאַגע פון דעם אַרבעטער מיט פופציק יאָר צוריק און היינט.
25. אַרבעטלאָזיקייט און אירע אורזאַכן.
26. דער אַלגעמיינער געדאַנק פון „ביים פּאַקיר“, „משיח'ס-צייטן“ און „פּייערלאַך“.
27. וועלכע מאָמענטן פון „ביי דער בע-קעריי“ האָט אויף דיר געמאַכט אַ שטאַרקערן איינדרוק? מיט וואָס?
28. די אַרבעטער-באַוועגונג אין שטעטל (לויט לעוו און וויסנבערג).
29. גיט די כאַראַקטעריסטיק פון „יאַנקל דעם סטאָלער“ (אין „אַ שטעטל“).
30. „באַנטשע שוויג“ און דער אַרבעטער-קלאַס.
31. דאָס אַלגעמיינע און דאָס פאַרשידענע פון די פאַרשידענע אידישע אַרבעטער-פּאַר-טייען אין רוסלאַנד אַמאָל און דאָ איצט.
32. דאָס לעבן פון אַ רעוואָלוציאָנער אויף דער פריי.
33. דאָס לעבן פון אַ רעוואָלוציאָנער אין טורמע אָדער אין סיביר.
34. דער סאָלדאַט אין קעמפּ.
35. דער סאָלדאַט אויפ'ן שלאַכט-פעלד.
36. אורזאַכן און פאָלגן פון דער וועלט-מלחמה.
37. קאָן מען אָפּשאַפן מלחמות?
38. איז די וועלט איצט „זיכער פאַר דע-מאָקראַטיע“?
39. די גרונד-אידייען פון דער באָלשע-וויסטישער איבערקערעניש.
40. די אורזאַכן און פאָלגן פון דעם בירגער-קריג אין סאָוועטן-פאַרבאַנד.
41. די נייע אידישע קאָלאָניזאַציע אין סאָוועטן-פאַרבאַנד.
42. באַציאונג פון די אידן צו קאָלאָניזאַציע אַמאָל (אין ניקאָלאַי 1 צייטן) און היינט.

# ווערטערביכל

## פון שווערע ווערטער, וואָס גייען אַריין אין דעם בוך.

### א

**אַדוני־מלך** (אַדוני־מעלעך) — קעניגלאַכע מאַיעסטעט!

**אָדע** — לויב־ליד.

**אָווערטיים** — צייט איבער דער איינגעשטעלטער.

**אויטאָנאָמיע** — זעלבסטפאַרוואַלטונג.

**אויסגעדייוועוט** — אויסגעמאַגערט.

**אויספּירקאָם** — אויספּיר־קאַמיטעט.

**אויסצוואָגן** — אויסוואַשן.

**אויעזד** — דיסטריקט, קאַונטי.

**אויפפראַלן** — אויפעפענען ברייט.

**אויקינום** — אָקעאַן.

**אוראַדניק** — פּאָליציימאַן פון שטעטל.

**אַחדות** (אַכדעס) — איינִיקייט; דער נאָמען פון די ערשטע אידישע אַרבעטער־גרופּעס.

**אידעאָלאָגיע** — געדאַנקען־גאַנג, אָנשויאונג, געזעלשאַפטלאַכע וועלט־אָנשויאונג.

**איכה** (עיכאַ) — אַ קלאָג־ליד, טרויעריק.

**אימגעגנטייל** — פאַרקערט.

**אימה** (עימע) — שרעק.

**אינגעווייד** — געדערים.

**אינספעקטאָר** — אויפפאַסער.

**אינצידענט** — פאַל, צופאַל.

**אין קול ואין עונה** (עין קאָל וועעין אוינע) — שאַ, שטיל.

**איספּראַווניק** — העכסטער פּאָליציי־באַאַמטער פון אַן אויעזד.

**איראָניע** — ביטערער שמייכל.

**אַכזריות** (אַכזאַריעס) — האַרטהערציקייט, גרויזאַמקייט.

**אָליגאַרכיע** — רעגירונג אָדער הערשאַפט פון אַ קליינער גרופּע.

**אַלעגאָריע** — אַ משל, אַ פאַרשטעלטע זאַך; אַ זאַך מיט אַ מייז, אַנדערש ווי דאָס, וואָס ווערט קלאָר אַרויסגעזאָגט.

**אָלקער** — קאַמער.

**אָלרייטניק** — אַרויפגעאַרבעטער, רייכער מאַן.

**אם־ירצה־השם** (אימירצעשעם) — אַז גאָט וועט וועלן.

**אַמפּערן זיך** — שפּאַרן זיך.

**אַנטיסעמיטיזם** — פיינטשאַפט צו אידן.

**אָניצעס** — שמאַטעס.

**„אָנקל סעם“** — סימבאָל פון די פאַראייניקטע שטאַטן: אַ שפּיציק בערדל, ווי ביי „אָנקל סעם“.

**אַנשי** — די לייט; די וואָס שטאַמען פון.

**אַסאָסיאיישאָן** — געזעלשאַפט.

**אָסור** (אָסער) — כ׳שווער.

**אַסיגנאַציעס** פּאַפּיר־געלט.

**אַפּאַטיש** — קאַלטבלוטיק, אַפּגעלאָזן.

**אָפּקאַטשען** — אָפּגיסן.

**אַפּרייטער** — נייער אָדער שטעפּער אויף דער מאַשין.

**אַקציזניק** — פינאַנץ־אינספּעקטאָר.

**ארבע כוסות** (אַרבע קויסעס) — פיר גלעזלאַך וויין, וואָס מ׳טרינקט פּסח צום סדר.

**אָרון־קודש** (אָרן קוידעש) — דער אַלמער פאַר די ספר־תורות.

**אַרכיפּעלאַג** — אינזל־גרופּע; ים מיט אַ רייע אינזלען.

### ב

**באָי** — בחור, אינגל.

**באַלעמוטשען** — ליידיק אומגיין.

**באמונה** (בעעמונע) — אויף זיכער.

**באַנדורע** — באַס.

**באַנדיט** — רויבער, גזלן.

**באַסורמאַן** — טערק, אומגלויביקער.

**באַצירק** — געגנט, דיסטריקט.

**באַקאַליי** — „גראָסערי“.

**באַראַק** — קאַזאַרמע, ביידל.

**באַשווענצן** — באַשפּריצן, הייליקן.

**באַשיינפּערלאַך** — קלאָר, דייטלאַך.

**באַשירמען** — באַשיצן.

**בודקע** — ביידל.

**בוכטע** — ים־אויסגוס.

**בורא־עולם** (בוירע־אוילאָם) — דער באַשעפער, גאָט.

**בורגמייסטער** — שטאָט־עלטסטער; מעיאָר.

**בחצי־חינם** (בעכאַצי־כינאָם) — האַלב אומזיסט.

**בחרם** (בעכעירעם) — שטרענג; אומזיסט.

**ביטחון** (ביטאָכן) — גלויבן.

**בית־דין־של־מעלה** (בעסדן שעל מאַילע) — דאָס אויבערשטע געריכט.

**בלאַט שלאָגן** — געהיים אָפּמאַכן.

**בלאָף** — ליגן.

**בלק** (באָלאָק) לערנען — אָפּטאָן איינעם.

**במזומנים** — אין באַר געלט.

**בנעימות׳דיק** (בינימעסדיק) — פּאַמעלאַך, לאַנגזאַם, שטיל.

**בעלאָרוסיע** — ווייסרוסלאַנד.

**בעל־מנגן** (באַלמענאַגן) — זינגער.

**בעלמע** — מיט אַ הייטל פאַרצויגן.

**בעל־פועל** (באַל־פּויעל) — אויפטועער.

**בעל־רחמים** (באַל־ראַכמים) — באַרמהערציקער, וואָס האָט רחמנות.

בעסטיע — ווילדע חיה.
בעת-מעשה — דערביי.
בקיצור (בעקיצער) — קורץ.
בראונינג — רעוואלווער.
בראנעוויק — געפאנצערטער אויטאמא־ביל.
ברויזן — שטורמען.
ברוכים-הבאים (האבאאים) — געבענשט די אנקומענדיקע, ווילקאמען!
בחיפזון (בעכיפאזן) — איילנדיק.
בריאה (בריע) — באשעפעניש.
בריגקאמאנדיר — געהילף־קאמאנדיר.
בריטאן — קרעפטיקער מאן.
ברייען — קאכן, אלקאהאליש מאכן.
בר-מינן (בארמינע) — טויטער קערפער.
ברעזענט — שטאף, וואס לאזט ניט דורך קיין וואסער.
בר-שכל (באר־סעיכל) — א קלוגער מענש.
בשורה (בסורע) — נייעס, אנזאג, פריי־לאכער אנזאג.
בשתיקה (בשטיקע) — שטילערהייט, גע־היים.

## ג

גאזע — קעראסין.
גאראדאוואי — שטאטישער פאליציימאן.
גארדעראב — קליידער.
גבאי (גאבע) — פרעזידענט פון א שול.
גבורה (גוואורע) — העלדישקייט.
גדול (גאדל) — גרויס.
גדול-בישראל (גאדל־בעאיסראעל) — א גרויסער מענש ביי אידן.
גדלות (גאדלעס) — שטאלץ.
גואל-דם (גויעל־דאם) — נאענטער, קרוב.
גובערנסקער — וואס האט א שייכות צו דער גובערניע.
גוד איוונינג! — גוטן אוונט!
גוד-באי! — א גוטן! זייט געזונט!
גווארדיאנסקע — ריזיקע, זייער גרויסע.
גוזר (גויזער) זיין — באפעלן.
גולקע — בייל, אנוואוקס.
גזר (גזאר) — אומגליק.
גיליאטינע — מאשין אויף צו קעפן מענשן.
גינענדיק — פרי.
גלגולים — געענדערטע צושטאנדן.
גמילת-חסד (גמילאס־כעסעד) — א הלוואה אן פראצענט.
גסיסה — דאס אויסגיין; די לעצטע מי־נוטן פאר'ן טויט.
געהיימניספולע — סודות'דיקע, סעקרעט־נע.
געהירן — מארך, מוח.
גענגסטער — מעסער־שטעכער.
געפילדער — געשריי, ליארעם.
געפעכט — קאמף, שלאכט.
געפענקעניש — טורמע.
געראנגל — קאמף.
גערונצלט — צעקנייטשט.
געשפענסט — גייסט.
גראטע — אייזערנע שטאבעס צו פאר־צאמען טיר אדער פענסטער.
גרויל — שרעק.
גריזשען — עסן.
גרייפן — כאפן, שטרעקן.

## ד

דובניע — קלאץ, שטעקן.
דול, — משוגע, נאריש, צעטראגן, צע־טומלט.
דול-הויז — משוגעים־הויז.
דופטיק — גוט־שמעקנדיק.
דזשאב — באשעפטיקונג; פלאץ צום אר־בעטן.
דזשורי-לייט — געשווארענע ריכטער.
דחקות (דאכקעס) — ענגשאפט, נויט, ארימקייט.
דיבורים — רייד.
דיסקוסיע — שמועס, דעבאטע.
דיעלע — ענין.
דישל — האלאבליעס; טייל פון שפאן.
דלות (דאלעס) — ארימקייט.
דעגראדירן — אראפדריקן, פארקלענערן.
דעזשורנע — באשטימטער פאר'ן טאג.
דעמאקראטיע — הערשאפט פון פאלק; גלייכהייט צווישן בירגער.
דעמערן — אויפשיינען.
דענקמאל — מאנומענט.
דעסיאטין — חלק ערד (ביי צוויי און א האלב אקער).
דעסיאטניק — פויער, איינגעשווארן אלס פאליציימאן.
דעפוטאט — פארטרעטער.
דעקרעט — באפעל.
דראען — סטראשען.
דרייסט — מוטיק, בראוו.
דרילעוואטע — קיל.
דרך-ארץ (דערעד־ערעץ) — רעספעקט; מאנירן; אפשיי.
דרענגעניש — ענגעניש, שטופעניש.

## ה

האמסטעד — חלק לאנד.
הארמאט — קאנאן.
הארמאניזירן — צופאסן, ברענגען אין הארמאניע, אין איינקלאנג.
הארעפאשנע — ארבעטזאמע.
הײדן — געצנדינער.
היימאטלאזיקייט — היימלאזיקייט, אז א פאטערלאנד.
היפוך (העיפאך) — געגנזאץ; דאס פאר־קערטע.
היפט — אויבערשטער טייל פון פוס, אונטער'ן דיד.

**הכנסות** (האכנאסעס) — איינגאמע.
**הלמאי** (האלעמאי) — פארוואס?
**המון** (האמוין) — עולם; ברייטער, פשוט'ער עולם; „מאב“.
**המצאה** (האמצאע) — איינפאל.
**הסברה** (האסבארע) — דערקלערונג.
**הסכמה** (האסקאמע) — צושטימונג.
**הספד** (העספעד) — א רעדע נאך א טויטן.
**העקטאגראף** — א זשעלאטין־מאסע, אויף וועלכער מ'קאן אראפנעמען א סך עקזעמפלארן פון דערזעלבער געשריבענער זאך.
**הפקר** (העפקער) — פריי.
**הצטרכות** (היצטארכעס) — באדערפעניש.
**הצלחה** (האצלאכע) — גליק, ערפאלג.
**הרוגים** — דער'הרג'עטע.
**השגחה** (האשגאכע) — אויפפאסונג.
**השכלה** (האסקאלע) — בילדונג, אויפקלערונג.
**השם יתברך** (האשעם איסבארעך) — גאט, געבענשט זאל ער זיין.
**התפעלות** (היספאילעס) — באגייסטערונג.

## וו

**וואגלען** — וואנדערן.
**וואזשנע** — וויכטיק.
**וואכטע** — וואך, שמירה.
**וואל** — אנגעשאטענער בארג.
**וואלקן־קראצער** — זייער הויכע געביידע.
**וואלקער** — פעל־שאבער.
**וואפן** — געווער.
**והא־ראיה** (וועהא־ראיע) — א באוויז האט איר.
**וויארסט** — מאס (צוויי דריטל פון א מייל).
**וויידזשעס** — געהאלט.
**וויכוח** (וויקואך) — דיסקוסיע.
**ווימלען** — פלאנטערן זיך, מערן זיך.
**ווירוואר** — צעמישעניש.
**וועיטער** — סארווער.
**וועלצן** — קייקלען.

## ז

**זאוואד** — פאבריק, שאפ.
**זאטקייט** — תבואה.
**זאכט** — רואיק, שטיל.
**זוברען** — לערנען אויף אויסווייניק.
**זכות** (זכוס) — רעכט.
**זכיה** (זכיע) — פריווילעגיע.
**זכרונות** (זיכרוינעס) — ערינערונגען.
**זעגלען** — פירן מיט א זעגל; רודערן.
**זשאלאב** — קאסטן, קארעטע.
**זשוליק** — אפנארער, ליגנער, גנב.
**זשידאטשיק** — אידעלע.
**זשיפען** — עטעמען, לעבן.
**זשעברעוועז** — שארן, קלייבן.

## ח

**חוצפה** (כוצפע) — העזה.
**חורבה** (כורווע) — רואינע.
**חיה־רעה** (כאיע ראע) — ווילדע באשעפעניש.
**חיונה** (כיאונע) — פרנסה.
**חיות** (כיעס) — לעבן.
**חילות** (כאיאלעס) — ארמייען.
**חלל** (כאלאל) — לאך, פוסטקייט.
**חס־וחלילה** (כאס וועכאלילע) — זאל גאט אויסהיטן.

## ט

**טאבון** — סטאדע.
**טאטשקע** — וועגעלע אויף צוויי רעדער.
**טאמאהאק** — אינדישע האק.
**טאלק** — אָרדענונג.
**טאפטשאק** — פלאץ, וואו דאס פערד טאפטשעט, גייט ארום דעם ראד.
**טאפליע** — ציגל.
**טאקסע** — שטייערן; דאס רעכט ארויפצולייגן שטייערן.
**טולעפל** — פעלצל.
**טיאכקע** — קלאפ.
**טענעמענט־הויז** — הויז מיט א סך דירות.
**טעריטאריאליסט** — איינער, וואס האלט, אז אידן דארפן האבן אן אייגן לאנד, כדי צו לייזן די אידנפראגע.
**טראטווע** — א סך קלעצער צוזאמענגעבונדן און געלאזן אויפ'ן וואסער.
**טראנשייע** — גראבן.
**טראסט** — פאראייניקונג פון ענלאכע אינדוסטריעס אין איין אסאציאציע.
**טראפיש** — פון הייסע לענדער.
**טריבונאל** — געריכט.
**טשאינע** — טיי־הויז.
**טשיקאווע** — נייגעריק; מאדנע.
**טשעטשענצעס** — א שבט אין די קאווקאזער בערג. אזוי ווי די קאזאקן; סאלדאטן, איבערגעגעבענע דעם צאר און זיינע גענעראלן.
**טשערטא** — געגנט, אין וועלכער אידן האבן געמעגט וואוינען.

## י

**יאוון** — סאלדאט, זעלנער.
**יאך** — העמדל, בלוזע.
**יוכט** — פשוט'ע לעדער פון פערדן־פעל.
**יום־הדין** (יוים־האדין) — א טאג פון משפט.
**יוניע—יוניאן** — פאריין פון ארבעטער צו באשיצן פראפעסיאנעלע אדער עקאנאמישע אינטערעסן.
**יונקער** — שילער פון א מיליטער שול; יונגער אפיצער.
**יוצא** (יויצע) זיין — אויסקומען, אפפארטיקן זיך.

ילל(ה) (יעלאלע) — קלאג, געוויין.
יסוד (יעסאד) — גרונד, באזיס.
יסורים (יעסורים) — ליידן.
יעווסעק — אידישער קאמוניסט.
יעווריסקי קאראל — אידישער קעניג.
יקרות (יאקרעס) — טייערקייט, הויכע פרייזן.
יראה (אירע) — מורא פאר גאט, פרומקייט.

### כ

כאטקע — הייזקע.
כאליאסטרע — קאמפאניע.
כאמיקל — גראבער יונג.
כאפטע — מחנה, א גאנצע גרופע.
כאראקטעריסטיק — באשרייבונג פונ׳ם כאראקטער פון א פערזאן דורך איבערגעבן זיינע שטריכן.
כהאי-לישנא (קעהאי לישנע) — מיט אזעלכע רייד, אויף אזא׳ן אופן.
כודאבע — באלעבאטישקייט.
כוואטסקע — העלדיש.
כוונה (קאוואנע) — אויפמערקזאמקייט, איבערגעבנקייט.
כלאפ — פויער; פשוט׳ער ארבעטער.
כליופען — פליאשקען, גיסן זיך, שלאגן אן ברעג.
כלל וכלל (קלאל־אוכלאל) — אינגאנצן.
כל-עבודת-פרך (קאל־אוואוידאס־פערעד) — אלע שווערסטע ארבעטן.
כסא הכבוד (קיסע־האקאווער) — גאטס טראן.
כראמקען — קייען מיט א קלאנג.
כרוקעלע — חזיר.
כרך (קראך) — גרויסע שטאט.
כשורה (קעשורע) — אין ארדענונג.
כתב (קסאוו) — שריפט; האנטשריפט.

### ל

לאבוס — ווילדער, צעלאזענער.
לא-די (לוי־דאי) — איז נאך ווייניק.
לאדן זיך — משפט׳ן זיך.
לאווע — זודיקער, ברענענדיקער צעגאסענער מעטאל.
לאזארעט — שפיטאל.
לאזע —ביימלאך.
לאידאק — אויסגעלאסענער.
לאמפאס — פאס, שטרייף.
לאפאטע — גראב־אייזן.
לאפטיעס — פאנטאפל, געפלאכטן פון ליפענע קארע.
לאפעטקע — ביין, וואס פארייניקט האנט מיט׳ן קערפער.
לאקירקעס — בלישטשענדיקע שטיוול.
לאקן — ציען, צוציען.
להוט (לאהוט) זיין — יאגן זיך נאך...
לוחות (לוכעס) — הייליקע טאוולען, מיט געזעצן אויסגעקריצט אויף זיי.
לוטשניק — פייער־פלאץ.
לויערן — נאכקוקן, שפיאנירן, ווארטן.
לייבסערדאק — לאנגער ראק.
לייער-קאסטן — שפיל־קעסטל.
לינטשן — נעמען דאס געזעץ אין די אייגענע הענט.
לינטשעריי — א משפט פון המון.
ליריק — פאעזיע, וואס דריקט אוים די געפילן פונ׳ם שרייבער.
לכל הדעות (לעכאל־האדעיעס) — לויט אלעמענס צושטימונג.
לכל-הפחות (לעכאל־האפאכעס) — ווייניקסטנס.
לכתחילה (לעכאטכילע) — גאר פון אנהייב.
למאי — פארוואס.
למען-השם (לעמאן־האשעם) — אומבאדינגט.
לאקאניש — קורץ.
לרוב (לארויב) — גענוג, פיל.
לשון-הרע (לאשןזהארע) — באריידעריי.
לשון-קודש (לאשן־קוידעש) — העברייאיש.

### מ

מאגנאט — רייכער מאן, הערשער.
מאדליען — דאוונען.
מאטאדאר — אקסן־קעמפער.
מאיאווקע — מאי־פארזאמלונג.
מאיעסטעט — קעניגלאך, שטאלץ.
מאכארקע — פראסטע טאביק.
מאכינע — א גרויסע געביידע, אדער אן אנדער גרויסע זאך.
מאנופעקטשורער — פאבריקאנט.
מאניכאדנע — פארטל, אויסרייד.
מאניען — ציען, רופן.
מאניפעסטאציע — דעמאנסטראציע.
מאסטבוים — הויכער זייל אויפ׳ן שיף.
מארגנלאנד — מזרח־לאנד.
מאריך זיין — לאנג רעדן.
מבושמ׳דיק (מעוואוסעמדיק) — שיכור, אנגעטרונקען.
מבטיח (מאווטיאך) זיין — פארזיכערן.
מגושמ׳דיק (מעגושעמדיק) — גראב, גרוים, מאסיוו.
מדורי-גיהנום (מעדורע־געהענעם) — אפטיילונגען פון גיהנום.
מדרגה (מאדרעיגע) — שטופע.
מהיכא-תיתי (מעהעיכע־טעיסע) — מילא, זאל זיין אזוי.
מה-רעש (מא־ראאש) — וואס איז דער טומל?
מודה-אני (מוידע־אני) — די אינדערפריענדיקע תפילה.
מונדיר — אנצוג לוט א באשטימטער פארם; אוניפארם.
מוסטערן — באטראכטן.

**מוסר-נפש** (מויסער־נעפעש) זיין זיך — אויפאָפּפערן זיך.

**מזמור** (מיזמער) — געזאַנג, ליד.

**מחזור** (מאַכזער) — געבעט־בוך פאַר די יום־טובים.

**מחיה'דיק** (מעכאַיעדיק) — זייער גוט.

**מחלוקת** (מאַכלויקעס) — קריגערייַ.

**מחנה** (מאַכנע) — אַרמיי.

**מטופל** (מעטופּל) — אָנגעלאָדן.

**מיושב'דיק** — שטיל, געלאַסן.

**מי־יודע** (מי־יוידעיאַ) — ווער ווייסט.

**מיסיע** — אויפגאַבע, שליחות.

**מישב** (מעיאַשעוו) זיין זיך — באַדענקען זיך, איבערטראַכטן.

**מכבד** (מעכאַבעד) זיין — טראַקטירן, געבן כּיבוד, איינטיילן.

**מכשירים** (מאַכשירים) — געצייג; אַרבעט־ (אָדער לערן־) אינסטרומענטן.

**מלבוש** (מאַלבּוש) — קלייד.

**מליץ־יושר** (מעליץ־יוישער) — פאַרטיידיקער.

**מימרא** (מעמרע) — אַ רייד.

**ממשלה** (מעמשאָלע) — הערשאַפט.

**מנין** (מיניען) — אַ צענדליק.

**מסופק** (מעסופּעק) — אין צווייפל.

**מסירת־נפש** — אָפּפערווילִיקייט.

**מסכים** (מאַסקים) זיין — איינשטימען.

**מעווע** — ים־פויגל.

**מעלה** (מאַילע) — גוטער שטריך.

**מעמד** (מאַימעד) — צושטאַנד.

**מענגע** — אַ סך; אַ גרופּע, אַ כאַפּטע.

**מעם־האַל** — עס־צימער.

**מציאה** (מעציע) — געפינס.

**מקבל־פנים** (מעקאַבעל־פּאָנים) זיין — באַגעגענען.

**מקוים** (מעקויעם) ווערן — פאַרווירקלאָכן.

**מקומות** (מעקוימעס) — געגנטן, פלעצער.

**מקח־טעות** (מעקאַח־טאָעס) — אָפּגענאַרט זיך, אָדער אַנדערע.

**מקריב** (מאַקריוו) זיין — אָפּפערן, אָפּגעבן.

**מראה** (מאַרע) — אויסזען.

**מרה־שחורה** (מאָרע־שכוירע) — אומעט, מעלאַנכאָליע.

**מרוצה** (מערוצע) — איינשטימיק.

**מרשעת** (מאַרשאַעס) — שלעכטס.

**משמעות** (מאַשמאָעס) — קענטיק.

**משער** (מעשאַער) זיין — אָפּשאַצן, פאַרשטעלן זיך.

**מששת־ימי בראשית** (מישעישעס יעמעי בערעישים) — פון דער באַשאַפונג פון דער וועלט.

**מתוודה** (מיסוואַדע) — מודה אויף די זינד.

**מתחיב** (מיסכאַיעוו) זיין זיך — פאַרפליכטן זיך.

**מתמיד** (מאַסמיד) — איינער וואָס לערנט פיל.

## נ

**נאַטשאַלניק** — באַאַמטער; עלטסטער.

**נאַכבאַרשאַפט** — שכנה'שאַפט.

**נאָרמע** — מאָס, צאָל, וואָג.

**נבלה** (נעווילע) — גע'פגר'טע בהמה; אַלטע, אויסגעהאַרעוועטע באַשעפעניש.

**נגישות** (נעגיסעס) — צרות, ליידן, פּיין.

**נוגש** (נויגעס) — דריקער.

**נוסח** (נוסאַך) — מאָדע, שטייגער.

**נושא־חן** (נויסע־כעין) זיין — געפעלן ווערן.

**נחלה** (נאַכלע) — גוט; שטיק פעלד.

**נחלאות** (נאַכלאָעס) — מערצאָל פון נחלה.

**נחמה** (נעכאָמע) — טרייסט.

**ניצחון** (ניצאָכן) — זיג.

**נמאס** (נימעס) — דערעסן.

**נסיעה** (נעסיע) — רייזע.

**נעלם** (נעלעם) ווערן — פאַרשווינדן.

**נפטר** (ניפטער) ווערן — שטאַרבן.

**נשרפים** (ניסראָפים) — אָפּגעברענטע.

**נתנ'ען** (נאַסענען) — געבן.

**נתפעל** (ניספּאָעל) ווערן — פאַרוואונדערן זיך.

## ס

**סאָוונאַרקאָם** — ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן, העכסטער רעגירנדער קאָמיטעט פון ראַטנפאַרבאַנד.

**סאַלאָן** — זאַל.

**סאַלון** — שענק.

**סאַנטים** — אַ פראַנצויזישע מטבע, אומגעפער אַן אַמעריקאַנער סענט.

**סאַנקציאָנירן** — גוטהייסן, באַשטעטיקן.

**סוויטקע** — קורצער מאַנטל.

**סוטערינע** — קעלער.

**סוקמאַן** — פויערישער פעלץ, סערמיגע.

**סטאָר(קע)** — קראָם, קרעמל.

**סטאַראָסטע** — עלטסטער פון דאָרף.

**סטוסאַקעס** — קלעפּ.

**סטראַזשניק** — פּאָליציימאַן.

**סטראַשידלע** — שרעק־פיגור.

**סטרוזש** — וועכטער; דזשעניטאָר.

**סיטואַציע** — לאַגע.

**סיימיסט** — אַ מיטגליד פון דער איד. אַרב. פּאַרטיי, וואָס האָט געפאָדערט פאַר די אידן אין די גלות־לענדער אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע מיט אַ אידישן „סיים“, אָדער פאַרלאַמענט.

**סך־הכל** (סאַך־האַקל) — אינגאַנצן.

**סליונע** — דאָס וואַסער פון מויל.

**סמאָליען** — ברענען.

**סעניק** — זאַק מיט היי צום שלאָפֿן.
**סעקסטאָן** — געהילף פֿון פּאַסטאָר.
**ספּעקוליאַנט** — איינער וואָס קויפֿט סחורות און וואַרט איבער אויף בעסערע צייטן צו פֿאַרקויפֿן זיי.
**ספקות** (ספּעיקעס) — צווייפֿל.
**ספר-היוחסין** (סעיפֿער האַיוחסן) — גענעאַלאָגיע, אָפּשטאַם־בוים.
**סקאַלעטשעט** — פֿאַרוואונדעט.

## ע

**עגאָאיזם** — זעלבסט־ליבע, דאָס האָבן אין זינען בלויז זיך, די אייגענע אינטערעסן.
**עגונה** (אַגונע) — פֿרוי, ביי וועמען דער מאַן איז פֿאַרשוואונדן.
**עול** (אָל) — יאָך.
**עולם-האמת** (אוילאָם־האָעמעס) — די אמת׳ע וועלט; יענע וועלט.
**עולם-השקר** (אוילאָם־האַשעקער) — די פֿאַלשע וועלט; „די״ וועלט.
**עולמות** (אוילאָמעס) — אַ שטענדיקער קאַפּיטאַל, פֿון וועלכן די פּראָצענטן ווערן בלויז באַנוצט.
**עופ׳על** (אויפּעלע) — פֿייגעלע; קליין קינד.
**עין-תחת-עין** (אַאין־טאַכאַס־אַאין) — אַן אויג פֿאַר אַן אויג.
**עיר-מקלט** (איר־מיקלאַט) — אַ פּלאַץ צו אַנטרינען, צו באַהאַלטן זיך.
**עליו-השלום** (אָלאָוו־האַשאָלעם) — זאָל ער רוען אין פֿרידן.
**עלילת-דם** (אַלילאַס־דאַם) — בלוט־בילבול.
**עלעהיי** — זאָל זיין.
**עלעווייטעד** — הויך־באַן, לופֿט־באַן.
**עם-עולם** (אַם־אוילאָם) — „דאָס אייביקע פֿאָלק״ — אַ אידישע געזעלשאַפֿט אין די 80־קער יאָרן צו פֿאָרן אין אַמעריקע און פֿאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט.
**ענטוזיאַזם** — באַגייסטערונג.
**עניוות** (אַניוועס) — באַשיידנהייט, קליינהאַלטעריי.
**ענדגילטיק** — דאָס לעצטע, אַנטשידן.
**עצם** (עצעם) — דאָס וויכטיקסטע.
**עקזעקוציע** — שטראָף.
**עקספּלואַטירן** — באַנוצן זיך מיט אַ טייל פֿון אַ צווייטנס אַרבעט.
**עקספּעדיציע** — גרופּע, וואָס פֿאָרט אַרום מיט אויספֿאָרש־צוועקן.
**עראָבערן** — איינגעמען.
**ערל** (אָרל) — גוי, קריסט.

## פּ

**פּאָד** — אונטערשטער טייל פֿונ׳ם אינווייניקסטן אויוון.
**פּאַוואָלינקע** — פּאַמעלאַך, לאַנגזאַם.
**פּאַווילאָן** — אָפּטיילונג אין פּעסטונג.
**פּאַטאָס** באַגייסטערונג, געהויבענער טאָן.
**פּאָטיליצע** — הינטערשטער טייל פֿון קאָפּ.
**פּאַטילעטשניקעס** — קלאַפּ אין פּאַטיליצע.
**פּאַטריאַרכן** — אָבות.
**פּאַטשערקעס** — קינסטלאַכע פּערל.
**פּאָלקאָווניק** — רעגימענט־עלטסטער.
**פּאַמויניצע** — עמער, אין וועלכן מען גיסט אַריין שמוץ.
**פּאַסטעלעס** — שמאַטעס אויף אַרומוויקלען די פֿיס אין די לאַפּטיעס.
**פּאַסיוויטעט** — אומטעטיקייט.
**פּאַסמע** — זשמוט, פּאַק.
**פּאָפּולאַריטעט** — אַנגענומענקייט, באַוואוסטקייט.
**פּאַקוליע** — אָפּפֿאַל פֿון לײַן־פֿעדים.
**פּאַראַזיט** — בלוטזויגער; איינער, וואָס לעבט אויפֿ׳ן חשבון פֿונ׳ם אַנדערן.
**פּאַרטאַטש** — אַ שלעכטער בעל־מלאכה.
**פּאָרען זיך** — גריבלען זיך; זיין באַשעפֿטיקט.
**פּגימה** — פֿעלער.
**פּגירה** — טויטע זאַך; וואָס האַלט ביים שטאַרבן.
**פּורפּור** — טונקל־רויט.
**פּזמון** (פּיזמען) — שפּרוך, ווערטער.
**פּחדנות** (פּאַכדאַנעס) — שרעק.
**פּיאַטעס** — זוילן פֿון פֿוס, אָדער פֿון אַ זאַק.
**פּיידע** — באַצאָלט, געהאַלט.
**פּילגרים** — רייזנדער, אָדער גייער צו הייליקע פּלעצער.
**פּינען** — פּאַכען.
**פּיפּערנאָטער** — לעגענדאַרע גיפֿטיקע חיה.
**פּיצמעטענע** — זויערמילך.
**פּיקעטן** — אַרומגיין און היטן.
**פּלאַנמעסיק** — לויט אַן אָרדענונג, לויט אַ פּלאַן.
**פּלאַץ-מאַיאָר** — קאָמענדאַנט, מיליטערישער עלטסטער פֿון דער פּעסטונג.
**פּלאַצקע** — חלה, בולקע.
**פּלאַקאַט** — אַפֿישע, מודעה.
**פּלומפּ** — וואַסער־קוואַל, אַ וואַסערפּאָמפּע.
**פּלונית׳טע** (פּלויניסטע) — פֿרוי, ווייב.
**פּליטה** (פּלעיטע) מאַכן — אַנטלויפֿן.
**פּני-העיר** (פּנעי־האָאיר) — שענסטע לייט פֿון שטאָט.
**פּסאַלמען** — תהילים.
**פּעדלען** — האַנדלען, צעטראָגנדיק סחורה איבער די הייזער.
**פּעטשערע** — אויוון, הרובע.

**פענטען** — בינדן; הויפטזאכלאך: בינדן די פיס.
**פראגראם מאקסימום** — די ווייטערע פאדערונגען אויף דער צוקונפט; ביי די סאציאליסטן — די סאציאליסטישע פונקטן פון פראגראם, וואס איינצופירן נאך דער סאציאלער רעוואלוציע.
**פראדוקציע** — דאס שאפן, דאס אויסארבעטן.
**פראוואסלאוונע** — קריסטן פון גריכיש־ארטאדאקסישן גלויבן.
**פראלעטאריאט** — ארעטער־קלאס.
**פראסטאק** — איינפאכער מענש; עם־הארץ.
**פראפאגאנדירן** — פארשפרייטן א געדאנק.
**פראפוסק** — א געשריבענע ערלויבעניש אויף דורכצולאזן.
**פראצע** — ארבעט.
**פראקלאמאציע** — בלעטל מיט אויפרוף צו די מאסן.
**פראשעניע** — בקשה, ווענדונג, ביטע.
**פרוכת** (פארויכעס) — פארהאנג.
**פריזבע** — דער אונטערשטער טייל פון הויז, ארומגעשאטן מיט ערד אזוי, אז מ'קאן אויף דעם זיצן.
**פריירי** — סטעפ.
**פריסטאוו** — פאליציי־עלטסטער.
**פרעזעס** — פארזיצער.
**פרצוף** (פארצעף) — פנים.

## פ

**פאלקסטימלאך** — ענלאך צו דעם, ווי דאס פאלק רעדט אדער שאפט.
**פאנאנדערגעכראטשעט** — מיט א צעשפילעטער ברוסט.
**פאצעטיש** — אויסגעפוצט; שטשאגעליש, וואוילױונגעריש.
**פאקיר** — אינדישער מכשף.
**פארגאפט** — פארקוקט, פארטראכט.
**פארדאמען** — פאראכטן, פאראורטיילן.
**פארהרוזניעט** — ארייגעפאלן, פארזעסן.
**פארטאיעט** — איינגעהאלטן.
**פארצאגט** — פארטרויערט.
**פארצוקן** — אויפעסן, פארברענען.
**פארשטשאבען** — פארנייען.
**פייערלאך** — יום־טוב'דיק.
**פעדעראליסט** — דער וואס איז געגן א צענטראלער רעגירונג. פארטיי אין דער פראנצויזישער רעוואלוציע.
**פעלדשער** — איינער וואס האט געלערנט מעדיצין דורך פראקטיק, ניט אין מעדיצינישער שול.
**פעסט** — יום־טוב.

## צ

**צבוע'קיש** (צוואקיש) — פאלש, היפאקריטיש.
**צוואה** (צאוועא) — לעצטער ווילן.
**צוויט** — בליטן, בלומען.
**צופאטיען** — פארריכטן.
**צופיקסן** — פארריכטן.
**ציביק** — שפיץ פון א לולקע.
**צירעווען** — פארריכטן א זאק.
**צירקל** — פאליציי־סטאנציע.
**צעפאטלט** — צעשויבערט.
**צעפלאשעט** — צעטראגן.
**צער** (צאר) — פיין, לייד.
**צעכראסטעט** — צעשפיליעט.
**צעשויבערט** — צעווארפן, אין אומארדענונג.

## ק

**קאאליציע** — פאראייניקונג פון מלוכות.
**קאבילע** — „זי"־פערד.
**קאוויארנע** — קאפע־הויז.
**קאוועז** — ארייגקלאפן טשוועקלאך.
**קאזארמע** — הויז פאר סאלדאטן.
**קאזיאנע** — פון רעגירונגס־קאסע.
**קאטאוועס** — אפלאכן.
**קאטאסטראפע** — אומגליק.
**קאטאפאלק** — וואגן.
**קאטארגע** — סיביר; טורמע מיט שווערער ארבעט.
**קאטש** — קארעטע.
**קאטשען** — קייקלען.
**קאיוק** — אויס, געגוג.
**קאלאמוטנע** — שפל, ניט גוט.
**קאלאנאדע** — זיילן.
**קאלאנע** — אפטיילונג, אויסגעשטעלט אין רייען.
**קאלעקטיוו** — קאאפעראטיוו, געמיינשאפטלאכע ווירטשאפט.
**קאמונאר** — מיטגליד פון דער פאריזער קאמונע.
**קאמונע** — קאלעקטיוו, קאאפעראציע.
**קאמיוגיסט** — יונגער קאמוניסט.
**קאמיסאר** — באאמטער פון דער מלוכה.
**קאמיסיאנער** — איינער, דורך וועלכן מ'שרייבט אויס סחורה.
**קאמענדאנט** — עלטסטער; אפיצער.
**קאנוואולסיוו** — אומווארפנדיק, קארטשענדיק זיך.
**קאנטינגענט** — אפטיילונג.
**קאנטשיק** — בייטש.
**קאנספירירן** — אין דער שטיל צונויפרעדן זיך, מאכן א פארשווערונג.
**קאנצעלאריע** — ביורא, קאנטאר, אפיס.
**קאסקאד** — וואסערפאל.
**קאסקע** — היטל.
**קאפעקאל** — העט ווייט.
**קאראטשקען** — קריכן.

**קאָרעספּאָנדענציע** — בריף־אויסטויש.
**קבֿרן** (קאַברען) — באַגרעבער.
**קדושה** (קדושע) — הייליקייט; אַ תּפֿילה.
**קהילה** (קהילע) — געמיינדע.
**קודם־כּל** (קוידעם־קאָל) — פֿריער פֿאַר אַלץ.
**קוואַליפֿיצירטער** (אַרבעטער) — אַ בעסערער, וואָס קאָן גוט אַ פֿאַך; אַ פֿאַכמאַן.
**קוויטאַנציע** — קבלה, צעטל.
**קונדייסים** — שטיפֿער.
**קופּאָל** — אַ קײַלאַכדיקער אָנבוי אויפֿ׳ן שפּיץ פֿון אַ טורעם.
**קוראַנט** — פֿינקטלאַך; זיכער; ריכטיק.
**קור־אָרט** — הייל־פּלאַץ.
**קוריער** — שליח.
**קטיגור** (קאַטעיגער) — אָנקלאָגער.
**קיבוץ** — געמיינדע.
**קידוש־השם** (קידעשהשעם) — הייליקן גאָטס נאָמען; שטאַרבן פֿאַר אַן אידייע.
**קינות** (קינעס) — קלאָג־לידער, וואָס מען זאָגט תּשעה־באָב.
**קלאָפּאָט** — טרחה, דאגה.
**קלומיק** — פּעקל.
**קליפּה** — שד, גייסט, צוטשעפּעניש.
**קעלניע** — פּלאַץ פֿאַר׳ן אָנטרייבער.
**„קעסטל“** — טאַקסע.
**„קעסטל גאַרטן“** — קעסל־גאַרדן, אינזל בײַ ניו־יאָרק.
**קערקער** — ענג, פֿינסטער צימער.
**קריאַת־שמע** (קרישמע) — די תּפֿילה פֿון „שמע ישראל“.
**קרייסער** — גרויסע קריגס־שיף.
**קריעה** — שטיקער.
**קרירע** — אייז.
**קרעשטשאַטיק** — גאַס אין קיעוו.

## ר

**ראַטנמאַכט** — רעגירונג פֿון די ראַטן.
**ראָטע** — אָפּטיילונג פֿון סאָלדאַטן.
**ראָיאַליסט** — פּאַרטיי אין פֿראַנקרײַך, וואָס ווילן צוריק אײַנפֿירן מאָנאַרכיע.
**ראיה** (ראַיע) — באַווײַז.
**ראַצן** — קראַצן.
**רבותי** (ראַבויסאַי) — מײַנע הערן!
**רגילות** (רעגילעס) — געוואוינהייט.
**רוגזה** (רוגזע) — כּעס, בייזקייט.
**רוח־הקודש** (רואַדהאַקוידעש) — באַגײַסטערונג.
**ריבונו־של־עולם** (ריבוינע־שעל־אוילאָם) — האַר פֿון דער וועלט, גאָט.
**רידל** — גראָבאײַזן.
**רייך** — מלוכה.
**רינשטאָק** — די נידעריקערע זײַט פֿון גאַס, וואו ס׳לויפֿט אָפּ דאָס וואַסער און די שמוץ.
**רעוורענט** — רב, חזן, שמש; כּלי־קודש.
**רעוווקאָם** — רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט.
**רעמאָנט מאַכן** — פֿאַרריכטן.
**רעקרוט** — יונגער סאָלדאַט.
**רש״י** (ראַשע) — קאָמענטאַר, דערקלערונג צום חומש.
**רשימה** (רעשימע) — צעטל.

## ש

**שהיות** (שיעס) מאַכן — מאַרודיען, זײַן לאַנגזאַם.
**שווּיבלען** — גיין אין מאַסן.
**שולץ** — אויפֿפּאַסער, עלטסטער.
**שופֿר** (שויפֿער) — טרומייט, טראָמפּייט.
**שטאַב(ע)** — שטיק אײַזן, פֿרענט.
**שטאַטסמאַן** — העכערער מלוכה־באַאַמטער.
**שטורקאַץ** — פּלאָם, פּאַקעל.
**שטח** (שעטאַך) — פּלאַץ, ברייטער אָרט.
**שינעל** — מאַנטל.
**שבֿירות** (סכירעס) — לוין, פֿאַרדינסט.
**שׂכר־לימוד** (סכאַר־לימעד) — באַצאָלט פֿאַר׳ן לערנען פֿון אַ קינד.
**שלייערן** — פֿאַרדעקן דעם קאָפּ; פֿאַרדרייען אַ קאָפּ.
**שליפּעס** — עפּאָלעטן.
**שמונה־עשרה** (שמוינעסרע) — די וויכטיקסטע תּפֿילה פֿון אידישן דאַוונען.
**שמעטערן** — וואַרפֿן, שליידערן, קלאַפּן.
**שני־בשלישי** (שעני־בישלישי) — נאָענטער קרובֿ.
**שעריף** — פּאָליציי־עלטסטער אין אַ שטעטל אָדער קרייז.
**שפֿל** (שאָפֿל) — נידעריק, מיאוס.
**שקיעה** (שקיע) — זון־אונטערגאַנג.
**שראַפּנעל** — שטיקלאַך פֿון אַ געפּלאַצטער באָמבע.

## ת

**תּהום** (טהאָם) — אָפּגרונט.
**תּוך** (טאָך) — גרונט.
**תּכלית** (טאַכלעס) — ציל, רעזולטאַט.
**תּכריכים** (טאַכריכים) — טויטנקליידער.
**תּכשיט** (טאַכשיט) — צירונג.
**תּליה** (טליע) — עשאַפֿאָט.
**תּם** (טאָם) — אידיאָט, פֿאַרטראַכטער מענטש; אומשולדיקער מענטש.
**תּמצית** (טאַמצים) — אינהאַלט, עסענץ.
**תּפֿיסה** (טפֿיסע) — טורמע.
**תּקיף** (טאַקעף) — שטאַרקער, רײַכער מאַן.
**תּרטז** (טאַרטאַז) — יאָר 1857.
**תּשעה־באָב** (טישע־באָוו) — 9־טער טאָג אין חודש אָבֿ.